STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04220

ARTAPANUS KUMT TSURIK AHEYM

M. Tsanin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליבשאַפֿט אין געוויטער

✡

אַרטאַפּאַנוס
קומט צוריק אַהיים

מ. צאַנין

אַרטאַפּאַנוס
קומט צוריק אַהיים

ייִדישער ראָמאַן

מ. צאנין

לובשאַפּט אין געוויטער

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב

LOVE IN STORM

★

ARTAPANOS COMES HOME

by M. TSANIN

אהבה בסער

★

אַרטפּנוס חוזר הביתה

אַלע רעכט געהערן דעם מחבר
כל הזכויות שמורות למחבר
Copyright by M. Tsanin

פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב
"Hamenora" Publishing House, Tel-Aviv

נדפס בישראל
Printed in Israel
1972 — תשל"ב

דפוס לינוטור, רח' יסוד־המעלה 39, ת"א

קאַפּיטל איינס

עס האָט זיך געשטעלט אַ שיינער פּוילישער האַרבסט. די קאַשטאַן־ביימער האָבן אָפּגעטרייסלט פון זיך די גאָלדענע בלעטער און אין זייער צופוסנס אויסגעשפּרייט ווייכע רויטלעכע טעפּיכער. די ליפּעס זענען געשטאַנען ווי באַקעטע און איינגעשלעפערטע ריזן. פון זייער נאַקעטקייט האָט זיך געטראָגן דער פייכטלעך־ביטערער ריח ווי פון הושענות. דער אַראָמאַט פון צעאַקערטע פעלדער האָט דורכגענומען די לויטערע לופט און דער מענטש האָט געהאַט דאָס געפיל ווי ער וואָלט אַריינגעאָטעמט שטיקער חיות. דאָס אַלץ האָט זיך געענדיקט ביי דער בריק, וואָס איבערן אָרעם פון דעם טייך ביסטזשיצע. דאָ איז געווען דער טויער פון דער יידנשטאָט לובלין. און פון יענער זייט טויער האָט קיין פלאַנץ נישט געבליט און קיין פלאַנץ נישט געוועלקט. דאָ האָט זיך בלויז די האַרבסטיקע זון געשפּילט אין באַהעלטעניש. אָט האָט זי זיך באַהאַלטן הינטער וואָלקנדלעך און אָט האָט זי אַרויסגעשטעקט איר ליכטיקן קאָפּ און מיט מילדער וואַרעמקייט געגלעט די ענגע געסלעך אַרום דעם שלאָסבאַרג. קינדערלעך האָבן אויפגעכאַפּט די שפּיל אין באַהעלטעניש, געוואָלט כאַפּן די זון אין די וואַסער־קאַלוזשעס, געזשמורעט די אייגעלעך אַנטקעגן דער ליכטיקייט און געליאַרעמט אין געזאַנג: „זון, זון, מאַך אַ רעגן, פאַר די קליינע קינדער וועגן". נאָר די דערוואַקסענע האָבן נישט געהאַט קיין צייט זיך אַרומצוקוקן אין זען די אַלע זאַכן אויף גאָטס וועלט.

עס זענען געווען די טעג פונעם יאַריד און פון ערב זמן צו לערנען תורה.

די גאַסן אין דער יידנשטאָט זענען געווען פול מיט געדרענגעניש און געפילדער. פון שטעט און שטעטלעך, פון אַלע מדינות אין מלכות פּוילן, זענען זיך אַהער צוזאַמענגעפאָרן די ראשי־ישיבות, אויסגעבליכטע ישיבה־בחורים און ערנסט־געוואָרענע חדר־יינגלעך, וואָס האָבן דאָס יאָר געענדיקט לערנען חומש מיט רש"י. פון ווייטע און נאָענטע שטעט און שטעטלעך זענען געקומען יידישע סוחרים אויף צו פאַרקויפן אייגענע סחורות און איינקויפן סחורות פון די ווייטע לענדער. צום אָנפאָר פון יידישע ישיבה־בחורים האָבן זיך אַהער אויך געפעדערט טאַטעס מטופלע מיט טעכטער אויף צו געפינען חתנים.

דאָס יאָר איז זיך אין דער יידנשטאָט לובלין אויך צוזאַמענגעקומען דער

יידישער סיים. פון וועגן די פיל יידישע צרות, וואָס האָבן אין די לעצטע יאָרן אָנגעצויגן פון אַלע זייטן, זענען מיט די דעפּוטאַטן פון די מדינות מיטגעקומען אַ סך רבנים און באַלעבאַטים און סתם יידן, פאַרמאַטערטע פון די גזירות.

כאָטש די יידנשטאָט, וואָס האָט אין עטלעכע רייען אַרומגעקראַנצט דעם באַרג־שלאָס, איז געווען גענוג גרויס, איז זי דאָס מאָל געוואָרן צו ענג אויפצונעמען די אַלע צוזאַמענגעפאָרענע יידן. איז דער טומל און דאָס געדרענגעניש אויף די גאַסן געווען אין לשער. דער מענטשן־געדראַנג האָט זיך אויסגעמישט מיט די ריחות פון געקעכטס, וואָס האָבן אַרויסגעשפאַרט פון אָפענע טירן, און מיט די געשרייען פון די גאַסן־הענדלער.

פון די בתי מדרשים און שילן האָט זיך געטראָגן דאָס מסולסלדיקע געזאַנג פון לערנען און די קולות פון דרינגעניש און פּלפּולדיקן איבערשרייען זיך. דאָ האָבן ראשי־ישיבות פאַרהערט די בחורים אויף אויסצוגעפינען שאַרפע מוחות און אויף צו באַקומען געגוג לערנער אויפן ווינטערדיקן זמן. וואַנדערנדיקע ישיבה־בחורים, וואָס דער ווינט איז געלעגן אויף זייערע פנימער און אין די אויפגעשפּראָצטע בערדלעך, האָבן שטייענדיק אויף בענק געוויזן זייער חריפות אין פּלפּול, כדי נושא חן צו זיין אין די אויגן פון רייכע סוחרים און אין די אויגן פון טאַטעס, וואָס זוכן חתנים פאַר זייערע טעכטער.

אויפן קליינעם מאַרק זענען געווען צונויפגעדרענגט מענטשן, וועגענער און סטראַגאַנעס. דאָ איז געווען דער יאַריד פון אָרעמקייט אַנטקעגן דעם גרויסן יאַריד אויפן מאַרק אין דעם קריסטלעכן לובלין. דאָ האָט מען נישט געדאַרפט קיין איבער־זעצער פון פרעמדע און ווייטע לשונות, קיין שרייבערס מיט גרויסע טינטערס אין די גאַרטלען און מיט געגדזענע פעדערס הינטער די אויערן; דאָ האָט מען נישט געשריבן קיין וועקסלען, נישט גערעדט וועגן קרעדיטן. אויפן קליינעם מאַרק האָבן געהאַנדלט בלויז יידן, מיט זייער אייגן לשון, מיט זייער אייגן אָרעמקייט: דאָ האָט מען געקויפט און פאַרקויפט אַלטע קליידער, אַלטע שיך, געבעקסן און פּרוכטן, אַלט פוטערוואַרג און אויך וואַרעמע געקעכטסן. דער איינציקער וואָס האָט דאָ נישט געהאַנדלט איז געווען שלמהלע דער שטאָט־משוגענער, וואָס איז אויף זיין שטייגער אַרומגעגאַנגען און אויסגערעדט אסור לדבר אויף די רבנים און פרנסים, וואָס צוזאַמען מיט די מיעשטשאַנעס קוועלן זיי דעם געמיינעם מאַן און זויגן אים אויס דעם מאַרך פון די ביינער.

שלמהלע דער שטאָט־משוגענער האָט אויף קיין מינוט נישט גערוט. דאָס מויל האָט גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. ער האָט געזידלט די רבנים מיט די פאַרשייטסטע ווערטער און אויף נישט איבערצוחזרן איין און דאָס זעלבע זידל־וואָרט צוויי מאָל אויף יידיש, האָט ער זיך אַרויסגעהאָלפן מיט קללות אויף פויליש. זיין נבול־פּה האָט געמאַכט ווייטון די אויערן פון געמיינע לייט, אָבער געפרייט זייערע הערצער. טאָמער וואָלט ער געווען מישובדיק וואָלט מען אים שוין לאַנג אַריינגעלייגט אין חרם, פאַרטריבן פון דער יידנשטאָט און פונאַנדערגעשיקט כתבים צו אַלע יידישע קהילות מען זאָל פון אים ווייכן ווי פון אַ ממזר בן הנידה. נאָר שלמהלע

איז, נעבעך, חסר דעה, דער קאָפּ ווייסט נישט וואָס דאָס מויל רעדט — רעדט ער, באַנבלט די רבנים און די קהלס־לייט, שיט אויף זיי פּעך און שוועבל, אַז זיי זשעברעווען אַן פולע זעק מיט גאָלד פון דעם בלוט און שווייס פון אָרעמע יידן, בעל־מלאכהס און קרעמער.

די בעל־מלאכהס און די קרעמער אויפן קליינעם מאַרק האָבן שלמהלעס גע־רעדעריי כלומרשט געלאָשן:

„שלמהלע, שפּיי אויס די ווערעמלעך און שווענק זיך אויס דאָס מויל".

נאָר אין די הערצער זענען זיי געווען צופרידן וואָס אַ משוגענער כאַטש רעדט אַרויס דאָס גרימעניש, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין זיי און זיי טאָרן נישט רעדן. וואָרום אָן די רבנים און אָן די קהלס־לייט וואָלט געווען נאָך ערגער. ווער וואָלט געשיצט די יידן? ווער וואָלט זיך משתדל געווען ביים מלך צי ביים וואָיעוואָדע? אַז רק צרות שיטן זיך אויף יידן, ווי גאָט וואָלט זיי אינגאַנצן פאַרלאָזט.

אין דערמיט פונעם מאַרקישן טומל האָט זיך פּלוצים דערהערט דאָס קלאַפּן פון אַ סך פערדישע פּאַדקאָוועס אינעם שטיינערנעם ברוק און דער מאַרק האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. צו דער מהרש"ל־שיל זענען אין פריצישע קאַרעטן, געשפּאַנט אין גוט־געפּאַשעטע פערד, געפאָרן די פני פון דעם יידישן סיים: אין דער ערשטער קאַרעטע איז געפאָרן דער לובלינער רב און ראש־ישיבה ר' שמואל אליעזר הלוי איידלס און דער יעראָסלאַווער תלמיד־חכם און באַנקיר, ר' יקותיאל. אין דער צווייטער קאַרעטע האָבן די צוויי חשובע לובלינער דאָקטוירים, ד"ר משה מאָנטאַלטאָ און ד"ר אליעזר אַרטאַפּאַנוס, באַגלייט דעם אַלטן לעמבערגער רב, דוד הלוי. אַזוי האָבן די קאַרעטן געצויגן איבער דער גאַנצער גאַס פּאַזע דעם קליינעם מאַרק ביז צו דער שיל. ביים אַריינגאַנג אין דער שיל האָבן די יידישע פירשטן אָפּגעוואַרט די פּני פון דער לובלינער קהילה, אָנגעטון אין בגדי יום־טוב.

די יידן אויפן קליינעם מאַרק האָבן מער שוין נישט געהאַט קיין קאָפּ צום האַנדל. וואָרום דער פּלוצימער אָנפאָר פון די קאַרעטן מיט די גרויסע לייט איז געווען אַ בשׂורה, אַז מסתמא גרייט זיך שוין אַ נייע גזירה אויף יידן און די פּני פון ועד ארבע ארצות קומען אָפּהאַלטן זייערס אַן אסיפה אין דער מהרש"ל־שיל, כדי באַלד דערנאָך גוזר תענית צו זיין און צו זאָגן תהלים בציבור. האָבן די קרעמער אויפן מאַרק פאַרמאַכט זייערע סטראַגאַנעס, געהייסן די קונים קומען צו מאָרגן, אם ירצה השם, און זיך געפעדערט צו דער שיל. אַריינגיין אינעווייניק, צו די גרויסע לייט, וועט מען טאָקע נישט קענען, דערפאַר אָבער קען מען שמועסן מיט די יידישע סטאַנגרעטן פון די רבנים, באַנקירן און שתדלנים און פון זיי הערן ווי עס לעבט זיך יידן אין די ווייטע מדינות, אין קראָקע און אין לעמבערג, אין גראָדנע און אין יעראָסלאַוו און אין יעדן ווינקעלע פון מלכות פוילן. וואָרום צרות אויף יידן מערן זיך, ווי די שטערן אין הימל. אפשר, חלילה, ווידער ערגעץ־ווו אַן עלילת־דם? אַז ווו נאָר אַ קריסטלעך מיידל וואַרפט אָפּ אַ ממזר און הרגעט דאָס עופעלע, וואַרפט מען אַרויף אויף יידן, אַז זיי האָבן גאָר דאָס קינד געהרגעט און אָפּגעצאַפּט פונעם נפשל בלוט אויף מצות. פאַר זייערע זנות־זינד זאָלן יידן גיין אויף קדוש־השם! אוי, גאָטעניו

אין הימל, וואָס איז געוואָרן פון דיין וועלט און וואָס האָסטו געוואָלט פון דיין יידיש פאָלק, וואָס דו האָסט עס פאַרטריבן אין גלות?

דאָס מאָל האָט זיך עס געהאַנדלט אין אַ מינערער גזירה. יעדעס יאָר, ווען קיין לובלין זענען געקומען די שליאַכטע־ריכטער צום קרוין־טריבונאַל און געבראַכט מיט זיך זייערע פּמליאָס — דינער און רייטקנעכט און זעלנערישע לייבשוץ און אַפילו אייגענע קוכער — האָבן זיי פאַרלעבט אַ סך געלט. האָבן יידן פון קדמונים אָן מורא געהאַט, אַז טאָמער וועלן די ריכטער נישט האָבן גענוג געלט אויף צו שיכורן, וועלן זיי אויסלאָזן זייער ווּט צו יידן. האָט דער ועד ארבע ארצות זיך נוהג געווען, אַז ווי נאָר די נייגעוויילטע ריכטער קומען קיין לובלין זיך זעצן אין קרוין־טריבונאַל, איז מען זיי מזכה מיט רייכע מתנות אין געלט, אין טייערע געווענדער און אין געווירצן. דאָס יאָר האָבן יידישע סוחרים געבראַכט צום יאַריד פעסער וויין פון ציפּערן. אַז די ריכטער האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָבן זיי געלאָזט וויסן די פּני פון יידישן סיים, אַז אויב יידישע סוחרים האַנדלען מיט וויין פון ציפּערן אויפן מאַרק אין לובלין, איז עס מן היושר, אַז די ריכטער פונעם קרוין־טריבונאַל זאָלן פון דעם וויין נהנה זיין. האָבן די פּני פונעם ועד צוגעשטימט, אַז צו יעדן ריכטער זאָל אַריינגעשיקט ווערן אַן אַנטאַלעק וויין. וועגן דעם האָט זיך דערוווּסט דער רעקטאָר פון דער יעזוּיטישער קאָלעגיע, וואָס אויך ער פלעגט יעדעס יאָר באַקומען מתנות פאַר איינהאַלטן זיינע סטודענטן, זיי זאָלן נישט באַפאַלן די יידנ־שטאָט. און כאָטש אויך דאָס יאָר האָט דער רעקטאָר באַקומען זיין שיינע מתנה: דרייסיק גילדן אין באַר־געלט, צוואַנציק איילן איטאַליענישן סאַמעט, איין פונט פעפער און דריי לויט זאַפראַן — האָט אים די מעשׂה מיטן וויין פאַר די שליאַכ־טשיצעס־ריכטער שטאַרק פאַרדראָסן, און צום ועד איז דערגאַנגען, אַז די סטודענטן פון דער יעזוּיטישער קאָלעגיע גרייטן אַן אַנגעלויף און די הענט פונעם רעקטאָר זענען דאָס מאָל צו שוואַך זיי איינצוהאַלטן.

כדי נישט צו רעדן וועגן דעם אויף אַן אָפענער אסיפה פונעם ועד, זענען זיך די אָנפירער צוזאַמענגעקומען אין דער מהרש״ל־שיל צו באַראָטן זיך מיט די פּני פון לובלין וואָס צו טון. וואָרום טאָמער זאָל מען נאָכקומען דעם יעזוּיטישן רעקטאָר, קענען מאָרגן קומען די ראַטמענער פון ראַטהויז, וואָס אויך זיי באַקומען יערלעכע מתנות, און אויך זיי וועלן פאָדערן וויין. און אויב מען וועט געבן דאָס יאָר, קען עס ווערן אַ חזקה. איז ווי נאָר די חשובע לייט האָבן זיך געזעצט צום טיש האָט דער לובלינער רבֿ אַרויסגעזאָגט די דעה, אַז דעם יעזוּיט זאָל צוגעשיקט ווערן אַ קאַן וויין און אַ באַפעל זאָל אַרויס צו די יידישע וויין־סוחרים אויפן יאַריד, זיי זאָלן אָן שום טענות ומענות גלייך פאַרשווינדן פונעם מאַרק מיט די פעסער. און אויב נישט, וועלן זיי באַצאָלן צו פופציק גילדן קנס. און גלייך נאָך דעם ווי אַ שליח איז אַוועק צום גרויסן שטאָטישן מאַרק איבערגעבן דעם באַפעל פון דעם מאַרשאַלעק פון יידישן סיים צו די יידישע וויין־סוחרים, האָבן זיך די חשובע לייט גענומען לערנען אַ שעור. ס׳איז בעסער ווי, חלילה, צו דאַרפן גוזר זיין אַ נייעם תענית.

זענען די קרעמער און געמיינע לייט אין פּאַליש נשתומם געוואָרן צו הערן

ווי די יידישע שׂררהס האָבן אין מיטן טאָג פון אַזעלכע טעג צייט צו לערנען אַ שעור און זיי האָבן עס אָנגענומען פאַר אַ גוטן סימן. הלוואַי זאָל שוין גאָט מאַכן אַ סוף צו די יידישע צרות, אָמן! אַ שטיין איז זיי אַראָפּגעפאַלן פון האַרץ. און אַז זיי האָבן שוין סיי ווי געשלאָסן די סטראַגאַנעס און אַ תל געמאַכט פון אַ טאָג לייזעכטס, האָבן די קרעמער אַרומגערינגלט אין קרענצלעך די סטאַנגרעטן אויף צו הערן פון זיי ווי עס לעבט זיך יידן אין אַנדערע מדינות. האָט דער סטאַנגרעט פון קראָקעווער רב דערציילט הרים וגבעות: יידן אין קראָקע שיטן זיך אָן קאָפּלעך מיט גאָלדענע רענדלעך. אין די וואָכעדיקע טעג גייען זיי אַרום ווי עס וואָלט געווען חול המועד און זיי עסן ווייסע קוילעטשן, וואָס אַזעלכע זעט מען גאָרנישט אין לובלין. אין דער יידנשטאָט קאַזימיר, מיט דער האַנט צו דערגרייכן פון קראָקע, לעבן יידן ווי אין זייער אייגן מלכות. טאָמער פאַרגליסט זיך אַמאָל די סטודענטן פון קראָקע אָנצופאַלן אויף דער יידנשטאָט, קומען זיי מיט די פיס און מען שלעפּט זיי אַרויס ביי די קעפּ, וואָרום די קאַזימירער יידישע באַלעגאָלעס און קצבים זענען נישט קיין קימפּעטאָרינס. וואָס אונטער דער האַנט — אַן אָרטשיק פון אַ וואָגן, אַ בוקסע פון אַן אַקס — איז אין די קעפּ פון די סטודענטן און זיי צעלויפן זיך ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

לייבעלע, דער הענדלער פון אַלטוואַרג, וואָס האָט זיך פון פרעמדע סוחרים אָנגעהערט, אַז די יידן אין קראָקע שטייען אויס די זעלבע צרות וואָס די יידן אין לובלין, האָט נישט געקענט אויסהאַלטן די גוזמאות פון דעם סטאַנגרעט, און ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער פאַרשטייט נישט:

„זאָגט מיר, ייד, ווער צעלויפט זיך — די יידן, צי די סטודענטן, ימח שמם?"

דער סטאַנגרעט, אָנגעבערדעוועט מיט אַ סך קליידער איינס אויפן אַנדערן און מיט דעם פעלצענעם מיץ אַראָפּגעצויגן איבער די אויערן, האָט שאַרף אַ קוק געטון אויפן פרעגער און געזאָגט מיט אַ הויך קול:

„האָסט געהערט אַ שאלה פון אַ ייד? די, וואָס כאַפּן די קלעפּ, די צעלויפן זיך!"

„וואָלט איך טאַקע וועלן וויסן ווער עס כאַפּט די קלעפּ און ווער עס עסט די ווייסע קוילעטשן אין די וואָכעדיקע טעג", האָט לייבעלע נישט אָפּגעלאָזט דעם בעל גוזמא.

„דער פשעמישלער קאָטער!"

„כאָטש דאָס איינציקע וואָרע וואָרט געהערט", האָט לייבעלע אַ צופרידענער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און יידן האָבן געלאַכט.

גאָר עפּעס אַנדערש האָט דערציילט דער סטאַנגרעט פונעם יעראָסלאַווער באַנקיר און מוכס. ער האָט זיך גערופן משה וויניצער און אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען ווי אַ נישט אַרומגעטעסעטער יאַטקעקלאָץ, ברייט און דיק, ווי דער גוף פון אַ ריז, נאָר די פיס קורצע און שווערע און זיין לשון איז געווען פלייסיק, מיט אַ געלעכטערל:

„אין יעראָסלאַוו עסן די יידן אַ גאַנצע וואָך קרעפּלעך", האָט ער אונטערגעלאַכט, „נאָר איין טאָג זענען די קרעפּלעך געפילט מיט שרעק פאַר אַן עלילת דם, דעם

צווייטן טאָג מיט אַ צינזש פאַר די יעזוּיטן, דעם דריטן טאָג זענען זיי געפּילט מיט צרות און אויף שבת פּילט מען אָן די פיש מיט זיפּצן אַז אַ בראָך זאָל קומען אויף אַלע גוים, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעזעצט אויף דעם אָרעמען ייד, וואָרום דעם רייכן איז אומעטום גוט. אַז מען איז רייך, איז מען אַ פּאַן ווי דער גוי׳ישער פּאַן. און אַ פּאַן מיט אַ פּאַן דערעדט זיך און דער כאַם קריגט פון ביידע געשמיסן".

„דיין פּאַן איז אויך אַזעלכער?!" האָט עמעצער פונעם רעדל אויסגערופן און זיך באַהאַלטן, דער סטאַנגרעט זאָל אים נישט זען.

משה וויניצער האָט זיך אַרומגעקוקט און ווי זיין האַר וואָלט געווען דערביי האָט ער געזאָגט מאַניפעסטירנדיק:

„מיין האַר וועט האָבן ס׳ליכטיקע גן־עדן, ער שטעלט זיך איין פאַר אַלע יידן. לאָמיר דאָ עס אַלע פאַרמאָגן וואָס ער לאָזט זיך קאָסטן פאַר אָרעמע לייט. ר׳איז אַ גאָלדן פעסעלע מיט אַ לויזן צאַפּן".

דער שמועס האָט זיך פּלוצים אָפּגעהאַקט. פון דער שיל זענען אַרויס די פּני, און די סטאַנגרעטן האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די קאָזלעס. יידן האָבן געמאַכט אַ וועג פאַר די חשובע לייט. זיי זענען אַלע געגאַנגען מיט טריט פון שׂררהס, געלאַסן, מיט אויפגעהויבענע קעפּ און קוים געענטפערט אויף די באַגריסונגען פונעם גע־מיינעם עולם.

דאָס מאָל זענען די צוויי דאָקטוירים, משה מאָנטאַלטאָ און אליעזר אַרטאַפּאַנוס, נישט איינגעשטיגן אין קיין קאַרעטע. זיי האָבן זיך געזעגנט מיט די חשובע לייט און אַוועק צופוס צום יידישן טויער. די געקומענע פון דער פרעמד זענען איינגעשטאַנען אין גבירישע הייזער אין דער יידנשטאָט, זיי זאָלן זיין נאָענט צו קהל און צו די בתי־מדרשים. מאָנטאַלטאָ און אַרטאַפּאַנוס האָבן געוווינט אויסער דער מויער, אין שליאַכטישע הייזער. אויפן וועג, צום טויער, האָבן זיך יידן פאַרנויגט פאַר די צוויי דאָקטוירים און זיי געוווּנטשן דאָס אייביקע לעבן. ביידע האָבן געהאַט עפּעס ענלעכס צו אייגאַנדער. זיי זענען געווען פון דעם זעלבן וווּקס און געווען אָנגעטון כמעט אין אַן ענלעכן לבוש; ביידע מיט געפּוצטע בערד צענומען אין דער מיט, און וועגן ביידע האָבן די לובלינער יידן דערציילט אויסטערלישע מעשׂיות.

הגם הימישע יידן זענען ביידע געווען און אין זייער יידישן לשון האָבן זיי אַריינגעמישט אַ סך מער לשון־קודשדיקע ווערטער ווי די קהלס־לייט געבוירענע אין לובלין, האָט אַן אוירעאָל פון מיסטעריע איינגעהילט מאָנטאַלטאָן און אַר־טאַפּאַנוסן.

אַזוי האָט מען דערציילט, אַז משה מאָנטאַלטאָ שטאַמט פון פּאָרטוגעזישע אנוסים. אין דער שטאָט פּאָרטאָ האָבן געלעבט צוויי ברידער מאַראַנען, ביידע באַרימטע דאָקטוירים, וואָס דער נאָמען פון איינעם איז געווען יאַאָ ראָדריגאָ און אויך אַמאַטוס לוזיטאַנוס און דער נאָמען פון דעם צווייטן איז געווען פעליקס דע קאַסטעל בראַנקאָ. אין זייער לאַנד פּאָרטוגאַל זענען זיי געווען שטאַרק באַרימט ביים מלך און ביי די פירשטן ווי אָפּגעהיטענע קריסטן. זיי האָבן נישט פאַרמיטן צו גיין אין דער קירך, אַז אַלע זאָלן זיי זען און קיינער זאָל זיי נישט חושד זיין, אַז זיי זענען געבליבן

באַהאַלטענע יידן. נאָר איינמאָל האָט אַ שלעכטער קנעכט אין הויז פון ראַדריגאָ געפונען אין אַ קופער אַ טלית און אַ מזוזה און ער איז אַוועק אין דער אינקוויזיציע איבערצוגעבן די היילקייטן. אַז ראַדריגאָ איז אַהיימגעקומען און געפונען דעם קופער אָפן און דער קנעכט איז אין הויז נישט געווען, האָט ער וועגן דעם צווויסן געטון זיין ברודער פעליקס אוןביידע זענען דעם זעלבן טאָג אַנטלאָפן אין צוויי פאַרשידענע זייטן, די תלינים פון דער אינקוויזיציע זאָלן זיי נישט קענען דערווישן.

אַזוי האָט זיך יאָאָאַ ראַדריגאָ אָדער אַמאַטוס לוזיטאַנוס דערשלאָגן דורך אַנט־וועדפן און פעראַראַ קיין רוים. דאָ איז ער גאָר שטאַרק באַליבט געוואָרן צווישן דעם אַדל און ער איז געוואָרן דער לייב־דאָקטאָר פון דעם יידן־פריינטלעכן פויפסט יוליוס דעם דריטן. נאָר אַז דער גוטער פויפסט איז געשטאָרבן און אויף זיין פלאַץ איז געקומען דער צורר פאַול דער פערטער, האָט ראַדריגאָ נישט געקענט צוזען דאָס קלעמעניש פון יידן אין רוים. זיין יידיש האַרץ איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט צו זיין פאָלק און ער האָט אַנגעהויבן וואַנדערן איבער דער וועלט ביז ער האָט זיך דערשלאָגן קיין סאַלאָניקי, וואָס אונטער די טערקן, און ווו יידן האָבן געלעבט ווויל. דאָ האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פרעמדן שלייער און געוואָרן אַ פרומער ייד, וואָס גאַנץ קהל האָט זיך געגרויסט מיט אים.

דער צווייטער ברודער, פעליקס דע קאַסטעל בראַנקאָ, איז אַנטלאָפן אין דער שטאָט ליוואָרנאָ, געביטן זיין נאָמען אויף אליהו מאָנטאַלטאָ און זיך גלייך באַקענט צו יידן. אין ליוואָרנאָ איז ער באַרימט געוואָרן, אַז ער האָט מאַגישע הענט און אַז עס איז גאָרנישטאָ קיין שלאַפקייט וואָס ער זאָל נישט קענען היילן. האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט דער פירשט מעדיטשי און אים באַשטימט, אַז אויסער זיין משפחה זאָל ער קיינעם נישט היילן און ער האָט אים אָפּגעגעבן אַן אייגענעם פּאַלאַץ, מיט קנעכט און משרתים און מיט אַ פירשטלעכן שׂכר.

האָט זיך געמאַכט און דער פראַנצויזישער מלך אַנרי דער פערטער האָט זיך שטאַרק פאַרליבט אין דער טאָכטער פון דעם פירשט, מאַריאַ די מעדיטשי, און געוואָלט מיט איר חתונה האָבן. האָט זי אים געזאָגט: „יאָ, מיין ליבער מלך, איך וועל ווערן צו דיר אַ ווייב, נאָר ווער וועט היטן מיין געזונט אויב דו וועסט מיך אַוועקנעמען אין דיין פאַלאַץ אין פאַריז און דאָקטאָר מאָנטאַלטאָ וועט בלייבן דאָ?“ האָט מלך אַנרי געזאָגט: „מאַריאַ־קרוין, פאַר דיר בין איך גרייט אַראָפּצוציִען דעם הימל צו דער ערד און דערום וועל איך נישט לאָזן דעם יידישן דאָקטאָר דאָ, נאָר איך וועל אים מיטנעמען קיין פאַריז און זאָל ער היטן אונדזער ביידנס געזונט. אַזוי לעבע גאָט“.

אַזוי איז אליהו מאָנטאַלטאָ געוואָרן דער לייב־דאָקטאָר פונעם קעניג און פון דער מלכה און אויף די טירן פון זיין פאַלאַץ אין פאַריז זענען געווען אָנגעשלאָגן מזוזות, וואָרום זייער אַ פרומער ייד איז ער געווען און ווי ער איז געווען פרום האָט ער אויך זיינע קינדער דערצויגן צו גאָט און צו לייט. און ווי ער האָט געשיקט זיין זון משה צו לערנען אין דער ישיבה, אַזוי האָט ער אים אויך געשיקט צו לערנען מעדיצין און אַלע חכמות פון דער גאָרער וועלט.

דערווייל איז אַנרי דער מלך געשטאָרבן און מאַריאַ איז געבליבן אַ ווייסטע אלמנה און אויפֿן טראָן פֿון פֿראַנקרייך האָט זיך אָוועקגעזעצט לוי דער דרייצנטער. און ווי לוי האָט איבערגענומען די גאַנצע מלוכה, אַזוי אויך איז אליהו מאָנטאַלטאָ געוואָרן זיין לייב־דאָקטאָר. איז געקומען די צייט און אליהו איז געשטאָרבן, און זיין זון משה, וואָס האָט געוואָלט זיין פֿאָטער זאָל ליגן צווישן חשובע יידן, האָט אים אָוועקגעפֿירט אין דער קהילה קדושה אַמסטערדאַם און אים דאָ געבראַכט צו קבר ישראל. נאָר משה מאָנטאַלטאָ האָט געצויגן צו תלמידי־חכמים און צו אַ לאַנד פֿון אַ סך יידן. איז ער געקומען קיין פּוילן און פֿאַרפֿאָרן קיין קראָקע. האָט ער געזען, אַז עס זענען פֿאַראַן אַ סך יידן און אויך תלמידי־חכמים, נאָר באַלד האָט ער געהערט, אַז דער מרכז פֿון תלמידי־חכמים און מידות טובות איז אין דער שטאָט לובלין. איז ער געקומען און געבליבן אין לובלין און געוואָרן דער דאָקטאָר פֿון די סאָביעסקיס און ראַדזשיווילס, די פּירלעיס און פּאָטאָצקיס, וואָס האָבן דאָ זייערע פּאַלאַצן און זיי היילן זיך נאָר ביי דעם דאָקטאָר משה. דערפֿאַר היילט ער יידן אומזיסט, קומט אָפּט אין יידישן שפּיטאָל, און אַז אַ קראַנקער קלאָגט זיך, אַז אין דער היים זענען אים געבליבן הונגעריקע אַ ווייב מיט קינדער, גיט ער נאָך צו צו דער רפֿואה אַ פּאָר פּעניג אויף ברויט.

אויך ד״ר אליעזר אַרטאַפֿאַנוס איז געווען אַן אַנטלאָפֿענער, נאָר וועגן אים האָבן די לובלינער יידן געוווּסט אַן אַנדער מעשׂה: אַרטאַפֿאַנוס איז געווען דאָקטאָר אין הויף פֿונעם קיסר רודאָלף דעם צווייטן. בעת דער קיסר האָט זיך איבערגעקליבן מיט זיין הויף קיין פּראָג, האָט ער אויך מיטגענומען זיין גוטן רופֿא. דאָ, אויפֿן הויף, האָט אַרטאַפֿאַנוס באַקענט דעם פּראָגער פּרנס און דער גביר אַדיר, וואָס צו זיינע מאַיאָנטקעס און עשירות איז קיין גלייכער נישט געווען אין גאַנץ ביימען — מרדכי מייזל. דער דאָקטאָר האָט שטאַרק נושׂא חן געווען אין די אויגן פֿון דעם נדבן, וואָס אַלדאָס גוטס אויף דער וועלט האָט ער געוואָלט האָבן אין זיין אייגנס. נאָר אַזוי ווי מרדכי מייזל האָט, נעבעך, אַליין קיין קינדער נישט געהאַט, האָט ער שטאַרק צוגערעדט דעם דאָקטאָר אַרטאַפֿאַנוס ער זאָל חתונה האָבן מיט דער טאָכטער פֿון זיין שוועסטער, אַ בתולה, וואָס איר שאַנקייט האָבן זיך געווונטשן אַלע יידישע טעכטער און וואָס אַז זי איז געגאַנגען איבער די פּראָגער גאַסן האָבן זיך אַלע שטיינער אונטער אירע פֿיס געפֿילט גליקלעך, וואָס זי טרעט אויף זיי. האָט דאָקטאָר אליעזר אַרטאַפֿאַנוס גענומען און חתונה געהאַט מיט דעם מיידל — לאה איז איר נאָמען — און ער איז געוואָרן אַ קרוב פֿונעם גרעסטן עושר אין ביימען.

און ווי מרדכי מייזל איז געוואָרן דער הויף־פֿינאַנסיסט, האָט דער קיסר רודאָלף געזאָגט צו אים:

„אַזוי ווי דו ביסט מיין ייד און וויפֿל געלט איך דאַרף אויף צו פֿאַרלעבן און פֿירן מלחמות באַזאָרגסטו מיר, ביסטו ביי מיר פֿריי, ווי דו וואָלסט געווען אַ געבוירענער פֿירשט. מעגסט האַנדלען און וואַנדלען איבער אַלע מיינע מדינות, קענסט לייען געלט וועמען דו ווילסט און פֿאַרוואָס דו ווילסט, מיט וועקסלען און אָן וועקסלען. ווילסטו נעם פֿאַר אַ משכּן גיטער און ווילסטו — נעם פֿאַר אַ משכּן זאַכן.

האָט מרדכי מייזל אַזוי געטון און ער איז געוואָרן רייך ווי קורח. און אַ מענטש מיט אַ ברייט האַרץ איז ער געווען און אַ גרויסער בעל־צדקה. ער האָט אין פּראָג אויפגעבויט די שענסטע שיל, וואָס אַזעלכע זעט מען גאָרנישט אין דער גאַנצער וועלט. אויף זיין חשבון האָט ער געהייסן שרייבן ספרים און זיי באַצירט מיט מענטעלעך, וואָס זייער גאָלדענע שטיקעריי פאַרמאָגט נישט אַפילו קיין לובלינער גביר. פון זיין קעשענע האָט ער אויסברוקירט אַלע יידישע גאַסן און כל זמן ער האָט געלעבט איז קיין איין הונגעריקער ייד אין פּראָג נישט געווען. און וואָס מער צדקה ער האָט געגעבן, אַלץ רייכער איז ער געוואָרן. און אַז דער יידישער שׂררה מרדכי מייזל האָט געפילט, אַז ער גייט שטאַרבן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ צוואה, אַז אַזוי ווי גאָט האָט אים קיין קינדער נישט געגעבן, צעטיילט ער זיין גאַנץ עשירות צווישן זיינע קרובים, און דעם גרעסטן חלק לאָזט ער איבער פאַר זיין ווייב. האָט ער אָנגעשריבן וואָס וועמען ער לאָזט איבער און עס איז אויסגעקומען פאַר אַרטאַפּאַנוסן און זיין ווייב רחל הונדערט טויזנט גולדן און קוראַנטע וועקסלען און אין גיטער־משכנות, וואָרום פאַר דעם דאָקטאָר און דער שיינער לאהן האָט ער געשטרעקט דאָס לעבן, ווי זיי וואָלטן געווען זיינע אייגענע קינדער.

ווי נאָר מרדכי מייזל איז געשטאָרבן האָט דער קיסר געזאָגט, אַז די גאַנצע ירושה געהערט אים, וואָרום דער ייד איז נישט געווען קיין פרייער פירשט, נאָר אַ לייב־אייגענער. און אַזוי ווי ער אַליין האָט געהערט צו אים, אַזוי געהערט צו אים זיין גאַנץ פאַרמעגן. האָט זיך דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס געשטעלט פאַרן קיסר און אים געפרעגט:

„קיסר־לעבן, ווו איז יאַהנדעס? מרדכי מייזל האָט דיר אַראָפּגעבראַכט ס׳טע־לערל פון הימל און וואָס ער האָט פאַרדינט איז געווען געזעצלעך, וואָרום דו אַליין האָסט אים געגעבן פּריווילעגיעס, וואָס דו האָסט צו קיין אַנדער ייד נישט געגעבן. פאַרוואָסזשע גייסטו בגאַזלעוואַיע?"

האָט זיך אין קיסר אָנגעצונדן דאָס שלעכטע בלוט און ער האָט געזאָגט צו אים:

„דו ביסט טאַקע מעדיקער אין מיין הויף, אָבער וויסן זאָלסטו, אַז יידן האָבן נישט קיין שום רעכט און גאַראַנטיעס פון גערעכטיקייט, וואָס עס פאַרמאָגן מענטשן פונעם האַרנשטאַנד. אויב עס שטאַרבט אַ רייכער ייד און ער לאָזט נישט איבער קיין קינדער, געהערט זיין פאַרמעגן צו דער קרוין. און אויב דו האָסט שוין נהנה געווען פון דער ירושה, וואָרן איך דיר און דורך דיר וואָרן איך אַלע קרובים, זיי זאָלן מיר דאָס געבליבענע פאַרמעגן אַריינטראָגן במשך פון איין מעת־לעת און אויב נישט, וועל איך ווי אַ שטראָף קאָנפיסקירן אויך אייער פאַרמעגן!"

האָט דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס נישט געקענט איבערטראָגן דאָס רשעות, פאַרנומען ווייב און קינדער און אַלץ וואָס האָט זיך געלאָזט, און בשתיקה ביינאַכט אַנטלאָפן פון פּראָג. און אַזוי איז ער אָנגעקומען קיין לובלין. אויך ער, ווי דאָקטאָר מאַנטאַלטאַ, נעמט נישט ביי אָרעמע קראַנקע קיין שׂכר פאַר היילן זיי. ער קומט צו זיי אַהיים, די קראַנקע העלפט ער, די געזונטע טרייסט ער און אַז ער זעט אין אַ שטוב איז נישטאָ אויף שבת, לייגט ער אַוועק אויפן טיש אַ גולדן קיינער זאָל נישט זען...

קאַפּיטל צוויי

זייט שכנא, דער עלטסטער זון פון אַרטאַפּאַנוסן, איז אַוועקגעפאָרן קיין פּאַדואַ לערנען מעדיצין, לעבט לאה אין אומרו. עס איז שוין אַ יאָר צייט פאַרביי ווי ער איז נישט אין דער היים און נאָך פילט זי ווי מען וואָלט פון איר אָפּגעשניטן אַ שטיק לייב און די ווונד היילט זיך נישט. זייט דער צייט האָט שוין שכנא געשיקט דריי בריוו און פון יעדן פון זיי האָט אַרויסגעזונגען פרייד פון אַ נייער וועלט, אָבער פאַר לאהן איז דאָס אַלץ נישט געווען קיין טרייסט. ווי וועט זי עס אויסהאַלטן, ווען אַלע קינדער וועלן חתונה האָבן? מיט וואָס וועט זי אויספילן די ליידיקייט אין הויז, אויב דאָס אַוועקפאָרן פון איין זון האָט אַזוי ליידיק געמאַכט אַלע ווינקלען? אַז אַרטאַפּאַנוס איז אין שטוב, פילט זי זיך זיכערער. ווען ער קומט אַהיים, ווערן אַלע קאַמערן פול מיט זיין אימפּעט. אַלץ, אַלץ אין איר הויז, דאָס מעבל, די טעפּיכער, די גאָבעלינען אויף די ווענט, וועקן זיך איבער מיט לעבן און זי פאַרגעסט אויף אַ ווייל איר האַרץ־קלעמונג. אָבער ער איז ווייניק אין שטוב, אַרטאַפּאַנוס. כאָטש גוט וואָס זיי וווינען אויסער דער יידנשטאָט און קיינער וועקט אים נישט אין דער מיט פון דער נאַכט, סיידן אַמאָל עמעצער פון די פּוילישע מאַגנאַטן בעת זיי פאָרן זיך צוזאַמען קיין לובלין צום סיים. יעדן באַגינען פעדערט ער זיך אין דער יידנשטאָט צו זיינע קראַנקע, אין שפּיטאָל, און קוים ווי ער קומט אַהיים, עסט אָפּ אָנבייסן און רוט זיך אָפּ — לויפט ער ווידער אַוועק אַהין. און זי קוקט אים שפּעטער אויס דורכן פענצטער.

אויך דאָס מאָל האָט זי זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף אים. עס איז געווען אַ שפּעטער נאָכמיטאָג, אין דרויסן איז געווען אַ בלאָע העלקייט און קליינע פלי־טערלעך שניי, ווי שוואַרמען ווייסע שמעטערלינגען האָבן געפלאַטערט און געפלאַ־טערט, שלעפעריקע פון קעלט האָבן זיי זיך אַנגעשלאָגן אין די שויבן און ווידער אַראָפּגעפלאַטערט צו דער ערד. די גאַס איז געווען אויסגעבעט מיט בלאָלעכער ווייסקייט און ווייס זענען געווען די דעכער. די גאַנצע וועלט איז געווען ווייס. אין שטוב — וואַרעם, די אויוונס אין אַלע קאַמערן האָבן זיך געהייצט, די צוויי טעכטער, בתיה און מרים, זענען געזעסן ביים אָפענעם אויוון אין סאַלאָן, צעהיצטע, פאַררויטלטע און צוזאַמען געהאַפּטן אַ טישטעך. פון צייט צו צייט האָבן זיי זיך אָפּגערוקט ווייטער פון דעם פלאַם אין אויוון. נאָר לאה האָט כסדר געפילט אַ קעלט

אין די ביינער, כאָטש זי האָט געטראָגן אויף אירע קליידער אַ שעפּסן פּעלצל אָן אַרבל.

לאה איז ווידער צוגעגאַנגען צום פענצטער פון דער פּראָנטזייט, צו דער גאַס, אָפּגעווישט מיט די פינגער דעם פאַרלאָפענעם טוי פון אַ שייבל און אַראָפּגעקוקט צום ברוק. זי האָט געקוקט אויף די שליטנס, וואָס האָבן פאַרבייגעשוועבט, אויף די קינדער וואָס האָבן זיך באַוואָרפן מיט שניי־באַלעמס אויף דעם אַנטקעגנאיבערדיקן פּלאַץ, נעבן דער קירך, און אויף די פאַרבייגייענדיקע. אין אַלע האָט זי געזוכט איר מאַן. זי וואָלט אים דערקענט אויף אַ מייל, נאָר דאָס מאָל, ווען עס איז געפאַלן דער שניי...

„אוי ווי איז מיר, נעבעך! אַזאַ חושך מצרים. איר שטעכט זיך דאָך אויס די אויגן ביי אַזאַ פינצטערניש. און וואָס וועלן זאָגן די חתנים וועגן כלות מיט קאַליע אויגן?"

דאָס מענה לשון איז געקומען פון בריינדל די אייגנייערקע, וואָס האָט זיך אַריינגעשטעלט אין דער טיר־עפענונג צום סאַלאָן און מיט די הענט אויף די זייטן האָט זי זיך אַרומגעקוקט, ווי אַן עקאָנאָם קוקט זיך אַרום אויף זיין פאָלוואַרק. נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער און אויף קיינעמס דעות, האָט זי זיך צווישן די צוויי מיידלעך דורכגעשטופּט צום אויוון, אַנגעצונדן אַ קינדל און זיך גענומען אָנצינדן די ענגלייכטער, מורמלענדיק צו זיך אַליין: „ליכט זענען טאַקע טייער, אַ יקרות אויף דער גאולה, נאָר אויגן באַקומט מען אויפן טריידלמאַרק?"

„איר דאַרפט שוין אַהיימגיין, בריינדל. עס איז שפּעט", האָט זיך לאה אויסגע־דרייט צו איר מיטן פּנים און נאָכגעקוקט אירע אייליקע באַוועגונגען.

„וואָס הייסט ס'איז שפּעט? מיינע שונאים. דער האַר וועט קומען און מען דאַרף אים געבן וואַרעמס און די בחורים וועלן דאָ אָנטראָגן דעם יאַשניע פּאַנס שניי. וואָס וועל איך פאַרשפּעטיקן, מיינע צרות וועל איך דאָרט פאַרשפּעטיקן?"

„מען וועט פאַרמאַכן ס'טויער, בריינדל, און איר וועט בלייבן אויף דער בריק", האָט לאה געזאָגט געלאַסן, צוקוקנדיק זיך ווי בריינדל ווישט דעם דיל מיט אַ ברעג פון איר פאַרטעך.

בריינדל האָט זיך פון די גוטע ווערטער נישט איבערגענומען. די האַרינטע לאה רעדט — זאָל זי. זי האָט אַ גוט האַרץ און רק זי קוועלט זיך, אָבער זי, בריינדל, וועט נישט אַוועקגיין כל זמן זי האָט איר אַרבעט נישט פאַרענדיקט, נישט געגעבן דעם האַר וואַרעמס.

שוין פופצן יאָר ווי בריינדל קומט אַריין אינעם הויז פון אַרטאַפּאַנוסן, זייט איר מאַן איז געשטאָרבן אויף זיינע הענט. דער דאָקטאָר האָט געטון פאַרן קראַנקן מער ווי אַ טאַטע. און אַז זי איז געבליבן מיט זעקס קליינע קינדער, אַ וויסטע אלמנה, האָט דער דאָקטאָר נישט געוואַרט ביז קהל וועט איר העלפן, נאָר גערופן זי צו זיך אַהיים, זי זאָל יעדן טאָג נעמען אין קויש אַלץ וואָס זי דאַרף פאַר די קינדער. און אַזוי איז זי געוואָרן אַן אייגנייערקע, מער געזאָרגט פאַרן דאָקטאָרס קינדער, ווי פאַר אירע אייגענע, זיי געהאָדעוועט, זיי זאָלן זיין צו גאָט און צו לייט. וואָרום זי האָט געזען, אַז לאה איז אַזאַ איידעלע, שלאַנק ווי אַ לולב, וואָס גאָט דער איינציקער

ווייסט ווי אַזוי זי האָט דעם דאָקטאָר געבוירן פינף קינדער, זיי זאָלן לעבן און געזונט זיין. איז ווי קען זיך אַזאַ ס׳גאָל מענטש, ווי די לאה, פּאַרנעמען מיט קינדער און מיט אַ ווירטשאַפט? אַז אירע הענט זענען גאָרנישט צו אַזעלכע זאַכן! זינט זי לעבט, ברײַנדל, האָט זי נאָך אַזעלכע דינע און ווייסע הענט נישט געזען. ווי זיי וואָלטן געווען פון זייד און מילך. און זינט דעמאָלט, ווי זי האָט אָנגעהויבן אַרײַנגיין אין דעם הויז, איז זי געוואָרן די גאַנצע באַלעבאָסטע. אַלץ איז אויף איר קאָפּ און וועגן אַלעמען דאַרף זי זאָרגן. אַפילו אין קעלער זאָל זיין גענוג האָלץ אויפן ווינטער און די וועש זאָל זיין אויסגעוואַשן אויף דער צייט, וואָרום דער האַר זאָגט, אַז אַלע חולאתן קומען פון ברודיקייט.

„אוי, וואָס זעען מיינע אויגן, באַשעלע? דו העפטסט מיט דער לינקער האַנט?!״ האָט ברײַנדל אַ פּאַטש געטון מיט די הענט און צוגעלאָפן צו די צוויי מיידלעך, ווי זי וואָלט געדאַרפט ראַטעווען פון אַן אומגליק, „וועלכער חתן נעמט אַ מיידל וואָס נייט מיט דער לינקער האַנט?״

די שוועסטער האָבן זיך צעלאַכט און בתיה האָט געזאָגט, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פון טישטעך:

„איך האָב שוין אַ חתן און איך קען שוין נייען מיט צוויי לינקע הענט״.

ברײַנדל האָט אַ צעטומלטע געקוקט אויף לאהן. איז עפּעס געשען אין דעם הויז, וואָס זי ווייסט נישט וועגן דעם? לאה האָט מיט אַ זיסן שמייכל באַרויקט ברײַנדלען:

„בתיה האָט זיך בלויז אַרויסגעהאָלפן מיט דער לינקער האַנט; זי וועט באַקומען, זי וועט באַקומען אַ חתן״.

„געלויבט צו גאָט״... און נאָך איידער ברײַנדל האָט פון נחת אַרויפגעלייגט די הענט אויפן בויך, ווי זי פלעגט עס טון, האָט זי מער דערפילט מיטן אינסטינקט, ווי זי האָט געהערט מיט דער שמיעה, אַז עמעצער קלייבט זיך ביי דער אַרײַנגאַנגס־טיר און זי איז געלאָפן אַפּראַטעווען פון אַ נייער צרה. און באַלד האָבן זיך פונעם פּרוזדור דערהערט אירע באַפעלן:

„די פּיס!.. די פּיס!.. איר וועט מיר דאָ אָנטראָגן דעם יאַשניע פּאַנס בלאָטע״.

אַרטאַפּאַנוסעס צוויי זין, יצחק און שבתאי, האָבן מיטגעבראַכט אין סאַלאָן אַרײַן אַ קאַלטן ווינט, בעת זיי אַליין זענען געווען צעהיצטע און פאַררויטלטע. זיי האָבן אויסגעזען ווי אַ צווילינג, כאָטש שבתאי איז געווען ייִנגער מיט צוויי יאָר. ביידע הויכע און שלאַנקע, ווי די מוטער, מיט שיטער אויסגעשפּראַצטע טונקעלע בערדלעך, וואָס האָבן זיך שטאַרק אָפּגעשלאָגן פון די ווייסע אַרויסגעלייגטע קעלנער.

„ס׳איז היינט געווען פריילעך״, האָט שבתאי זיך געריבן די הענט, ווי ער וואָלט זיך וועלן דערוואָרעמען.

לאה האָט באַמערקט אויף שבתאיס ווייסן קאָלנער אַ פלעק פון בלאָטע און זי האָט זיך געוואָנדן צום עלטערן:

„איך זע שוין, אַז עס איז געווען נישט פריילעך. מאַך איך אַ טעות?״

„געשלאָגן זיך״, האָט יצחק קורץ געזאָגט.

„אויך דו? פּאַסט עס פאַר דיר, יצחק?"

„אַ שאָד, וואָס מיר איז נישט אויסגעקומען צוצולייגן אַ האַנט", האָט יצחק באַדויערט.

„ער איז געקומען צו שפּעט", האָט שבתאי אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אין דער זייט פון זיין ברודער, „און געווען איז עס אַזוי: אַ כאַפּטע סטודענטן אויף אַ הויפּישן שליטן זענען פאַרבייגעפאָרן די ישיבה און מאַכנדיק זיך שיכור האָבן זיי אָנגעהויבן שלאָגן יידן. זענען מיר אַרויס מיט הייץ־העלצער און אַזוי לאַנג געקלאַפּט ביז זיי האָבן זיך אויסגעניכטערט און זיך צעלאָפן, ווי די מייז. האָבן מיר אויסגעשפּאַנט דאָס פערד און געלאָזט עס לויפן. איז עס ווילד געוואָרן און איבערגעקערט אַ סטראַגאַן אויפן קליינעם מאַרק".

„איצט האָט איר געבראַכט אַ צרה", האָט לאה געפּסקנט און געוואָרן ערנסט.

„אַ צרה, מאַמע, איז ווען מען לאָזט זיך שלאָגן!" האָט שבתאי אויסגערופן געררייצט: „איצט זאָל דער וואָיעוואָדע שיקן זיינע מענטשן און זאָלן זיי זען דעם איבערגעקערטן סטראַגאַן אויפן מאַרק. וועלן זיי דען זאָגן, אַז יידן האָבן עס אַליין געטון?"

„אין אַזאַ פאַל וואָלט איך אויך געשלאָגן!" האָט זיך אָנגערופן בתיה.

די מוטער האָט שטרענג אַ קוק געטון אויף דער טאָכטער. זי האָט נישט געוואָלט הערן פון אַ מיידל אַזעלכע ווערטער. צו שבתאיס היציקייט דאַרף ער נאָך האָבן עמעצער זאָל רעכטפאַרטיקן געשלעגן. אָבער בתיה האָט נישט אָפּגעלאָזט. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, באַקוקט איר ברודער, וואָס האָט געגעבן קלעפּ, און אָנביילנדיק אַ פויסט האָט זי געזאָגט פאַרביסן:

„ווען איך בין אַ מאַן וואָלט איך אַפילו אויף יעדן בייזן בליק אויף אַ ייד געשלאָגן ביז בלוט".

„דאָס האָט מיר נאָך געפעלט", האָט לאה שאַרף אָפּגעהאַקט און זיך געלאָזט צו דער אַרויסגאַנגס־טיר.

ברײַנדל איז איר פאַרויסגעלאָפן צו עפענען די טיר. ס'איז געווען אַרטאַפּאַנוס. ער האָט אין הויז אָפּגעטרייסלט דעם שניי פון דעם לאַנגן פעלץ, וואָס ער האָט געטראָגן, און ער איז אַריין מיט אַ ברייטן „גוט־אָוונט!"

אין דער רגע האָט זיך לאה אינגאַנצן געביטן. עס איז פאַרשוואונדן פון איר פנים די געשפּאַנטקייט, און אַ דין, דין שמייכעלע אַרום אירע פולע ליפּן האָט ליכטיק געמאַכט איר געשטאַלט. ווי זי וואָלט געווען איפּערזיכטיק וואָס ברײַנדל העלפט אין מאַן אויסטון דעם פעלץ, האָט זי געזאָגט:

„איצט קענט איר שוין גיין אַהיים".

„וואָס הייסט איך קען שוין גיין אַהיים?" האָט ברײַנדל זיך קעגנגעשטעלט מיט תרעומות, „דער האַר האָט נאָך היינט אין זיין מויל נישט געהאַט. איך וועל גרייטן צום טיש און זיך גיין מיין וועג".

„זייער גוט!" האָט אַרטאַפּאַנוס געגעבן ברײַנדלען גערעכט, „איך בין הונגעריק ווי אַ וואָלף אין ווינטער".

בריינדל האָט זיך אָנגעבלאָזן:

„ווער עס איז שיין און איך בין קלוג".

„איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז דער מלך וואָלט געדאַרפט האָבן אַזאַ עצה־געבערין ווי בריינדל", האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט מיט זייער אַן ערנסטן טאָן און געקוקט מיט לאַכעדיקע אויגן אויף לאהן.

בריינדל האָט פאַרשטאַנען און זיך געקעכלט אין פאַרלעגנהייט:

„דער האַר מאַכט חוזק פון מיר. נאָר זאָל אים גאָט געבן געזונט אין זיינע ביינער. דער האַר איז הונגעריק און איך שטיי דאָ. ווי איז מיר!"

אַרטאַפּאַנוס איז געווען אויפגעלייגט. ער האָט געהערט וועגן דעם איבערפאַל פון די סטודענטן און דעם גאַב וואָס זיי האָבן באַקומען פון די ישיבה־בחורים. און אַז שבתאי האָט אים נאָך געזאָגט, אַז אויך ער האָט געהאָלפן שלאָגן, האָט ער דעם זון געקלאַפּט אין דער פּלייצע:

„אַזוי דאַרף מען, מיין זון, פאַר איין קלאַפּ דאַרף מען געבן דריי קלעפּ. די יעזוּיטן און די שליאַכטע האָבן יידן געצוווּנגען צו ווערן ווּכערניקעס, דאַרף מען אויך געבן ווּכערקלעפּ".

לאה איז געוואָרן אומגליקלעך. דער פאָטער לערנט זיינע זין צוריקגעבן קלעפּ. אין קעגנוואַרט פון די קינדער האָט זי אים נישט געוואָלט זאָגן ווי זי פּילט אָפּ זיינע ווערטער, אָבער אַרטאַפּאַנוס, וואָס האָט געקענט דעם לשון פון דער מינדסטער ענדערונג אויף לאהס פנים, האָט מיט די פינגער פוןביידע הענט אַרומגענומען איר טאַליע און זי שטיפעריש אַ טרייסל געטון:

„אַזוי דאַרף מען! אגב, מיר וועלן היינט האָבן געסט".

„געסט?" האָט זיך לאה געוווּנדערט, „זאָגסטו מיר עס איצט?"

„נישט קיין סך. דאָקטאָר מאָנטאַלטאָ מיט זיין ווייב און יקותיאל פון יעראָסלאָוו מיט זיין ווייב. ער איז אַ תלמיד חכם, אָבער זי..." —

אַרטאַפּאַנוס האָט אַ קלאַפּ געטון מיט צוויי פינגער: „דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ נייער פלאַנץ ביי די פּוילישע יידן. דו האָסט מן הסתם אַזאַ פרוי נאָך נישט געזען".

„דו זאָגסט עס מיר, כדי נישט צו רעדן וועגן דעם פאַל מיט שבתאי", האָט לאה פאַרדעכטיקט.

„וועגן דעם האָב איך נישט וואָס צו רעדן. דו ווייסט מיין מיינונג וועגן די זאַכן. די זין פון אליעזר אַרטאַפּאַנוס וועלן נישט זיין קיין פּחדנים און זיי וועלן זייערע פּלייצעס נישט בייגן פאַר לומפּן".

יצחק און שבתאי האָבן זיך אויסגעצויגן העכער, און זיגעריש געקוקט אויף דער מוטער, וואָס האָט אין דער רגע אויסגעזען ווי אַ יונג מיידל אין פאַרלעגנהייט. זי האָט ווייבלעך־הכנעהדיק רעזיגנירט פאַר די דריי מענער. זאָל גאָט שיצן אירע קינדער פאַר זייער היציקייט. סוף־כל־סוף האָבן זיי דאָך געירשנט פון זייער פאָטער אַלע זיינע אייגנשאַפטן. און הגם אָפטמאָל האָט זי געהאַלטן, אַז איר מאַן באַשליסט איבעראיילט און זיינע מעשים זענען אימפּולסיווע און זי האָט פון דעם האַרצווייטיק, האָט זיך פון דעסטוועגן אַלץ אויסגעלאָזט ווי ער האָט פאָרויסגעזאָגט. אָבער זי

קענ זיך צו דעם נישט צוגעוווינען און תמיד לעבט זי איבער די זעלבע ספקות און אומרו.

אין די ערשטע יאָרן נאָך זייער חתונה פלעגט לאה, כדי צו צוימען זיינע שנעלע החלטות און נאָך שנעלערע מעשים, זיך פאַרופן אויף דער חכמה פון איר פעטער מרדכי מייזל. ווען ער איז געשטאַנען פאַר גרויסע געשעפטן, אַפילו ווען עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיי זענען כולו ריווח, איז ער צום ערשטן געגאַנגען אין דער שוויץ־באָד, דערנאָך פלעגט ער זיך זעצן לערנען און נאָך דעם האָט ער געוואָרט עס זאָל איבערגיין די נאַכט. און אויב אויפצומאָרגנס איז ער געווען ביי דער זעלבער דעה, ווי מיט אַ טאָג פריער, האָט ער געטון אַזוי ווי ער האָט געטראַכט מיט אַ טאָג פריער. נאָר אויב ער האָט אויפצומאָרגנס געהאַט ספקות, האָט ער די געשעפטן נישט געמאַכט. נאָכן טויט פון מרדכי מייזל, ווען זיי זענען צוליב דער קאָנפיסקירטער ירושה פונעם עושר אַנטלאָפן קיין פוילן, האָט אַרטאַפּאַנוס לאהן דערמאָנט אירע ווערטער און דרך אגב געזאָגט:

„פון אַלע קאַלטע חשבונות אין אַ הייסער שוויץ־באָד האָט דיין פעטער נישט אויסגעחשבונט, אַז זיין אלמנה זאָל זיין באַוואָרנט מיט גענוג ברויט. אויך ווען יידן זענען געווען אין זייער אייגן מלכות זענען זיי געווען שוואַך אין חשבון, בפרט זענען זייערע חשבונות שטאַרק מסופקדיק אין גלות".

לאה האָט נישט געגוי פאַרשטאַנען וואָס אַרטאַפּאַנוס האָט דערמיט געוואָלט זאָגן. זי האָט געוווסט, אַז יידן האָבן אַמאָל געהאַט אַן אייגן לאַנד, ארץ־ישראל, וואָס גאָט האָט זיי געגעבן, נאָר וואָס אין דעם לאַנד האָט זיך געטון און פאַרוואָס יידן זענען אַוועק אין גלות — וועגן דעם האָט זי גאָרנישט געהערט אין הויז פון אירע עלטערן אין פּראָג.

די געסט זענען דעם אָוונט געקומען פרי, באַלד נאָכן עסן. בריינדל די אייב־גייערקע איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען. בתיה און מרים האָבן זיך שנעל איבער־געטון און געהאָלפן דער מוטער אַריינברענגען פון דער שפּייז־קאַמער די ערדענע טעפּ איינגעמאַכטס און אַ גאַנשאַר מיט מעד. אַז אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט, איז לאה אַוועק זיך איבערטון, און איידער זי האָט באַוויזן עס צו טון, זענען שוין די געסט געקומען. אַרטאַפּאַנוס האָט זיי אויפגענומען, געהאָלפן זיי אויסטון די שווערע אויבערשטע בגדים, און ווען ער האָט זיי אַריינגעפירט אין סאַלאָן, איז זיי אין איילעניש אַנטקעגנגעקומען לאה.

די געסט פון יעראָסלאַוו, ר' יקותיאל און זיין ווייב, וואָס זענען צום ערשטן מאָל געווען ביי אַרטאַפּאַנוסן, האָבן נישט געוווסט פון וואָס זיי זענען מער נשתומם, צי פון דעם שיינעם, וואַרעמען סאַלאָן מיט די טעפּיכער און גאָבעלינען, צי פון לאהס דערשיינען. לאה גופא האָט אויסגעזען ווי אַ גאָבעלינען־געשטאַלט, וואָס איז לעבעדיק געוואָרן און איז אַראָפּ פון דער געוועבטער ראַם. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ לאַנג טונקל־פיאָלעט סאַמעטן קלייד, וואָס פון אויבן איז עס געווען געפּאַסט צו אירע געפורעמטע גלידער און פון דער טאַליע איז זיך עס צעגאַנגען אין ברייטע פאַלדן.

פון דעם בלאַנק־ווייסן קריזע־קאַלנער האָט זיך אַרויסגעהויבן איר איידעלער האַלדז ווי אַ צירונג. אויסער לאַנגע, פינקלדיקע אויערינגלעך פון גרינע טורמאַלין־שטיינער, געפּאַסטע אין רויטן גאָלד, האָט לאה קיין שום צירונג נישט געטראָגן. נאָר אויסגעזען האָט זי ווי זי וואָלט אינגאַנצן געווען באַהאַנגען מיט צירונג. זי האָט זיך צעקושט מיט בת־שבע, דער פרוי פון ד״ר מאַנטאַלטאַ, און אויסגעשטרעקט איר שלאַנקע האַנט צו דער פרוי פון ר׳ יקותיאל. זי האָט אויך דערלאַנגט די האַנט צו מאַנטאַלטאַ, אָבער בעת ס׳איז געקומען צו ר׳ יקותיאל, האָט זיך לאה פאַרלוירן. דער תלמיד־חכם האָט זי פון פאַרלעגנהייט אַרויסגעבראַכט:

„פרעמד צירונג באַרירט מען נישט; מען באַוווּנדערט עס פון דער ווייטנס״, האָט ער געזאָגט דרך־ארצדיק.

לאה איז רויט געוואָרן. אירע באַקן און אויערן האָבן זיך צעפלאַמט, ווי ביי אַ יונג מיידל, וואָס הערט צום ערשטן מאָל די באַוווּנדערונג פאַר איר שיינקייט. און בת־שבע, אַן עלטערע ספרדישע מאַטראָנע, מיט מאַניערן פון אַדל, האָט אַ פאָכע־געטון מיט איר ווייס טיכעלע אין דער לופט און געזאָגט מיט אַ געקעכלטער שטים:

„מיר מיינען, אַז די פוילישע יידן קוקן נישט אויף דער שיינקייט פון פרויען. אין דער אמתן זענען זיי דאָן־זשואַנען, וואָס האָבן זיך די הענט געשמידט אין קייטן, ווייל זיי געטרויען זיך אַליין נישט״.

„דערפאַר האָט גאָט פאַרכאַפּט די פיש פאַר דער נעץ און אין זיינע לוחות אויפן הר סיני אַנגעשריבן „לא תחמוד״, האָט דאָס ווייב פון יקותיאל אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

חנה, יקותיאלס ווייב, האָט נישט שטאַרק געהאַלטן פון דעם איסור פונעם ועד ארבע ארצות, יידישע פרויען זאָלן זיך נישט קליידן רייך און נישט טראָגן קיין אויגן־אויפרייסנדיק צירונג. אונטער דעם באַשיידענעם דיק־וואָלענעם מאַנטל איז זי געווען אָנגעטון אין אַ שוואַרץ קלייד פון אָנגעדראַלענע שפּיצן, וואָס האָט זיך ביים האַלדז פאַרענדיקט מיט אַ קראַנץ פון דעם זעלבן טייערן איטאַליענישן שטאָף. אַ פינף רייזקער פּערלשנור האָט באַצירט איר יוסטן בוזעם. און באַלד ווי זי האָט אויסגעטון דעם מאַנטל האָט זי פונעם קלייד־טאַש אַרויסגענומען דריי טייערע רינגען מיט גרויסע העלע דימענטן און זיי אָנגעטון אויף די פינגער. חנה האָט געהאַט אַ שיין פּנים, מיט גרויסע וואַרעמע אויגן, אָבער איר הויכער לומדישער שטערן האָט צעמישט איר ווייבלעכקייט. דערצו נאָך האָט זי ביים רעדן געמאַכט העוויות און באַוועגונגען, ווי אַ מאַן ביים אַרויספּלאָנטערן זיך פון אַ חריפותדיק גמרא־פשטל. זי האָט גוט געקענט תנ״ך און געקענט לערנען אַ בלאַט גמרא אַן פּלפּול. נאָר צו איר מאַנס עוסק זיין אין קבלה האָט זי מורא געהאַט זיך צוצורירן. דאָרט איז סכנות נפשות. אַזוי אויך ווימלען אויף דער ערד מחנות שדים און רוחות און דבוקים, וואָס איז זיך גאָרנישט אָפּצויאָגן פון זיי. פעלן איר נאָך די שרעקהאַפטיקייטן פון קבלה. אַריינצוקומען „דאָרט אַהין״ דאַרף מען זיין אַ מאַנצביל באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס. קען אַ זעלנער מיט הוילע הענט גיין אויפן שלאַכט־פעלד?

איבער דעם לומדישן שטערן האָט חנה געהאַט אַ הויב פון פייערדיקע האָר, וואָס האָבן אַרויסגעפלאַמט פון אונטער אַ דינעם צודעק. דערמיט האָט זי אויסגעזען אַ סך העכער פון איר מאַן און עס האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט אים ביסלעכווייז פאַרברענט.

ר׳ יקותיאל איז געווען די העלפט פון זיין ווייב, מיט שמאָלע אַקסלען און בלוי־צעאָדערטע שלייפן, נאָר אויף זיין פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ דינער רויִקער שמייכל פון אַ מענטש, וואָס געפינט זיך אויף יענער־זייט פון נסיון. ווערדליק זיין עשירות איז ער געווען אָנגעטון באַשיידן. אַ פּערזענלעכע ציכטיקייט האָט געפּעכלט פון אים.

באַלד פון אָנהויב האָבן זיך די מענער געזעצט ביי איין עק פון דעם לאַנגן געדעקטן טיש, און די פרויען — באַזונדער, ביים צווייטן עק. ד״ר מאָנטאַלטאָ, וואָס איז געווען דאָ היימיש, האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס מיט אַרטאַפּאַנוסעס טעכטער. בתיה האָט אים געפרעגט, צי די לערע פון ניקאָלאַוס קאָפּערניקוס איז אַן אמת, אָדער זי איז נישט מער ווי פאַנטאַזיע. מרים, ווי זי וואָלט זיך געהאַט געוועט מיט איר שוועסטער, אַז דאָס איז אַ הוילע פאַנטאַזיע, האָט מיט געלעכטער אַלץ מבטל געמאַכט און אויסגערופן איבערשרייעריש:

„טאָמער וואָלט עס אמת געווען וואָלטן מיר אַלע יעדן טאָג צעהאַקט די קעפּ אינעם באַלקן. זאָג איך נישט ריכטיק, ד״ר מאָנטאַלטאָ?״

לאה האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט צו מרימען:

„קום, טאָכטער, וועסט מיר צוהעלפן דערלאַנגען צום טיש״.

מרים איז איר געהאָרכזאַם נאָכגעגאַנגען און לאה האָט שטראָפנדיק איר געזאָגט:

„איך האָב דיר שוין וויפל מאָל געזאָגט, אַז אין דער אָגוועזנהייט פון מענטשן זאָלסטו נישט לאַכן און נישט רעדן אַזוי הויך. וואָס וועלן די פרעמדע לייט טראַכטן וועגן אונדזער הויז? פּאַסט עס פאַר אַ יידישער טאָכטער?״

„בתיה רעדט נאַרישקייטן, אַז די ערד דרייט זיך און אַז יעדן טאָג גייען מיר מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף״, האָט מרים זיך פאַרענטפערט.

„לויט דעם ווי דו פירסט זיך אויף, גלויב איך, אַז דאָס געשעט אין דער מינוט, גראָד ווען מיר האָבן געסט״, האָט לאה איר אָפּגעענטפערט און באַלד צוגעגעבן: „נעם פאַרזיכטיק דעם גאָנשאָר מיט מעד און טראַכט נישט, אַז דו גייסט מיטן קאָפּ אַראָפּ״.

„עס פאַלט מיר גאָרנישט איין״, האָט מרים געכאַפּט דעם פולן גאָנשאָר מיט דער גאָלדענער פליסיקייט און אַוועק אין סאַלאָן.

ד״ר מאָנטאַלטאָ, דערזעענדיק דעם גאָנשאָר מעד אויפן טיש, האָט איבערגעריסן זיינע דערקלערונגען וועגן דער קאָפּערניקוס־לערע דורך באַווייזן מיט צוויי פויסטן, ווי איינע וואָלט געווען די זון און די צווייטע די ערד, און אויסגערופן:

„אָט צוליב דער משקה לוינט צו לעבן אויף דער פוילישער ערד!״

מיט אויסגעשפּרייטע הענט און מיט יוגנטלעכער אויפגעלייגטקייט האָט ער זיך דערנענטערט צום טיש און געזאָגט צו יקותיאלן:

„מען וועט מיך מסתמא שמייסן אויף יענער וועלט. די תאווה צו מעד קען איך נישט ביישטיין".

אַרטאַפּאַנוס האָט אין גרויסע גלעזערנע ליאַמפּקעס אָנגעגאָסן מעד, און ר׳ יקותיאל, נעמענדיק אַ ליאַמפּקע קעגן דעם ליכט פון אַ הענגלייכטער, האָט געזאָגט מיט אינערלעכער היץ:

„דאָס איז נישט קיין תאווה. אין מעד איז דאָ דער צירוף פון פלאים און התיחדות מיט דעם באַשעפער. דאָס ליכט פונעם מעד איז ווי דאָס ליכט פון אַ סומנער לקוי חמה; דורך דער ברכה דערהייבט מען זיך צו דער שכינה און אין דעם טעם פונעם מעד דערפילט מען גשמיותדיק דעם גייסטיקן תענוג פון דעם, וואָס גאָט האָט געהאַט ביים באַשאַפן די וועלט".

„איר וואָלט געדאַרפט שרייבן פיוטים", האָט זיך אָפּגערופן אַרטאַפּאַנוס און אויפגעהויבן די ליאַמפּקע צו אַ „לחיים".

„דאָס האָבן געטון אונדזערע ספרדישע ברידער; זיי האָבן עס בעסער געקענט. און אויף אונדז, אשכנזים, איז אויסגעפאַלן צו שרייבן קינות און סליחות", האָט ר׳ יקותיאל אַ קנייטש געטון מיטן שטערן.

„איז ריכטיק אַז איר פאַרנעמט זיך מיט קבלה?" האָט ד"ר מאַנטאַלטאָ געפרעגט און אָנגעשטעלט נייגעריקע בליקן אויף ר׳ יקותיאלן.

„ס׳איז ווי איר וואָלט געפרעגט אַ מאַן, וואָס טובלט זיך יעדן טאָג אין ים, צי ער פאַרנעמט זיך מיט ימים", האָט יקותיאל געענטפערט מיט באַשיידנקייט. „עוסק זיין אין קבלה קען בלויז דער, וואָס גיט זיך איר אָפּ אינגאַנצן. אויף דעם דאַרף מען זיין אויסגעטון פון דער וועלט. נישט פאַרנעמען זיך מיט די גיטער פון די טשאַרטאָריסקיס און ראַדזשיווילס און נישט פאַרנעמען זיך מיט קהלשע זאַכן. ביידע, די אַרענדע פון פירשטלעכע גיטער און יידישע צרות, זענען קייטן, וואָס שמידן צו צו דער ערד. קבלה האָט נישט צו טון מיט ראַדזשיווילס קנעכט און גזירות אויף יידן!"

אַרטאַפּאַנוס האָט אין ר׳ יקותיאלס ווערטער אַרויסגעפילט פאַרדרוס און ער האָט געזאָגט כלאחר־יד:

„אַ פייגעלע קען נישט לעבן בלויז פון שוועבן אין דער לופטן; עס מוז זיך אויך אַראָפּלאָזן צו דער ערד, נאָך אַ זשאַרנע שפייז און אַ טראָפּן וואַסער און נאָך אַ שטרויעלע צו פאַריכטן די נעסט".

„אָט דאָס איז עס", האָט ר׳ יקותיאל אָנגעוויזן מיטן פינגער, „עס ווענדט זיך נאָר, צי דאָס פייגעלע איז נישט צופיל אַריינגעטון אין די ערדישע זאַכן ביז די פליגעלעך ווערן שוואַך און עס קען מער נישט פליען. מען זאָגט, אַז אין דער צייט ווען אַ פויגל בריט אויס די אייעלעך און שפייזט שפּעטער די עופעלעך און לערנט זיי פליען, פאַרגעסט ער דערוויל אַליין צו פליען"...

„ערדישע גיטער זענען אויך נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט", האָט זיך אָפּגערופן ד"ר מאַנטאַלטאָ, „זיי גיבן גאָלדענע פליגל".

„דאָס איז אַ תאווה, וואָס ווייל אויף איר איז נישטאָ קיין לאו אין דער תורה,

פאַרשלינגט זי דעם מענטש", האָט ר' יקותיאל אַ וויש געטון מיט דער האַנט איבער זיין גרויסן שטערן, „אַז מען ווערט רייך, וויל מען נאָך און נאָך, נאָך אַן אַרענדע און נאָך אַ ברויעריי און נאָך פאַרדינסטן און נאָך פאַרדינסטן, און ווי די ראַדזשיווילס און טשאַרטאָריסקיס פאַרשיכורן און פאַרהולטייעווען זייער רייכקייט, אַזוי שמידט דער יידישער אַרענדאַר קייטן פאַר זיך אַליין. אַל תפתח פה לשטן. לויט דעם ווי איך קוק זיך צו צום שטייגער ביי מיר אין דער מדינה און ווייטער אויף פאָדאָליע, זע איך נישט קיין זין אין דער רייכקייט. הלוואי עס זאָל זיך גוט ענדיקן! צווישן דעם פאַן און דעם כאַם האָט נישט דעם יידס פּראַצע קיין האַפּט. וואָרום כאָטש דער ייד באַגייט זיך בעסער מיט די כאַמעס, ווי עס זענען זיך פריער באַגאַנגען די פאַנעס, איז דאָך דער צאָרן פונעם כאַם צום ייד גרויס. זייער גרויס".

„צו דעם האָט איר נישט קיין עצה", האָט זיך אָפּגערופן אַרטאַפאַנוס. „אויב שטאָטישע באַשווערן דעם יידישן האַנדל און מלאכה, מוזן יידן לעבן פון דעם וואָס מען לאָזט זיי יאָ. איבעריקנס, ווען יידן זאָלן אַפילו זיין מלאכים, גאַרנישט טון אויף דער ערד, נאָר פליען אין די הימלען, וואָלטן קריסטן קעגן זיי צוגעטראַכט גזירות פאַר מאַכן צופיל רעש מיט זייערע פליגל".

ד"ר מאַנטאַלטאָ האָט זיך פריי און יוגנטלעך צעלאַכט און די ווייבער ביים צווייטן עק טיש האָבן איבערגעריסן זייער אייגענעם שמועס און געקוקט צו די מענער.

„אַז מענער קומען זיך צונויף האָבן זיי שטענדיק פון וואָס צו לאַכן", האָט חנה גביריש אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ און אירע רויטע האָר האָבן אָפּגעשלאָגן מיט גלאַנץ.

ד"ר מאַנטאַלטאָ האָט ריטערלעך אַרויפגעלייגט די רעכטע האַנט אויפן האַרץ און געזאָגט מיט עלעגאַנץ:

„נישט פון רכילות. חלילה. דאָס האָט דער מעד פון לאה אַרטאַפאַנוס געמאַכט, אַז די נשמה זאָל זיך פרייען. אויסער דעם האָט דאָקטאָר אַרטאַפאַנוס געזאָגט זייער אַ קלוג וואָרט".

פון דאָקטאָר אַרטאַפאַנוס האָב איך שטענדיק ליב צו הערן", האָט בת־שבע צוגעהאָלפן איר מאַן מאַכן קאָמפּלימענטן פאַרן הויז.

„מעגן מיר אויך הערן?" האָט חנה נייגעריק געפרעגט.

אַרטאַפאַנוס האָט מיט באַשיידנקייט אויסגעשטעלט פאַר זיך די האַנט־פלאַך, ווי אַ צייכן, אַז ער וויל נישט צוויי מאָל איבערחזרן, און אַנשטאָט אים האָט איבער־געחזרט ד"ר מאַנטאַלטאָ. אויף דעם האָט חנה באַלד צוגעגעבן מיט אַ לומדישן טאָן:

„אפשר צוליב דעם קומען מלאכים מער נישט אַראָפּ פון הימל".

אַרטאַפאַנוס האָט אַ קנאַק געטון מיט צוויי פינגער:

„מלאכים האָבן אַ ברירה אויסצוקלייבן צווישן דער ערד פון קריסטן און דעם הימל פון גאָט".

„אַזוי ביז משיח וועט קומען" האָט חנה געזאָגט און זי האָט נישט באַהאַלטן איר שטאָלץ, וואָס זי קען זיך אַריינמישן אין שמועסן פון מאַנצבילן.

אינצווישן, אַז מען האָט שוין גערעדט וועגן הימל, האָט ד"ר מאַנטאַלטאָ דער־

ציילט, אַז מרים האָט אים געפרעגט וועגן דעם, צי די לערע פון ניקאָלאַוס קאָפּער־ניקוס איז אַ ריכטיקע און אומדירעקט האָט ער געוואָלט אַרויסבאַקומען פון ר׳ יקו־תיאלן, צי רבנים באַטראַכטן נישט די לערע ווי אַן אַפּיקורסות. ר׳ יקותיאל האָט מיט אַ ברייטער באַוועגונג גענומען זיין באָרד אין דער האַנט, ווי ער וואָלט זיך וועלן מיט איר האַלטן אַן עצה, און געזאָגט:

„אונדזערע רבנים זענען שטאַרק מחמיר, אַז גוייִשע לערעס זאָלן נישט אַריבער־טרעטן די שוועל פון אַ יידיש הויז. אַפילו דער רמב״ם שמעקט ביי זיי מיט זרות. נאָר וועדליק מיין איינזען איז אין דער לערע פון קאָפּערניקוס נישטאָ קיין אַפּיקורסות, אויב דאָס וואָס ער זאָגט איז ריכטיק. וואָרום די זון און די פּלאַנעטן און אַלע שטערן זענען די געטלעכע יצירה. דער באַשעפער האָט פאַר אונדז מער פאַרהוילן ווי ער האָט אַנטפּלעקט. און אויב אַ קריסט קומט און זאָגט פאַר אַ סגי נהור, אַז עס איז טאָג, איז לעכערלעך צו זאָגן, אַז עס איז נאַכט, נאָר דערפאַר ווייל אַ קריסט האָט עס געזאָגט. דער הייליקער „זהר״ זאָגט, אַז אין די צען ספירות פונעם כתר־אין־סוף ביזן מלכות־עולם־עשיה איז אַלץ מעגלעך. און מיר דאַרפן געפינען ס׳גרויסע רעטעניש. חכמת אַסטראָנאָמיע האָב איך נישט געלערנט, אויב אָבער מען זאָל קענען באַווייזן, אַז נישט די זון דרייט זיך אַרום דער ערד, נאָר פאַרקערט, די ערד דרייט זיך אַרום דער זון — מיט וואָסזשע זאָל עס זיין אַפּיקורסות? דער געטלעכער אמת איז קדושה״.

חנה, וואָס האָט צוזאַמען מיט אַלע זיך צוגעהערט צו די ווערטער, איז געווען צעפּלאָנטערט. איר מאַן איז טאַקע עוסק אין קבלה, וואָס צו איר האָט זי מורא זיך צוצורירן און צו פרעגן אַפילו. אַז זי האָט אָבער דערהערט פון זיין מויל די ווערטער, אַז עס איז מעגלעך, אַז די ערד דרייט זיך, איז זי שוין געווען אינגאַנצן אויסער זיך:

„וואָס הייסט די ערד זאָל זיך דרייען?״ האָט זי געפרעגט און געמאַכט מיט דער האַנט אַ קרייז און די שטיינער פון אירע רינגען אויף די פינגער האָבן דורכ־געבליצט.

„טאַקע אַזוי ווי איר האָט געוויזן״, האָט אַרטאַפּאַנוס נאָכגעמאַכט איר האַנט־באַוועגונג.

„מרים האָט פריער געפרעגט די זעלבע שאלה״, האָט זיך אָפּגערופן לאה און ווי זי וואָלט דערציילט אַ קוריאָז, האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שמייכל: „אונדזער טאָכטער האָט מורא, אַז אויב די ערד דרייט זיך, זאָל מען זיך נישט אָנקלאַפּן מיטן קאָפּ אין באַלקן״.

„וועגן דעם האָב איך אויך געטראַכט אין דער מינוט״, האָט זיך חנה מודה געווען.

„און אפשר איז דאָס אויך די סיבה פאַרוואָס מענטשן שטרויכלען זיך און פאַלן?״ האָט האַלב אין וויץ און האַלב אין ערנסט געפרעגט בת־שבע.

„אויב ר׳ יקותיאל האָט פריער אַזוי שיין גערעדט וועגן מעד, אַז אין אים איז דאָ דער צירוף פון פּלאִים און התיחדות מיטן באַשעפער, וועל איך דאָס באַווייזן מיט אַ כוס מעד״, האָט זיך אויפגעשטעלט ד״ר מאַנטאַלטאָ און אויפגעבונדן זיין גאַרטל.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדן צום דאָקטאָר, ווי ער וואָלט זיך געגרייט באַווייזן אַ כישוף. ער האָט גענומען דעם כוס, פון וועלכן ער האָט פריער געטרונקען, צוגעגאָסן צו אים אַביסל מעד, אַרומגעבונדן אַרום העלדזל פון דעם כוס דעם עק פונעם גאַרטל און זיך אַרומגעקוקט:

„איך וואָלט וועלן, אַז די שיינע טעכטער זאָלן זיין דערביי".

אַרטאַפּאַנוס איז געגאַנגען אַריינרופן די טעכטער און אויך די צוויי זין זענען אַריינגעקומען זען וואָס פאַר אַ קונצן ד"ר מאַנטאַלטאַ גרייט זיך ווייזן. ביי דער געלעגנהייט, כדי אַביסל צו ווײַלן דעם עולם און צו שטאַרקן זייער נייגער, האָט מאַנטאַלטאַ, ווי אַ קונצנמאַכער אויפן מאַרק, פאַרלייגט די אַרבל, פאַרבויגן אַ ברעג פון אַ טעפּיך און אַלע בליקן האָבן נאָכגעפאָרשט זיינע באַוועגונגען, צי ער גייט נישט מאַכן שוואַרצקינצלעריי. דערנאָך האָט ער אַרומגעוויקלט דעם גאַרטל אַרום זיין האַנט און אַ לאָז געטון דעם כוס מיט מעד אין אַ קרייז־באַוועגונג. דער כוס מיט מעד האָט זיך געדרייט, געדרייט און נאָך אים זענען מיט פאַרבליפונג נאָכגעלאָפן די ווייבערישע אויגן, מרים האָט געהאַלטן אַ פינגער אין מויל, אויס מורא דער מעד זאָל זיך נישט אויסגיסן — גאַרנישט האָט זיך אויסגעגאָסן. נאָר צום סוף, ווען ד"ר מאַנטאַלטאַ האָט שוואַכער געמאַכט די קרייז־באַוועגונג און אָנגעכאַפּט דעם כוס, האָט זיך אַביסל מעד פאַרגאָסן אויפן דיל און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט:

„דאָס וואָס עס האָט זיך איצטער פאַרגאָסן, איז אויך אַ צייכן, אַז טאָמער זאָל די ערד אויף אַ רגע זיך אַמאָל אָפּשטעלן, וועלן זיך אַלע ימים אויסגיסן, נאָר כל־זמן זי דרייט זיך ווי גאָט האָט זי געלאָזט אין באַוועגונג, וועלן מיר זיך נישט צעקלאַפּן די קעפּ אין באַלקן". דאָס לעצטע האָט ער געזאָגט צו מרימען און בתיה האָט טריומפירט.

„פאַרוואָס זענען מיר נישט משיג, אַז מיר באַוועגן זיך?" האָט ר' יקותיאל געפרעגט.

„ווייל מיר באַוועגן זיך מיט דער זעלבער שנעלקייט, מיט וועלכער דער כדור הארץ באַוועגט זיך. אָבער מיר זעען יאָ, אַז מיר באַוועגן זיך צוזאַמען מיט דער ערד. אין דער זון זעען מיר עס בייטאָג, און ביינאַכט זעען מיר עס אין די שטערן. אונדז דאַכט זיך, אַז זיי דרייען זיך אַרום דער ערד און אין דערווירקלעכקייט איז עס פאַרקערט".

חנה האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף איר הויכן לומדישן שטערן און פרום אַ קרעכץ געטון:

„אָך, עס האָט זיך מיר פון דעם אַלעמען פאַרדרייט דער קאָפּ; מיר דרייען זיך, הייסט עס, אַלע, און האָבן גאַרנישט דערפון געוווסט? אָ, ווי גאָט האָט עס באַשאַפן זיין וועלט! די וועלט איז פול מיט זיינע וווּנדער".

„גלויבט איר אַז דאָס אַלץ איז ריכטיק, דאָקטאָר מאַנטאַלטאַ?" האָט שבתאי הכנעהדיק געפרעגט.

אַרטאַפּאַנוס האָט אַ קוק געטון אויף זיין זון, געוואָלט אים ענטפערן, באַלד אָבער האָט ער זיך באַהערשט. ער האָט נישט געוואָלט זיין דער בעל וויכוח מיט זיין אייגענעם זון אין דער קעגנוואַרט פון געסט.

ד״ר מאָנטאַלטאָ האָט געענטפערט:

„גלויבן גלויבט מען נאָר אין גאָט, מיין ליבער זון; אין וויסנשאַפט גלויבט מען נישט. מיט וויסנשאַפט איז איינס פון דיביידע: אָדער מען שטעלט זי פעסט פאַר ריכטיק, ענטוועדער מען לייקנט זי אָפּ. פאַר יעדן פון די צוויי פאַלן דאַרף מען האָבן באַווייזן. פאַר דעם, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון און נישט נאָר די ערד, נאָר אויך אַנדערע פּלאַנעטן, זענען פאַראַן באַווייזן מיט מאַטעמאַטישע חשבונות״.

„פאַרוואָס זשע האָט די אינקוויזיציע אין רוים געפּייניקט דעם איטאַליענער... ווי האָט ער געהייסן?״ האָט זיך שבתאי געוואָלט דערמאָנען.

„דזשאָרדאַנאָ ברונאָ״ האָט אים אַרטאַפּאַנוס אַרויסגעהאָלפן.

„ריכטיק... דזשאָרדאַנאָ ברונאָ... ווי אַ כישוף־מאַכער, דערפאַר וואָס ער האָט געלערנט, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון און נאָך געגאַנגען ווייטער פון קאָפּערניקוס?״

ד״ר מאָנטאַלטאָ האָט פאַרשעריש אַ קוק געטון אויף ר׳ יקותיאלן, זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט נישט געוווּסט פון וואָס אָנצוהייבן פריער, און געזאָגט:

„עפּעס אַזוי אין אָנהויב דרייצנטן יאָרהונדערט האָט דער פאַרשטייער פון דעם פויפּסט אינאָקענטיוס דעם דריטן, אין בעזיע, אָדער אין אַן אַנדער שטאָט אין דרום־פראַנקרייך, אויב איך מאַך נישט קיין טעות האָט ער געהייסן אַרנאָלד, געזאָגט צו די קירכלעכע תלינים: ,איר פאַרברענט יעדן וואָס קומט אין אייערע הענט און גאָט אין הימל וועט שוין מאַכן אַ סעלעקציע אויף זייניקע און נישט־זייניקע׳. פאַר דער קירך איז יעדער אמת וואָס שטימט נישט מיט איר שקר — אַפּיקורסות. דאָס באַווייזט, אַז איר גאַנצער בנין איז געבויט אָן אַ פונדאַמענט. יידן האָבן נישט מורא צו פאָרשן און זוכן גאָטס אמת. הגם גאָט האָט געגעבן די תורה אויפן הר סיני, האָבן פון דעסטוועגן די נביאים אויסגעטייטשט גאָטס וואָרט. און אמוראים און תנאים האָבן מפרש געווען גאָטס תורה אין תלמוד. און דער רמב״ם איז געגאַנגען נאָך ווייטער אויף צו דערקענען דעם אמת פון גאָט און ער האָט אים געוואָלט דערקענען מיטן שׂכל. זענען געקומען אַנדערע און געזאָגט, אַז נישט דורך דער קאַלטקייט פון שׂכל און נישט דורך דער האַרבקייט פון דעם תלמוד און זיין פּלפּול קען מען דערגיין צו דער התגלות פון דעם באַשעפער און זיינע וווּנדער. זענען געקומען די מיסטיקער און דורך דער קבלה זענען זיי אַריינגעדרונגען אַהין, ווו קאָפּערניקוס און ברונאָ זענען אַריינגעדרונגען דורך וויסנשאַפטלעכער דערקענטניש״...

איצט האָט ד״ר מאָנטאַלטאָ אַ קוק געטון אויף ר׳ יקותיאלן און שנעל זיך אַ קערעווע געטון:

„אונדזער געלערנטער פריינט, ר׳ יקותיאל, האָט דאָ געזאָגט, אַז אין דעם הייליקן ספר „זהר״ דערציילט זיך וועגן די צען ספירות... איך האָב דעם ספר נישט צו טיף געלערנט. וועל איך בעטן מיר פאַרבעסערן אויב איך וועל מאַכן אַ טעות... מעג איך אייך בעטן, ר׳ יקותיאל?... די ספירות פון „זהר״ זענען נישט עפּעס אַנדערש פון ספערעס. די ערשטע ספירה אין „זהר״ איז דער אין־סוף, דער ערשטער שעפערישער כוח, דאָס אומבאַגרייפלעכע. די ניינטע ספירה איז „יסוד״, דער יסוד

פאַר דער העכסטער באַשאַפונג, דעם מענטש — דאָס איז די ספּערע, ווי זי ווערט פאַרשטאַנען אין גריכיש, די ערד אין איר באַציִונג צו גאָט. אָט אין דער ספּערע האָבן עוסק געווען קאָפּערניקוס און ברונאָ און אויסגעפונען וואָס זיי האָבן אויס־געפונען, אַז אונדזער ערד דרייט זיך אַרום דער זון אין דעם אין־סוף. אַזוי אַרום איז די קבלה דורך האַרץ־אָפּפילונגען פאַרויסגעלאָפן די ווינסנשאַפט. איך בין זיכער, אַז פונקט ווי די קבלה האָט נאָך נישט אויסגעפונען אַלע וועגן צו גאָט, אַזוי האָט נאָך די ווינסנשאַפט נישט אויסגעפאָרשט אַלע סודות פון די ספּערעס״.

ד״ר מאַנטאַלטאָ האָט פּלוצים איבערגעריסן און פאַרזשמורענדיק די אויגן צוגעגעבן:

„ווען מען זאָל קענען אַזוי איינשלאָפן אויף אַ פּאָר הונדערט יאָר און דאַן זיך צוריק אויפכאַפּן, כדי צו זען וויפל סודות דער מענטש איז דערגאַנגען אויף זיין וועג צו דערקענען גאָט״.

„גאָט צו דאַנקען וואָס דו האָסט דאָס אַלץ נישט געזאָגט פון דעם בעלעמער פון דער מהרש״ל־שיל!״ האָט אויסגערופן אַרטאַפּאַנוס, „די רבנים וואָלטן דיך אַריינגעלייגט אין חרם פאַר אַפּיקורסות. נו, נו, אַזעלכע ווערטער!״

„האָב איך געזאָגט אַפּיקורסות?״ האָט זיך ד״ר מאַנטאַלטאָ געוואָנדן צו ר׳ יקותיאלן.

ר׳ יקותיאל האָט זיך ווידער שאול־עצה געווען מיט זיין שיינער באָרד און דין געשמייכלט:

„ווען מען גייט אויף שאַרפן אייז אין אַ שטאַרקן פראָסט, קען מען לייכט צעקלאַפּן דעם קאָפּ אַפילו ווען די פיס זענען זיכער מיט זיך. אין אונדזער צייט פון סכנות נפשות פאַר יידן, עלילת־דם, האַנדלס־גזירות, נגישות פון די שטאָט־לייט וכדומה, איז געפערלעך אָפּצווענדן יעדע מחשבה פון דער יידישער אחדות, ווי ס׳איז געפערלעך אָפּצווענדן די מחשבה, ווען מען גייט אויף שאַרפן אייז. לערנען דעם רמב״ם און עוסק זיין אין קבלה ווי אויך אין זאַכן, וואָס איר האָט גערעדט וועגן זיי, זענען בלויז פאַר יחידי סגולה, וואָס גאַרנישט קען זיי אַראָפּפירן פונעם גלייכן וועג״.

„איך ווייס נישט, צי עס וואָלט געווען אַ קרומער וועג, יידישע בחורים זאָלן ווינציקער צייט אַוועקגעבן פאַר פלפול און האַרשפּאַלטעריי אין תלמוד און אין דער צייט לערנען מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע״, האָט געזאָגט אַרטאַפּאַנוס, „דאָס ברייטערט אויס די מחשבה״.

„פלפול שאַרפט דעם מוח, דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס״, האָט ר׳ יקותיאל געזאָגט באַדאַכט, „דער שאַרפער מוח איז אונדזער שווערד אין מלחמת הקיום. יידן אין ספרד האָבן זיך פאַרנומען מיט פילאָזאָפיע און שירה ווען די יידן האָט דאָרט נישט געדראָט קיין סכנה. איז עס ריכטיק, דאָקטאָר מאַנטאַלטאָ?״

מאַנטאַלטאָ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

„דאָס איז ריכטיק. אָבער די יידן אין שפּאַניע זענען קיינמאָל נישט געווען אַזעלכע סכלאַפּטיקער, ווי עס זענען די פוילישע יידן״.

„ס׳איז אמת״, האָט זיך אומדרייסט אָפּגערופן דער יונגער יצחק, „צו פאַר־

ענטפערן אַ קשיא אין אַ הלכה דאַרף מען זיך האַלטן ביי דער הלכה און די מפורשים. ביי אונדז אין אַזאַ פאַל פאַרשיט מען די סברה מיט אַ באַרג פּשטלעך און דרינגענישן, כדי שפּעטער דעם באַרג צו שפּאַלטן און צו דערגיין צו דעם, צו וואָס מען האָט באַלד פון אָנהויב געקאָנט לייכט דערגיין״.

„אָט־אָט, דאָס האָב איך געמיינט !״ האָט אויסגערופן ד״ר מאָנטאַלטאָ.

„דאָס וועלן מיר נישט איבערמאַכן״, האָט ר׳ יקותיאל געטרייסלט מיטן קאָפּ, „דעם שטייגער האָבן איינגעפירט רבי יעקב פּאָליאַק און רבי שלום שכנא, זכרון צדיקים לברכה, און קיינער וועט נישט נעמען אויף זיך מחדש צו זיין אַ נייעם שטייגער אין לערנען. אויף דעם דאַרף מען גאונים, מיט וועלכע אונדזער תקופה דאָ, אין פּוילן, איז נישט געבענטשט״.

„אונדזערע קינדער האָבן זייער ליב דעם ‚חלוק׳״, האָט זיך אָפּגערופן חנה, „און אַפילו אין דער היים זענען זיי זיך אָפּט מתווכח מיטן פאָטער״.

ווי זיין ווייב וואָלט אויסגעזאָגט אַן אינטימען סוד פון זיין היים, האָט ר׳ יקותיאל זיך געדרייט אויפן זעסל און געזאָגט מיט באַשיידנקייט:

„עלעהאַי זאָל איך לייקענען, אין ‚חלוק׳ איז פאַראַן עפּעס ענלעכס צו שאַך־שפּיל. די גוים להבדיל גייען אין וואַלד אויף ווילדס, פירן מלחמות, טראַכטן צו אכזריותדיקייטן אויף יידן, און אונדזער פאַרגעניגן איז אַ ‚חלוק׳, אַ פּאַרטיע שאַך, אַ שטיקל ‚זהר׳, איז עס נישט גליין אַזוי ?״

„זיכער, זיכער !״ האָט אויסגערופן ד״ר אַרטאַפּאַנוס, אָבער פאַרגעסט נישט, אַז יידן דאַרפן אויך האָבן געלערנטע אין אַסטראָנאָמיע, אין פיזיק, אין פילאָזאָפיע און מאַטעמאַטיק״.

„פאַרלאָזט נישט דער באַשאַפער אין הימל״, האָט ר׳ יקותיאל אויפגעהויבן ביידע הענט, „אָט זיצן מיר דאָ מיט צוויי יידישע דאָקטוירים. און ווי איך האָב געהערט איז אייער בכור אין פּאַדואַ״.

„אַזש אין פּאַדואַ ?״ האָט חנה אָנגעשטעלט איר פּנים אויף לאהן.

לאה האָט מיט שטאָלץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

„מיין שכנא גייט אין פאָטערס דרכים. ער האָט זיך געריסן צו דעם״.

„נאָך צוויי פיינע יידישע קינדער פון דאַנען לערנען דאָקטאָריי אין פּאַדואַ״, האָט צוגעגעבן אַרטאַפּאַנוס.

„דאָס איז ווייניק, ווייניק״, האָט געזאָגט ד״ר מאָנטאַלטאָ, „צו אַזוי פיל קראַנק־קייטן און ווילדע איינגלויבענישן, אַז שפּרוכן היטן אַפילו פון קאַלטונס, וואָלט מען געדאַרפט הונדערטער יידישע דאָקטוירים. זיי וואָלטן געהיילט, וואָלטן געלערנט ווי אומצוגיין זיך מיט קראַנקע און ווי צו האַלטן ריין די הייזער״.

חנהן האָט געברענט די צונג. זי האָט געוואָלט זאָגן, אַז זי ווייסט אויך עפּעס. אַזוי ווייסט זי, אַז קאַלטון האָט גאָרנישט צו טון מיט דאָקטאָריי. אַז אַ שד זעצט זיך אַמאָל אָן אויף אַ קינדס קעפּל, פאַרקאָלטונט ער די האָר אַ גאַנצע נאַכט אַז אין דער פרי קען מען די האָר מער נישט צעקעמען. און אַז מען שערט, חלילה, אָפּ דעם קאָלטון שטאַרבט דאָס קינד במשך פון דעם יאָר, אָדער עס ווערט אַ קריפּל. און וואָס

האָט צו טון אַ שוואַנגערדיק ווייב מיט דאָקטאָריי, אויב זי גייט אַרויס פון שטוב אַן אַ פאַרטעך און די שדים זעצן זיך אַן אויף איר? און וואָס האָט צו טון דאָקטאָריי מיט אַ דיבוק, וואָס אויב חלילה ער כאַפּט זיך אַריין אין מענטש, דאַרף ער האָבן ניסים? און וואָס קען העלפן אַ דאָקטאָר קעגן אַן עין־הרע? זי וואָלט דאָס אַלץ געפרעגט דעם קלוגן ד״ר מאָנטאַלטאָ און זי וואָלט אויף דעם אַלעמען געהאַט אַן ענטפער. נאָר זי איז צוגאַסט ביים ד״ר אַרטאַפּאַנוס און ס׳איז נישט אָנגענומען, אַ ווייב זאָל זיך צופיל מישן אין וויכוחים צווישן מאַנצבילן. זי וואָלט אים געוויזן, אַז נישט אַלע ווייבער זענען פאַרבאַביעט. זי קען חומש מיט רש״י און זי וואָלט אים געוויזן!

נאָר ווייל חנה האָט נישט געקענט אַרויסזאָגן וואָס עס איז איר געלעגן אויפן האַרץ, האָט זי זיך אַביסעלע אָנגעבלאָזן און זי האָט געבעטן ביי לאה, זי זאָל זיין אַזוי גוט און איר געבן אַ שלוק וואַסער, וואָרום זי פילט, אַז עס קלייבט זיך איר צו שלוקערצן. מסתמא דערמאָנען זי איצט די קינדער אין יעראָסלאַוו...

קאַפּיטל דריי

צוליב איר איבערגעגעבנקייט צו דער משפּחה אַרטאַפּאַנוס, האָט בריינדל די איינגייערקע פֿאַרקאָכט אַן עסק. זי האָט עס מיטן גאַנצן האַרצן נישט געוואָלט. זייט אַ פּאָר וואָכן האָט זי עס געדריקט אין זיך, נאָר וויפֿל איז דער שיעור? זי אַליין איז טאַקע פֿון אַ געמיינער משפּחה: איר פֿאָטער, עליו השלום, איז געווען אַ וואַסער־טרעגער און איר מאַן, עליו השלום, איז געווען אַ שינדלער און צוויי פֿון אירע זין זענען בעקער־יונגען. איז עס פֿון גאָט. און ווי גאָט סילוקט יעדן זיינס — דאַרף מען אים לויבן און שעצן. אָבער אַז יצחק, דעם דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוסעס זון, זאָל פֿאַרקנעטן טייג ביי פֿישל דעם בעקער — אַזאַ זאַך איז נאָך נישט געהערט געוואָרן זייט די וועלט שטייט. אויך די איידעלע לאה האָט עס נישט פֿאַרדינט, איר אייגן קינד זאָל איר אַזוי פֿאַרשוואַרצן דאָס פּנים פֿאַר מענטשן. בעת בריינדל האָט וועגן דעם געהערט פֿון איר אייגענעם זון, איז איר דאָס האַרץ איינגעפֿאַלן. ווען זי זאָל נישט קענען איר מנחמען ווי אַ וויל קינד, וואָס כאָטש אַ בעקער־יונג לאָזט ער נישט אַרויס פֿון מויל קיין קרום וואָרט, וואָלט זי אויף אים אויסגעבייטלט אַלע וויסטע חלומות. נאָר איר מנחם וועט, חלילה, נישט אויסטראַכטן. אַז ער האָט געזאָגט, אַז יצחק דעם דאָקטאָרס קנעט טייג ביי פֿישלען, האָט ער עס געזאָגט אויף נישט אַן האַרץ־ווייטיק. האָט בריינדל עס געדריקט אין זיך, געדריקט אין זיך, ביז עס האָט פֿון איר אַרויס־געשפּאַרט. און ס׳איז אַרויסגעקומען אַזוי ווי בריינדל וואָלט געהאַט אַ טענה צו לאהן, הלמאי זי דערלאָזט איר יצחקל זאָל ווערן אַ בעקער־יונג.

לאה האָט אייגנטלעך נישט געוווּסט וואָס בריינדל וויל פֿון איר. יעדן טאָג, ווען זי קומט פֿון יענער זייט מויער, איז זי אַזוי פֿול מיט מעשׂיות וועגן דעם וואָס עס טוט זיך ביי דעם און ביי יענעם, אַז לאה, וואָס האָט נישט געקענט די מענטשן וועגן וועלכע זי האָט דערציילט, האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף איר מענה לשון. אַזוי אויך האָט זי דאָס מאָל פֿאַרהערט, אַז בריינדל דערציילט וועגן איר יצחקן. דאָס האָט שוין בריינדלען אַרויסגעבראַכט פֿון די כּלים און זי האָט אַ פֿרעג געטון לאהן:

„און דער האַר ווייסט וועגן דעם?“

„וועגן וואָס?“ האָט זי לאה אָנגעקוקט.

„נו, אַז אייער יצחק קנעט טייג ביי פּישל דעם בעקער, נישט געדאַכט זאָל עס ווערן", האָט ברײַנדל מיט גרויס צער באַוויגן מיט די ליפּן אַהין און אַהער.

לאה האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען.

„אַוודאי, היינטיקע צייטן: דער טאַטע אַ דאָקטאָר און דער זון אַ בעקער".

לאה האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין. און אַז ברײַנדל האָט דעם ענין אַרומגערעדט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, האָט לאה געלאַכט, געלאַכט און געלאַכט און מיט איר געלעכטער אָנגעשטעקט ברײַנדלען און אויך זי האָט געלאַכט. נאָר פּלוצים האָט זיך די אײַנגײַערקע געכאַפּט פון וואָס זי לאַכט און זי האָט אָפּגעהאַקט מיט צאָרן:

„צו מײַנע שונאים זאָל עס אויסגיין!"

שפּעטער, ביים עסן, ווען די גאַנצע משפּחה איז געזעסן ביים טיש, האָט לאה אין גוטן געמיט דערציילט מיט וואָס ברײַנדל איז דעם טאָג געקומען. די מוטער האָט עס דערציילט אַזוי אומגעריכט, אַז יצחק, וואָס איז נישט געווען צוגעגרייט דאָס צו הערן, האָט זיך פאַרלוירן און רויט געוואָרן, בעת אַלעמענס אויגן האָבן זיך געוואָנדן צו אים. אַרטאַפּאַנוס האָט לענגער אָנגעקוקט דעם זון, פון וואָס יצחק האָט פאַרשטאַנען אַז ער קען נישט אָפּקומען מיט שווייגן. נאָך אַ ווײַלע האָט ער האַלטנדיק דעם קאָפּ איבערן טעלער, ווי דאָס עסן וואָלט ביי אים געווען וויכטיקער, געזאָגט לייכט:

„ברײַנדל האָט נישט אויסגעטראַכט. די בעקעריי איז נעבן קליינעם מאַרק. איך האָב געזען ווי דער בעקער און זײַן יונג קנעטן. איך האָב געוואָלט זען, צי דאָס איז שווער און דער בעקער האָט מיר געלאָזט אַביסל קנעטן. פיר מאָל האָב איך עס געפּרוּווט. אין דער בעקעריי איז זייער פריילעך און עס שמעקט מיט פרישׁ געבעקס".

לאה האָט באַדויערט וואָס זי האָט געלאַכט פון ברײַנדלס דערציילונג, אָבער אַרטאַפּאַנוס האָט דעם זון פאַרשטאַנען. ס'איז אים אַפילו געפעלן. ס'איז אַ סימן פון יוגנטלעכן נײַגער, אַ מרידה קעגן דעם איינטאָניקן שטייגער. ער אַליין, ווען ער זאָל זײַן יונג, וואָלט נישט געקענט פירן אַזאַ רויִקן שטייגער. ער וואָלט זיך אַפילו אַרויסגעריסן צו יאָגן טויבן, צו רייטן אויף אַ פערד. נאָר ביי יידן איז עס דאָך ווי שינדן אַ נבלה. דאָך, ווײַל ער האָט געזען די פּלוצימע ענדערונג אויף לאהס פּנים, האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט:

„דאַרפסט נישט טון אַזעלכע זאַכן. ביסט נישט גענוג דערוואַקסן צו פאַרשטיין, אַז לײַטישע מיילער מאַכן פון אַ זעמדל אַ באַרג".

יצחק האָט נישט געענטפערט. ער האָט מורא געהאַט, אַז טאָמער וועט ער זאָגן עפּעס מער פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט, וועט ער זיך אויסגעבן, אַז ער האָט נישט געזאָגט דעם גאַנצן אמת.

בעת די יעזוִיטישע סטודענטן האָבן מיט וואָכן צוריק זיך געוואָלט לוסטיק מאַכן איבער יידן אין דער געגנט פון דער ישיבה, אין דער יידנשטאָט, און זיי זענען צעטריבן געוואָרן פון ישיבה־בחורים, איז יצחק געקומען צום טומל צו שפּעט. ער האָט זיך געפונען אויפן קליינעם מאַרק, ווו עס האָט געווילדעוועט דאָס פערד,

וואָס די ישיבה־בחורים האָבן אויסגעשפּאַנט פון דעם הויפּישן שליטן, מיט וועלכע די סטודענטן זענען אַריינגעפאָרן אין דער יידנשטאָט. אין בהלה איז דאָס פערד געלאָפן ווו די אויגן האָבן עס געטראָגן, זיך אָנגעקלאַפּט אין סטראַגאַנעס און זיך געטראָגן האַרט ביי די טירן פון הייזער. זענען מענטשן, אין שרעק פון צעטרעטן ווערן פונעם פערד, אַנטרונען אין די אָפענע טירן. יצחק איז אַריין אין פישלס בעקעריי. ס׳האָט אים פאַרשלאָגן דער ריח פון פרישן געבעקס און די וואַרעמקייט, אַנטקעגן דער ווינטערדיקער קעלט אין דרויסן. אינעם אויוון האָט געקנאַקט אַ העלישער פלאַם. איבער אַ דייזשע האָט אַ פאַרמעליקטער יונג מיט האַריקע אָרעמס געקנעטן אין אַ באַרג טייג, ווי ער וואָלט געקנעטן אין ווייס לעבעדיק לייב. פון דער דייזשע האָט זיך געטראָגן אַ זינלעכע זויערקייט. נעבן אויוון, אויף דער קנעט־באַנק, האָט פישל געריסן שטיקער פון אַן אַנדער באַרג טייג, יעדעס שטיק אַ וואָרף געטון אין דער לופטן אַזוי קונציק, אַז ווען ס׳איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער באַנק איז עס שוין געווען כמעט אַ פאַרטיקע בולקע. ער האָט מיט די פינגער אַ קוועטש געטון אין דעם טייגל, עס זאָל באַקומען אַ פול געשטאַלט, און עס אַוועקגעשאַרט פון זיך, און אָפּגעריסן אַ נייעם שטיק.

„אַז יידישע הענט זענען נישט אין קימפּעט, וואָיעווען נישט די גוישע סטו־דענטן", האָט פישל געזאָגט אַן אויפגערודערטער. „ביי מיר וואָלטן זיי אַרומגעלאָפן ווי דאָס פערד".

יצחק איז געווען פויל צו ענטפערן, כאָטש ער האָט געוואָלט ענטפערן, כדי דאָ וואָס לענגער צו בלייבן. אין די לופטיקע באַוועגונגען פונעם פלאַם אין אויוון און אין פישלס קונציקן וואַרפן שטיקער טייג אין דער לופטן, איז געווען עפּעס וואָס האָט אים נישט געלאָזט אַוועקגיין. פלוצים האָט דער יונג ביי דער דייזשע אַרויסגעהויבן מיט איין מאָל דעם גאַנצן באַרג טייג און אים איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט מיט אַזאַ לייכטקייט ווי דער טייג וואָלט גאָרנישט געווויגן.

„קען איך ביי אייך קריגן אַ טרונק וואַסער?" האָט יצחק געזאָגט צום בעקער, מער ווי אַן אויסרייד אויף נאָך צו בלייבן דאָ, איידער ס׳האָט זיך אים געוואָלט טרינקען.

„אַפילו אַ גאַנצע שעפ!" האָט געענטפערט פישל, און נישט אָפּקערנדיק זיך פון דער קנעט־באַנק, גערופן: „סערקעלע, סערקעלע, ברענג אַריין די ריינע שעפ!"

„וואָס זאָל איך ברענגען?!" האָט זיך דערהערט אַ מיידלשע שטים פון ערגעץ הינטערן אויוון.

„אַ ריינע שעפ ברענג אַריין!" האָט פישל איבערגעחזרט העכער.

אין דעם שמאָלן דורכגאַנג צווישן דעם אויוון און דער וואַנט האָט זיך מיט אַ קרעכץ געעפנט אַ טיר און יצחקן האָט זיך שפּעטער אויסגעדאַכט, אַז דאָס האָט ער אַ קרעכץ געטון פון דעם, וואָס ער האָט געזען: האַפּסלענדיק און מיט קאַמישע באַוועגונגען האָט אַ יונג מיידל געטראָגן פאַר זיך אַ גרויסע צינערנע שעפ. ווען זי האָט פון דער טיפונג צווישן דער וואַנט און אויוון דערזען יצחקן אין דעם ליכט, וואָס פון די פלאַמען אין אויוון, איז זי שטיין געבליבן אומבאַוועגלעך, מיט אַ פאַרבליפט קינדיש־צעשפּילט פּנים, נאָר אומבאַוועגלעך. ביי דער אָפענער טיר

הינטער איר האָט זי אויסגעזען ווי אַ לעבעדיק בילד אין אַ ראָם, מיט צוויי שוואַרצע דיקע צעפּ פאַרוואָרפן אויף פאָרנט, גרויסע פריילעכע אויגן, פולע אויפגעשטאַרצטע ליפּן און די שעפּ אַראָפּגעלאָזט נידעריקער צום בויך. זי האָט אויסגעזען אַזוי היימיש, אַז ס'איז אים אַדורך אַ מחשבה: „יעקבס טאָכטער". ס'האָט געדויערט נישט מער ווי אַן אויגנבליק און דאָס מיידל האָט געפרעגט:

„טאַטע, פאַר וועמען די שעפּ?"

„גיב דעם יונגנמאַן אַ טרונק", האָט דער פאָטער געענטפערט, נישט אָפּרייסנדיק זיך פון זיינע טייגלעך.

דער בעקער־יונג ביי דער דייזשע האָט זיך אויסגעגלייכט מיט זיינע פאַר־מעליקטע הענט און פון אַ זייט געקוקט אויף סערקעלען, ווי זי בייגט זיך איבער איבער אַ פאַס אויף אָנצושעפּן וואַסער. אין קעגנוואַרט פון דעם בעקער־יונג און דעם פאָטער איז יצחק נישט געווען דרייסט נאָכצוקוקן דאָס מיידל, ביז זי האָט אים מיטביידע הענט דערלאַנגט אַ פולע שעפּ וואַסער, וואָס האָט זיך איבערגעגאָסן איבער די ראַנדן און זי האָט געקוקט אויף אים מיט אירע פריילעכע אויגן, ווי זי וואָלט וועלן ער זאָל זיך פאַרגעסן. ער האָט מיט ביידע הענט אָנגענומען די שעפּ און גלייכצייטיק מיטן צוזאַמענטרעפן זיך מיט אירע פינגער, האָט ער זיך באַגעגנט מיט איר בליק. די הענט האָבן אים געציטערט. און ווען זי האָט נאָך געהאַלטן אירע הענט אַרום דער שעפּ, האָט ער אָנגעבויגן דעם קאָפּ אָפּצוטרינקען דאָס וואַסער פון די ראַנדן. זי האָט אירע הענט נישט אַוועקגענומען און ער איז געווען אַזוי נאָענט צו איר פּנים, אַז ער האָט געזען אַרום איר נאָז אַ ים פון זומער־שפּרענקעלעך, וואָס זענען געווען פּונקט אַזוי שטיפעריש ווי אירע אויגן. אין דער רגע האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז טאָמער לאָזט זי אָפּ די הענט פון דער שעפּ, וועט ער די שווערקייט נישט אויסהאַלטן, די שעפּ וועט אַראָפּפאַלן און ער וועט ווערן לעכערלעך אין אירע אויגן. האָט ער נישט ווילנדיק אַ דריק געטון מיט זיינע פינגער אירע פינגער און איר פּנים האָט זיך צעלויכטן מיט אַ צאַרט אינערלעך ליכט, וואָס ער האָט ביז דעמאָלט נישט געקענט. ער האָט דאָס ליכט נישט געוואָלט פאַרלירן און דעריבער האָט ער געהאַלטן זיינע ליפּן אויפן ראַנד פון דער שעפּ און מער געטרונקען דעם ריח פון איר פּנים ווי דאָס וואַסער פון דער שעפּ.

„האַ, האַ!" האָט אויסגערופן דער בעקער־יונג, „דורשטיק ווי אין אַ חמימה און נישט ווי אין אַ ווינטערדיקן טאָג".

סערקעלע האָט צוגעכאַפּט אירע הענט מיט אַ באַוועגונג, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעבריט און יצחק איז געבליבן מיט דער קוואָרט ביי די ליפּן אין אַן אומגעע־לומפּערטער פּאָזע. האָט ער שנעל די קוואָרט אַוועקגעשטעלט אויפן פאַס־ברעטל און אַ בויג געטון דעם קאָפּ.

„אַ יישר כוח".

„צום געזונט", האָט סערקעלע געענטפערט און זיך אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אין דער קנעט־באַנק.

„אפשר גלוסט זיך אייך פאַרקנעטן אַ דייזשע?" האָט געצל דער בעקער־יונג

געפרעגט יצחקן, צי אויס אייפערזוכט, צי כדי צו מאַכן אַ וויץ. „ס׳איז שווערער ווי אויסצוקנעטן אַ בלאַט גמרא״.

יצחק האָט געפילט, אַז ער דאַרף ענטפערן עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל געפעלן סערקעלען, נאָר ער האָט נישט געקענט צוזאַמענגעמען די געדאַנקען. האָט ער סתם אַ זאָג געטון:

„אַז מען קען אַ בלאַט גמרא קאָן מען מסתמא אויך פאַרקנעטן אַ דייזשע טייג; פאַרקערט — ווייס איך נישט"...

סערקעלע האָט מיטביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט ביי די באַקן און אַ שטראַל געטון צו יצחקן, ווי זי וואָלט אויסגעדריקט איר צופרידנקייט פון דעם ענטפער.

„אדרבה, איך וואָלט געוואָלט זען ווי אַזוי מען קנעט טייג מיט אויסגעווייקטע הענט", האָט געצל זיך גערייצט.

„אויב דער באַלעבאָס וועט מיר געבן רשות, וועל איך מאָרגן קומען און ווייזן".

דאָ האָט זיך פישל אויסגעדרייט און גרינגשעצנדיק זיך אַריינגעמישט:

„זעסט, ער וויל זיך אַרויסדרייען... מאָרגן"...

„איך וויל זיך נישט אַרויסדרייען", האָט יצחק געזאָגט ערנסט. „איך בין דער זון פון דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס. איצט איז שוין שפּעט. נאָר מאָרגן קום איך!"

אַלע דריי: פישל, סערקעלע און געצל האָבן אָנגעקוקט יצחקן, ווי מיטן אַרויס־זאָגן דעם נאָמען „דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס" וואָלט ער געוואָרן עמעצער אַנדערש פון דעם ווי ער איז געווען ביז דער רגע.

דער ערשטער איז צו זיך געקומען פישל. ער האָט געזאָגט אין פאַרלעגנהייט:

„פאַסט עס פאַר דעם זון פון דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס צו קנעטן טייג?"

„פאַר דעם זון פון דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס פאַסט נישט — נישט צו האַלטן וואָרט", איז יצחק געוואָרן האָפערדיקער און ווי ער וואָלט וועלן באַווייזן זיין גרייטקייט איז ער צוגעגאַנגען צו דער דייזשע און געגרייכט מיט דער האַנט צו דעם באַרג טייג. אַ ציטערדיקער שטראָם איז אים דורך דער האַנט דערגאַנגען צום האַרץ. ער האָט אין דעם טייג דערפילט ווי ער וואָלט באַרירט צאַפּלדיק לייב. סערקעלע האָט געקוקט אויף אים און אויך פון דער זייט האָט זיך געטראָגן אַ שטראָם צו זיין האַרץ. ער האָט מיט דער האַנט אין דער דייזשע געפילט, אַז ער באַרירט דאָס לייב פון סערקעלען און אַ שטראָם פון נעפלדיקער היץ האָט אים איינגעהילט. ס׳איז אים געוואָרן זייער הייס און ער האָט מורא געהאַט, אַז די מענער נעבן אים ווייסן וואָס ער פילט איצט. האָט ער אַרויסגעכאַפּט די האַנט פון דער דייזשע און געזאָגט אומגעלומפּערט:

„מאָרגן... מאָרגן... איך וועל אייך ווייזן... איר וועט זען"...

ער איז אַוועק. אין דרויסן איז געפאַלן אַ לייכטער, רויקער שניי, דער שניי, וואָס האָט באַדעקט די ערד איז געווען ווייך און אָנגענעם פאַר די טריט. יצחק האָט נישט געפילט קיין קעלט. פאַרקערט, ער האָט געדאַרפט האָבן אַ שאַרפע קילקייט. האָט ער אַרויסגעשטעלט דאָס פּנים אַנטקעגן דעם שניי און די פליטערלעך פון זיין פּנים האָט ער אָפּגעטריבן מיטן הייסן אָטעם, וואָס ער האָט אַרויסגעבלאָזן דורך דעם שיפל פון דער אונטערשטער ליפּ. זיין גוף האָט זיך אָפּגעקילט, אָבער

דעם אינערליכן אויפברויז האָט ער נישט געקענט באַהערשן. ער איז געגאַנגען צו זיין יינגערן ברודער, אין דער ישיבה, כדי צוזאַמען אַהיימגיין.

שבתאי איז נאָך געווען אויפגערודערט פון דעם געשעעניש מיט די יעזויִטישע סטודענטן און יצחק האָט געדאַנקט גאָט וואָס זיין יינגערער ברודער האָט נישט צופיל געקוקט אויף אים. צו זיין מזל זענען אין יענעם אָוונט אויך געווען געסט אין דער היים און ס׳איז אים נישט אויסגעקומען צו רעדן אויג־אויף־אויג מיט זיין פאָטער, אָדער מוטער.

ער איז די נאַכט נישט געשלאָפן. ער האָט געחלומט מיט אָפענע אויגן. טאָג־איין טאָג־אויס גייט ער פאַרביי דעם קליינעם מאַרק. און יעדעס מאָל ווען ער גייט פאַרביי פישלס בעקעריי איז אים גוט איינצואָטעמען דעם ריח פון דעם פרישן געבעקס. נאָר קיינמאָל ביז דעם טאָג האָט ער נישט באַמערקט סערקעלען. ער איז שוין געווען אַ רייפער חתן־בחור און געהאַט ליבשאַפט־חלומות. פון אַלע מיידלעך, וואָס ער האָט געזען פאַרבייגייענדיק אין דער יידנשטאָט, האָט ער נישט אָנגעטראָפן אויף קיין איינער פון זיינע חלומות. בלויז איין מאָל, נישט לאַנג צוריק, אַריבערגייענדיק די בריק פון דער יידנשטאָט צום קריסטלעכן שטאָט־טייל, האָט ער אין צעטראָגנקייט כמעט זיך אָנגעקלאַפּט פנים־אֶל־פנים מיט אַ יונגער פרוי. זי האָט אים פאַרגאָסן מיט ליכט און מיט וואַרעמען אָטעם. ער האָט זי איבערגעבעטן און אויך זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און איז אַוועק. ער האָט זיך אומגעקוקט און אויך זי האָט זיך אומגעקוקט און צו אים אַ ליכטיקן און גלוסטיקן שמייכל געטון. ערשט דאַן האָט ער באַמערקט אין איר האַלטונג און אין איר העלקייט, אַז זי איז אַ קריסטלעכע. ער האָט זיך נישט געקענט אָפּהאַלטן פון נאָכקוקן איר און ווּנדליק איר קעכלען זיך אין גאַנג, האָט ער געפילט, אַז זי ווייסט, אַז דער יידישער בחור קוקט איר נאָך. אָבער זי איז פון אַ פרעמדער און ווייטער וועלט געווען. איז ער שנעל אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס, כדי נאָך ווייטער צו זיין פון איר. עטלעכע נעכט איז זי אים אין חלום געווען נאָענט, ביז זי איז אינגאַנצן אַוועק, איר געשטאַלט איז זיך צעגאַנגען, ווי עס צעגייט זיך אַ העלער רויך, און דאָ האָט ער געפונען סערקעלען.

אין דער ערשטער נאַכט נאָך זייער באַקאַנטשאַפט, האָט ער זיך געפרייט מיט איר. זי איז געווען נאָך נענטער ווי נאָענט זי איז געווען צו אים בעת ביידע האָבן געהאַלטן די צינערנע וואַסער־שעפּ און ער האָט געדריקט אירע פינגער מיט זיינע פינגער. אירע שטיפערישע אויגן זענען געווען פאַרדעקט מיט אַ דינעם נעפּל. וואָרום זי האָט אים ליב געהאַט. און ער האָט געפרעגט: ,פאַרוואָס האָב איך דיך נישט געזען די אַלע טעג ביז היינט?׳ האָט זי אים אָנגעקוקט מיט אַלע זומער־שפּרענקעלעך פון איר פּנים און געענטפערט: ,איך האָב זיך געשפּילט מיט דיר אין באַהעלטעניש. יעדן טאָג, ווען דו ביסט פאַרבייגעגאַנגען דעם קליינעם מאַרק, האָב איך אַרויסגעשיקט צו דיר דעם ריח פון פרישן געבעקס און אַליין האָב איך זיך באַהאַלטן. דו ביסט געווען נאַריש מיך צו זוכן. איצט ביסטו אַ רייפער מאַן און דו האָסט מיך געפונען. האָסטו מיך ליב?׳ ער האָט איר געענטפערט ווי אַ מאַן: אָן ווערטער. נאָך באַלד איז סערקעלע אומעטיק געוואָרן און געזאָגט: ,דיין פאָטער איז

דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס און מיין פֿאָטער איז פּישל דער בעקער. צי וועסטו חתונה האָבן מיט אַ מיידל פֿון געמיינע לייט? געצל דער בעקער־יונג וויל מיך פֿאַר אַ ווייב און ווען קיינער זעט נישט כאַפּט ער מיר אָן ביי די בריסטן און רעדט צו מיר געמיינע ווערטער. איך וויל אים נישט, כאָטש זיין אָנריר בריט מיר׳. יצחק האָט שווייגנדיק אַרויפֿגעלייגט זיין האַנט אויף אירע ליפּן. זי האָט די האַנט אַראָפּגענומען און געזאָגט: ,דו זעסט? דו ענטפֿערסט נישט׳. ער איז געווען באַגאָסן מיט שווייס און נישט געקענט ענטפֿערן. אין די פֿענצטער האָט געגרויט דער טאָג. פֿאַרביי די שויבן האָבן געפֿלאָטערט שניי־פֿליטערלעך. אין אַן אַנטקעגנאיבערדיקן בעט איז געשלאָפֿן שבתאי איבערגעדעקט איבערן קאָפּ מיט אַ פּערענע. איז אים אַזוי קאַלט אין שלאָף, בעת אים, יצחקן, איז אַזוי הייס? אַלץ וואָס ער האָט נאָר וואָס געפֿילט אַזוי בולט און זינלעך איז צערונען אין אַ פּוסטקייט, נאָר אונטערן האַרץ איז געבליבן אָפּגעזעצט אַ שווערקייט. יצחק האָט אַרונטערגעלייגט די הענט אונטערן קאָפּ און זיך פֿאַרקוקט אינעם באַלקן.

פֿון די אַלטע צייטן, ווען דאָ האָבן געוווינט די מאַגנאַטן, ביי וועלכע אַרטאַפּאַנוס האָט געדונגען די דירה, איז אויפֿן באַלקן פֿון דעם צימער געבליבן אַן אָפּגעריבענע פֿרעסקע. מסתּמא האָט דורך דעם באַלקן אַדורכגענעצט און די פֿייכטקייט האָט צעפֿרעסן די פֿאַרבן און פֿיגורן. געבליבן זענען בלויז אַ פּאָר בלויע וואָלקנדלעך, שטיקלעך פֿליגל פֿון אַ מלאך, אַ לייב־פֿאַרביקער פֿלעק וואָס האָט געקענט זיין אַ קני פֿון אַ ריז אָדער אַ געזעסל פֿון אַ מלאכל, און סימנים פֿון גאָלדפֿאַרביקע רוימישע אותיות. אַמאָל האָט זיך יצחק אין דעם אַלעמען אויסגעמאָלן ווילדע חיות, אָדער פֿליענדיקע שדים. דאָס מאָל, קוקנדיק אויפֿן באַלקן, האָט אים דער לייב־פֿאַרביקער פֿאַרטונקלטער פֿלעק אויסגעזען ווי אַן אינדזל און די בלויע וואָלקנדלעך — ווי אַ ים, און די שטיקלעך פֿליגל — ווי שיפֿן, און ער אַליין איז פֿאַרמישט אין דעם אַלעמען. ער וואָלט אַהערגעבראַכט סערקעלען און דאָ וואָלט ער איר גע־ענטפֿערט. איר שאלה, פֿאַרוואָס ער ענטפֿערט איר נישט, האָט אים נאָך געקלונגען אין די אויערן. טאָמער טרעפֿט ער זיך מיט איר נאָך אַמאָל, וועט ער איר נישט קענען קוקן אין די אויגן; נישט איר און נישט דעם בעקער־יונג. ער האָט דעם יונג מיט די האָריקע פֿאַרמעליקטע הענט געוואָלט פֿאַרטרייבן פֿון דמיון. זאָל נאָר סערקעלע בלייבן אַליין. נאָר דער יונג שלעפּט זיך נאָך און כאַפּט איר אָן ביי די בריסטן. און ער, יצחק, שווייגט. ער איז דער זון פֿון ד״ר אַרטאַפּאַנוס. און די מאַמע? זי איז אַזאַ איידעלע. ווי וואָלט זי אויסגעזען ביי די פֿלאַמען פֿון דעם אויוון אין פּישלס בעקעריי? סערקעלע האָט זיך דערוווייטערט. זי שטייט איצט נענטער צום יונג און ער קוקט אויף איר. צי האָט ער זי אַמאָל געזען נאַקעט? יצחק האָט זיך אויסגעדרייט אויף אַ זייט. ער וועט מער נישט גיין צו פּישלען אין דער בעקעריי. זי איז נענטער צום בעקער־יונג! פֿאַרוואָס האָט זי אַזוי שטיפֿעריש געקוקט אויף אים, אויף יצחקן? זי איז געלעגן מיטן בעקער־יונג! אַ פּלוצימע שווייס־כוואַליע איז אַרויס אויף זיין לייב און ער האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט. אין דער רגע האָט שבתאי, אין אַנטקעגנאיבערדיקן בעט, אַראָפּגעדעקט די פּערענע

פון קאָפּ. צי האָט ער געהערט וואָס יצחק טראַכט? ניין, ער וועט נישט גיין צו פּישלען אין דער בעקעריי. ער קען נישט גיין אַהין! זי וויל, ער זאָל קומען, אָבער ער וועט נישט גיין. וואָס וועט דער יונג טראַכטן וועגן אים? ער האָט דאָך געזאָגט, אַז ער איז דער זון פון ד״ר אַרטאַפּאַנוס. דער יונג וועט פון אים אָפּלאַכן אין די אויגן פון סערקעלען. זעסטו, דאָס זענען זיי! זיי קענען נאָר אויסקנעטן אַ בלאַט גמרא. און סערקעלע וועט לאַכן מיט אירע שטיפערישע אויגן. ניין, ער וועט נישט גיין אַהין. פון היינט אָן וועט ער אויסמיידן דעם קליינעם מאַרק. ער וועט גיין פון דער צווייטער זייט, אין דער ריכטונג צום שלאָסבאַרג, און פון דאָרט מיט די זייטיקע געסלעך צום טויער. אויך צו דער ישיבה וועט ער גיין מיט דעם זעלבן וועג. די געסלעך זענען בלאָטיקע, פאַרקויטיקטע, און זיי עיפּושן מיט פוילנדיקן מיסט — דערפאַר וועט ער נישט זען דעם יונג מיט די פאַרמעליקטע הענט.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט ער נישט געהאַלטן וואָרט. ער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט שבתאי און ער וואָלט פאַר זיין יינגערן ברודער נישט געהאַט קיין פאַרענט־פערונג, הלמאי ער מיידט אויס דעם קירצערן וועג. פאַרבייגייענדיק דעם קליינעם מאַרק האָט יצחק פון אַ זייט אַ קוק געטון אין דער ריכטונג פון פישלס בעקעריי. נעבן דער טיר איז געשטאַנען אַ פרוי אָנגעבערדעוועט אין אַ סך קליידער און דעם קאָפּ אַרומגעוויקלט מיט אַ דיקער טוך. זי איז געשטאַנען צווישן צוויי קוישן. יצחק האָט געוווסט: די פרוי פאַרקויפט געפרוירענע עפּל. פונעם קוימען איבער דער בעקעריי האָט זיך פויל געצויגן אַ גראָלעכער רויך אין דער זעלבער פאַרב וואָס דער ווינטערדיקער הימל. ס'האָט ווידער געהאַלטן פאַר שנייען. יצחק האָט זיך אַראָפּגעבויגן, ווי עס וואָלט אים עפּעס געקוועלט אין אַ שטיוול, און דערווייל געהאַט צייט צו קוקן אויף דער טיר פון דער בעקעריי. ניין, די טיר האָט זיך נישט געעפנט. און אַ געפיל פון רחמנות האָט אים אַ קוועטש געטון אונטערן האַרץ. פאַרוואָס אויס־מיידן דעם קליינעם מאַרק? וואָס איז סערקעלע שולדיק, אויב דער בעקער־יונג... זי איז נישט שולדיק וואָס זי איז געבוירן געוואָרן ביי פישל בעקער... זי איז נישט שולדיק...

ביים שעור מיטן ראש ישיבה האָט נאָך יצחק אַלץ געשלאָגן זיך מיט דער דעה, צי ער זאָל יאָ אָדער נישט אויסמיידן דעם קליינעם מאַרק. אָבער ביים קורצן איבעררייס צווישן דעם שיעור און דעם חילוק, איז יצחק אַרויס פון דער ישיבה און אַוועק צו פישלען אין דער בעקעריי. אַ מענטש דאַרף האַלטן וואָרט. ער האָט נעכטן צוגעזאָגט צו קומען, וועט ער נישט גורם זיין פישל זאָל טראַכטן שלעכט וועגן דעם זון פון דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס. און ווי ער האָט געטראַכט אַזוי איז געוועזן. פישל האָט אים באַגעגנט ווי ער וואָלט זיך גאָרנישט געריכט, אַז ער וועט נישט האַלטן וואָרט.

„ס'איז דאָך גאָרנישט ווי מען זאָגט, אַז פּאַנעס און גבירים זאָגן צו און פאַרגעסן ווי שיכורים!״ האָט ער אויסגערופן און מיטן פאַרמעליקטן אָרעם זיך אַ וויש געטון אונטער דער נאָז, „הייסט עס טאַקע, אַז מ'עט קנעטן?״

ווי יצחק וואָלט מורא געהאַט, אַז פישל זאָל זיך נישט אָנשטויסן, אַז דאָס האָט

אים סערקעלע געצויגן אַהער, האָט ער געגעבן אַ רוק אַרויף די אַרבל און געזאָגט האַפּערדיק:

„אַוודאי בין איך געקומען צוליב דעם!"

געצל דער בעקער־יונג האָט חוזקדיק אַ קוק געטון אויף זיינע בלייכע און איידעלע הענט און נאָכגעמאַכט די באַוועגונג פון פישלען; ער האָט מיטן פּאַר־מעליקטן אָרעם אַ וויש געטון אונטער דער נאָז:

„אָט אַזוי־אַ, אין רבנישן ספּאָדיק?"

אָן אַ וואָרט אויסצורעדן האָט פישל אַפּערגענומען פון הינטערן אויוון אַ האַרט־פּאַרטייגטן בגד און אים דערלאַנגט יצחקן:

„נו, לאָמיר זען".

מיט אייליקע און נערוועזע באַוועגונגען האָט יצחק אַרויפגעצויגן דעם בגד און איידער וואָס ווען איז ער שוין געווען מיט די הענט אין דער דייזשע. דאָס טייג, וואָס דער יונג האָט ביז איצט געקנעטן, איז נאָך געווען שיטערלעך און ס'האָט זיך געטראָגן פון אים דער פרישער און שאַרפער זייער. די זויערלעכקייט האָט יצחקן פּאַרדרייט אין דער נאָז און ווי ער האָט עס געזען פריער ביי פישלען און ביי דעם יונג, האָט ער מיטן אָרעם אַ קיצל געטון די שפּיץ נאָז. זיינע הענט האָבן געטאַפּטשעט אינעם שיטערן טייג ווי אין אַ געדיכטער ליימיקער בלאָטע. ווערליק ער האָט געדענקט פון נעכטן ווי אַזוי דער יונג האָט דעם גאַנצן באַרג טייג אויפ־געהויבן און אים איבערגעדרייט מיטביידע הענט, האָט אויך ער איצט געוואָלט טון דאָס זעלבע, נאָר די שיטערע מאַסע האָט געקלעפּט צו דער דייזשע און ער האָט אַרויסגעהויבן בלויז די פּאַרקלעפּטע הענט. ס'איז אים געוואָרן הייס. ווי לאַנג וועט ער דאַרפן קנעטן ביז די מאַסע וועט ווערן געדיכט? נאָך אַ נס וואָס סערקעלע איז נישט דערביי און זי זעט נישט ווי אומגליקלעך ער איז. דערצו נאָך די היץ וואָס זעצט פונעם אויוון. אין דרויסן איז ווינטער און דאָ איז תמוז. טראָפּנס שוויס רינען אים אַראָפּ אין די אויגן־ווינקלען און פאַרשטעלן אים די דייזשע. ער זעט שוין גאָרנישט, נאָר די הענט טאָפּטשען און טאָפּטשען און עס דאַכט זיך אים, אַז די טייג־מאַסע ווערט אַפילו שיטערער. פּלוצים האָט פישל געזאָגט צום יונג:

„וואָס לאַכסטו, בהמה? אַז דו ביסט אָנגעקומען אויף דער לער האָסטו דאָס אויך נישט געקענט. שיט אים צו אַ פּאָר שקאָפּקעס מעל!".

אַן אויפריכטונג איז געקומען אויף יצחקן. ער האָט אַנטדעקט דעם סוד פון דער טייג־בלאָטע און זיך אויסגעגלייכט אַפּצוכאַפּן דעם אָטעם, נאָר זיך אויסגעזהיט מען זאָל נישט זען זיין צעגליט און פאַרשוויצט פּנים.

ביסלעכווייז איז דאָס טייג געוואָרן געדיכטער, פעסטער, די באַוועגונגען — שווערער. יצחק האָט שוין געזען דעם סוף פון זיין שווערן וועג. נאָך אַ מינוט און ער וועט פּרוּוון אויפהייבן די גאַנצע מאַסע און זי איבערדרייען. נאָר פאַרוואָס זעט מען נישט און מער הערט נישט סערקעלען? אפשר איז זי גאָרנישט אין דער היים?

אַז דאָס אַריינקנעטן זיך אינעם טייג איז געוואָרן שווערער, האָט ער פון צייט־צו־צייט איבערגעריסן די אַרבעט און געפּרוּווט פון זיין לינקער זייט הערן כאָטש

אַ סימן, צי דאָרט, הינטער דער טיר, איז פֿאַראַן אַ לעבעדיקער מענטש. ער האָט גאָרנישט געהערט. איצט איז אים געוואָרן הייס פֿון דעם וואָס ער האָט גאָרנישט געהערט. זי איז נישטאָ אין דער היים. ער איז זיכער געקומען צו פֿרי. נעכטן איז ער דאָ געווען אין אַ שפּעטערער שעה. אומזיסט זיך געאײַלט. איצט וועט ער דאָ שטיין און קנעטן אַזוי לאַנג ביז זי וועט קומען. גוט וואָס פֿישל און דער יונג טועז עפּעס אַנדערש און לאָזן אים צורו ביי דער דייזשע. נאָר פֿישל האָט אים נישט צורו געלאָזט. ער האָט געזאָגט צום יונג:

„וועסטו מיר דאָ אויסקומען מיט קראַצן זיך? פֿאַרענדיק ס׳קנעטן!"

און צו יצחקן האָט ער געזאָגט:

„קראָקע האָט מען נישט געבויט אין איין טאָג. עס גייט גוט. און איצט באַלד וועט איר זיך אָפּוואַשן די הענט און מיר וועלן נעמען עפּעס אין מויל אַרייַן". און ער האָט אַ געשריי געטון: „סערקעלע, סערקעלע!"

יצחק האָט באַהאַלטן די פֿאַרמעליקטע הענט אויפֿן רוקן און יאָ געקוקט און נישט געקוקט אויף דער טיר. סערקעלע איז אַריין מיט אימפּעט, ווי אַ ציג, און ווי אַ ציג זיך פֿאַרהאַלטן, ווען זי האָט דערזען יצחקן אין דעם הולך, מיט דעם טייג־פֿאַרקלעפּטן מלבוש און מיט אַ צעהיצט פּנים און נאָך מער צעהיצטע אויגן. זי האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט נאָענטער היימישקייט, נאָר גאָרנישט מיט דער שטי־פּערישקייט וואָס מיט אַ טאָג פֿריער.

„נעם אַריין... ווי הייסט איר?" האָט פֿישל געפֿרעגט.

„יצחק, יצחק אַרטאַפּאַנוס" איז געווען דער פֿאַרזשענירטער ענטפֿער.

„נעם אַריין יצחקן און גיב אים וואַסער אָפּצוּוואַשן די הענט, ס׳קען זיין פֿון אים אַ גוטער קנעטער".

ווי צעטומלט יצחק איז געווען, האָט ער אין די לעצטע ווערטער פֿון פֿישלען דערפֿילט אַ טאָן פֿון חוזק, ווי ער, פֿישל, וואָלט אים צוליב עפּעס געוואָלט דער־נידעריקן. אַ פֿרישער שטראָם היץ איז באַפֿאַלן יצחקן. סערקעלע האָט אים אָפּגע־ראַטעוועט. זי האָט געזאָגט:

„וועט איר גיין וואַשן די הענט? נאָר דאָ קען מען זיך צעקלאַפּן דעם קאָפּ", האָט זי אָנגעוויזן אויף דער נידעריקער טיר.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען. דורך אַ קליין פֿינצטער פּרוזדורל זענען זיי אַריין אין אַ קאַמער, וווּ אַלץ איז געווען צוזאַמען: די בעטן, אַ טיש מיט צוויי בענק, אַ קיך מיט אויפֿגעלייגטן פֿייער אונטער אַ דרייפֿוס, און נאָך אַ טיש מיט אַ קלענערער באַנק און אַ פֿאַס מיט וואַסער. אויף דער וואַנט זענען געווען צעהאָנגען צינערנע און קופּערנע כּלים. אין דער ענגשאַפֿט האָט זיך סערקעלע באַוויגן פֿריי און פֿלינק. זי האָט פֿון נאָך עפּעס אַ קעמערל אַרייַנגעבראַכט אַ בעקן און אַ קליינעם צעבער מיט געלן זאַמד. אין דעם בעקן אויף דער קלענערער באַנק האָט זי אָנגעגאָסן וואַסער און דערלאַנגט יצחקן דעם צעבער:

„נעמט אַביסל זאַמד אָפּצורייבן דעם טייג", האָט זי געזאָגט און עפּעס אומעטיקס איז געווען אין איר קול. זי איז נישט געווען ווי נעכטן און ער האָט געוואָלט זי זאָל

זיין ווי נעכטן. האָט ער געשמייכלט צו איר און איר שמייכל־ענטפער איז געווען נישט דער זעלבער. נאָר די זון־שפּרענקעלעך אַרום איר נאָז האָבן געלויכטן צו אים. זיי האָבן גאָרנישט באַהאַלטן, זיי זענען געווען די זעלבע ווי נעכטן. ער האָט אָפּגעריבן די הענט מיט זאַמד און דערנאָך האָט זי זיך אָנגעבויגן און געגאָסן פון דעם שעפּ וואַסער איבער זיינע פינגער. ער האָט דערפילט אַ הייסן ריח פון איר לייב, אַ ריח וואָס איז ענלעך געווען צו אַ זומערדיקן פרימאָרגן נעבן אַ טייך און נאָך מער... ער האָט אין דער רגע געוואָלט איר זאָגן עפּעס אַ סך און מיט איין מאָל, נאָר ער האָט נישט געוווסט וואָס. האָט ער בלויז געזאָגט:

„איך וועל מאָרגן ווידער קומען. ווילט איר איך זאָל מאָרגן ווידער קומען?"

„אויף מאָרגן וועל איך צוגרייטן וואַרעם וואַסער", האָט זי געענטפערט, „דאָס וואַסער פון דעם פאָס איז קאַלט".

„ניין, ס'איז וואַרעם. ס'איז ווי זומער, ווען מען באָדט זיך אין דער ביסטזשיצע".

„איך באָד זיך אויך אין דער ביסטזשיצע, זומער", האָט זי ענדלעך אַ ליכטיקן שמייכל געטון און איר קול איז געוואָרן יונג און קלאָר.

ער האָט פּלוצים אויפגעהויבן צו איר די אויגן און זיי האָבן זיךביידע דערזען און ביידע האָבן צעצאַפּלטע זיך צעפּלאָשעט, ווי צוויי טויבן. נאָר ווו אַוועקצופליען איז נישט געווען. אירע אויפגעבלאָזענע ליפּן זענען געווען אַזוי נאָענט צו אים, נאָר זיינע אויגן האָבן זיך פאַרנעפּלט פון שיכרות און דורך דעם נעפּל געקוקט אויף אירע רופנדיקע ליפּן. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און געבליבן מיט די נאַסע הענט איבערן בעקן. פון זיינע דינע און לאַנגע פינגער זענען גערונען די טראָפּנס וואַסער, ווי טרערן פון פרייד.

און ווען זי האָט אים דערלאַנגט אַ האַנטעך און ער האָט לאַנג געווישט זיינע הענט, זענען אויך אַריינגעקומען פישל און דער יונג. ביידע האָבן אָפּגעוואַשן די הענט אין דעם זעלבן וואַסער, וואָס יצחק, אָפּגעשווענקט די הענט און זיך געזעצט צום טיש:

„נו, איך האָב געזאָגט, אַז מען וועט עפּעס נעמען אין מויל אַריין, טאָ זעצט זיך", האָט פישל אָנגעוויזן יצחקן אַ פּלאַץ נעבן זיך.

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט זיך יצחק געפונען אין אַזאַ ענגשאַפט און זיך געזעצט צו אַ טיש מיט געמיינע לייט. סערקעלע האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש פיר שיסלען און אַרויפגעבראַכט אַ טאָפּ מיט פאַרענדיקן הירזש מיט אַ רייצנדיקן ריח. אין דער מיט פון טיש האָט זי אַוועקגעשטעלט אַ הייסן קוגלניק מיט אייל, וואָס האָט צעטראָגן דעם גערוך פון געברוינטן ציבל.

„נעמט אָן", האָט פישל צוגערוקט דעם טאָפּ הירזש צו יצחקן.

יצחק האָט אומדרייסט אַריינגעשטעקט זיין לעפל אינעם טאָפּ און ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט אַריינגעטאַפּטשעט אין געדיכטן טייג. ער האָט גענומען בלויז אַביסל און פישל האָט געמאָנט ער זאָל נעמען נאָך. ס'איז אַ גוט מאכל. יצחק האָט געזאָגט: „אַ יישר כוח", און פישל האָט צוגעשאַרט דעם טאָפּ צו זיך. ער און דער יונג האָבן אָנגעלייגט פולע שיסלען פון דער געלבלעכער קאַשע, דערנאָך באַגאָסן מיט אַ סך אייל און זיך פאַרנומען ווי צו אַ שווערער אַרבעט.

איך סערקעלע האָט זיך אַװעקגעזעצט צום טיש און זעענדיק װי װינציק יצחק האָט גענומען פונעם געקעכטס, האָט זי אויך גענומען בלויז אַ פּאָר לעפל.

„פילסטו זיך עפּעס נישט גוט?״, האָט פישל זי געפרעגט, אַרויסקוקנדיק פון זיין שיסל.

„זייער גוט״, האָט זי געענטפערט, „נאָר עס גלוסט זיך מיר נישט עסן״.

„עס, עס, ס׳איז װינטער״, האָט פישל זי געמונטערט, און סערקעלע האָט זיך פאַררויטלט.

פון דעם הייסן הירזש מיט אייל געגעסן שנעל, האָבן ביידע לייט, פישל און געצל, באַקומען פאַרשװיצטע שטערנס. אין דער מיט פון שלינגען האָט פישל געזאָגט זייער צערטלעך און גלייכצייטיק פייערלעך:

„סערקעלע, אַז דו װילסט זיין אַ גוטע, קאָך אויף אַ טאָפּ לאַקרעץ!״

געצל האָט אויסגעליידיקט זיין פולע שיסל אַ סך שנעלער װי יצחק האָט אַראָפּגעשלונגען די פּאָר לעפל הירזש, זיך אויפגעשטעלט, אָנגעשעפּט אין דער פּאָס אַ פולן שעפּ װאַסער און פאַרטרונקען מיט אַ הויכן און געשמאַקן „הע!״. סערקעלע האָט געקוקט אויף יצחקן און, װי ער, געגעסן פּאַמעלעך, און װי ער האָט זי איבער־געלאָזט אַביסעלע אין דער שיסל. יצחק האָט זיך אויפגעשטעלט נישט װיסנדיק אייגנטלעך צוליב װאָס. צי זאָל ער אויך נעמען די שעפּ און נאָכטרינקען װאַסער? פישל איז אים פאַרלאָפן:

„טרינקט נישט קיין װאַסער, ס׳עט באַלד זיין אַ טאָפּ לאַקרעץ״.

„ניין, איך װעל שוין גיין״, האָט יצחק געזאָגט, װי ער װאָלט דאָ געװען עמעצן איבעריק און געװאַרט אַז אַנדער עמעצער זאָל אים אָפּהאַלטן. סערקעלע האָט געװאָלט ער זאָל בלייבן װאָס לענגער. דאָס װינציק עסן, װאָס זי האָט געגעסן פּאַמעלעך, האָט איר געגעבן אַן אויסטערליש געפיל פון יום־טובדיקער אַנדערשקייט. נאָך נעכטן איז זי אויפמערקזאַם געװאָרן אויף דעם בלאַנק־װייסן אויסגעלייגטן קאָלנער פון יצחקן, נאָר איצט, ביים טיש, איז די װייסקייט פון דעם קאָלנער געװען עפּעס מער, װי אַ װייטע װעלט װאָלט זיך אַריינגעריסן אין דער ענגער אָרעמער קאַמער.

ער האָט געװאַרט אפשר װעט סערקעלע אים הייסן בלייבן. זי האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר געפּעדערט זיך ביי דער קיך, אונטער דער שװאַרצער קאַפּע. זי האָט אויף אַ דרייפוס אַרויפגעשטעלט אַ טאָפּ און עפּעס דאָרט געמישט.

„באַלד, באַלד װעט זיין פאַרטיק דער לאַקרעץ״, האָט זי געזאָגט, און יצחק האָט געפילט, אַז דאָס מיינט זי אים. טאַקע דערפאַר האָט ער נאָך אַמאָל געזאָגט, אַז ער גייט און כאַפּנדיק צוגעגעבן:

„איך װעל אויך מאָרגן קומען״.

און ער איז אַװעק.

סערקעלע האָט זיך נישט באַװיזן אויסצודרייען װי ער איז שוין נישט געװען. אין דער ענגשאַפט פון דער קאַמער איז געװאָרן פוסט און נאָך מער װי פוסט. און אַזוי איז יצחקן אויף דער גאַס געװאָרן ליידיק אין האַרץ. אין דער ליידיקייט האָט ער געפילט אַ װייטיק, װי ער װאָלט געװען קראַנק.

קאַפּיטל פיר

כדי דעם ראש־ישיבה זאָל נישט ווערן אויפפּאַלנדיק אַז ער ווערט פאַרשווונדן נאָכן שעור און ער באַטייליקט זיך נישט אין חלוק, האָט יצחק אויסגעמיטן צו גיין יעדן טאָג צו פישלען אין דער בעקעריי. האָט ער אָפּגעלייגט אַ טאָג איבער אַ טאָג און שפּעטער אַפילו אויסגעהאַלטן צוויי און דריי טעג. פישל האָט אים מער נישט געלאָזט קנעטן קיין טייג, נאָר ער האָט בעסער געוואָלט יצחק זאָל דערציילן וועגן דער וועלט פון גבירים און פּאַנעס און וועגן דער וועלט, וואָס מען רופט אַמעריקע. סערקעלע האָט פון אים נישט אַראָפּגענומען די אויגן. ביז דעמאָלט האָט זי נאָך נישט געזען אַ מענטש זאָל אַזוי פיל וויסן, וויפל יצחק. און אַלץ וואָס ער דערציילט — דערציילט ער אַזוי, אַז מען קען נישט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. נאָר איין מאָל, בעת געצל האָט זיך צעשניטן אַ פינגער און נישט געקענט קנעטן, האָט זיך יצחק איינגעבעטן, אַז ער וועט אויסקנעטן דעם טייג. וואָרום ער זעט, אַז פישל וועט אַלץ אַליין נישט באַוויזן. אין מיטן, ווי ער איז געשטאַנען ביי דער דייזשע, איז אַריינ־געקומען אַן אַנדער בעקער־יונג, מנחם, דער זון פון ברײַנדל די איינגייערקע. יצחק האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ צו דער דייזשע, מנחם זאָל אים נישט זען און נישט דערקענען. מנחם האָט אים דערזען און דערקענט, נאָר געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער זעט גאָרנישט, און באַלד ווי ער האָט עפּעס איבערגעגעבן פישלען איז ער אַוועק. יצחקן איז געוואָרן אי לייכטער אי שווערער. דער יונג איז טאַקע אַוועק, נאָר צי האָט ער אים נישט געזען? און אויב יאָ — צי וועט עס נאָך דעם זעלבן טאָג נישט דערגיין צו זיינע עלטערן?

נאָכן קנעטן, ווען יצחק איז אַריין אין דער ענגער קאַמער אָפּוואַשן די הענט, האָט ער זיך אָנגענומען מיט כוח און געזאָגט צו סערקעלען:

„אויב איך וועל נישט קענען קומען אַהער, וועל איך יעדן טאָג אין דער צייט זיין אין גאַרבער־געסל, וואָס פירט צום בית־עולם.“

„ווּעסטו דאָרט וואַרטן אויף מיר?“ האָט סערקעלע אויפגעפלאַמט און אַפילו אַליין נישט באַמערקט, אַז זי האָט אים געזאָגט „דו“.

„אויף דיר וועל איך וואַרטן“, האָט ער געזאָגט מיט אַ קורצן אָטעם און קוקנדיק צו דער טיר האָט ער געפרעגט מיט דער זעלבער כאַפּנדיקער געשווינדיקייט: „וועסטו קומען? וועסטו קומען?“

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

אויפצומאָרגנס איז שוין יצחק נישט געגאַנגען אין דער בעקעריי, נאָר זיך אַרויסגעמאַכט פון דער ישיבה אַ סך פריער און אַוועק צום גאַרבער־געסל. ס'איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי, אַ שטילער און איינדעקנדיקער. אין די שמאָלע געסלעך זענען אַפילו די שייבלעך פון די פענצטער געווען פאַרלייגט מיט דעם בלוי־ווייסן פוך. די ווייניקע מענטשן, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָט מען נישט געזען פאַר זיך מער ווי אַ פּאָר שריט. צוגעקומען צום גאַרבער־געסל, איז ער געבליבן שטיין ביים עק, אונטער אַן אָפּדאַך פון שטרוי. אויב סערקעלע וועט קומען וועט זי מוזן אַדורכגיין דעם פּלאַץ און ער וועט זי זען. ער האָט זי געזוכט אין יעדן פאַרבייגייער. צוליב דער ווייכקייט פונעם שניי האָט ער נישט געהערט קיין טריט און די איינצלנע איינגעבויגענע שאָטנס זענען אָנגעקומען פלוצים און באַלד נעלם געוואָרן. אויך סערקעלע איז אָנגעקומען פלוצים און ער האָט זי איבערגעשראָקן מיט זיין אַרויס־שפּרונג פון אונטערן אָפּדעכל:

„סערקעלע!" האָט ער אויסגערופן. ער האָט מער דערפילט איר אָנקומען ווי געזען איר געשטאַלט. וואָרום זי איז געווען אָנגעטון אין אַ דיקער שאַבע מיט אַ גרויסן קאַלנער אַרויף.

„וואַרטסט שוין לאַנג אויף מיר?" האָט זי געפרעגט.

„ניין, נישט לאַנג. נאָר לאָמיר אַוועק פון דאַנען, דאָ טויג נישט".

„דער שניי איז אַ געדיכטער און קיינער זעט נישט", האָבן אירע אויגן אַרויס־געגליט פון איר פאַררויטלט פּנים און זי האָט געקוקט אויף די שניי־פליטערלעך, וואָס האָבן זיך קונציק אָנגעכאַפּט אויף די האָר פון זיין יונג שיטער בערדל.

יצחק האָט געציטערט. נאָך מיט אַ מינוט פריער האָט ער נישט געגלויבט, אַז זי וועט קומען. איצט, ווען זי איז נעבן אים, ווייסט ער נישט וואָס צו טון. ער וואָלט זי גענומען און אַוועק מיט איר אין עק וועלט, ערגעץ, וווּ עס זענען גאָר קיין מענטשן נישטאָ.

„קום!" האָט ער געזאָגט און זי אַ ציי געטון ביים אָרעם און איר אָרעם באַלד אָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעבריט.

זיי האָבן אַליין נישט געוווּסט וווהין זיי גייען. זיי זענען אַרויס פונעם גאַרבער־געסל און זיך באַלד געפונען אויף די פאַרשנייטע פעלדער, אָן אַ וועגל און אָן אַ שטעגל. צוליב דעם פאַלנדיקן שניי און דעם נידעריקן הימל האָבן זיי אַפילו נישט געוווּסט פון קיין ריכטונג. דער שניי אונטער זייערע פיס איז געוואָרן וואָס אַמאָל טיפער. סערקעלע האָט קינדיש־פריידיק אויסגערופן: „מיר וועלן דאָ פאַרזונקען ווערן אין שניי". האָט יצחק אָנגעכאַפּט איר האַנט און ער האָט מער די האַנט נישט אָפּגעלאָזט.

„דו פרירסט?" האָט ער געפרעגט צוליב איר קאַלטער האַנט.

„ס'איז מיר וואַרעם — ס'איז מיר גוט, נאָר אין די הענט איז מיר קאַלט", האָט זי געזאָגט.

יצחק האָט זיך אָפּגעשטעלט, גענומען אויך איר צווייטע האַנט, און ביידע אירע הענט אַריינגערוקט אין זיין בוזעם:

„איצט ווערסטו אַנוואַרעמען דיינע הענט. פילסטו וואַרעמקייט?" האָט ער גע־פרעגט און געציטערט.

סערקעלע האָט אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן און געזאָגט פאַרטרוילעך, ווי זי וואָלט אויסגעפונען אַ סוד:

„דיין האַרץ קלאַפּט אַזוי שטאַרק. קלאַפּט שטענדיק דיין האַרץ אַזוי שטאַרק?"

„סערקעלע", האָט ער געשעפּטשעט און געקוקט אויף איר גאַנץ פּנים, וואָס האָט אַרויסגעלויכטן פון צווישן דעם טוך אויפן קאָפּ.

„יצחק", האָט זי אים געענטפערט און פעסטער געדריקט אירע הענט אין זיין וואַרעמען בוזעם.

איינע נעבן אַנדערן זענען זיי אַזוי געשטאַנען טיף אין שניי, פאַרקוקטע אין זיך, ווי אַן איינצלנער בוים מיט צוויי שטאַמען אין אַ פוסט פעלד. און דער שניי איז געפאַלן איבער זיי און זיי פאַרדעקט מיט אַ ווייסן שיכט. נאָר זייערע פּנימער האָבן געגליט צו איינאַנדער. זיי האָבן מער קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, כאָטש זיי האָבן געהאַט אַזוי פיל צו דערציילן איינאַנדער. ביז סערקעלע האָט פּלוצים זיך איינגעעביסן מיט אַ האַנט אין זיין ברוסט און בהלהדיק געזאָגט:

„אוי, דער טאַטע וועט מיך פרעגן ווו איך בין געווען אַזוי לאַנג... איך וועל מאָרגן קומען נאָך אַמאָל... ניין, מאָרגן נישט, מאָרגן איז אַ מאַרקטאָג... איבערמאָרגן... ווילסטו איבערמאָרגן?..."

„שטענדיק", האָט יצחק געזאָגט.

אַזוי האָבן די צוויי יונגע מענטשן געפרילינגט אין דעם ווינטערדיקן פעלד, וואָס צווישן דעם גאַרבער־געסל און בית עלמין. געטראָפן זיך און גאָענטע צו זיך געשוויגן. און אין שווייגעניש זיך אויסדערציילט אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט זיך צו זאָגן. און וואָס מער זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, אַלץ מער האָבן זיי געבענקט צו זיך.

אויב יצחק האָט געקענט אויסבאַהאַלטן דאָס וואָס האָט זיך געטון אין אים, אין דער היים, האָט עס נישט געקענט בלייבן אומבאַמערקט פאַרן שאַרפן און חשדימדיקן אויג פון דעם ראש־ישיבה. דאָס אַפּטע נעלם ווערן נאָכן שעור און דאָס וואָס יצחק האָט זיך נישט משתתף געווען אין חלוק נאָכן שעור, אַפילו ווען ער איז געווען אין דער ישיבה, האָט שטאַרק מצער געווען דעם אַלטן תלמיד־חכם. וואָרום יצחק איז געווען פון זיינע בעסטע תלמידים — דער זון פון דאָקטאָר אַרטאַ־פּאַנוס, וואָס בעת די אסיפות פונעם יידישן סיים פלעגן זיך די פּרנסים מיט אים עצהן. און פון דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס אַ גוט וואָרט פאַר די פּרנסים אין שטאָט, איז געווען אָנבאַלאַנגט די ישיבה זאָל קענען אויסהאַלטן מער בחורים. יצחק האָט אויך געהאַט אַ שאַרפן קאָפּ און ער האָט אַ סך גמרות געדענקט אויסנווייניק. אין דער גוטער צייט האָט ער בעת אַ חלוק געקענט קונציק אויפבויען אַ בנין פון גמרות פון עטלעכע מסכתות, אויסגלייכן סתירהדיקע ראיות, אָנוואַרפן אַ גאַרן איבער אַ גאַרן און קומען צו אַ סברה, וואָס האָט דעם ראש־ישיבה אָנגעפילט מיט גדלות. פון אונטער זיינע הענט וועט אם ירצה השם אַרויס אַ גדול בישראל.

נאָר דער ראש־ישיבה האָט באַמערקט אַ מצערדיקע ענדערונג אין דעם בחור.

עפעס געשעט מיט אים. וואָס געשעט מיט אים? אין דעם פריערדיקן זמן איז דעם ראש־ישיבה צוגעטראָגן געוואָרן, אַז עטלעכע בחורים זענען אַראָפּ פון דעם גלייכן וועג. זיי לערנען דעם „מורה" פון רמב"ם. דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג דער ראש־ישיבה זאָל דערציטערט ווערן. קיין גוטס וועט פון דעם נישט אַרויסקומען. און אַז ער האָט אָנגעהויבן חוקר ודורש זיין האָט ער אינעם פעקל פון אַ וואַנדערנ־דיקן ישיבה־בחור פון דער ליטע, אַ בחור וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין לובלין אויף דעם זומערדיקן זמן — געפונען עטלעכע אָפּגעשריבענע קונטרסים פון אַן אַפּיקורסיש ספר „תיקון דעות הפילוסופים". אַז דער ראש־ישיבה האָט מעיין געווען אין די בלעטלעך, האָט זיך פאַר זיינע אויגן די זון פאַרלאָשן. ביז דעמאָלט האָט נאָך די ישיבה אין לובלין אַזאַ פינצטערניש נישט געזען. אין די בלעטלעך איז געווען אַ לויב פאַר דער חכמה פון דעם יווונישן אַריסטו און דעם ישמעאלישן אַלגאַזאַלי ימח שמם, מיט רעיונות, וואָס באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן וואָס פאַר אַ שׂריפה זיי קענען אָנצינדן אין אהל פון יעקבן.

דערצו נאָך איז עס געווען ערב תשעה־באב, וואָס מען ווייסט, אַז צוליב אַזוינע זאַכן איז חרוב געוואָרן דאָס בית־המקדש. האָט דער ראש־ישיבה בפני כל הבחורים געהייסן געבן דעם ליטווישן ישיבה־בחור דרייסיק מלקות און אויפן הויף פון דער ישיבה האָט מען די קונטרסים אונטערגעצונדן. דער ליטווישער בחור איז פאַרטריבן געוואָרן פון דער ישיבה, אַז זיין פוס זאָל מער נישט אַריבערטרעטן די שוועל פון לובלין. און אויב יאָ, וועט ער איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון בית־דין אים מחרים צו זיין. דערנאָך האָט דער ראש־ישיבה געהאַלטן אַ דרשה פאַר זיינע תלמידים און זיי געוואָרנט, אַז אין זייערע הענט זאָל נישט קומען קיין ספר פונעם רמב"ם און אויך נישט דער „זהר", וואָס פאַר זיי דאַרף מען זיין פאַרפאַנצערט מיט דעם אייזערנעם פאַנצער פון דער תורה. און צום סוף האָט ער געוואָרנט, אַז אויב עמעצער ווייסט וועגן אַזוינע טריף־פסלען, ווי די וואָס ער האָט געפונען אין פעקל פון דעם ליטווישן בחור, זאָל ער גלייך אויסזאָגן און דערפאַר וועט ער באַקומען אַ גרעסערן שׂכר עולם־הבא. נאָר אויב עמעצער ווייסט, אַז אַזעלכע קונטרסים זענען נאָך געבליבן און אפשר אויך געלייענט געוואָרן דורך תלמידים פון דער ישיבה, וועט דער עונש זיין גרויס ווי דער חורבן בית־המקדש. מען וועט אים מחרים זיין פון דער יידישער עדה און אין גהינום וועט מען אים ברענען און בראָטן.

קיינער האָט זיך נישט מודה געווען. די שׂריפה איז פאַרלאָשן געוואָרן. לובלין האָט פאַרגעסן דאָס אומגליק.

נאָר דער ראש־ישיבה האָט נישט פאַרגעסן. די ענדערונג וואָס איז פאַרגעקומען אין יצחקן, זיין נישט משתתף זיין זיך אין חלוק און די אויסטערלישע פאַרשלאָפנקייט זיינע, האָט דעם ראש־ישיבה אַרויפגעפירט אויפן חשד, אַז זיין תלמיד איז אַראָפּ פון גלייכן וועג. ווער ווייסט? אפשר ציט זיך די מעשׂה פון דעם זומערדיקן זמן און יצחק איז איינער פון די אָנגעשטעקטע פון דעם ליטווישן וואַנדערנדיקן ישיבה־בחור? סוף־כל־סוף איז יצחק אַ זון פון אַ דאָקטאָר. אַרטאַפּאַנוס איז טאַקע זייער אַ בכבודיקער ייד, פון גרויסן יחוס, אַ קרוב פון דעם פּראָגער פרנס און שתדלן

מרדכי מייזל, זכרון צדיק לברכה. אָבער דאָך פאַרנעמט ער זיך מיט חכמת המדע און ער וווינט אין דער גויִשער שטאָט. האָט זיך אפשר יצחק אָנגעהערט ביים טאַטן אין שטוב וועגן די פּיזיקעס און חכמת הטבע, וואָס גייען איצט שטאַרק אַרום אין דער גויִשער וועלט און אַ יונגערמאַן קען פון זיי לייכט געניזוקט ווערן. אַז גויים קומען און זאָגן, אַז די ערד גאָר דרייט זיך, קען זיך ביי ייִדן, חלילה, פאַרדרייען דער קאָפּ...

האָט זיך דער ראש־ישיבה לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל רעדן מיטן דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס וועגן יצחקן; צי זאָל ער דעם פאָטער מצער זיין מיט דער בשורה, אַז עפּעס געפעלט אים נישט דער בחור. שוין דאָס גיין צו דער גויִשער שטאָט האָט דעם ראש־ישיבה אָפּגעהאַלטן, ווי די שטאָט וואָלט געלעגן דערווייטערט אויף מיילן. נאָר אַז עס זענען פאַרביי חדשים און ער האָט אין יצחקן נישט געזען קיין פאַרבעסערונג, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז לענגער קען ער נישט וואַרטן. וואָרום ער זעט, אַז דער יונגערמאַן ווערט אים פאַרברענט אונטער די הענט. איידער ער האָט זיך געקליבן צו אַרטאַפּאַנוסן האָט דער ראש־ישיבה פון דעסטוועגן פריִער אַריינגערופן יצחקן אין אַ באַזונדער חדר, צו הערן פון אים וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן זיין נייעם דרך. ער האָט אים דערמאָנט די מעשה מיט דעם וואַנדערנדיקן ליטווישן ישיבה־בחור אין דעם זומערדיקן זמן, און געפרעגט אָפן:

„שוין חדשים ווי דו ביסט אַראָפּ פון גלייכן וועג; ביים שעור איז דיין קאָפּ ערגעץ אַנדערש; בעת דעם חילוק הערט מען נישט דיין וואָרט. צי האָסטו פאַרוואָרפן ס׳לערנען תורה, און דו לערנסט עפּעס אַנדערש, פון יענע מיני ספרים?"

יצחקן איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. ער האָט זיך געריכט, אַז צום ראש־ישיבה איז דערגאַנגען עפּעס פון זיינע טרעפענישן מיט סערקעלען און וועגן דעם וועט זיין די רייד. ווי נאָר אָבער ער האָט געהערט די שאלה, האָט ער אויף דעם אָפענעם און פאַרשערישן בליק פונעם ראש־ישיבה געענטפערט האָפערדיק:

„רבי, איך וועל נישט לייקענען, אַז איך וואָלט געוואָלט קענען יענע ספרים, כדי צו זען פאַרוואָס מען טאָר זיי נישט לערנען. און איך וועל אויך נישט לייקענען, אַז איך וועל די ספרים אַמאָל לערנען, ווען עס וועט קומען די צייט. ביז איצט האָב איך די ספרים נישט געלערנט און אַפּילו נישט געזען זיי. כל זמן איך לערן אין דער ישיבה און איר זענט מיין רבי, איז דער דרך־ארץ מחייב צו לערנען נאָר דאָס וואָס איר לערנט און אַזוי ווי איר לערנט".

„וואָסזשע איז דער מער מיט דיר, יצחק, וואָס דו ביסט אַרויס פון לערנען? דו ביסט אין דער ישיבה ווי אַ פרעמדער. איך דערקען דיך נישט".

יצחק האָט געשוויגן. דער ראש־ישיבה האָט זיך איינגעקוקט אין זיין פּנים, געוואָלט אַדורכדרינגען די פאַרבאָרגנקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעפילט און לסוף געזאָגט:

„איך גלויב דיר יעדעס וואָרט וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. דו ביסט דער זון פון דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס און דו וועסט נישט זאָגן קיין שקר. אָבער דווקא דאָס וואָס דו שווייגסט, באַוועגט מיר צו טראַכטן, אַז דו פאַרבאָרגסט עפּעס וואָס האָט אַ שייכות צום לערנען. איך וועל מוזן רעדן מיט דיין פאָטער".

און ווידער האָט יצחק געשוויגן.

אַרטאַפּאַנוס האָט אויפגענומען דעם ראש־ישיבה מיט גרויס כבוד און אים אָנגערופן רבי. אָבער ווען דער גאַסט האָט אַרויסגעזאָגט זיין חשד, אַז יצחק איז פאַרכאַפּט פון מסוכנע רעיונות, וואָס פירן אַראָפּ פון גלייכן וועג, האָט זיך אַרטאַפּאַנוס אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום ספרים־אַלמער און דורכגעגאַנגען מיט די פינגער איבער די רוקנס, ווי איבער דיקע סטרונעס:

„איר זעט, רבי, דאָ שטייען ספרים פון אַלע יידישע רעיונות: נעבן די נביאים, דער תלמוד און דער רמב״ם און דער „זהר״ און נעבן „זהר״ די „מלחמות השם״ פון רבי לוי בן גרשון — אַלץ פון יידישע גדולים, וואָס זוכן דעם וועג צו גאָט יעדער מיט זיין דרך. ווייל, זאָגט רבי לוי״... אַרטאַפּאַנוס האָט אַרויסגענומען אַ דיקן ספר מיט שווערע לעדערנע טאָוולען, מיטן דיקן פינגער איבערגעגאַנגען איבער די בלעטער און זיך פאַרהאַלטן, קוקנדיק אין ספר — „ווייל, זאָגט ער, לעבן הייסט טראַכטן. דענקען און וויסן איז דער איינציקער קוואַל פון פרייד. נישטאָ קיין העכער גליק פאַרן מענטשן אויף דער וועלט ווי צו פאָרשן און דערגיין דעם אמת, דערגיין די סודות, וואָס רינגלען אונדז אַרום. דער אַלמער מיט ספרים שטייט אָפן. נאָר געלערנט האָב איך מיינע קינדער, אַז פונקט ווי עופלעך טאָר מען נישט געבן צו טרינקען שטאַרקן וויין, וואָס מאַכט זיי קראַנק, בעת דער זעלבער וויין מאַכט ליכטיק אין קאָפּ פון דערוואַקסענע, אַזוי אויך דאַרף דער מענטש זיין רייף פאַר די ספרים פון וויסן. און מיינע זין וועלן נישט עפענען אַ ספר אָן צו פרעגן ביי מיר״.

„זענט איר אַזוי זיכער, דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס, אַז אויב אייער יצחק ווייסט וועגן די ספרים, קען ער ביישטיין דעם יצר הרע?״ האָט דער ראש־ישיבה געפרעגט.

אַרטאַפּאַנוס האָט צוריק אַריינגעשטעלט דעם ספר אין אַלמער, צוגעגאַנגען נאָענט צו זיין גאַסט און געזאָגט האַלב ערנסט און האַלב לייכט:

„דער יצר הרע, רבי, האָט אַ סך נסיון. ער קומט נישט צו דעם וואָס איז נישט אויפגעוועקט. דער „לא תחמוד״ איז נישט פאַר חדר־ייִנגלעך. דאָס וועט איר מיט מיר מסכים זיין. ווען עמעצער זאָל מיר זאָגן, אַז מיין יצחק האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ צו לערנען ווייל אַן אשה איז דערביי, וואָלט איך געזאָגט: ,דאָס איז מעגלעך׳, נאָר אַז ער האָט נישט דעם קאָפּ צו לערנען גמרא, ווייל ער גלוסט צום רמב״ם, אָדער צו חכמת הנסתר — ניין, רבי. ווען איך קען זיך אַליין, קען איך מיינע זין״.

„נישט אַלע וואַסערן פונעם טייך ציען צום ים״, האָט דער ראש ישיבה אַרויסגעזאָגט זיינע ספקות. „מיין חוב איז געווען אייך צו לאָזן וויסן ווי עס האַלט מיט אייער זון, כדי איר זאָלט אים באַצייטנס נעמען אונטער דער השגחה. מיר קענען קיינמאָל נישט וויסן פון וואַנען עס רוקן זיך אָן די סכנות״.

דער ראש ישיבה איז אַוועק פון אַרטאַפּאַנוסן מיט אַ שווער האַרץ. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ נאָך ספרים דער דאָקטאָר האַלט עס אין שטוב? באַהיט זאָל מען ווערן. מען דאַרף טאַקע זען געוואָר ווערן וואָס דער רלב״ג צערעדט אין זיין ספר אונטערן שיינעם נאָמען. טאַקע גדולים בישראל האָט אַרויסגעגעבן ס׳מלכות ספרד, נאָר אויך

אַ שפּאַר ביסל אַפּיקורסים, רחמנא לצלן. ווי נעמט מען היינט אַ רב אשר בן יחיאל און אַ רב שלמה בן אדרת, זיי זאָלן דאָס אַלץ מחרים זיין און עוקר מן השורש זיין פון ייִדישע הייזער? צו אַלע גזירות פון הימל האָבן נאָך גויים אויסגעטראַכט אַ דרוקעריי, אַז יעדער אַפּיקורוס זאָל זיינע נישט־גוטע מחשבות קענען פאַרשפּרייטן צווישן יידן. איי, פאָטער אין הימל, פאַרוואָס פּרוּווסטו אונדז אויס? צו ווייסטו נישט, אַז פאַר דיין נאָמען־וועגן זענען מיר גרייט אויף אַלץ? טאָקע אַן אָרנטלעכער מענטש, דער דאָקטאָר אָרטאָפּאַנוס, אָבער ווי ער גרויסט זיך עס, אַז ער האָט ספרים פון אַלע יידישע רעיונות, גלייך אַלע רעיונות פון אַלע יידן וואָלטן געווען פאַר גאָטס כבוד־וועגן. זאָל אים גאָט נישט שטראָפן. ער טוט דאָך אויך גרויסע מצוות און דערציט אָרנטלעכע קינדער. נאָר דער יצחק געפעלט מיר נישט. ס׳עפּעלע פאַלט נישט ווייט פונעם בוים. מנא, געלויבט השם יתברך.

דער ראש־ישיבה איז אַריבער די בריק און אַריין אין טויער, צוריק צו דער יידנשטאָט און עס איז אים לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ. ער איז ווידער צווישן יידן. אין דרויסן איז שוין געווען טונקל. יידן, איינגעבויגענע פון קעלט, האָבן געאיילט אין די בתי־מדרשים צו מנחה־מעריב. דער שניי אונטער די טריט איז געווען ווייך און די פיס זענען פון מאָל צו מאָל אַריין אין אַ קאַלוזשע. אין די שמאָלע געסלעך האָט געשמעקט מיט פאַררייִשטן אייל און מיט ווייבערישן רופן די קינדער צו מאַכן נאַכט. געלויבט צו גאָט, אַריבער נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג נאָענטער צו דער גאולה.

ווי דער ראש־ישיבה האָט געאיילט ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקן צו מנחה בציבור, אַזוי האָט אויך יצחק געאיילט, אַז שבתאי זאָל אים זען ביי מנחה. ער האָט געאיילט פון אַ צוזאַמענטרעף מיט סערקעלען. זיי האָבן דאָס מאָל לענגער געשוויגן ווי אַלע מאָל און אויך זייער צוזאַמענטרעף איז דאָס מאָל געווען אומרוּיִקער ווי ביז איצט. בעת זיי זענען געשטאַנען אויפן לערן פעלד, איז פון שטאָט אַנגעגאַנגען אַ פאַר־שפּעטיקטע לוויה. די מלווים מיט דער מיטה זענען געגאַנגען שנעל און זיי זענען געווען צונויפגעדרענגט, ווי איינער וואָלט זיך אָנגעלענט אויפן אַנדערן. פונעם פעלד־אויס האָט זיך געדאַכט, אַז עס לויפט אַ ריזיקער שוואַרצער גוף מיט אַ סך פיס.

כדי נישט געזען צו ווערן האָבן יצחק און סערקעלע זיך אָפּגעווענדט אין דער ריכטונג פון שלאָסבאַרג, העכער און העכער ביז זיי האָבן געזען דעם בית־עלמין פון אויבן אַראָפּ, מיט די אַרויסשטאַרצנדיקע מצבות. דערנאָך זענען זיי אַריבער אויף דער צווייטער זייט פון דער הויכקייט און דער בית־עלמין איז פאַרשוווּנדן פון זייערע אויגן.

„זע־נאָר!״ האָט סערקעלע אויסגערופן, „אַ הויז פון שניי״.

אין רוקן פון דער הויכקייט האָבן זיך שאַרף אויסגעשיילט די שפּועים פון אַ שניי־דאַך און נידעריקע ווינקלען פון ווענט, באַדעקט מיט שניי.

„דאָ וווינט די מלכה פון ווינטער״, האָט יצחק געזאָגט, דערנענטערנדיק זיך צום שניי־הויז.

„אפשר איז דאָס אַ הויז פון שדים?״ האָט זיך סערקעלע אָפּגעהאַלטן פון נאָכגיין אים.

יצחק האָט זיך אויסגעדרייט און אַ קוק געטון אויף סערקעלען. זי איז געווען מיט אַ פּאָר טריט נידעריקער פון אים. איר פּנים איז געווען אויסגעשטרעקט צו אים ווי דאָס פּנים פון אַ קינד. יצחק איז צוריק אַראָפּ און זי אָנגענומען ביי דער האַנט.

„האָסט מורא פאַר שדים?" האָט ער שטאַרק געדריקט איר האַנט.

„מיט דיר האָב איך נישט מורא פאַר זיי", האָט אויך זי אים געדריקט די האַנט.

„זאָלט נישט גלייבן אין שדים", האָט ער געזאָגט, פירנדיק זי אַרויפצו.

פּלוצים האָט זיך סערקעלע פאַרהאַלטן. זי האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט.

„דו ווייסט וואָס דאָס קען זיין?" האָט זי אָנגעשטעלט אויף אים אירע ליכטיקע אויגן און איר פּנים האָט זיך אָנגעפילט מיט פרייד. „האָסט געהערט וועגן אסתרקען? דאָ האָט זי דער מלך קאַזשימיר, מסתמא, אויסבאַהאַלטן".

זי האָט אָנגעהויבן ציען נאָך זיך יצחקן, ווי זי וואָלט אַנטדעקט אַן אוצר און זי וויל וואָס שנעלער זיין נעבן אים. יצחק האָט געפילט ווי איר האַנט גליט אין זיין האַנט און אַז עפּעס־וואָס האָט זיך אין דער רגע באַפרייט אין איר. און הגם ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס שניי־הויז איז אַ פאַרלאָזן פּאַסטעך־געצעלט מיט טונקעלע ווענט און מיט אַ ריח פון טרוקן מיסט, האָט סערקעלע נישט אָפּלאָזנדיק זיין האַנט זיך אַרומגעקוקט מיט מיידלשער התפּעלות און מיט צעגליטע אויגן, ווי זי וואָלט געזען זאַכן, וועלכע יצחק קען נישט זען.

„אָט דאָ איז זי געזעסן", האָט זי אָנגעוויזן אויף אַ סטערטע דיקע צווייגן אין ווינקל. „מיין מאַמע, עליה השלום, האָט געמיינט, אַז איך בין נאָך אַ קינד און פאַרשטיי גאָרנישט פון דעם וואָס זי האָט אַמאָל דערציילט מיין טאַטן. זי האָט געקענט אַזוי שיין דערציילן מעשיות. גאַנצע נעכט האָט זי געקענט דערציילן. איך בין געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און אַלץ געהערט און אַלץ פאַרשטאַנען און עס איז געווען אַזוי שיין. האָסט גאָרנישט געהערט וועגן אסתרקען מיט דעם מלך קאַזשימיר?".

יצחק האָט ווייניק־וואָס געהערט וועגן אסתרקען און דעם מלך קאַזשימיר, נאָר בלויז דאָס, אַז זי איז געווען זיין ווייב. אָבער פון סערקעלעס גליען, פון איר קראַמפּ־האַפט האַלטן זיין האַנט, האָט ער זיך אָנגעפילט מיט אַ זיסער צעטומלעניש און אַריינגעקוקט אין איר אָפן פּנים ווי אין קוואַל פון תענוג.

„זי איז געווען אַ שניידערס אַ טאָכטער, דו ווייסט?" האָבן אירע אָפּגעלעגטע פולע ליפּן אַרויפגעקוקט צו אים, „אַ שניידערס טאָכטער. איז מלך קאַזשימיר איין מאָל פאַרבייגעפאָרן אָפּאָטשנע און ווי ער האָט געזען אסתרקען אַזוי איז ער פאַר־כישופט געוואָרן פון איר שיינקייט און ער האָט מער אָן איר נישט געקענט לעבן. האָט ער זי אַוועקגענומען אין שלאָס און איר געגעבן קנעכט און משרתים, וואָס זאָלן זי באַדינען פון פרימאָרגן ביז ביינאַכט. האָט אסתרקע געוויינט און אויס־געוויינט אירע שיינע אויגן, אַז אינעם שלאָס קענען צו איר נישט קומען איר טאַטע־מאַמע. האָט דער מלך פאַר איר אויסגעבויט אונטערן באַרג אַ הייזעלע, די גרייס פונעם הייזעלע פון איר טאַטן דעם שניידער, און דער מלך איז צו איר געקומען און ער האָט זי זייער ליב געהאַט. איז איין מאָל געקומען צו איר דער טאַטע דער

שניידער פרעגן וואָס זי מאַכט. און אַז ער האָט געזען אין וואָס פאַר אַ הייזעלע זי לעבט, האָט ער זיך געחידושט און געפרעגט: „אסתרקע, אויף דעם האָט דיך ליב דער מלך קאַזשימיר, דו זאָלסט וווינען ווי ביי דיין טאַטן דעם שניידער אין אַפּאַטשנע? בעט זיך אויס ער זאָל דיר בויען אַ פּאַלאַץ". איז ווי דער מלך האָט געהערט אסתרקעס וואָרט, אַזוי האָט ער אויסגעבויט פאַר איר אַ פּאַלאַץ אויפן באַרג אין קוזמיר, וואָס איבער דער ווייסל, און דערנאָך האָט ער זי באַזעצט אין זיין שלאָס אין קראָקע. און אַז דער מלך קאַזשימיר איז געשטאָרבן, איז געקומען אויף פּוילן אַ מלך פון אונגאַרן און ער האָט אונטערגעשיקט זיינע מענטשן זיי זאָלן הרגענען אסתרקען. האָבן זיי אַזוי געטון און איר נשמה וואַנדלט אַרום איבער דעם הייזל אונטערן באַרג און אין די פּאַלאַצן ווו זי האָט געוווינט, און ביינאַכט הערט מען איר געוויין".

„פאַרוואָס־זשע שטייען דיר טרערן אין די אויגן?" האָט יצחק געפרעגט.

„איך ווייס?" האָט זי געהויבן מיט די אַקסלען, „עס גלוסט זיך מיר וויינען".

יצחק האָט מער נישט אויסגעהאַלטן. ער איז געווען אַזוי נאָענט צו איר פּנים און איר אָטעם איז געווען אַזוי הייס, אַז זיינע ליפּן זענען צוגעפאַלן צו אירע ליפּן. סערקעלע האָט זיך אַ צי געטון מיט איר גאַנצן גוף צו אים און ער האָט זי אַרומגעכאַפּט און דורשטיק געקושט אירע אויגן, אירע זומער־שפּרענקעלעך, און זי האָט זשעדנע געזוכט זיינע ליפּן און מיט אַ פרייד־קרעכץ זיי אָפּגעפונען און זיי נישט אָפּגעלאָזט.

יצחק האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז ער האָט זי ליב, ליבער פון זיין אייגן לעבן, נאָר סערקעלע האָט אים נישט געלאָזט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, ווי זי וואָלט יאָרן לאַנג געווען אויסגעבענקט צו פילן די זיסקייט און אומגעזעטיקטקייט פון זיינע ליפּן. זיי האָבן נישט געפילט די קעלט, נישט די פייכטקייט פון דער ערד, נאָר געשטאַנען צוזאַמענגעדריקט און פילנדיק איינאַנדער האָבן זיי זיך נישט אויפגעהערט זוכן און אין יעדער רגע איבערגעלעבט דאָס גליק פון געפינען זיך און ווידער צו בענקען.

דאָס קראַקען פון אַ טשאַטשע קראָען האָט זיי צעפלאָשעט און ביידע האָבן פון שרעק אויפגעציטערט:

„יצחק!" האָט סערקעלע אויסגערופן.

כאָטש יצחק האָט געהערט, אַז קראָען האָבן געקראַקעט, איז ער פונדעסטוועגן צוגעגאַנגען צו דער עפענונג פון דעם געצעלט און פאַרזיכטיק געקוקט דאָ אויף איין זייט, דאָ אויף דער צווייטער זייט. און אַז ער האָט קיינעם נישט געזען, האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און אַ צען טריט ווייטער געזען אין שניי די טשאַטשע קראָען.

„גאָרנישט", האָט ער געזאָגט צוריקקערנדיק צו סערקעלען פאַרטשאַדעט פון דעם אַלעמען, „אַ טשאַטשע קראָען האָבן זיך דאָ אַראָפּגעלאָזט".

„אַ שלעכטער סימן, יצחק!" האָט זי אויסגערופן אַ דערשראָקענע, „צי איז עפּעס געשען צו מיר?"

„ס'איז גאָרנישט געשען צו דיר, סערקעלע, איך האָב דיך געקושט", האָט ער זי אַרומגענומען.

„קראָען ביי דער טיר זענען אַ שלעכטער סימן. וועט נישט אַרויסקומען קיין שלעכטס צו מיר פון קושן זיך? האָט זי אין זיינע אויגן געזוכט אַן ענטפער.

יינגלעריש האָט ער אַ ביס געטון דעם שפּיץ פון איר נאָז:

„פון קושן זיך?"

„איך האָב געהערט, אַז יאָ", האָט זי זיך געטוליעט צו אים.

„גלויב נישט אין דעם, סערקעלע, דאָס האָט מען דיך אָנגעשראָקן".

סערקעלע איז נישט געווען איינגאַנצן זיכער, צי יצחק ווייסט דעם אמת. מיט אומרו האָט זי געזאָגט:

„לאָמיר צוריקקערן אין שטאָט אַריין. דער טאַטע וועט מיך זוכן און איך וועל נישט האָבן קיין ענטפער פאַר אים".

איצט האָט זיך אויך יצחק דערמאָנט, אַז ער דאַרף זיין ביי מנחה. שבתאין קען ווערן חשוד, וואָס זיין עלטערער ברודער איז פאַרשווונדן און ער וועט עס דערציילן אין שטוב. זענען ביידע, יצחק און סערקעלע, געלאָפן איבער די פעלדער און מיט זייערע טריט צעוואַסערט דעם שניי. אין דער אָדליגע האָט זיך געפילט אַ זייער דינער ריח פון ערב־פרילינג. אַ פּאָר קראָען זענען אַריבערגעפלויגן מיט אַ בהלהדיקן קראַ־קראַ. סערקעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט פיינט געהאַט קראָען. קראָען שטעלן זיך אויף חזירים און זענען מבשׂר נישט גוטע בשורות.

די קראָען האָבן מבשׂר געווען שלעכטס. סערקעלע האָט עס פאַרגעפילט. וואָרום באַלד ווי די צוויי ברידער זענען אַהיימגעקומען, האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט צו יצחקן, אַז ער מוז מיט אים רעדן און שוין דעם זעלבן אָוונט. דער טאָן פון אַרטאַפּאַנוסן איז געווען אַן אָנגעכמורעטער, אַן ערב־שטורעמדיקער, וואָס האָט יצחקן שטאַרק באַאומרויִקט. האַהאַ, דער ראש־ישיבה האָט שוין גערעדט מיט זיין פאָטער און באַלד וועט ער דאַרפן אויסהערן דברי מוסר, אַז אַ ייד פירט זיך נישט אַזוי, אַז אַ ייד ד'אַרף לערנען און לערנען, ווייל דאָס איז זיין איינציק כלי־זיין. ער ווייסט שוין, אַזוי אויך האָט דער פאָטער גערעדט מיט זיין עלטערן ברודער, שכנא, וואָס איז איצט אין פּאַדואַ. פון דעם האָט טאַקע דער פאָטער אָנגעהויבן ווען ער האָט זיך פאַרמאַכט אין אַ באַזונדער צימער מיט יצחקן:

„אויך מיר איז נישט צום האַרץ דער אופן פון לערנען אין די ישיבות, דאָס צונויפפירן אַ וואָגט מיט אַ וואָנט, כדי שפּעטער צו מאַטערן זיך, די ווענט צו צעטיילן און זיי צוריק אַוועקשטעלן אויף די ערטער. אָבער דאָס איז דער וועג און נישט איך קען אים ענדערן. דאָך די ישיבה איז אַ גוטע צוגרייטונג. זי שאַרפט דעם מוח און מאַכט דורשטיק נאָך וויסן. וואָס־זשע וועט זיין פון דיר, אויב חדשים לאַנג ווי דיין קאָפּ איז נישט ביים לערנען?"

„דער ראש־ישיבה האָט עס דיר דערציילט, פאָטער?", האָט יצחק געפרעגט.

„זיכער, ער איז היינט געווען ביי מיר און זיינע ווערטער האָבן מיר פאַרשאַפט אַ סך קרענקונג. ס'איז נישט לייכט פאַר מיר צו הערן וועגן מיין זון אַזעלכע ווערטער, ווי איך האָב געהערט. קענסטו מיר דערקלערן די סיבה פון דיין אויפפירונג?"

יצחק איז נישט געווען צוגעגרייט. צופיל האָט ער דעם טאָג איבערגעלעבט

און ס׳האָט אים געפּעלט כּוח פון פאַרטיידיקונג. צו שטאַרק איז געווען דער דרך־ארץ פאַרן פאָטער ער זאָל אים משקר זיין. האָט ער געשוויגן און נישט געקוקט דעם פאָטער אין די אויגן. נאָך אַ מינוט אָפּוואַרטן האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט:

„אפשר האָסטו בדעה צו ענדערן דעם שטאַנד פון אונדזער משפּחה? דער פאָטער אַ דאָקטאָר, דער עלטערער ברודער וועט זיין אַ דאָקטאָר און דו ווילסט זיין אַ סטראַגאַן־קרעמער אויפן קליינעם מאַרק? ביי יידן איז דאָס מעגלעך: דורות זאָלן אויפבויען און איין איינציקער דור זאָל דאָס אַלץ צעשטערן״.

יצחק האָט אַרויסגעשטעקט די אונטערשטע ליפּ, ווי אַ צייכן פון איבערלעכער גרימעניש, און געשוויגן. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און אַ קוק געטון אויפן פאָטער. ער וואָלט איצט ליבערשט געוואָלט דער פאָטער זאָל אים שלאָגן, איידער צו הערן די ווערטער. אָ, ווען ער וואָלט דעם פאָטער געקענט דערציילן אַלץ וואָס עס טוט זיך אין אים, וואָס ער לעבט איבער, וואָס פאַר אַן אומרויקע נעכט ער האָט און ווי ערליידט אין די טעג. דער פאָטער וועט אים נישט פאַרשטיין. קיינער וועט אים נישט פאַרשטיין. ער האָט אַפילו נישט קיין גוטן חבר צו קענען זיך פאַרטרויען פאַר אים. ער מוז זיך אויסבאַהאַלטן, ווי דאָס גליק וואָס אים האָט געטראָפן וואָלט געווען אַ גניבה. און אפשר איז עס אַ גניבה? ער גנבעט צייט פון לערנען. אפשר נאָך מער — ער פאַרפירט אַ יידישע טאָכטער, אַ יתומה? אָבער סערקעלען איז דאָך גוט מיט אים און ער האָט נישט קיין שלעכטע כּוונות. זי טרעפט זיך מיט אים פון איר גוטן ווילן. וועט ער מיט איר חתונה האָבן? ער האָט ביז איצט נישט געטראַכט וועגן דעם. אויב נישט, וועט זי חתונה האָבן מיטן בעקער־יונג. וואָס וועט ער איר זאָגן? און וואָס וועט זיין מיט אים? וועט ער קענען נישט טרעפן זיך מיט איר? אסתרקע איז געווען דאָס ווייב פון אַ מלך. איר פאָטער איז געווען אַ שניידער. פאַרוואָס זאָל סערקעלע, די טאָכטער פון פישל דעם בעקער, נישט קענען זיין זיין ווייב?

„פאַרוואָס שווייגסטו?!״ האָט אַרטאַפּאַנוס איבערגעריסן זיינע מחשבות, „בין איך דיר אַ פרעמדער, וואָס דו קענסט פאַר מיר נישט זאָגן אַלץ וואָס דיר ליגט אויפן האַרץ? אפשר איז דיר נמאס געוואָרן דער פּלפּול אין תּלמוד און דו ווילסט לערנען וויסנשאַפטן — זאָג מיר און איך וועל וועגן דעם טראַכטן. דו ווייסט, אַז איך וויל נישט דו זאָלסט זיין אַ חרם־מאַכער און זאָלסט פּסקנען שאלות. דו ביסט שוין אין דעם עלטער, אַז מיט מיר קענסטו רעדן סיי ווי מיט אַ פאָטער און סיי ווי מיט אַ חבר״.

„וועסט מיר נישט פאַרשטיין, פאָטער״, האָט יצחק ענדלעך אַרויסגערעדט אַ וואָרט.

„איך וועל דיך נישט פאַרשטיין?״ האָט דער פאָטער זיך געוווּנדערט. „איך פאַרשטיי טויזנט אַנדערע, וועל איך מיין אייגענעם זון נישט פאַרשטיין?״

„עלטערן קענען נישט פאַרשטיין קינדער״, האָט יצחק געזאָגט קורץ.

„האָסט אַ טעות, מיין זון. קינדער דאַכט זיך, אַז זיי מאַכן אַנטדעקונגען, וואָס זייערע עלטערן האָבן וועגן אַזעלכע נישט געוווּסט. דו ווייסט, מיין זון, ווען אַ יונג

פייגעלע הייבט אָן פליען, דאַכט זיך עס, אַז דאָס איז אַ נייע אַנטדעקונג. שפּעטער זעט עס איין, אַז אַלע פייגל פליען. נאָר וויסן זאָלסטו, אַז די מחשבות און די נסיונות, וואָס עס האָבן יונגע מענטשן, האָבן געהאַט אַלע פריערדיקע דורות און ערשט־מאָליק זענען זיי געווען נאָר ביי אדם און חוה"... אַרטאַפּאַנוסן האָט אַ בליץ געטון אין מוח אַ מחשבה און נישט קוקנדיק אויפן זון האָט ער געפרעגט: „אפשר מאַטערן דיך חלומות ביינאַכט און דאָס שטערט דיר אין לערנען? אין דיין עלטער... ביסט שוין אַ מאַן... איך קען דאָס זייער גוט פאַרשטיין... ביסט אַ געזונטער בחור. איז דאָס, מיין זון, די סיבה?"

„מעגלעך אַז יאָ", האָט יצחק געענטפערט, נישט אויפהייבנדיק די אויגן.

„זעסט, ביי יידן איז אַ מנהג חתונה צו מאַכן קינדער יונג, כדי צו פאַרשפּאָרן פון זיי איבעריקעליידן. אָבער איך האַלט נישט פון דעם. טעכטער דאַרף מען חתונה מאַכן פרי, וויל אַ פרוי ווערט דאָס וואָס דער מאַן מאַכט פון איר. אַ פויעריש מיידל וועט סיי ווי זיין אַ קעניגין, אויב מיט איר וועט חתונה האָבן אַ מלך. נישט אַזוי מיט מענער. אַ מאַן מוז אַליין אַרבעטן אויף דעם וואָס ער וויל זיין. מיט חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון אַ רב ווערט מען נישט קיין רב. דעריבער דאַרף אַ מאַן חתונה האָבן דעמאָלט ווען ער האָט זיין קלאָרן וועג און ער האָט גענוג בילדונג צו זיין וואָס ער וויל זיין. דערפאַר האָב איך געהאַלטן, אַז מיינע זין וועלן חתונה האָבן ערשט דעמאָלט ווען זיי וועלן האָבן אויסגעקליבן זייער וועג. ווילסטו מיר עפּעס זאָגן, יצחק?"

יצחק האָט געהאַט צו זאָגן זייער אַ סך, נאָר ער האָט נישט געהאַט די דרייסט־קייט, מיט וועלכער דער פאָטער האָט גערעדט.

„נו, דו שעמסט זיך צו רעדן מיט מיר וועגן די זאַכן", האָט אַרטאַפּאַנוס געלייענט זיינע מחשבות, אָבער פאַרגעס אויף איין רגע, אַז איך בין דיין פאָטער; דו זיצסט מיט דיין נאָענטסטן פריינט, וואָס אַ מענטש קען האָבן, און ער מיינט בלויז דיין טובה... איך וויל דו זאָלסט וויסן: קיין שום מענטשלעכע נסיונות זענען פאַר מיר נישט ניי; ניי קענען זיין בלויז די באַדינגונגען פאַר די אַלטע נסיונות. נישט מער... און אפשר, אויב דו שעמסט זיך צו רעדן פריי מיט מיר, ווייל איך בין דיין פאָטער, אפשר וועסטו אַלץ דערציילן דעם דאָקטאָר מאַנטאַלטאָ? ער איז אונדזער בעסטער פריינט און ער קען דיך זייט דו ביסט געבוירן געוואָרן. אָבער ליבערשט וואָלט געווען דו זאָלסט זיין איינגאַנצן אָפן צו אַ נאָך נענטערן פריינט, ווי איך בין צו דיר".

עפּעס האָט זיך איינגעבראָכן אין יצחקן. דער פאָטער האָט נאָך קיינמאָל ביז איצט נישט גערעדט צו אים אַזוי, ווי דאָס מאָל. און די ווערטער זענען געווען ווי דער פאָטער וואָלט אַרום אים אַרומגעפלאָכטן אַ שטייג, פון וועלכער ער וועט זיך מער נישט קענען אַרויסבאַקומען אָן זיין הילף.

„ס'איז מיר שווער, זייער שווער, פאָטער!" האָט יצחק פּלוצים אויסגעבראָכן און אָפּווייכנדיק פון דעם דרך־ארץ, האָט ער די עלנבויגנס אָנגעלענט אויפן טיש, בעת דער פאָטער זיצט ביים טיש, און האָט דעם קאָפּ אַריינגענומען אין די הענט.

„נאָר נישט פאַרצווייפלט און נאָר נישט געווייַנט!" האָט אַרטאַפּאַנוס אים געשטאַרקט און געוועקט זיין מענלעכקייט. „די זאַכן לאָמיר איבערלאָזן פאַר ווייבער. זיי זענען בריהס אויף דעם, בעת אַ מאַן מאַכט זיך דערמיט לעכערלעך".

יצחק האָט זיך פון די ווערטער געפילט געשטאַרקט, אָבער גלייכצייטיק איז ער שוין געווען אינגאַנצן אַנטוואָפנט. און ווי עפּעס אַ ניי געפיל האָט זיך אין אים אויפגעוועקט, אַ געפיל וואָס ער האָט ביז איצט נישט געקענט: רעדן ווי אַ מאַן רעדט צו אַ מאַן. אָבער אַ דינע וואַנט איז נאָך געבליבן צווישן די צוויי מענער און אַרטאַפּאַנוס האָט אויך די דינע וואַנט אומגעוואָרפן:

„ווען איך בין אויף דיין אָרט, וואָלט איך מיט מיינע ערשטע געפילן צו אַ פרוי געקומען צום פאָטער. איך בין נישט קיין רב, וואָס אַלץ איז ביי אים זינדיק און אויף אַלץ האָט ער צוגעגרייט אָדער אַ גיהנום מיט ברענענדיקע פעסער פעך, אָדער אַ חרם, אָדער מלקות צי גאָר שווערע תשובה־שטראָפן. בלויז אונדזערע רבנים האָבן דאָס געפיל פון אַ מאַן צו אַ פרוי געמאַכט שווער און מרה־שחורהדיק און אַרומ־גענומען מיט חומרות, ווי דאָס וואָלט געווען אַן אָפּקומעניש אויף דער וועלט". אַרטאַפּאַנוס האָט צום ערשטן מאָל אין דעם אָוונט אַ שמייכל געטון צום זון און דערמיט אים נאָך מער דערנענטערט און אַנטוואָפנט. „ווען דו וועסט לערנען דעם „זהר", און איך האָף, אַז דו וועסט אים לערנען, וועסטו זען, אַז אַלץ וואָס גאָט האָט באַשאַפן האָט ער באַשאַפן פון דער באַהעפטונג פון דעם זכרלעכן און ווייבלעכן. נישט בלויז מענטשן, חיות און געוויקסן, און ימים און טייכן, זענען פון זכרלעכן און ווייבלעכן מין, נאָר אויך די מחשבות און ס'גאַנצע רוחניות — אַלץ, אַלץ אין דער אומענדלעכקייט איז פון צוויי מינים, און דאָס זכרלעכע באַפרוכפּערט דאָס ווייבלעכע, און אין דעם עקסטאַז פון ליבשאַפט האָט גאָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט. דער „זהר" לערנט, אַז בלויז די ערשטע און העכסטע פון די צען ספירות, די כתרא עילאה איז געווען אַן אַ מין און פון איר האָבן אַרויסגעשטראַלט אַלע אַנדערע ספירות, וואָס זענען שוין געווען זכרלעך און ווייבלעך. די צווייטע ספירה, חכמה, הייסט אויך אבא, פאָטער, וואָס האָט באַפרוכפּערט די דריטע ספירה בינה, וואָס רופט זיך אויך אמא עילאה, די אור־מוטער. פון דעם זיווג איז אַרויסגעקומען אַלץ, אַלץ וואָס איז, וואָס מיר באַגרייפן מיט אונדזערע חושים און דאָס וואָס מיר באַגרייפן נישט. דעריבער איז ליבשאַפט אַ געטלעך באַשאַף און אַ הייליקייט און אַ גרויס גליק. און דאָס איז דער ערשטער זיסער סוד, וואָס דער מענטש אַנטפּלעקט. און דעריבער דאַכט זיך אים, אַז דאָס איז אַנטפּלעקט געוואָרן נאָר צו אים. און ער וויל דעם סוד באַהאַלטן נאָר פאַר זיך. אויב אָבער מען קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט דער ליבשאַפט, דאַרף מען קומען צו אַ פריינט און פאַר אים אַרויסרעדן אַלץ. געדענקסט דעם פסוק אין שיר השירים? ,סמכוני באשישות, רפדוני בתפוחים כי חולת אהבה אני' — ,ער האָט מיך אונטערגעהאַלטן מיט טרויבן־קוכן, געקוויקט מיך מיט עפּל, וואָרום קראַנק פון ליבשאַפט בין איך'. נו, די גוטע זאַכן האָב איך נישט איצט, אָבער אַ פאָטערלעכע עצה קען איך דיר געבן, מיין זון".

„ס'האָט מיך געטראָפן, פאָטער", האָט יצחק מער נישט געקענט אויסהאַלטן.

„און דו קענסט זי? זי ווייסט וועגן דעם? אָדער צופעליק אַריינגעפאַלן אין האַרץ״.

„זי ווייסט וועגן דעם״, האָט יצחק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

אַרטאַפּאַנוסן האָט אַ בליץ געטון דורכן מוח: דעם טאַטנס זון. וועדט מיטגעריסן און פאַרברענט. אַרעמער בחור, אין אַזאַ צייט, אין לובלין?

„דו קענסט זי״, האָט אַרטאַפּאַנוס זיך אויסגעגלייכט אין זיין שטול, כדי צו פאַרטרייבן זיינע אייגענע מחשבות.

„יאָ״, האָט יצחק באַשטעטיקט, און סוגעסטיוו נאָכגעמאַכט דעם פאָטערס באַוועגונג ביים אויסגלייכן זיך אין דער שטול.

„איצט, ווען דו האָסט מיר שוין אַלץ געזאָגט, רעד מיט מיר פריי. איך זע נישט אין דעם קיין שום חטא. אָרעם איז דער וועמען עס טרעפט נישט. קענסטו מיר זאָגן וועמעס טאָכטער זי איז און... בכלל?״

אַ דינינקער שוויס איז אַרויסגעטרעטן אויף יצחקס שטערן און ער האָט דער־פילט אַ ציטערניש און שוואַכקייט אין די קני. ער איז פאַרטריבן געוואָרן אין אַ ווינקל און ער האָט נישט געהאַט ווו צו אַנטלויפן. אָ, ווען ער זאָל מעגן פאַרן פאָטער צוטראַכטן אַ ליגן, אַז סערקעלע איז אַ טאָכטער פון אַ פּרנס, פון אַ רייכן סוחר. צי וועט דער פאָטער ווייטער רעדן מיט אים ווי ביז איצט, אויב ער זאָל הערן, אַז סערקעלע איז פישל בעקערס טאָכטער? מאָדנע ווי דעם פאָטער פאַלט נישט איין, אַז דאָס אַלץ האָט אַ שייכות צו דעם וואָס בריינדל די איינגייערקע האָט אַנומלט דערציילט זיין מוטער און ס׳איז דעריבער געוואָרן אַ שמועס ביים טיש. יצחק האָט געמאַכט אַ טעות. אין דער רגע ווי ער האָט געטראַכט וועגן דעם, האָט זיך זיין מחשבה ווי איבערגעטראָגן אין מוח פונעם פאָטער. אַרטאַפּאַנוס, ווידער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז דאָס וואָס איז אים איינגעפאַלן איז אמת, האָט אָפּגעהוסט, געוואָלט פאַרטרייבן די מחשבה און זי האָט זיך נישט געלאָזט פאַרטרייבן.

„יאָ, איז וואָס־זשע האָסטו מיר געוואָלט זאָגן?״, האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט און גוט באַהאַלטן זיין אומרו.

„דאָס אַלץ וואָס איך האָב דאָ דערציילט, פאָטער, קען איך נישט זאָגן דעם ראש־ישיבה״.

„ניין, חלילה; זאָג עס מיר״, האָט אים אַרטאַפּאַנוס נישט אָפּגעלאָזט.

ס׳האָט זיך געעפנט די טיר, בתיה האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און קוקנדיק נייגעריק דאָ אויף אַרטאַפּאַנוסן און דאָ אויף יצחקן, האָט זי געזאָגט:

„פאָטער, עמעצער איז געקומען רופן צו אַ קראַנקן״.

„באַלד קום איך אַרויס״, האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגעשטרעקט די האַנט, ווי אַ צייכן מען זאָל אים נישט שטערן. אָבער ווי נאָר בתיה האָט צוריק פאַרמאַכט די טיר, האָט ער שוין נישט געקאָנט איינזיצן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און באַרירנדיק יצחקס פּלייצע געזאָגט: „מיר וועלן נאָך היינט דעריבער רעדן״.

אין פּרוזדור איז געשטאַנען אַ צעשראָקן מיידל איינגעהילט אין אַ שווערער פאַטשיילע און דערזעענדיק דעם דאָקטאָר האָט זי זיך טיף פאַרבויגן און מיט טרערן געזאָגט:

„מיין פֿאָטער איז איינגעפֿאַלן, ער איז פֿאַרביי. טוט רחמים צו אים, ראַטעוועט אים״.

„קינד, דאָ קען איך אים נישט ראַטעווען. באַלד, וואַרט צו. ווייט פֿון דאַנען וווינט איר ?״

אַרטאַפּאַנוס האָט אַפֿילו נישט אויסגעוואַרט אויף אַן ענטפֿער און אַוועק געמען זיין רפֿואות־רענצעלע. לאה איז אים נאָכגעגאַנגען. עס איז איר שטאַרק געלעגן אויפֿן האַרץ דער שמועס צווישן פֿאָטער און זון און זי האָט באַגערט עפּעס צו הערן וועגן דעם שמועס. געפֿרעגט האָט זי נישט. ווען עמעצער רופֿט אים איילִיק צו אַ קראַנקן ווערט ער אומגעדולדיק. זי האָט געהאָפֿט טאָמער וועט ער אַליין עפּעס זאָגן. ער האָט געזאָגט :

„זאָל מיר שבתאי צוגרייטן דעם לאַמטערן ; דאַכט מיר דאָס קנייטל איז אויס־געברענט״.

„ווו האָסטו אים אַוועקגעשטעלט ?״ האָט לאה געפֿרעגט און אים געקוקט אין די אויגן, טאָמער וועט ער כאָטש איין וואָרט זאָגן וועגן דעם שמועס.

„אויב ברײַנדל האָט אים נישט פֿאַרוימט אַז צען שדים וועלן אים נישט געפֿינען, שטייט ער אויפֿן שענקל אין דער קיך״.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אָנגעטון, ווי אין דרויסן וואָלט געווען אַ שטאַרקער פֿראָסט. ער האָט דעם שאַפֿן־פֿעלץ אַרומגעגאַרטלט און אויפֿגעשטעלט דעם גרויסן קאָלנער, ווי ער וואָלט שוין געווען אויף דער גאַס. אויף די הענט האָט ער אָנגעטון שאַפֿענע הענטשקעס און מיטן רפֿואות־רענצל אַוועק אין פֿאַדערהויז.

„דער לאַמטערן איז דאָ ?״ האָט ער געפֿרעגט מיט אַ געהעכערטער שטים און שטילער זיך געוואָנדן צום צעשראָקענעם מיידל : „ווייט פֿון דאַנען ?״

„נעבן שלמה מוכטעס בית־המדרש, אינעם הינטער־געסל״, האָט דאָס מיידל געענטפֿערט.

„אַ מהלך רב... נישקשה, מיר וועלן גיין שנעל. וואָס טוט דיין פֿאָטער ?״

„מיין פֿאָטער איז אַ שמיד. אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען געזונט און געאַרבעט. צוריקגעקומען פֿון בית־מדרש אין אָוונט איז ער אַוועקגעפֿאַלן. די מאַמע זאָגט : ער איז פֿאַרביי״.

„די מאַמע זאָגט״, האָט אַרטאַפּאַנוס איבערגעחזרט, „פֿון וואַנען ווייסט די מאַמע ?... אָט גייען מיר שוין... האָסטו ברידער, שוועסטער ?״

„פֿינף ברידער און צוויי שוועסטער״, האָט דאָס מיידל געענטפֿערט.

שבתאי האָט געבראַכט דעם אָנגעצונדענעם לאַמטערן. נאָך אים איז געגאַנגען לאה און ביידע, מאַמע און זון, האָבן נאָכגעקוקט דעם פֿאָטער, וואָס האָט אין דעם דיקן פֿעלץ מיטן אויפֿגעשטעלטן קאָלנער אויסגעזען ווי אַ ריז.

„איך האָף אַז דו וועסט זיך נישט זוימען״, האָט לאה אים באַגלייט מיט אומרו, וואָס באַהערשט זי תמיד, ווען ער איז אויסער דער היים.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו לאהן און איר אַרייַנגעשמייכלט אין די אויגן :

„פֿאַר האַלבער נאַכט האָבן נישט די שדים קיין שליטה ; בפֿרט אויף מאַנצבילך״.

קאַפּיטל פינף

דער וועג צו דער יידנשטאָט און צום דעם הויז פונעם קראַנקן שמיד האָט געדויערט גענוג לאַנג. אַ לייכט פרעסטל האָט מיט אַ דינעם אייז־בלאַם באַדעקט דעם פון פריער צעוואַסערטן שניי און ס'איז געוואָרן גליטשיק. אונטער די פיס האָט זיך דער דינער אייז געבראָכן ווי מצה און אין טיפערע ערטער זענען די פיס איינגעזונקען איבער די קנעכל. דאָס פלעמל פון דעם לאַמטערן האָט מער פאַרפירט ווי באַלויכטן דעם וועג. אַרטאַפּאַנוס האָט דאָס מיידל אויסגעפרעגט וועגן אַלץ אין איר משפחה. איידער ער איז צוגעקומען צום הינטערגעסל האָט ער שוין געוווּסט ווער אין דער משפחה עס איז אַמאָל געווען קראַנק און ווי עס איז מיטן געזונט פון די זיידעס און באָבעס. אין דער שטוב פונעם שמיד, וואָס צו איר האָט מען געדאַרפט אַדורכגיין דורך אַ פינצטערער קוזשניע מיט אָנגעוואָרפענע שטיקער האָלץ און אייזן, איז געווען כמעט פינצטער. דעם דאָקטאָרס לאַמטערן האָט עטוואָס ליכ־טיקער געמאַכט אין דער קאַמער, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט מיט בעטן און פון די בעטן האָבן זיצנדיקע און ליגנדיקע אַרויסגעקוקט אַ סך קינדערשע פּנימלעך. עטלעכע קינדערלעך האָבן זיך שעמעוודיק פאַרדעקט איבער די קעפּלעך און געקוקט צום דאָקטאָר דורך שמאָלע אָפּלענונגען פון אונטער די פערענעס. אויבנאויף האָט זיך פון אַ בעט אויפגעשטעלט אַ פרוי און אַרטאַפּאַנוס האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָרט, אין דעם בעט, ליגט דער קראַנקער. די פרוי האָט גאָרנישט גערעדט. מיט דער האַנט בלויז האָט זי אָנגעוויזן אויפן קראַנקן און פריי געמאַכט דעם פּלאַץ פאַרן דאָקטאָר.

אין דער ענגשאַפט האָט אַרטאַפּאַנוס אַפילו נישט געהאַט ווו אַוועקצולייגן דעם אויסגעטוענעם פעלץ, און ער האָט אים איבערגעגעבן דעם מיידל צו האַלטן.

„קען מען נישט מאַכן אַביסל ליכטיקער?" האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט און זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פונעם בעט.

„צינד אָן פון די שבת־ליכט", האָט דאָס מיידל וואָס איז געקומען מיט אַרטאַ־פּאַנוסן געזאָגט צו דער מוטער.

„אוי, ווינד איז מיר. אָנצינדן ליכט? דאָקטאָר־לעבן! מען טאָר דאָך נישט!" האָט די פרוי אויסגערופן מיט שרעק.

„נאַרישקייטן! אויך אויף שׂמחות צינדט מען אָן ליכט. צינדט אָן אַ ליכט און זאָל מיר דאָ איינער צולייכטן!" האָט דער דאָקטאָר באַפוילן.

דערווייל האָט דער דאָקטאָר אויסגעטאָפּט דעם דופק פונעם קראַנקן, אונטער די אויערן און אים לייכט אַ פּעטשל געטון אין פּנים:

„איצט זאָג מיר ווי דו הייסט און וואָס דיר טוט וויי", האָט אַרטאַפּאַנוס זיך געוואָנדן צום קראַנקן מיט אַ טאָן ווי ער וואָלט געוווען געזונט.

„דב בער", האָט דער קראַנקער אַ קרעכץ געטון.

„דאָס געפעלט מיר. אַ שמיד איז אַ שטאַרקער ייד, דאַרף ער אויך האָבן אַ שטאַרקן נאָמען, אין צווייען — דב בער. און וואָס טוט וויי אַזאַ שטאַרקן ייד? עס פּאַסט נישט פאַר אַ שמיד צו זיין קראַנק".

„איך קען נישט אויפהייבן דעם קאָפּ פון ווייטיק און קען די אויגן נישט עפענען" האָט דער שמיד געקרעכצט, „ס'איז מיר זייער נישט גוט".

„און מיר איז יאָ גוט, וואָס איך האָב געדאַרפט גיין אַזאַ לאַנגן וועג?" האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט, „אין אַזאַ צייט איז קיינעם נישט גוט... אַט גייט ליכט, איצט וועט מען זען... אַביסל נענטער און האַלט דאָס ליכט העכער", האָט ער אויפגעהויבן דעם אָרעם פון דעם שמידס ווייב און געפרעגט: „שמידט אייער מאַן פּאָדקאָוועס אין בעט וואָס די פּערענע און דער קישן זענען אַזוי שוואַרץ? אַלע קראַנקייטן נעמען זיך פון דעם שמוץ, פון נאָך סוכות האָט איר שוין איבערגעצויגן דאָס קישן און די פּערענע?"

„אוי, דאָקטאָר־לעבן, אַ געזונט אויף אייך, קען מען דען ווינטער וואַשן און טריקענען?" האָט דאָס ווייב געפרעגט.

„אַז מען וויל קען מען און מען מוז!" האָט אַרטאַפּאַנוס שטרענג געזאָגט.

ער האָט אָפּגעדעקט דעם קראַנקן, און מיטן אויער זיך צוגעלענט צו זיין ברוסט:

„נישט עטעמען, נישט עטעמען, איך דאַרף הערן וואָס עס זאָגן די לייט אינעווייניק... אַזוי... ס'האַמערט... נאָך אַמאָל נישט עטעמען... גוט... איצט עטעמען טיפער, ווי אַ בלאָז־זאַק... סאָפּע נישט, האָב איך געזאָגט, נאָר עטעם טיפער און פּאַמעלעך... דאַרף איך אַ שמיד לערנען ווי עס אַרבעט אַ בלאָז־זאַק?... נאָך... נאָך"...

דער דאָקטאָר איז מיטן אויער איבערגעגאַנגען פון איין פּלאַץ צום צווייטן, געריטשט דאָס אויער איבער דער פאַרוואַקסענער ברוסט פון דעם קראַנקן, באַלד זיך אויפגעשטעלט און אויסגעקנעטן זיין בויך.

„איצט וויל איך האָבן דאָס ליכט פאַר זיינע אויגן", האָט אַרטאַפּאַנוס אָנגענומען דעם אָרעם פונעם ווייב און אים מיטן ליכט אָנגעשטעלט אויפן ריכטיקן פּלאַץ פאַרן פּנים פונעם קראַנקן. ער האָט אָפּגעלענט די אויגן־אַפּלען, אַרומגעקוקט די ראַנדן אַרום די ווייסלען און זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויפן בעט: „איצט רעכנט מיר אויס מיט וואָס איר האָט אייער מאַן געפּאַשעט דעם גאַנצן טאָג זייט ער איז אויפ־געשטאַנען", האָט ער אָנגעשטעלט די אויגן אויף דער פרוי.

„דאָס זעלבע וואָס יעדן טאָג", האָט די פרוי געענטפערט.

„און יעדן טאָג איז ער פאַרסמט?" האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט, „רעכנט מיר

אויס וואָס ער האָט געגעסן, אַלץ איינס צי פאַרן דאַווענען אָדער נאָכן דאַווענען״.

די פרוי האָט אויפגעהויבן די אויגן צום באַלקן און זיך אָנגעהויבן דערמאָנען:

„באַלד אין דער פרי האָב איך אים געמאַכט אַ שיסל קליינע קליצקעס מיט מילך. ער האָט דערפון זייער הנאה געהאַט. דערנאָך האָב איך געקאָכט פאַרפל מיט פאַ־סאָליעס און ער האָט דערפון אויך געהאַט הנאה. פאַרפל מיט פאַסאָליעס געקאָכט אויף אַ מאַרך־ביין און פאַררייַשט מיט אַ ציבעלע צעגייט אין אַלע גלידער״, איז דאָס ווייב געוואָרן היימישלעך.

„ס׳איז אים טאַקע צעגאַנגען אין אַלע גלידער״, איז דער דאָקטאָר מסכים געווען. „און וואָס נאָך, פון וועלכן ער האָט אַזוי שטאַרק הנאה געהאַט?״ דאָס ווייב האָט ווידער אויפגעהויבן די אויגן צום באַלקן:

„צום אָנבייסן האָב איך אים איינגעקאָכט ברוקעוו מיט גריישל אַז ס׳האָט פאַר־שמעקט די שטוב״.

„אַ סך האָט ער פון דעם מאכל געגעסן?״ איז איר דער דאָקטאָר אַריינגעפאַלן אין די רייד.

„אַ שיסל מיט אַ צולאָג. אַז מיין מאַן האָט הנאה פון אַ מאכל איז פאַר אים נישטאָ צו פיל. פאַר מנחה האָט ער מיר געזאָגט, אַז סע קלעמט אים שטאַרקביים האַרצן און ער וואָלט עפּעס איבערגעכאַפּט. איז מיר נאָך געהאַט געבליבן פון דעם ברוקעוו אַ שיסל, האָב איך אים דערלאַנגט און ער האָט אויפגעגעסן״.

„מיט וואָסער האָט ער פאַרטרונקען?״ האָט דער דאָקטאָר געוואָלט וויסן.

דאָס ווייב האָט זיך אַ בייג געטון אין די זייטן, ווי זי וואָלט מיט דער באַוועגונג אַליין זיך געוווּנדערט אַ דאָקטאָר זאָל שטעלן אַזעלכע שאלות:

„אוי, אַ געזונט אויף אייך, דאָקטאָר־לעבן. וואָר קען עס עסן אָן צו פאַרטרינקען; מען קען דאָך, מיינע שׂונאים, דערשטיקט ווערן״.

„און וואָס נאָך האָט ער געגעסן?״ האָט אַרטאַפאַנוס אַרויסגענומען דאָס ליכטל פון דעם ווייבס הענט.

„ער האָט די וועטשערע נישט געקענט עסן. ער איז צוריקגעקומען פון בית־מדרש איז ער געווען ווייס ווי די וואַנט און איז אַוועקגעפאַלן אויפן בעט אַ טויטער, מיט אַזעלכע געשרייען, אַז איך האָב געמיינט, חלילה, ער איז פאַרביי״.

„ווייז מיר דיין צונג!״ האָט דער דאָקטאָר באַפוילן דעם קראַנקן „בלעק אַרויס די צונג נאָך מער! וועסט מיר נישט פוגע בכבוד זיין... אַזוי... אויף דער צונג וואַקסט ברוקעוו!... אויפקאָכן אַ טעפל וואַסער״, האָט ער געזאָגט צום ווייב און זיך אויפ־געשטעלט.

דאָס ווייב האָט זיך געפעדערט. זי האָט אונטערן דרייפוס אויפגעבלאָזן אַ פייער און אין דער קאַמער איז געוואָרן ליכטיק און פריילעכער.

„איז וואָס־זשע, דאָקטאָר־לעבן, וועט מיינער זיין געזונט?״ האָט דאָס ווייב געפרעגט.

„ער מוז זיין געזונט; ער האָט פאַר וועמען צו אַרבעטן״, האָט אַרטאַפאַנוס געענטפערט און זיך דורכגעשטופּט צווישן די בעטן צו זען די קינדערלעך, „ער

וועט אויסטרינקען אַ פּאָר טעפּעלעך ציינעס און עס וועט אים אַדורכיאָגן, ער זאָל פֿאַרגעסן צו טרינקען קאַלט וואַסער נאָך ברוקעווע מיט גריישל... פּאַרוואָס, יינגעלע, האָסטו אַזאַ פֿאַרשמירט פּנימל?״ האָט ער אַ גלעט געטון אַ קינד איבערן קעפּל, „די מאַמע וואַשט נישט דאָס פּנימל פֿאַרן שלאָפֿן גיין?... און דו, יינגעלע, וואָס קראַצסטו זיך? האָסט אַ סך לייזעלעך?״

די קינדערלעך האָבן זיך געשעמט פֿאַרן דאָקטאָר און נישט געענטפֿערט. אַנדערע האָבן זיך באַהאַלטן און געלאַכט פֿון אונטער די פֿערענעס.

„דאָקטאָר־לעבן, אַז איר זענט שוין דאָ, אפֿשר וואָלט איר אַ קוק געטון אויפֿן אייגל פֿון מיין חיימלען?... חיימל, באַהאַלט זיך נישט. ווייז דעם פֿאַן דאָקטאָר דיין כשר אייגעלע!״

חיימל האָט זיך באַהאַלטן. ער האָט זיך געשעמט פֿאַרן פֿאַן דאָקטאָר. אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן בעט, אין וועלכן עס זענען געלעגן צוויי קינדער און מיט איינגעמערישע רייד צוגערעדט חיימלען ער זאָל אָפּערקריכן פֿון אונטער דער פֿערענע. צום סוף האָט ער מיט כוח אַרויסבאַקומען דאָס קינד און עס אַוועקגעזעצט אויף זיינע קני. ער האָט זיך איינגעקוקט אין די אייגעלעך פֿונעם קינד און אויס־געשרויען:

„אַזעלכע שיינע אייגעלעך לאָזט מען קראַנק ווערן? נאָך אַמאָל, אַז איך וועל אַהערקומען און עס וועט זיין אַזוי קויטיק ווי איצט און די קינדער וועלן נישט זיין געוואַשן, וועט מיין פֿוס די שוועל נישט אַריבערטרעטן!״

ער האָט דאָס קינד שפּילעריש אַריינגעוואָרפֿן אין וואַרעמען בעט.

„אוי געוואַלד, איך וועל עס נישט אויסהאַלטן!״ האָט אַ שאַרפֿן קרעכץ געטון דער קראַנקער שמיד.

„נישקשה, וועסט אויסהאַלטן. אַ טאַטע פֿון קינדער מוז אויסהאַלטן״, האָט זיך אַרטאַפּאַנוס גענומען צו זיין רפֿואות־רענצל. איידער דאָס וואַסער האָט זיך אויפֿ־געקאָכט, האָט ער דערווייל גענומען אין אַ טעפּל אַביסל לעבלעך וואַסער און געמאַכט אַ לייזונג אויסצוואַשן דאָס קראַנקע אייגעלע פֿון קינד. דאָס קינד האָט זיך באַ־האַלטן אין אַ צווייט בעט. ער האָט עס ווידער אַרויסגענומען מיט כוח. די מוטער האָט דעם קינד צוגעהאַלטן די הענטלעך און דער דאָקטאָר האָט די אייגעלעך אויסגערייניקט און באַשמירט מיט אַ זאַלב. דערנאָך האָט אַרטאַפּאַנוס פֿאַרבריט אין אַ היפּשן טאָפּ אַ גרויסע פֿאַרציע ציינעס און געצוווּנגען דעם שמיד ער זאָל דאָס אַלץ אויסטרינקען. דער קראַנקער האָט זיך געראַנגלט, ווי ער וואָלט געוועזן געפּענטעט מיט שטריק און לסוף אַלץ אויסגעטרונקען און אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן קישן מיט אַ קרעכצעניש.

„גרייט צו אַ כּלי, ער זאָל נישט לויפֿן אין דרויסן. ער וועט דאָרט כאַפּן אַ לונגען־אָנצינדונג און דעמאָלט וועלן אויך ציינעס נישט העלפֿן. גוט געהערט?״ האָט ער געפֿרעגט דאָס ווייב.

„יאָ, דאָקטאָר־לעבן, איר זאָלט געזונט און שטאַרק זיין. איר האָט מיר אַ נייע נשמה אַריינגעזעצט. איך האָב געמיינט די וועלט, חלילה, עקט זיך. אַזאַ זאַך: גייט

אַוועק פריש און געזונט און קומט צוריק אַ קראַנקער. וועט ער טאַקע געגעזן ווערן ?״

„מיט גאָטס הילף, אויב ער וועט האָבן ווייטיקן לייגט אים צו צום בויך אַ וואַ־רעמען שטיין. נאָר איר זאָלט אים נישט אָפּבריען. אַז ס׳וועט אים דורכיאָגן וועט אים בעסער ווערן. מאָרגן אַ גאַנצן טאָג וועט ער פאַסטן. באַמיט זיך צו באַקומען אַביסל פלוימען־סאָק, אויב ער וועט מאָרגן וועלן טרינקען, זאָלט איר געבן וואַרעם וואַסער מיט אַביסל פלוימען־סאָק. אַלץ פאַרשטאַנען ?״

„איר זאָלט האָבן נחת פון אייערע קינדער, דאָקטאָר״, האָט אים די פרוי געווונטשן.

ערשט ביי דער טיר, ווען אַרטאַפּאַנוס איז שוין געווען גרייט אַוועקצוגיין, האָט דעם שמידס פרוי שטיל און שעמעוודיק אים דערלאַנגט אַ חופּה־קידושין־רינגל:

„איך האָב נישט קיין פּרוטה אין שטוב. מאָרגן וועט מיין טאַכטער אייך אָפּ־ברענגען און דער דאָקטאָר״...

אַרטאַפּאַנוס האָט צוריקגעשטופּט איר האַנט מיטן רינגל:

„מאָרגן זאָל אייער טאָכטער קומען צו מיר זאָגן ווי אייער מאַן פילט זיך״.

די פרוי האָט ווידער אויסגעשטרעקט די האַנט מיטן רינגל און אַרטאַפּאַנוס האָט געזאָגט שטרענג:

„זעט בעסער איר זאָלט עס נישט פאַרלירן״.

ער איז אַוועק און איבערגעלאָזט אין דער קאַמער אַ געפיל פון זיכערקייט און דערלייכטערונג. דעם שמידס טאָכטער האָט אים באַגלייט אַ שטיק וועג אינעם געסל, כאָטש אַרטאַפּאַנוס האָט איר געהייסן צוריקגיין אַהיים. זי איז אים געווען דאַנקבאַר און נישט געקענט געפינען די ריכטיקע ווערטער. זי האָט געשטאַמלט, נישט ווי איר וואָלטן געפעלט ווערטער, נאָר ווי זי וואָלט צווישן אירע ווערטער געוואָלט געפינען די סאַמע ריכטיקע. אין איר שטאַמלען איז געווען אַ רייץ, וואָס האָט אַרטאַפּאַנוסן גערירט.

„אַז מיין פאָטער איז איינגעפאַלן האָט זיך מיר געגלוסט וויינען״, האָט זי לסוף געזאָגט. „איצט וואָלט איך געטאַנצט פון פרייד. ער איז אַזאַ גוטער. מיין מוטער איז זייער שוואַך און דער פאָטער לאָזט איר נישט צופיל זיך איבעראַרבעטן. דערפאַר איז ביי אונדז אַזוי״... און נאָך אַ רגע האָט זי צוגעגעבן: „איך פאַרנעם זיך מיט די קליינע קינדער און קען זיך נישט קיין עצה געבן״.

„ווי אַלט ביזטו ?״ האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט.

„צו פּסח ווערט מיר פופצן״, האָט זי געענטפערט אַזוי ווי זי וואָלט עס געוואָלט אויסבאַהאַלטן.

„פופצן יאָר איז אַ כלה־מויד. דו ביסט ווערט אַ גוטן חתן. נו, גיי צוריק אַהיים. אַ כלה־מויד טאָר זיך נישט צוקילן״, האָט אַרטאַפּאַנוס זיך אָפּגעשטעלט און מיט דער לאַמטערן באַלויכטן דאָס פּנים פונעם מיידל.

אַ פּאָר גוטע און קלוגע אויגן האָבן געקוקט אויף אים מיט דאַנקבאַרקייט.

ווען ער איז אַוועק, האָט זיך אים נאָך אַלץ געדאַכט, אַז דאָס מיידל גייט אים נאָך. ער האָט געפילט איר אַנוועזנהייט און דעם איינגעהאַלטענעם קלאַנג פון איר

שטים: „אויב איך בין ווערט אַ גוטן חתן, פאַרוואָס זאָלסטו מיר נישט געבן דיין יצחקן פאַר אַ מאַן?" ער האָט אַ קוק געטון אין דער זייט. דער פאַרפרוירענער שניי האָט זיך איינגעבראָכן אונטער זיינע פיס און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס מיידל איז נישט געווען נעבן אים, נאָר דער אומרו פון דעם וואָס אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט, האָט אים נישט אָפּגעלאָזן. אויב דעם בעקערס מיידל, וואָס יצחק האָט ליב, האָט אַזאַ איידל פּנים ווי דעם שמידס טאָכטער, פאַרוואָס זאָל זי נישט מעגן זיין זיין ווייב? פרויען זענען אויסער יעדן שטאַנד. דאָס וואָס עס קען פון זיי ווערן איז נישט אָפּהענגיק פון דעם צי זיי בליען אין גאָרטן פון אַ מלך, אָדער נעבן פענצטער פון אַ קנעכט. עס איז אים געוואָרן וואַרעם און ער האָט מיט אַ באַוועגונג מיטן קאָפּ אויף היינטן אומגעלייגט דעם הויכן פעלצענעם קאָלנער. מענער האָבן אַנגעשטעלט צווישן זיך ווענט: קליידער, יחוס, רייכקייט, שטאַנד, כדי צו קענען הערשן איינער איבער דעם אַנדערן. אָבער פרויען? פרויען זענען באַהערשטע אין אַלע שטאַנדן און דער מאַן מאַכט פון איר סיי ווי וואָס ער וויל זי זאָל זיין. נעמען דען מענער ערנסט אַפילו זייערע ווייבער פון יחוס, ווען זיי געפינען אַ פּילגש פון נידעריקסטן שטאַנד? פאַרוואָס שטערן יצחקן אין זיין ליבשאַפט צום בעקערס טאָכטער? פאַרוואָס? איז ער זיך טועה מיט זיין ערשט געפיל? איז וואָס? צי קען זיך אַ רייפער מאַן נישט טועה זיין אין זיין ליבשאַפט?

ווייטע אַנונגען געמישטע פון פרייד און צער זענען אַנגעלאָפן אויף אַרטאַפּאַנוסן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיט אַן אָפן מויל אַריינגעאָטעמט פולע לונגען קאַלטע לופט. די אַנונגען האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט און האָבן אַרויסגערופן אין אים מיטלייד צו יצחקן. אָרעם קינד, ווי שווער דיר איז אין אַזאַ צייט פון די ערשטע ציטערנישן!

ס'איז אויך שוין געווען שפּעט ווען אַרטאַפּאַנוס האָט צוריקגעקערט אַהיים. די קינדער זענען שוין געשלאָפן. בלויז לאה האָט געוואַרט אויף זיין צוריקקום. זי איז געזעסן ביים אויוון אַרומגעהילט מיט אַ דיקער פאַטשיילע. די וואַרעמקייט פון די צעזשאַרעטע קוילן אין אויוון איז נישט גענוג געווען צו פאַרטרייבן דעם ווינט פון אירע ביינער. דאָס פאַרמאַכן זיך אין אַ באַזונדער צימער פון פאָטער און זון און שפּעטער אַרטאַפּאַנוסעס אַוועקגיין צו אַ קראַנקן, האָבן איר געמאַכט טראַכטן באַאומרויִקנדיקע מחשבות. זי האָט געפּרוווט אַרויסלייענען פון יצחקס פּנים עפּעס פון דעם שמועס מיטן פאָטער. אָבער זיין פּנים איז געווען ווי אַ דיקע וואַנט, וואָס לאָזט נישט אַדורכבליקן אויף יענער זייט. אַזוי איז מיט קינדער. ווי נאָר זיי הייבן אָן רעדן, אַזוי הייבן זיי זיך אָן אויסצובאַהאַלטן, ווי די מוטער וואָלט געווען אַ פרעמדע. זי איז גרייט פאַר זיי זיך מקריב זיין און זיי פאַרמאַכן זיך אין סודות. זי איז געווען מיד פון אירע מחשבות און נישט געקענט אַפילו אַנטקעגן גיין אַרטאַ־פּאַנוסן, בעת זי האָט געהערט ווי ער עפנט די אַריינגאַנגס־טיר.

„אַפילו די נאַכט־שומרים האָבן זיך באַהאַלטן און דו וואַכסט נאָך?" האָט אַרטאַ־פּאַנוס זיך דערנענטערט צו דער זיצנדיקער לאה און געבראַכט מיט זיך אַ שטראָם קעלט פון דרויסן.

„איך האָב זיך געפּוילט צו גיין אַליין שלאָפֿן אין אַ קאַלט בעט", האָט זי אַרויפֿגעקוקט צו אים און אויסגעשטרעקט איר האַנט, ער זאָל איר דערלאַנגען זיין האַנט. „אַ שווערער פֿאַל געווען?"

„געקענט זיין אַ שווערער פֿאַל", האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפֿערט אַראָפּציענדיק פֿון זיך דעם פּעלץ. „וואָס לענגער איך לעב אַלץ מער זע איך איין, אַז בעת גאָט זאָרגט פֿאַר די יידן אויף דער־וועלט, זאָרגן אונדזערע רבנים נאָר אַז יידן זאָל עס גיין גוט אויף יענער־וועלט. ס'איז אַ נס פֿון הימל, אַז קינדער, וואָס לעבן אין אַזאַ שמוץ, זאָלן אויסוואַקסן געזונטע און נאָרמאַלע מענטשן. ווען איך בין אַ רבֿ, וואָלט איך באַשטימט, אַז לעבן אין שמוץ און אין קויט איז פּונקט אַזאַ האַרבע עבֿירה ווי עסן חזיר און לייקענען אין גאָט".

„נאָך נישט צוגעוווינט זיך צו די זאַכן?" האָט לאה שטיל געפֿרעגט.

„יעדעס מאָל טרייסלט עס מיך אויף אויפֿסניי", איז אַרטאַפּאַנוס צוגעגאַנגען נאָענט צום אויוון און אויסגעשטרעקט די הענט אָנצוואַרעמען זיך ביי די צעזשאַ־רעטע קוילן.

„ביסט אויפֿגערעגט, אַרטי", האָט לאה שטיל באַמערקט.

אַרטאַפּאַנוס האָט אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ און זי אָנגעקוקט פֿרעגנדיק. לאה האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז זי ווייסט: ער איז אויפֿגערעגט צוליב עפּעס אַנדערש. ער האָט נישט געקענט אויסבאַהאַלטן. נישט פֿאַר איר! זי האָט געלייענט זיין געמיט ווי אַן אָפֿן בוך, און יעדע מינדסטע ענדערונג אין אים האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין איר.

„עפּעס איז געשען נישט גוטס מיט יצחקן. איך פֿיל עס. ער איז פֿאַרשלאָסן אויף זיבן ריגלען"...

„ווי דער טאַטע, ווילסטו זאָגן". האָט איר אַרטאַפּאַנוס איבערגעשלאָגן.

„ווי דער טאַטע. נאָר דער טאַטע קען פֿאַר מיר גאָרנישט אויסבאַהאַלטן", האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

„יצחק לעבט איבער אַ גוט געפֿיל — ער איז פֿאַרליבט אין אַ מיידל", האָט אַרטאַפּאַנוס געשמייכלט מיט אַ סוגעסטיוון שמייכל. לאה איז געוואָרן ווייבעריש נייגעריק און איר פּנים האָט אויפֿגעלעבט.

„דו שפּאַסט?" האָט זי אים אָנגעקוקט פֿאַרשנדיק.

ער האָט אַרויפֿגעלייגט זיינע ביידע וואַרעמע הענט אויף אירע קני:

„דו זאָלסט אַזוי פֿרעגן? ליבשאַפֿט איז זייער אַן ערנסטער ענין".

„אַרטי, דו צעטומלסט מיך!" האָט לאה אויסגערופֿן.

„אויך איך בין אַ שפּאַר ביסל צעטומלט, איך ווייס נאָר נישט ווער עס איז די מויד וואָס האָט אים צעצונדן, הגם..."

„וועגן וואָס האָסטו געשמועסט מיט אים היינט?" האָט זי מיט אומגעדולד געפֿרעגט.

„וועגן דעם האָט ער זיך היינט פֿאַרטרויט פֿאַר מיר. איך האָב אַ חשד"... אַ רגע האָט אַרטאַפּאַנוס נאָכגעטראַכט, בייסנדיק די אויבערשטע ליפּ און דאַן געזאָגט ווי ער

וואָלט געטראַכט: „דו געדענקסט וואָס דו האָסט מיר געהאַט נאָכדערציילט פון בריינדלען, אַז יצחק האָט געקענטן טייג ביי אַ בעקער... איך האָב אַ חשד, אַז דאָס איז דעם בעקערס טאָכטער דעריין״.

„ס׳איז אוממעגלעך!״ האָט לאה פאַרפלאָכטן די פינגער און נערוועז מיטביידע הענט אונטערגעשפּאַרט איר פּנים.

אַרטאַפּאַנוס האָט באַוויגן מיט די הענט איינשטילעריש און באַרויִקנדיק:

„אין ליבשאַפט ווי אין קראַנקשאַפט איז נישטאָ קיין אוממעגלעכס. אַלץ איז מעגלעך. נישטאָ קיין צוימען, נישט קיין שטאַנד, נישט קיין פאַלק, נישט קיין גלויבן. נאָר רעג זיך נישט אויף. אויב מיין חשד איז ריכטיק, בין איך אויך זיכער, אַז ס׳איז דאָ אין וועמען זיך צו פאַרליבן. מיין זון וועט זיך נישט פאַרליבן סתם אין אַ קליידל״.

„דו רעדסט ווי וועגן אַ פרעמדן, אַרטי? ס׳איז זייער ערנסט!״

„דו רעדסט נאָך מיינע ווערטער. איך האָב דיר פריער געזאָגט, אַז ליבשאַפט איז אַן ערנסטער ענין״, האָט אַרטאַפּאַנוס געצויגן די ווערטער אַזוי רויִק און אַזוי שטיל ווי נאָר ער האָט געקענט.

„דאָס האָט מיר געפעלט! וואָס מיינסטו צו טאָן? מען דאַרף צו דעם שנעל מאַכן אַ סוף, אויב זי איז די, וואָס דו מיינסט. אַ מויד פון אַ געמיין הויז קען אים פאַרפירן, מיר זאָלן זיך שפּעטער נישט קענען אַרויסוויקלען. אַרטי, איך בין זייער אומרויִק, זייער אומרויִק״, האָט זיך לאה אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן גיין איבערן צימער. „אויב מען זאָל וועגן דעם אָנהויבן רעדן אין שטאָט, וועלן מיר פאַר מענטשן נישט קענען ווייזן אונדזער פּנים״.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אויסגעגלייכט אין אַ ריטערלעכער פּאָזע און געזאָגט האַלב אין שפּאַס און האַלב ערנסט:

„צי מיינסטו נישט, אַז אויב דעם בעקערס טאָכטער איז אַ שיינע און אײדעלע מויד, קען זי נישט זיין אַ גוט ווייב פאַר אונדזער יצחקן און אים אָנקינדלען אַ פולע שטוב מיט קינדערלעך?!״

לאה האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי זיינע ווערטער וואָלטן געפאַלן פאַר אירע פיס.

איך פאַרשטיי דיך איצט אין גאַנצן נישט. דו פאַרגעסט אונדזער משפּחה. אַ מויד פון אַ בעקער, אונדזער שנור! דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס און דער בעקער, מחותנים. נאָר אין האַלבער נאַכט, ווען שדים האָבן די שליטה, קענען אויפקומען אַזעלכע מחשבות. אפשר ווערסטו פאַר שבתאי אויסשדכענען דאָס מיידל פון דעם שמיד, וואָס האָט דיך גערופן, און ווערסט האָבן אַלץ דערגרייכט אין לובלין?״

„לאה, די וואָס איז דאָ געווען, איז זייער אַ פיין מיידל. זי האָט אַן איידל פּנים און קלוגע אויגן און זייער אַ זיסן שמייכל. מען דאַרף זי נאָר אַריינלייגן אין אַ מולטער הייסע וואַסער, אַראָפּוואַשן פון איר דעם גאַנצן קויט, וואָס אין שמידס הויז און זי אָנקליידן אין שיינע קליידער. וואָלסט געזען וואָס פאַר אַ שיינקייט פון אַ מיידל עס וואָלט פון איר געוואָרן״.

„פאַרוואָס רייצסטו זיך מיט מיר?״ האָט לאה געקוקט אויף אַרטאַפּאַנוסן און

געזוכט אין אים אַן ערנסטן ענטפער. „איך גלויב נישט, אַז דו מיינסט אַזוי ווי דו רעדסט".

„איך רעד אַזוי ווי איך טראַכט, אַז עס וואָלט געדאַרפט זיין און ווי גאָט האָט געשטעלט די וועלט", האָט אַרטאַפּאַנוס דאָס מאָל געזאָגט אינגאַנצן ערנסט.

„גאָט האָט קיין אַנדער מיין נישט געהאַט ווי אַוועקשטעלן די וועלט, כדי דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס זאָל זיך משדך זיין מיט בעקערס און שמידן?" האָט לאה סאַרקאַסטיש אַרויסגעוואָרפן פון זיך.

„גאָט האָט געשטעלט די וועלט, אַז מענער זאָלן פאַנגען פרויען, וואָס ציבדן אַן זייער בלוט".

„דו רעדסט, ווי די וועלט וואָלט געווען ווילד, ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק".

אַרטאַפּאַנוס איז צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צו לאהן און אַריינגענומען אירע שמאָלע אַקסלען אין זיינע פעסטע הענט:

„זעסט, די וועלט האָט זיך אויסגעפיינערט דווקא דאָרט, ווו זי וואָלט געדאַרפט בלייבן ווי גאָט האָט זי באַשאַפן, און צעווילדעוועט איז זי דאָרט, ווו גאָט אַליין וואָלט זיך געפרייט ווען זי איז אויסגעאיידלט".

„געלערנטע פילאָזאָפיעס. שמועסן מיט דאָקטאָר מאַנטאַלטאָ! עס גייט וועגן אונדזער קינד, אַרטי, וועגן יצחקן! איך וויל נישט קיין פילאָזאָפיעס". האָט זיך לאה אויפגערעגט.

אַרטאַפּאַנוס האָט זי באַרויִקט:

„מוזט נישט אַנבעמען, אַז מיין חשד איז ריכטיק. עס קען גאָר זיין, אַז ער האָט ליב אַ מיידל פון אַ לייטישער היים און נישט עפּעס אַ ווילדע ליבע מיט אַ טאָכטער פון געמיינע לייט".

לאה האָט זיך נישט באַרויִקט. זי איז די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, געווען צעטרייסלט, ווי אַ גרויס אומגליק וואָלט זיך אויף איר אַנגערוקט. זי האָט אין דער פינצטערניש פון דער קאַמער געזען ווי אַ פאַרשייטע דיקע מויד, מיט אַ ריזיקן האָר־שויבער פאַרנאַרט איר יצחקן הינטער אַ פּלויט, ליגט מיט אים אין בלאָטע און דערנאָך, ווען ער גייט אַוועק אַן אויסגעלאָשענער און פאַרשעמטער, שרייט זי אים נאָך: „איך וועל דעם פאַרטיקן ממזר ברענגען צו דיין פאָטער אין הויז!" יצחק האָט אָנגעהויבן לויפן, פאַרבייגעלאָפן זייער הויז און ווייטער געלאָפן. ער איז געלאָפן און שטיין געבליבן ביים ברעג פון טייך. ווי אַ ווערבע אין ווינט האָט ער זיך געשאָקלט. פון אַ זייט איז ווידער אָנגעלאָפן די פאַרשייטע מויד. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און געררופן מיטן קול פון אַ קוקו: „יצחק, יצחק!" יצחק האָט זיך אומגעקוקט צו זען ווער עס רופט זיין נאָמען, אָבער ער האָט די מויד נישט געזען, נאָר געהערט אירע ווערטער: „איך וועל מאָרגן קומען צו דיין פאָטער אין הויז אים מבשר זיין, אַז איך וועל האָבן פון זיין זון אַ ממזר". יצחק איז אַריינגעשפּרונגען אין טייך, אַריבערגעשווומען צום צווייטן ברעג און אַנטלאָפן אין פעלד. „יצחק, יצחק!" האָט זי געררופן זיין נאָמען און ער איז ווייטער אַנטלאָפן.

לאה האָט איבערגעוועקט אַרטאַפּאַנוסן:

„איך האָב דאָס ערשטע מאָל געחלומט נישט אין שלאָף".

„עס דאַכט זיך דיר, אַז דו ביסט נישט געשלאָפן. דריי זיך איבער אויף דער רעכטער זייט, אויב דו האָסט געחלומט אויף דער לינקער". ער איז באַלד צוריק איינגעשלאָפן און איבערגעלאָזט לאהן אַליין מיט איר צעחלומטן דמיון. זי האָט געפּרוווט טראַכטן וועגן גוטע זאַכן: ווי זי האָט באַקענט צום ערשטן מאָל אַרטאַ־פּאַנוסן; ווי ער פּלעגט זי מיטנעמען אויף לאַנגע שפּאַצירן הינטער פּראָג און איר געזאָגט אַזוי פיל זיסע ווערטער; זי איז פון די ווערטער פאַרשיכורט געוואָרן און נישט געקענטביישטיין זיין רייץ, כאָטש זיי זענען אין אַן אָפּענעם וואַלד געווען. זי האָט ווידער דערזען די פאַרשייטע מויד. דאָס מאָל אָן יצחקן, נאָר זי האָט גערעדט צו איר לאהן. זי האָט גערעדט מיט אַ פּול מויל ווייסע, בלאַנקענדיקע ציין און דער האָר־הויב האָט זיך געטרייסלט אינעם ריטש פון אירע אויסגעלאָסן־אָפּגעדעקטע בריסטן. לאה האָט פאַרקוועטשט די אויגן נישט צו זען זי. די מויד האָט נישט אויפגעהערט רעדן. זי האָט גערעדט מיט היץ. לאה האָט אַריבערגעצויגן די פּערנע איבערן קאָפּ און די מויד איז פאַרשוווּנדן.

פּלוצים האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי האָט געהערט ווי עס האָט זיך געעפנט די אַריינגאַנגס־טיר און זיך צוריק פאַרמאַכט. ס'איז געווען אַזוי בולט, ווי עס וואָלט געווען די טיר פונעם אַלקער. זי האָט אויפגעוועקט אַרטאַפּאַנוסן. ער איז אַראָפּ פון בעט נאָכזען, צי עס איז געווען בלויז לאהס אַ חלום. ס'איז נישט געווען קיין חלום. ברײַנדל האָט זיך געפעדערט און געקומען פאַרטאָג. אַז זי האָט דערזען דעם דאָקטאָר, האָט זי אים אויפגענומען מיט אַ מענה־לשון:

„גוט מאָרגן, דאָקטאָר־לעבן, מען שלאָפט נישט? ווי און ווינד. היינטיקע צייטן. מילא, איך, נישט פאַר קיין שום מענטש געדאַכט, קען נישט צוטון קיין אויג. איז וואָס וועל איך זיך דרייען אויפן געלעגער, ווי אַ ווינט ביים גלח אין סאָד? פרעגט שוין גאָרנישט. כ'האָב דאָך אין דער פינצטער פאַרגעסן דאָס פאַרטעך"...

אַרטאַפּאַנוס האָט נישט אויסגעהערט ביז צום סוף און אַוועק צוריק שלאָפן. ברײַנדל האָט נישט אויפגעהערט רעדן. ביים אָנצינדן דאָס אייל־לעמפּל האָט זי גערעדט צו זיך אַליין און דערציילט וואָס אַלץ עס איז מיט איר געשען ווען זי האָט אין דער פינצטער פאַרגעסן אָנצוטון דאָס פאַרטעך:

„ווי נאָר איך בין אַרויס אין דרויסן, בין איך שוין, בראָזג, מיט די פיס אין אַ קאַלוזשע ביז איבערן האַלדז. לא עלינו. איך האָב באַלד געוווּסט: די נישט־גוטע קערן זיך, נעבעך, צוריק צום בית־עלמין אין זייער רו אַריין. איך גיב אַ קוק — כ'האָב פאַרגעסן ס'פאַרטעך. לויף איך צוריק און כ'געפין נישט דעם וועג. געזען אַ מעשה? זיי האָבן מיר דאָך פאַרשטעלט דעם וועג! ס'גאַנצע האַרץ איז מיר אַנטפאַלן. אַזאַ זאַך! זינט איך לעב האָט זיך מיר נאָך נישט געטראָפן איך זאָל פאַרגעסן ביינאַכט ס'פאַרטעך. כ'האָב זיך קוים אָפּגעטריבן פון זיי: אַ־שאַ, אַ־שאַ! גייט זיך אין אייער רו אַריין! וואָס ווילט איר האָבן פון אַן אָרעמער אַלמנה, נעבעך?"

„מיט וועמען רעדט איר?" האָט לאה געפרעגט, אַריינשטעלנדיק זיך אין דער עפענונג פון דער קיך.

ברײנדל האָט זיך שטאַרק דערשראָקן:

„אוי ווײ איז מיר! אויך איר שלאָפט נישט? מען דאַרף זען איבערקוקן די מזוזות. דאָס איז אַלץ צוליב יענע לײט. באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן. פאַרוואָס שלאָפט איר נישט?"

„קאָכט אויף אַ טעפּל מילך מיט לאַקרעץ, אפשר וועט עס מיך באַרו:קן און איך וועל קענען אײנשלאָפן", האָט לאה געזאָגט מיט אַ געבראָכענער שטים.

ברײנדל האָט פאַרלײגט די הענט אויפן בויך און אַרײנגעקוקט דער האַרינטע אין פנים:

„ס'חודשלעכע האָט זיך פאַרשפּעטיקט? ס'בעסטע איז טרינקען אַ ליאַמפּקע פּיאַלון".

„ס'איז מיר אַזוי אויך ביטער", האָט לאה שאַרף אָפּגעהאַקט.

„ביטער זאָל זײן די שונאי ישׂראל! אַן אויספּליקעניש און אויסרײסעניש זאָל קומען נאָר אויף זײ!" האָט זיך ברײנדל צעשאָקלט ווי בעת אַ תּפילה, „וואָס עס דאַרף אײך זײן אין אײן נעגעלע, זאָל עס זײ זײן אין קאָפּ, לײב און לעבן. טפו, טפו, טפו", האָט זי אָפּגעבלאָזן לאה. „אַז מען איז, געלויבט השם יתברך, געזונט און מען האָט געראָטענע קינדער, דאַרף מען נישט זינדיקן. אַלע מײדן גײען דאָך אויס נאָך אונדזער יצחקן, געזונט און שטאַרק זאָל ער זײן. איר מײנט מען ווײסט נישט? מע ווײסט, מע ווײסט!"

„וועלכע מײדן גײען עס אויס נאָך יצחקן?" איז לאה געוואָרן נײַגעריק.

ברײנדל האָט זיך ווידער צעשאָקלט אין די אַקסלען און אָנגעהויבן מאַכן חנדעלעך, ווי זי וואָלט נאָכגעמאַכט אַ יונג מײדל:

„אוי, לאה־האַרץ, איך דאַרף אײך דערצײלן? איר ווײסט נישט? די גאַנצע שטאָט רעדט דאָך וועגן דעם".

„וועגן וואָס?!" האָט לאה געפּאַרשט.

„אַפילו פישל דעם בעקערס טאָכטער רעדט זיך דאָך אײן, אַז זי וועט זײן די שנור פון דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס. פאַרוואָס נישט? עס פּאַסט איר נישט דער יחוס?"

לאה האָט שוין נישט געוואַרט אויף דער מילך מיט לאַקרעץ. זי איז צוריק אַוועק אין אַלקער מיט קאָפּ־ווײטיק און זיך געביסן די ליפּן, כדי נישט אויסצובּרעכן אין אַ געוויין.

קאַפּיטל זעקס

ס׳האָט זיך געשטעלט אַ וואַרעמער פּורים. די זון האָט געשײַנט. ס׳האָבן געשײַנט די קאַלוזשעס אויף די געסלעך פון דער לובלינער יידן־שטאָט און עס האָבן אויפגעשײַנט די פאַראומערטע פּנימער פון קינד און קייט. די קינדער האָבן זיך געפּעדערט צום פרייליכן יום־טוב. די אָפּגעריסענע האָבן זיך פאַרשטעלט אין פאַרביקע שמאַטעס מיט לאַנגע משונהדיקע בערד און פאַרסאַזשעטע פּנימער, און די רייכערע האָבן, פאַרקערט, זיך פאַרקליידט אין אָפּגעריסענע קליידער, נאָר מיט מאַסקעס פון כל מיני טייוולאָנים, שדים, מזיקים און קאַשעצן. ווער עס האָט געריטן אויף אַ בעזעם און געשריגן: „איך בין המן!״, און ווער עס איז געגאַנגען אויף שטאַלצן און זיך געהאַלטן פאַר דעם מלך אחשורוש. שמשים פון בתי מדרשים, יידן אויסגעפּייניקטע פון די ווינטער־קעלטן און פון די פאַסנע מאכלים, האָבן אויף זייערע שלאָבעריקע פּלייצעס געשלעפּט קלעצער, כדי ביים לייענען די מגילה און ביים דערמאָנען המנען און זיינע בנים זאָלן יידן האָבן אין וואָס צו קלאַפּן און זיך נוקם זיין פאַר אַלע זייערע צרות צרורות. די יידן האָבן געקרעכצט, אונטערגעשוויצט אונטער דער משׂא: „זאָלן די המנס האָבן אַזוי כוח צו לעבן, ווי איך האָב אים כוח צו שלעפּן״. „הלוואי שלעפּ איך שוין אַזוי די שׂונאי ציון, וואָלט איך געהאַט מער כוח״. אַנדערע האָבן זיך פריילעך געמאַכט: „נו, רב יעקל, איר שלעפּט אים? שלעפּט, שלעפּט, איך וועל מערטשעם קומען אים מקיים־פּסק־זיין!״

ערשט צו מנחה־צייט זענען אַרויס די חברה־לייט, פאַרשטעלטע בעל־מלאכהס און בעל־עגלהס. עס האָבן זיך באַוויזן מרדכי הצדיקס, הויף־ליצנים. אַ שפּלדיקער המן מיט אַ פאַרבונדן פּנים פון ציין־ווייטיק האָט געפירט אַ פערד, אויף וועלכן עס איז געזעסן מרדכי אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פערדס הינטן, כדי צו ווייזן די לובלינער יידן, אַז ער וויל בעסער קוקן אויפן פערדס הינטן איידער אויף המנס קאָפּ. מרדכי האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַן אַנגעצונדענעם שטורקאַץ און ער האָט געפלאַכטן גראַמען יידן זאָלן זיין פריילעך:

נעכטן איז המן געווען אויפן פערד
היינט טוט ער ליגן אין דר׳ערד.
ער שרייט: עס טוען אים ווי די ציין —
זאָל אים פאַר אַלע יידישע קינדער זיין.

היינט איז פורים — מאָרגן אויס,
גיט אים אַ בריקע און גיט אים אַ שטויס.

המן האָט געמאַכט ווילדע העוויות, אונטערגעשפּרונגען, ווי ער וואָלט געכאַפּט קלעפּ און זיך אָנגעכאַפּט ביים הינטן, ווי עמעצער וואָלט אים מכבד געווען מיט אַ בריקע אין הינטן. אויך שלמהלע דער שטאָט־משוגענער איז אַרויף אויפן קליינעם מאַרק צו די ליצים. ער האָט פון דער מקווה אַרויסגעגנבעט אַ שעפּעלע און עס אָנגעטאָן אויפן קאָפּ ווי אַ קרוין, ער האָט אויך געפאַנגען דעם שטאָטישן באָק, וואָס האָט נישט געלאָזט מאַכן פון זיך קיין פערד. שלמהלע האָט רק געוואָלט רייטן אויפן באָק, נאָר דער באָק האָט אים נישט פאַרטראָגן און אים אַראָפּגעשליידערט פון זיין רוקן. נאָר כדי דער באָק זאָל נישט נעלם ווערן, האָט ער מיט דעם זעלבן שטריק, וואָס ער האָט צוגעבונדן צו די הערנער, צוגעבונדן אויך זיך, אַרום די לענדן.

פאַר שלמהלען, וואָס איז, נעבעך, געווען חסר־דעה, האָבן די העלדן פון דער מגילה נישט געלעבט אין שושן הבירה, נאָר אין דער יידנשטאָט לובלין. צו די ליצים אויפן מאַרק איז ער אַרויס מיט אַ געוואַלד, יידן זאָלן פאַר אים פריי מאַכן דעם וועג. וואָרום ער פירט אַ פּרנס אַ המן. „טשעפּעט אים נישט״, האָט ער געשריגן, אָנווייזנדיק אויפן באָק, „ער קען אייך נאָך מסרן פאַרן וואָיעוואָדע״. ער האָט געשאָטן פעך און שוועבל אויף די לובלינער ושתים, באַצירטע מיט גאָלדענע רינגען און קייטן, וואָס זייערע המנס נעמען צו דעם ביסן ברויט פון די געמיינע לייט. אויס נקמה האָט ער געפּרוּווט זיך אַרויפזעצן רייטנדיק אויפן באָק, און צום געלעכטער פונעם עולם האָט אים דער באָק אַראָפּגעוואָרפן. שלמהלע איז אַריינגעפאַלן אין דער בלאָטע. דער באָק איז געוואָרן ווילד פונעם גרויסן טומל און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, אַ גרייטער אָנצוגרייפן. דער עולם האָט געיובלט פון פריילעכקייט. דערוויל האָט מען אין אַ צווייטן ווינקל פונעם מאַרק אָנגעצונדן אַ שייטער און דער עולם ליצים איז אַוועק צום פייער. שלמהלע איז געבליבן אַליין אַ צוגעבונדענער צום באָק און ער האָט אין דער בלאָטע געזוכט זיין קרוין — דאָס באָד־שעפּעלע. אָבער אויך די קרוין האָט שוין עמעצער באַוויזן צוצונעמען. שטייענדיק אויף אַלע פיר האָט שלמהלע אַ רעזיגנירטער צוריקגעפונען די קרוין, געקוקט אין דער פינצטער אויפן באָק און דער באָק האָט אויף אים געקוקט. פּלוצים האָט שלמהלע אַ האַווקע געטאָן: „המן!״ דער באָק האָט זיך דערשראָקן און געוואָלט אַנטלויפן. אָבער דער שטריק, צוגעבונדן צו שלמהלען, האָט אים פאַרהאַלטן און פון ווייטיק האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ קורצן, האַווקעדיקן „מע!״.

ביים שייטער, אין צווייטן ווינקל פונעם קליינעם מאַרק, האָבן זיך די מרדכי, ליצנים, ושתיס מיט הערנער און אַ פּאַר אחשורושס אָנגעהויבן אויסשטעלן אין אַ צוג צו גיין צו דער מהרש״ל־שיל. בעל־מלאכהס, באַפרייטע פון דער אַרבעט לכבוד פורים, האָבן ביים שייטער אָנגעצונדן שטורקאַצן, כדי צו באַגלייטן די פאַרשטעלטע און נהנה זיין פון דער שׂמחה. די כאַליאַסטרע האָט גערירט מיט פריילעכע פּורים־געזאַנגען, באַגלייט פון פאַרשטעלטע יונגוואַרג און סתם יידן אויסגעבענקטע נאָך

אַ ביסעלע פרייד. מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט זענען אַרויס פון די הייזער זען דאָס וווּנדער. דער הימל איז פּלוצים ראָזלעך־ליכטיק געוואָרן. ביי די שילן און בתי־מדרשים האָבן זיך צעפלאַקערט העלישע פייערן און די גאַנצע יידנשטאָט איז געשטאַנען אין יום־טובדיקער העלקייט. יידן האָבן געאיילט אין די שילן צו הערן לייענען די מגילה. די מערהייט פון זיי זענען געווען באַוואָפנט מיט שטעקנס, פלאַקנס און שטיקער האָלץ אויף צו שלאָגן המנען. אָט באַלד וועלן זיי זיך נוקם זיין פאַר אַלע זייערע צרות. אַלע ביטערקייטן פון אַ גאַנץ יאָר וועלן זיי אויסלאָזן צו די קלעצער. איילן זיי זיך ווי צו אַ שלאַכט־פעלד, האָפערדיקע, אויפגעטראָגענע און אומגעדולדיקע.

דער צוג פון דער כאַליאַסטרע פאַרשטעלטע איילט זיך נישט. ער מאַכט אַ הקפה איבערן מאַרק, לאָזט זיך אַריין צווישן די געסלעך מיט געזאַנגען און טומלענישן און ער צעוואַקסט זיך מיט אַנדערע פאַרשטעלטע אויף פערד און אויף שטאָלצן. באַלד קומט ער ווידער אַרויס אויפן מאַרק און שניידט אים דורך. אַנטדעקן זיי שלמהלע מיטן באָק. ביידע זענען שוין פאַרמאַטערט, וואָרום דער באָק האָט זיך איינגעעקשנט און וויל נישט גיין ווו שלמהלע שלעפּט אים, און שלמהלע וויל נישט גיין ווו דער באָק שלעפּט אים. ערשט די טומלעניש פונעם צוג האָט ביי ביידע אויסגעלאָשן די עקשנות און ביידע זענען געוואָרן מיטגעשלעפּט.

אין דער מהרש״ל־שיל איז געווען אַזאַ ענגשאַפט, אַז ווען עס איז ביים לייענען די מגילה געקומען צום פּסוק ווי אחשורוש דערהייבט המנען דעם זון פון המדתא איבער אַלע שׂרים, האָבן יידן נישט געקענט אויפהייבן ס׳כלי־זיין צו קלאַפּן אין קלאָץ. האָט מען דעם קלאָץ אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן און ווי נאָר יידן האָבן דערהערט, אַז המן האָט זיך געגרייט צו פאַרטיליקן אַלע יידן וואָס אין גאַנצן קעניגרייך פון אחשורוש, האָבן זיי מיט אַלע זייערע כוחות אָנגעהויבן קלאַפּן אין קלאָץ. די מרדכיס, די ליצים, די ושתיס און די אחשורושס און אַלע אַנדערע האָבן מיט הילכיקע געשרייען צוגעהאָלפן אין דער מלחמה. באַלד האָט זיך אויף אַ תליה באַוויזן אַ שטרויענער המן מיט אַ הויב מיט פעדערן אויפן קאָפּ. מען האָט אים געדאַרפט גוט היטן, וואָרום די לייט מיט שטורקאַצן, וואָס צו זיי איז פון דער שיל נישט דערגאַנגען וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן אין אחשורושס פּאַלאַץ און ווי אסתר המלכה דאַרף נאָך פריער איבעררעדן דעם קעניג, האָבן באַצייטנס געוואָלט מאַכן אַ סוף צו המנען. און אַז עמעצער האָט פון דער שיל־אַרויס געגעבן אַ צייכן, אַז מען האָלט שוין ביים „ויתלו את המן על העץ אשר הכין למרדכי״, האָבן זיך צענדליקער שטורקאַצן אויפגעהויבן צום שטרויענעם המן און ער האָט זיך צעפלאַקערט מיט אַ פלאַקער אָן רויך. אין דער מיט פונעם טומל האָט עמעצער אונטערגעצונדן דעם שטריק, וואָס האָט פאַרבונדן שלמהלען מיטן באָק. דער באָק האָט זיך דערשראָקן פונעם פייער, האָט זיך אָנגעהויבן רייסן און צום סוף זיך אָפּגעריסן פון דעם איבער־געברענטן שטריק און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַזאַ כוח, אַז ער האָט איבער־געקערט מענטשן. יידן האָבן זיך דערשראָקן אימת מות, ווי אַ שד וואָלט זיך צווישן זיי אַריינגעריסן, און זיי האָבן אים פריי געמאַכט דעם וועג. „שלאָגט אים נישט!

שלאָגט אים נישט! ס׳איז נישט המן, ס׳איז דער קהלשער באָק!״ האָבן יידן געשריגן כּדי אָפּצוראַטעווען דעם בכור־באָק פון דעם מלחמה־אימפּעט פון די, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ נייעם צייכן פון דער שיל.

נאָכן לייענען די מגילה האָבן זיך די פאַרשטעלטע געלאָזט איבער דער שטאָט צו די רייכע הייזער נהנה צו זיין פון די פּורים־סעודות. די מילדע לופט איז געווען איבערגעפּולט מיט די ריחות פון פריש געבעקס און געקאָכטע פיש. פריילעכקייט האָט זיך געטראָגן אויך פון די אָרעמע הייזער, וואָס זייערע פענצטער זענען דעם אָוונט געווען ליכטיקער ווי אין די אָוונטן פון אַ גאַנץ יאָר. אין איר אויפגעהייטערט־קייט און דערלייזערישער אַנטשפּאַנונג האָט די יידנשטאָט אויסגעזען ווי דער נצחון פון די יידן איבער זייערע שׂונאים, וואָס אין מגילת אסתר, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם אָוונט אין לובלין און זיי האָבן נישט מער וואָס מורא צו האָבן.

דעם אָוונט איז אויך פאָרגעקומען אַ פּורים־סעודה אין הויז פון אַרטאַפּאַנוסן. אויך אַהער, כאָטש אין דעם קריסטלעכן טייל פון לובלין, זענען אָנגעקומען פאַר־שטעלטע: פון די דרייסטע און שטאַרקסטע לצים און מרדכיס און אחשורושס. זיי זענען געווען באַוואָפנט מיט שטעקנס טאָמער וועלן זיי באַפאַלן ווערן דורך סטודענטישע המנס פון דער יעזויִטישער שולע. ווי אין איר שטייגער, האָט לאה צוגעגרייט פאַר די פאַרשטעלטע פולע בעקנס זיסע געבעקסן און שטאַרקן אָקעוויט, די לצים זאָלן זיין זאָלן זינגען פאַרן עולם. נאָר קיין פריילעכע סעודה איז עס נישט געווען, ווייל די פרייד איז נישט געווען אין לאהס האַרץ, און צוליב איר האָט זיך אויך אַרטאַפּאַנוס נישט געקענט משׂמח זיין. לאה איז געווען ווי נאָך אַ קראַנקייט.

ערשט מיט צוויי טעג צוריק האָבן זיי ביי זיך אָפּגעמאַכט, לאה און אַרטאַפּאַנוס, אַז אם ירצה השם צום זומערדיקן זמן — און דאָס וועט געשען באַלד נאָך פּסח — וועט יצחק פאָרן אין אַ ישיבה אין לעמבערג, אָדער אין יעראָסלאַוו, אין דער היים טאָר ער נישט בלייבן. לאה איז געווען זיכער, אַז פישל דעם בעקערס מויד האָט יצחקן אָפּגעטון אַ כּישוף, וואָרום אַ העלפּט איז געבליבן פון אים. אַרטאַפּאַנוס האָט געחוזקט פון לאהן. די מויד האָט אים נישט געמוזט אָפּטון כּישוף — ליבשאַפט אַליין איז אַ גענוגער כּישוף און ער האָט זי ליב. יצחק האָט זיך צו דעם מודה געווען, און לאה האָט געזאָגט, אַז אויב ער, אַרטאַפּאַנוס, וויל זי זאָל יונגערהייט אַוועקגיין אין קבר — זאָל ער לאָזן ווי עס איז: יצחק זאָל זיך טרעפן מיט דער מויד און זיי זאָלן חתונה האָבן. דאָס וועט זיין דער סוף. זי וועט די חרפּה נישט איבערהאַלטן. זי איז זיכער, אַז אַלע זייערע פריינט וועלן זיך אָפּקערן פון זיי. אַפילו דאָקטאָר מאָנטאַלטאָ, וואָס האָט געערן אין איז צוגעלאָזן צו געמיינע לייט. ער האָט נישט קיין קינדער און דעריבער רעדט ער אַזוי ברייט, אַז ווען ער זאָל האָבן אַ זון, וואָלט ער געגומען אַ דאָרפישע סלאַווישע מויד, זי מגייר געווען און וואָלט זי דעם זון געגעבן פאַר אַ ווייב. נאָר ווען דאָס וואָלט אים געטראָפן, וואָלט אַרטאַפּאַנוס געזען ווי אַזוי אַ מאַן פירט מלחמה נישט אַראָפּצופאַלן אין נידעריקן שטאַנד.

אַרטאַפּאַנוס האָט געזאָגט צו איר:

„די שטאָט, זאָגסטו רעדט וועגן דעם? די פריינט וועלן זיך אָפּקערן? דו קענסט נישט קיין מענטשן, לאה. אַ געפאַלענער מענטש, וואָס ער זאָל נישט טון, וועט יעדער זוכן אין דעם געפאַלנקייט. אָבער אַ מענטש פון הצלחה און רייכקייט — ווען אַפילו ער וועט טון זאַכן, וואָס זענען נישט אָנגענומען — וועלן אַלע באַוווּנדערן זיין מוט און עס צושרייבן זיין באַזונדערער חכמה. אויב ער טוט אַזוי — מסתמא ווייסט ער וואָס ער טוט. און כדי דו זאָלסט זען, אַז כאָטש „די גאַנצע שטאָט רעדט", בלייבט די משפחה ארטאַפּאַנוס אָן דעם מינדסטן פלעק, וועלן מיר איינאָרדענען אַ פּורים־סעודה און פאַרבעטן צו איר צוויי מאָל אַזוי פיל געסט ווי תמיד. ווען בלויז איינער פון די פאַרבעטענע וועט נישט קומען — וועל איך דיר געבן גערעכט!"

לאה האָט אין די ווערטער פון אַרטאַפּאַנוסן געזען אַ פּרווו פון שוואַכקייט. ער טרייבט דעם זון אין די אָרעמס פון דעם בעקערס מויד און ער וועט זי נעמען פאַר אַ שנור. דאָס וועט נישט זיין! זי וועט צו דעם נישט דערלאָזן. וואָרום אַ פּרוי פילט טיפער און ווייסט בעסער. און זי פילט, אַז אויף איר משפחה גרייט זיך אַן אומגליק. וועלכער חתן פון אַ יחוסדיקער משפחה וועט נעמען אירס אַ טאָכטער פאַר אַ ווייב, אויב דעם בעקערס טאָכטער וועט זיין איר שנור? די טעכטער וועלן פאַרזיצן, אָדער מען וועט זיי דאַרפן חתונה מאַכן מיט בעל־מלאכהס. לאה איז נישט געשלאָפן אין די נעכט. זי איז אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ היגערפלעט, ביז אַרטאַפּאַנוס האָט גערעדט מיט יצחקן און געזאָגט צו אים נישט ווי אַ פאָטער צו אַ זון, נאָר ווי אַ מאַן צו אַ מאַן:

„די ערשטע פרוי, וואָס אַ מאַן באַגעגנט אין זיין לעבן, מוז נישט דווקא זיין די פרוי וואָס גאָט האָט פאַר אים באַשטימט. איך ווייס, אַז דו האָסט זי ליב, ווי דו האָסט זי אָנגערופן — סערקעלען. מעגלעך אַז זי איז די פרוי, וואָס גאָט האָט פאַר דיר באַשטימט. מעגלעך, אָבער אויך, אַז דער ערשטמאָליקער צוזאַמענטרעף מיט אַ מיידל האָט דיך מער געבענדיקט ווי די ליבשאַפט. ווען עס זאָלן נישט זיין קיין מניעות וואָלט איך געזאָגט: גוט, דו וועסט מיט איר חתונה האָבן און שפּעטער וועלן מיר זען. ביי יידן איז פאַראַן אַ גט. אָבער די מאַמע איז אין דעם און זי קרענקט עס איבער. מיט אַ מאַמען קען מען נישט שפּילן „געטראָפן — נישט געטראָפן". זי איז איין־איינציקע, בעת גוטע און שיינע מיידלעך זענען פאַראַן אַ סך. דעריבער פאָדער איך פון דיר דו זאָלסט איבעררייסן מיט דער סערקעלען, נישט זען זיך מיט איר, אויב דו זעסט זיך מיט איר. און איך וועל זאָרגן דערפאַר דיין מצב צו פאַרלייכטערן. נאָר איינס זאָג איך דיר: אויב דו וועסט זי נישט זען אַ יאָר צייט און זי וועט דיר בלייבן איינגעבאַקן אין האַרצן, דעמאָלט איז זי דיין ווייב!"

יצחקן האָט אַרומגענומען אַ צער אויף דער מוטער און אַ צער אויף זיך אַליין. דעם פאָטערס שטאַרקע און אָפענע ווערטער האָבן אים צעקלעמט און צעריסן, און אין צער האָט ער דעם פאָטער דערלאַנגט די האַנט, ווי אַ צייכן פון הסכמה. אָבער אַרטאַפּאַנוס, וואָס האָט גוט געקענט דעם כוח פון ליבשאַפט, האָט געספקט, צי זיין זון וועט ביישטיין דעם נסיון. דעריבער, צוזאַמען מיטן פאַרבעטן אַ סך געסט אויף

דער פורים־סעודה, האָט ער צוגעזאָגט לאהן, אַז ער וועט טראַכטן ווי לייכטער צו מאַכן, יצחק זאָל נישט דאַרפן ברעכן זיין וואָרט. צוויי טעג פאַר פורים האָט ער באַשלאָסן: יצחק וועט נישט אויסהאַלטן דעם נסיון, אויב ער וועט בלייבן אין לובלין. ער מוז אַוועקפאָרן אין אַ ווייטער שטאָט. מרחקים לינדערן די ווייטיקן פון ליבשאַפט. מרחקים זענען ווי נעפלען, אָפט ווי קברים. אין אַ ווייטער שטאָט, אין אַן אַנדער סביבה, מיט נייע, שטאַרקע איינדרוקן — וועט יצחק אפשר פאַרגעסן. צום נייעם זמן וועט ער לערנען אין אַ ישיבה אין לעמבערג, אָדער אין יעראָסלאַוו, ביידע ווייט פון לובלין.

אַרטאַפאַנוס איז געווען גערעכט. אַלע חשובע געסט, וואָס ער האָט פאַרבעטן צו דער פורים־סעודה זענען געקומען. און ווייל די ווייבער פון די פאַרבעטענע האָבן געהערט, אַז דאָס מאָל וועט די סעודה זיין פאַר אַ גרויסן עולם, האָבן זיי זיך אָנגעטון אין זייערע טייערסטע קליידער. צוליב דער שטרענגער תקנה פונעם יידישן סיים, אַז ווייבער זאָלן זיך קליידן אין באַשיידענע מלבושים, כדי נישט אויפצורייסן מענטש־לעכע אויגן, זענען אַלע געקומען אין די וואָכעדיקע אויבער־שאַבעס. נאָר גלייך ווי זיי האָבן אַריבערגעטרעטן די שוועל פון אַרטאַפאַנוסעס הויז, האָבן זיי איליק אַראָפּ־געוואָרפן די אויבערמאַנטלען און פאַרבליפט די אויגן מיט דער פאַרביקייט פון זייערע קליידער. אייניקע ווייבער האָבן אויסגעזען ווי זייערע קליידער וואָלטן געווען באַשמירט מיט גאָלד, צוליב דער שפעדיקייט פונעם גאָלד־גלאַנץ. איינע האָט איבערגעשטיגן די צווייטע אין די דיקע האַלדז־קייטן און מיט גאָלד־רינגען אויף די פינגער. מאַסיווע בראַסלעטן אויף די אויסגעפאַסטע אַרבל פון ביידע הענט האָבן געוואָלט איבערשרייען די איידל־געפלאָכטענע גאָלדענע קאָליעס אויסגעזעצט מיט פאַרביקע שטיינער. נאָר סיי די בראַסלעטן און סיי די קאָליעס האָבן איבערגעשריגן די אויערינגען און די ציטער־שפילקעס, וואָס די ווייבער האָבן איליק אָנגעטון גלייך ווי זיי האָבן געהאַט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך: אויערינגען לאַנגע און איידל־געפלאָכטענע ווי פון גאָלדענע פעדעם און אויערינגען מאַסיווע מיט גרויסע שטיינער; ציטער־שפילקעס וואָס אין זייער איידעלן פלאַטער האָבן זיי שעמערירט מיט אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן און ציטער־שפילקעס יוסטע, געזעצטע, וואָס האָבן נישט סתם געציטערט איבער די הייבן, נאָר זיך באַוויזן גביריש, מען זאָל זיי אָנקוקן און באַוונדערן. און כאָטש עס איז געווען וואָס צו זען, זענען אַלע געווען אַנטוישט. וואָרום יעדע איינע פון די ווייבער האָט געמיינט, אַז זי וועט דעם אָוונט זיין די איינ־ציקע, וואָס האָט אויף זיך אַרויפגעלייגט איר גאַנץ ירושה־פאַרמעג און וואָס זי האָט באַקומען פון איר אייגענער רייכקייט. די פריינטלעכע שמייכעלעך זענען געווען אָנגעלאָדנט מיט חוזק און צאָרן. ווייבערישע פאַרשנאָבלטע ליפעלעך האָבן איינער דער אַנדערער איינגערוימט גאַליקע סודותלעך וועגן אַ דריטער און אַ פערטער: „פעסע דעם פרנסעס מיינט, אַז די קאָליע וועט אָנפילן איר בידנע שטיקל בוזעם". „רחל מענדלס זעט דאָך אויס אינעם צירונג ווי אַ פאַרשטעלטע אויף פורים. ווי און ווינד צו אַזאַ פנים". „האָט איר געזען נעכטן? אַ שענערע לייגט מען דאָך אַריין אין קבר, נאָר די אויערינגען באַגראָבט מען נישט".

בת־שבע, דאָס ווייב פון דאָקטאָר מאַנטאַלטאָ, פון די איינציקע פרויען אָנגעטון מיט באַשיידענער עלעגאַנץ, האָט דיסקרעט געפרעגט לאהן:

„וואָס איז היינט — אַ פורים־סעודה, אָדער אַ יאַריד פון צירונג?"

לאה האָט זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט מיט אַ טאָן פון פאַרלעגנהייט:

„זיי האָבן זיכער געגלויבט, אַז איך האָב ווייניק צוגעגרייט אויף דער סעודה, זענען זיי געקומען אויפעסן איינע די אַנדערע".

נאָר די ווייבער האָבן נישט געהאַט געגוג צייט זיך אויפצופרעסן. באַלד ווי די סעודה האָט זיך אָנגעהויבן, זענען געקומען די פאַרשטעלטע. נישט ווי אין די רייכע הייזער אין דער יידנשטאָט, זענען זיי אין הויז פון דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס געקומען מיט דרך־ארץ. אַרטאַפּאַנוס איז אַ יידישער שׂררה. ער וווינט אין אַ פירשטלעך הויז אין דעם קריסטלעכן טייל פון דער שטאָט, דאַרף מען צו אים אַריינגיין אויף די שפּיץ פינגער אַפילו פורים. לאה האָט די פאַרשטעלטע אַריינגענומען אין דער קיך און זיי מכבד געווען מיט שטאַרקן אָקעוויט, אָנגעזעטיקט מיט גרויסע שטיקער זיסן געבעקס און היימישלעך געעצהט, זיי זאָלן מיטנעמען פון די געבעקסן אַהיים. באַלד זענען זיי, צעוואַרעמטע פונעם אָקעוויט, אַריין אין זאַל און געזונגען פורים־לידער. געפּלעפּטע פון דער רייכקייט אין הויז און פון דעם צירונג, וואָס זיי האָבן דערזען אויף די ווייבער, האָבן די פאַרשטעלטע פון אָנהייב נישט געפונען קיין בשותפותדיקן טאָן. יעדער האָט געזונגען באַזונדער, אַריינגעפאָרן איינער דעם צווייטן מיט פרעמדע טענער, און בעת אַלע האָבן שוין ווי עס איז געהאַט געענדיקט זינגען אַ ליד, איז אַ פאַרשפּעטיקטער געבליבן איינער אַליין און זיך פאַרלוירן. דער עולם האָט זיך משׂמח געווען, געמיינט אַז דאָס מאַכן די פאַרשטעלטע בכיוון. באַלד האָבן די פאַרשטעלטע זיך אָפּגעפונען און געזונגען אין כאָר, ווי זיי האָבן זיך צוגעגרייט. אחשורוש האָט זינגענדיק געפרעגט פרעכע שאלות וועגן ושתין, און מרדכי, ווי אַ צדיק, האָט נישט פאַרשטאַנען און געענטפערט עפּעס אַנדערש. דער עולם האָט געלאַכט. אַ ווייב האָט זיך נישט איינגעהאַלטן און אויסגערופן: „ער מיינט נישט דאָס!" דער עולם האָט זיך צעלאַכט און דאָס ווייב איז רויט געוואָרן. אַנדערע ווייבער האָבן אין איר דערלעבט אַ נקמה. דערמוטיקט פונעם געלעכטער, האָט אחשורוש אָנגעהויבן רעדן ניבול־פּה און אויך מרדכי האָט אויפגעהערט זיין אַ צדיק.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אויפגעהויבן און איידער דער עולם האָט באַמערקט ווי אַזוי ער האָט עס געמאַכט, האָט ער די פורים־שפּילער משלח געווען. אויף זייער פּלאַץ איז אויסגעוואַקסן דער לאָמער יוסף — אַ לץ אויף שׂמחות און אַ בדחן אויף חתונות.

יוסף איז געווען אַ בעל־מום. זיין קורצער רעכטער פוס, אויסגעדרייט איינע־ווייניק אַריין, האָט אים אויסגעקרימט אויף לינקס. דאָך האָט זיך קיינער נישט געקענט גלייכן צו זיין פלינקייט, לעבעדיקייט און צו דער שאַרפקייט פון זיין צונג. כאָטש פון דער אומנות איז ער געווען אַ שניידער, האָט ער זעלטן גענומען די נאָדל אין דער האַנט אַריין און תמיד געלאָזט שטיין זיין מייסטער אין רעכטן מיטן. וואָרום ווי נאָר ער האָט געהערט, אַז אַ באַלעבאָס קומט אַריין באַשטעלן אַ בגד אויף

אַ חתונה, אַזוי האָט יוסף זיך אַרויסגעמאַכט און געלאָפן מיט זיין לאָמען פוס אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, געוואָויר צו ווערן ווער מיט וועמען און וואָס מיט די מחותנים. פון דעם וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט האָט ער צוזאַמענגעשטעלט גראַמען און הלצהלעך, כדי אויף דער חתונה זאָל דער עולם פאַרגיין פון געלעכטער און די ווייבער זאָלן זאָגן, אַז „אַזאַ ממזר, ווי דער לאָמער יוסף, איז גאָר אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ״. דער לאָמער יוסף איז געווען אַ מזיק אויף צוצוטראַכטן פאַר די מחותנים יחוס זיי זאָלן אַליין אָנהייבן גלויבן, אַז ס׳איז אמת. עם־הארצישע באַלע־באַטים, וואָס מער ווי זייער רייכקייט האָבן זיי נישט פאַרמאָגט, האָט ער אויף די חתונה־סעודות אַרומגעשטעלט מיט עלטער־זיידעס רבנים, תלמידי־חכמים, פּרנסים און וויכטיקע רוזנים, וואָס אָן זיי האָבן זיך די פּוילישע פירשטן און אַפילו דער מלך אַליין נישט געקענט קיין עצה געבן...

ווי נאָר דער לאָמער יוסף האָט זיך ביי אַרטאַפּאַנוסן אין זאַל אָוועקגעשטעלט אויף זיין לענגערן פוס, ווי אַ זאַטער בושל אויף אַ פעלד, און זיין פנים האָט זיך צעשפּילט מיט קונדסישע העוויות, האָבן זיך די ווייבער צעלאַכט. באַלד האָט זיין פנים אָנגענומען דאָס אויסזען פון אַ ווייב און ער האָט געזאָגט מיט אַ ווייבערשער שטים:

„אחשורוש־לעבן, וואָס פאַר אַ כישוף האָט דיר אָפּגעטון די זשידוווקע?
זי איז גרין, די אסתר, און זי האָט אַ קרעצל אויף דער נאָז.
וואָסזשע האָסטו אין איר געפונען, ליבער מלך, וואָס?״

יוסף האָט אָנגענומען די שטרענגקייט פון אַ מלך און געענטפערט:

„שוויג, דו ושתי, זאָלסט אויף אסתרן נישט רעדן לשון הרע!
איר קרעצל איז מיר ליבערשט ווי דיינע פאַלשע לעפצן,
אויב נישט וועט גאַנץ שושן הבירה דאָ באַלד הערן דיינע קרעכצן.
אסתר איז די שענסטע בתולה אין מיין לאַנד
און איידער, דו אינגאַנצן, ושתי נאַר, איז מיר ליבער אַ פינגערל פון אסתרס האַנט.

אסתר, ווען אַפילו אָן אַ קרוין, זעט אויס ווי אַ מלכה,
און דו, ושתי, אַפילו מיט אַ קרוין אויף דיין נאַרישן קעפּל,
זעסט אויס ווי דו וואָלסט געטראָגן אַ מקווה־שעפל״.

ושתי האָט זיך איינגעשרומפּן פון דעם וואָס אירע אויערן האָבן געהערט. יוסף האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין קירצערן פוס, פאַרשנאָבלט די ליפּעלעך און געשיקלט מיט די אויגן ווי אַ העסלעך ווייב:

הערשער פון דער מדינה פון הודו ביז כוש,
דו ביסט דער גרעסטער חכם און אויך דער גרעסטער האַר.
פאַרוואָסזשע זאָלסטו פאַר אַ זשידוווקע וועגן מאַכן מיך צו נאַר?

צי איז מיין ליב נישט שיין גענוג וואָס רעדסט, צו מיר מיט שפּאָט.
איך וועל טייטן די זשידאָווקע, ווי ס'איז מיר ליב הער גאָט!

אחשורוש האָט זיך צוריק אַוועקגעשטעלט אויפן העכערן פוס, אַרויסגעשטופּט זיין קעניגלעכע ברוסט און קוקנדיק אויף לאהן דאָס ווייב פון אַרטאַפּאַנוסן, האָט ער געזאָגט מיט אַ שעלמיש שמייכעלע:

„ושתי נאַר, פאַרמאַך דיין מונד דאָ גלייך,
דו פאַרשטעלסט דיין מיאוסקייט מיט ציטער־שפּילקעס, פּערל און בראָס־לעטן,
אַז נישט דיך נאָר דיין צירונג זאָל מען גלעטן.
אַ ווייב איז שיין ווען זי אַליין איז שמוק
אָט זעט, די באַלעבאָסטע, טוט אויף איר אַ קוק!"

אחשורוש האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף לאהן און ער האָט אויסגערופן פייערלעך:

אַזאַ איז אסתר, מיין האַרץ־געליבטעס ווייב,
וואָס לייכט ווי די לבנה און די שטערן,
און דו, ושתי, אויסגעצירט, אין גאָלד, דו זאָלסט עס הערן:
איך האָב ליב די צניעותדיקע אסתר ווי מיין אייגן לעבן
און וועל פאַר דער צירונג פון דער גאַנצער וועלט איר נעגעלע נישט געבן".

די אויסגעצירטע ווייבער האָבן זיך אָנגעבלאָזן און געזוכט די אויגן פון זייערע מענער צו ווייזן זיי, אַז עס איז שוין צייט אַהיים צו גיין. דער לאָמער יוסף איז פרעך און מען טאָר אים איבער דער שוועל פון אַ לייטיש הויז נישט אַריבערלאָזן. לאה, כאָטש איר האַרץ איז געווען שווער פון די איבערלעבונגען מיט יצחקן, האָט זי זיך געפילט געשמייכלט פון דעם לאָמען יוספס גראַמען.

לאה האָט איינגעזען, אַז איר מאַן איז געווען גערעכט. יצחקס פאַרדרייען זיך דעם קאָפּ מיטן בעקערס מויד האָט נישט געשאָדט זייער נאָמען. פון דעסטוועגן טאָר מען נישט שפּילן מיט אַ גוטן נאָמען ווי אין ביינדלעך. און לאה האָט אויסגעקוקט דעם טאָג ווען יצחק וועט ענדלעך פאַרלאָזן לובלין און אַלץ וועט פאַרגעסן ווערן. פון דער צווייטער זייט האָט איר באַצייטנס אָנגעהויבן צופּן ביים האַרץ פון בענק־שאַפט נאָכן זון. ווידער וועט זי חדשים לאַנג צאַפּלען פון אומרו און קיין אָרט נישט קענען פאַר זיך געפינען, ווי עס איז געווען נאָכן אַוועקפאָרן פון שכנאן קיין פּאַדוע.

קאַפּיטל זיבן

אין אַ הייסן זומערדיקן טאָג, ווען די געדעמפּטע לופט אין די געסלעך פון דער יידנשטאָט האָט אויסגעדייוועט דאָס לעצטע ביסל חיות, איז סערקעלע אַוועק אויפן בית עולם זיך אויסוויינען פאַר איר מוטער. זי האָט שוין לאַנג געטראַכט דאָס צו טון, וואָרום זי האָט נישט געהאַט פאַר וועמען אויסצוגיסן איר האַרץ, נאָר זי האָט ביז דעמאָלט געלעבט מיט האָפענונג, אַז יצחק וועט איר געבן אַ סימן. האָט זי אָפּגעצויגן דאָס גיין צום בית עלמין פון טאָג אויף טאָג, כדי אַפילו מיט איר טויטער מוטער נישט דאַרפן זיך טיילן מיט דעם אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין איר. זי איז געווען זיכער, אַז סוף־כל־סוף וועט יצחק לאָזן פון זיך הערן. ער איז טאַקע זייער ווייט פון איר, זי ווייסט צו מאָל נישט אין וועלכער מדינה ער לעבט, אָבער אַפילו פון עק וועלט וועט ער זיך אָפּרופן, אַזוי האָט ער איר צוגעזאָגט. זי האָט די גאַנצע צוויי יאָר געפילט, אַז אַזוי וועט ער טון. צי קען דען אַנדערש זיין? אין די צוויי יאָר זייט ער איז אַוועק פון לובלין האָט ער דאָך אויסגעפילט אַלע אירע טעג און אַלע אירע נעכט. אַלץ וואָס זי האָט געטון האָט זי געטון ווי ער וואָלט געווען דערביי, אָדער ווי ער וואָלט יעדע מינוט געדאַרפט אַריינקומען צו איר. ווען נאָר זי האָט געהאַט צייט איז זי געלאָפן צום גאַרבער־געסל, צו יענעם פּלאַץ וווּ זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן. ער איז נישט געווען, נאָר זי האָט געפילט, אַז ערגעץ נאָענט שטייט אויך ער, ווי זי און ער זוכט זי, ווי זי זוכט אים. זי האָט געאיילט אויף יענער זייט באַרג־שלאָס, צום פאַסטעך־געצעלט. אַרום האָבן זיך געפּאַשעט בהמות. פרעמדע לייט זענען דאָ געווען. דאָך איז איר גוט געווען. דער וועג אַהין און צוריק האָט איר געגעבן כוח איבערצולעבן נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, ביז ער וועט לאָזן פון זיך הערן. ער האָט דאָך צוגעזאָגט!

זי וואָלט ווייטער אַזוי געלעבט און נישט מיד געוואָרן צו וואַרטן, אייביק וואָלט זי געוואַרט אויף אים. ביזן טויט אַריין. עס האָט איר נישט געאַרט וואָס געצל עסט זי אויף מיט די אויגן. פאַרקערט, עס האָט איר גוט געטון. אַפילו זיינע כאַפּעדיקע פרעכע באַרירונגען האָט זי אויפגענומען מיט אַן אויסטערליש געפיל, אַז דאָס איז פאַר יצחק־וועגן. טויזנט מאָל מער האָט יצחק געגלוסט צו איר און דער יונג זאָגט איר, אַז זי איז גלוסטיק און אַז ער איז גרייט צו שטאַרבן פאַר איר. יצחק וואָלט עס געדאַרפט הערן!

צום סוף האָט געצל גערעדט מיט פישלען, ער זאָל אים געבן סערקעלען פאַר אַ ווייב. ער וועט זי נעמען אַזוי ווי שטייט און גייט. ער דאַרף נישט קיין נדן. ער וועט האָרעווען פאַר איר נאָך מער ווי פון זון־אויפגאַנג ביז שפּעט ביינאַכט. ער וועט זיך לאָזן הרגענען פאַר איר און זי וועט זיין ביי אים אַ מלכה. זי וועט זיין ביי אים ווי די ווייבער ביי רייכע. זי וועט ביי אים קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער נישט אַריינטון.

כאָטש פישל איז געווען צו אָרעם עס זאָל אים ווען עס איז האָבן איינגעפאַלן, אַז זיין סערקעלע קען ווערן די שנור פון דאָקטאָר אַרטאַפאַנוס, איז אים אַמאָל, ווען יצחק פלעגט אַריינקומען אין דער בעקעריי, איינגעפאַלן: אפשר יאָ. עס טרעפן אַמאָל אַזעלכע נסים. פאַרוואָס זאָל דער נס נישט טרעפן מיט זיין טאָכטער? זי איז אַ שיינע און געראָטענע מויד, אַן איידל קינד, רעדט קיינעם נישט אַנטקעגן און זי האָט אַ גוט האַרץ — געירשנט דאָס האַרץ פון איר מאַמען עליה השלום. נאָר זייט יצחק האָט זיך אויפגעהערט באַווייזן, שוין אַ מעשה פון צוויי יאָר, האָט זיך מער צו פישלען דער גוטער חלום נישט צוריקגעקערט. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן, אַז די מויד פאַרזיצט און מען דאַרף זי חתונה מאַכן. אַנדערע אין איר עלטער האָבן שוין קינדער און זי וויל נישט הערן פון חתונה האָבן. מער פעלט אים נישט. איינגעאַנצן איין שטיקל טאָכטער און זי זאָל פאַרזיצן? אָבער סערקעלע האָט די גאַנצע צייט נישט געוואָלט הערן זיינע ווערטער. זי האָט געוויינט, געוואָרט זיך, ווי ער וואָלט זי געוואָלט פירן צו דער חופה בכוח. נאָר וויפל איז דאָך דער שיעור צו וואַרטן? בפרט נאָך וואָס דער יונג מאַטערט אים טאָג איין טאָג אויס. ער איז אַ וווילער יונגערמאַן, אַ גוטער טשעלאַדניק, און איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. זינט ער אַרבעט ביי אים איז ער קיינמאָל נישט קראַנק געווען, נישט פאַרפעלט אַ טאָג צו דער אַרבעט. ער וועט זיי אָפּטרעטן דעם אַלקער. אַליין וועט ער שלאָפן אין דער בעקעריי, הינטערן אויוון. ער אַליין דאַרף גאָרנישט, אַבי סערקעלען זאָל זיין גוט.

איז פישל צוגעשטאַנען צו דער טאָכטער, אַריינגערעדט אין איר אַז עס איז נישט קיין תכלית זיך אַזוי אַרומצודרייען אַ פאַרזויערטע. ער זעט דאָך אַלע טעג אַז זי גייט אַרום ווי אַ געפּלעפּטע, אַ נישט דאָ־וועלטיקע. דאָס אַלץ איז דערפאַר, ווייל אַ מיידל אין אירע יאָרן מוז חתונה האָבן. אַזוי איז די וועלט געשטעלט געוואָרן און זי וועט אַוודאי די וועלט נישט איבערמאַכן. יעדער דאַרף זיך אויסגעפינען זיינס, און דאָ גייט אויס דער יונג נאָך איר.

„וועסט גאָרנישט אויסוואַרטן", האָט ער זי געמוסרט, „די זאַמאָיסקיס און די טשאַרטאָריסקיס קוואַפּען זיך נישט נאָך יידישע מיידלעך אין לובלין. יעדער האָט זיך זיינס. לאָמיר באַשטימען אַ טאָג פון דער חתונה און שוין!"

פישל האָט רחמנות געהאַט אויף סערקעלען ווען זי האָט אים אויף די אַלע ווערטער נישט געענטפערט, נייערט געוויינט. נאָר ווען זי האָט אים איין מאָל געזאָגט, אַז זי האָט דעם יונג נישט ליב, איז פישל אַרויס פון די כלים:

„וועד האָט עס דיר פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט ליב־שמיב? וואָס איז דיר צושטאַנד

געקומען? אַ יידישע טאָכטער האָט נישט יאָ־ליב נישט־ליב. זי האָט חתונה און זי בינדט זיך צו צום מאַן. דיין מאַמע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, האָט מיך ליב געהאַט פאַר דער חתונה? איך האָב זי געזען צוויי מאָל און מיר האָבן חתונה געהאַט. האָט זי נישט געשטערקט דאָס לעבן פאַר מיר? און צי בין איך איר נישט געווען געטריי דאָס גאַנצע לעבן? אַ נייער איינפאַל — ליב האָבן!"

פישל האָט זי מער נישט אָפּגעלאָזט און ער האָט צוגעזאָגט דעם יונג, אַז אם ירצה השם נאָך שבועות וועט מען שטעלן אַ חופה. פישל האָט פאַרזאָגט סערקעלען, זי זאָל אים אַנטקעגנרעדן, וואָרום אויב זי וועט זיך עקשנען, קען ער אויך געבן קלעפּ.

אַזוי האָט פישל ביי זיך אָפּגעמאַכט חול־המועד פסח. סערקעלע האָט געוואַרט אויף אַ נס. זי איז געווען כמעט זיכער, אַז דער נס וועט נישט פאַרזוימען...

אין יענער צייט איז שוין געווען פאַרקנסט בתיה, די טאָכטער פון אַרטאַפּאַנוסן, מיט אַ זון פון דעם קאַלישער פּרנס, ר' יצחקל דער שתדלן. גאַנץ לובלין האָט גערעדט וועגן דעם. דער קאַלישער מחותן איז געווען אַ קרוב למלכות און האָט געפירט די געשעפטן פון דער אַדעליקער משפחה טאַרלאָ. צוליב זיינע פאַרבינדונגען פלעגט ער קומען קיין לובלין זיך משתדל צו זיין ביי די ריכטער פונעם קרוין־טריבונאַל און בעת איינעם פון זיינע וויזיטן אין לובלין האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט דער עלטערער טאָכטער פון דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס. בתיה האָט נושא חן געווען אין זיינע אויגן און עס איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז די קינדער זאָלן זיך זען אויפן האַלבן וועג צווישן לובלין און קאַליש — אין ראַדאָם. ווי די מחותנים זענען זיך פריִער געפעלן, אַזוי איז בתיהן געפעלן דער חתן. משה ר' יצחקס האָט אויסגעזען אַ סך עלטער ווי אויף זיינע אַכצן יאָר. ער איז געווען אָנגעטון ווי אַ שׂררה און ער האָט געהאַט דאָס געשטעל פון אַ סלאַווישן אַדעליקן. בלויז זיין יונג בערדל און די פּיאות, ווי פון דינע לייַנען־פעדעם, האָבן אים געגעבן די צורה פון אַ ייד. ביים טיש, אין איינפאַר־הויז אין ראַדאָם, האָט משה דער ערשטער זיך געווענדט צו בתיהן. זי איז אים געפעלן, נאָר ער האָט געוואָלט הערן איר שטים. ער האָט געפרעגט:

„צי איז לובלין אַ שיינע שטאָט?"

בתיה האָט געענטפערט:

„שיין איז יעדע שטאָט אין וועלכער עס וווינען די, וואָס מען האָט ליב. לובלין איז די שטאָט פון מיינע עלטערן. איך האָב געהערט, אַזווירקלעך שיין איז קראָקע. זענט איר געווען אין קראָקע?"

„געווען", האָט משה געענטפערט, און חנעוודיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, „קראָקע איז אַ שיינע שטאָט".

און עס איז געוואָרן דער שידוך.

די שמועה, אַז דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס איז זיך מתחתן מיט דעם קאַלישער פּרנס ר' יצחק, האָט דערגרייכט לובלין נאָך איידער אַרטאַפּאַנוס, לאה און בתיה זענען צוריקגעקומען אַהיים. ברייַנדל די איינגייערקע איז געקומען פאַרטאָג, אויפגעוועקט

שבתאי און מרימען און זיי אָפּגעגעבן מזל־טוב, אַז זייער שוועסטער איז מיט מזל געוואָרן אַ כלה.

„גאַנץ לובלין איז דאָך די נאַכט נישט געשלאָפן", האָט זי געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן. „מען זאָגט, אַז דער חתן איז גאָר איי־איי־איי. הלוואי, גאָט אין הימל, זאָל ער ווערט זיין אַזאַ טייער קינד ווי עס איז אונדזער בתיה. עס איז דאָך עפּעס טייערערס גאָר נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט. אוי ווי איז מיר. איך האָב פון פרייד קיין אויג נישט געקענט צוטון. נו וואָס זשע קינדערלעך ליגט איר נאָך אין די בעטן? איר דאַרפט דאָך טאַנצן!"

אין ראַדאָם איז צווישן די מחותנים אָפּגערעדט געוואָרן, אַז די חתונה פון די קינדער וועט זיין בלי נדר, אין לובלין, באַלד נאָך שבועות.

סערקעלע האָט אין דער נאָענטער חתונה פון אַרטאַפּאַנוסעס טאָכטער געזען איר אייגן ביטער מזל. עס האָט דאָך געקענט זיין אַזוי שיין, אַז זי זאָל חתונה האָבן מיט יצחקן, דעם זון פון דעם דאָקטאָר. אַ גוטער חלום וואָלט פאַר איר מקוים געוואָרן. נאָר פונעם חלום איז גאָרנישט געוואָרן. ניין, ניין, סערקעלע האָט זיך געקלאָמערט אין דער לעצטער האָפענונג, אַז עס קען נאָך געשען אַ נס. נאָר אַז זי האָט זיך דערוווּסט, אַז די חתונה פון אַרטאַפּאַנוסעס טאָכטער דאַרף זיין נאָך שבועות, אין דער זעלבער וואָך ווי זי וועט גיין צו דער חופּה מיטן יונג, איז זי אַוועק אויפן בית־עולם צו איר מוטערס קבר.

פאַר איר מוטער האָט זי גאָרנישט באַהאַלטן. זי האָט אַרומגענומען די שמאָלע אָרעמע מצבה, ווי זי וואָלט געווען אַ לעבעדיקער גוף, און פון אָנהייב מיט טרערן, און שפּעטער מיט שטילער פאַרטרוילעכקייט, דערציילט דער מוטער ווי יצחק האָט זי ליב געהאַט. ווי ער פלעגט נישט קענען זיך שיידן פון איר און ער האָט גערעדט צו איר, ווי מען רעדט צו אַ מלכה.

„איך האָב געוווּסט טייערע מאַמע, אַז פאַר דער חתונה טאָר מען זיך נישט קושן מיט אַ מאַן. איך האָב געוווּסט, אַז איך טו אַן עבירה, נאָר יצחק איז געווען אַ געלערנטער אין די הייליקע ספרים און ער האָט מיר געזאָגט, אַז אין די ספרים שטייט געשריבן דאָס פערציק טעג פאַרן געבוירן ווערן ווערט אין הימל אָנגעשריבן ווער עס וועט זיין דער זיווג פון וועמען, און אַז אַזוי איז פאַרשריבן געוואָרן, אַז איך און יצחק דעם דאָקטאָרס וועלן זיין אַ זיווג. אויב איך בין באַגאַנגען אַ זינד און דער הייליקער האַר גאָט האָט מיר געשטראָפט דערפאַר אַז יצחק זאָל אַוועקפאָרן, גיי מאַמע, טייערע מאַמע, וווּ מען דאַרף און טו זיך מיען פאַר מיר, יצחק זאָל לאָזן פון זיך הערן און ער זאָל צוריקקומען צו מיר. דער טאַטע איז אָנגעשטאַנען אויף מיר איך זאָל חתונה האָבן מיט געצלען און ער האָט אָפּגעמאַכט מיט אים, אַז באַלד נאָך שבועות זאָל מען שטעלן די חופּה. מאַמע, מאַמע, איך האָב נישט ליב דעם יונג, איך וועל זיין מיט אים אומגליקלעך. דערום שטעל זיך באַלד פאַר די גוטע מלאכים און זיי וועלן דיך אויסהערן. און זאָג זיי, אַז איך בין דיר די איינציקע טאָכטער און דערצו אַ יתומה און זאָל דער האַר גאָט נישט זיין בייז אויף מיר. וואָרום איך קען

נישט שרייבן און נישט לייענען און איך ווייס נישט וואָס עס שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים און דערפאַר האָב איך געזינדיקט. זאָל ער מיך נישט שטראָפן אויף מיין גאַנץ לעבן פאַר איין איינציקער זינד. וועסט אַלץ געדענקען, מאַמע, וואָס צו זאָגן? דעם דאָקטאָרס טאָכטער האָט חתונה די זעלבע וואָך ווי דער טאַטע וויל מיך פירן צו דער חופה מיטן יונג. בעט אויס, אַז פון דער חופה זאָל גאָרנישט ווערן. זאָלן מיר די מלאכים באַדיי צושיקן אַ חולאת אויף דער צייט, אַז איך זאָל נישט קענען גיין צו דער חופה. יצחק וועט מסתמא קומען צו דער חתונה פון זיין שוועסטער, דערום איז מעגלעך דו זאָלסט אַלץ ענדערן צום גוטן. זאָלסט נישט זשאַלעווען קיין מי, מאַמע טייערע, און זאָלסט זיך נישט לאָזן אָפּטרייבן, און אַז זיי וועלן דיך אויסהערן וועלן זיי אַלץ טון פאַר דיר... זיי וועלן טון"...

סערקעלע האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן שטיין און אַלע טרערן וואָס האָבן זיך אין איר אָנגעזאַמלט דורך די צוויי יאָר זענען איר אויסגערונען פון די אויגן און דאָס ריטשקעלע פון די טרערן איז אַריינגערונען אין דעם געשניץ פונעם פ"נ, ווי דורך די צוויי אותיות וואָלטן די טרערן געדאַרפט אַריינדרינגען אין קבר, נאָך מער ווייך צו מאַכן דאָס האַרץ פון איר מוטער, ווי אירע ווערטער האָבן עס ווייך געמאַכט.

סערקעלע האָט זיך נישט אויסגעפונען אין גאָטס וועגן. זיי האָבן איר אויסגעזען צופיל פאַרפּלאָנטערט אום זיי צו פאַרשטיין, און דעריבער האָט זי נישט געוווּסט, צי איר מאַמע, בעת זי האָט זיך געמיט פאַר איר, האָט נישט געדענקט אַלץ, וואָס זי האָט אַריינגערעדט אין קבר, אָדער שלעכטע כוחות האָבן אַלץ פאַרדרייט.

ביידע חתונות זענען נישט פאָרגעקומען אין דער וואָך נאָך שבועות — נישט די פון סערקעלען מיטן יונג און נישט די פון בתיהן מיט משה ר' יצחקס פון קאָליש. די חתונות זענען אָפּגעלייגט געוואָרן. וואָרום אין יענע טעג איז אין לובלין געשען אַ גרויס אומגליק.

אין אַ דאָרף נעבן אָפּאַטאָוו האָט דער גלח אויסגעטראַכט אַ בלבול אויפן יידישן קרעטשמער, אַז ער האָט אָנגעשיכורט און איבערגעקויפט דעם דינער פון דער תיפלה און אים צוגערעדט ער זאָל אַרויסגנבענען די הייליקע האָסטיע. דער דינער האָט אין מיטן דער נאַכט געבראַכט די האָסטיע צום קרעטשמער און ער און זיין ווייב האָבן זי באַהאַלטן אין אַ פאַס פון קרויט. אַזוי האָט דערציילט דער דינער פון דער תיפלה. ווען דער גלח האָט אין דער פרי דערזען, אַז די האָסטיע איז נעלם געוואָרן און מען האָט דעם דינער אָנגעהויבן פייניקן. נאָר אַזוי ווי אין דאָרף איז נישט געווען קיין פייניקונגס־באַנק און אויך נישט אין אָפּאַטאָוו, האָט מען דעם דינער געבראַכט קיין לובלין און צוזאַמען מיט אים אויך דעם קרעטשמער און זיין ווייב. וואָרום אין די קעלערן פונעם לובלינער ראָטהויז איז געווען אַ פייניקונגס־ראָד און אַ צי־באַנק, און פון דאַנען איז קיינער נישט אַרויס אָן אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת. איז ווי נאָר מען האָט דעם דינער פון דער תיפלה אַוועקגעלייגט אויף דער צי־באַנק, אַרויפגעגאָסן ספּירט אויף זיינע שענקלען און דער הענקער האָט דעם ספּירט אָנגעצונדן, אַזוי האָט דער דינער געשוואוירן ביי גאָט, אַז ער וועט אויסזאָגן דעם

גאַנצן אמת, און ער האָט דערציילט, אַז ווען ער האָט ביינאַכט געבּרענגט די האָסטיע צום קרעטשמער אין שטוב, זענען דאָרט געווען נאָך דריי אַנדערע יידן. גלייך האָבן די פרעמדע צוזאַמען מיטן קרעטשמער, אַרויפגעלייגט די האָסטיע אויפן טיש און זי אָנגעהויבן שטעכן מיט נאָדלען. באַלד האָט פון דער האָסטיע אָנגעהויבן פלייצן שטראָמלעך בלוט און דעם קרעטשמערס ווייב האָט דאָס בלוט אַריינגענומען אין אַ דייזשע, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט מעל. אַז פון דער האָסטיע איז שוין מער קיין בלוט נישט געגאַנגען, האָבן זיי זי אַריינגעוואָרפן אין אָנגעהייצטן אויוון. דעם קרעטשמערס ווייב האָט פון דעם מעל און בלוט פאַרקנעטן טייג און פיר יידן האָבן אויפן זעלבן טיש געוועלגערט מצות אויף פסח און די מצות גלייך אָפּגעבאַקן אין דעם צעפלאַמטן אויוון.

דער קרעטשמער און זיין ווייב האָבן נישט געוווסט פון וואָס צו זאָגן. דער דינער פון דער תיפלה פלעגט טאַקע אַריינקומען צו זיי טרינקען אַ גלעזל פּיאַלון. ער האָט אָבער געשיכורט צוליב צרות וועגן. וואָרום דער גלח האָט פאַרדרייט דעם קאָפּ פון זיין יונג און שיין ווייב און ער איז געשלאָפן מיט איר. איין מאָל — דאָס איז געווען פאַרן בלבול — איז דער דינער געקומען אין דער קרעטשמע און דער־ציילט: ער איז אַהיימגעקומען און נישט געטראָפן זיין ווייב אין שטוב. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז זי איז ביים גלח. האָט זיך דאָס בלוט צעקאָכט אין אים, ער איז אַוועק צום גלח כדי צו זען ווי עס האַלט. און אַז ער האָט ביידע, דעם גלח מיט זיין ווייב, געפונען אין בעט, האָט ער דאָס ווייב צעקיילט און זי אַהיימגעשלעפּט פאַר די האָר. בעת ער האָט דאָס אַלץ דערציילט, איז אין דער קרעטשמע אַריינגעלאָפן דער גלח, אַ בלייכער און דולער, און ער האָט דראָענדיק מיט אַ פויסט אויסגערופן:

„דאָס האָבן דיך די יידן אָנגעשיכורט און צוגערעדט צו פאַרגיסן קריסטלעך בלוט! דו און די יידן וועלן גיין אויפן יאַטקע־קלאָץ!"

דער דינער פון דער תיפלה האָט דעם גלח נאָכגעשפּיגן און אויפצומאָרגנס אין דער פרי איז געקומען דער בלבול, אַז דער דינער האָט אַרויסגעגנבעט די האָסטיע און זי פאַרקויפט צו יידן.

און אַז פון די פּייניקונגען אויף דער ציִ־באַנק האָט דער קירכן־דינער גע־שווירן ביי גאָט, אַז אַלץ וואָס די שטאָטישע ריכטער האָבן אים פאַרגעוואָרפן איז אמת, זענען אַלע דריי, דער קרעטשמער, זיין ווייב און דער דינער פאַרמשפּט געוואָרן צו צעפערטלט ווערן.

די יידן פון אָפּאַטאָוו און קהל פון לובלין האָבן איינגעריסן ווענט דער קרוין־טריבונאַל זאָל מבטל מאַכן דעם גזר־דין. אָבער פּונקט ווי די יידן האָבן זיך משתדל געווען צו ראַטעווען די פאַרמשפּטע, אַזוי איז די יעזויטן געלעגן דעריין, אַז פון קיין אין עלילת־דם זאָלן יידן נישט אַרויס אויף דער פריי, נאָר די באַשולדיקטע זאָלן גיין אויפן יאַטקע־קלאָץ.

די סעסיע פון דעם קרוין־טריבונאַל אין דעם משפט האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך פסח. צוליב די פיל שתדלנות און צוליב די מתנות, וואָס די מאַגנאַטן־ריכטער האָבן באַקומען, האָבן זיי זיך נישט געאיילט צו משפּטן. אויך די געזעמלען פון די

מאַגנאַטן־ריכטער, וואָס פלעגן מיטקומען מיט זייערע האַרן — די שרייבער די קאַמער־דינער, די רייטקנעכט און די וואַכן, האָבן זיך געדאַרפט אָנפרעסן — צו פאַרגעדענקען, אַז זיי זענען געווען אין לובלין. האָט קהל געליפערט אַלץ, וואָס די געזעמלען האָבן זיך אויסגעבעטן, כדי זיי זאָלן זיך נישט פריילעך מאַכן אין דער יידנשטאָט. און כדי אויסצופאָרשן דעם גאַנצן אמת, זענען די דריי באַשולדיקטע נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די שטאָטישע ריכטער צו נעמען זיי אין קעלער פון ראָטהויז און דורך פיין זאָלן זיי נישט פאַרפעלן קיין איין פרט. און נישט דורך דעם ראָד און נישט דורך דער צי־באַנק האָבן די הענקער אַרויסבאַקומען עפּעס מער. און אַזוי האָט ערב שבועות דער טריבונאַל אַרויסגעטראָגן דעם גזר־דין, אַז דער קרעטשמער און זיין ווייב ווערן פאַרמשפּט אויף צעפערטלט ווערן אויך דערפאַר ווייל נאָך אַלע עינויים האָבן זיי נישט געוואָלט אַרויסגעבן זייערע שותפים ביים אָפּצאַפּן דאָס בלוט פון דער געגנבעטער האָסטיע. דעם קירכן־דינער, ווי אַ זכות דערפאַר, וואָס ער האָט אויסגעזאָגט דעם גאַנצן אמת — אָפּהאַקן דעם קאָפּ.

און דעמאָלט האָבן די מיעשטשאַנעס אויסגעפועלט, אַז כדי יידן זאָלן זיך ענדלעך אַראָפּנעמען אַ מוסר השׂכל פון זייערע פאַרברעכנס צו מאָרדן קריסטלעכע קינדער און פייניקן האָסטיעס, זאָל די עקזעקוציע איבער דעם קרעטשמער און זיין ווייב פאַרקומען אין דעם ערשטן טאָג שבועות פאַר דער מהרש״ל־שיל, ווען יידן גייען צו זייערע תפילות.

די פרנסים פון לובלין זענען שוין געווען מיד פון וואַכלאַנגער ראַנגלעניש. זייערע תחנונים און רייכע מתנות האָבן נישט געהאָלפן. דעמאָלט האָבן זיי אַרויס־געשיקט אַ שליח צו יצחקן, דעם פרנס פון קאַליש, ער זאָל קומען כאָטש אָפּשרייען די לעצטע גזירה. דער טויט־אורטייל זאָל נישט אויסגעפירט ווערן אין יום־טוב און פאַר דער מהרש״ל־שיל. צווישן די ריכטער איז געווען איינער פון דער מאַגנאַטן־משפחה טאַרלאָ, וואָס יצחק האָט געהאַלטן אין אַרענדע זיינע גיטער.

יצחק פרנס האָט אָן שהיות געאיילט קיין לובלין און דורך די פאַרבינדונגען פון זיין האַר אויסגעפועלט בלויז איינס: די עקזעקוציע זאָל נישט אויסגעפירט ווערן אין די שבועות־טעג. און דער גורל פון דער עקזעקוציע איז אויסגעפאַלן אויף דעם טאָג ווען עס האָט געדאַרפט פאַרקומען די חתונה פון זיין זון מיט דער טאָכטער פון אַרטאָפּאַנוסן. די חתונה איז אָפּגעלייגט געוואָרן.

אין יענעם דאָנערשטיק פון זמן חופה זענען באַגינען פאַר דער מהרש״ל־שיל אויפגעפלאַנצט געוואָרן אַכט דיקע פלעקענער און ביים איינגאַנג צו דער שיל איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אַ דיקער יאַטקע־קלאָץ. אין יענעם באַגינען האָט זיך קיין איין ייד נישט געאיילט צו דאַווענען בציבור. קיין איין ייד איז נישט געגאַנגען אין חדר לערנען תורה. פוסט און וויסט איז געבליבן פון באַגינען דער מאַרק און די געסלעך. אַפילו קיין רויך פון אַ יידישן קוימען האָט מען נישט געזען, וואָרום אַ תענית־צבור איז דער טאָג געווען ביי יידן און בלויז זויג־קינדער האָבן די מאַמעס געגעבן די מילך פון זייער בריסטן.

דאָך באַפּעלקערט איז געוואָרן דער פּלאַץ פאַר דער שיל. דער פּלעבס און די דינערשאַפט פון די מאַגנאַטן און די סטודענטן פון דער יעזויִטן־שול האָבן זיך געלאָזט אַהער פון יענער זייט טויער צו זען די נקמה אין ייִדן און ווי ייִדישע גופים ווערן צעפּערטלט.

ס׳איז געווען אַ הייסער און פאַרנער באַגינען, מיט נידעריק אַראָפּהענגענדיקע וואָלקנס. די זון האָט זיך דורכגעריסן דורך די וואָלקנס און פאַרטריבן די שאָטנס און באַלד זענען די שאָטנס צוריקגעקומען. ווערליק דעם שטייגער, האָט מען די פאַרמשפּטע געבראַכט אויף אַ שליטן — אַ שליטן אין דער מיט פון זומער, ווי צו פאַרגרעסערן דעם חוזק פאַר די פאַרמשפּטע. דער פּלעבס האָט געשאַלט פון פרייד און אונטערגעאיילט מיט געשרייען:

„אויפן יאַטקע־קלאָץ גאָטס מערדער! אויפן יאַטקע־קלאָץ!״

דער קרעטשמער און זיין ווייב האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט, צוגעקלאַמערטע צו אייגאַנדער. קיין צייכן פון צער האָט מען אויף זייערע פּנימער נישט געקענט זען, ווארום שוואַרץ און פול מיט ווונדן פון די פּייניקונגען זענען זייערע פּנימער געווען. ביידע האָבן געהאַט אָפּגעגאָלטע קעפּ. דאָס האָבן די הענקער אָפּגעגאָלט זייערע קעפּ בעת די טאָרטורן, כדי אין די האָר זאָל זיך נישט באַהאַלטן דער טייוול און זיי צוגעבן כוח ביים אויסבאַהאַלטן דעם אמת. און די הויט פון זייערע קעפּ איז פאַר־שׂרפעט געווען פון די ספּירט־בראַנדן, און אַזוי ענלעך צו אייגאַנדער זענען ביידע געווען מיט די אָפּגעגאָלטע קעפּ.

נאָך איידער די פערד זענען פאַרהאַלטן געוואָרן, האָבן צווי הענקער־יונגען אַ צי געטון דעם קרעטשמער פונעם שליטן, אים אָפּגעריסן פון זיין ווייב און שוין איז ער געלעגן איבערן יאַטקע־קלאָץ. דער פּלעבס האָט גערעוועט, ווייבער האָבן גע־קוויטשעט, ווי אַלע צוזאַמען וואָלטן געווען אַ ריזיקער גוף פון אַ פאַרזעעניש מיט אַ סך גלידער, און פון דער שאַרף פון דער האַק אַרויף און אַראָפּ האָבן געשפּריצט פונקען פון זון און בלוט — פון זון און בלוט, אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. אינעם רעווען און אין דער הילעניש פונעם פּלעבס זענען דערטרונקען געוואָרן די שטילע קרעכצן פון דעם קרעטשמערס ווייב, ווי דער אימפּעט־אויסגעשריי פונעם הענקער ביים אַראָפּלאָזן די האַק. בלויז אַ נייע כוואַליע פון געבריל האָט אָנגעזאָגט, אַז דאָס ווייב איז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויפן יאַטקע־קלאָץ, און ווידער האָבן געשפּריצט די פונקען פון זון און בלוט פון דער שאַרף פון דער האַק.

אויף פיר טיילן זענען צעהאַקט געוואָרן די לייבער פון דעם פאַרפאַלק, און יעדער טייל איז אויפגעשלאָגן געוואָרן מיט ניין נעגל אויף אַ באַזונדערן פּלאָקן. און די אויגן פון דעם פּלעבס האָבן זיך געבאָדן אין די גלאַנציקע און בלוט־טריפנדיקע שטיקער לייב. ווייבער מיט עקל־אויסגעקרימטע פּנימער האָבן געלאַכט מיט טרערן און געוואָיעט, ווי פון זייערע העלדזער וואָלטן אַרויסגעוואָיעט הינט, און זיי האָבן מיט די פאַרטעכער געווישט דעם שווייס פון זייערע פּנימער.

ביז נאָך בין השמשות, ווען מען האָט די שטיקער לייב אַראָפּגעריסן פון די פּלעקענער, האָט זיך קיין ייִדיש פּנים נישט געוויזן אין שטאָט. ערשט צו תּפילת

מעריב, אין דער אָוונט־פינצטערניש און בלויז מיט דעם פינקל פון שטערן איבער זיין קאָפּ, וואָרים קיין ליכט האָט זיך אין אַ יידישן פענצטער נישט באַוויזן, האָט דער אַלטער שמש, הערש בונים גערופן פון דער מיט מאַרק, גערופן מיט אַ קול, ווי עס וואָלט געקומען פון אַ פּאַס:

„יידן, גייט אַרויס צו עבודת הבורא! יידן, גייט אַרויס צו עבודת הבורא!"

מיט אַ קרעכץ האָבן זיך אָפּגעלענט טירן, שאָטנס האָבן אַרויסגעשטעקט זייערע קעפּ און זיך איינגעהערט: צי איז דאָס קול — קול יעקב, אָדער דאָס קול פון עשון הויערט נאָך אין דער יידנשטאָט?

און פלעמלעך פון ליכט האָבן זיך באַוויזן אין די פענצטער און איינגעבויגענע שאָטנס האָבן שנעל געאיילט אַריבער דעם מאַרק, זיך געשאַרט ביי די ווענט — געאיילט צו עבודת הבורא בצבור.

קינד און קייט זענען דערנאָך אַרויס פון די שטיבער, צו הערן וואָס עס הערט זיך. נאָר איינע, סערקעלע, איז געלעגן אויפן בעט און איז געווען קראַנק פון וויינען. דאָס איז געווען אַ וויינען אָן טרערן, אַ העשען פון אַ פאַרמאַכטן קוואַל, וואָס וויל זיך באַפרייען און קען נישט. געצעל דער יונג איז דעם טאָג נישט געקומען, וואָרום יידן זענען נישט אַרויס פון זייערע היימען, און פישל האָט זיך אַרומגעדרייט אין אַלקער, אין דער בעקעריי, געגאַנגען אַהער און אַהין, ווי אַ געפאַנגענער און זיך געבעטן ביי סערקעלען:

„וויין נישט. דאָס איז אונדזער מזל. נישט בלויז דו האָסט געדאַרפט גיין צו דער חופה, נאָר אויך אַנדערע. וואָס זענען מיר שולדיק? מיר זענען נישט שולדיק. מיר זענען אין גלות און משיח וויל נישט קומען אונדז אויסלייזן. זאָרג זיך נישט, סער־קעלע, די חופה וועט מען שטעלן שפּעטער, אין אַ וואָך אַרום, ווי דער רב וועט זאָגן און ווי קהל וועט זאָגן. פאַרוואָס וויינסטו? פריער האָסטו נישט געוואָלט דעם יונג און איצט וויינסטו. פאַרוואָס דו קענסט נישט גיין מיט אים צו דער חופה".

סערקעלע האָט מיט קיין איינציק וואָרט נישט געענטפערט. זי קען אים גאָרנישט זאָגן. ער ווייסט נישט. אוי, ער ווייסט נישט, אַז זי איז געווען אויף דער מוטערס קבר. ער ווייסט נישט, אַז זי האָט דער מוטער דערציילט אַלץ, אַלץ און אַזוי קלאָר, אַז זי האָט גאָרנישט פאַרפעלט. זי איז אין גאַנצן זיכער, אַז זי האָט נישט געבעטן קיין שום שלעכטס אויף אַנדערע. זי האָט געבעטן נאָר פאַר זיך, די מוטער זאָל זיך מיִען נאָר פאַר איר. זי זאָל זיך שטעלן פאַר די מלאכים און זיי בעטן זיי זאָלן מאַכן אַ נס, יצחק זאָל זיך אָפּרופן און איר געבן אַ צייכן; זיי זאָלן באַדיי אויף איר, און נאָר אויף איר, אין דעם טאָג פון דער חופה אָנשיקן אַ חולאת. האָט די מוטער שלעכט פאַרשטאַנען און פאַרפלאָנטערט איר געבעט? אָדער האָבן בייזע מלאכים דאָס אַלץ צוגעטראַכט פאַר דעם טאָג, אַז צוליב איר זאָל מאַן און ווייב אומגעבראַכט ווערן פון רוצחישע הענט? „איך, איך, האָב דאָס אַלץ געבראַכט! איך האָב געבראַכט דאָס אומגליק אויף דער שטאָט!" האָט זי אַריינגעהעשעט אין זיך.

אַ גאַנצן טאָג האָט פישל געהערט דאָס העשען פון סערקעלען. אַ מיידל זאָל וויינען אָן טרערן און אויף קיין רגע נישט אַראָפּגיין פון בעט? אָן אַנדערש מאָל

וואָלט ער גערופן דעם רופא. נאָר אין אַזאַ טאָג, פאַרמאַכט אין שטוב, אַ גאַנצן טאָג הערן דאָס העשען?! דאָס רופן פונעם מאַרק צו עבודת הבורא איז געקומען פאַר פישלען ווי אַ דערלייזונג, ווי ער וואָלט באַפרייט געוואָרן פון אַ גיהנום. ער איז אַרויס אין דרויסן, ער האָט באַוויגן מיטן קאָפּ מיט אַן אויפגעעפנט מויל, ווי ער וואָלט מיט איין מאָל געוואָלט אַריינעטעמען די גאַנצע קילע לופט, וואָס קומט פון די שטערן. ער האָט אויסגעשפּרייט די אָרעמס און געמאַכט באַוועגונגען ווי ער וואָלט אויך מיט די אָרעמס געוואָלט אין זיך אַריינשופּלען וואָס מער קילע לופט. אָבער באַלד האָט ער זיך דערמאָנט אָן סערקעלען. זי ליגט דאָרט אויפן בעט אין אַלקער און העשעט. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט צו די שכנים, וואָס אויך זיי זענען געשטאַנען פאַר די טירן, און ער האָט געפרעגט ביים ערשטן ווייב:

„איר זענט דאָך אַ מאַמע פון דערוואַקסענע קינדער, אפשר ווייסט איר וואָס מען טוט? מיין סערקעלע ליגט אַ גאַנצן טאָג און וויינט אָן טרערן. קיין מינוט רו איז היינט אויף איר נישט געקומען".

דאָס ווייב, אַ שאָטן אין דער פינצטער, האָט געענטפערט:

„אפשר אַ גוט־אויג? זי איז דאָך אַ כלה־מיידל".

און באַלד האָט זיך דאָס ווייב, דער שאָטן אין דער פינצטער, געווענדעט צו אַ צווייט ווייב, ביי דער צווייטער טיר?

„איר האָט געהערט? סערקעלע וויינט אַ גאַנצן טאָג אָן טרערן. היינט האָט דאָך געדאַרפט זיין איר חופה".

„אפשר פון זאַכציאַנקעס?" האָט דאָס צווייטע ווייב זיך משער געווען. „כלות טרעפן אַזעלכע זאַכן".

פון פינצטערניש האָט זיך אונטערגערוקט אַ מאַנצבילישער שאָטן. אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן. עס איז געווען דער חתן, געצל. ער וויל וויסן וואָס עס הערט זיך. פישל האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און אים אַריינגעשלעפּט אין הויז. ער האָט זיך צוגערוקט צום בעט און זיך אַריבערגעבויגן צו דער קראַנקער:

„איז דיר עפּעס, סערקעלע?" האָט ער געפּרוּווט זיין וואָס מילדער.

סערקעלע האָט נישט געענטפערט. זי האָט אַפילו אירע אויגן נישט געעפנט, ווי זי וואָלט נישט געהערט, אַז מען פרעגט איר עפּעס.

„סערקעלע, וואָס איז דיר? אַלץ איז שוין אַריבער. וואָס איז דיר? ביסט קראַנק?

דער יונג איז געלאָפן און געבראַכט פייטל דעם רופא, וואָס אויסער אויסקאָכן קרייטעכצער און גיסן וואַקס צו דערקענען ווער עס האָט געגעבן אַן עין־הרע, האָט ער אויך געהאַט כלי מיני אַפּשפּרעכענישן.

פייטל דער רופא איז געווען אַ קליין אויסגעדאַרט און אַלט יידעלע, וואָס האָט אַליין נישט געוווּסט ווי אַלט ער איז. פון אַלטקייט זענען אים אַפילו די גראָע האָר פון קאָפּ און פון דער באָרד אויסגעקראָכן און בלויז אַ צוויי לאַנגע, שטייענדיקע האָר אויפן קאָפּ און עטלעכע געקרייזלטע האָר אויף דער באָרד זענען געבליבן. נאָר זשוואָווע איז ער געווען און גערעדט נבול־פּה, ווי ער איז עס געוווינט געווען

אַלע יאָרן. באַלד ווי ער איז אַריין אין אַלקער, האָט ער סערקעלען אַ פּאַטש געטאָן אין הינטן און אויסגערופן:

„מויד, הייב זיך אויף, אַנישט וועל איך באַקומען חשק זיך צוצולייגן נעבן דיר. הע, צו דעם אַלעמען האָט זי נישט קיין דרך־ארץ פאַר דעם אַלטן פּיטל. זי ענטפערט נישט".

סערקעלע האָט טאַקע נישט געענטפערט. זי האָט געלאָזט אויסדרייען איר קאָפּ צום ליכט פונעם קליינעם לעמפּעלע, באַוועגן מיט איר האַנט, נאָר די אויגן האָט זי נישט געעפנט און נישט אויפגעהערט צו העשען.

„הכלל, די מעשׂה געפעלט מיר נישט", האָט פּיטל געזאָגט, אַראָפּגעלאָזט די האַנט אין זיין גאָר טיפער אויסגעשטאָפּטער קעשענע און אַרויסגענומען אַ ליימען פלעשעלע. ער האָט דאָס פלעשעלע געעפנט און עס צוגעלייגט צו דער נאָז פון סער־קעלען. זי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און אויף אַ רגע האָט זיך איר העשען איבער־געריסן.

„אָט אַזוי האָב איך ליב. נאָר לעבן זאָל מען. אַז סע לעבט די נאָז לעבט אויף דער פּישער. און דאָס איז דער עיקר. איז וואָס־זשע העשעסטו ווידער? וועסט מיר דאָ אויסשמעקן דעם גאַנצן עסיק? מאַכן פון פּיטלען אויס פלאָקן־שיסער!"

אַריינגעטעטעמט אין זיך דעם עסיק, האָט זיך סערקעלע ווידער אַ טרייסל געטון און באַלד ווידער אַריינגעפאַלן אין העשען. פּיטל האָט מיט דער צונג אַ לעק געטון איר שטערן און געפּרוּווט דעם טעם פון זיין צונג אויף די ליפּן און זיך פאַרקוקט אויף דעם יונג, ווי ער האָט פּלוצים אויסגערופן:

„וואָס גאַפּעסטו אויף מיר? וואָס בין איך אַ מויד, וואָס דו האָסט אויף מיר אויסגעגלאָצט דיינע גאַלעס?!"

דער יונג האָט זיך דרך־ארצדיק אָפּגערוקט אין אַ זייט. פּיטל האָט אויסגעטון זיין מיץ, זיך געקראַצט אין די עטלעכע האָר אויף זיין קאָפּ און עפּעס געפּרעפּלט צו זיך אַליין.

„אַן עין הרע", האָט לסוף פּיטל אַרויסגעזאָגט זיין דיאַגנאָז, „איצט דאַרף מען הערן ווער איז דאָ נעכטן־אייערנעכטן געווען; מיט וועלכן פרעמדן מענטשן זי האָט גערעדט און ווער ס'האָט אויף איר געגלאָצט".

פישל האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען. די מויד איז שוין זייט אַ וואָך צייט נישט אַרויס פון שטוב, מיט קיינעם נישט גערעדט, סיידן מיט דעם און יענעם ווייב, וואָס איז אַריינגעקומען קויפן אַ שטיק געבעקס. דער יונג איז געוואָרן אומרויִק. זייט מען האָט אָפּגעלייגט די חופּה האָט ער פון איר דעם בליק נישט אַראָפּגעלאָזט. ער האָט זי די טעג געפרעסן מיט די אויגן, געפּענטעט אירע פיס מיט זיינע בליקן און זיינע אויגן זענען געווען ווי די אויגן פון אַ שטיר־אָקס. ער האָט זיך געדרייט אַהער און אַהין און נישט געוואָלט פאַר פּיטלען זאָגן אין דער אַנוועזנהייט פון פישלען, אַז דאָס האָט ער און נאָר ער געגלאָצט אויף סערקעלען.

פּיטלען איז נישט געבליבן עפּעס אַנדערש ווי גיסן וואַקס. ער האָט שטיקער וואַקס געהאַט אין זיינע טיפע קעשענעס. אויפן טיש האָט ער צעשפּרייט דעם בעזעם,

געהייסן געצלען האַלטן דעם בעזעם, די ריטלעך זאָלן זיך נישט צוזאַמענלויפן, און ער האָט צווישן זיי אַריינגעגאָסן צעשמאָלצענעם וואַקס. אַז דער וואַקס האָט זיך אָפּגעקילט האָט ער אַליין איבערגענומען דעם בעזעם אין זיינע הענט און פּאַמעלעך, ווי ער וואָלט אין זיינע הענט געהאַלטן אַ גאַר איידעלע און ברעכלעכע כּלי, האָט ער דעם בעזעם אויפגעהויבן פון טיש. אויפן טיש זענען געבליבן פּאַרגליווערטע וואַקס־פּאַסן, פונקטן און פיגורן. פייטל האָט זיך איבער דעם איבערגעבויגן, געקוקט פון איין זייט און פון אַ צווייטער זייט, געזוכט אין דעם אַלעמען אַן אחיזה, און אויסשטרעקנדיק זיין האַנט האָט ער געזאָגט צו פישלען:

„איצט קום אַהער און קוק זיך איין. דו וועסט אין דעם וואַקס זען אַ פּנים. דאַרפסטו מיר זאָגן וועמען דאָס פּנים דערמאָנט דיר, נאָר קוק מיט די אויגן און נישט מיטן הינטן. וואָס זעסטו און וועמען זעסטו?"

פישל האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט פורכט און אַריבערגעבויגן דעם קאָפּ, אַרויסגעשטעקט אַ שפּיצל פון דער צונג צווישן די ליפּן, געקוקט און געזוכט, גע־שאָקלט מיטן קאָפּ. עפּעס זעט ער אַ פּנים, אַפילו צוויי: איין פּנים מיט אַ באָרד און דאָס צווייטע קען אויך זיין אַ ווייב מיט איין אויג אַ קליינס און דאָס צווייטע אַ סך גרעסער. נאָר ווער עס זענען די לייט ווייסט ער נישט.

„איז וואָס זשע זעסטו יאָ, אויב דו זעסט דאָ קיינעם נישט?" האָט פייטל געהאַט תּרעומות צו אים, „אַ טאַטע זאָל נישט זען ווער עס קוקט אויף זיין מויד! הע, היינטיקע טאַטעס. איז אפשר וועסטו דאָ זען?" האָט ער זיך געוואָנדן צו געצלען.

דער יונג האָט געקוקט. ער האָט געזען איין פּנים — אַ האַרטס, אַ שטאַרקס, מיט אַ נידעריקן שטערן און מיט צעשטעלטע אויגן — זיין אייגן פּנים. ער האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. ער האָט מורא געהאַט די ווערטער זאָלן זיך אים נישט אַרויסרייסן, אַז דאָס האָט ער געגעבן סערקעלען אַן עין הרע. ער זעט דאָס אויפן טיש, צווישן די פּאַרגליווערטע צעפלעך וואַקס.

„איז וועמען זשע זעסטו?" האָט פייטל געוואָלט וויסן.

„איך זע אַ פּנים, נאָר איך ווייס נישט וועמעס עס איז", האָט דער יונג געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„צוויי רבנים אויף צו פּסקענען שאלות", האָט פייטל זיי ביידע מבטל געמאַכט.

נאָר דער רופא האָט זיך נישט מייאש געווען און צוגעזאָגט, אַז באַלד ווי ער וועט אַהיים קומען, וועט ער אָפּשפּרעכן פון אַלע פּנימער מיט בערד און אָן בערד, מיט גרויסע אויגן און מיט קליינע אויגן, און פון אַלע שלעכטע אויגן פון אַלע שלעכטע מחשבות און בייזע צינגער.

„הערסט, לאָמיר נישט פאַרגעסן ס'רעכטע געדיכטע: ווי הייסט די מויד און ווי האָט געהייסן די מאַמע?"

דער יונג האָט געזאָגט, אַז אויס דרך ארץ פאַר דעם אַלטן פייטלען גייט ער אים באַגלייטן ביז אַהיים. נאָר אין דער אמתן האָט ער געמיינט עפּעס אַנדערש. אויפן וועג האָט ער געזאָגט צום רופא, אַז ווען ער וועט צוריקקומען וועט ער זיך נאָך אַמאָל אַריינקוקן אינעם וואַקס־פּלאָנטער אויפן טיש און ס'איז מעגלעך, אַז ווען

ער וועט לאַנג קוקן, וועט ער דערקענען וועמעס פּנים ס׳איז. איז וואָס זשע דאַרף מען טון מיט אַזאַ איינעם ?

„נישט שלאָגן אים״, האָט דער רופא געזאָגט, „נאָר ברענגען אים צום בעט פון דער מויד און ער זאָל זאָגן אַזוי צו זאָגן : טפו, טפו, טפו ! איך האָב נישט שלעכט געמיינט און נישט שלעכט געדאַכט און, וואָס מיין אויג האָט דאָ געמאַכט זאָל אויסגיין נאָר צו וויסטער נאַכט. דערנאָך זאָל ער אויסשפייען דריי מאָל״.

דער יונג האָט איינגעחזרט דעם שפּרוך, איין מאָל און נאָך אַמאָל, ער זאָל קיין וואָרט נישט פאַרגעסן. און אַז ער איז צוריקגעקומען, איז שוין פישל געשטאַנען ביים אויוון און געפּאָרעט זיך אָנצוהייצן אים. דעמאָלט איז דער יונג אַריין אין אַלקער, צוגעלאָפן צו סערקעלעס בעט און שאָקלענדיק זיך ווי ביי אַ תּפילה, האָט ער געשווינד געזאָגט :

„טפו, טפו, טפו. איך האָב נישט שלעכט געמיינט און נישט שלעכט געדאַכט און וואָס מיין אויג האָט דאָ געמאַכט זאָל אויסגיין נאָר צו דער וויסטער נאַכט״.

נאָר דריי מאָל אָפּשפּייען אין דער ריכטונג פון סערקעלען האָט אים דאָס האַרץ נישט געלאָזט. האָט ער אָפּגעוואָנדן דעם קאָפּ אָן אַ זייט און דריי מאָל אויסגעשפּיגן אויפן דיל.

קאַפּיטל אַכט

אין דעם פּאַראומערטן יידישן לובלין, וואָס צוליב די פיל בלוט־בלבולים און די צעפּערטלונגען פון יידן האָט מען מער טעג אין יאָר געפּאַסט תעניתים ווי געגעסן, האָבן אַלטע לייט נישט געדענקט עס זאָל ווען עס איז האָבן פאָרגעקומען אַזאַ חתונה ווי די פון בתיהן, דעם דאָקטאָרס, מיט דעם זון פון דעם קאָלישער פּרנס. יידן האָבן טאָקע וויל געוווסט, אַז די חתונה דאַרף פאָרקומען, וואָרום זי איז דאָך מיט וואָכן צוריק אָפּגעלייגט געוואָרן צוליב יידישע צרות, נאָר אויף אַזעלכעס האָט מען זיך גאָרנישט געריכט. לייטן האָבן געשמועסט, אַז טאָקע צוליב דער נדחה האָבן די מחותנים געוואָלט די חתונה זאָל זיין אַ שמחה פאַר אַלע יידן.

די חתונה איז באַשטימט געוואָרן אויף דעם מזלדיקן טאָג אין דער וואָך, אויף דינסטיק. אָבער שוין זונטיק איז דער הקדש געווען איבערפולט מיט קבצנים, בעטלער און אויסטערלישע קאָליקעס פון „אַלע עקן וועלט”. עס זענען געקומען מדינה־גייער פון כעלעם, פון זאַמאָשטש, פון אָפּאַטאָוו און פון ראַדאָם, און זיי האָבן פאַרכאַפּט אַלע ווינקלען, ווי אין די צייטן פון יאַרידים. וועגן דער חתונה האָבן זיך אויך דערוווסט אָרעמע מלמדים פון די דערפער אַרום לובלין און געקומען זען און טאָקע איין מאָל אָפּעסן אַ גבירישע סעודה. די פיל בעטלער אין לובלין זענען געווען אויפגעבראַכט אויף די געקומענע פון דער פרעמד, וואָרום די פרעמדע קבצנים זענען נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, נאָר באַצייטנס, ווי נאָר זיי האָבן אָפּגעלייגט זייערע טאָרבעס אין הקדש, האָבן זיי זיך געלאָזט איבער דער שטאָט און פון יעדן איינעם געריסן די פּאָלעס, ווי אַפילו אַן אָרעמער ייד אין לובלין וואָלט געווען אַ גביר.

די לובלינער קבצנים זענען פאַרלוירן געגאַנגען צווישן די פרעמדע. זיי האָבן זיך גאָר קיין עצה נישט געקענט געבן מיט זיי. זענען זיי געלאָפן פאַר די כאַפּטעס פרעמדע און גערופן: „גיט ליבערש מיר; איך בין אַ היגער”. צו אַ וויסט געשלעג־געריי איז געקומען אויף צו מאָרגנס אויפן קליינעם מאַרק. און נישט קבצנים האָבן זיך געשלאָגן, נאָר קלעזמאָרים.

דאָקטאָר אליעזר אַרטאַפּאַנוס האָט ביי דער לובלינער קאַפּעליע באַשטעלט מען זאָל ברענגען נאָך קלעזמאָרים פון דער פרעמד, עס זאָלן זיין באַזונדערע קאַ־פּעליעס פאַר דער מאַנצבילישער סעודה און פאַר דער ווייבערישער סעודה, האָבן

די לובלינער אַראָפּגעבראַכט די קאַפּעליע פון זאַמאָשטש, זי זאָל שפּילן פאַר די ווייבער.

כדי מקבל פּנים צו זיין אויפן קליינעם מאַרק דעם קאָלישער מחותן מיט דעם חתן און די געסט, וואָס האָבן געדאַרפט אָנקומען מיט וועגענער, האָבן זיך אויס־געשטעלט בײדע קאַפּעליעס. ערשט ווען די וועגענער האָבן זיך אין אַ מזלדיקער שעה באַוויזן און ווי נאָר זיי זענען אַריבער דעם טויער צו דער יידנשטאָט, איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן נאָך איין פרעמדע קאַפּעליע. די פרעמדע קלעזמערס האָבן אַרומגערינגלט דעם וואָגן, ווו עס זענען געזעסן דער מחותן מיט דער מחו־תנתטע און מיט דעם חתן אין דער מיט, און אויפגעשפּילט אַ פריילעכס.

ווען די צוויי קאַפּעליעס וואָס האָבן געוואַרט אויפן מאַרק, האָבן דערהערט פון דער ווייטנס, אַז מען שפּילט, זענען זיי געוואָרן אויסער זיך און אַנטקעגנגעלאָפן מיט די כלים די אָנקומענדיקע וועגענער. אַז זיי זענען צוגעקומען נאָענט האָבן זיי אין לויפעניש אָנגעהויבן שפּילן זייער אייגן פריילעכס אָן אַ צוזאַמענשפּיל, אָן אַ טאַקט, נאָר וואָס העכער און העכער. די קלאַרנעטן און די פלייטן האָבן געריסן די הימלען, די פּויקן האָבן פאַרדונערט די טרומייטן. האָבן די פרעמדע גענומען שפּילן נאָך העכער און אויך זיי האָבן געהאַט אַ פּויק מיט צוויי פּאַר טאַצן, און ביז יצחק דער פּרנס האָט זיך אַרומגעקוקט וואָס דאָ געשעט, זענען זיך שוין די קלעזמאָרים געוווען אַריינגעטון אין די בערד. צוזאַמען מיט די קלעפּ זענען געפלויגן אין דער לופטן די קלעזמאָרישע מיצלעך. אויפן אָרט פון אַ פריילעכס זענען שוין געווען געשרייען און געוואַלדן: „ראַטעוועט, יידן!" „גזלנים!", „רוצחים!". די באַלעבאַטים זענען אַראָפּ פון די וועגענער צו האַלטן די פערד ביי די ציימלעך, וואָרום זיי האָבן נאָך קיינמאָל אַזאַ קאַפּעליע נישט געהערט און געהויבן דערשראָקענע מיט די אויערן.

„זאָל מיר דאָ זיין שטיל!", האָט יצחק דער פּרנס אויסגעשריגן, אויפשטעלנדיק זיך אין וואָגן.

דאָס געשלעג האָט זיך אויסגעלאָשן. צוויי מנינים קלעזמאָרים מיט די אַראָפּ־געלאָזטע כלים און מיט אָפּגעדעקטע צעשויבערטע קעפּ זענען געשטאַנען צעהעשעטע, פאַרלוירענע, ווער איינגעבויגן און ווער אויסגעגלייכט און ווער איבערגעבויגן מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט פון אַ נישט אויסגענוצטן קלאַפּ, ווי דאָס געשריי פונעם פּרנס וואָלט געליימט זייערע גלידער.

„זאָל מיר דאָ זיין שטיל!" האָט יצחק פּרנס איבערגעחזרט זיין געשריי, כאָטש עס איז שוין געווען שטיל. „ס'וועט קלעקן פאַר אַלע! איר זאָלט מיר שוין דאָ אָנטון די מיצלעך. יידן זענט איר, צי חלילה?"...

די קלעזמאָרים האָבן אויפגעטייעט פון פאַרגליווערטקייט, געזוכט זייערע מיצ־לעך, פאַרריכט די קליידער, און יצחק פּרנס האָט געוואָרט. און אַז אַלע זענען שוין געשטאַנען ווייטער אים אויסצוהערן, האָט ער באַפוילן, אַז די לובלינער זאָלן צוזאַמען מיט די קאָלישער שפּילן איינס און דאָס זעלבע, אַז פריילעך זאָל זיין ביי יידן. זאָלן די לובלינער גיין פון רעכטס און די קאָלישער פון לינקס. און אַז אַזוי איז געשען

איז פון פאַרנט ווידער אויסגעוואַקסן די זאַמאַשטשער קאַפּעליע און ווי עמעצער וואָלט אַלע אונטערגעזאָגט, האָבן זיי צוזאַמען אָנגעהויבן איין פריילעכס. יצחק פּרנס האָט ברייט און יום־טובדיק געלאַכט. פון וואַנען נעמט זיך אַ דריטע קאַפּעליע? דער חתן האָט אַריינגעשמייכלט אין זיין בלאָנד בערדל און הנאה געהאַט פון זיין פאָטערס כוח.

און אַזוי האָבן דריי קאַפּעליעס באַגלייט די וועגענער מיט די מחותנים און געסט און אָנגעפּילט מיט זייער שפּילן די געסלעך פון דער יידנשטאָט. קינדער און דערוואַקסענע זענען נאָכגעגאַנגען, מאַמעס האָבן געטראָגן אויף די הענט זייערע פּיצעלעך, זיי זאָלן אין זיך איינזאַפּן אַביסל פרייד און זען, אַז ביי יידן זענען אויך דאָ שמחות.

באַגלייט פון די דריי קאַפּעליעס זענען די מחותנים מיט די געסט פאַרפאָרן אין דעם איינפאָר־הויז פון ר׳ יעקל, אַן איינפאָר־הויז ווו עס זענען איינגעשטאַנען פרעמדע פּרנסים, ווען אין לובלין זענען פאָרגעקומען די אסיפות פונעם ועד ארבע ארצות, און רייכע סוחרים צו די גרויסע יאַרידים. צום אָנפאָר פון די מחותנים מיט די געסט איז שוין דאָס גאַנצע הויז געשטאַנען אין אַ געמיש פון ריחות פון פיש, איינגעקאָכט פלייש, פון פאַסטערנאַק־צימעס און פון פריש געבעקס.

ווי נאָר ר׳ יעקל האָט דערהערט די מוזיק, איז ער מיט עטלעכע משרתים אַראָפּ צום געוועלבטן אַריינפאָר אָפּצוהיטן ס׳אָנגעלויף פון גאַס זאָל נישט אַריין אין זיינע סאַליעס צוזאַמען מיט די געסט. ביז אין דער העלפט האָט ער זיך פאַרנויגט פאַר יצחק פּרנס און געוואָרט דער קאָלישער גביר זאָל אים געבן שלום־עליכם. יצחק האָט אים בלויז געענטפערט מיט אַ ברייטן „גאָט העלף״, האַלטנדיק ביידע הענט אויפן בויך. אַן איינגעבויגענער און הכנעהדיקער האָט ר׳ יעקל געפרעגט:

„דער האַר וועט איצט עפּעס צובייסן?״

„צובייסן, צובייסן״, האָט יצחק פּרנס געענטפערט. „גרייט צו אַן אָרט פאַר דער קאָלישער קאַפּעליע; כ׳האָב זיי מיטגענומען מיט זיך.

און באַלד זענען צו די געקומענע מחותנים פאַרפאָרן אליעזר אַרטאַפּאַנוס און לאה. ר׳ יעקב איז געלאָפן אַ האַלב איינגעבויגענער פאַר זיי און נישט אויפגעהערט צו שעפּן התפעלות:

„וואָס פאַר אַ כבוד, וואָס פאַר אַ כבוד!״

דער כבוד איז אויך געווען פאַר די משפחה־געסט, וואָס זענען געקומען מיט ר׳ יצחק פּרנס. וואָרום די פיל ברידער און שוועסטער, די פעטערס און מומעס סיי פון יצחקס צד און סיי פונעם צד פון זיין ווייב, ליבע, זענען אויסגעגאַנגען צו זען דער כלהס עלטערן — דעם דאָקטאָר, די דאָקטאָרשינע! יידישע שׂררות! אַזאַ יחוס! און אָט זענען זיי טאַקע. די געקומענע ווייבער האָבן זיך מיט די אויגן צוגעכאַפּט צו לאהן און זי אויסגעטאַפּט און דורכגעקוקט אין יעדעס ווינקעלע, ווי זי וואָלט געווען פון גלאָז. אוי, זי איז דאָך נאָך אַזאַ יונגע! זע נאָר, זי זעט דאָך אַליין אויס ווי אַ כלה. זי וויגט זיך דאָך אין די לענדן ווי אַן אמתע פירשטין. יצחקס ברידער און פעטערס האָבן מיט גרויס כבוד אָפּגעגעבן אַרטאַפּאַנוסן שלום־עליכם, צוגרייטנדיק זיך פריער

דורך אַ וויש פון דער רעכטער האַנט אין מלבוש, כדי דעם דאָקטאָר נישט צו דערלאַנגען קיין פאַרשוויצטע, אָדער פייכטלעכע האַנט. ר׳ יצחקס עלטערער ברודער, אַ ייִד וואָס זיין גאַנץ פּנים איז געווען בלויז באָרד, האָט געוואָלט ווייזן זיין משפּחה, אַז ער איז צווישן אַלע דער גרעסטער ווייסער און ער האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען וועלכע גרויסע תּלמידי חכמים ביי יידן זענען אויך געווען דאָקטוירים און אַזוי אַרום אויך קרובים למלכות.

צווישן די ווייבער איז פון אָנהויב אַלץ געגאַנגען אויף שטום־לשון. זיי זענען נאָך אַלץ געווען פאַרנומען מיט אַרומקוקן און באַוואונדערן לאהן: ווי זי גייט און ווי זי שטייט און ווי אַזוי זי האָט זיך אַוועקגעזעצט גרויסשטעטיש און פּריציש. ליבע, די מחותּנתטע, האָט געזען ווי אירע קרובות האָבן אין גאַנצן אין איר פאַרגעסן און נאָר זיי קוקן אויף לאהן, ווי זי וואָלט דאָ געווען די סאַמע וויכטיקסטע. ליבע האָט געהאַט דריי פעטע גוידערס, וואָס צוזאַמען מיטן היפּשן בוזעם זענען זיי געווען פיר, האָבן זיך איר די דריי נאַקעטע גוידערס אָנגעבלאָזן און זיי זענען רויט געוואָרן, דער בוזעם האָט זיך איר אויפגעהויבן, און מיט דער ציטער־שפּילקע אויפן הויב איז זי ענלעך געוואָרן צו אַן אָנגעבלאָזענעם אינדיק.

זי איז געווען זיכער, אַז איצט זעען אַלע, אַז די וויכטיקסטע דאָ איז זי, ליבע. זי איז די מאַמע פונעם חתן. די טאָכטער פונעם דאָקטאָר וועט סך־הכּל זיין דאָס ווייב פון איר זון — משה. אַ מויד איז טאַקע נישט מער ווי אַ מויד, אַפילו ווען זי איז די טאָכטער פון אַ דאָקטאָר.

נאָר אַז קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ליבעס גוידערס האָבן זיך אָנגעבלאָזן און רויט געוואָרן און עס האָט נישט גענומען קיין עק צו אירע קרובות באַקוקן לאהן, האָט זי מיט אַ זיס קול זיך געוואָנדן צו לאהן אויף קאָלישער דייטש־מעריש:

„מעכטען זי דיזעס וויינעס, וועדער דיזעס וויינעס?״.

לאה האָט אויסגעדרייט איר שיינעם קאָפּ צו איר מחותּנתטע און אַ צאַרטן שמייכל געטון:

„פון וועדער דיזעס וויינעס און פון וועדער דיזעס וויינעס וועט זיך מיר פאַרדרייען דער קאָפּ אויף איינעם גאַנצן טאָג״.

לאה האָט עס געזאָגט אַזוי, אַז ליבע האָט אין דעם ענטפער נישט געפילט קיין צייכן פון חוזק. פאַרקערט, זי האָט אַ ביטולדיקן קוק געטון אויף אירע קרובות, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט זאָגן: „איר זעט, מיר זענען דאָ ביידע גלייך וויכטיק — מיר רעדן צווישן זיך דייטש״.

אַרטאַפּאַנוס האָט געפרעגט דעם מחותּן ווי עס איז אַדורך דער וועג און ר׳ יצחק פּרנס האָט מיט אַ הויך קול און באריכות אָנגעהויבן דערציילן וועגן די מכשולים. און דערציילט האָט ער אַזוי ווי די, וואָס זענען געקומען מיט אים וואָלטן נישט געווען דערביי און זיי האָבן זיך אויך צוגעהערט ווי זיי וואָלטן דערביי נישט געווען: אַ מייל פון שידלאָוועצ, ווען די וועגענער זענען אַריין אין וואַלד, האָט זיך אַ ראָד פון איין וואָגן צעבראָכן און די אַקס פון אַ צווייטן האָט געפּלאַצט. איז אַ בעל־עגלה

מיט איין וואָגן אָוועק קיין שידלאָוויצע ברענגען אַ ראָד, אַן אַקס און אַ שמיד. איז דערוויל צוגעפאַלן די נאַכט. ווי דער שטייגער האָבן די אַנדערע בעל־עגלהס אויסגעשפאַנט זייערע פערד און זיי געפּענטעט, זיי זאָלן זיך דערוויל פּאַשען. איידער וואָס ווען, אַזוי אַ שעה פאַר חצות, און „יענע לייט" האָבן אָנגעהויבן אַרומ־ראַיען אין וואַלד.

„איר האָט געקענט פילן בחוש, אַז אַ פּאָר שפּאַן פון אייך דרייען זיך אַרום די שדים און זיי זוכן תחבולות", האָט ר' יצחק פּרנס זיך איבערגעבויגן איבערן טיש, ווי ער וואָלט אויך דאָ בחוש דערפילט נישט־גוטע. „מילא, ס'איז דאָ אַ מנין יידן איז דאָך נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. האָבן מיר קודם געזאָגט צו די נשים זיי זאָלן אָנטון פּאַרטעכער און זען, אַז קיין האָר פון אונטער אַ הויב זאָל נישט אַרויסקוקן. מיין ברודער זעליג האָט אָפּגעזאָגט די שפּרוכן און מיר האָבן זיך אַרומ־געשטעלט אַרום דעם חתן. נאָר אַז „יענע לייט" האָבן געזען, אַז נעבן אונדז וועלן זיי קיין מזימות נישט מאַכן, האָבן זיי זיך גענומען צו די פערד. איך בין דאָך אָפּט אונטער וועגנס און מיינע אויגן האָבן דאָך שוין גענוג געזען פון ענינים, נאָר עפּעס אַזעלכעס האָב איך דאָס מאָל געזען צום ערשטן מאָל. נישט געזען און נישט געהערט ווי זיי האָבן די געפּענטעטע פערד פאַרטריבן טיף אין וואַלד. ערשט אונדזערע בעל־עגלהס הערן: די פערד הירזשען אפשר אַ מייל ווייט. ווי אַזוי „די לייט" האָבן זיי פאַרשלעפּט איז אין לשער. נישט אַנדערש זיי האָבן זיי פאַרטראָגן. וואָס וועל איך דאָ מאריך זיין? די בעל־עגלהס האָבן גענומען די סמאָלע־פאַקלען און אָוועק זוכן די פערד. עס איז לייכט צו זאָגן זוכן פערד אין אַ וואַלד. ערשט פאַרטאָג זענען זיי צוריקגעקומען און די פערד זענען געווען אויסגעמאַטערט, אַז שפּעטער האָבן זיי נישט געהאַט קיין כוח צו שלעפּן די וועגענער". ר' יצחק פּרנס האָט זיך ברייט צעלייגט, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו אַ גאַר וויכטיקן ענין און זיך פּלוצים צעלאַכט: „נאָר גיי און ווייס, אַז די לובלינער קלעזמער זענען נישט קיין קלענערע שדים. איר האָט געדאַרפט זען ווי זייערע זענען אַריין אין די בערד פון די קאַלישער קלעזמאָרים!"

און יצחק פּרנס האָט דערציילט ווי אַזוי עס זענען געקומען צו אים די קאַלישער קלעזמאָרים און זיך געשוווירן מיט חרמות, אַז אַן אַ גראַשן טרחה ווילן זיי מיטפאָרן קיין לובלין, וואָרום זיי וועלן עס נישט אויסהאַלטן, אויב זיי וועלן נישט שפּילן אויף דער חתונה פון זיין זון. האָט ער מיטגענומען די גאַנצע קאַפּעליע און דאָ ביים אַריינפאָר אין שטאָט האָבן זיי געהאַט דעם ריכטיקן קבלת פּנים פון די לובלינער.

האָט אַרטאַפּאַנוס דערציילט, אַז אויך ער האָט געבראַכט אַ קאַפּעליע פון זאַ־מאָשטש און דער עולם האָט געלאַכט. נאָר אַזוי ווי ר' יצחק פּרנס האָט שטאַרק געוואָלט, אַז אַלע זאָלן לאַכן פון זיינס אַ ווערטל, האָט ער זיך אָנגעבויגן צו אַרטאַ־פּאַנוסן און אים איינגערוימט אַ סוד, אַז אַלע זאָלן הערן:

„מען דאַרף זען, אַז וועגן דער חתונה זאָלן זיך נישט דערוויסן די קלעזמאָרים פון קראָקע, וואָרום אין דער אותו רגע קענט איר זיי דאָ האָבן, און אונדזערע און אייערע וועלן זיי אויסרייסן די בערד".

דער עולם האָט געלאַכט פון דעם איינפאַל פונעם חשובן קרוב.

אָנהויבנדיק פון דער סעודה פאַר די געקומענע מחותנים אין איינפאָרהויז פון ר׳ יעקל, זענען די שנאָרער, קבצנים, קאַליקעס און מדינה־גייער איבערגעגאַנגען אויפן אויסהאַלט פוןביידע מחותנים. אין הויף פונעם איינפאָר־הויז זענען אויס־געשטעלט געוואָרן טישן און דער גאַנצער הקדש צוזאַמען מיט די אָרטיקע קבצנים האָבן זיך אַ לאָז געטון אונטערלענען די הערצער. יעדער איינער האָט באַקומען אַ בולקע מיט אַ שטיק פלייש און אַ טעפל לאַקרעץ. דאָס זעלבע האָט אויך יעדער באַקומען אויפצומאָרגנס אין דער פרי, אין טאָג פון דער חתונה — עס זאָל זיי סטייען ביז דער סעודה נאָך דער חופה. זייט לובלין איז לובלין האָבן נאָך קבצנים נישט געגעסן אַזוי פיל פלייש אין אַ וואָכעדיקן טאָג.

כדי נישט אויפצורייסן די אויגן פון די קריסטן, איז די חתונה פאָרגעקומען נישט ביי דער כלה אין הויז, נאָר אין ר׳ יעקלס איינפאָרהויז אין דער יידנשטאָט. די כלה איז געבראַכט געוואָרן אין אַ קאַרעטע, ווי נאָר עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט. ר׳ יעקל האָט אַלץ צוגעגרייט. צוויי גרויסע קאַמערן זענען געווען אָנגעשטעלט מיט ריזיקע טעפּ פיש און פלייש, צימעסן און איינגעמאַכטסן, קופערנע בעקנס מיט פלאַדן און אַנטאַלקעס ביר, וויין און ספירט.

ווי ר׳ יעקל האָט צוגעגרייט פרייד פאַרן מאָגן, אַזוי האָבן חברה־לייט אין שטאָט צוגעגרייט עס זאָל זיין אַ פריילעכע חופה: צווישן מנחה און מעריב האָבן איבער־געטוענע בעל־עגלהס שוין געוואַרט, רייטנדיק אויף זייערע פערד, ביים אַריינפאָר אין הויף פון ר׳ יעקלען. כאָטש זומער איז געווען אויף דער וועלט, זענען אַלע געווען אָנגעטון אין איבערגעדרייטע פעלצן, אַרומגעגאַרטלט מיט לעדערנע רימענס און באַוואָפנט מיט הילצערנע שווערדן. טיפער אַ ביסל אין טויער האָט די זאַמאָש־טשער קאַפּעליע געשפּילט פאַר די אָנקומענדיקע חתונה־געסט. די קאַלישער קאַפּעליע האָט געשפּילט פאַר די מאַנצבילן אין אַ באַזונדערן זאַל, און אין דעם גרויסן זאַל, וווּ עס איז געזעסן די כלה, האָט געשפּילט די לובלינער קאַפּעליע. אָנגעפירט מיט איר האָט דער לאָמער יוסף, וואָס האָט זיך דאָ געפילט אַ שטיק מחותן. און ווי ער האָט קאָמאַנדעוועט מיט דער קאַפּעליע, וואָס און ווען זי זאָל אויפשפּילן, אַזוי האָט ער אויך קאָמאַנדעוועט מיט די ווייבער, זיי זאָלן טאַנצן און זיך פרייען, וואָרום ס׳איז די חתונה פון דער טאָכטער פון דאָקטאָר אליעזר אַרטאַפּאַנוס מיט דעם זון פון קאַלישער פּרנס, דעם גרעסטן שתדלן, דעם גרעסטן גביר און דעם גרעסטן תלמיד־חכם, וואָס זיינס גלייכן איז גאָר נישטאָ אין גאַנץ מלכות פוילן, ליטע, בעמען, רייסן, וואַלאַכיי און זאַמוט — רב יצחק. די קאַפּעליע האָט גערוישט און געקלאַפּט און געדונערט, אַז אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד און אַלע מלאכים אין הימל זאָלן הערן וואָס דאָ טוט זיך. און אַז דער עולם איז שוין געווען פריידיק צעוואַרעמט און צעטאַנצט, איז געקומען די צייט אויף אַ טרער.

ווי דער לאָמער יוסף האָט ליב געהאַט יידן זאָלן זיין צופרידן און לאַכן פון זיינע גוזמאות אויף ערנסט, אַזוי האָט ער געשעפּט נחת פון דעם, וואָס ער מאַכט ווייבנדיק ווייבער. ער, יוסף דער שניידער, וואָס אין וואָכעדיקע טעג וואָלטן אים

די רייכע ווייבער נישט אַריבערגעלאָזט די שוועל פון זייערע סאַלאָנען, האָט אויף חתונות געהאַלטן די נשמות פון די זעלבע ווייבער אין זיינע הענט און ער האָט זיי געוואָרפן צו די הימלען, אָדער אַראָפּגעשליידערט אין כף־הקלע. מיט באַהאַלטענער פרייד האָט ער געקוקט ווי זייערע פּנימער באַגיסן זיך מיט טרערן און זיי בייסן זיך אָפּ די ליפּן.

פאַרן באַדעקנס האָט דער לאַמער יוסף געגעבן אַ צייכן דער קאַפּעליע, זי זאָל נעמען אַ טרויעריקס און אים אונטערהאַלטן זיינע גראַמען מיט אַ נאָכשפּיל. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אויפן לענגערן פּוס און צוזאַמענגענעמענדיק אין זיין קול אַלע געוויינען פון דער גאַנצער וועלט, האָט ער אָנגעהויבן זינגענדיק:

אוי, כלהשי, מיין קול טו אויסהערן,
לען צו דיינע אויגן נימאַנד זאָל דיין כוונה נישט שטערן,
באַלד דאָ וועסטו צו דער חופּה טון גיין
בפני עם ועדה וועסטו נעבן דיין חתן שטיין
און וועסט ווערן זיין ווייב כדת וכדין
און דיין גאַנצע מחשבה זאָל זיין דערין.

דער לאַמער יוסף האָט געלאָזט די קאַפּעליע זאָל זיך פונאַנדערוויינען אויף די דינסטע און שטילסטע טענער און בעת ער האָט געזען, אַז די אויגן פון די ווייבער ווערן שוין באַצייטנס פייכט, איז ער אַרויס מיט אַ שלשלתדיק געוויין:

דערום, כלהשי, זאָלסטו נישט נעמען דיינע מצוות אייטל,
כדי דו זאָלסט חלילה נישט ווערן אין אַ פּאַס סמאָלע אַ קנייטל,
וואָרום ווען אַ ווייב היט נישט די מצוות, ברענט זי אין סמאָלע טויזנט יאָר און מער
און איבער איר טוט שטיין אַ מלאך־חבלה מיט אַ שער
און אַזוי ווי זי ברענט, מיטן קאָפּ אַראָפּ,
אַזוי שערט ער פון איר דאָס פאַרברענטע אַראָפּ.
זי שרייט נעבעך פון ווייטיק און רופט צו הילף די אבות
און די מלאכי חבלה מאַכן פון איר קאַטאָוועס,
וואָרום אברהם, יצחק און יעקב זיצן אין גן־עדן
און זיי קענען זיך פון זיו שכינה נישט שיידן.
די אמהות זיצן נעבן די אבות אויף די שוועלן
און טוען פון גרויס נחת קוועלן,
זיי האָבן מיט מצוות זייערע הייליקע קעפּ באַקרוינט
און דערפאַר האָט זיי ברוך הוא מיטן אייביקן גן־עדן באַלוינט.
און אַז דו, כלהשי, וועסט טון היטן די מצוות שיין,
וועסטו אין די אויגן פון דיין מאַן תמיד האָבן חן

און דיין שוים וועט טון פּרוכפּערן ווי זאַמד אויפן ברעג
און צו דיין מזל און ברכה וועט נישט נעמען קיין עק
און מלאכים וועלן דיך באַגלייטן וווּ דו וועסט גיין
ונאמר אמן.

ווי נאָך אַ רעגן שיינט אויף די זון און אויף דער ערד שימערירן נאָך די שטראַמעלעך וואַסער, אַזוי האָבן אויפגעלויכטן די ווייבערישע פּנימער, בעת אין די ווינקלען פון די נעז און אַרום די ליפּן האָבן נאָך געגלאַנצט די טרערן. די קאַפּעליע האָט צוגעהאָלפן אויסלייטערן די געמיטער. די פליטן האָבן געצאַפּלט אין געלעכטער, די פּויק איז געווען זייער ווייטער ווידערקול און די טאַצן האָבן געקלאַפּט צו מאַכן שנעלער דאָס קלאַפּן פון די הערצער. אָבער דער לאַמער יוסף איז שוין דעמאָלט געווען ביים חתן און ער איז געלאָפן דער ערשטער אַנצוזאָגן, אַז מען פירט דעם חתן צו באַדעקנס.

אַרטאַפּאַנוס פון איין זייט און פון דער צווייטער ר׳ יצחק פּרנס האָבן געפירט דעם חתן, וואָס ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער האַלט זיך קוים אויף די פיס. זיין פּנים איז געווען נאָך בלייכער פון זיינע פּיאות און איידער ער איז צוגעקומען צו דער כלה האָט ער שוין באַצייטנס געהאַלטן אויסגעצויגן די הענט. אויך בתיהס פּנים איז געווען בלייך און ווען זי האָט אויפגעהויבן צו אים די אויגן האָט זי זיך דערשראָקן פאַר זיין בלייכקייט. ער האָט איר פּנים פאַרדעקט און געמאַכט אַ טריט הינטער זיך.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פירן חתן־כלה צו דער מהרש״ל־שיל. פאָרויס איז געגאַנגען די לובלינער קאַפּעליע און געפירט נאָך זיך די רייטער. נאָך די רייטער האָט דער לאַמער יוסף געמאַכט ליצנישע שטיק און געשריגן:

קול חתן קול כלה,
אַז משיח וועט קומען וועט מען עסן חלה.
קול כלה קול חתן,
אַז משיח וועט קומען וועט מען עסן לויתן!

קוים מען האָט אים געהערט, וואָרום די לובלינער קאַפּעליע האָט זיך איבער־געריסן מיט דער זאַמאָשטשער, וואָס איז געגאַנגען באַלד הינטער דער כלה, מיט די ווייבער, און ביידע האָבן געוואָלט פאַרטויבן די קאַלישער קאַפּעליע, וואָס האָט געשפּילט פאַרן חתן. הינטערן חתן מיט די מחותנים און חשובע געסט זענען נאָכ־געריטן רייטער און מיט אויפגעפלאַנצטע הילצערנע שווערדן און סמאָלע פאַקלען האָט עס געהייסן, אַז זיי שיצן דעם חתן. באַלד נאָך די רייטער האָבן זיך נאָכגעשלעפּט די קבצנים, מדינה־גייער, קאַליקעס און דאָס גאַנצע אָרעמקייט פון דער יידנ־שטאָט.

ביי דער שיל, אַרום דער חופּה, האָבן יונגעלייט געהאַלטן פאַקלען, און הערש בונים, דער אַלטער שמש, איז אַרומגעלאָפן פונאַנדערטרייבן די יינגלעך, וואָס האָבן

זיך באַצייטנס געפּעדערט און זיך געהאַלטן ביי די חופּה־שטאַנגען, ווי אַן זיי וואָלט די חופּה, חלילה, אומגעפאַלן. ער האָט די ייִנגלעך געטריבן מיט די לעצטע כוחות, נאָר אַז דער צוג האָט זיך דערנענטערט האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און זיך אַרונטערגעשטעלט אונטער דער חופּה, ווי ער וואָלט געווען דער וויכטיקסטער.

און ווי די קבצנים, מדינה־גייער און קאַליקעס זענען געווען די לעצטע צו דער חופּה, אַזוי זענען זיי געלאָפן די ערשטע פון דער חופּה צו פאַרכאַפּן פּלאַץ ביי די טישן פאַר אָרעמעלייט אין הויף פון ר׳ יעקלען. זיי זענען געלאָפן אויף הילצערנע פיס און אויף קוליעס. זעענדיקע האָבן געשלעפּט נאָך זיך בלינדע, בלינדע האָבן זיך געשטרויכלט און געלאָפן אין איינגעהאַלטענער בהלה, לאָמע זענען אונטערגע־שפּרונגען און געמאַכט אַ קפיצת הדרך. זיי זענען אַלע צוגעפאַלן צו די נאָך ליידיקע טישן, אויסגעהונגערטע, להוטע און סאַפּענדיקע, ווי פון דעם מאַלצייט וואָלט אָפּ־געהאַנגען זייער לעבן.

רייך און פריילעך איז געווען די חתונה, נאָר ווידער איז קיין פרייד נישט געווען אין לאהס הארץ און צעטרייסלט איז געווען אליעזר אַרטאַפּאַנוס.

יצחק איז צו דער חתונה נישט געקומען, כאָטש צוויי בריוו האָט אים אַרטאַפּאַנוס געשריבן נאָך מיט וואָכן צוריק. ווי עס געשעט ערב אַ שטורעם — בעלי חי ווערן אומרויִק און זיי אַנטלויפן פון די פאַשע־פעלדער נאָך איידער עס קומען אָן די שטורעם־וואָלקנס — אַזוי זענען געווען אומרויִק שבתאי און מרים, וואָס האָבן געפילט די לייד פון זייערע עלטערן דערפאַר וואָס זייער ברודער איז נישט געקומען צו דער חתונה. שבתאי איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיין פאָטער, ווי ער וואָלט געווען אַ קליין ייִנגל. אַזוי איז מרים נישט אָפּגעטרעטן פון איר מוטער.ביידע האָבן זיך נישט אָפּגערעדט, נאָר אַזאַ איז געווען זייער אינערלעכע באַדערפעניש — עפּעס איז געשען און מען דאַרף זיך האַלטן צוזאַמען.

אַרטאַפּאַנוס און לאה זענען געווען צעריסן צווישן פרייד און צער. צי איז עפּעס געשען מיט יצחקן אין וועג? זיין וועג איז דאָך געווען אַ ווייטער, אַזש פון אַסטראַג, וואָס אין וואָלין. צי זענען רוצחים נישט באַפאַלן דעם וואָגן מיט וועלכן ער איז געפאָרן? צי איז ער, חלילה, נישט קראַנק געוואָרן אין וועג? אויף דעם עלטסטן זון, שכנאַן, האָבן זיך די עלטערן נישט געריכט, פאַדוא איז ווייט, גאָר ווייט, און ער האָט פון דאָרט נישט געקענט קומען צו דער חתונה, אָבער יצחק? ווען דאָס האַרץ האָט איר שטאַרק געקלעמט, האָט לאה ווי אַ פרוי, געטראַכט, אַז נישט קיין אויסטערלישס איז געשען מיט איר זון, נאָר אפשר בכיוון איז ער נישט געקומען, ווייל ער האָט נאָך אין דעם בעקערס מויד נישט פאַרגעסן. ווען אַזוי זאָל עס זיין און נישט קיין אויסטערלישס — זאָל ער געבענטשט זיין, כאָטש טרויעריק איז איר אויפן האַרץ, וואָס ווען זי גיט אויס איר ערשטע טאָכטער זענען אירע צוויי זין נישטאָ אויף איר חתונה.

אָבער נאָך עמעצער אין לובלין איז געווען פאַרקלעמט פון צער צוליב דעם וואָס יצחק איז נישט געקומען צו דער חתונה פון זיין שוועסטער.

בעת דעם חופּה־צוג צו דער מהרש״ל־שיל און צוריק, האָט סערקעלע פון צווישן

די נייגעריקע אַרויסגעזוכט איר יצחקן. זי האָט געזען אַלע, זיין פֿאָטער, זיין מוטער, די כּלה און איר שוועסטער און דעם ברודער — אַלע זענען איר געווען נאָענט, נאָר איר נאָענטסטן האָט זי נישט געזען. זי האָט אים געזוכט אין די אויגן פֿון אַלע יונגעלייט און אים נישט געפֿונען. צוריק פֿון דער חופּה איז זי מיטגעריסן געוואָרן מיטן לויפֿן פֿון די קבצנים, מדינה־גייער און קאַליקעס. נאָר אין הויף פֿון איינפֿאָרהויז איז זי נישט אַרייַן. זי איז געבליבן שטיין ביים טויער און געוואַרט ביז די כּלה מיטן חתן וועלן צוריקקומען און זי וועט אַלץ זען פֿון דער נאָענט. אפשר האָט זי אים פֿאַרמיטן צווישן אַזוי פֿיל מענטשן? זי האָט אַלע געזען פֿון דער נאָענט — איר יצחק איז נישט געווען. גאָרנישט מער האָט איר געקימערט, נישט די יום־טובדיקע קליידער פֿון די ווייבער, נישט די מוזיק פֿון די קאַפּעליעס. זי האָט זיך אָפּגעטיילט פֿון די נייגעריקע ביים טויער און צוריק אַוועק אין דער פֿינצטערניש — אַהיים.

זייט יענעם טאָג פֿון דער וואָך נאָך שבֿועות האָט סערקעלע אויפֿגעהערט רעדן און פֿאַרבליבן מאַרקאָטנע ווי זי איז געווען בעת זי האָט געוויינט אָן טרערן. עס האָבן נישט געהאָלפֿן געצלס אָפּבלאָזן איר פּונעם גוט־אויג און עס האָבן נישט געהאָלפֿן פֿייטלס אָפּשפּרעכענישן, גאָרנישט איז איר אָנגעגאַנגען. איר לעבעדיק פּנים איז געוואָרן ווי אַ וואַנט, וואָס האָט נישט דורכגעלאָזט צו איר, נישט די ווערטער פֿון איר פֿאָטער און נישט דאָס רחמנותדיקע בעטן זיך פּונעם יונג. זי האָט געשוויגן. אויס געוווינהייט פֿון יאָרן איז זי יעדן טאָג צוגעגאַנגען צו דער קיך אָפּצוקאָכן עסן, נאָר אָפֿט פֿלעגט זי אַפֿילו פֿאַרגעסן אין דעם און דאָס עסן איז פֿאַרברענט געוואָרן. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט זי צוגיין צום קאַסטן, אַרויסנעמען איר שבתדיקע קלייד, אָנקוקן עס פֿון דער און פֿון יענער זייט און צוריק עס אַרייַנלייגן. גאָרנישט האָט געענדערט איר פֿאַרשטייפֿט, מאַרקאָטנע פּנים.

פֿייטל דער רופֿא האָט געזאָגט, אַז דער מויד איז גאָרנישט, נאָר זי איז פֿאַרזעסן. דעריבער דאַרף מען זי חתונה מאַכן און זי וועט אויפֿטייען.

„אַ יידענע דאַרף זיך אויסשרייען", האָט ער געגעבן פֿישלען צו פֿאַרשטיין, „נאָר אַז זי האָט נישט חתונה, אויף וועמען וועט זי שרייען? אויף אַ טאַטן וועט זי שרייען? שווייגט זי. שטעל אַ חופּה און זי וועט אָנהייבן שרייען אויפֿן מאַן".

געצל איז גרייט געווען, וואָרום ער איז אויסגעגאַנגען נאָך איר. און איר שווייגן האָט געשניטן פֿון אים שטיקער. אָבער פֿישל האָט אַלץ דערציילט דעם גבאי און ס'איז ביי אים געוואָרן אַ שאלה. האָט דער רבֿ געהייסן ברענגען צו אים די כּלה. דער רבֿ האָט גערעדט צו איר, געפּרוּווט מיט גוטן און מיט בייזן, געוואָלט אַרויס־באַקומען כאָטש איין תּשובֿה. זיינע ווערטער זענען צו איר נישט דערגאַנגען. זי האָט נישט געענטפֿערט. האָט דער רבֿ געמאַכט דעם לעצטן נסיון און איר דערלאַנגט אַ הייליק ספֿר און געזאָגט צו איר:

„נעם דאָס הייליקע ספֿר און טו עס אַ קוש און דו וועסט געהאָלפֿן ווערן".

סערקעלע האָט נישט געהערט זיינע ווערטער. איר פּנים איז געבליבן אַ פֿאַר־מאַכטע וואַנט, און אַפֿילו אירע פֿינגער האָבן נישט אַ ציטער געטון צום הייליקן ספֿר. האָט דער רבֿ מעיין געווען אין אַ ספֿר און געזאָגט צו פֿישלען:

„זאָלסט נישט חתונה מאַכן דיין טאָכטער כל זמן זי וועט נישט צוריקקומען צום שׂכל. זי איז נישט שלמה בדעתה. דער דין זאָגט: ,האשה מתקדשת אלא לרצונה׳ און זי ווייסט נעבעך נישט וואָס מיט איר טוט זיך״.

פישל האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען פון דעם דין. ער האָט בלויז פאַרשטאַנען, אַז ער און סערקעלע זענען אומגליקלעך.

קאַפּיטל נײַן

יצחק איז אױפֿגעװאַקסן פֿון דער הײם אַ באַװאָרנטער מיט בריװן פֿון זײַן מיוחס־דיקן פֿאָטער צו די רבנים, פּרנסים, תּלמידי חכמים און חשובֿים פֿון לעמבערג און פֿון פּשעמישל, פֿון יאַראָסלאַװ און זלאָטשאָװ, פֿון קרעמעניץ און בראָד — צו די אַלע װאָס פֿלעגן קומען קײן לובלין צו די סעסיעס פֿון דעם ועד ארבע ארצות און אַרטאַפּאַנוס האָט זײ גוט געקענט.

אומעטום האָבן די חשובֿע לײַט אױפֿגענומען מיט כּבֿוד דעם זון פֿון דעם לובלינער דאָקטאָר, אים מכניס־אורח געװען און געװאָלט ער זאָל בלײַבן אין די ישיבֿות פֿון זײערע שטעט. דעם ערשטן זמן האָט ער געלערנט אין יאַראָסלאַװ. ר׳ יקותיאל, דער פּרנס, האָט אים געהאַלטן װי אַן אײגן קינד. אָפּגעגעבן אים אַ באַזונדער חדר און אין די פֿרײַע שעהן געשמועסט מיט אים תּורה. ר׳ יקותיאל איז געװען פֿון די רײַכסטע ייִדן אין דער שטאָט. דאָך, פֿון זײַן רײַכקײט, האָט ער נהנה געװען בלויז דערמיט, װאָס ער איז שטענדיק געװען אָנגעטאָן ציכטיק און געטאָן ייִדן טובֿות. ער האָט געהאַט עטלעכע זין און עטלעכע טעכטער. װי די זין זענען געװען דעם טאַטנס, אַזױ זענען די טעכטער געװען דער מאַמעס. די זין, אַלע דערװאַקסענע, זענען געװען שמאָל װי זײער פֿאָטער און באַזאַכטע װי זײער פֿאָטער און גערעדט שטיל, װי ער. די טעכטער זענען געװען צעװאַקסענע, פֿײַערדיקע און טומלדיקע, מיט הױכע למדנישע שטערנס, װי זײער מאַמע. נאָר בעת די מאַמע חנה האָט געקענט לערנען אַפֿילו אַ בלאַט גמרא, זענען די מײדן געװען אַרײַנגעטאָן אין עסן און פֿון די הײליקע ספֿרים האָבן זײ גאָרנישט געקענט. בײַ ר׳ יקותיאל אין שטוב איז דאָס עסן קײנמאָל נישט אַראָפּ פֿון טיש און װי די בינען אַרום זיסװאַרג, פֿלעגן די מײדן אַלע מאָל באַפֿאַלן דעם טיש, אַ כאַפּ טון אַ ביס און אַנטלױפֿן. במשך דעם גאַנצן זמן, װאָס יצחק האָט געװױנט אין הױז פֿון ר׳ יקותיאלן, האָט ער קײן מאָל נישט געזען אײנע פֿון די מײדן זאָל עפּעס נישט קײַען.

יצחק איז אָנגעקומען קײן יאַראָסלאַװ װי אין אַ גלות. דאָס געשטאַלט פֿון סערקעלען איז אים נאָכגעגאַנגען און די בענקשאַפֿט, װאָס איז פֿריער געװען אױס־געגאָסן אין אים, האָט זיך צוזאַמענגעצױגן און װי אַ האַרטע פֿױסט געדריקט דאָס האַרץ. ער האָט די בענקשאַפֿט צו סערקעלען געפֿילט װי אַ װײטיק אין האַרץ און אָפֿט אַפֿילו בײַם לערנען פֿלעגט ער זיך אָנכאַפּן בײַם האַרץ און זוכן אַ טיפֿן

אַטעם. דעמאָלט האָט ער געפילט, אַז ער איז אין לובלין און דרייט זיך נעבן דער טיר פון פישלס בעקעריי.

איין מאָל, בעת אַ שמועס מיט ר׳ יקותיאל, האָט דער פרנס זייער דיסקרעט געוואָלט פאַרשטיין דעם טעם, פאַרוואָס יצחק האָט אויסגעביטן די לובלינער ישיבה אויף דער יעראָסלאַווער. יצחק האָט געהאַט פון פאָרויס צוגעגרייט אַ תירוץ: דער פאָטער האָט געוואָלט ער זאָל באַקענען די וועלט, זען אויך אַנדערע יידן און באַקומען נסיון פאַרן לעבן. דער תירוץ האָט אים שפּעטער געהאָלפן צו אַנטלויפן פון יעראָסלאַוו.

נאָך אַ צייט וווינען ביי ר׳ יקותיאלן, האָט חנה געוואָרפן אַן אויג אויף יצחקן, אַז ער איז אַן איידל קינד און ער וואָלט איר געפּאַסט פאַר אַן איידעם. איינע פון די הייסע מיידן האָט אָנגעהויבן טראָגן יעדן טאָג דאָס שבתדיקע קלייד און זי איז געוואָרן שטילער, רויִקער. אין קעגנוואָרט פון יצחקן האָט זי נישט געכאַפּט פון טיש. חנה האָט אָנגעהויבן אַרומגיין אַרום יצחקן און איז געוואָרן נאָך צערטלעכער צו אים. נאָכן עסן פלעגט זי אים אונטערטראָגן שטיקער שטרודל און ביי דער געלעגנהייט האָט זי געלאָזט פאַלן אַ פּאָר שבחים אויף איר כלה־מויד, אַז זי איז גוט ווי אַ טויב און צו איר פרומקייט איז אין גאַנץ יעראָסלאַוו נישטאָ קיין גלייכן. כאָטש ביי ר׳ יקותיאלן אין שטוב זענען די צאָל מענער געווען גלייך צו דער צאָל ווייבער, איז דאָך דאָס גאַנצע הויז געווען אויסגעפילט מיט ווייבערשער היץ. אַפילו דער ריח אינעם הויז איז געווען אַזאַ ווי ׳דאָ וואָלטן בלויז ווייבער געוווינט. די ווייבערישע היץ האָט בלויז געשטאַרקט יצחקס בענקשאַפט צו סערקעלען. ער האָט אויף די מיידלעך נישט געקוקט, נישט גערעדט מיט זיי, כאָטש די מויד מיט דעם שבתדיקן קלייד אין דער וואָכן האָט זיך אים געשטופּט אין די אויגן. פון מאָל צו מאָל פלעגט די מאַמע חנה אונטערשיקן די מויד זי זאָל יצחקן דערלאַנגען די שטיקער שטרודל נאָכן עסן. דעמאָלט האָט ער דערפילט פאַר דער נאָז דעם ריח פון סערקעלען, וואָס ער האָט אים געטראָגן אין זיך.

איינמאָל האָט דער ראש ישיבה געפונען אַ געלעגנהייט צו זאָגן יצחקן:

„ביסט אַ וווילער יונגערמאַן. יעראָסלאַוו איז דאָך אַ שטאָט פון לומדות, פאַרוואָס זאָל אַזאַ יונגערמאַן ווי דו, נישט ווערן אַ באַלעבאָס אין יעראָסלאַוו? כ׳מיין, נעבן ר׳ יקותיאלס באַלעבאַטישקייט קען מען ווערן אַ לייט. און געהערט האָב איך, אַז דיין עלטערע טאָכטער איז, קיין עין־הרע, צו גאָט און צו לייט. דאַרפסט אַ טראַכט טון און אָנשרייבן צו דיין פאָטער".

די געלאַסענע ווערטער פונעם ראש ישיבה האָבן יצחקן אַלאַרמירט ווי אַ שׂריפה־גלאָק. ער האָט אָנגעהויבן חושד זיין, אַז דאָס האָט זיך זיין פאָטער צונויפגעשריבן מיט ר׳ יקותיאלן, כדי אים אַפילו אין די מחשבות צו דערווייטערן פון סערקעלען. און יצחק איז אין די מחשבות שוין נישט געווען קיין היגער. ער האָט באַשלאָסן אַוועקצופאָרן.

באַלד ערב סוכות, ווי נאָר עס האָט זיך געענדיקט דער זמן, האָט יצחק געזאָגט צו ר׳ יקותיאלן, אַז ער פאָרט לערנען אין דער לעמבערגער ישיבה. יעראָסלאַוו איז טאַקע אַ שיינע שטאָט, אָבער ער וויל באַקענען די גרויסע וועלט און טאַקע

אויך זען אַנדערע יידן. און כדי נישט איבערצולאָזן צייט ר' יקותיאל זאָל זיך דורכ־שרייבן מיט זיין פאָטער, האָט יצחק זיך אויפגעהויבן און גלייך אַוועקגעפאָרן קיין לעמבערג.

לעמבערג איז געווען אַ קלענערע שטאָט פון יעראָסלאַוו, אָבער לויט איר שטייגער האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז אַ כרך. אין דער לעמבערגער ישיבה האָבן געלערנט יונגעלייט פון אַ סך שטעט אין פוילן און דאָ האָבן אויך געלערנט אַ סך וואַנדערנדיקע ישיבה־בחורים, וואָס האָבן אַנגעשפּאַרט אין אונגאַרן און אין טערקיי. אָט די בחורים, מיט זייערע מעשׂיות וועגן דעם לעבן פון יידן און נישט־יידן אין יענע לענדער, האָבן אָנגעצונדן יצחקס פאַנטאַזיע צו וואַנדערן. ער האָט זיך אין דעם אַנגעכאַפּט ווי אין אַ כישוף־מיטל צו קענען דערווייטערן זיך פון זיך אַליין. וואָרום אויך דאָ האָט ער קיין רו נישט געהאָט. די בענקשאַפט צו סערקעלען פלעגט אים באַפאַלן כוואַליעסווייז, פאַרגיסן אים מיט אַ פורכטלעכער איינזאַמקייט און אָפּ־פליסן צוריק פאַמעלעך און אים איבערלאָזן ווי נאָך אַ קראַנקייט. אויב ער קען נישט צוריקפאָרן קיין לובלין, צוריק צו סערקעלען, וועט ער וואַנדערן און זיך דערווייטערן. אפשר וועט ער אַזוי אַרום זיך דערווייטערן פון זיך אַליין, פון דעם וואָס מאַטערט אים. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז מער ווי איין זמן וועט ער אין לעמבערג נישט לערנען. ער וועט אַוועק מיט די וואַנדערנדיקע ישיבה־בחורים אויף דרום. ער האָט דעם זמן אין לעמבערג נישט אויסגעהאַלטן.

אויך אין לעמבערג האָט יצחק געהאַט בריוו פון זיין פאָטער צו חשובע לייט, נאָר דאָ איז דער שטייגער געווען אַן אַנדערער און קיינער פון די פּני האָט אים נישט אַריינגענומען צו זיך אין הויז. ער האָט בלויז געגעסן ביי זיי אין די שבת־טעג.

איינגעשטאַנען איז ער אין אַ הויז פון אַן אַלמנה, וואָס דער מאַן האָט זי איבער־געלאָזט יונגערהייט מיט צוויי חדר־יינגלעך. זי האָט מפרנס געווען אירע קינדער פון דעם וואָס זי האָט איין קאַמער אָפּגעגעבן פאַר דריי ישיבה־בחורים. ווען יצחק האָט זיך אַנגעדונגען אין דער קאַמער, האָבן שוין דאָרט געוווינט צוויי ברידער ישיבה־בחורים פון אַ דאָרף נישט ווייט פון לעמבערג, און אויף שבת פלעגן זיי אַהיימפאָרן. יעדן זונטיק אין דער פרי פלעגן זיי מיטברענגען אין הויז פון דער אַלמנה אַ שטיק דאָרף — קוישן עסן אויף אַ גאַנצע וואָך. און אַלץ וואָס זיי האָבן אין די קוישן געבראַכט האָט געשמעקט מיט קי־שטאַל, מיט פרוכט, מיט איינגעזייערטס פון קעלערס. אָבער יצחק האָט אין הויז פון דער אַלמנה אַריינגעבראַכט זיין שטילע בענקשאַפט און פאַרקלעמטע מאַנצבילישקייט. עפּעס אַ טרויעריקע יום־טובדיקייט האָט אים באַגלייט. ער האָט ווינציק פאַרבראַכט אין זיין קאַמער, פרי אַוועק און שפּעט צוריקגעקומען. דאָך יעדעס מאָל ווען ער פלעגט אַריבערטרעטן די שוועל פון דעם הויז האָט ער דערפילט דעם אומעט אין די ווענט, אין באַלקן. אַפילו אין דער ציכטיקייט פון דעם הויז איז געלעגן אומעט. דער טייל פון רחמנות צו זיך אַליין, צוליב זיין בענקשאַפט, האָט זיך פאַרבונדן מיט רחמנות צו דעם הויז אָן פרייד.

ער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי עס איז געשען און ער האָט זיך אַנגעהויבן פילן שולדיק כלפּי דעם הויז פון דער אלמנה. איין מאָל ווען ער האָט זיך געגרייט אַוועק־

צוגיין צו קבלת שבת, האָט ער צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז דאָס הויז וואָס ער לאָזט איבער איז אין שבתדיקער ציכטיקייט, די צוויי חדר־ייִנגלעך זענען אויסגע־צוואָגן, אויפֿן טיש זענען אין לייכטערס אויפֿגעפּלאַנצט וואַקסענע שבת־ליכט, גרייטע אויפֿצונעמען די ברכה און תּפֿילה. אַז ער האָט פֿאַרמאַכט די טיר הינטער זיך, האָט אים פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ. אַ שבת אָן פֿרייד איז אין דעם הויז. ער וועט דעם אָוונט עסן ביי אַ רייכן טיש, אין אַ הויז ווו פֿאָטער און זין און אויך ער זענען מקדש דעם שבת, נאָך דער סעודה זינגט מען זמירות און די מענער פֿאַרהערן זיך אין תּורה. שלווה און בטחון הערשן אין דעם הויז און די שטראַלנדיקע פֿרייד קען מען אָנרירן מיט די פֿינגער. די אויפֿגערוימטע שטוב פֿון דער אַלמנה, די צוויי אויסגעצוואָגענע חדר־ייִנגלעך און די נאָך נישט אָנגעצונדענע וואַקסענע ליכט אין די לייכטער האָט ער נישט פֿאַרגעסן דעם גאַנצן אָוונט. און ווען ער איז צוריקגעקומען, איז אין הויז געווען שוין פֿינצטער און עס האָט זיך געפֿילט אַ זיסלעכער ריח פֿון פֿאַרברענטן וואַקס, ווי יום־כּיפּור אין שיל. ער האָט לאַנג נישט געקענט איינשלאָפֿן און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס ליגט ער אין דער קאַמער פֿון פֿישל דעם בעקער אין לובלין, נאָר סערקעלע איז בכלל אָן אויסגעטראַכטע, זי איז נישטאָ. און ער ווייסט נישט פֿאַרוואָס ער ליגט אין דער קאַמער מיט דעם זיסלעכן ריח פֿון די אויסגע־ברענטע וואַקסענע ליכט. אַ געפֿיל פֿון רחמנות האָט זיך צעגאָסן אין אים — אַ רחמנות צו זיין אייגענעם עלנט. ער איז געלעגן מיט אָפֿענע אויגן און דער שלאָף האָט אים נישט גענומען.

מיט אָפֿענע אויגן איז אויך געלעגן די אַלמנה. דאָס עטעמען פֿון אירע שלאָפֿנדיקע קינדער איז איר אַריין אין האַרץ ווי זיפֿצן. ווי יעדן פֿרייטיק צו נאַכט האָבן די קינדער געגעסן האַלב שלעפֿעריקע, די קאָפּטשענדיקע רויטלעכע פֿלעמעלעך פֿון די ליכט האָבן זיי נאָך מער שלעפֿעריק געמאַכט. ביידע ייִנגלעך האָבן זיך נאָך אַביסל געראַנגלט אויפֿן בעט און זיי זענען איינגעשלאָפֿן אין אָנטון. די מאַמע האָט זיי אויסגעטון און זיי צוגעדעקט, זיי זאָלן זיך, חלילה, נישט צוקילן. עס איז איר אַ רחמנות אויף די קינדער. גאָט האָט זי געשטראָפֿט זי זאָל אַזוי יונג בלייבן אַן אַלמנה און זי זאָל פֿון קיין פֿרייד אין איר לעבן נישט וויסן. אין איר גאַנץ לעבן האָט זי גאָרנישט געטון אַזעלכעס עס זאָל איר קומען אַזאַ שטראָף. אַז סך הכּל האָט זי גאָרנישט געלעבט. צו ניינצן יאָר איז זי געווען אַ מאַמע פֿון צוויי קינדער און ווען דער בכור איז קוים אַלט געווען פֿיר יאָר, איז זי געוואָרן אַן אַלמנה. ווועט זי אַזוי אָפּפֿינצטערן איר לעבן? אין איר הויז זענען תּמיד פֿאַראַן עטלעכע מאַנצלייט, יונגע בחורים, וואָס בייטן זיך אָפּט נאָך איין אָדער נאָך צוויי זמנים. פּאָר זיי איז איר הויז אַ קרעטשמע. זיי גייען אַוועק אין די פֿרימאָרגנס און קומען צוריק ביינאַכט צו שלאָפֿן. ווען זיי גייען אַוועק לאָזן זיי איבער וואַרעמע בעטן און דער גאַנצער אַלקער איז פֿול מיט מאַנצבילישן ריח. איז עס ווידער ווי אַ שטראָף פֿאַר איר, וואָרום זי גייט אַרום אין די טעג מיט איר לעכצנדיקן לייב. און נאָך שווערער זענען די נעכט — נעכט ווי זון־אָנגעגליטע פֿעלדזן, וואָס פֿאַרברענען יעדעס ביסל לופֿט און קיין דערלייזערישער רעגן קומט נישט.

זי איז יענעם פרייטיק־צו־נאַכט געלעגן אין דער פינצטער מיט אָפענע אויגן און געהערט ווי עס עפנט זיך די טיר. יצחק מאַכט זיינע שטילע פּאָר טריט צו דעם אַלקער און באַלד ווערט שטיל. עס איז איר געוואָרן אויסטערליש הייס. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אייגנטלעך, וואָלט זי דעם לובלינער יונגמאַן געדאַרפט פאַרבעטן, ער זאָל בלייבן פרייטיק־צונאַכטס אין דער היים, פאַר די קינדער וועגן. זיי, די קינדער, זאָלן וויסן פון אַ קדוש־מאַכן, פון אַ שבת־טיש. דער לובלינער בחור איז זייער אַ באַשיידענער, זעלטן זי הערט זיין שטים און ער איז אויך איידל. ער האָט וואַרעמע אויגן און אַ קינדערשן שמייכל. ער וואָלט זיכער נישט אָפּגעזאָגט ווען זי בעט אים ער זאָל בלייבן אין דער היים אויף פרייטיק־צו־נאַכט. אַ יום־טוב וועט עס זיין פאַר די קינדער. די קינדער האָבן אים ליב. אויב ער קומט אַמאָל אַהיים פריער, גייען די קינדער אַריין אין זיין קאַמער און ער דערציילט זיי מעשׂיות. די קינדער האָבן שוין עטלעכע מאָל געוואָלט איר איבערדערציילן די מעשׂיות, נאָר זי האָט קיין מאָל קיין צייט נישט צו אָזעלכע זאַכן. דער לובלינער איז זייער אַן איידעלער. ער וועט עס טון פאַר אירע קינדער און וועט בלייבן אַ פרייטיק־צו־נאַכטס אין דער היים. באַלד אין דער פרי וועט זי אים דאָס בעטן. זי האָט נישט געקענט איינשלאָפן. אין דרויסן איז ווינטער און איר איז הייס. נאָר ווען זי דעקט זיך אָפּ פילט זי אַ ברי אין די וואָרצלען פון אירע ברוסטן, ווי פון פראָסט.

דעם קומענדיקן פרייטיק־צו־נאַכטס איז יצחק געבליבן צום אָוונט־עסן אין הויז פון דער אַלמנה. איידער ער איז געקומען פון קבלת שבת האָט זי געגרייט דעם טיש מיט פייערלעכער דערוואַרטונג, ווי אַמאָליקע צייטן, נאָר מיט אַן אויסטערלישן אומבאַקאַנטן ציטער. צום ערשטן מאָל זינט יאָרן איז אויפן טיש געשטאַנען אַ קאַראַפקע מיט וויין און אַ גרויסער זילבערנער בעכער. די חלות זענען געווען געדעקט מיט אַ חלה־דעק, וואָס זי האָט אויסגענייט ווען זי איז אַ כלה געווען, און דער אויסגעהאַפטענער ,שבת קודש׳ איז געווען אַזוי רויט ווי דער וויין. די קינדער האָבן אָפּגעפּילט די ענדערונג, וואָס אין זייער מוטער, און זיי האָבן געפרעגט מיט אומגעדולד:

„ווען קומט ער?"

די מוטער האָט געלאָשן זייער אומגעדולד:

„באַכן דאַוונען וועט ער קומען?"

„וועט ער זיכער קומען?" האָבן די יינגלעך געפרעגט.

„ער איז אַן איידעלער מאַן. ער וועט קומען", האָט די מוטער געענטפערט.

די יינגלעך האָבן אָנגעשפּיצט זייערע אויערלעך און דערהערט זיין אָנקום אַ סך פריער ווי זייער מוטער.

„ער גייט!" האָבן ביידע אויסגערופן מיט איין מאָל און זיי זענען געלאָפן זיך זעצן צום טיש.

יצחק איז בייגעקומען זיין ערשטע פאַרלוירנקייט און אין זיין זינגענדיקן ,קדוש׳ האָט ער אַריינגעלייגט אַלע זיינע בענקשאַפטן און קלעמונגען, אָבער מיט שבתדיקער געהויבנקייט. די קינדער האָבן געקוקט אויף זיינע ליפּן בעת ער האָט געהאַלטן

דעם וויין־בעכער אין דער האַנט און אויסגעזונגען דעם ,קדוש׳ מיט צוגעלענטע אויגן. זיי האָבן געקוקט דאָ אויף אים און דאָ אויף דער מוטער, וואָס איז געשטאַנען פון דער צווייטער זייט טיש, און געזוכט אין איר פּנים די באַוווּנדערונג, מיט וועלכער זיי האָבן באַוווּנדערט יצחקן. נאָכן ,מקדש השבת׳, ווען ער האָט דעם וויין טועם געווען, האָט ער דערלאַנגט די ייִנגלעך זיי זאָלן טרינקען פונעם בעכער און ער האָט דעם בעכער אַוועקגעשטעלט נעבן זיך.

„די מאַמע טרינקט נישט?״ האָט געפרעגט דער ייִנגערער פון די קינדער.

ביידע, יצחק און די אַלמנה, זענען רויט געוואָרן און זיך פאַרלוירן. קוים באַ־הערשנדיק זיין האַנט האָט יצחק אויפגעהויבן דעם בעכער און אים אויסגעשטרעקט. זי האָט איר האַנט נישט געקענט באַהערשן און זי האָט איבערגענומען דעם בעכער מיט פאַרנעפּלטע אויגן און אינערלעכן ציטער. זי האָט אָפּגעטרונקען אַביסל פון דעם וויין און נישט אויפהייבנדיק די אויגן איז זי אַוועק דערלאַנגען עסן. באַלד איז די אַטמאָספער פון זיך אַליין לייכטער געוואָרן, די ייִנגלעך זענען געווען פריילעך און אין מיטן עסן דערמאַנט יצחקן אין איינער פון די מעשׂיות, וואָס ער האָט זיי דערציילט, און ער האָט צוגעזאָגט צו דערציילן זיי נאָך אַ שענערע מעשׂה. דאָס עסן האָט זיך פאַרצויגן און אין דער פריילעכקייט האָט יצחק געזאָגט, אַז נאָכן שבת־עסן דאַרף מען זינגען. ער האָט אָנגעהויבן זינגען זמירות מיט אַ ניגון, וואָס די ייִנגלעך האָבן געהערט צום ערשטן מאָל און נישט קענענדיק מיטזינגען זענען זיי שלעפעריק געוואָרן און עס האָט זיי געצויגן צום בעט. אַ ווייל האָבן זיי זיך געראַנגלט און ווען יצחק האָט אָנגעהויבן בענטשן נאָכן עסן, זענען שוין די קינדער אַנטשלאָפן געוואָרן.

אין דער קאַמער איז געוואָרן שטיל. יצחק האָט געהערט נאָר זיין אייגן מורמלען דאָס בענטשן. אַנטקעגן אים איז געזעסן די אַלמנה און זיך צוגעהערט. פּלוצים האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן זייערע בליקן. אירע אויגן זענען געווען מילד און פולע מיט דאַנקבאַרקייט. אַ ווייבלעכער רייץ האָט אַ פּלייץ געטון צו אים און אויף אַ רגע האָט ער פאַרגעסן ווו ער האַלט. אין פאַרלעגנהייט האָט ער אַ שמייכל געטון און זי האָט אויף דעם שמייכל געענטפערט. אַזוי זענען ביידע געבליבן זיצן, נישט אויסרעדנדיק צו זיך אַ וואָרט. זיי האָבן גערעדט צו זיך שווייגנדיק. ער האָט איר געזאָגט, אַז זי האָט אַ ליכטיק דורכזיכטיק פּנים און זי איז אַ סך ייִנגער, ווי ער האָט געמיינט. די וואָך האָט זיך אָפּגעשיילט פון איר און עס האָט זיך אַנטפּלעקט איר שבתדיקער חן. פאַרוואָס האָט ער וואָכן לאַנג פאַרבראַכט ביי פרעמדע רייכע טישן, ווען דאָ איז אים אַזוי גוט? ער איז גרייט צו זיצן אַזוי שעהן לאַנג און פון צייט־צו־צייט זיך צוזאַמענטרעפן מיט איר בליק, וואָס פילט אים אָן מיט וואַרעמקייט. און זי האָט אים שווייגנדיק געענטפערט, אַז ער איז נאָך צאַרטער און איידעלער, ווי זי האָט אים פריער געזען. ער האָט דאָך די גאַנצע שטוב אויסגעפילט מיט פרייד און די קינדער זענען איינגעשלעפערט געוואָרן פון זיין מילד געזאַנג. ער האָט זיי געגעבן גוטע חלומות. אָך, ווען זי קען אים זאָגן ווי זי איז אים דאַנקבאַר דערפאַר. זי היט זיך אויפצוהייבן די אויגן צו אים. עס דאַכט זיך איר, אַז ער קוקט אויף איר. זי האָט מיט דער האַנט אַ גלעט געטון איבער איר הויב און נישט געוווּסט ווי די האַנט

צוריק אַראָפּצולאָזן. פון דער האַנט־שווערקייט האָבן זיך איר אַביסל האָר פון אונטערן הויב אַראָפּגערוקט אויפן שטערן און איר פּנים איז געוואָרן רייצנדיקער, דער בוזעם פולער. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַרום איר נאָז האָבן זיך אָנגעקליבן זומער־שפּרענקעלעך און מיט די אַראָפּגעפאַלענע האָר אויפן שטערן האָט ער דערזען סערקעלעך. ער האָט זיך אויסגעגליכט און די שטול האָט אַ סקריפּע געטון. זייערע בליקן האָבן זיך ווידער צונויפגעטראָפן. ער זעט סערקעלעס פּנים און ער קען מער די אויגן פון איר נישט אַראָפּלאָזן. איר פּנים איז בלייך און אַלאַרמירנדיק. ער וויל איר עפּעס זאָגן, נאָר זי צוימט זיינע ליפּן מיט אַ פלאַם, וואָס טראָגט זיך פון איר צו אים איבערן טיש. עס דאַכט זיך אים, אַז דאָס פּנים פון סערקעלען טיילט זיך אָפּ פון דעם געשטאַלט אַנטקעגנאיבער און דערנענטערט זיך צו אים און ציט זיך באַלד צוריק און רופט אים, נאָר עפּעס האַלט צו זיין גוף און זיינע פיס זענען שוואַך.

איינס פון די פלעמלעך פון די וואַקסענע ליכט האָט אויסגעדרייט דאָס קעפּל אויף אַ זייט, געפאַלן אויפן ראַנד פונעם לייכטער־בעכער און אָנגעהויבן צאַנקען, זיך לעשן און צוריק אויפפלאַטערן און עס האָט געפלאַצט מיט אַ קליינעם געגרייצערטן רויך. יצחק האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט שוואַכע פיס געגאַנגען אין זיין קאַמער. ער איז געווען אויסגעפילט מיט סערקעלען, מיט בענקשאַפט, מיט לעכצעניש. ער האָט זיך אָוועקגעוואָרפן אויפן בעט אין די קליידער און געקוקט אין דער פינצטער. און אין דער פינצטערניש האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אין לובלין. אויפן באַלקן זעט ער דעם אָפּגעריבענעם פּרעסק, וואָס אין זיין קאַמער. די שטיקער פאַרבן שפּילן ווי זיי האָבן אַמאָל געשפּילט און סערקעלע איז פאַרמישט אין דעם אַלעמען. דאָ, העכער אַביסל, שוועבט זי איבער אים און ער זוכט זי צווישן דעם פליגל פון אַ מלאך און צווישן די בלויע אָפּגעשיילטע וואָלקנדלעך. זי איז נאָענט צו אים און זי קומט נישט צו אים.

די אַלמנה איז געבליבן זיצן ביים טיש אַ צעפלאַמטע און באַרוישטע. זי האָט שטאַר אַריבערגעקוקט אין אַ טונקעלן ווינקל, ווי זי וואָלט דערוואַרט עפּעס אומגעריכטס. דאָס צווייטע פלעמל פון דעם וואַקסענעם ליכט איז געפאַלן פּלוצים, דערטרונקען געוואָרן אינעם צעהיצטן לייכטער־בעכער און מיט עטלעכע אויפבליצן געראָפן רעטונג. עס איז אויסגעגאַנגען. קיינער האָט עס נישט געראַטעוועט. געדיכטע, הייסע חשכות האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. זי האָט געקוקט אין דער פינצטערניש אַריין, ווי אין אַן אָפּגרונט, און קיין צייכן פון לעבן איז פון דאָרט נישט געקומען...

באַגינען, ווי נאָר עס האָט זיך באַוויזן אַ גרויער פלעק, איז יצחק אַוועק און צוריקגעקומען ערשט שפּעט ביינאַכט, ווען עס איז ווידער פינצטער געווען אין דער שטוב פון דער אַלמנה. און זונטיק אין דער פרי איז ער אַרויס פון זיין קאַמער מיט זיין פּעקל און דער אַלמנה געזאָגט, אַז ער האָט באַקומען אַ בריוו, אַז זיין פאָטער איז נישט בקוו הבריאות און ער מוז גלייך פאָרן קיין לובלין.

ער איז אַוועק.

ער איז אַוועק קיין זלאַטשעוו. פאַרוואָס האָט ער אויסגעקליבן זלאַטשעוו, ווייל

אהין זענען געגאַנגען צוויי שליטנס מיט סוחרים און אויף די שליטנס זענען געבליבן עטלעכע ליידיקע פלעצער. יצחקן איז געווען אַלץ איינס אין וועלכער ריכטונג צו פאָרן. אַבי צו פאַרלאָזן לעמבערג און מער זיך קיין מאָל נישט צוריקקערן אין הויז פון דער אַלמנה. ווי ער האָט זיך פריטיק ביינאַכט אויף זיין געלעגער געפילט שולדיק לגבי סערקעלען — און ער וואָלט זיך אַליין געגעבן מלקות פאַר גלוסטן צו אַן אַנדער פרוי, אַזוי האָט ער זיך שפּעטער געפילט שולדיק לגבי דער אַלמנה, וואָס ער האָט זי איבערגעלאָזט אַליין ביים טיש. ווי ער האָט געפילט זיין אייגן הייס בלוט, אַזוי האָט ער פון איבער דעם טיש געפילט דעם פלאַם פון דעם יונגן ווייב, און ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַפילו קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט און אַוועק צו זיך אין דער קאַמער. ער האָט זיך פאַרענטפערט פאַר סערקעלען, אַז ער איז בייגעשטאַנען דעם נסיון, אָבער דאָס שולד־געפיל צו דער אַלמנה איז געבליבן וואַך. ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם און ער איז אַנטלאָפן.

עס איז געווען אַ פראָסטיקער טאָג. פון באַגינען האָט די ווינטערדיקע זון געגלעט מיט געלבלעכע מילדע שטראַלן. די שליטנס האָבן זיך לייכט געגליטשט איבערן פאַרהאַרטעוועטן שניי. איינגעפרעסט צווישן די ברייטע, מיט פעלצן אַנגע־בערדעוועטע און זעלבסטזיכערע סוחרים, האָט זיך יצחק געפילט ווי ער וואָלט אַנטלאָפן פון אַ שווערער און קאָשמאַרער נאַכט. די ווייסע ריזיקע פליינען און די פאַרשנייטע וועלדלעך אויפן וועג האָבן אים באַפרייט דעם אָטעם און אים געגעבן אַ געפיל ווי ער וואָלט געהאַט פליגל. די סוחרים אויף די שליטנס זענען געווען אויפ־געלייגט, אויך באַפרייטע פון דאגות. און כאָטש דער פראָסט האָט געסמאַליעט די ליפּן, ווי נאָר מען האָט זיי אַרויסגעשטעקט פון די פעלצענע קעלנער, זענען די צינגער פון די סוחרים געווען אויפגעבונדענע. זיי האָבן געקענט אַ וועלט מיט פריצים, רבנים און פרנסים און וועגן אַלע גערעדט מיט ביטול און פיינטשאַפט. אַלע זענען זיי פוילאַקעס און אַלע שינדן זיי די הויט פון די קלענערע. די פריצים שינדן די הויט פון די יידישע אַרענדאַרן, די יידישע אַרענדאַרן שינדן די הויט פונעם כלאָפּ און דער כלאָפּ וואָלט אויך געוואָלט שינדן די הויט, נאָר ער האָט נישט פון וועמען. בלייבט ער דער אָפּגעשינדענער. די רבנים און די פרנסים שינדן די הויט פון יידישע סוחרים און געמיינע לייט, די סוחרים שינדן די הויט פון די קונים, פון די געמיינע לייט. די געמיינע לייט וואָלטן אויך געוואָלט שינדן די הויט, נאָר זיי האָבן נישט פון וועמען. בלייבן זיי די אָפּגעשינדענע.

אַז דער פראָסט האָט אָנגעהויבן אַרונטערקריכן הינטער די פעלצן, האָבן די סוחרים אַרויסגענומען פלעשער ספּירט און זיך קעגנזייטיק מכבד געווען פון מויל צו מויל. זיי האָבן אָנגענומען פולע מיילער ספּירט און געלאָזט זיך אים אַדורכזייערן אין די העלדזער ביז די פּנימער זענען רויט געוואָרן און די אויגן זענען אויף אַ ווײַלע פאַרלאָפן. אַ פלאַש האָט אויך דערגרייכט צו יצחקן. ער האָט אַ זופּ געטון גלייך אין האַלדז אַריין, דער ספּירט האָט אים פאַרקלאַפּט דעם אָטעם און ער האָט זיך פונאַנדערגעהוסט.

„הייַנטיקע יונגעלייט״, האָט דער בעל עגלה זיך אויסגעדרייט צו די סוחרים,

„קיין טראָפּן ספּירט קענען זיי אין האַלדז נישט אַריינגיסן", און ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן ווי אַזוי עס איז געווען אין די צייטן ווען ער אַליין איז געווען אַ יונגער־מאַן. פון אַזעלכע טרינקערס, ווי די היינטיקע יונגעלייט, וועלן זיך ליובאָמירסקיס ברויערייען זיכער אָפּשטעלן.

פון דער ווייטנס האָבן זיך באַוויזן די סימנים פון דאָרפישע הייזער און די פערד האָבן אָנגעהויבן לויפן שנעלער. און באַלד זענען די שליטנס שטיין געבליבן נעבן אַ קרעטשמע. פאַר דער טיר זענען אַרויסגעקומען דער קרעטשמער, זיין ווייב און די קינדער און אַ הונט איז געקומען פון ערגעץ צו לויפן און ער האָט מיטגעמאַכט די שמחה, לויפנדיק אַרום די שליטנס. דער קרעטשמער, אַ באַוואָקסענער, אַן אומ־געלומפּערטער, האָט זיך טיף פאַרבויגן פאַר די געסט און געשריגן צו זיין ווייב מיט אַ וואַלדיק, גראָב קול:

„וואָס שטייסטו? דאָס פייער אין דער הרובע וועט אויסגיין!"

אין דער קרעטשמע איז געווען וואַרעם. עטלעכע הינער האָבן זיך אַרומגעדרייט אונטער די טישן און געקליבן זייער אויסקומעניש. איבער דער הרובע האָבן זיך געוואַרעמט צוויי פעטע קעץ, וואָס זיי זענען נישט אָנגעגאַנגען די געקומענע געסט און זיי האָבן ווייטער אויסגעדרימלט זייערע קעצישע חלומות. ביים אַריינגיין אין דער קרעטשמע האָבן די סוחרים מעכאַניש אַרויפגעלייגט די הענט אויפן ביישטידל און געקושט די מזוזה־באַרירטע פינגער מיט אַ געשמאַקן קנאַק מיט די ליפּן.

„עפּעס עסן, עפּעס טרינקען?" האָט זיך דער באַוואָקסענער קרעטשמער שווער געשלעפּט פון איין גאַסט צום צווייטן און נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער.

ערשט ווען די סוחרים האָבן זיך באַלעבאַטיש צעלייגט אין דער קרעטשמע און זיך גוט אויסגעוואַרעמט די פלייצעס ביי דער הרובע, האָבן זיי באַשטעלט עסן און טרינקען. און ווען די יידן זענען געזעסן ביי די נישט געהובלעוועטע טישן, פאַרטועגע אין עסן און אין פאַרטרינקען דאָס עסן מיט יי״ש, האָט דער קרעטשמער געהאַט בלויז צוויי דאגות: ווי עס שמעקט עמעצן דאָס געקעכטס און וואָס עס הערט זיך אין לעמבערג.

„די זאַטשערקע איז גענוג געזאַלצן? און וואָס הערט זיך עפּעס אין לעמבעריק?... דאָס מילצל איז באַטעמט? און וואָס הערט זיך אין לעמבעריק?... דער יי״ש איז גוט? וואָס טוט זיך ביי יידן אין לעמבעריק?"

פון דעם ווי די סוחרים האָבן געגעסן מיט פולע מיילער, אַזש זיי האָבן פאַררוקט די היטלען אויף די קעפּ, האָט זיך דער קרעטשמער געקענט בלויז אָנשטויסן, אַז דאָס עסן, וואָס זיין ווייב האָט דאָ צוגעגרייט איז גוט, נאָר וואָס עס הערט זיך אין לעמבעריק — אויף דעם האָט ער פון קיינעם קיין תשובה נישט באַקומען. יידן זענען געווען פאַרנומען.

דעם קרעטשמערס אויגן זענען געפאַלן אויף יצחקן. דאָס וואָס ער האָט זיך געפרעגט ווו מען קען וואַשן די הענט און ער איז צוריקגעקומען מיט נאַסע הענט און זיי געטריקנט ביי דער הרובע, האָט דעם קרעטשמער געגעבן צו טראַכטן, אַז עפּעס איז ער נישט פון די קאַנטן. אים האָט ער נישט געפרעגט וואָס עס הערט זיך

אין לעמבעריק, נאָר ער האָט געוואָלט וויסן צי ער איז אַ ליטוואַק, אָדער גאָר אַ רייסענער. אַז יצחק האָט אים געענטפערט, אַז ער איז אַ לובלינער, האָט דער קרעטשמער אַ מאַך געטון מיטן קאָפּ ווי אַ פערד און געזאָגט:

„כ'האָב באַלד געוווּסט".

און אַז דער קרעטשמער האָט געהערט, אַז יצחק איז אַ ישיבה־בחור, האָט ער אים דערלאַנגט אַ פולע שיסל מיט פאַרענדיקע זאַטשערקעס און איז צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל פאַרהערן די עברי פון זיינע זין. ער איז דער איינציקער ייִד מיט וויב און קינדער אין דאָרף. אַרום זענען בלויז כאַמוליעס, אַ ים פון כאַמוליעס. קענען נישט די זין קיין סך עברי, וואָלט ער וועלן דער לובלינער זאָל פאַרהערן די זין און אים זאָגן וויפל זיי קענען. די זין, וואָס דער עלטסטער פון זיי איז געווען פון אַ יאָר פערצן־פופצן, זענען געווען שעמעוודיקע און מיט פאַרדאַכטן. אויף יצחקס שאלות האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און געקוקט אויף אים פון אונטער די שטערנס, ווי יונגע קעלבלעך. נאָר אַז דער קרעטשמער האָט איינעם פון זיי אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש, זענען אַלע געוואָרן צוגעלאָזן.

„קענסט חומש מיט רש"י?" האָט יצחק געפרעגט דעם עלטסטן.

„יאָ, איך קען ‚מודה אני'" האָט דער יונג געענטפערט.

„אויך איך קען ‚מודה אני'", האָט זיך אַ צווייטער געריממט. אַ דריטער איז געוואָרן גאָר דרייסט און אָנגעהויבן אָפּמשלען די אותיות, וואָס ער קען: אַ גימל איז אַ שטעקעלע מיט אַ קעפּל און פון אונטן אַ בייטעלע. אַ הא איז אַ טישעלע מיט אַן אָפּגעהאַקט פיסעלע, אַ זין איז אַ העקעלע און אַ וו איז אַ שטעקעלע, אַ למד איז אַ הענדעלע און אַ לאַנגע פאַ איז אַ פענדעלע.

דער קרעטשמער האָט אויסגעהערט דאָס וויסן פון זיינע זין און זיין באַוואַקסן פנים האָט אויפגעשטראַלט. זיי רעדן דיבורים, זיינע קדושים. ווי האָבן זיי געכאַפּט די תורה אין דעם ים פון כאַמוליעס? ער ווייסט אַפילו נישט ווי אַזוי עס איז געקומען צו זיי. אַן אָנגעצונדענער איז דער קרעטשמער צוגעשטאַנען צו יצחקן ער זאָל בלייבן ביי אים כאָטש ביז איבער שבת און לערנען זיינע זין תורה.

„זיי וועלן כאַפּן", האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, „זיי וועלן כאַפּן, זייער זיידע פון דער מאַמעס צד איז שמש אין זשולקעוו. איר האָט געהערט וועגן דעם זשולקעווער שמש?"

יצחק האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט ניט געהערט וועגן אים. און אַז יצחק האָט געזאָגט, אַז ער קען אויך נישט בלייבן איבער שבת, איז דער קרעטשמער געוואָרן אומעטיקלעך און אויסגעפּועלט ביי יצחקן ער זאָל אים כאָטש איבערקוקן די מזוזות, אַז שדים זאָלן, חלילה, נישט האָבן קיין שליטה אויף זיין הויז, וואָס איז דאָס איינציקע ייִדישע הויז אין דאָרף.

די בעל־עגלהס האָבן אָנגעהויבן איילן די סוחרים צו די שליטנס. עס איז ווינטער, דער טאָג איז אַ קורצער און מען דאַרף באַוויזן אָנקומען קיין זלאָטשעוו צו מנחה. יצחק האָט באַוויזן איבערצוזען בלויז איין מזוזה, די ביים אַריינגאַנגס־טיר. און אַז דער קרעטשמער האָט געהערט, אַז די מזוזה איז אַ כשרע, האָט ער דעם

לובלינער אַריינגעקוקט אין די אויגן מיט אַזאַ דאַנקבאַרקייט ווי ער וואָלט אים נאָר וואָס אָנגעזאָגט אַ גוטע בשורה.

יצחק האָט זיך אַפּילו נישט פאַרגעשטעלט, אַז ער וועט אין זלאָטשעוו געפינען פאַר זיך אַ ישיבה. ס'איז אים געווען אַלץ איינס. אַזוי פיל ישיבה־בחורים וואַנדערן אַרום איבער די פּוילישע שטעט — וועט ער אויך נישט פאַרפאַלן ווערן. דער חלום פון יעדן ייִד איז זיינע זין זאָלן זיין רבנים. רבנים זענען, ווי להבדיל, פּריצים ביי קריסטן, זיי הערשן איבער די געמיינע לייט און האָבן אַ לייכט לעבן. האָבן יידן אָפּגעשפּאָרט פון זייער מויל אַבי די קינדער זאָלן לערנען. ווי נאָר יצחק איז געקומען קיין זלאָטשעוו, האָט אים אויסגעכאַפּט דער פּרנס פאַר זיינע צוויי חומש־יינגלעך, ער זאָל זיי אַריינפירן אין אַ בלאַט גמרא. ער האָט מיט זיי געלערנט יום ולילה, כדי זיך אַליין אָפּצולענקען פון זייטיקע מחשבות. צו זיין פאָטער האָט ער אַוועקגעשריבן אַן אָפּנהאַרציקן בריוו פאַר אַ פאַרענטפערונג הלמאי ער האָט אין מיטן זמן איבערגעלאָזט די ישיבה און אַוועק אין אַ קליין שטעטל:

„דו, מיין פאָטער און רבי, האָסט מיר געלערנט צו באַצווינגען אין זיך ענינים שבלב און זיי אַרונטערנעמען אונטער דער השגחה פון שׂכל. כדי צו קענען דערגרייכן אַזאַ מדרגה האָב איך געמוזט אַוועק אין גלות און אויך דאָ האָבן די ענינים שבלב נישט אויפגעהערט צו פירן מלחמה מיטן שׂכל. איך האָב די מדרגה נישט דערגרייכט. מסתמא וועגט ביי מיר איבער דאָס האַרץ דעם שׂכל און עס לאָזט זיך נישט באַצווינגען, דערום מוז איך ביידע געבן גענוג צייט אויף צו ראַנגלען זיך און וואַרטן, אַז דער שׂכל זאָל מנצח זיין דאָס האַרץ. אין לעמבערג וואָלט איך די מלחמה פאַרשפּילט. האָב איך אויסגעקליבן צו פאַרשפּילן אַ זמן אין לערנען און איך וועל איבערוואַנטערן אין זלאָטשעוו. אויך דאָ האָב איך אַ תיקון פאַר מיינע טעג. איך לערן מיט יידישע קינדער תורה און באַקען זיך מיט אַ וועלט, וואָס אין אַן אַנדער פאַל וואָלט זי געבליבן פאַר מיר פאַרהוילן".

אין זיין ענטפער־בריוו האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דעם וואָס יצחק האָט איבערגעריסן דאָס לערנען אין אַ ישיבה אין מיטן זמן. ער האָט זיך געפילט מיטשולדיק אין זיין זונס וואָגלעניש און קענענדיק זיך, האָט ער געוווּסט ווי יצחק ליידט. ער האָט בלויז געשריבן וועגן דער מלחמה, וואָס יצחק פירט מיט זיך גופא:

„גאָט איז אָפּטמאָל איינגעהאַלטן אין זיינע חסדים. אפשר איז זיין כוונה אין דעם, אַז באַשאַפנדיק דעם מענטש אין זיין געשטאַלט האָט ער דאָך פאַרמיטן פון אים די שלמות, כדי דער מענטש אַליין זאָל מיט זיינע אייגענע כוחות דערגרייכן די שלמות. אַזוי האָט ער איין מענטש געשענקט אַ סך שׂכל און ווייניק האַרץ און אַ צווייטן, פאַרקערט, אים געגעבן אַ גרויס האַרץ און ווייניקער שׂכל. ווער עס ווערט געבוירן מיט אַ סך שׂכל און מיט ווייניק האַרץ — דעם איז דאָס לעבן באַקוועמער און ער ליידט ווייניקער, דערפאַר איז ער אָבער אָרעם אַפילו ווען ער איז רייך. זיין לעבן האָט נישט קיין ניגון. דער ווידער וואָס איז באַשאַנקען געוואָרן מיט אַ גרויס האַרץ, גרעסער פון זיין שׂכל, דער איז רייך, הגם אָפט אומגליקלעך, אָדער

צען מאָל אין טאָג גליקלעך און אַזוי פיל מאָל אומגליקלעך. דורך נסיונות גלייכט אויס דער מענטש די וואָג פון שׂכל און האַרץ. ווער עס האָט זוכה געווען צו דערגרייכן די מדרגה פון גלייכוואָג צווישן האַרץ און שׂכל, דער דערנענטערט זיך צו גאָט און אַזעלכע מענטשן רופט מען אָן צדיקים. זיי האָבן דערגרייכט צו שלמות. זיי זענען ווייניק, ווייל ווייניק זענען די מענטשן, וואָס קענען ביישטיין נסיונות. מיין זון, זאָלסט קיינמאָל נישט אַנטלויפן פון נסיונות. דער וואָס אַנטלויפט פון נסיון איז געגליכן צו אַ זעלנער, וואָס אַנטלויפט פון מלחמה. דער שׂונא וועט אים נאָכיאָגן און אים געפינען אַ שוואַכערן. דערפאַר אָבער פאַרשפּילט זעלטן דער, וואָס נעמט אויף די נסיונות און ער ראַנגלט זיך מיט זיי. איך קען נישט קיין גרעסערן לוין ווי נצחון״.

קאַפּיטל צען

באַלד אויף צומאָרגנס נאָך דער חתונה פון בתיהן איז לאה צוגעשטאַנען, אַרטאַפּאַנוס זאָל פאָרן קיין אַסטראַג, כּדי צו זען וואָס עס איז מיט זייער זון. זי האָט געהאַט אַ שלעכטן חלום: יצחק איז קראַנק. אין חלום האָט ער גערופן צו איר, זי זאָל אים העלפן. ער האָט אויסגעשטרעקט צו איר די הענט און זי איז געלאָפן אים העלפן. צו זיין בעט איז געווען זייער ווייט, כאָטש יצחקן האָט זי געזען אַזוי נאָענט ווי מיט דער האַנט צו דערגרייכן. פּלוצים זענען פון ערגעץ אַרויס שלעכטע לייט און זי געשלאָגן מיט שטעקנס. זי האָט גערופן נאָך הילף און קיינער איז איר צו הילף נישט געקומען. זי איז געבליבן ליגן אַ פאַרבלוטיקטע און זי האָט געהערט דאָס רופן פון יצחקן. ער האָט געשריגן אַזוי הויך, אַז פון זיין געשריי האָט זי זיך אויפגעכאַפּט.

אַרטאַפּאַנוס האָט דעם חלום אָפּגעפּטרט מיט „ווייבערישע חלומות". מסתמא איז דער חלום געקומען פון דעם צו פעטן עסן, וואָס ר׳ יעקל האָט דערלאַנגט בעת דער סעודה, און דערצו נאָך האָט יצחק נישט מודיע געווען פאַרוואָס ער איז צו דער חתונה נישט געקומען. דאָס איז דער גאַנצער חלום. דאָך ער אַליין, אַרטאַפּאַנוס, איז נישט געבליבן אַזוי רויִק, ווי ער האָט געוואָלט באַרויִקן לאהן. ער האָט געגלויבט אין דעם כּוח פון מענטש אָפּצופילן געשעענישן און מחשבות אויף ווייטע מרחקים און אויך איבערצוטראָגן מחשבות אויף אַנדערע. ווי אַ שאַרף אויג זעט אַ פלאַם פון ווייטע מרחקים, אַזוי נעמט אויף אַ פילבאַרער מענטש מחשבות פון ווייטע מרחקים. וואָס טיפער עס איז דעם מענטשנס טראַכטן, אַלץ מער איז די מחשבה אָנגעלאָדן מיט כּוח און זי שוועבט איבער דער וועלט. זי שלאָגט זיך אָפּ אין יעדן פילבאַרן מענטש, נאָר נישט תמיד פאַרשטייען מיר איר באַדייט. אָבער עס טרעפט אַ שטאַרקע מחשבה פאַלט אַריין אין עמעצנס האַרץ מיט אַזאַ כּוח, אַז זי רייסט אויף אין אים מיט דעם זעלבן כּוח, מיט וועלכן זי איז געבוירן געוואָרן. דאָס איז וואָס אַ מענטש מיינט ווען ער זאָגט: „דאָס האַרץ זאָגט מיר".

אויך לאה האָט געזאָגט:

„דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז מיט יצחקן איז עפּעס געשען. ער איז קראַנק. ער איז אין סכּנה. מיין חלום איז נישט געווען סתּם קיין חלום".

לאה איז געווען גערעכט. דער שליח וואָס אַרטאַפּאַנוס האָט אַרויסגעשיקט קיין אַסטראַג מיט אַ בריוו, איז צוריקגעקומען מיט נישט קיין גוטע בשורות: יצחק

איז קראַנק. זיין לעבן איז נישט מער אין סכנה, אָבער ער קען נאָך נישט אַרומגיין. דער שליח האָט דערציילט, אַז כלאָפּעס האָבן אים צעשלאָגן מיט צעפּעס און דרענגער, נאָר ווי אַזוי דאָס איז געשען האָט ער, דער שליח, אַליין נישט געוווּסט. דעמאָלט האָט אַרטאַפּאַנוס אַליין אָוועקגעאײַלט קיין אָסטראָג.

ביים אַרענדאַר און מוכס ר׳ פּנחס איז יצחק געווען „די רעכטע האַנט״. ער האָט געלערנט זיינע זין — די יינגערע חומש מיט רש״י און די עלטערע גמרא — און געפירט די חשבונות פון זיינע געשעפטן, וואָרום אויסער וואָס ר׳ פּנחס האָט געהאַלטן אין אַרענדע צוויי ברויערייען האָט ער אויך איינגעמאָנט שטייערן פון די דערפער, וואָס האָבן געהערט צו גראַף פּאָטאָצקי.

אין יענעם יאָר איז געווען אַן אומגערעטעניש. די פעלדער פון אוקראַינע און וואָלין און פּאָדאָליע זענען אויפגעגאַנגען מיט ליידיקע זאַנגען. דאָס ביסל וואָס האָט געצייטיקט האָבן די כלאָפּעס באַהאַלטן, כדי ווינטער נישט אויסצוגיין פון הונגער. האָבן די פּריצים באַפוילן זייערע עקאָנאָמען צו שמייסן די כלאָפּעס און מיט כוח אַרויסנעמען ביי זיי די באַהאַלטענע תבואות. פון די יידישע אַרענדאַרן און מוכסים האָבן די פּריצים געמאָנט זיי זאָלן האַלטן די אָפּמאַכן — איינמאָנען די שטייערן, אָדער באַצאָלן פון זייער אייגן געלט. די כלאָפּעס, אָנגעשראָקן פון דער אומגערעטעניש און באַליידיקט פון די שמיץ, האָבן זייער צאָרן אויסגעלאָזט צו די יידישע אַרענדאַרן. זיי האָבן נישט פון וואָס צו צאָלן און ווילן נישט צאָלן! דעמאָלט האָבן די אַרענדאַרן געהייסן שליסן די צערקווע אין די דערפער און זיי נישט עפענען אַזוי לאַנג, ביז אַלע אין דאָרף וועלן נישט האָבן איינגעצאָלט די שטייערן. נאָך מער ווי קעגן די פּוילישע פּאַנעס האָבן די כלאָפּעס געברענט קעגן די יידן.

די פּריצים קומען אַמאָל מיט אַ באַוואָפנטער אָפּטיילונג זעלנער, אויף אָנצוואָרפן אַ שרעק, זיי שמייסן דעם און יענעם, נעמען צו עמעצנס אַ טאָכטער אויף אַ נאַכט און נאָך אַ וואָך פאַרלאָזן זיי דאָס דאָרף. אָבער דער יידישער אַרענדאַר קומט אין דאָרף דריי מאָל אַ וואָך און ער מאָנט, מאָנט און מאָנט. ווער עס וויל טויפן זיין קינד מוז אָנקומען צום ייד, ער זאָל געבן דעם שליסל פון דער צערקווע. און ער גיט נישט דעם שליסל אויב מען באַצאָלט נישט דעם שטייער און נאָך מתנות דאַרף מען אים געבן. דער אומגלויביקער ייד הערשט איבער דעם פּראַוואָסלאַוונעם כלאָפּ. און גאָט העלפט די פּוילישע פּאַנעס און די יידן, וואָרום אָט האָט ער אויך צוגענומען כ׳געדעטעניש פון די פעלדער.

דאָס ביטערניש אין די דערפער איז געווען אַזוי גרויס, אַז די יידישע אַרענדאַרן האָבן מורא געהאַט אַליין אַרויסצופאָרן אין די דערפער. און אַזוי איז געשען, אַז עטלעכע טעג פאַר דעם ווי יצחק האָט געדאַרפט פאָרן צו דער חתונה פון זיין שוועסטער, האָט ר׳ פּנחס אים מיטגענומען ווי אַ באַגלייטער. מיט דער שמירה פון דעם בעל־עגלה און מיט יצחקן וועט אים קיין שלעכטס נישט געשען. ער, ר׳ פּנחס, קען גוט די כלאָפּעס; זיי זענען דערשלאָגן און דערצו אויך פּחדנים. אויף איינעם קענען זיי אָנפאַלן און אים צעשלאָגן און שפּעטער זיך פאַרטיידיקן, אַז זיי וויסן פון גאָרנישט. אָבער מיט נאָך צוויי זייערע וועלן זיי מורא האָבן פאַר עדות. ווען

דער פריץ קומט אויף אַ וואָך צו באַשטראָפן זיין דאָרף, וועלן עטלעכע כלאָפּעס נאָך דעם אָפּקרענקען אַ גאַנצן ווינטער.

ר׳ פּנחס מיט זיינע צוויי באַגלייטער זענען אַפילו צום ערשטן דאָרף נישט דערפאָרן, ווי פון אַ וואַלדיקער באַהעלטעניש זענען אַרויס אַ צוואַנציק כלאָפּעס באַוואָפנט מיט צעפּעס און פלעקענער. און נאָך איידער דער בעל־עגלה האָט באַוויזן אויסצוקערעווען דעם וואָגן און צו אַנטלויפן אויף צוריק, זענען די צעפּעס און פלעקענער געפלויגן איבער די יידישע קעפּ. און אויפגעהערט שלאָגן האָבן די כלאָפּעס ערשט דעמאָלט, ווען די באַפאַלענע האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין צייכן פון ווידערשטאַנד.

דאָס פערד האָט אַליין צוריקגעקערט צו זיין שטאַל אין שטאָט מיט די דריי צעמזיקטע. דער בעל־עגלה איז נאָך דעם זעלבן טאָג געשטאָרבן פון די קלעפּ; ר׳ פּנחס און יצחק זענען צוויי טעג געווען אין הינערפּלעט. זיי זענען אַרויס פון סכנה, אָבער זייערע צעבראָכענע ריפּן און די צעהאַקטע קעפּ היילן זיך פּאַמעלעך.

יצחק האָט זיך געפילט שולדיק פאַר זיין פאָטער. זיין קומען האָט אים פאַרשאַפט אי פרייד אי צער. ענלעך צו אַרטאַפּאַנוסן, האָט אויך יצחק נישט פאַרטראָגן נאָענטע זאַלן אים זען אין אומבאַהאָלפנקייט. און ער איז געלעגן אומבאַהאָלפן. יעדע באַוועגונג האָט אים פאַרשאַפט ווייטיק און ער האָט דעם ווייטיק באַהאַלטן. זיין קול איז געווען שוואַך, ווי פון אַ קראַנק קינד. דאָך האָט ער זיך אויסגעפרעגט אויף דער מוטער, ווי עס איז געווען די חתונה פון בתיה, און וואָס מאַכט שבתאי און מרים. אַרטאַפּאַנוס האָט אים אַלץ דערציילט און יצחק איז געווען דורשטיק צו הערן וואָס מער וועגן לובלין. זאָל אים דער פאָטער דערציילן וועגן וואָס מער באַקאַנטע און פריינט. שעהן איז ער געזעסן ביי זיין בעט און דערציילט און יצחק האָט געקוקט אויף זיין שיין פּנים. צי וועט ער אויך דערמאָנען סערקעלען? ער האָט דערציילט וועגן דער ליצנות פון דעם לאָמען יוסף אויף דער חתונה און אַפילו וועגן שלמהלע דעם שטאָט־משוגענעם, וואָס האָט צווישן די אָרעמעלייט און מדינה־גייער ביים סעודה־טיש נאָך דער חופּה געבונטעוועט דאָס אָרעמקייט קעגן די רבנים און פּרנסים. נאָר סערקעלע איז פאַר אים אין לובלין נישט געווען. פאַר אַרטאַפּאַנוסן איז סערקעלע נישט געווען קיין טייל פון יצחקס היים־שטאָט.

יצחק האָט געפרעגט:

„וואָס מאַכט ברײנדל? איז נאָך איר זון אַ בעקער־יונג, אָדער ער האָט חתונה געהאַט און געוואָרן אַ בעקער פאַר־זיך?”

האָט אַרטאַפּאַנוס דערציילט, אַז ברײנדל האָט שטאַרק געליטן פון דעם וואָס בתיהס חתונה איז נישט פאָרגעקומען אין דער היים און זי האָט נישט געקענט זיין די מחותנתטע. ביי ר׳ יעקלען אין איינפאָר־הויז איז זי געווען פאַרלוירן, ווי אויף אַ פרעמדער חתונה.

„און איר זון, דער בעקער־יונג, האָט נישט חתונה געהאַט?” האָט יצחק נישט אָפּגעלאָזט.

אַרטאַפּאַנוס האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט גאָרנישט געוווּסט

וועגן דעם און אַריבער צו רעדן וועגן דעם איבערפּאַל פון די כלאָפּעס. יצחק איז געווען געקרענקט און פאַרצאַרנט. דעריבער, ווען דער פאָטער האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט דעם איבערפּאַל פון די כלאָפּעס נישט פאַרביילאָזן און אַז ער וועט פאָרן אין דעם דאָרף פון וואַנען די שלעגער זענען געקומען, האָט יצחק געזאָגט אַ רע־זיגנירטער:

„צו וואָס, פאָטער? וועט עס דען עמעצן צוריקגעבן דאָס געזונט? צי קען מען זיי שטעלן פאַר אַ משפּט, ווען איך געדענק אַפילו נישט ווי די שלעגער האָבן אויסגעזען. איבעריקנס איז אַ געפאַר פאַר אַ ייד אין אַזאַ צייט אַריינצופאָרן אין אַ דאָרף.

אויך ר' פּנחס האָט זיך דערשראָקן פאַר דער מחשבה פון אַרטאַפּאַנוסן. אין אַזאַ צייט אַריינפאָרן אין דעם דאָרף איז פאַר אַ ייד סכנת נפשות. זיי וועלן הרגענען. זיי מוזן זיך אויסקאַכן, די כלאָפּעס. דערנאָך וועט דער קריסטלעכער פאַרוואַלטער פון די דערפער אַריינפאָרן מיט באַוואָפנטע לייט און הייסן שמייסן די חוצפּהדיקע פון צווישן זיי. דעמאָלט וועלן זיי ווידער זיין געהאַרכזאַם. ער, ר' פּנחס, קען די קנעכט און זייער שטיגער. נישט איין מאָל איז שוין אַזוי געשען.

אַרטאַפּאַנוס, וואָס האָט נישט געקענט די קנעכטשאַפט און דעם רויב־שטייגער פון די פּוילישע פּריצים אין דער געגנט, האָט די וואָרענונגען פון ר' פּנחסן אָנגענומען ווי פּחדנות פון אַ צעשלאָגענעם. דער ייד איז אָנגעשראָקן. ער, אַרטאַפּאַנוס, איז נישט קיין אַרענדאַר און נישט קיין מוכס און זיין זון איז געווען אַ קרבן פון דעם צאָרן פאַרן שווערן צינדזש, וואָס ר' פּנחס נעמט פאַרן פּריץ. ער וועט אַריינפאָרן אין דאָרף צום פאַרוואַלטער און פאָדערן באַשטראָפן די שולדיקע אין איבערפּאַל.

קיין שום כוח האָט אַרטאַפּאַנוסן נישט געקענט אָפּהאַלטן. כדי אָבער זיין דערשיינען אין דאָרף זאָל אַרויסרופן דרך־ארץ און ער זאָל האָבן מעגלעכקייטן פאַר שנעלער באַוועגונג, איז ער נישט געפאָרן, ווי דער שטייגער, אויף אַ וואָגן, נאָר ער האָט זיך איינגעשפּאַנט אַ רייט־פערד מיט אַ פּריצישן זאָטל. שוין לאַנגע, לאַנגע יאָרן איז אַרטאַפּאַנוס נישט געזעסן אויפן רוקן פון אַ פערד. האָט דאָס אויפשטייגן אויפן זאָטל אים אָנגעפילט מיט יוגנטלעכן אימפּעט און די יידן אין שטעטל האָבן באַוווּנדערט זייער אייגענעם שׂררה, אַ דאָקטאָר פון לובלין, וואָס אונטער אים האָט דאָס פערד באַקומען גאָר אַן אַנדער געשטאַלט. אַן אמתער יידישער פּריץ איז געזעסן אויפן פערד, און כאָטש אַ בכבודיקער ייד, אַ תלמיד חכם, רייט נישט אויף קיין פערד, ווי ער גיט זיך נישט אָפּ מיט טויבן אָדער מיט הינט, פון דעסטוועגן איז דער לובלינער דאָקטאָר עפּעס אַנדערש... נישט אַנדערש, ער איז אַ יידישער שׂררה.

אַרטאַפּאַנוס האָט דעם וועג צום דאָרף דורכגעמאַכט אין האַלבן גאַלאָפּ מיט אַ שמאָלן טראַקט צווישן פעטע פעלדער און גרינע וועלדלעך. עס האָט געשמעקט מיט דער פייכטקייט פון ערב האַרבסט. מעלה־גירהדיקע בהמות אויף די פעלדער האָבן פאַרריסן די קעפּ צום הימל, וואָס איז געווען הויך־הויך און קלאָר. און שטיל איז געווען, אַז דאָס טשוויטשערן פון די פליענדיקע פייגל האָט ער געהערט ווי נאָך זיי וואָלט זיך געצויגן אַן אומזעבאַרע סטרונע, וואָס גיט אַרויס די קלאַנגען. קענען

מענטשן זיין שלעכט אין אַ וועלט פון אַזאַ רויִקער שטילקייט? קענען מענטשן זיין צאָרנדיקע אונטער אַזאַ הויכן און קלאָרן הימל?

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן דאָרף־וועג און געפרעגט ביי קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויפן וועג, ווו עס געפינט זיך דאָס הויז פונעם פאַרוואַלטער. די קינדער האָבן נישט פאַרשטאַנען זיין פוילישע לשון און ער האָט נישט פאַרשטאַנען זייער לשון. פון די הייזלעך האָבן אָנגעהויבן אַרויסקומען מענער מיט שיך פון שטרוי אויף זייערע פיס און באָרוועסע ווייבער. צו וועמען פרעגט דער מאַן? אויך זיי האָבן שלעכט פאַרשטאַנען פויליש. האָבן אַלע צוזאַמען אָנגעהויבן רעדן צווישן זיך, בארעטן זיך, ביז זיי האָבן באַגריפן אין וואָס דעם פרעמדן מאַן גייט. פלוצים האָט איינער געפרעגט:

„ווער זענט איר, אַ פּאַן?"

אַרטאַפּאַנוס האָט פאַרשטאַנען דעם מיין פון דער שאלה און געענטפערט:

„אַ דאָקטאָר בין איך, איך הייל קראַנקע", האָט ער צוגעלייגט די האַנט צו דער באַק און געמאַכט אַ העוויה פון ווייטיק.

די כלאָפּעס האָבן פאַרשטאַנען. אַזאַ איינער קומט נישט צו זיי. ער מיינט דעם פּריצס עקאָנאָם. די מעכטיקע און רייכע, די פּאַנעס, היילן זיך ביי דאָקטוירים. לויט אַרטאַפּאַנוסעס הלבשה האָבן זיי געזען, אַז ער איז אַ ייִד, אָבער ער איז אַ דאָקטאָר און ער רייט אויף אַ פערד. זענען די כלאָפּעס געוואָרן הכנעהדיק. און וויפל לייט עס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַרום אים, אַזוי פיל האָבן אים באַגלייט, כדי צו ווייזן אים דעם וועג צום הויף. עס זענען מיטגעגאַנגען די קינדער און אויך די הינט. דער און יענער האָט באַהאַלטענערהייט אַ טאַפּ געטון די פעל פונעם פערד, אָנגערירט דעם זאָטל — זיי האָבן אפשר דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן געזען אַ דאָקטאָר.

נאָענט צום הויז זענען די באַגלייטער נישט דערגאַנגען. זיי זענען געבליבן שטיין אַ הונדערט טריט פון דערווייטנס און נאָכגעקוקט דעם רייטער מיט נייגער. עטלעכע הינט זענען מיט אַ צערייצט געבילערייי זיך צוזאַמענגעלאָפן פון פאַרשידענע ווינקלען און מיט פחד אַרומגעבילט דאָס פערד. אין דער רגע ווי אַרטאַפּאַנוס איז אַראָפּ פון זאָטל איז פון דער טיר אַרויסגעקומען אַ מיטליעריקע פרוי מיט בלאָנדע צעפּ אַרומגעפלאָכטן אַרום איר קאָפּ. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום פרעמדן און אים אָנגעקוקט מיט דער וואַסערדיקער בלאָקייט פון אירע אויגן. פון פאַר־לעגנהייט האָט זי אויפגעהויבן אַ ברעג פון איר פאַרטעך.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך גרויסשטאָטיש פאַרנויגט פאַר דער פרוי און געפרעגט אויפן פאַרוואַלטער. זי האָט גערעדט פויליש. און אַז זי האָט געהערט, אַז דער געקומענער איז אַ דאָקטאָר און ער דאַרף צו איר מאַן, האָט זי אים אַריינגעבעטן אין הויז. אַ ריח פון געשניטן גרינס און געקאָכט פלייש האָט זיך געטראָגן פון דער שטוב. מיט אַ מעלאָדישן רוף האָט זי צוווייסן געגעבן איר מאַן, אַז אַ גאַסט איז געקומען צו אים. פון אַן אינערלעכער האַלב־פינצטערער קאַמער איז אים אַנטקעגנ־געקומען אַ מאַן פון הויכן וווקס, מיט ברייטע אַקסלען, גרויסע אַרויפגעדרייטע שטייפע וואָנסעס, ווי צוויי פאַרשפּיצטע הערנדלעך.

גלייך ווי אַרטאַפּאַנוס האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר אים און נאָך איידער ער האָט אים געזאָגט צוליב וואָס ער איז געקומען, האָט דער מאַן רייבנדיק די הענט געפרעגט דעם גאַסט, צי ער איז הונגעריק פון וועג און אויפן פוילישן שטייגער צוגעגעבן: „מיט וואָס די שטוב איז רייך מיט דעם איז זי גרייט״. אַרטאַפּאַנוס האָט אים געדאַנקט. ער וויל אים נישט פאַרנעמען צופיל צייט. האָט זיך דער עקאָנאָם ברייט פונאַנדערגעלאַכט: „צייט! דאָ האָט דער מענטש אַ סך צייט. איין ליידיקער טאָג גיסט זיך אַריין אין אַ צווייטן ליידיקן טאָג״.

ברעניצקי — אַזוי האָט געהייסן דער עקאָנאָם — האָט אַריינגעבעטן אַרטאַ־פּאַנוסן אין אַ געראַמער קאַמער, וואָס איז געווען באַהאָנגען מיט בילדער פון הייליקע. אַרטאַפּאַנוס האָט אים דערציילט צוליב וואָס ער איז געקומען. ברעניצקי האָט אויס־געהערט, מיט ביידע הענט אַ דריי געטון די שפּיצן פון די וואָנסעס און געענטפערט סקעפּטיש:

„די כלאָפּעס האָבן האַרטע הינטנס. איר שמייסט און זיי שווייגן. הרגענען וועט איר זיי נישט הרגענען. איר הרגעט אַ בהמה האָט איר פלייש און איר האָט די פעל. איר הרגעט אַ כלאָפּ — פאַרלירט איר אַ פּאָר הענט צו דער אַרבעט און דאָס ווייב וויינט הינטער אייער פענצטער, ווי אַ צויג. קלוגעטשקע געוואָרן. ליבערשט דאַרף מען הרגענען די, וואָס בונטעווען די כלאָפּעס. נאָר זיי קענט איר נישט בענדיקן ווי איר קענט נישט כאַפּן דעם ווינט אין פעלד. די צרה איז אַ ווייטע. אַזש פון זאַפּאַראָזשע, אָבער זי האָט לאַנגע פיס און זי דערגרייכט ביז אין די קאַנטן. די היגע זענען נישט קיין שלעכטע לייט, נאָר אַז איר טרייסלט אַ בוים יעדן טאָג אַביסל וועט איר אַפילו אַ שטאַרקן בוים אַרויסרייסן מיט די וואָרצלען. דאָס איז עס״.

„וועט נישט זיין קיין שטראָף פאַר די, וואָס האָבן איין מאַן אומגעבראַכט, דעם אַרענדאַר פּנחס און מיין זון שיעור נישט דערשלאָגן צום טויט?״

ברעניצקי איז געוואָרן סענטימענטאַל:

„אויף דעם פּנחס פון אָסטראָג איז מיר אַ גרויס רחמנות. אַז ער איז קראַנק איז נישטאָ ווער עס זאָל איינמאָנען דעם צינזש פון די כלאָפּעס און דער כראַביע איז בייז. דער צווייטער איז אייער זון? נישט געהערט דערפון. איז וואָס שייך אייער זון האָט ער אומזיסט געליטן. יעדער קען ליידן אין אַזעלכע טעג. נאָר איינס זאָג איך אייך און דאָס מעגט איר וויסן: עס וועט נעמען אַ סוף צו דעם. די שליאַכטע וועט נישט דולדן דעם בונט. די זאַפּאַראָזשער העצער און מורדים וועלן פריער אָדער שפּעטער באַקומען ס׳זייעריקע. און דעמאָלט וועט דאָס אויך זיין פאַר אייער זון און פאַר פּנחסן פון אָסטראָג״.

ברעניצקי האָט זיך צעוואַרעמט אין זיינע רייד און דערציילט, אַז די לייט פון די קאַנטן האָסן די פּאַליאַקן נישט ווייניקער ווי זיי האָסן די יידן. די כלאָפּעס לעבן ווי בהמות. זיי גלויבן טאַקע אין קריסטלעכן גאָט, נאָר דאָס איז אַ העסלעכער גלויבן, זייערע צערקוועס זענען פאַרמיסטיקט. אַליין זענען זיי פויל צו דער אַרבעט און אַפילו אין יאָרן פון שפע אויף די פעלדער ווילן זיי נישט צאָלן וואָס עס קומט דער שליאַכטע. די אַרענדאַרן און מוכסים טרעטן אויס זייערע שטיוול ביז זיי באַקומען

אַרויס פון זיי אַ גראַשן. זיי זענען אַלע גנבים. זיי וואָלטן די גאַנצע תבואה צעגנבעט און שפּעטער געזאָגט ליגנט אין די אויגן: „די פעלדער האָבן נישט געצייטיקט".

אין דעם פאַרלעגענעם העק, אין אַ פרעמדער און פיינטלעכער סביבה, האָט ברינעיצקי אין אַרטאַפּאַנוסן געפונען אַן אויער צו דערציילן אים אַלץ, אַלץ וואָס דאָ טוט זיך. ער אַליין וואָלט וועלן פון דאַנען אַנטלויפן אַהין, אין גרויס־פּוילן, צי אין קליינפּוילן, צו אייגענע ברידער. נאָר אַ מענטש איז נישט דער הערשער איבער זיך. ער, ברינעיצקי, האָט אייגענעם יחוס, דאָך איז ער אַ וואַסאַל פון כראַביאַ פּאָטאָצקי און ער מוז דאָ זיצן צווישן דעם פּראַוואָסלאַוונעם מיסט. אָ, ווי ער איז מקנא זיין גאַסט, וואָס לעבט אין לובלין! צוויי מאָל אין זיין לעבן איז ער געווען אין לובלין און ער וועט די שטאָט ביז זיין טויט נישט פאַרגעסן.

פון דעם אַלץ, וואָס ברינעיצקי האָט דערציילט, איז אַרטאַפּאַנוס צוריקגעקומען קיין אָסטראָג אַ פאַרוואָלקנטער און אומרויִקער. אויף צוריקוועגס האָט ער שוין די פעלדער און דעם הימל נישט געזען אין אַזאַ שלווה ווי פריער. ווי תמיד ערב אַ שטורעם, האָט אויך דאָס מאָל אַרטאַפּאַנוס דערפילט די וואָלקנס נאָך איידער זיי האָבן אָנגעצויגן. ער איז גרייט געווען גלייך צו נעמען יצחקן אויף אַ וואָגן און אים אָוועקפירן פון דאַנען. נאָר יצחק האָט אַפילו איבערדרייענדיק זיך אין בעט געפילט ווייטיקן אין די גלידער און ער האָט נישט געקאָנט דורכמאַכן דעם לאַנגן וועג ביז לובלין.

דער קראַנקער ר׳ פּנחס האָט געהאָט תרעומות צו אַרטאַפּאַנוסן:

„וואָס איז דאָס איילעניש? דאָס אומגליק וואָס האָט געטראָפן אייער זון האָט אויך מיך געטראָפן. יצחקן פעלט ביי מיר, חלילה, פון גאָרנישט. וועט ער אַהיימפאָרן ווען ער וועט זיין אינגאַנצן געזונט. איך וועל אים, חלילה, נישט פאַרשטעלן דעם וועג. מיר זענען, געלויבט השם יתברך, פרייע מענטשן און קיינער בינדט נישט צו קיינעם צום בעט. און וואָס שייך ברינעיצקי, האָט ער נישט קיין אמונה אין גאָט. ביי די לייט, טאָמער איז עמעצער קראַנק, זאָגן זיי באַלד, אַז ער וועט שטאַרבן. עס איז אָדער טאָג, אָדער נאַכט ביי זיי. מיר האָבן שוין דאָ איבערגעלעבט קאַלט און וואַרעמס און איר זעט דאָך — הלוואי ווייטער. אלא דער איבערפאַל? איז מיר טאַקע זייער ביטער, נאָר געלויבט צו גאָט, אַבי אַרויס מיטן לעבן און די וועלט וועט ווידער זיין וועלט. דער רבונו דעלמא האָט דאָך געשוווירן, אַז ער וועט קיין צווייטן מבול אויף דער וועלט נישט ברענגען. איז צו וועמען זאָלן מיר האָפן אויב נישט צו אים?"

אַז אַרטאַפּאַנוס האָט צוריקגעקערט קיין לובלין האָט ער געפילט אַ באַדערפעניש פאַר עמעצן זיך אויסצורעדן וועגן דער נייער און סכנותדיקער וועלט וואָס ער האָט באַקענט. ער האָט געוווּסט, אַז מיט די פּרנסים פון דער שטאָט קען ער וועגן אַזוינע זאַכן נישט רעדן. ביי זיי הייבט זיך אָן מיט „אַזאַ איז דער שטייגער". אַז די מיעשטשאַנעס שטערן דעם מסחר פון יידן, מוזן יידן פאַר פּרנסה טון וואָס זיי קענען. פּרנסה איז מלחמה און אין גלות מוזן יידן פירן זייער מלחמה פאַרן אויסקומעניש. אויסער דעם זענען די פּרנסים תקיפותדיק, איינגעגלויבט אין זיך, ווי די פּוילישע

פריצים און אויפן שטייגער פון פריצים האָבן זיי נישט ליב ווען מען שטערט זיי די שלווה. אַרטאַפּאַנוס האָט דעריבער פאַרבעטן צו זיך ד״ר מאָנטאַלטאָ און אים דערציילט וועגן דער נייער וועלט, וואָס ער האָט געזען.

„עס קען זיך נישט ענדיקן גוט״, האָט ער געזאָגט שמעקנדיק די לופט, ווי ער וואָלט געפילט די סכנה. „יידישע אַרענדאַרן זאָלן האַלטן די שליסלען פון צערקוועס, ווייל די פּוילישע פּאַנעס האָבן נישט קיין אַנדערע מיטלען ווי אויסצוקוועטשן די כלאָפּעס — דאָס וועט זיך ענדיקן נישט מיט איבערפאַלן אייף יידישן אַרענדאַר. דאָס קען זיך ענדיקן שלעכט פאַר אַלע יידן. נישט די פּוילישע פירשטן און כראַביעס, וואָס האָבן פונאַנדערגעטיילט צווישן זיך די ערד אין יענע קאַנטן, וועלן דערפאַר אָפּגעבן אַ חשבון, נאָר די יידן וועט מען מאַכן פאַר שולדיקע. די פּאָטאָצקיס, די ראַדזשיווילס און די פירלעיס זיצן ווייט אין זייערע געשיצטע הויפן, אָבער די יידישע אַרענדאַרן — זיי האַלטן די מעלקערייען, די מילן, די פּראָפּינאַציעס און קרעטשמעס. די פּויערים זעען נישט דעם קאַטוילישן פּאַן, זיי זעען דעם ייד. זיי זענען פינצטערע לייט און קענען אַפילו נישט טראַכטן, אַז דער ייד נעמט פון אַלץ צינזש פאַרן פּריץ. דער קאַטוילישער פּאַן וויל איבערפירן די פּראַוואָסלאַוונע כלאָפּעס אויף זיין גלויבן און וויל זיי אָפּרייסן פון דער צערקווע — זאָל ער אַליין שליסן די צערקוועס און נעמען ביי זיי צינזש פאַר תפילות. יידן טאָרן עס נישט טון!״

ד״ר מאָנטאַלטאָ האָט מיט נייגער זיך צוגעהערט צו אַלץ וואָס אַרטאַפּאַנוס האָט דערציילט און צו זיינע טענות, און געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ גוט באַהאַוונטן מענטש:

„אַזוי גרעל זעען אויס זאַכן, וואָס מען זעט פון דער נאָענט. געדענקסטו נישט, אַז מיט צען יאָר צוריק האָט דער זאַפּאָראָגער קאָזאַק... ווי האָט ער דאָרט געהייסן... פּאַוועליוק, פּאַוועליוק... ער האָט אויפגעבונטעוועט די כלאָפּעס, ווי דו רופסט זיי, סיי קעגן די פּריצים און סיי קעגן די יידן. זיי האָבן חרוב געמאַכט סיי קאַטוילישע קירכעס און סיי שילן. זיי האָבן אויסגעהרגעט סיי פּוילישע סטאַראָסטעס, סיי יידן און סיי גלחים. אין יענע לענדער, ווען עס איז אַזאַ פּלאָנטער, וואָס נישט יִדן האָבן אים געשאַפן, קענען יידן גאָרניט טון, כדי אים אויפצוּוויקלען. צווייִ קעץ אין איין זאַק איז אויך אַ גענוגער טומל און דאָרט זענען דריי קעץ אין איין זאַק... אַז דאָרט וועט זיין מלחמה — דאָס ווייס איך פון „מיין״ שליאַכטע. אייגנטלעך נישט קיין מלחמה, נאָר די לייט וועלן דאָרט אַביסל באַרוּיִקן די פּויערים און עס וועט ווידער זיין שטיל אַ צען יאָר. עס איז אַן אַלטער, אַלטער שטייגער: אונטערדריקטע בונטעווען זיך; הערשער — באַדריקן״.

„און יִדן ווערן דערדריקט אין מיטן״, האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט ווי מאָנטאַלטאָ וואָלט דעם זאַץ נישט פאַרענדיקט.

„יידן לעבן נישט אויפן הימל, נאָר אויף דער ערד. און אויף דער ערד זענען זיי אין גלות ביי פרעמדע. קענסטו צואיילן משיחס קומען? און אַז משיח וועט קומען און ער וועט די יידן ברענגען די גאולה — צי מיינסטו, אַז יידן וועלן דעמאָלט נישט באַצאָלן מיט קרבנות?! זייט קין און הבל איז דער שטייגער פון בלוט־פאַרגיסונג ביי יעדער ענדערונג צווישן פעלקער און אין פעלקער. ווייסט, איך האָב אמאָל

געטראַכט : פאַרוואָס זענען די יידן, וואָס מען האָט זיי פאַרטריבן פון שפּאַניע, נישט אַוועק קיין ארץ־ישראל דאָרט צוריק אויפשטעלן אַ יידישע מלוכה ? דריי הונדערט טויזנט יידן !... פון זיי איז בלויז אַ צענט־חלק געבליבן לעבן... אויסגעשטאָרבן פון עפּידעמיעס... פאַרקויפט ווי שקלאַפן... דערטרונקען געוואָרן אין ים, באַרויבטע דורך פּיראַטן... פאַרוואָס איז בלויז אַ קליין הייפל מקובלים געגאַנגען קיין ארץ־ישראל ? האָסטו זיך פאַרטראַכט ? מעגלעך, דער יידישער זכרון : יידן האָבן געדענקט די פּורעניות אין זייער אייגענער מלוכה, די מלחמות צווישן די יידישע הערשער גופא און די הערשאַפט פון פרעמדע, ביי וועלכע זיי זענען געווען אין גלות אין זייער אייגן לאַנד... אפשר דערפאַר טראַכטן יידן, אַז זיי וועלן צוריקקומען קיין ארץ־ישראל ערשט דעמאָלט ווען משיח וועט קומען. דעמאָלט וועט זיך איינשטעלן אַן אַנדער שטייגער : עס וועט הערשן דער גייסט פון די נביאים און נישט דער גייסט פון אכזריותדיקע הערשער און זייער שליאַכטע... הע, נישט אינטערעסאַנט ?... פאַרוואָס זענען זיי נישט געגאַנגען קיין ארץ־ישראל ? ניין צענטל וואָס זענען אַרויס פון שפּאַניע זענען אומגעקומען. צי וואָלטן דען אַזוי פיל אומגעקומען, ווען אַלע גייען קיין ארץ־ישראל ? ניין, ניין ! מענטשן אַנטלויפן אויך פון דער סכנה וואָס אין זייער זכרון. זיי אַנטלויפן אָבער קיין מאָל נישט, קיין מאָל נישט, פון דער רעאַלער סכנה ביז זי פאַלט נישט אָן אויף זיי. עס איז אין דער טבע פון מענטשן צו זען אַלץ ליכטיק — דאָס גיט פרייד, האָפענונג און זיכערקייט, כאָטש צום סוף זענען גערעכט די, וואָס זעען אַלץ אין שוואַרץ, הבל הבלים. דאָך די, וואָס זעען שוואַרץ, האָבן מיר פיינט, ווייל אויב נישט אין דער ווירקלעכקייט, ווילן מיר לכל הפחות לעבן אין דער אילוזיע פון פרייד, האָפענונג און זיכערקייט. ווירקלעך, אָן דעם איז נישט אינטערעסאַנט. הער, אליעזר, ווען איך בין געקומען אַהער פון אַן אַנדער וועלט, פלעג איך זיך אויסלאַכן מיינע גדערעם פון די טיטלען, מיט וועלכע רבנים, פּרנסים און די גאַנצע יידישע פּני באַקרוינען זיך : רוזנים, פּירשטן, אלופים, עוקרי הרים און תלמידי חכמים, אָפּט וועגן אַזעלכע, וואָס האָבן ווייניק וואָס געקענט. שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נויטיק, און מער נישט געלאַכט. זיי האָבן צווישן זיך איינגעשטעלט מדרגות, ווי די פּוילישע שליאַכטע, כדי צו האָבן די אילוזיע, אַז אַפילו אין דעם קלעמעניש, ביי די בלוט־בלבולים, דערדריקטע פון די מיעשטשאַנעס — האָבן זיי מאַכט, פרייד, האָפענונג, בטחון. זאָל איך זיי זאָגן, אַז דאָס זענען איינרעדענישן ? צי זענען מיינע אילוזיעס נישט קיין איינרעדענישן ? איך וואָלט פאַרטריבן פון זיך יעדן וואָס וואָלט מיר געשטאַנען איבערן קאָפּ און פאָרויסגעזאָגט, אַז מיר דערוואַרט שלעכטס, פּורעניות, אַ קראַנקהאַפטע עלטער און אַ ווייטיקלעכער טויט, כאָטש דאָס אַלץ קען זיין מיר באַשערט פון הימל. קיינער וויל עס נישט הערן, ביז עס טרעפט אים נישט. איך האָב אַמאָל געהערט אַ לעגענדע. הערסט, אליעזר ? הער. זי וועט דיר צונוצקומען. אין דער לעגענדע דערציילט זיך, אַז ווען אַ קינד ווערט געבוירן, שטייט ביי דער טראַכט פון דער מוטער אַ מלאך, וואָס זאָגט פאָרויס דעם נייגעבוירענעם קינד אַלע זיינע קוועלענישן,ליידן, קראַנקייטן און אומגליקן, וואָס ער וועט האָבן אין זיין לעבן. ווי נאָר דער מלאך דערזעט דאָס קעפּל פונעם

קינד פליסטערט ער עס אַריין אין אויער דעם גאַנצן ים פון שוואַרצקייט. און דעריבער וויינט אַזוי שטאַרק דאָס קינד בעת עס גייט נאָר אַרויס אויף דער וועלט. נאָר פון דער צווייטער זייט שטייט דער מלאך פון לעבן און שרייט אַריין אינעם צווייטן אויער פונעם קינד: „פאַרגעס, פאַרגעס, פאַרגעס". קינדער, וואָס קאָנען נישט פאַרגעסן — שטאַרבן, ווייל זיי ווילן נישט גיין אין לעבן פון הבל הבלים, אָבער קינדער וואָס פאַרגעסן גלייך — זיי לעבן און האָבן פרייד אין זייער לעבן. מיינסטו נישט, אליעזר, אַז די פילאָזאָפיע איז אַ נוצלעכע?"

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון ד"ר מאַנטאַלטאַ, געלאָזט אים אויסרעדן. נאָר פון צייט צו צייט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געהערט אַ פאַלשן טאָן אין גוטער מוזיק. צום סוף האָט ער געזאָגט:

„אין תוך ביסטו גערעכט ווען דו רעדסט וועגן יחידישן לעבן. מיר האָבן אַ סך בשותפותדיקס אין אונדזערע מחשבות וועגן זאַכן. נאָר נישט וועגן דעם לעבן פון יחידים רעד איך. זיכער, אויך דאָס לעבן פון איין איינציקן מענטש איז הייליק, וואָרום יעדער מענטש איז פאַר זיך אַליין אַ וועלט. מער ווי אַ וועלט — ער איז אַ טייל פון גאָט. אָנעם מענטש איז אויך גאָט נישטאָ. דער יחיד איז אייביק דורך זיינע קינדער און דער חשבון פון ליידן און פריידן ביי יחידים ווערט אויסגעגלייכט דורך דורות. דער פאָטער איז געקוועלט געוואָרן אין אַ לעבן פון אָרעמקייט און נויט, וועט דעם זון זיין בעסער. איינער איז געבוירן געוואָרן אַ בעל־מום, גייט דאָס נישט איבער צו די קינדער; די קינדער וועלן זיין געזונטע מענטשן. ערגעץ־ווו רעגולירט זיך עס אויס. אַ יחיד קומט אום — לעבט ער ווייטער אין זיינע קינדער, אין זיינע ברידער און שוועסטער און אין זייער נאָכקום. אַנדערש מיט אַ פאָלק: אַ פאָלק אַ בעל־מום — בלייבט אַ בעל־מום במשך זיין גאַנצער עקזיסטענץ; אַ פאָלק קען אומקומען, אָדער מען קען עס אומברענגען. צי זענען דען פעלקער נישט אומגעקומען? צי האָסטו אַמאָל געטראַכט, אַז מיר, יידן, געפינען זיך שטענדיק אין אַ מצב פון אַ שׂריפה? מיר אַנטלויפן פון די פלאַמען אַהער און אַהין, ווו עס דאַכט זיך, אַז די פלאַמען וועלן אונדז נישט אָניאָגן. און אָט זענען זיי ווידער אַרום אונדז. דעריבער, ווען איך דערפיל דעם ריח פון רויך, ווער איך אָנגעפילט מיט בהלה, אַז אָט, אָט"...

„יעדער נשׂרף האָט פיינט דעם ריח פון רויך, אָבער דאָס מיינט נישט, אַז יעדער רויך מוז זיין דער אָנזאָגער פון אַ שׂריפה", האָט ד"ר מאַנטאַלטאַ איבערגעריסן די רייד פון אַרטאַפּאַנוסן.

„קיין שום ייד זאָל נישט געפּרוווט ווערן מיט די רויכן און שׂריפות, מיט וועלכע איך בין אין מיין לעבן, אין אונדזער לעבן, געפּרוווט געוואָרן. און איך האָב זיי פאַרויסגעפילט!" האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן.

„האָסטו זיי געקענט פאַרמיידן?" האָט ד"ר מאַנטאַלטאַ אָנגעשטעלט זיינע דורכדרינגלעכע אויגן אויף זיין פריינט.

„ניין", האָט אַרטאַפּאַנוס מודה געווען.

„ביסטו מסכים מיט מיר, אַז סיי אַ יחיד און סיי אַ פאָלק וויל נישט גלויבן אין סכנה כל־זמן זי פאַלט נישט אָן אויף זיי. ווען נישט דער אָפּטימיזם, די אילוזיע,

די אמונה, וואָלט אַ קליין פאָלק קיינמאָל נישט אַרויס אין אַ מלחמה קעגן אַ צאָלרייכן פאָלק. עס וואָלט געזוכט אַלע וועגן און פשרות אויסצומיידן מלחמה. אין דער ווירק־לעכקייט פאַרמעסט זיך אויך אַ קליין פאָלק מיט אַ שטאַרקערן פון זיך, ווייל עס רעדט זיך איין, אַז דער שונא פאַרמאָגט נישט די קעמפערישע אייגנשאַפטן, חכמה און אויסגעהאַלטנקייט, וואָס דאָס קליינע פאָלק פאַרמאָגט יאָ. נאַטירלעך זענען עס איינרעדענישן און קליינע פעלקער מוזן דורכקומען מיט די צאָלרייכערע, אָבער ביז עס ווערט נישט אויפגעצוווּנגען צו די פשרות, לעבט עס מיט די איינרעדענישן. דאָס איז דער נאַטירלעכער אָפּטימיזם און קיינער, נישט אַ יחיד און נישט אַ פאָלק, לערנט פון זיינע אייגענע נסיונות אין געענדערטע באַדינגונגען. אַזוי איז אייביק געווען און אַזוי וועט עס אויף אייביק בלייבן. צי מיינסטו, אַז ווען יידן זאָלן צוריק־קומען קיין ארץ־ישׂראל און אויפבויען זייער אייגענע מלוכה, צי וואָלטן זיי נישט איבערגעחזרט די זעלבע פעלערן, צוליב וועלכע די יידישע מלוכה איז אונטער־געגאַנגען ?״.

„איך גלייב באמונה שלימה, אַז זיי וואָלטן די פעלערן נישט איבערגעחזרט !״ האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט מיט איבערציייגונג.

„ביסטו אַ האַרציקער אָפּטימיסט און דעם אָפּטימיזם שעץ איך אין דיר. דאָס איז אמתדיקער יידישער אָפּטימיזם, אָן וועלכן מיר וואָלטן קיין הונדערט יאָר נישט געקענט לעבן אין גלות. אָבער וויסן זאָלסטו, אַז ווען אַ מענטש זאָל אָנהייבן אַלץ פונדאָסניי, וואָלט ער ווידער איבערגעחזרט אַלע זיינע באַגאַנגענע פעלערן. אַזוי אויך אַ פאָלק. וואָרום אין אַ יחיד ווי אין אַ פאָלק ווירקן סתירותדיקע כוחות, וואָס נישט אַ יחיד און נישט אַ פאָלק קען זיי קאָנטראָלירן. אין מיין יוגנט האָב איך געהאַט אַ חבר, וואָס זיין ווייב האָט אים פאַרסמט די יאָרן. ער האָט זיך מיט איר געגט און זיך געטון אַ נדר, אַז ער וועט מער נישט חתונה האָבן. ער האָט פאַר זיך אויפגעבויט אַ גאַנצע פילאָזאָפיע, אַז צוליב דעם וואָס ער האָט ליב עפל מוז ער נישט אויסהאַלטן אַ גאַנצן סאַד. די עפל אויפן מאַרק זענען תמיד ביליקער און דו קענסט אויסקלייבן די, צו וועלכע דיין האַרץ גלוסט אין דער מינוט.

„מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער האָט ער זיך משוגע פאַרליבט אין אַ ,מלאך׳. ער האָט פאַרגעסן דעם נדר און מיט איר חתונה געהאַט און זיך איינגעהאַנדלט אַ גאַנצן גיהנום. מיט איר איז אים געווען נאָך ערגער ווי מיט דער ערשטער, ווייל אַ טייל פון דעם גיהנום איז געווען אין אים ! ער איז פון איר אַנטלאָפן אָבער פון זיך אַליין האָט ער נישט געקענט אַנטלויפן. אין ווענעדיק האָט ער חתונה געהאַט אַ דריט מאָל. ס׳האָט אים נישט געהאָלפן. די געאָגראַפישע לאַגע ענדערט נישט דעם כאַראַקטער פון פרויען און ווען דו פאָרסט אַוועק אין אַן אַנדער לאַנד ענדערסטו נישט די סתירהדיקע כוחות וואָס זיצן אין דיר. אַנדערע זענען געווען די באַדינ־גונגען אין דייטשלאַנד און אַנדערע אין שפּאַניע, און אין ביידע לענדער, כאָטש איינס איז ווייט פון צווייטן, האָבן יידן געהאַט אַן ענלעכן גורל״...

„ווייל אין ביידע זענען געווען ענלעכע גלות־באַדינגונגען״, איז אים אַרטאַפּאַנוס אַריין אין די רייד.

„פּאַרוואָס־זשע האָבן יידן אין זייער אייגן לאַנד נישט געלערנט פונעם ערשטן חורבן, כדי צו פאַרמיידן דעם צווייטן? ! פאַרוואָס האָבן זיי זיך ווידער פאַרמאָסטן מיט צאָלרייכע כוחות און זיי זענען געווען זיכער, אַז זיי וועלן סוף־כל־סוף די שטאַרקערע באַזיגן. דו ווייסט פאַרוואָס? דער אָפּטימיזם און די אמונה האָט איבער־געשטיגן דעם פאַרנונפט. אַ זייטיקער האָט דאָס געקענט זען, אָבער אין זיך האָבן יידן דאָס נישט געוואָלט זען, ווייל אין פאָלק האָבן געאַרבעט סתירותדיקע כוחות און מיט זייערע אייגענע אינערלעכע האַנדלונגען האָבן זיי נישט ווייניקער גורם געווען דעם חורבן, ווי עס האָבן גורם געווען די אויסערלעכע שונאים... גלויב מיר, אליעזר, ווען דיר זאָל זיך איינגעבן צונויפרופן דעם ועד ארצות און דו זאָלסט פאַר די פרנסים דערציילן וואָס דו האָסט מיר דערציילט וועגן די סכנות, וואָס גרייטן זיך, וועדליק דו פילסט, אויף יידן אין אוקראַינע און וואָלין, און דו וואָלסט די לייט געוואָרנט באַצייטנס די געפאַר צו פאַרמיידן, וואָלטן זיי דיך געהאַלטן פאַר אַ חסר־דעה, אָדער זיי וואָלטן דיך אַריינגעלייגט אין חרם פאַר שאַפן צווישן יידן אַ בהלה, כדי חרוב צו מאַכן זייערע היימען און פרנסות. געפיל און לאָגיק, ווי נבואה און מאַכט, פירן צווישן זיך אַן אייביקע מלחמה. מענטשן און פעלקער זענען די קרבנות פון דער מלחמה".

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך פאַרגראָבן אין זיך. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיין פריינט קוקט אים אַדורך, ווי ער וואָלט געווען פון גלאָז, און ער ווייסט אַלץ וואָס אין אים טוט זיך. ער ווייסט וועגן אים אַלץ און לייענט אַפילו זיינע פאַרבאָרגנסטע מחשבות. צי לעבט אויך מאַנטאַלטאַ אַזוי לאַנג, ווי ער? צי האָט ער אויך דורכ־געמאַכט דעם שווערן וועג פון מלכות יהודה ביז גלות פוילן? אפשר האָבן זיךביידע געטראָפן ערגעץ ווו אין די אַמאָליקע צייטן, נאָר זיי דערקענען זיך נישט? זיי האָבן זיך מסתמא באַגעגנט און זייערע וועגן זענען זיך שפּעטער צעגאַנגען, דאָך זייערע נסיונות זענען די זעלבע, ווי ענלעך זיי זענען אין זייערע מחשבות, ווי זיי וואָלטן איין גוף געווען. נאָר מאַנטאַלטאַ איז פון די נסיונות אַרויס אַ פאַטאַליסט, בעת ער, אַרטאַפּאַנוס, איז געבליבן דער אומפאַרבעסערלעכער גלייביקער, טרוימער...

קאַפּיטל עלף

אין איינעם אַן ערב־פרילינגדיקן טאָג איז ד״ר מאָנטאַלטאָ אַרויפגעקומען צו אַרטאַפּאַנוסן געזעגענען זיך אויף אַ שטיקל צייט. ביי דער געלעגנהייט האָט ער אים געבעטן, אַז אַזוי לאַנג ווי ער וועט זיין אַוועק פון לובלין, זאָל ער זיך פאַרנעמען מיט זיינע פּאַציענטן. ער אַליין, ד״ר מאָנטאַלטאָ, וועט באַגלייטן דעם כראַביאַ פּאָ־טאָצקי, וואָס קלייבט זיך מיט זיין אַרמיי אויף אוקראַינע. די שליאַכטע האָט מיט דער צושטימונג פונעם קעניג וולאַדיסלאַוו אָפּגעמאַכט ביי זיך איינצושטילן די מרידה פון די כלאָפּעס. די שליאַכטע, וואָס האָט אירע מאַיאָנטקעס צווישן די טייכן דניעסטער און דניעפּער, ווערט בדיל־הדל.

פון יענער זייט דניעפּער רייסן זיך אַריין פון צייט צו צייט באַנדעס היידאַמאַקעס, ציגדן־אונטער הייף, ברויערייען און תבואה־שפּייכלערס און רופן די כלאָפּעס מורד צו זיין אין די פּריצים און נישט צאָלן זייער צינזש. צי איז עס דער שטייגער פון דער פּוילישער שליאַכטע, זי זאָל זיך בעטן ביי די כלאָפּעס זיי זאָלן נישט הערן די מורדים און אַרבעטן געהאָרכזאַם אויף די פעלדער ווי ביז איצט? די אַרמייען פון דער שליאַכטע וועלן פאַרטרייבן די היידאַמאַקעס צוריק אין זייערע סטעפּישע דערפער און די כלאָפּעס איינשפּאַנען צוריק אין דער אַרבעט. עס וועט מסתמא נעמען אַ פּאָר וואָכן און ער, ד״ר מאָנטאַלטאָ, וועט צוריקקערן קיין לובלין. אַזוי האָט אים פאַרזיכערט כראַביאַ פּאָטאָצקי.

ד״ר מאָנטאַלטאָ איז געווען האָפּערדיק און מונטער. אַזוי פיל יאָרן איז ער געזעסן אין פּוילן און נישט געקענט די לענדערייען פון דעם פּוילישן מלכות. דאָס מאָל, הגם ער איז שוין אויף דער עלטער, נעמט ער גערן אויף זיך דאָס זעלנערישע פעלד־לעבן. ער וועט אַדורכלויפטערן די ביינער און זיך דערמאָנען דעם ריח פון פּולווער... אַרטאַפּאַנוס האָט אים דערמאָנט זייער אַנומלטיקן וויכוח און אים אָנגעזאָגט ער זאָל אויך אַריינקוקן אין דעם לעבן פון די יידן אין יענע לענדערייען. אַרטאַפּאַנוס האָט נישט באַהאַלטן, אַז ער איז מקנא זיין פריינט, וואָס אים דערוואַרט די ווילדע פרייהייט פון פעלד־לעבן. סוף־כל־סוף ליגט אין דעם בלוט פונעם מאַן קריגערישקייט. עס איז מסתמא געווען אַ שטאַרקע איבערלעבונג אין יענע אַלטע, פאַרגאַנגענע צייטן, ווען אַ מאַן איז איבערפאַלן אַ ישוב און אין קאַמף אַוועקגערויבט אַ פרוי; נישט ווי היינט, ווען דער שדכן ברענגט זי אים אין שטוב אַריין.

לאה האָט תמימותדיק געפרעגט:

„איז דיר באמת געווען אַזוי שלעכט ווען דער שדכן האָט דיר געבראַכט אין שטוב אַריין די פּרוי צוזאַמען מיטן נדן?"

אַרטאַפּאַנוס האָט זי אַרומגענומען מיט זיין שטאַרקן וואַרעמען אָרעם און איר אַריינגעשמייכלט אין די אויגן:

„וואָס שייך דיר, איז אַוודאי געווען בעסער אַזוי. וואָרום טאָמער וואָלט איר דיך געדאַרפט אַוועקרויבן, וואָלטן מסתמא צוליב דעם אויסגעבראָכן מלחמות צווישן קעניגן".

„אַהאָ! וואָס פאַר אַ ריטערלעכקייט!" האָט ד"ר מאַנטאַלטאָ אויסגערופן. „די פּוילישע שליאַכטע מאַכט אויך פון אונדז ריטערלעכע מענער".

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אָפּגעטרייסלט ווי ער וואָלט דערפילט אַ ביס:

„דאָס איז דאָס לעצטע וואָס מיר האָבן צו לערנען פון דער פּוילישער שליאַכטע, אויב מיר האָבן בכלל פון איר וואָס צו לערנען. ריטערלעכקייט ליגט אינעם בלוט פונעם מאַן און די פּוילישע שליאַכטע האָט אַ סך שטריכן פון ווייבער: זי איז לייכטזיניק, אויסברענגעריש און דער אויסערלעכער גלאַנץ איז ביי איר אַלץ, אַפילו מער פון דעם וואָס זי דעראַבערט".

„איר האָט אָנגערירט זיין שוואַכע זייט", האָט לאה זיך אָנגעבויגן און געזאָגט שטיל צו דאָקטאָר מאַנטאַלטאָ, קוקנדיק אַ צופרידענע אויף איר מאַן.

אייגנטלעך איז עס אויך מיין שוואַכע זייט", האָט דאָקטאָר מאַנטאַלטאָ זיך אויסגעצויגן. „אַרטאַפּאַנוס איז גערעכט".

„גערעכט, גערעכט", האָט לאה צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, „מענער זענען ווי קינדער. גרויסע, שטאַרקע קינדער".

„שטעל אויס דיין אַרמיי!" האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן צו מאַנטאַלטאָ און געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט אַרויסגעצויגן אַ שווערד, „דער ווייבערשער שונא גרייט זיך אָנגרייפן".

אַלע האָבן זיך האַרציק צעלאַכט און אין אַ גוטער שטימונג האָט זיך דאָקטאָר מאַנטאַלטאָ געזעגנט מיט זיינע פריינט.

צוויי טעג נאָך דעם ווי דאָקטאָר מאַנטאַלטאָ איז אַוועק, האָט דער לובלינער וואָיעוואָדע פאַרבעטן צו זיך אַרטאַפּאַנוסן און מיט דעם לשון פון אַ פליכט-דערמאָנונג, אָבער מיט דעם אָקצענט פון אַ באַפעל אים איבערגעגעבן, אַז דער קעניג וואָלט עס געזען גוט ווען ער, ד"ר אַרטאַפּאַנוס, זאָל באַגלייטן דעם אַרמיי-פירער קאַלינאָווסקי אין דער קאַמפּאַניע קעגן די היידאַמאַקעס און אוקראַאינע. אין יענע ווייטע מקומות זענען נישטאָ קיין דאָקטוירים, צו וועלכע קאַלינאָווסקי זאָל האָבן פאַרטרויען און דער לובלינער קהל האָט וועגן אַרטאַפּאַנוסן געזאָגט גוטע ווערטער, אַז ער איז אַ פּוילישער פּאַטריאָט. עס האַנדלט זיך וועגן אַ מלחמה קעגן לייט, וואָס האָסן פּאַליאַקן אַזוי גלייך ווי זיי האָסן יידן, האָט דער וואָיעוואָדע אים געזאָגט.

„ס'איז איבעריק מיך צו איבערצייגן", האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט מיט ווירדע און צוגעגעבן:

„איך באַדויער וואָס איך בין נישט אַזוי יונג איך זאָל קאָנען אָנטיילנעמען אין שלאַכטן".

„ניין, דאָס פאָדערן מיר נישט פון יידן", האָט דער וואָיעוואָדע שנעל געזאָגט, ווי דאָס וואָס אַרטאַפּאַנוס האָט אים געזאָגט, וואָלט אים איבערגעשראָקן.

„אַ שאָד, דאָס וואָלט בעסער געווען סיי פאַר פוילן און סיי פאַר די יידן".

„דאָס ווען מיר נישט דאָ באַשטימען", האָט דער וואָיעוואָדע אָפּגעהאַקט, „עס גייט נאָר וועגן דאָקטאָרישער הילף אין צייט פון באַדאַרף".

נאָך אין דער זעלבער וואָך האָט זיך אַרטאַפּאַנוס צוגעשטעלט אין מאַלינאָווסקיס שטאָב און אים זענען צוגעטיילט געוואָרן צוויי רייטפערד.

מאַלינאָווסקיס אַרמיי האָט זיך באַוועגן שנעל. זי איז געריטן דורך געדיכטע יידישע שטעט און שטעטלעך און נענטער געמאַכט די לויערנדיקע סכנה. אין די גרעסערע קהילות האָבן יידן באַזאָרגט די אַרמיי מיט פּראָוויאַנט און פאַשע פאַר די פערד. ווייבער האָבן אַרויסגעבראַכט פאַר די זעלנער געקעכטס. וואָס ווייטער אויף מזרח האָבן זיך אין די יידישע שטעט מער געפילט דער פחד. יידן האָבן דערציילט, אַז אין בערדיטשעוו און אין כמיעלניק האָבן די הײַדאַמאַקישע באַנדעס אונטער־געצונדן קרעטשמעס און מילן. פון יענע מקומות קומען אָן יעדן טאָג נשׂרפים. זאָל גאָט בענטשן דעם אָרעם פון די פאַנסקע אַרמייען.

בעת קאַלינאָווסקיס אַרמיי האָט פאַרביימאַרשירט אָסטראָג, האָט אַרטאַפּאַנוס געזען יצחקן. דער זון האָט זיך דערפרייט מיטן פאָטער מיט אַ קינדערשער פרייד. דער פאָטער, אויף אַ רייט־פערד מיט אַ לאַסט־פערד ביי דער זייט, האָט דעם זון אָנגעפילט מיט שטאָלץ. אויך ר׳ פנחס איז געווען מלא שׂמחה. אַ יידישער שׂררה באַגלייט דעם פוילישן אַרמיי־פירער. וואָס פאַר אַ כבוד!

ביידע, סיי ר׳ פנחס און סיי יצחק, זענען שוין געווען געזונט. ר׳ פנחס האָט איבערגעבעטן אַרטאַפּאַנוסן הלמאי ער האָט נישט אַוועקגעלאָזט דעם זון זייבעם אויף פסח אַהיים. יצחק האָט זיך געריסן אַהיים. נאָר דער בחור איז אים איינגעבאַקן אין האַרצן ווי אַן אייגן קינד. איצט זעט ער, אַז ס׳איז גוט געשען.

אַרטאַפּאַנוס איז באַשטאַנען, אַז דאָס מאָל זאָל יצחק זיך געפינען אין דער היים, אין לובלין. ער איז דער עלטסטער, נאָך שכנאן. לאה איז געבליבן אין דער היים אַליין און אַ פאַרקלעמטע. אַפילו ווען ער, אַרטאַפּאַנוס, איז אין לובלין, קאָן זי זיך קיין אָרט נישט געפינען ווען ער איז נישט אין שטוב, בפרט איצט, ווען ער איז אַוועק מי יודע אויף וויפל וואָכן. קאַלינאָווסקי איז אַפילו זיכער, אַז בלויז די שרעק פאַר די פוילישע אַרמייען וועט באַרויקן די כלאָפּעס און זיי וועלן אַליין פאַרטרייבן די הײַדאַמאַקישע באַנדעס. וועט ער מסתמא שנעל צוריק זיין אין לובלין. דאָך איז בעסער יצחק זאָל אַהיימפאָרן. ס׳איז נישט די צייט אויף צו זיין אין דער פרעמד.

ר׳ פנחס, וואָס האָט זיך צוגעווינט צו יצחקן און ער איז אים געווען אַ גרויסע הילף, האָט אַריינגערעדט אין אַרטאַפּאַנוסן, אַז פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס. זאָל יצחק נאָך דאָ בלייבן. און טאָמער וועט ער איינזען, אַז די צייט ווערט

סכנותדיק, וועט ער נעמען אַ וואָגן און אַהיימפאָרן. ער איז ווי אַן אייגן קינד, איז וואָס איז דאָ צו רעדן? איבעריקנס זאָגט דאָך אַרטאַפּאַנוס אַליין, אַז די מלחמה וועט נישט דויערן לאַנג.

אַרטאַפּאַנוס איז אַוועק פון אַסטראַג גלייך ווי די אַרמיי האָט זיך אָפּגערוט און די שטאָט האָט זי באַזאָרגט מיט גענוג פּראָוויאַנט. ער האָט יצחקן איבערגעלאָזט, ער זאָל אַליין באַשטימען ווען אַהיימצופאָרן.

ביי בערדיטשעוו האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן די אַרמייען פון פּאָטאָצקי און קאַלינאָווסקי. אַרטאַפּאַנוס האָט אָפּגעפונען דעם ד״ר מאָנטאַלטאָ און ביידע האָבן זיך געפרייט, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעפונען נאָך לאַנגע יאָרן זיך נישט זען.

„ענדלעך פירן מיר ווידער מלחמה?!״ האָט מאָנטאַלטאָ געזאָגט האַלב ערנסט און האַלב אין חוזק.

„מיר וועלן פירן די מלחמה מיט זאַלבן און באַנדאַזשן און דאָס אייגנטלעך טוען מיר אַ גאַנץ יאָר״, האָט אַרטאַפּאַנוס מיט אַ גוטן בליק געקוקט אויף זיין פריינט, וואָס זיין פּנים איז געווען צעשמיסן און פריש פון דער פריערער, פּריליגנדיקער לופט. אַרטאַפּאַנוס האָט אים דערמאָנט דאָס געזעגענען זיך אין לובלין און ד״ר מאָנ־טאַלטאָ האָט אים געזאָגט מיט געמאַכטער פאַרטרויעלעכקייט:

„פון מיין ביז איצטיקן נסיון זע איך נישט, אַז מלחמה זאָל האָבן וועלכן עס איז זין. די אַרמיי פרעסט, די פערד פרעסן און קיינער אַרבעט נישט״.

„נישקשה, אַן אַרמיי אַרבעט אָפּ מיט איר בלוט אין איין טאָג אויף אַ גאַנץ לעבן״. האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט ווי אַ דערפאַרענער אין מלחמה.

דעם ד״ר מאָנטאַלטאָ איז עס נישט געפעלן.

„זי אַרבעט אָפּ צום טויט״, האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט.

אין די עטלעכע טעג ווען די אַרמיי האָט געלאַגערט, זענען אָנגעקומען אַלאַר־מירנדיקע ידיעות. די שטאַפעטן, וואָס זענען עטלעכע מאָל אין טאָג אָנגעלאָפן פון דעם דניעפּער־ברעג, האָבן געבראַכט באַריכטן פון די סטאַראָסטעס, אַז דער טשיהירינער קאָזאַקישער פירער באָגדאַן כמעלניצקי האָט זיך פאַרבונדן מיט דעם קרימער כאַן און ריזיקע מחנות טאָטערן גייען צוזאַמען מיט די קאָזאַקן קעגן פוילן. איבער די כוטאָרן גייען אַרום כמעלניצקיס לייט און רופן אומצוברענגען די ליאַכן און די ייִדן. און באַלד זענען אויך אָנגעקומען פּאַליאַקן און ייִדן, אַנטלאָפענע פון די דערפער ביים דניעפּער, און דערציילט, אַז נאָך ערגער פון די טאָטערן זענען כמעל־ניצקיס קאָזאַקן: די הייַדאַמאַקעס שעכטן, רויבן און צינדן אונטער, בעת די טאָטערן נעמען אין געפאַנגענשאַפט און שיצן דאָס לעבן פון די געפאַנגענע.

כדי צו דערשלאָגן דעם שונא אויפן אָרט האָבן זיך די שליאַכטישע אַרמייען אַוועקגעלאָזט צו די ברעגעס פון דניעפּער. נאָר נאָך שנעלער ווי די פּוילישע אַרמייען האָבן זיך אַנטקעגנגעטראָגן דעם העטמאַנס שפּיאָנען, זענען די זאַפּאָראָזשער קאָזאַקן צוזאַמען מיט זייערע טאָטערישע פאַרבינדעטע, אָנגעלאָפן ווי אַ ווילדער שטורעם און אַריבער דעם מערבדיקן ברעג פונעם טייך. ווי צוויי לעבעדיקע בערג וואָלטן זיך צוזאַמענגעקלאַפּט, האָבן זיך די קעגנערישע אַרמייען געוואָרפן אויף איינאַנדער און

צעשפּריצט געוואָרן אין בלוט און אין ווילדע געשרייען. די פרילינגדיקע, אויפ־געגאַנגענע פעלדער זענען אויפגעאַקערט געוואָרן דורך די פּאַדקאָוועס פון צעיו־שעטע פערד און מענטשישע פיס אין טויט־געראַנגל. און ווי די קעגנערישע אַרמייען האָבן זיך צוזאַמענגעקלאַפּט אין באַגינען, אַזוי איז צום אָוונט דער טויט־געראַנגל נישט פאַרלאָשן געוואָרן. ער איז צוגעדעקט געוואָרן דורך דע׳ נאַכט. די פערד האָבן אומהיימלעך געהירזשעט. אין דער נאַכט־פינצטערניש האָבן די פּוילישע אַרמייען זיך צוריקגעצויגן, כדי אויסצוגלייכן דעם פראָנט און נישט איבעראַשט צו ווערן פון אַ בייזנאַכטיקן איבערפאַל. ס׳איז נישט געווען קיין צייט אַפּצורוימען די פאַרווונדעטע און טויטע.

אין דער נאַכט־פינצטערניש זענען די האָרדעס קאָזאַקן און טאָטערן פאַרמערט געוואָרן, ווי אַ שוואַרם היישעריקן. אין דער פרי האָבן זיי געפונען די פּוילישע אַרמייען דערוויטערט.

די פּאָליאַקן זענען נישט געווען צוגעגרייט צו אַזאַ ריזיקער פיינטלעכער מחנה. דער בונד צווישן דעם קאָזאַקישן העטמאַן מיט דעם קרימער כאַן האָט זיי איבעראַשט. דורך שליחים האָבן די פּוילישע אַרמיי־פירער אַלאַרמירט דעם מלך און דעם סיים צו מאָביליזירן פאַרשטאַרקונגען. ס׳איז אָבער געווען צו שפּעט. דאָס ווילדקייט פון די סטעפּעס האָט געשלאָגן ווי גאָטס שטראָף. די פּוילישע אַרמייען האָבן זיך צוריק־געצויגן אין קאַמף און אויסגעבלוטיקטע אין אַ ניין־טאָגיקער שלאַכט זענען זיי צעריסן געוואָרן אויף שטיקער נעבן דער שטאָט קאָרסון און ביי די געלע וואַסערן. די רעשטלעך לעבן־געבליבענע זענען אַנטלאָפן אין פחד, וואָרום אויף דעם אָרט פון די אויסגעהרגעטע קאָזאַקן און טאָטערן זענען צוגעקומען פרישע צען מאָל אַזוי פיל.

אַרטאַפּאַנוס און מאַנטאַלטאַ, וואָס האָבן געלאַגערט צוזאַמען מיטן טאַבאָר אין די וועלדער, מערבדיק פון קאָרסון, זענען געווען הילפלאָז. זיי האָבן נישט געקענט זיך קיין עצה געבן מיט דער גרויסער צאָל פאַרווונדעטע. מאַנטאַלטאַ איז געווען ביים סוף פון זיינע כוחות. ער האָט שוין מער נישט געזען קיין מענטשן און קיין ווונדן, נאָר בלוט, בלוט און בלוט. ער האָט שוין אַפילו נישט געהערט די רופן פון די פאַרווונדעטע, מען זאָל זיי דערשטעכן און באַפרייען פון די ווייטיקן. פון דעם צפונדיקן טייל פונעם וואַלד האָבן דאָקטוירים געשיקט שטאָפּעטן נאָך הילף: פאַר־ווונדעטע ליגן שעהן לאַנג און עס זענען פאַראַן ווייניק דאָקטוירים צו פאַרבינדן די ווונדן. דער אַרמיי־פירער פּאָטאָצקי, אַ דערשלאָגענער און אויס פחד פאַר אַן איבערפאַל אויפן טאַבאָר, האָט געאיילט צו עוואַקואירן זיך נענטער צו בערדיטשעוו. זאָל שטאַרבן ווער עס איז פאַרווונדעטע געוואָרן און זאָלן די געזונטע און קאַמפּס־פעאיקע זיך זאַמלען צו אַ נייעם פאַרמעסט.

די נעכט זענען געווען צו קורץ אויף אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם פון דעם קאָזאַקישן אַנשלאַג. אונטער זייער דעק האָט מען נאָר באַוויזן אַנצולאָדן די פאַרווונדעטע אויף וועגענער און זיי אַוועקצופירן אויף מערב. און ווי נאָך יעדן פאַרשפּילטן מלחמה־קאַמף, ווען אונטער די פליגל פון דער נאַכט זוכט מען אַן אַנטרינונג, אַזוי זענען

די צעקלאַפּטע געגאַנגען שטילע און מידע, פאַרזונקענע אין זיך — אַזוי די מענטשן און אַזוי די פערד. דער גרילץ פון אַ נישט געשמירטער אַקס איז געווען ווי דאָס פלוצימע געשריי פון אַ פאַרווונדעטן, וואָס זיין צעשניטן לייב האָט געברענט.

אַלע געשפּאַנען פונעם טאַבאָר זענען געווען פאַרפולט מיט פאַרווונדעטע; אויך דער וואָגן פון ד״ר מאַנטאַלטאַ. אַרטאַפּאַנוס האָט אַרויפגענומען זיין פריינט אויף זיין לאַסט־פערד, כדי זיי זאָלן זיך אין דער נאַכט נישט פאַרלירן. ביידע זענען געווען טויט מיד, מיט שווערע קעפּ, וואָס האָבן טעג נאָך טעג אויפגענומען די קאַמף־געשרייען און די הילף־רופן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ שלאָפט אינעם ביינאַכטיקן מאַרש, אַלץ באַוועגט זיך שלאָפנדיק. אויך די פערד פלאָנטערן מיט זייערע מידע פיס אינעם שלאָף. זיי גייען מיט געבויגענע קעפּ צו דער ערד, ווי זיי וואָלטן אויסגעשמעקט אַ באַקוועמען פלאַץ זיך אָוועקצולייגן און מער נישט אויפשטיין.

ס׳איז געווען אַ שיינע מיטן מאַי־נאַכט, מיט מילדע ריחות פון אויפגעגאַנגענע פעלדער. דער הימל איז געווען אויסגעשיט מיט בלישטשענדיק צעגלימערטן שטערן־שטויב. נאָך האַלב־נאַכט האָט אַ שטיק פון אַ מעשענער לבנה געמאַכט האַלב ליכטיק און אָפּגעדעקט דעם ריזיקן באַוועגלעכן שאָטן פון די צעקלאַפּטע רעשטלעך פון די אַרמייען, וואָס זייער סוף האָט מען נישט געזען.

אַזוי האָבן זיך די רעשטלעך פון די אַרמייען מיטן טאַבאָר געשלעפּט ביז אַ נייער טאָג איז געקומען און אָפּגעדעקט די קאָנטורן פון אַ באַוווינטן ישוב, מיט אַ טורעם פון אַ קירך. דורך אַן איבעררופן זיך פונעם קאָפּ פון טאַבאָר האָט זיך אַלץ אָפּגעשטעלט, און נאָך איידער די פיס פון די רייטנדיקע האָבן באַטרעטן די ערד, זענען אַלע איינגעשלאָפן.

נאָר אין די דערפער און הייף פון אוקראַינע זענען די כלאָפּעס אין דער נאַכט נישט געשלאָפן. ווי דער ווינט וואָלט געווען בכוח איבערצוטראָגן אַ בשורה, האָט זיך איבער די דערפער פון אוקראַינע ביז צו די גרענעצן פון פּאָדאָליע און וואָלין צעטראָגן, אַז די פּראַוואָסלאַווונע ברידער פון זאַפּאָראָזשע האָבן צעקלאַפּט די ליאַכישע אַרמייען און ס׳האָט געשלאָגן דער טאָג זיך אָפּצורעכענען מיט די פּאַנעס און יידן. און ווי אַ ווילדער שטורעם צערייסט אַ דאַמבע און די באַפרייטע וואַסערן פאַרגיסן און פאַרפלייצן און רייסן מיט אויף זייער וועג אַלדאָס לעבן און האָב, אַזוי האָבן די אַרמייען פון די קאָזאַקן און טאַטערן זיך אַ לאָז געטון צו מאָרד און רויב.

בעת באָכדאַן כמיעלניצקי מיט זיין אַרמיי און די אַרמיי פון די טאַטערן זענען אַוועק אויף צפון, אין דער ריכטונג פון קיעוו, האָבן באַנדעס צעבונטעוועטע כלאָפּעס, באַוואָפנטע מיט קאָסעס און סערפּן זיך געלאָזט איבער די מאַיאַנטקעס, אונטער־געצונדן די הייזער, אויסגעשאָכטן די פּוילישע פּאַרוואַלטערס און די יידישע קרעטש־מערס. די באַנדעס זענען געוואָרן וואָס אַמאָל רייכער אין צאָל, זיך פאַרמירט אין אַרמייען, ווו דער גלוסט נאָך נקמה, מאָרד און רויב זענען געווען די אָנפירער. דער טויט האָט זיך צעהוליעט איבער יידישע שטעט און שטעטלעך. ס׳איז נישט געווען קיין אַנטרינונג.

נאָך איידער די יידן האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן, זענען די שטעט געווען באַלאַגערט פון די באַנדעס און ס'האָט זיך צעטראָגן דער ווילדער רוף: „שמד, אָדער טויט!" די קאָסעס און סערפּן האָבן געשניטן איבער יידישע לייבער, איבער קינדער און פרויען, קיין לעבעדיק נפש נישט איבערגעלאָזט. שיכורע פון בלוט און פון רויב האָבן זיך די באַנדעס געטראָגן פון אָרט צו אָרט און זייער אכזריות איז נישט געשטילט געוואָרן.

בעתן צוריקגאַנג פון די רעשטלעך פון פּאָטאָצקיס און קאַלינאָווסקיס אַרמייען, איז צו אַרטאַפּאַנוסעס אויער דערגאַנגען, אַז דער לוין, וואָס העטמאַן כמיעלניצקי האָט צוגעזאָגט די טאָטערן פאַר העלפן אים שלאָגן די פּאָליאַקן, זענען די געפאַנגענע, וואָס וועלן אַריינפאַלן אין זייערע הענט. די געפאַנגענע יידישע מיידלעך וועלן זיי קענען נעמען פאַר זיך; די ייִדן און זייערע פרויען וועלן זיי קענען פאַרקויפן ווי שקלאַפן קיין טערקיי. נאָר דער רויבזאַק געהער איינגאַנצן די קאָזאַקן און אויך דאָס לעבן פון די ייִדן און פּאָליאַקן, וואָס וועלן אַריינפאַלן אין זייערע הענט.

אַזוי שנעל ווי אַרטאַפּאַנוס האָט דערגרייכט בערדיטשעוו, האָט ער דאָס גע־הערטע איבערגעגעבן צו די פּרנסים, זיי זאָלן פונאַנדערשיקן שליחים צו די שכנות־דיקע קהילות, די נישט־געטראָפענע זאָלן באַצייטנס אַנטלויפן. אָבער דעמאָלט האָט שוין קיין שום ייִדישער שליח נישט געוואָלט זיך לאָזן אין די סכנותדיקע ראַיאָנען. אַפילו צו די אוקראַאינער, וואָס זענען געווען שכנים פון ייִדן, האָבן די ייִדן מער נישט געהאַט קיין פאַרטרויען און זיי האָבן מורא געהאַט זיי צו דינגען צו שליחות. און אַז אַרטאַפּאַנוס האָט געזען די אָנגעשראָקנקייט פון די ייִדן אין בערדיטשעוו, האָט ער אָנגעזאָטלט זיין פערד און אַוועק קיין אָסטראָג.

דורך ר' פּנחסן האָט ער צוזאַמענגערופן די פּרנסים פון דער שטאָט און געזאָגט צו זיי:

„די היידאַמאַקעס און די אוקראַאינער האָבן אַרויסגעטראָגן אַ גזר־דין פון טויט פאַר אַלע ייִדן און אויך פאַר פּאָליאַקן, נאָר די פּאָליאַקן זענען דאָ ווייניק אין דער צאָל. זיי פאַרקליידן זיך ווי אוקראַאינישע כלאָפּעס און אַנטלויפן פון די נישט פאַר־פעסטיקטע שטעט. איז דער גזר־דין אויף ייִדן. די היידאַמאַקעס און אוקראַאינער לאָזן נישט לעבעדיק איין יידישן נפש. די קהילות זענען באַלאַגערט און זיי זענען ווייניק אין צאָל זיך קעגנצושטעלן. נאָר איין אַנטרינונג איז פאַראַן: אַהין ווו עס קומען־אָן די מחנות טאָטערן. זאָלן די יידן זיך איבערגעבן אין זייערע הענט. די טאָטערן וועלן די געפאַנגענע אַוועקפירן און יידן וועלן זיי אויסלייזן. די סכנה איז גרויס און די צייט איז איילִיק. עס איז דעריבער אייער חוב און זכות פונאַנדערצושיקן שוין היינט שטאַפעטן צו די קהילות, אַז טאָמער וועט זיין נאָענט צו זיי די טאָטערישע מחנה, זאָלן זיי אָן שהיות זיך איבערגעבן אין זייערע הענט. אויך ביי זיי וועט נישט אָפּקומען אָן קרבנות, אָבער דעם געבליבענעם שטאַם וועלן ייִדן אויסלייזן. גלויבט מיר, אַז ווען איך זאָל קענען דאָס אוקראַאינישע לשון, וואָלט איך געווען דער ערשטער שליח. ווי מיד איך בין פון שלאָפלאָזע נעכט, פון דעם ריח פון בלוט

און פון דעם וואָס מיינע אויגן האָבן געזען, וואָלט איך מיין באָרד אָפּגעגאָלט און מיין פערד וואָלט מיך שוין איצט געטראָגן צו דער ווייטסטער קהילה״.

אַזוי שנעל ווי אַרטאַפּאַנוס האָט פאַרענדיקט זיינע ווערטער, האָט ר׳ פנחס אויסגערופן:

„איינעם פון מיינע זין גיב איך ווי אַ שליח!״.

„צי קען מיין יצחק דאָס אוקראַיִנישע לשון?״, האָט אַרטאַפּאַנוס זיך געוואָנדן צו ר׳ פנחסן.

„ער קען שוין דאָס לשון״, האָט ר׳ פנחס געענטפערט.

„וועט אויך מיין זון זיין אַ שליח!״, האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן.

דער רב האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ קלאַפּ געטון אין טיש:

„ייִדן, די זאַך איז נישט פּשוט. אַרויסשיקן ייִדישע יונגעלייט אויף די רוצחישע וועגן, דאַרפן זיי זיך איבערטון ווי גויים, אָננעמען די צורה פון גויים, אָפּגאָלן באָרד און פּיאות״...

אַרטאַפּאַנוס איז אויפגעשפרונגען:

„רב פון אָסטראָג, ס׳איז פאַראַן אַ תקנה פון דעם מיינצער רב און תלמיד חכם אין די צייטן פון די קרייץ־פאַרער, אַז אויסער אַ צלם מעג אַ ייִד אָננעמען די אויסערלעכע צורה פון אַ קריסט, כדי צו ראַטעווען ייִדיש לעבן. צי שטייט נישט איצט אין סכנה ייִדיש לעבן? צי זענען שוין איצט נישט אויסגעשאָכטן געוואָרן די קהילות פון לובען, פּערעיעסלאַוו און אין די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער?״

דער רב האָט אָנגעקוקט אַרטאַפּאַנוסן און זיך געוואָנדן צו די פּרנסים:

„רבותי, ס׳איז אַ שאלה וואָס איך קען נישט נעמען אויף זיך צו געבן די תשובה. מען דאַרף וועגן דעם אָנפרעגן ביי די רבנים אין קראָקע און אין לובלין. אויב זיי וועלן נעמען אויף זיך״...

„גאַנץ קהל וועט עס נעמען אויף זיך!״ האָט מיט איינגעהאַלטענעם צער אָנטקעגנגערעדט אַרטאַפּאַנוס. „לובלין איז ווייט און קראָקע איז נאָך ווייטער, אָבער די נאָענטע היידאַמאַקעס באָדן זיך אין דעם בלוט פון ייִדישע קהילות. אויב ייִדן זענען גרייט מקריב צו זיין זייערע זין, כדי צו ראַטעווען ייִדישע קהילות — איז אַפילו זיי זאָלן באַגיין אַ שווערע זינד, וועט זיי גאָט מוחל זיין, רב פון אָסטראָג!״.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָבן פינף יונגעלייט מיט אָפּגעשוירענע פּיאות און בערד און אַרומגעשוירן די האָר אויפן שטייגער פון די כלאָפּעס, אָנגעטוענע אין שטרויענע לאַפּטשעס, זיך אַרויסגעלאָזט אויף פּויערישע פערד אין דריי ריכטונגען, זיי זאָלן זיך דערקלייבן צו ייִדישע קהילות ווי ווייט נאָר זיי וועלן קענען און אָנזאָגן די ייִדן צו אַנטלויפן באַצייטנס. און אויב ס׳איז שפּעט צו אַנטרינען, זאָלן זיי אַריבערגיין אין דער מחנה פון די טאַטערן. יעדע קהילה דאַרף דאָס איבערגעבן צו אַ צווייטער.

יצחק האָט, אויסער די באָרד און פּיאות, די האָר פון קאָפּ נישט אַרומגעשוירן, כדי זיינע בלאָנדע האָר זאָלן אים נאָך מער ענלעך מאַכן צום אויסזען פון אַן אוקראַיִנער. אַרטאַפּאַנוס האָט אים איבערגעגעבן זיין פערד, בייטנדיק דעם זאָטל אויף אַ פּשוטן, דער רייטער זאָל נישט אַרויסרופן קיין חשדים. צום ערשטן מאָל

אין זיין לעבן איז יצחק געזעסן אויפן רוקן פון אַ פערד, אָבער דאָס געפיל פון דער שליחות האָט גובר געווען זיין ערשטע שרעק.

„זאָל דאָס פערד פילן, אַז דו האָסט אַ שטאַרקע האַנט און פעסטע קני", האָט אַרטאַפּאַנוס געלערנט זיין זון, „אַנישט וועט עס וועלן רייטן אויף דיר. לאָז עס פריי, ווען עס לויפט ווי דו ווילסט; צוים עס ביז בלוט, ווען עס וויל דיך באַהערשן. אַ פערד איז קלוג און עס האָט פיינט צו האַלטן אויפן רוקן פחדנים. זאָלסט עס נישט אַנטרינקען ווען ס'איז פאַרשוויצט און נישט געבן עס צו פיל פרעסן ווען עס איז שטאַרק מיד. פאָר געזונט, מיין זון! דו פאַרשאַפסט מיר כבוד".

יצחק איז אַוועק, ווי די אַנדערע שליחים, מאַטערנדיק זיך און דאָס פערד.

אויפן פערטן טאָג אין אָוונט זענען צוריקגעקומען פיר פון די שליחים; דער פינפטער, דער זון פון ר' פנחסן, איז נישט צוריקגעקומען. ער איז קיינמאָל מער נישט צוריקגעקומען. און אַזוי האָט ר' פנחס ביז צו זיין אייגענעם טויט נישט געוווּסט, אַז זיין זון איז אומגעקומען אין דער באַפעסטיקטער שטאָט נעמיראָוו, וואָס אין פּאָדאָליע. זיין צוריקוועגס איז געווען אָפּגעשניטן פון דער אַרמיי פון דעם העטמאַן גאָניאַ.

די צוריקגעקומענע האָבן דערציילט, אַז וואָס ווייטער אין אוקראַינע זענען די קליינע שטעטלעך און דערפער אויסגעליידיקט פון ייִדן. איבער די וועגן הענגען אויף ביימער פּוילישע גלחים, און יידישע מתים פון פרויען, קינדער און מענער וואַלגערן זיך אויף די פעלדער. די אוקראַאינישע באַנדעס לויערן אויף די יידישע פּליטים, וואָס אַנטלויפן צו די באַפעסטיקטע שטעט. די פּאָליאַקן זענען אייניק מיט יידן אַז זיי וועלן צוזאַמען פאַרטיידיקן די שטעט, ביז די אַרמיי פונעם קעניג וועט זיי באַפרייען פון באַלאַגערונג.

אין די עטלעכע טעג וואָס די שליחים זענען געווען אונטערוועגנס, האָבן זיך אויך איינגעבראָכן די גרונטפעסטן פון דער אָסטראָגער קהילה. פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער זענען אַנגעלאָפן יידן און פּאָליאַקן. די יידן האָבן איבער־געלאָזט זייער האָב און גוטס, נאָר בלויז די ספר־תורהס און די ספרים געבראַכט מיט זיך אין זעק אויף די פּלייצעס. די אַנגעלאָפענע פּליטים האָבן מיט זייער בהלה אַ טרייסל געטון מיט דער זיכערקייט פון די אָסטראָגער יידן, וואָס האָבן כהרף־עין געלאָדן זייערע געשפּאַנען, כדי צו ציען אויף מערב.

דער עקאָנאָם ברייניצקי, וואָס אַרטאַפּאַנוס איז אַנומלט געווען ביי אים אין הויף, איז אַנגעקומען אין הויז פון ר' פנחסן. אויך ער איז אַנטלאָפן מיט ווייב און קינדער און איבערגעלאָזט זיין האָב צום רויב פון די כלאָפּעס. ער איז געזוען דערשראָקן צום טויט און צעבראָכן. ר' פנחס האָט אים געטרייסט. אַרטאַפּאַנוס האָט זיך צוגעהערט ווי אַזוי אַ יידישער אַרענדאַר דערציילט אַ פּאָליאַק וואָס עס מיינט אַזעלכעס גלות. און גערעדט האָט ער צום אים ווי אַ בעל־נסיון רעדט צו אַ מענטש וואָס ווייסט גאָרנישט:

„זייט דעם חורבן בית המקדש האַלטן מיר אין איין לויפן, פּאַניע ברייניצקי.

מען לויפט, מען רוט זיך אָפּ אַביסל, מען מאַכט חתונה קינדער און מען לויפט ווייטער, פּאַניע בריניצקי. מילא, דאָס לויפן ווי דאָס לויפן, נאָר ווען מען שעכט אונדז אויס, מען באַרויבט אונדז און ווו מיר קומען וואַרפט מען אונדז די פיר פּאָר טיר, אַז מיר זענען פרעמדע. איר ווייסט, פּאַניע בריניצקי, פוילן איז אויף לשון־קודש פּה־לין, דאָ וועסטו נעכטיקן, אין פוילן דאַרפן מיר איבערנעכטיקן ביז אונדזער גאולה וועט קומען. נו, לאָזט מען אונדז רויִק איבערנעכטיקן? דאָס איז גלות. איר וועט כאָטש האָבן ווו איבערצונעכטיקן, פּאַניע בריניצקי. און מיר? גאָט ווייסט״.

בריניצקי איז געווען זייער סענטימענטאַל. זיין ערשטער גלות, וואָס האָט אים אויף אַ רגע אַוועקגעשטעלט אויף דער זעלבער מדרגה וואָס דעם יידישן אַרענדאַר, האָט אַרויסגעבראַכט אויף דער אויבערפלאַך זיין גאַנצע פּוילישע ווייכהאַרציקייט און צוגעלאָזנקייט און ער האָט געזאָגט:

„פּאַניע פּנחס, צו וואָס זאָלט איר רעדן וועגן איבערנעכטיקן? יידן קענען זיין אין פוילן ווי לאַנג זיי ווילן. אייער מעסיאַש קען קומען קיין פוילן. זאָל ער קומען און זען, צי מיר באַהאַנדלען אייך שלעכט. און אויב עס וועט אים נישט געפעלן, זאָל ער אייך פירן ווו ער וויל. נאָר צו וואָס זאָלט איר גיין זוכן גליקן ערגעץ אַנדערש? די שליאַכטע באַגייט זיך שלעכט מיט אייך? דאָס ווילדקייט, די כלאָפּעס, זענען אומעטום די זעלבע. אויב עפּעס געפעלט זיי נישט, נעמען זיי די קאָסעס און זיי שעכטן. זיי שעכטן אייך און זיי שעכטן אונדז. איר זעט דאָך אַליין, פּאַניע פּנחס, איך בין אַנטלאָפן און איר גרייט זיך צו אַנטלויפן. ווי הייסט עס אין אייער לשון?״

„גלות!״, האָט אים ר׳ פּנחס אַרויסגעהאָלפן.

„יאָ, גאָלוס״, האָט בריניצקי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, „ס׳איז זייער נישט קיין גוטע זאַך״.

„איר דערציילט מיר, אַז דאָס איז נישט קיין גוטע זאַך, פּאַניע בריניצקי? איר הערט, ד״ר אַרטאַפּאַנוס? פּאַן בריניצקי זאָגט אונדז, אַז גלות איז נישט קיין גוטע זאַך״, האָט ר׳ פּנחס מיט אימה אַריינגעשמייכלט אין דער באָרד.

„ס׳איז התחלתא דמשיחא״, האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט, קוקנדיק ווי בריניצקי זיצט אויף אַ קופער און הוידעט מיט די פיס אין נערוועזקייט.

פּאַן בריניצקי האָט אויפגעהערט הוידען די פיס, אַרויפגעדרייט איין האָרנדל פון זיינע פּאַרשפּיצטע וואָנסעס און קוקנדיק דאָ אויף ר׳ פּנחס און דאָ אויף אַרטאַפּאַנוסן האָט ער געפרעגט פּאַרלוירן:

„וואָס איז דאָס אַזעלכעס?״

„דאָס איז אַזוי״, האָט אַרטאַפּאַנוס אויפגעהויבן אַ פינגער ווי ער וואָלט געגאַנגען דערקלערן עפּעס פּאָר קינדער און ער זוכט די געהעריקע לייכטע ווערטער. „אין אונדזערע הייליקע ספרים שטייט געשריבן, אַז איידער משיח וועט קומען, וועט ווערן אויף דער וועלט אַ צעמישונג, עפּעס אַזעלכעס וואָס קומט איצט פּאָר פּאָר אונדזערע אויגן. דאָס זענען די חבלי משיח, די ליידן פּאַרן אָנקומען פון משיחן. אויב דאָס געבוירן ווערן פון איין איינציקן נייעם מענטש איז געבונדן מיט אַנגסטלעכע יסורים,

ערשט וואָס פאַר אַן אַכזריותדיקע יסורים זענען פאַרבונדן מיטן געבוירן ווערן פון אַ נייער מענטשהייט! ביים געבוירן ווערן פון איין נייעם מענטש ראַנגלט זיך אין קראַמפּן איין און וויב און אָפט שטאַרבט זי פון די יסורים, ווען דאָס קינד קומט אויף דער וועלט. איצט ראַנגלט זיך אין טויטלעכן אַנגסט אַ פאָלק, עס גייט אָפּ אין בלוט און נאָר גאָט אין הימל ווייסט, צי וועט קומען די דערלייזונג, צי וועט קומען משיח, וואָס וועט אויסלייזן נישט נאָר ייִדן, נאָר די גאַנצע וועלט!״

פאַן בריניצקי, וואָס האָט פון אַרטאַפּאַנוסעס ווערטער ווייניק וואָס פאַרשטאַנען, נאָר געהערט איבערחזרן דאָס וואָרט „משיח״, האָט זיך איבערגעצלמט און גע־זאָגט:

„אָבער משיח איז דאָך שוין געקומען אין קריסטוסן, נאָר יידן גלייבן נישט אין אים!״

דער גאָטפאָרכטיקער ר׳ פּנחס האָט זיך דערשראָקן, די בליקן זענען אים געוואָרן אומרויִקע, לויפנדיקע, ווי ער וואָלט געזוכט וואָס אַזעלכעס עס געשעט מיט די ווערטער, וואָס דער קריסט זאָגט אַרויס ביי אים אונטערן דאַך. אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעצויגן די אַקסלען אַהינטער און געזאָגט אַן ליידנ־שאַפט:

„אַזוי ווערט געזאָגט, אַז ווען משיח וועט קומען וועט הערשן אייביקער שלום אויף דער וועלט. איין מענטש וועט נישט אויפהייבן די שווערד אויף אַ צווייטן, אַ לייב וועט זיך פּיטערן מיט אַ שעפעלע און אַ קינד וועט זיין זייער פּי־טערער״.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך פּלוצים אַ שאַרפן קער געטון און געזאָגט מיט אַ העכערער שטים:

„נו, פאַניע בריניצקי, איז עס אַזוי ווי איר זאָגט, אַז משיח איז שוין געקומען?! געקומען און די וועלט איז ווייטער ווי געוועזן: פעלקער שעכטן זיך; אַפילו איין קריסטלעך פאָלק שעכט דאָס צווייטע קריסטלעכע פאָלק; קריסטן האַסן ייִדן, לאָזן זיי נישט לעבן ווי מענטשן, יידן טאָרן ביי זיי נישט האָבן קיין פעלדער און זיי באַאַרבעטן מיט אייגענער אַרבעט, טאָרן זיך נישט פאַרנעמען מיט מלאכה און מסחר, נאָר זיי זענען געצוווּנגען צו באַדינען די שליאַכטע און אויסנוצן די פּויערים. זיין די אָפּלייטער פון דער שׂנאה צו דער שליאַכטע! און איצט זעט איר ווי די גלייביקע אין דעם געקומענעם משיח שניידן אויף די בייכער פון שוואַנגערנדיקע פרויען, רייסן אַרויס די וולדים און נייען איין אין די בייכער לעבעדיקע קעץ; די גלייביקע אין דעם געקומענעם משיח הענגען אויף קינדער אויף די בריסטן פון זייערע מאַמעס. די גלייביקע אין דעם געקומענעם משיח האַקן אָפּ די קעפּ פון ייִדן מיט גרעסערער שׂמחה, ווי זיי שניידן אָפּ די תבואות פון זייערע פעלדער; זיי הענגען־אויף אויף ביימער די כהנים פון אייער משיח! דאָ אַנומלט בין איך ביז די קנעכל געשטאַנען אינעם בלוט, וואָס איין טייל פון משיחס זין האָבן פאַרגאָסן פון אַ צווייטן טייל פון זיינע זין. משיח דאַרף קומען, כדי אויסצולייזן די וועלט פון שלעכטס און האַס. איז ער שוין געקומען, פאַניע בריניצקי?!״

אַרטאַפּאַנוס איז געבליבן הענגען מיט זיינע פרעגנדיקע בליקן אויף בריניצקי.

בריניצקי איז געווען צעטומלט. ער האָט געפינטלט מיט די אויגן און נערוועז געדרייט אַ האָרנדל פון אַ וואָנסע:

„גאָלוס, פּאַניע דאָקטאָר, אַ שווערער גאָלוס, פּשיאַ קרעוו!"

קאַפּיטל צוועלף

שבת אין דער פרי איז ברײַנדל די אײנגײערקע געזעסן ביי זיך אין דער היים, און פאַר אירע שכנטעס פאַרגעלײענט די ,צאינה וראינה׳. די ווײַבער האָבן געקלאָגט און געוויינט אויף דעם חורבן בית המקדש, וואָס ברײַנדל האָט אַרויסגעלײענט פונעם הייליקן ספר מיט קרעכצעניש און זיפצעניש, ווי דאָס קרעכצן און זיפצן וואָלט געקומען פון די דיקע און גרויע בלעטער און נישט פון ברײַנדלס שווער האַרץ.

פון דעם אַלץ וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט אין הויז פון די אָרטאָפּאַנוסעס, האָט זיך איר דאָס געהערטע אויסגעמישט מיט דעם וואָס זי האָט אַרויסגעלײענט. די גיבורים פון ירושלים האָבן זיך איר אויסגעמישט מיט די גיבורים פון טולטשין און מיט די קדושים פון נעמיראָוו. זי האָט געהערט די געוויינען פון די מאַמעס, וואָס רוצחים שעכטן די קינדער פאַר זייערע אויגן, און די געדרוקטע אותיות אויף די טונקעלע בלעטער פונעם ספר האָבן זיך איר פאַרווישט און געוואָרן פאַרנעפּלט. אירע אויגן האָבן מער נישט געזען. טרערן האָבן זיי פאַרגאָסן. גלאַנציקע שטראָמעלעך האָבן אַראָפּגעריזלט צווישן די פאַלדן פון איר צעאַקערט פנים. דאָס אומגליק אויף ייִדן איז זייער גרויס און איר האַרץ איז איבערפולט.

די שכנטעס, וואָס האָבן פריער ביטער געוויינט ווען ברײַנדל האָט בלויז גע־קרעכצט, האָבן איצט מיט זיפצענישן געקוקט אויף ברײַנדלס פנים און אויף דעם פליײץ פון אירע טרערן און אויך זיי האָבן זיך ביטער פונאַנדערגעוויינט. וואָס אַזעלכעס שטייט דאָרט געשריבן אין דעם הייליקן ספר, וואָס ברײַנדל לייענט נישט ווייטער, נאָר זי וויינט פאַר זיך אַליין? און זיי זאָגט זי מער גאָרנישט? זיי וואָלטן אַליין גענומען דאָס ספר צו זען וואָס דאָרט שטייט געשריבן, נאָר זיי קענען, נעבעך, נישט קיין עברי־טייטש. יעדן שבת מוזן זיי אָנקומען צו ברײַנדלען, זי זאָל פאַר זיי פאַרלײענען. זי לייענט אַזוי זיס, אַז דאָס האַרץ צעגייט פון תענוג. זי לייענט מיט אַן אימפּעטיקן ניגון, ווי זי אַליין וואָלט געווען דערביי, ווי יעקב האָט געהאַט זיין חלום, אָדער ווי משה רבנו האָט די ייִדן אַרויסגעפירט פון מצרים. וואָס איז דאָס מאָל געשען מיט איר וואָס זי לייענט נישט פאַר זיי ווייטער, נאָר זי כליפּעט?

פּלוצים, ווי עס שטעלט זיך אָפּ אַ פּליסיקער רעגן און עס שיינט אויף די זון, ווי עס וואָלט גאָר קיין רעגן נישט געכליאָפּעט, האָט ברײַנדל אויפגעהערט וויינען

און געזאָגט מיט אַ שטים גלייך זי וואָלט נאָר וואָס געקומען פון דער גאַס און זי דערציילט וואָס אירע אויערן האָבן געהערט:

„ס׳י דעך ווי מיין האַר האָט זיך אָנדערציילט! עשו איז אַריין אין הייליקייטן, צעריסן ספר־תורהס, פאַרברענט, חרוב ונחרב געמאַכט און אויסגעשאָכטן קינד און קייט, אַז די געוואַלדן זענען געגאַנגען אין הימל אַריין. און ווי די ייִדן האָבן נישט געקענט ביישטיין דעם שונא ביים בית המקדש, אַזוי האָבן נישט געקענט די ייִדן ביישטיין די קאָזאַקן און די טאַטערן. מיין האַר דערציילט, אַז זיי שיטן זיך ווי היישעריקן אין מצרים, מיליע מיליאָסן. מיין האַר איז דאָך געוועזן אין דער מלחמה מיט די דוקאָסן און פירשטן!״ האָט ברײַנדל שטאָלץ אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אויסגעגלייכט אין די אַקסלען, ווי זי פלעגט עס זען ביי לאהן. „איר האָט געדאַרפט זען ווי מיין יצחק האָט אויסגעזען ווען ער איז צוריקגעקומען מיטן פאָטער. קיין צורה און קיין געשטאַלט פון אַ ייִד, אָן אַ פּיצל באָרד און אָן די פּיאות. באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן. אַזש ביז הינטער קיעוו האָט ער זיך פאַרקליבן, כדי צו ראַטעווען ייִדן. איינגעשטעלט דאָס אייגענע לעבן, וויי איז מיר, נעבעך. וואָס דען? אַז דער בוים איז אַ גוטער זענען די פּירות אויך אַזעלכע. און וואָס די לאה האָט זיך אָנגעליטן איידער זי האָט דערלעבט צו זען אירע פּאָר די אויגן! זי האָט קיין נעכט נישט געשלאָפן און קיין טעג נישט גערוט. נאָר ס׳איז, חס ושלום, געשען מיט זיי עפּעס אונטערוועגנס! אַז פון דאָקטאָר מאָנטאַלטאָ האָט מען גאָר קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען, ווי ער וואָלט, חלילה, פון דער מלחמה געגירט געוואָרן. וואָס איז דער וווּנדער, אַזוי פיל זאַכן זיך אָנגעזען, אַז קיין שום ייִד זאָל עס נישט זען, ליבער פאָטער אין הימל! אַרטאַפּאַנוס, האָט ער געזאָגט, איז געפאָרן צום זון. ווו צום זון? ווען צום זון? — גאָרנישט. האָב איך איר געזאָגט: האַרינטע לאה, די וועלט איז טאַקע קיין וועלט נישט, אָבער גאָט איז אייביק. זאָל איך אַזוי זיין געזונט, ווי זיי זענען געזונט. ס׳וועט זיי, חלילה, קיין האָר פון קאָפּ נישט פעלן. ס׳מונד קען זאָגן שקר, נאָר אַז דאָס האַרץ זאָגט עפּעס, איז עס וואָרע וואָר. און איך זע זיי ביידע לעבעדיקע וואָס הלוואַי זאָל איך נאָך אַזוי זוכה זיין צו זען משיחן״.

„איז וואָס זאָגן די גרויסע לייט וועט זיין? איז טאַקע עק וועלט? וועלן, חלילה, ייִדן חרוב ווערן ווי ס׳בית המקדש איז חרוב געוואָרן?״ האָט אַ שכנטע געוואָלט ברײַנדל זאָל איר זאָגן.

„טפו, טפו!״ האָט ברײַנדל אויסגעשפּיגן און מיט צוויי פינגער זיך אָפּגעווישט די ליפּן, „גאָט האָט דאָך געשוווירן, אַז ער וועט מער נישט חרוב מאַכן״.

„ברײַנדל־לעבן, פאַראַכטאָגן שבת האָט איר דאָך געלייענט פון דער צענערענע, אַז גאָט האָט געשוווירן ער וועט מער נישט ברענגען קיין מבול אויף דער וועלט און דאָס וואָס געשעט איז דען נישט אַ מבול?״ האָט אַ צווייטע שכנטע געפרעגט.

ברײַנדל האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אין דער ברייט.

„ייִדיש בלוט גיסט זיך טאַקע ווי וואַסער, וויי איז מיר און ווינד, נאָר גאָט וועט אַלץ נישט חרוב מאַכן. וואָלט נישט דער מלך געשטאָרבן, וואָלט שנעל

געגומען אַן עק צו די צרות. מען זאָגט, אַז דער מלך איז געשטאָרבן פון האַרץ־קלעמעניש. די קאָזאַקן האָבן דאָך צערויבט אַלע זיינע מאַיאָנטקעס און ער איז בדיל־הדל געוואָרן".

„ווען מען זאָגט מיר פריער, וואָלט איך פאַר אים געגאַנגען איבער די הייזער", האָט אַ שכנטע געזאָגט מיט סאַרקאַזם, „ער האָט עפּעס אַ סך געהאַרעוועט אויף זיינע מאַיאָנטקעס? ס׳איז דאָך יידיש בלוט און פראַצע!"

„נו איז וואָס?" האָט ברײנדלען פאַרדראָסן פאַרוואָס די שכנטע רעדט אויפן מלך נאָכן טויט, „אַז סע ברענט דער נדן קען מען נישט פלאַצן פון עגמת נפש? מען זאָגט, אַז ער איז גאָרנישט געווען אַזאַ שלעכטער מלך".

„מאַלע וואָס מען זאָגט", האָט די שכנה נישט אָפּגעלאָזט, „ער איז דאָך געווען אַ ווייבערניק!"

„וועלכער מאַנצביל איז עס נישט?!" האָט ברײנדל אָנגעשטעלט די אויגן אויף דער שכנה. „אַלע זענען זיי פון איין טייג געקנאָטן. אַז ווי נאָר זיי זעען אַן אשה איז נישט געדאַכט זאָל עס ווערן. נאָר צדיקים זענען אָפּגעהיטע לייט און אין זייער זכות"...

די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט און מיט אימפּעט איז אַריין איר זון מנחם:

„מאַמע!" האָט ער אויסגערופן, „עס זענען אָנגעקומען פּליטים פון בריסק! די קאָזאַקן גייען אויף בריסק! די גאַנצע שטאָט קאָכט!"

די צאינה וראינה איז אַראָפּגעפאַלן פון ברײנדלס שויס. זי האָט דאָס ספר אויפגעהויבן, אַ קוש געטון און צוגעלאָפן צום זון.

„מיינע שונאים! וועלן זיי דאָך, חלילה, אויך גיין אויף אונדז!"

„זיי זענען אָנגעקומען אויפן מארק", האָט מנחם נישט געהערט וואָס די מוטער זאָגט. „געקומען מיט וועגענער און צו פוס".

„דאַרף איך דאָך לויפן צו מיינע", האָט ברײנדל אַ דערשראָקענע זיך אַרומגעקוקט. „לאה וועט עס נישט אויסהאַלטן".

די שכנטעס זענען זיך צעלאָפן. ברײנדל האָט געכאַפּט אַ טיכל אויפן קאָפּ, פאַרריכט דאָס פאַרטעך און אַ שלעפּ געטון נאָך זיך דעם זון:

„קום, לאָמיר לויפן!"

ביזן מאַרק זענען געלאָפן צוזאַמען מוטער און זון. די בריסקער פּליטים אויפן קליינעם מאַרק זענען געווען אַרומגעשטעלט פון יידן, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט עמערס וואַסער, אַהערגעבראַכט שבתדיק קאַלט עסן און זיך צוגעקוקט צו די אויסגעהונגערטע קינדער און ווייבער. פון די פּליטים האָט זיך געטראָגן דער ריח פון מידקייט און שטויב. נאָר ברײנדל האָט נישט געהאַט קיין צייט זיך צוצוקוקן און אויסצוהערן וואָס אַלץ די געקומענע האָבן צו דערציילן. זי האָט געאײלט צום טויער, צו זיין וואָס שנעלער אין הויז פון אַרטאַפּאַנוסן. צי ווייסן שוין אירע וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, אָדער וועט זי, חלילה, זיי דאַרפן מבשר זיין די ביטערע בשורה? לויפנדיק האָט זי זיך אין די מחשבות אויסגעטענהט מיט לאהן. אירע טענות זענען געווען אַזעלכע הייסע, אַז זיי האָבן אַרויסגעשפּאַרט פון איר מיט אָפּגעריסענע

ווערטער, וואָס עס האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז ברײַנדל רעדט צו זיך אַליין:

„וואָס וועט עס העלפן?... נאָדיר גאָר... חלילה!... האַקן קאָפּ אין וואַנט?... ס... גאָט שיקט די רפואה פאַר דער מכה... אַזעלכע מחותנים!... בתיהלען איז שלעכט?... קאַליש איז אויך אַ שטאָט!... וואָס וועט איר, האַרינטע, פאַרשפּעטיקן?... פּהי״...

ברײַנדל איז אַריינגעפאַלן מיט אימפּעט, נאָר דאָס הויז פון אַרטאַפּאַנוסן איז געשלאָפן אַ שבת־נאָך־מיטאָגדיקן שלאָף. בלויז מרים איז נישט געשלאָפן. זי איז געשטאַנען ביים פענצטער פון סאַלאָן און אַראָפּגעקוקט אויף דער גאַס. האָט זיך ברײַנדלס אימפּעט פאַרלאָשן און זי האָט געזאָגט פליסטערנדיק:

„ס׳איז בעסער. זאָלן זיי שלאָפן מיט גוטע חלומות. אַ גוטער חלום אין איין מינוט איז בעסער פון אַ שלעכט יאָר אויף דער וואָר... און אַ שלעכטע בשורה פאַרשפּעטיקט מען קיין מאָל נישט... גאַנץ בריסק איז אַנטלאָפן פון וועגן די קאָזאַקן און ליגט נעבעך אויפן מאַרק, אַז ליגן זאָל עשו און זיך נישט קענען רירן! אַז די יאַשניצ פּאַנעס האָבן פאַר זיי אָפּגעטרעטן דעם וועג, קריכן זיי ווי ס׳געפּי אין קרויט און יידן מוזן, נעבעך, מחלל שבת זיין. טס! איז וואָס שטייסטו, מרימל?״

מרים האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען פון דעם וואָס ברײַנדל האָט צערעדט. נאָר אויב זי איז געקומען שבת נאָך מיטאָג איז מסתמא עפּעס גאָר וויכטיקס געשען.

„וואָס זאָל איך טון?״ האָט מרים געפרעגט אויף ברײַנדלס קשיא.

„זאָלסט זוכה זיין צו פירן דיינע קינדער צו דער חופה״, האָט ברײַנדל גע־ענטפערט.

מרים איז רויט געוואָרן און געפרעגט אין פאַרלעגנהייט:

„וואָס רעדט איר, ברײַנדל, ווי האָט מען קינדער, אַז מען האָט נישט חתונה?״

„עסט חתונה האָבן, עסט חתונה האָבן! הלוואי זאָל איך אַזוי זיין אויסגעזאָרגט מיט אַלע יידישע טעכטער״, האָט ברײַנדל געשאָקלט מיטן קאָפּ און געקוקט צו דער טיר טאָמער איז שוין עמעצער פונעם עולם אויפגעשטאַנען. „ס׳זאָל נישט זיין אַזאַ מהלך רב וואָלט איך זיי אַרויסגעטראָגן אַביסל אויבס, אַ זשאַרנע געבעקס. סע שניידט ביים האַרץ ווי זיי זיצן, נעבעך, אויפן מאַרק... דו ווייסט, מרימל, מיין שווער, אַ לאַכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, איז דאָך געווען אַ בריסקער. ער האָט חתונה געהאַט קיין לובלין... געווען זייער אַ שיינער מאַנצביל... אַלץ פאַרזינדיקט מען נעבעך״... האָט זי אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך.

ברײַנדל איז געוואָרן שטאַרק אומגעדולדיק. זי וואָלט עפּעס געטון, נאָר ס׳איז שבת און עס ליגט אויף איר אַ פּחד, זי זאָל נישט מחלל שבת זיין.

לאה האָט זיך נישט געריכט, אַז ברײַנדל זאָל אין דעם טאָג קומען. אַז זי איז די ערשטע אַריין אין סאַלאָן און דערזען די איינגייערקע, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז געשען. אָבער ברײַנדל, וואָס האָט פריער געברענט אויסצודערציילן אַלץ, וואָס זי ווייסט, איז אויפן אָנבליק פון לאהן געוואָרן סודותפול. זי האָט נישט געוואָלט רעדן. אויף לאהס פּנים איז געלעגן רו און שלווה. זי האָט געלויכטן מיט פרישקייט. ברײַנדל האָט געטראַכט, אַז לאהס אויגן ווי מען וואָלט זיי אויס־

געווישט מיט פריש־געלייגטע וואַרעמע אייער. ווען זי נישט פאַרשטערן איצט איר גוט געמיט מיט אַ שלעכטער בשורה. ערשט ווען אַרטאַפּאַנוס איז אַריין אין סאַלאָן, האָט זי זיך פונאַנדערגעוויגט אין די אַקסלען, ווי אַן אומרו פון אַ זייגער, און געוואַרט, אַז דער האַר זאָל מיט איין וואָרט צעעפענען די קוואַלן פון איר שווער האַרץ.

„נו, ברײַנדל, דער טשאַלנט איז היינט געראָטן?" האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט.

די קוואַלן פון ברײַנדלס שווער האַרץ זענען אויפגעפּראַלט געוואָרן:

„אַז די עשוס זאָל אַזוי באַקומען זייער גאַנץ לייב און לעבן, ווי מיר איז היינט באַקומען ס'מאַלצייט. זיי לאָזן דען לעבן?... איך וועל דאָך נישט גיין זאָגן עצות א י ם אין הימל, אַז נישט געשטראָפט זאָל איך ווערן פאַר די רייד. נאָר איר זאָלט מיך, האַר לעבן, אָפּשינדן די הויט פאַרשטיי איך נישט צוליב וואָס האָט ער זיי באַשאַפן. אַז זיי וואָלטן נאָר געגזלט און גערצחנט. ייִדן זאָלן, נעבעך, מוזן מיט פערד און וועגן אַריינקומען אין דעם הייליקן טאָג קיין לובלין! וואָס זאָלן זיי, נעבעך, טאָן? גאָרנישט געשעטע דאָך אַן זיין ווילן און אָן זיין מאַכט, נעמט ער און ער צעשטערט ביי אַ שטאָט ייִדן דעם הייליקן שבת. ער זאָל מיר נאָר נישט שטראָפן פאַר די רייד".

„וואָס אַזעלכעס איז געשען?", האָט אַרטאַפּאַנוס צוזאַמענגעצויגן די ברעמען אין געמאַכטער ערנסטקייט פאַר דעם אויסגוס פון ווייבערישע רייד.

„איר ווייסט גאָרנישט, האַר לעבן? גאַנץ בריסק האָט זיך דאָך אַראָפּגעלאָזט צו אונדז! אַנטלאָפן, נעבעך, פון וועגן די קאָזאַקן. איר האָט זיי נישט געזען? אוי און וויינד איז מיר ווי דאָס זעט אויס! מיט פּיצלעך קינדער, מיט ווייבער. אויפן מאַרק ליגן זיי, נעבעך, אין אַזאַ שבתדיקן טאָג!".

„בריסקער ייִדן זענען אַנטלאָפן?" האָט אַרטאַפּאַנוס איבערגעפרעגט.

ברײַנדל האָט נאָך געהאַט וואָס צו זאָגן, נאָר אַרטאַפּאַנוס האָט שוין מער נישט געהערט.

„נישטאָ איצט ווער עס זאָל אָפּהאַלטן ס'ווילדעניש!" האָט ער אַ קלאַפּ געטון מיט אַ פויסט אין דער צווייטער אָפענער האַנט, „ביי דער שלימזלדיקייט פון דער שליאַכטע בין איך נישט זיכער, צי זיי וועלן אויך נישט זיין אין לובלין. אַז דער קעניג לעבט וויל הערשן די שליאַכטע, נאָר אַז דער קעניג איז געשטאָרבן, איז נישטאָ ווער עס זאָל הערשן. וואָס פאַר אַ לייכטזיניק פאָלק!"

לאה האָט אַנגעשטעלט אירע צעשראָקענע אויגן אויף אַרטאַפּאַנוסן:

„איצט דאַרף מען טראַכטן וועגן זיך און נישט וועגן דער שליאַכטע", האָט זי געזאָגט אַ באַהערשטע.

„ניין, לאה", האָט ער אומגעדולדיק אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, „ווען דאָס לאַנד וווּ מיר לעבן איז אין סכנה, איז עס אונדזער לאַנד און אונדזער סכנה. אויב פירשט טשעטווערטינסקי האָט פאַראָטן די טולטשינער ייִדן, האָט פירשט ווישניעוועצקי זיך אָפּגערעכנט מיט די קאָזאַקן פאַר די קרבנות אין נעמיראָוו, און טויזנטער ייִדן האָבן זיך געראַטעוועט אין זיין לאַגער. געדענק דאָס לאה! נישט נאָר דאָס שלעכטע דאַרף מען געדענקען, נאָר אויך דאָס גוטע!"

ברײַנדל האָט פֿאַרקוועטשט די ליפּן. זי האָט קײנמאָל זיך נישט אַרײַנגעמישט ווען אַרטאַפּאַנוס האָט גערעדט מיט לאהן. זאָל זיך אַ פֿרעמדער נישט מישן ווען צווײ שלאָפֿן אויף אײן קישן. אָבער דאָס מאָל האָט איר די צונג געלאָפּטשעט עפּעס צו זאָגן. זי האָט זיך פֿון דעסטוועגן באַהערשט און געטראַכט: אַזאַ קלוגער און געלערנטער מאַן, נאָר איצט האָט אים די וויסטע בשורה פֿאַרטשאַדעט און ער רעדט פֿון וועג — זאָל איר גאָט נישט שטראָפֿן פֿאַר די זינדיקע מחשבות.

לאה האָט פֿאַרלײגט אַ האַנט איבער אַ האַנט און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. אַרטאַפּאַנוס האָט געכאַפּט דעם אויבער־בגד און איז אַוועק.

„איך וועל זיך נישט פֿאַרזוימען!" האָט ער אויסגערופֿן שטײענדיק שוין בײַ דער טיר.

איצט איז ברײַנדל געווען פֿרײַ און זי האָט געזאָגט:

„וואָס איז דאָ צו רעדן? קאַליש איז דאָס זיכערסטע אָרט. ווען איר זאָלט וועלן פֿאָלגן אַ נאַרישע ײדענע, וואָלט איר געדאַרפֿט פּאַקן די פּעקלעך און גלאָסן אַוועקפֿאָרן צו בתיהן קײן קאַליש. זי איז דאָך אַ האַרציק קינד און זי וועט זיך נאָר פֿרײען מיט אײַך. און פֿאַרן מחותן וועט עס זײַן אַ גרויסער כבוד. וואָס זאָגסטו, מרים־לעבן? דו ביסט דאָך אַ קלוג קינד".

„עס וועט זײַן ווי דער פֿאָטער וועט באַשליסן!" האָט מרים געענטפֿערט.

„אַוודאי דאַרף דער האַר באַשליסן. נאָר דו ווײסט ווי מען זאָגט? דער מאַנצביל רעגנט און דאָס װײַב־דער־ווינט קערעוועט אים. לערן זיך, לערן זיך, מײַן קינד, ס'עט דיר אַמאָל צונוצקומען".

לאה האָט זיך נישט געקענט באַהערשן. ווי ביטער עס איז איר געווען אויפֿן האַרץ האָט זי זיך האַרציק צעלאַכט:

„די פּריצים זוכן אַ קעניג, אפשר וואָלטן זײ אויסגעקליבן ברײַנדלען?"

„צו מײַן גאַנצן געלענדער פֿעלט מיר נאָך דאָס", האָט ברײַנדל אַ טרײסל געטון מיטן קאָפּ און אַלע קנײטשן אין איר פּנים האָבן זיך צעשמײכלט, וואָס די האַרינטע חוזקט פֿון איר גוטמוטיק.

באַלד נאָכן מאַכן הבדלה האָבן זיך אין הויז פֿון קהל צונויפֿגעקומען די פּרנסים, דער רב און די רײַכע ײדן, כדי צו פֿאַרזאָרגן די אָנגעקומענע פּליטים פֿון בריסק. וואָרום שווער איז שוין געווען דער עול פֿון קהל. נאָך פֿריער זענען קײן לובלין זיך צונויפֿגעלאָפֿן ײדן פֿון פּאָדאָליע און וואָלין. הגם די לובלינער ײדן האָבן אַלײן געלעבט אין גרויס ענגשאַפֿט, האָט יעדער, וועד עס האָט נאָר געקענט, אָפּגעבן אַ ווינקל פֿאַר די חרוב געוואָרענע. אַנדערע פּליטים האָבן מיט ווײַבער און קינדער געוווינט אין הקדש און זיך פֿאַרקליבן אין די ווײַבער־שילן. אַז די בריסקער פּליטים זענען אָנגעקומען, זענען שוין אַפֿילו די בוידעמער געווען פֿאַרנומען.

נאָך אײדער די אסיפה האָט זיך אָנגעהויבן, זענען עטלעכע פּרנסים געווען בײַ דער דעה, אַז מען זאָל די געקומענע פֿון בריסק אַרײַננעמען אויף איבער נאַכט אין

די שילן, זיי זאָלן זיך אויסרוען, און אויף צו מאָרגנס זאָל מען זיי אַרויסשיקן אין די שטעטלעך אַרום לובלין און אַפילו אויף יענער זייט ווייסל. און אַזוי אויך האָבן זיי געטענהט ווען די אסיפה האָט זיך אָנגעהויבן. לובלין קען נישט אויסטראָגן אַלע יידישע צרות. אַז די ענגשאַפט וועט ווערן צו גרויס, וועלן, חלילה, אויסברעכן מגיפות. דעמאָלט האָט זיך אויפגעשטעלט דער ערשטער ר׳ דוד אויערבאַך, אַ ייד אַ תּלמיד־חכם און גביר, וואָס האָט זיך צופיל נישט געמישט אין קהלשע זאַכן, און געזאָגט אַזוי:

„אָוועקלאָזן פון דער שוועל אַן אָרעמאַן מיט אַן אויסגעשעטרעקטער האַנט און אים נישט העלפן, איז אַ געוואלט גרויסע זינד און אַ בזיון, אָבער אַרויסשיקן פּליטים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון עמלקס שווערד און זיי זוכן אַ מקלט צווישן אייגענע ברידער, מיינט זיין אַן אַכזר אויף דער וועלט און פאַרלירן עולם הבא. איך בין מכריז בפני כל העם והעדה, אַז אַפילו די מחשבה וואָס דאָ איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן איז אַ שווערע זינד און הלוואי זאָל אונדז די השגחה נישט באַשטראָפן דערפאַר. צי האָט איר מיך צו דעם גערופן איך זאָל משתתף זיין אין דער זינד?

צווישן די פּרנסים איז געוואָרן אַ טומל. מען האָט ר׳ דודן ווייטער נישט געלאָזט רעדן. נישט ער איז דער רב וואָס זאָל מכריז זיין וואָס איז יאָ און וואָס איז נישט אַן עבירה. אַ פעסטער קלאַפּ אין טיש האָט איבערגעריסן דעם טומל. אַ בלייכער און מיט ציטערנדיקע ליפּן איז געשטאַנען אַרטאַפּאַנוס. די פויסט, מיט וועלכע ער האָט אַ קלאַפּ געטון אין טיש, איז פאַרבליבן אַ געביילטע. מיט אַ שטרענגן בליק איז ער אַריבער איבער די צעהיצטע פּנימער און געזאָגט מיט אַ שווער באַהערשטער שטים:

„אייערע אויגן זאָלן נישט זען וואָס מיינע אויגן האָבן שוין יאָ געזען: איך וועל מתפלל זיין, אַז קיין איינער פון אייך זאָל נישט געפּרווט ווערן מיט די נסיונות, מיט וועלכע איך בין שוין יאָ געפּרווט געוואָרן. דאָס זאָל מיר זיין צו אַ זכות צו זאָגן מיין וואָרט: זאָל קיין איין ייד וואָס איז געקומען אין אונדזער שטאָט צו זוכן אַ מקלט קעגן דער שווערד פונעם שונא, נישט פאַרטריבן ווערן. די מלוכה האָט נאָך נישט קיין מלך און די, וואָס פירן די מלחמה, זענען שוואַך אין כוח צו דערשלאָגן דעם שונא. אויב בריסק איז שוין היינט באַדראָט פון די קאָזאַקן וועט די סכנה מאָרגן אָנקלאַפּן אין די מויערן פון לובלין. זי וועט!״.

„זאָגט נישט אַן קיין שוואַרצע בשורות!״, האָט עמעצער אויסגערופן.

„אל תפתח פה לשטן!״ האָט עמעצער אַריינגעוואָרפן אין עולם.

„איך וויל און וועל זאָגן מיין וואָרט!״ האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן. „זאָל קיינער מיר נישט שטערן! איך זאָג נישט אָן קיין שוואַרצע בשורות און הלוואי עס זאָל שקר וכזב וואָס איך וויל זאָגן: מאָרגן קענען מיר אַליין זיין פּליטים. מאָרגן קענען מיר אַליין אָנקלאַפּן אין די טירן פון אונדזערע ברידער אויף יענער זייט ווייסל. מיר וועלן ליגן, חלילה, אויף די געמערק פון אָפּאַטאָוו, אָפּאָלע, צי ראַדאָם, ווי עס ליגן איצט די פּליטים פון בריסק אויף דעם געמאַרק פון לובלין. וועלן מיר האָבן רעכט צו דערוואַרטן הילף פון זיי, אויב מיר זאָגן אָפּ הילף די, וואָס קומען נאָך הילף צו אונדז? צי וועלן מיר, אין מצב פון אַנטלאָפענע, וועלן פאַרשטיין

אַנדערע, ווען זיי וועלן אונדז זאָגן ,פּאַרט אַוועק פון דאַנען אין אַנדערע שטעט, ווייל מיר האָבן שוין גענוג געהאָלפן' און מיר האָבן נישט גענוג געהאָלפן! צי זאָלן מיר עס איבערלאָזן פאַר דעם שטאַט-משוגענעם, ער זאָל אין די גאַסן אויסשרייען, אַז די רייכע יידן און די פרנסים האָבן נישט אַריינגענומען אין זייערע הייזער יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון זיכערן טויט, ווייל אַנדערע יידן האָבן מורא דאָס צו זאָגן? ביי מיר אין הויז זיצט נישט קיין איין אַנטרונענע משפחה און איך האָב אַ גרויס הויז. און אַפילו ווען מיין הויז געפינט זיך אין דער קריסטלעכער געגנט — וועל איך אַריינגעמען אַ משפחה מיט קינדער פון צווישן די אָנגעקומענע פון בריסק".

„אויך איך נעם אַריין אַ משפחה מיט קינדער!" האָט אויסגערופן ר' דוד אויערבאַך.

„אויך איך!" האָט זיך אויפגעשטעלט ר' אברהם בן יהודה, אַ ייִד אַ גאון און פון די אָנגעזעענסטע לייט אין שטאָט.

אַרטאַפּאַנוס האָט אויפגעהויבן אַ האַנט ווי אַ צייכן, אַז ער האָט נאָך נישט געענדיקט רעדן, און ער האָט ווייטער געזאָגט:

„עס זיצט מיט אונדז דער רב פון לובלין און דער מנהל פון דער גרויסער ישיבה. וויל איך פרעגן אַ שאלה: אויב די תפילה ביחידות ווערט אָנגענומען אין הימל ווי די תפילה בציבור, צי איז נישט אַ גרעסערע מצווה אַריינצונעמען אין די בתי־כנסת פּליטים, ווי דאַווענען בציבור, און אויף דער צייט ביז דער שוואַרצער וואָלקן וועט אַריבער, זאָלן יידן דאַווענען ביחידות אין זייערע היימען?"

„וואָס נאָך, דאָקטאָר אליעזר אַרטאַפּאַנוס?!" האָט אַ געשריי געטון ר' מענדל פרנס.

„גאַרנישט מער ווי אַז קיין איין געקומענער ייד זאָל נישט בלייבן אין יידישן לובלין אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אָן שפּייז", האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט.

„מיר קענען נישט באַזאָרגן אונדזער אייגן אָרעמקייט מיט שפּייז!", האָט די זעלבע שטים געשריגן.

„דאָס ווייס איך, פרנס! דאָס אייגן אָרעמקייט איז אַ באַשטענדיקס און פון איר ליידן די אָרעמע פון זייער געבורט ביז צו זייער טויט. אָבער די געקומענע וועלן זיין ביי אונדז צייטווייליק, ביז זיי וועלן קענען צוריקקערן אַהיים, און צווישן זיי זענען פאַראַן אַ סך אַזעלכע, וואָס זיי האָבן אָפּגעראַטעוועט געלט. זיי וועלן זיך אַליין אויסהאַלטן. די אָרעמע וועלן מיר אויסהאַלטן".

„איר וועט באַשטימען רפואות פאַר קראַנקע און נישט דאָס, וואָס לובלינער קהל דאַרף טון!" האָט עמעצער געשריגן.

„איך האָב עס נישט באַשטימט און וועל עס אויך ווייטער נישט באַשטימען. איך וועל אָבער יאָ באַשטימען וואָס איך אַליין האָב צו טון און איך וועל יאָ זאָגן וואָס אַנדערע דאַרפן טון, ווי יידן, פאַר זייערע ברידער!" — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט להכעיסדיק.

מענדל פרנס האָט אַרטאַפּאַנוסן ווייטער נישט געלאָזט רעדן. אויך ער האָט וואָס צו זאָגן:

„אין לובלין זענען שוין פֿאַראַן דריי טויזנט פּרעמדע", האָט ער געטענהט, „די ענגשאַפֿט איז אַ סכנה. אין דער שטאָט מערן זיך גניבות. די פֿאַרמעגלעכע צווישן די פּליטים האַלטן זיך פֿאַר אַרעמעלייט און זיי ווילן קהל זאָל זיי שפּייזן. די קינדער פֿון די פּליטים גייען נישט אין די חדרים און זיי לויפֿן אַרום הפקר איבער די גאַסן. אין הקדש און אין די ווייבער־שילן, וווּ אַלע וווינען צוזאַמען, מערט זיך זנות. מיר וועלן דאָס אַלץ נישט נעמען אויף זיך".

„ס'איז אַן עת צרה, פּרנס!" האָט אַרטאַפּאַנוס געררופֿן.

„אין אַן עת צרה דאַרף מען די צרות צעטיילן צווישן אַנדערע קהילות אויך און נישט מיר אַליין זאָלן עס אויסטראָגן", האָט מענדל צוריקגערופֿן, „אויסער דעם, אויב אַנדערע קהילות אין סכנה וועלן הערן, אַז לובלין האָט אַ ברייט האַרץ, וועלן אויך אַנדערע קומען אַהער".

„קאַלטער חשבון איז פֿאַר מסחר און נישט ווי סוחרים האָבן מיר זיך צוזאַמענגעקליבן!", האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופֿן, זיך אויפֿגעשטעלט און אַוועק פֿון דער אסיפֿה.

אין דרויסן האָט אים אַרומגענומען אַ קילער ווינט מיט אַן אלולדיקן ריח. דער הימל איז געווען פֿאַרוואָלקנט, ווי עס איז פֿאַרוואָלקנט געווען אַרטאַפּאַנוסעס געמיט. עס איז אים געווען שווער צו באַרו־יקן זיך. וואָס פֿאַר אַ לייכטזיניקער שד זיצט עס אינעם מענטש, וואָס מאַכט אים שלעכט? פֿאַרוואָס איז דער מענטש אַזוי באַגרענעצט, ווען ער איז באַשאַפֿן אינעם צלם אלוקים? איז דאָך פֿאַראַן אין מענטש אַזוי פֿיל נאַטירלעך גוטס! ער ווערט גערירט פֿונעם שמייכל פֿון אַ קינד, ער איז גרייט זיך מקריב צו זיין ווען ער האָט ליב, ער קאַרגט גאַרנישט פֿון וועגן די געסט אויף זיינע שׂמחות און ווען ער קען גיט ער אויך צדקה בסתר. נאָר ווען זיין נאַטירלעכע גוטסקייט ווערט באַפֿאַלן אומגעריכט — ווערט ער האַרט און האַרצלאָז און קען ווערן אכזריותדיק, ווי אַ חיה. וווּ איז דער סוד פֿון דער מענטשלעכער נשמה? וואָס טרייבט דעם מענטש אין זיין קורצן לעבן, אויב ער קען זיין אַזוי שלעכט און אַזוי אַכזריותדיק, ער זאָל נישט זען דעם מיט־מענטש"...

„פֿאָטער!", האָט אַ הילך געטון אין דער פֿינצטערניש.

אַרטאַפּאַנוסן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מען רופֿט אים. ער האָט אַ קוק געטון אין הימל. ער וואָלט געשוווירן, אַז ער האָט געהערט ווי עמעצער האָט געררופֿן „פֿאָטער". אפֿשר האָט ער אַליין פֿאַר זיך אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט?

„פֿאָטער!", האָט ער דערהערט בולטער און נענטער. ער האָט זיך אומגעקוקט. פֿון דער פֿינצטערניש האָט זיך אַרויסגעשאַרט שבתאי.

„איך בין נישט געווען זיכער", האָט שבתאי געזאָגט שטיל, „איך האָב דעם פֿאָטער געזוכט אויף דער אסיפֿה".

„איז עפּעס געשען?", האָט אַרטאַפּאַנוס געפֿרעגט.

„פֿרוי בת־שבע איז געווען. דאָקטאָר מאַנטאַלטאָ האָט געבעטן דער פֿאָטער זאָל קומען צו אים אַזוי שנעל ווי מעגלעך".

„ער איז קראַנק!" האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט.

„ער איז זייער קראַנק. פרוי בת־שבע האָט געוויינט״, האָט שבתאי געזאָגט שטיל.
אַרטאַפּאַנוס האָט אָנגענומען דעם זון ביים אָרעם און זיי זענען אַוועק צום טויער מיט אייליקע טריט.
„איך וועל גיין גלייך אַהין און דו וועסט מיר ברענגען אַלע מיינע זאַכן... באַלד... אויך ביי אים איז דאָס אַלץ פאַראַן... ניין, בעסער ברענג מיר מיינע, זיי זענען מיר צו דער האַנט... זאָג דער מאַמען, אַז מיר וועלן האָבן געסט אויף אַ לענגערער צייט. איך וועל אַריינגעמען צו אונדז אין הויז אַ משפחה פון פּליטים. דו ווייסט שוין זיכער... די פון בריסק... אייל זיך צו״.
ערשט מיט צוויי טעג צוריק האָט אַרטאַפּאַנוס געזען דאָקטאָר מאָנטאַלטאָ און איצט האָט ער אים געפונען אין בעט, ווי ער וואָלט אין די צוויי טעג עלטער געוואָרן אויף אַ צען־פופצן יאָר.
„איך גיי שטאַרבן״, האָט ער אים געזאָגט מיט אַ שוואַכער שטים, „און נישט צוליב מיר האָב איך דיך מטריח געווען. צוליב בת־שבע. זי בלייבט אַליין. זי איז אויף דער גאַנצער וועלט איינע אַליין״.
„נו־נו־נו, וואָס פאַר אַ גוזמאות פון אַ פּאַציענט״, האָט אַרטאַפּאַנוס געפּרוווט מאַכן גוטע שטימונג, „ווען צו דיר וואָלט אַזוי גערעדט אַ קראַנקער, וואָלסטו דאָקטאָריש געחוזקט פון אים. פּאַציענטן ווייסן בעסער פונעם דאָקטאָר! אַלטע מעשׂיות... בת־שבע, וואָס איז דאָ געשען אַזעלכעס? נישט געקריגט זיך אַמאָל ווי אַ יונג פּאָרפּאָלק און דער יונגערמאַן דראָט מיט איבערלאָזן אַ יונגע אלמנה?״ האָט אַרטאַפּאַנוס זיך געוואָנדן צו דער אַלטער פרוי.
בת־שבע האָט געפּרוווט אַרויסבאַקומען פון זיך אַ שמייכל און נישט געקענט. אירע אויגן זענען געווען אָנגעפילט מיט שרעק. זי האָט צעפּירט די הענט:
„ער איז געקומען פון שטאָט. געזען די פּליטים און געוואָלט גיין צו דער אסיפה פון קהל, האָט ער זיך דערפילט שלעכט. דאָס איז אַלץ״.
„אַזעלכע זאַכן האָט מאָנטאַלטאָ שוין געזען הונדערטער. נישט ריכטיק? איבער־גענומען זיך. אַ טאָג אין בעט און ער וועט ווידער לויפן צו זיינע פּאַציענטן״.
„דאָס מאָל נישט, אַרטאַפּאַנוס״, האָט דער קראַנקער אָנגענומען די האַנט פון אַרטאַפּאַנוסן.
מאָנטאַלטאָ האָט געפּרוווט אָנווייזן אויפן האַרץ און די האַנט איז אים געבליבן אין האַלבער באַוועגונג.
פון דער אויסטערלישער זיקנה, וואָס איז געלעגן אויף זיין פּנים און פון דער העפטיקער שוויס־כוואַליע אויפן שטערן, האָט אַרטאַפּאַנוס געזען די מידקייט פון אַ געיעג צווישן לעבן און טויט. האָט ער פעסטער געדריקט מאָנטאַלטאָס האַנט און זיך איינגעקוקט אין דעם קראַנקנס אויגן — אויגן, פון וועלכע דאָס לעבן האָט זיך דערווייטערט...
פון דעסטוועגן, ווען שבתאי האָט געבראַכט דעם פאָטערס דאָקטאָריש קויבערל, האָט אַרטאַפּאַנוס דעם קראַנקן באַטראַכט און אים פאַרזיכערט, אַז אַלץ וועט זיין גוט. ער האָט געגלייבט אין זיינע ווערטער מער ווי אין דעם וואָס ער האָט געזען.

„זאָל נאָר בת־שבע נישט בלייבן איינזאַם”, האָט מאָנטאַלטאָ געזאָגט מיט שוועריקייט, „זי איז אַ גוטער מענטש”.

„ וועגן דעם האָב איך גאָרנישט געוווּסט, אַ גוטער מענטש, זאָגסטו ? פאַרוואָס האָסטו עס מיר נישט געזאָגט מיט צוואַנציק יאָר צוריק”, האָט אַרטאַפּאַנוס געשפּילט.

מאָנטאַלטאָ האָט פון שוואַכקייט פאַרמאַכט די אויגן. בת־שבע האָט געזוכט די בליקן פון אַרטאַפּאַנוסן, נאָר ער האָט אויסגעמיטן צו קוקן אין איר זייט. ער האָט געהייסן שבתאי אהיימגיין און זאָגן דער מוטער זי זאָל נישט וואַרטן אויף אים מיטן עסן. ער וועט דאָ בלייבן אַ שטיקל צייט.

ער איז געבליבן ביז נאָך האַלבער נאַכט. אין דער שטילקייט ביים בעט פונעם קראַנקן, מיט דער נאָך שטילערער בת־שבע, איינגעהילט אין אַ וואַרעמער טוך אַנטקעגן אים, האָט אַרטאַפּאַנוס פאַרנומען דאָס האַלב־נאַכטיקע איבעררופן זיך פון הענער. צענדליקער און צענדליקער הענער האָבן געקרייט אויף פאַרשידענע אָקטאַוועס און מיט פאַרשידענע קולות. אין דעם דאָזיקן האַלבנאַכטיקן כאָר איז דאָקטאָר משה מאָנטאַלטאָ איינגעשלאָפן אויף אייביק. זיין פּנים האָט זיך אַנטשפּאַנט, ווי דאָס פּנים פון אַ מענטש, וואָס האָט פּלוצים אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַן עול, וואָס איז געווען איבער זיינע כוחות...

קאַפּיטל דרייצן

אַרטאַפּאַנוס האָט נישט געזאָגט קיין שקר ווען ער האָט פאָרויסגעזאָגט, אַז מאָרגן קענען די לובלינער יידן גופא זיין פּליטים. ס'איז געקומען אַ סך שנעלער און אַזוי פּלוצים ווי דער טויט פון דאָקטאָר מאַנטאַלטאַ. נאָך איידער דער גרויזאַמער העטמאַן כמיעלניצקי איז מיט זיינע קאָזאַקן אַריבער דעם טייך וויעפּש, איז שוין דאָס יידישע לובלין פון זיך אַליין חרוב געוואָרן, ווי אַ בראַנדשטורעם וואָלט אומ־געריכט אַריבער איבער דער שטאָט.

נאָך דעם זעלבן טאָג ווי עס איז דערגאַנגען די שמועה, אַז דער העטמאַן מיט זיינע קאָזאַקן גייען אויף לובלין, זענען די פּרנסים און די רייכע אַוועק און מיט־גענומען מיט זיך אַלץ, וואָס האָט זיך געלאָזט אָנלאָדענען אויף געשפּאַנען. די וועגן קיין קאַצק, קאָזשעניץ און אָפּאָלע זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן מיט וועגענער און פוסגייער. עס זענען געלאָפן יידן מיט זייערע ווייבער און קינדער; גלחים, נזירות און קלויסטער־ברידער. צעשראָקענע האָבן איבערגעלאָזט די געשפּאַנען מיטן האָב און גוטס און מיט ווייב און קינדער אַוועק צופוס מיט וועגן און אומוועגן. ווי נעסטן מוראַשקעס וואָלטן צעשטערט געוואָרן און די מוראַשקעס צעלויפן זיך, אַזוי זענען שוואַרץ געווען די וועגן פון די איילנדיקע פון דער סכנה.

און ווי אַנדערע היימען, אַזוי איז אויך אין איין שעה צעשטערט געוואָרן דאָס הויז פון אַרטאַפּאַנוסן. ער האָט איילִיק איינגעקויפט אַ קאַרעטע מיט צווי פערד און געהייסן מיטנעמען נאָר דאָס נויטיקסטע: קליידער אויפן אָנקומענדיקן ווינטער, שפּייז אויף אַ פּאָר טעג און געלט. דאָס איבעריקע וועט בלייבן און מיט דעם — בלייבט ער אַליין. ער אַליין וועט לובלין נישט פאַרלאָזן. אומבאַהאָלפענע קראַנקע זענען געבליבן אין שפּיטאָל אין דער יידנשטאָט. זיי וועט ער נישט פאַרלאָזן. ער וועט נישט האָבן קיין פאַרענטפערונג — נישט פאַר זיך און נישט פאַר גאָט.

לאה האָט געזאָגט:

„הייס אויסשפּאַנען די פערד. אויב דו בלייבסט — בלייבן מיר אַלע. אויב עס וועט אונדז באַשערט זיין צו לעבן, וועלן מיר אַלע לעבן. און אויב נישט — וועלן מיר אומקומען צוזאַמען".

צום ערשטן מאָל אין די יאָרן וואָס זיי זענען געווען צוזאַמען, האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט צו לאהן מיט אַ באַפעלערישן טאָן:

„דו פֿאָרסט און מיט דיר פֿאָרן מיט די קינדער. מער וויל איך נישט הערן פֿון דיר קיין איינציק קעגנעריש וואָרט! ס׳איז איצט נישט די צייט אויף ווייבעריש צעגערן זיך. בין איך דאָקטאָר, אָדער פּרנס בין איך, וואָס איך זאָל אַנטלויפֿן פֿון די, וואָס האָבן זייער גורל אַריינגעלייגט אין מיינע הענט? אליעזר אַרטאַפּאַנוס וועט נישט זיין קיין דעזערטיר און צוליב זיין גוף וועט ער אַוודאי נישט שטעלן אין סכנה אייך!״

און צו די זין האָט ער געזאָגט:

„איר האָט נישט וואָס דאָ צו טון. פֿאָרט און איר זאָלט מיר אָפּהיטן אייער מוטער, אַז זי זאָל אָנקומען קיין קאַליש אַ געזונטע. און אויף אייער שוועסטער גיט אַכטונג. זי איז אַן נסיון און זי גלייבט צופֿיל אין מענטשן. אמת מרים?״.

מרים האָט נישט געענטפֿערט, אָבער יצחק האָט געזאָגט:

„איך וואָלט געבליבן מיט דיר, פֿאָטער. איך קען דיר זיין אַ הילף. שבתאי וועט באַגלייטן די מוטער און מרימען״.

„וואָס איז דאָ געוואָרן?! אויך דו ווילסט מיר אַנטקעגנרעדן?! ס׳איז נאָך נישט וועלט־אונטערגאַנג פֿאַר אַזאַ צעמישונג! וועסט טון אַזוי ווי איך זאָג און נישט אַזוי ווי דו מיינסט, אַז עס וועט זיין גלייכער!״.

אַלע האָבן געשוויגן: לאה, די זין, מרים. זיי האָבן נאָך דעם פֿאָטער אין אַזאַ האַרטקייט קיינמאָל נישט געזען, ווי ער וואָלט געווען אַ מיליטערישער אָנפֿירער און זיי זענען זיינע זעלנער.

יצחק און שבתאי האָבן זיך געזעגנט פֿון פֿאָרנט און אינעווייניק, אין דער קאַרעטע, איז געווען פּלאַץ פֿאַר לאהן, מרימען און די זאַכן, וואָס זיי האָבן מיטגענומען. לאה האָט איינגעהאַלטן די טרערן, זי האָט נישט געוואָלט מצער זיין איר מאַן, וואָס גאָט ווייסט ווען זי וועט אים ווידער זען. אָבער אַרטאַפּאַנוס, וואָס האָט זי גוט געקענט, האָט ליבערשט געוואָלט זי זאָל וויינען. ער האָט געהאָפֿט די טרערן אַרויסצורופֿן דורך אַ שמייכל, דורך אַ וואַרעמען בליק. ער האָט נישט געפֿועלט. לאה האָט אויסגעהאַלטן זיין שמייכל, זיין ווייכן רירנדיקן בליק, און כאָטש זי איז געווען פֿול מיט טרערן, ווי אַ פֿאַס איז איבערפֿולט מיט וואַסער, האָט זי די אויבערשטע ציין איינגעביסן אין דער אונטערשטער ליפּ. זי האָט אויסגעהאַלטן. און צעוויינט האָט זי זיך ערשט דעמאָלט ווען די פֿערד האָבן גערירט פֿון אָרט און זי האָט אים מער נישט געזען. זי האָט ביטער, ביטער געוויינט, ווי זי וואָלט מער קיין האָפֿענונג נישט געהאַט אים צו זען.

אַרטאַפּאַנוס איז געבליבן שטיין אַזוי ווי ער וואָלט מער גאָרנישט געהאַט וואָס צו טון אין זיין לעבן. ער איז אויסגעליידיקט, מיט גאָרנישט פֿאַרבונדן. אַפֿילו דאָס הויז, נעבן וועלכן ער איז געבליבן שטיין, האָט אים מיט גאָרנישט געבונדן, און אַלע וועגן זענען פֿאַרענדיקט. אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז אַ מינוט, צוויי מינוט, ביז די קאַרעטע איז פֿאַרשוווּנדן. און באַלד נאָך דעם האָט ער אַ קוק געטון אויבן, צו די פֿענצטער פֿון זיין הויז, און אַוועק צום טויער, צו דער יידנשטאָט.

אויך אויף דער קריסטלעכער זייט פון דער שטאָט האָט די מלחמה־שפּאַנונג געטריבן די מענער פון די הייזער. מחנות בעל־מלאכהס האָבן געאײַלט צו די שטאָט־מויערן אַנצושיטן שאַנצן און אויסצורייניקן די פּאָסעס פונעם מיסט. יונגטלעכע האָבן געהאָלפן שטופּן די האַרמאָטן, וואָס פון יאָרן זיי נישט נוצן, זענען זיי פאַר־זשאַווערט געוואָרן און אויסגעזען ווי שווערע בר־מיננס. לאַנגע רייען וועגענער האָבן געפירט שטיינער צו פאַרפעסטיקן די מויערן. אין דער פאַרקערטער ריכטונג האָבן פי־טרייבער געיאָגט סטאַדעס אָקסן, קעלבער און שעפּסן. וואָרום לובלין האָט זיך געגרייט צו אַ לאַנגדויערנדיקער באַלאַגערונג.

הגם פון לובלין זענען אַנטלאָפן טויזנטער יידן מיט זייערע ווייבער און קינדער, זענען נאָך אַלץ אין דער יידנשטאָט געבליבן מער מענטשן ווי אין די רויִקע צייטן. די אָנגעפאָרענע פּליטים פון פּאָדאָליע און וואָלין האָבן רעזיגנירט פון לויפן ווייטער. די חדשים היימלאָזיקייט אין לובלין, דאָס וווינען אויף בוידעמער, אין הקדש, און אין די עזרת־נשימס, האָט ביי דעם צוגענומען דעם כוח. די סכנה איז געמינערט געוואָרן דורך דער האָפענונג, אַז אויב די רייכע און פאַרמעגלעכע זענען אַנטלאָפן, וועט מען איצט קענען אָפּעטעמען. מען וועט פאַרנעמען זייערע דירות. נאָך חדשים אַרומוואַלגערן זיך, וועט מען ענדלעך שלאָפן אין אַ בעט. און סוף־כל־סוף איז לובלין אַ שטאָט פון פּאָליאַקן און נישט פון אוקראַינער. וועט די שטאָט פאַרטיידיקט ווערן, און מען טאָר זיך אויך נישט מייאש זיין אין דער האָפענונג צו גאָט, אַז ער וועט זיך ווייטער צוקוקן ווי מען שעכט אויס זיין עדה...

אויך דאָס לובלינער איינגעזעסענע אָרעמקייט האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. די אָרעמע זענען געווען מער צוגעבונדן צו זייער דלות, ווי די רייכע צו זייערע פאַרמעגלעכע היימען. און וואָס עמעצער איז געווען אָרעמער אַלץ ווינציקער האָט ער געטראַכט צו אַנטלויפן. אַז ס׳איז נישטאָ מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבן, איז אַוודאי נישטאָ מיט וואָס צו גיין אין גלות אַריין. האָט די גאַנצע יידנשטאָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקער הקדש. די סטראַגאַנעס אויפן מאַרק זענען געווען געשלאָסן, די קצבים האָבן צוגעמאַכט זייערע יאַטקעס. אַ טייל פון די קצבים איז געהאַט אַנטלאָפן און די איבעריקע האָבן נישט געהאַט פאַר וועמען צו שעכטן. און אַז די פאַרמעגלעכע זענען אַנטלאָפן, האָבן אויך די בעל־מלאכהס נישט געהאַט וואָס צו טון און זיי האָבן זיך פוסט און פּאַס אַרומגעדרייט אין די געסלעך.

אַז אַרטאַפּאַנוס איז אַריבער דאָס טויער האָט ער דערזען אַן אויסטערליש בילד. די גאַסן זענען געווען פול מיט אָרעמעלייט, פאַרווירטע, צעשראָקענע, אָדער מיט טעמפּע פּנימער. זיי האָבן זיך באַוויגן אַן אַ ציל, געגאַנגען אַהער און אַהין.

„אוי, זעט נאָר, דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס איז נאָך נישט אַנטלאָפן״, האָט ער געהערט הינטער זיינע פּלייצעס אַ שטילע באַמערקונג. אַנדערע האָבן אים באַגריסט און אים נאָכגעקוקט. נאָך אַנדערע האָבן זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט און געמאַכט פאַר אים אַ פרייען דורכגאַנג. אייגנטלעך האָט אויך אַרטאַפּאַנוס נישט געהאַט קיין ציל. ס׳האָט אים סתם געטראָגן. אַלץ אַרום אים איז אָפּגעפאַלן און ער איז אַליין, אינגאַנצן אַליין.

ער פילט נישט אַפילו קיין בענקשאַפט צו די זייניקע, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן און אַוועק. נאָר ליידיק איז אים אין האַרץ, אינגאַנצן ליידיק.

צי איז עס געשען פון איינגעבוירענער גאווה, אָדער צוליב עפּעס אַן אַנדער געפיל, האָט ער פלוצים פאַרשנעלערט זיינע טריט. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין וואָס ער גייט אָן אַ ציל אַזוי ווי אַלע. ער איז אַריבער די גאַס, געמאַכט אַן אומוועג און אַוועק צו דער מהרש״ל־שיל.

דער פּאַליש פון דער שיל איז געווען פאַרמיסטיקט מיט הויפנס שטרוי און מיסט און האָט געשטונקען מיט פוילנדיקע שמאַטעס. קיין איינער פון די פליטים, וואָס האָבן דאָ געלעבט במשך פון חדשים, איז נישט געווען מער. מיט הויכע שפּרייזן האָט אַרטאַפּאַנוס אַריבערגעשפּרייזט איבערן מיסט און אַריין אין שיל. דאָ איז געווען ליידיק און שטיל. אַנטקעגן ארון־קודש האָט געברענט דאָס רויטע פלעמל פון דעם נר־תמיד. פון דער וואַנט, לינקס פון בעלעמער, האָט אַראָפּגעקוקט אַ גרויסע מצה, וואָס איז דאָ געהאָנגען פון פסח, און זי האָט אויסגעזען ווי אַ פינצטערע לבנה. אין דער שטילקייט האָט עפּעס אַ קלאַפּ געטון און פון דער אומגעריכטקייט האָט אַרטאַפּאַנוס אויפגעציטערט. פון דער צווייטער זייט פון בעלעמער האָט זיך אַרויס־געשאַרט הערש בונים, דער אַלטער שמש. ער איז געווען אין טלית און תפילין. מסתמא האָט ער זיך אויף קיינעם נישט געריכט און צוליב זיין שוואַכזעעוודיקייט האָט ער אויך נישט באַמערקט, אַז עמעצער איז אַריין אין שיל. ער האָט אָנגעהויבן שלעפּן די פיס און פלוצים דערזען עמעצן. האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דער הויך און זיך פאַרהאַלטן.

„וועמען זען מיינע אויגן? רב אליעזר איז דאָ? רב אליעזר!״, איז ער נישט געווען זיכער.

„יאָ, הערש בונים, דאָס בין איך״, האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט שטיל, נאָר צוליב דער פוסטקייט האָט זיין קול אָפּגעקלונגען הויך. „געבליבן אַן אַ מנין?״.

הערש בונים האָט אַרויפגעצויגן די זייטן פון זיין טלית אויף די אַקסלען און אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך:

„דער אייבערשטער אין הימל וועט מיך נישט פאַרלאָזן; אַ מנין וועל איך שטענדיק האָבן. ווי שייך? די אבות זענען שטענדיק מיט אונדז. יוסף הצדיק אויכעט. און די הייליקע צדיקים. נאָר די כלי־קודש און די פרנסים זענען זיך צעלאָפן. אַלץ געלאָזט אויף מיינע אָרעמע פּלייצעס, רב אליעזר. און איר, דאָקטאָר־לעבן, בלייבט אַ היגער? איר האָט נישט מורא פאַר די עמלקים?״.

„איך האָב מורא, הערש בונים. איך האָב מורא, ווי איר און ווי אַלע יידן. נאָר איך אַנטלויף נישט. איך בלייב!״.

הערש בונים האָט געקוקט אויף די ליפּן פון אַרטאַפּאַנוס. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער האָט נישט דערהערט און ער האָט איבערגעחזרט מיט ספקות:

„איר בלייבט דאָ מיט אונדז, רב אליעזר? ווי אַזוי? רק ס׳אָרעמקייט איז דאָך געבליבן!״.

„דערפאַר בלייב איך, שמש. אויך ר׳ דוד איז געבליבן, ר׳ דוד אויערבאַך. עמעצער מוז בלייבן!“, האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט.

„וועט דאָך שוין זיכער זיין אַ מנין!“.

אַ זייער דין איראָניש שמייכעלע האָט זיך באַוויזן אויף דעם שמשס ליפּן, גאַרנישט ווי אין זיין הכנעהדיקן שטייגער. ער האָט אָנגעהויבן אָפּצווויקלען די רצועה פון „של יד“ און אַוועקגעקראָכן מיט שלעפּנדיקע פיס צו זיין פּלאַץ הינטערן בעלעמער, מורמלענדיק עפּעס אומפאַרשטענדלעכס. אַרטאַפּאַנוס איז אים נאָכגעגאַנגען און געזאָגט מיט אַ געשטייגערט קול, דער אַלטער מאַן זאָל הערן:

„מען דאַרף אַריינגעמען אַ פּאָר לייט און אויסרוימען דאָס מיסט פון פּאַליש. דאָרט איז ערגער ווי אין אַ שטאַל“.

„איר זענט גערעכט, רב אליעזר. די פּליטים זענען זיך צעלאָפן אין די איבערגעלאָזטע הייזער און פאַר מיר געלאָזט דאָס מיסט“.

אַרטאַפּאַנוס האָט נאָך מער אויפגעהויבן זיין שטים:

„איך האָב איך געזאָגט: מען דאַרף אַריינגעמען אַ פּאָר לייט און זיי זאָלן אויסרוימען דאָס מיסט“.

הערש בונים האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויך געזאָגט מיט אַ העכערער שטים:

„איך האָב געהערט, רב אליעזר, געהערט יעדעס וואָרט. די גבאים האָבן אַפילו פאַר מיר נישט איבערגעלאָזט קיין פּרוטה צום לעבן. זאָל איך אַרויסגיין קלייבן נדבות אַז איצט איז שוין נישטאָ אַפילו ביי וועמען?“

„פאַר אויסרוימען דאָס מיסט וועל איך באַצאָלן. דער געשטאַנק דערגרייכט ביז אַהער. איר פילט?“.

„פאַרוואָס זאָל איך נישט פילן, דאָקטאָר־לעבן? ס׳איז אַ חלול השם וואָס מען האָט געמאַכט פון דעם מקום קדוש“. הערש בונים האָט אַ קוש געטון די תפילין און זיי אַריינגעלייגט אין דעם איינגעלייגטן טלית. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט צו אַרטאַפּאַנוסן און עפּעס בייז אַ פּאָנפע געטון אונטער דער נאָז.

„איר האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, הערש בונים?“ האָט אַרטאַפּאַנוס פאַרשטאַנען.

דער שמש האָט ביטולדיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

„איי, וואָס איך האָב אַלץ צו זאָגן! עני חשוב כמת און אַ מת מוז, נעבעך, שווייגן. צי קען ער דען רעדן? זאָל מיר דער אין הימל נישט שטראָפן פאַר די רייד“. ער האָט גענומען דעם טלית אונטערן אָרעם און אָנגעהויבן שלעפּן זיינע פיס צו דער אויסגאַנגס־טיר.

אַרטאַפּאַנוס איז, פאַרקערט, געגאַנגען פאַרויס, צום ארון קודש, און זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן. ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טון מיט זיך. ער האָט איצט נויטיק געדאַרפט די שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין דער שיל. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דער מצה, וואָס איז געהאַנגען אויף דער צפונדיקער וואַנט. נאָך מער ווי פריער האָט זי איצט אויסגעזען ווי אַ פינצטערע לבנה אין דער צייט פון אַ האַרבער לקוי חמה. פּלוצים האָט דער אַלטער שמש אָנגעהויבן שלעפּן זיינע

פיס צוריק, נאָר דאָס מאָל שנעלער, ווי ער וואָלט עפּעס גאָר וויכטיקס פאַרגעסן. און נאָך איידער ער איז דערגאַנגען צו אַרטאַפּאַנוסן האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט, זי געטרייסלט אין דער לופטן און שנעל אַרויסגעוואָרפן פון זיך:

„זאָגט מיר, רב אליעזר, צי איז עס טאַקע דער שטייגער איבערצולאָזן אַ ייִדישע שטאָט אַזוי־אַ אויף הפקר? די גאַנצע פּני זאָל זיך אויפהייבן און אַנטלויפן? זאָל מיר דער אין הימל נישט שטראָפן פאַר די רייד, נאָר איך פאַרשטיי עס נישט".

אַרטאַפּאַנוס, וואָס האָט געקענט דעם הכנעהדיקן שמש, האָט געלאַכט אין זיך פון זיין פּלוצימער דרייסטקייט צו רעדן אַזעלכע ווערטער. ער האָט אָבער געשוויגן, אויף די ווערטער נישט רעאַגירט. הערש בונים האָט זיך פאַר דעם שווייגן פון דאָקטאָר דערשראָקן און געפרעגט מיטן גאַנצן פּנים:

„זענען מיינע ווערטער זינדיקע, דאָקטאָר־לעבן?".

אַרטאַפּאַנוס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„נישט קיין זינדיקע. אַזאַ איז דער סדר פון דער וועלט, הערש בונים. אויך מנהיגים זענען נישט מער ווי מענטשן, וואָס זיי הערשן איבער שוואַכערע פון זיך. דערפילן זיי אָבער די סכנה פון שטאַרקערע — איז אויף זיי אַ רחמנות. זענען זיי אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט די אומבאַהאָלפענע".

„איז אַזוי, זאָגט איר, געשטעלט געוואָרן די וועלט, דאָקטאָר־לעבן?", האָט זיך דער שמש געוווּנדערט, „אוי־וואַ! און איך האָב אַ גאַנץ לעבן געמיינט"...

הערש בונים האָט נישט געזאָגט וואָס ער האָט געמיינט. ער האָט זיינע מחשבות אויסגעפּאַנפּעט, געדרייט מיטן קאָפּ אַהער און אַהין און איז אַוועקגעקראָכן צום אויסגאַנג.

„איר זאָלט נישט פאַרגעסן אויסצורייניקן דאָס מיסט פונעם פּאָליש!", האָט אַרטאַפּאַנוס אים נאָכגעשריגן. דער אַלטער האָט נישט געהערט. ער איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר.

פּלוצים האָט זיך אַרטאַפּאַנוס אין עפּעס דערמאָנט. ער איז אַרויף צום ארון קודש, מיט ערפורכט אָפּגערוקט דעם פּרוכת און געעפנט די טירן. אַהאַ! די גבאים פון דער שיל האָבן פאַרן פאַרלאָזן לובלין נישט פאַרגעסן אַרויסצונעמען די זילבערנע כתרים, די רמונים, דאָס גאַנצע זילבערוואַרג. זיי האָבן נאָר איבערגעלאָזט די ספר־תורהס. אין אַ נויט וועלן זיך שוין די אָרעמע יידן מיט זיי מטפּל זיין. אַזוי איז תמיד. אין אַ נויט בלייבט דאָס פאָלק אַליין מיט זיין אומענדלעכער אמונה. איינגאַנצן אַליין. שטענדיק און אומעטום אַזוי. דערנאָך חוזקן די קלוגע, אַז דאָס פאָלק איז אַ בלודנע סטאַדע שאָף — ס'לאָזט זיך שערן, מעלקן און שעכטן. מסתמא וועט עס קיינמאָל נישט זיין אַנדערש. סטאַדעס שאָף און פאַסטעכער, און אַזעלכע וואָס שערן און מעלקן, נאָר אין שטורעם אַנטלויפן די מעלקער און לאָזן די סטאַדעס אַליין.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אַריינגעבויגן אין ארון קודש און זיך אָנגעלענט אויף די עלנבויגנס, אַריינגענעמענדיק דעם קאָפּ צווישן די הענט; ער האָט שטיל געבעטן:

„גאָט אין הימל, נעם נישט צו ביי מיר די אמונה. אַפילו אייזן טאָר מען נישט צו פיל מאָל גליען און שמידן, און איך בין נישט מער ווי אַ בשר ודם, אַ ייִד,

וואָס גליבט נאָר אין דיר, און דו שטעלסט אים אויס אויף אַזוי פיל נסיונות... באַשירם מיך גאָט פון די ספקות אין מינוטן פון שוואַכקייט״.

לאַנגע, לאַנגע מינוטן איז אַרטאַפּאַנוס געשטאַנען אַריינגעבויגן אין ארון קודש. די שטילע פאַרשאָטנטע פאַרבן פון די תורה־מענטעלעך האָבן איינגעשטילט זיין געמיט. דאָס איז געשען אויף אַזאַ אויסטערלישן שטייגער, אַז אַרטאַפּאַנוס האָט פיזיש געפילט ווי די רויִקייט נעמט אים אַרום ווי מיט געוויינדער און טוליִעט אים אַרום צוזאַמען מיט די הייליקייטן אין ארון קודש. עפּעס וואָס פון גאווה און גליקזעליקייט צוזאַמען האָבן אים ביסלעכווייז אַנגעפילט און אים געצוווּנגען זיך אויסצוגלייכן. גאָט טוט מיט מיר חסד, האָט ער געטראַכט און מורא געהאַט פאַר דער מחשבה, כדי נישט צו פאַרטרייבן דאָס געפיל פון גליקזעליקייט. און מיט דער זעלבער פאַרזיכטיקייט, מיט וועלכער ער האָט געהאַלטן זיין מחשבה, האָט ער פאַרמאַכט די טירן, פאַררוקט דעם פרוכת און פון די טרעפּלעך אַראָפּ־געגאַנגען הינטערווײַלעכץ.

אין די געסלעך איז געווען די זעלבע באַוועגונג וואָס פריער, נאָר אַרטאַפּאַנוסן האָט זי אויסגעזען אַנדערש, נישט אַזוי אויסזיכטלאָז. עס איז געווען די זעלבע צעשראָקנקייט, אָדער טעמפּקייט אויף די פּנימער, אָבער איצט האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס זענען די פּנימער פון דער דערשלאָגענער אָרעמקייט אַ גאַנץ יאָר. אויפן קליינעם מאַרק זענען געשטאַנען קרענצלעך יידן און געשמועסט און זיך מתווכח געווען און אַפילו זיך נישט צוגעהערט צו די געשרייען פון שלמהלע דעם שטאָט־משוגענעם. בלויז קינדער זענען געשטאַנען אַרום שלמהלען און זיך געחידושט וואָס ער קען רעדן אַזוי שנעל און אָן איבעררייס.

„פרייט זיך, ייִדן, פּטור געוואָרן פון די בלוטזויגערס... די פּרנסים זענען אַנ־טלאָפן... די קאָזאַקן גייען... משיחס צייטן! פרייט זיך יידן... די שיינע לייט וועלן אייך מער נישט קלעמען... איך וועל זיין דער ראש פון די פּרנסים... פרייט זיך, ייִדן, משיחס צייטן!...״ — האָט ער געוואָרפן מיט די הענט, די אויגן זענען אים געלאָפן אַהין און אַהער און זיין פּנים איז געווען רויט־אויפגעלאָפן פון שפּאַנונג.

אַרטאַפּאַנוס האָט בכיוון געמאַכט אַן אומוועג און אַדורכגעגאַנגען אין דער קווער פון מאַרק. ער האָט געוואָלט דאָס אָרעמקייט זאָל זען, אַז ער איז געבליבן אין שטאָט. ביים עק מאַרק איז אים אָנגעקומען אַנטקעגן אַ ריח פון פריש־געבאַקן ברויט. דער ריח האָט זיך געטראָגן פון פישלס בעקעריי. פישל איז מיט פאַרמעליקטע אָרעמס געשטאַנען אין דער אָפענער טיר און דערזעענדיק דעם דאָקטאָר האָט ער זיך טיף פאַרנייגט פאַר אים. אַרטאַפּאַנוס האָט אים געענטפערט מיט אַ שמייכל פון צו־געלאַזנקייט:

„אייער ברויט פאַרשמעקט די שטאָט״.

„איצט פון אויוון אַרויס, דאָקטאָר־לעבן״, איז פישל געווען גליקלעך, וואָס דער דאָקטאָר איז אויפמערקזאַם צו אים.

דער ריח פון פרישן ברויט האָט אין אַרטאַפּאַנוסן אויפגעוועקט הונגער. מיט איילִיקע טריט האָט ער געשפּאַנט אַהיים.

ווי פריער פלעגט לאה שטיין ביים פראָנט־פענצטער און אויסקוקן אַרטאַפּאַנוסן, אַזוי איז דאָס מאָל ביים פענצטער געשטאַנען ברײַנדל און אים אויסגעקוקט. זי איז געלאָפן אויפמאַכן די טיר און אים באַגעגנט מיט אויסרעדעניש, הלמאי ער איז נישט געקומען צו דער צייט עסן.

„ווי נאָר די האַרינגטע האָט זיך אַרויסגערירט פון הויז, איז אויס עסן, האַר־לעבן? באַגינען געגומען אַ כזית אין מונד אַריין און פון דעם ווילט איר האָבן כוח, האַר־לעבן? ס׳עסן איז דאָך שוין קאַלט געוואָרן פון וואַרטן אויף אייך! ווען די האַרינגטע זאָל עס וויסן! כ׳וועל עס פאַרבאַרגן פון איר. זאָל זי נישט האָבן קיין האַרץ־קלעמעניש״.

„היינט איז סײַ ווי אַ תענית״, האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט מיט געמאַכטן ערנסט.

ברײַנדל איז אָפּגעשפּרונגען און פאַרבראָכן מיט די הענט.

„אוי, ווינד איז מיר, איך האָב דאָך גאָרנישט געוווּסט דערוועגן און געגעסן! וואָס פאַר אַ תענית איז היינט, האַר־לעבן?״.

„דער תענית פון די, וואָס האָבן נישט וואָס צו עסן״.

ברײַנדל האָט פון אונטערן שטערן אַרויפגעקוקט צו אים:

„דער האַר מאַכט לצנות פון מיר. ס׳האַרץ איז מיר אַנטפאַלן פון שרעק״.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אין עפּעס אײַנגעהערט און געפרעגט שטיל:

„וואָס איז געשען? די פּליטים זענען נישטאָ?״.

ברײַנדל האָט זיך צעשאָקלט אין די אַקסלען:

„אוי, איך האָב דאָך גאָר קיין קאָפּ נישט. איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן אייך אָנצוזאָגן, אַז זיי זענען געלויבט צו גאָט, אַוועק. זיי האָבן געכאַפּט אַ ליידיקע דירה אין שטאָט. דאַכט זיך, אַז דעם שוחטס דירה האָבן זיי געכאַפּט, אָדער אפשר פון עמעצן אַנדערש? איך פאַרליר דעם קאָפּ. זיי ווילן בעסער וווינען צווישן אַלע יידן, האָבן זיי געזאָגט. האָבן זיי געכאַפּט די פּעקלעך און באַלד אין דער פרי אַנטלאָפן אָן אַ גוטן טאָג. און אַ מושב האָבן זיי איבערגעלאָזט אין דער קאַמער, אַז באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן! צוויי טעג וועל איך נאָך זיי דאַרפן רייבן און וואַשן. נישט געשטראָפט זאָל איך ווערן פאַר די רייד״.

„איר ווייסט, ברײַנדל, וואָס מיר איז אײַנגעפאַלן?״, האָט אַרטאַפּאַנוס געטראַכט הויך, „מיר איז אײַנגעפאַלן איר זאָלט אויף דער צייט בלייבן דאָ. איר וועט שלאָפן אין מרימס בעט. און כדי איר זאָלט נישט דאַרפן בלייבן אַליין מיט אַ מאַנצביל און כדי איר זאָלט אין אַזאַ צייט נישט דאַרפן גיין אַהין און אַהער אין שטאָט אַריין, וועט איר אַהערברענגען די קינדער. דאָ וועט אייך זיין באַקוועמער״.

„ווי אייך איז ליב, האַר־לעבן״, האָט ברײַנדל געזאָגט מיט אַ טאָן ווי איר וואָלט געווען אַלץ איינס. אין דער אמתן איז זי געווען גאָר שטאַרק צופרידן דערפון. ס׳איז איר אַפילו פריער אײַנגעפאַלן אַזאַ מחשבה, צו בלייבן אין הויז, נאָר די מחשבה האָט איר אויסגעזען אַ צו דרייסטע אַרויסצוזאָגן זי פאַר אַרטאַפּאַנוסן. אָבער איין זאַך האָט איר אויסגעזען נישט גלייך אין די ווערטער פון אַרטאַפּאַנוסן: זי זאָל אַהער־ברענגען די קינדער. טאָמער לאָזט זי איבער איר אָרעמע דירה אַ נישט־באַוואוינטע,

וועלן זיך באַלד אַהין אַריינכאַפּן פּליטים און שפּעטער וועט זי אַפילו נישט האָבן פּאַר וועמען צו לאָדן זיך מיט זיי. וועגן דעם האָט זי אַרטאַפּאַנוסן נישט געזאָגט.

נאָכן אַוועקפאָרן פון לאַהן מיט די קינדער האָט זי זיך געפּילט זעלבסטזיכערער. דאָס גאַנצע באַלעבאַטישקייט איז געלעגן אויף איר. וואָרום וואָס ווייסט אַ מאַנצביל אין באַלעבאַטישקייט? לאָז איבער אַ מאַנצביל אויף צוויי טעג אַליין אין הויז און די מייז וועלן אַרומטאַנצן אויפן טיש.

נאָך דעם זעלבן טאָג, פאַרנאַכט־צו, האָט מנחם געבראַכט אין הויז פון אַרטאַ־פּאַנוסן דער מאַמעס אַ קויבער מיט זאַכן און מיטן קויבער איז מיטגעקומען ברײַנדלס ייִנגסטע טאָכטער, פעסע. דאָס מיידל איז שוין לאַנג אַריבער די צוואַנציק, אַ פאַר־זעסענע מויד, נאָר ביי ברײַנדלען איז זי געוועזן דאָס קינד. זי וועט איר דאָ זיין אַן אַרויסהעלף און זי וועט זי האָבן נעבן זיך. אין אַזאַ צייט!

צום ערשטן מאָל זייט לאַנגע יאָרן איז אין ברײַנדלען קאַפּויער געקומען איר ווייבלעכקייט, נאָר גאָר אַן אַנדערע ווי בעת איר מאַן האָט געלעבט. אויסער אין אַ געשפּאַנטער לעכצעניש, האָט זיך איר קאַפּויערגעקומענע ווייבלעכקייט אויך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס זי האָט איר פעסען באַפוילן זי זאָל עפּעס טון, עפּעס איר אַריינבערענגען פון אַ צווייטער קאַמער. סתם אַזוי. און הגם ס'איז געווען אַ וואָ־כעדיקער טאָג און אַ טאָג ערב סכנות, האָט זי פונעם קויבער אַרויסגענומען איר „צאינה וראינה" און זיך אַוועקגעזעצט אויף לאַהס שטול אַריינקוקן אין הייליקן ספר. נאָר דער קאָפּ איז נישט געווען ביים הייליקן ספר און דאָס וואָס דאָרט איז געווען געשריבן איז צו איר נישט דערגאַנגען.

ביינאַכט האָט ברײַנדל נישט געקענט איינשלאָפן. צום ערשטן מאָל אין איר לעבן איז זי געשלאָפן איינע אַליין אין אַ ווייך בעט, בעת פעסע, מיט וועלכער זי איז אַלע יאָרן געשלאָפן אין איין בעט, האָט געהאַט איר באַזונדער מיידלשן חדר. האָט זיך ברײַנדל געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער און געטראַכט, אַז זי האָט גוט געטון וואָס זי האָט מיטגענומען איר פעסען. מען דאַרף לייטן נישט געבן קיין פּתחון פּה, אַז זי שלאָפט אַליין אין אַ הויז, ווו ס'איז דאָ אַן איינציקער מאַנצביל. און דער דאָקטאָר איז אַזאַ פאַרנעמער מאַנצביל, וואָס אַלע ווייבער פון דער גאַנצער וועלט וואָלטן זיך געווונטשן צו האָבן אַזעלכן פאַר אַ מאַן. וואָס איז דער וווּנדער וואָס לאַה גייט אויס נאָך אים? מאָרגן אין דער פרי וועט זי מאַכן אַ פאַררייִשעכץ. דער דאָקטאָר האָט ליב אַ מאַלצייט מיט אַ פאַררייִשעכץ. אַז ער עסט אַ גוטן מאַלצייט ווערט ער אויפגעלייגט און ער נעמט לאַהן אַרום אַרום דער טאַליע, ווי ער וואָלט זי וועלן איבערברעכן. ער איז זייער אַ געזונטער מאַן, דער דאָקטאָר. ס'איז גוט וואָס פעסע שלאָפט אין דעם שכנותדיקן חדר. אַזאַ מאַן קען דאָך גאָר נישט זיין אַן אַ ווייב. זי האָט עס אָפט געזען אין לאַהן און זי איז איר מקנא געווען וואָס זי איז באַגליקט געוואָרן מיט אַזאַ מאַן. ווי לאַנג וועט לאַה נישט זיין אין דער היים?... צום פאַר־רייִשעכץ וועט זי מאַכן געצופּט טייג. זי וועט עס מאַכן בעסער ווי תמיד. געצופּט טייג האָט ליב מען זאָל אַריינשניידן אַביסל ציבל. עס צעגייט אין אַלע גלידער. נאָר לאַה האָט נישט ליב געהאַט דעם ריח פון ציבל. זי איז זייער אַן איידעלע.

צו אײדל פֿאַר אַ װײַב. ברײַנדל האָט זיך איבערגעדרײט אױף דער צװײטער זײַט און געקרעכצט אױף איר גורל. זי האָט פֿאַרתּכלעװעט אירע יאָרן אין אַלמנהשאַפֿט און גאָר פֿון קײן לעבן נישט געװוּסט. זי װאָלט געדאַרפֿט זוכן אַן אַלמן. אױף פֿאַר די קינדער װאָלט עס בעסער געװען, און נישט אָפּפּײַנצטערן אַ לעבן אַלײן!

זי האָט געװאָלט אײַנשלאָפֿן און נישט געקענט. אין אַ רגע האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי הערט עמעצן אַרומגײן אין צװײטן חדר. זי האָט אױפֿגעהױבן דעם קאָפּ פֿון קישן און זיך אײַנגעהערט. די שטילקײט פֿון דער נאַכט האָט איר געקלונגען אין די אױערן, װי אַ גאָר װײַט־װײַטער אָפּהילך פֿון גלעקעלעך.

זי האָט צוריק אַװעקגעלײגט דעם קאָפּ אױפֿן קישן, אָבער אײַנשלאָפֿן האָט זי נישט געקענט. אַז די הענער האָבן זיך צעקרײט, איז ברײַנדל אַראָפּ פֿון בעט זיך אָפּגיסן די נעגל און גענומען גרײטן געצופּטן טײג אױף מאָלצײַט.

קאַפּיטל פּערצן

אין דעם טאָג ווען דער העטמאַן באָכדאַן כמיעלניצקי האָט זיך מיט זיין אַרמיי קאָזאַקן דערנענטערט צו דער דרומדיקער פאָרשטאָט פון לובלין, האָט זיך יצחק אויף אַן אופן פון נסים אַריינבאַקומען אין שטאָט. פון דרום און מזרח־זייט האָבן געברענט די דערפער. דער רויך פון די שׂריפות האָט אָנגעצויגן ווי קנוילנדיקע שטורעם־וואָלקנס און פאַרשטעלט די זון. דער רויטלעכער אָפּשיין פון דער זון דורך די וואָלקנס האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה. די צעשראָקענע ווערכטער אויף די טורעמס פון דער שטאָט־מויער זענען אַלאַרמירט געוואָרן צו פאַרטיליקן מיט שטיינער יעדן איינעם, וואָס וועט זיך דערנענטערן צו דער מויער. וואָרום אַ שמועה איז אַרומגעגאַנגען, אַז די קאָזאַקן האָבן פאָרטלען זיך אַדורכצובאַקומען דורך די שמאָל־סטע שפּאַלטן און קנייעס. און ווי נאָר איינער באַקומט זיך אַדורך, אַזוי פליִצן מיט מיט אים טויזנטער אַנדערע און קיינער באַקומט זיך נישט אַרויס קיין לעבעדיקער פון אונטער זייערע שווערדן. האָבן די מייסטערס פון די צעכן און זייערע טשע־לאַדניקעס, וואָס זיי איז איבערגעגעבן צו שיצן די טורעמס און באַסטיאָנען, מיט פורכט געהיט יעדן שפּאַן ערד.

אָט אין אַזאַ סכּנותדיקער שעה האָט יצחק זיך אַריינבאַקומען קיין לובלין. ער האָט אַליין נישט געקענט באַנעמען דעם נס, וואָס מיט אים איז געשען. ער האָט נאָר געוווּסט צו דערציילן, אַז ער האָט בחוש געפילט ווי אַ האַנט פון אַ מלאך האָט אים געפירט און אים געשיצט קעגן יעדער שטרויכלונג. פון דער וויטנס האָט ער געזען דעם לאַגער פון די קאָזאַקן, און די האַנט, וואָס האָט אים געפירט, האָט אים אָנגעוויזן ווען ער דאַרף זיך אויסבאַהאַלטן און ווו ער זאָל לויפן. ער איז אַריין אין שטאָט דווקא דורך דעם דרומדיקן טויער, וואָס איז צום מערסטן באַוואַכט. בייגעשטאַנען האָט אים זיין לובלינער פּוילישער דיאַלעקט, זיינע בלאָנדע האָר און דאָס וואָס ער איז געווען אַזוי אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, אַז די ווערכטער האָבן נישט געקענט וויסן, צי ער איז אַ ייִד אָדער אַ פּאָליאַק.

צום פּאָטער אין הויז איז ער אַריינגעפאַלן מיט די לעצטע כּוחות. אין דער ערשטער מינוט האָט אים ברײנדל נישט דערקענט און אַ צעצאַפּלטע פון שרעק איז זי אָפּגעשפּרונגען פון דער טיר. און באַלד האָט זי אויסגעשריגן: „ווינד און ווייַ איז צו מיינע אויגן!‟, און אים אָנגעכאַפּט ביי די הענט.

„וואָסער, וואָסער״, האָט יצחק געבעטן. ער האָט נישט געקענט גענוג זיך אָנטרינקען און ווי ער וואָלט פּונעם וואַסער שיכור געוואָרן, איז ער אַוועקגעפאַלן.

„וואָס איז מיט די אונדזעריקע? וואָס איז געשען מיט דער מאַמען? לעבן זיי כאָטש?״, האָט ברײַנדל געפרעגט מיט אַ ניגון ווי זי וואָלט באַקלאָגט אַ טויטן.

יצחק האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און ברײַנדל האָט מיטן זעלבן ניגון געזאָגט:

„ווינד איז מײַנע יאָרן. ביסט געקומען אין אַזאַ צײַט! אין שטאָט ברענט אַ מגיפה, לײַטן שטאַרבן אין די גאַסן. דער צאָרן פון הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט״.

„אומעטום״, האָט יצחק געזאָגט הייזעריק.

אַרטאַפּאַנוס איז במשך פונעם גאַנצן טאָג נישט אַהיימגעקומען. ברײַנדל האָט אים אויסגעקוקט דורכן פענצטער און געבעטן צום הימל, זי זאָל אים זען צוריק אַ לעבעדיקן. און הגם אויך נעכטן און אייערנעכטן איז ער אַהיימגעקומען מיטן צופאַלן פונעם אָוונט, האָט איר דאָס מאָל דאָס האַרץ געשראָקן. זי וואָלט געשיקט איר פּעסע אין שפּיטאָל אים זוכן. ער וועט דאָך, חלילה, פאַלן פון די פיס. זי האָט אָבער נישט געקענט פועלן בײַ זיך אײַנצושטעלן איר קינד. אין אַזאַ צײַט!

זייט עטלעכע טעג האָט אין דער יידנשטאָט געבושעוועט אַ מגיפה. פון די בערג מיסט אויף די גאַסן און געסלעך, פון דעם שמוץ אין די הייזער און פון דעם הונגער, זענען מענטשן אַוועקגעפאַלן ווי געטראָפענע פון אַ קללה. זיי זענען געפאַלן אין די גאַסן, אין די הייזער, אין די בתי־מדרשים, און וועמען עס האָט געטראָפן האָט זיך מער נישט געקענט אויפהייבן. אין דעם ערשטן טאָג פון דער מגיפה האָט אַרטאַפּאַנוס געאײַלט מען זאָל די קראַנקע איבערפירן אין שפּיטאָל. נאָר גלײַך ווי אין שפּיטאָל זענען אײַנגעפאַלן אויף דער בלאָער קראַנקייט אויך אַנדערע קראַנקע, האָט ער אַוועקגעשטעלט וואָכן מען זאָל מער אין שפּיטאָל קיינעם נישט ברענגען. ער האָט געהייסן אויסרוימען בתי־מדרשים און אַהין פירן די געטראָפענע, אָבער לײַט זענען געווען צו שוואַך צו שלעפּן די קראַנקע און אַפילו אייגענע האָבן עס נישט געקענט טון. קיין פערד־און־וואָגן זענען אין דער יידנשטאָט נישט געווען, וואָרום אַלע זענען אויסגעקויפט געוואָרן צום אַנטלויפן. זענען די גאַסן און הייזער געווען פול מיט קראַנקע און טויטע. די וועלכע זענען נאָך געווען בײַ די כוחות האָבן אַרומגעבלאָנקעט צווישן די קראַנקע, אויסגעמיטן די בר־מינגס און מיט אימה געקוקט אויף די בלאָע פּנימער פון די ברענענדיקע. זיי האָבן געוווסט, אַז אַיעדע מינוט קענען אויך זיי אײַנפאַלן און קיין אַנטרינונג איז נישטאָ. זקנים האָבן זיך פאַרקליבן אין די בתי־מדרשים און געזאָגט תהלים; מאַמעס, וואָס זייערע קינדער זענען אײַנגעפאַלן, האָבן אַרײַנגעווײנט אין די ארון־קודש און זקנות האָבן זיך מיט די לעצטע כוחות געשלעפּט צום בית־עלמין, כדי מיט בענדלעך צו מעסטן קברים, ווי אַ סגולה אָפּצושרײַען דעם טויט. פייטל דער רופא איז ווי אַ בעטלער געגאַנגען פון טיר צו טיר און גערופן ווי מען רופט צו סליחות:

„ייִדן, דערבאַרעמט זיך, קוקט איבער די מזוזות!".

די אָרעמע, אויסגעמאַטערטע ייִדן האָבן אַפּילו זיך נישט געקוואַפּעט אויס־צוהערן פֿייטלס רוף, וואָרום ווייניק פֿון זיי האָבן זיך אויסגעקענט צווישן פּסולע און נישט פּסולע מזוזות. און די וואָס האָבן זיך יאָ אויסגעקענט און געפֿונען אַן אויסגעמעקטן אות פֿונעם „שמע", זיי איז געוועזן נאָך ערגער. זיי האָבן געוווּסט, אַז דאָס אומגליק גרייט זיך צו זיי און קיין נייע מזוזה באַקומט מען נישט און די פּסולע טאָר מען צוריק נישט אויפֿקלאַפּן. איינער פֿון די דריי סופֿרים אין שטאָט איז געשטאָרבן אין דעם ערשטן טאָג פֿון דער מגיפֿה און די צווייטע ביים לעבן האָבן פֿון זון־אויפֿגאַנג ביז זון־פֿאַרגאַנג אַרומגעשלעפּט זיך מיט די קלמרס און פּענעס פֿון הויז צו הויז אויסצופּילן אין די פּסולע מזוזות דאָ אַן אות און דאָ אַ וואָרט, אָדער אַן אָפּגעשפּרונגענעם תג. נאָר וואָס האָבן זיי שוין געקענט אויפֿטון אין אַזאַ גרויס אומגליק, אויב טירן זענען פֿאַראַן אַ ים און די פּיס זענען נאָר צוויי און אויך זיי זענען מיד, קוים וואָס מען קען זיי שלעפּן?

אַרטאַפּאַנוס האָט אין הויז פֿון קהל צונויפֿגערופֿן די געזונטע טרעגערס, גאַרבערס און בעקערס און זיי געוויזן, ווי אַזוי מען דאַרף מיט נאַסע טיכער רייבן די לייבער פֿון די קראַנקע. דערנאָך איז ער מיט יעדן באַזונדער געגאַנגען פֿון הויז צו הויז, כּדי צו זען ווי אַזוי זיי טוען דאָס מיט קראַנקע. די חבֿורות איינרייבער האָבן באַקומען אומזיסט ברויט און ספּירט. פֿישל דער בעקער, וואָס אויך ער האָט געהערט צו די חבֿורות איינרייבער, האָט פֿון פֿאַרנאַכט געשטעלט זיך באַקן פֿאַר די לייט פֿון דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס. דער דאָקטאָר האָט פֿון פּוילישע סוחרים אַרויס־באַקומען מעל און פּעסלעך ספּירט. דאָס מעל האָט מען אָפּגעלאָדן צו פֿישלען און דעם ספּירט — אין הויז פֿון קהל. די חבֿורות רייבער זענען געווען זאַט און שיכּור און זיי זענען גאָר נישט מיד געוואָרן מטפּל צו זיין זיך מיט די קראַנקע. אין אַ די טעג פֿון אימה האָט פֿישל בעקער דערפֿילט אַ שטראַל פֿון ליכט אין זיין לעבן. דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס האָט געהאַלטן פֿון אים. עטלעכע מאָל האָט ער אים געקלאַפּט אין דער פּלייצע און געזאָגט אַלע זאָלן הערן:

„פֿישל, איר זענט ווערט מען זאָל אייך אָפּגילדן. איר טוט מער פֿאַר דער שטאָט אין איין מעת־לעת, ווי אַ פּרנס טוט עס אין זיין גאַנץ לעבן".

דערנאָך, אַז דער דאָקטאָר האָט צוזאַמען מיט די חבֿורות געטרונקען ספּירט, האָט ער בעתן „לחיים" געקוקט צו פֿישלען און אין דער רגע איז דער ספּירט געווען נאָך שאַרפֿער ווי אַלע מאָל... עטלעכע מאָל איז שוין דער דאָקטאָר געווען ביי אים אין דער בעקעריי צו ווייזן אים ווי אַזוי צו האַלטן ריין און ער זאָל גוט דורכזיפּן דאָס מעל. און אַז פֿישל האָט דערמאָנט, אַז ער האָט נישט קיין צייט צו זאָרגן דערפֿאַר, מען זאָל נאָכקוקן די מזוזות, האָט אים דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז דאָס זאָל ער איבערלאָזן אויף שפּעטער און ליבערשט זען, אַז אין דער בעקעריי און אין דער דירה זאָל זיין ריין. ער האָט אַליין נאָכגעקוקט אַלע ווינקלען און האָפּערדיק איבערגעחזרט: „בעור חמץ זיין פֿון אַלע ווינקעלעך. אין מיסט טשאַטשעוועט דער טויט". אַז אַרטאַפּאַנוס איז צום ערשטן מאָל אַריין אין דעם איינציקן וווין־חדר

און אין דער ענגשאַפט דערזען אויפֿן בעט אַ יונגע פרוי, איז ער שטיין געבליבן און געפרעגט:

„וואָס איז געשען? איז זי קראַנק געוואָרן?!"

„זי איז שוין פון לאַנג קראַנק, דאָקטאָר־לעבן. מיין טאָכטער, סערקעלע איז מרה־שחורהדיק. גאָרנישט גייט איר אָן. גאַנצע טעג אויפֿן בעט. אָט ווי איר זעט".

אויף אַ רגע האָט זיך אַרטאַפּאַנוס פאַרלוירן. ער האָט אין גאַנצן געהאַט פאַרגעסן, אַז צוליב איר האָט ער מיט יאָרן צוריק אָוועקגעשיקט זיין יצחקן פון לובלין. כדי צו פאַרשטעלן זיין פּלוצימע פאַרלעגנהייט, האָט אַרטאַפּאַנוס מיט אַ געשטייגערטער שטים געזאָגט באַפעלעריש:

„אַראָפּ פון בעט! אין אַזעלכע צייטן טאָר מען נישט ליגן!... אַזאַ יונג מיידל זאָל זיין פויל? אַראָפּ פון בעט!".

„דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס הייסט דיך אַראָפּגיין פון בעט. דו הערסט, סערקעלע?" איז פישל צוגעגאַנגען און אָנגענומען סערקעלען ביי אַ האַנט.

סערקעלע האָט מיט חשדימדיקע בליקן געקוקט אויפֿן דאָקטאָר און זיך אויפֿ־געהויבן. זי איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענע און דעם בליק פון אים נישט אַראָפּגעלאָזט. אַרטאַפּאַנוס איז צוגעגאַנגען נענטער צו איר און מיט דער האַנט אויפגעהויבן איר קאָפּ צו זיך:

„זאָלסט מיר דאָ אַלץ האַלטן ריין. יעדעס ווינקעלע זאָל מיר דאָ זיין ריין". און ווענדנדיק זיך צו פישלען האָט ער געפרעגט: „זי טרינקט ספּירט? אַ ליאַמפּקע ספּירט זאָלט איר איר געבן".

„אַ מויד?"...

„אויך אַ מויד דאַרף אין אַזאַ צייט טרינקען אַ ליאַמפּקע ספּירט. עס וועט איר געבן כוח צו אַרבעטן. צוגיסן אַביסעלע וואַסער און פאַרבייסן מיט ברויט".

„דו הערסט, סערקעלע, וואָס דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס זאָגט דיר?", האָט פישל איר אַריינגעפרעגט אין פּנים אַריין.

נישט אַראָפּנעמענדיק די בליקן פון אַרטאַפּאַנוסן, האָט סערקעלע געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז זי הערט.

מיט אַ געפיל פון שולד איז אַרטאַפּאַנוס אַרויס פון פישלס בעקעריי. ער איז געלאָפן אויף יענער זייט שטאָט, צום מאַגיסטראַט.

מער האָט ער פאַר די קראַנקע נישט געקענט טון. דאָס וויניקע האָט נישט געהאָלפן. די צאָל טויטע האָט זיך געמערט פון שעה־צו־שעה און פון טאָג צו טאָג. די געזונטע האָבן זייערע טויטע אַרויסגעטראָגן אויף דער גאַס און זיך מער נישט געקימערט וועגן זיי. דער וועג צום בית־עלמין איז געווען אויסגעלייגט מיט בר־מיננס. עס האָט די מלווים נישט געקלעקט קיין כוח צו שלעפּן זיי, און זיי האָבן די טויטע איבערגעלאָזט. שוין עטלעכע מאָל האָט אַרטאַפּאַנוס זיך געוואַנדן צום מאַגיסטראַט, מען זאָל פאַר געלט אויסלייען כאָטש צען געשפּאַנען אויף צוזאַמענ־צוקלייבן די טויטע און זיי קובר זיין. די לאָווניקעס האָבן אָפּגעשלעפּט מיט אַן ענטפער. אויך אויף דער פּוילישער זייט פון דער שטאָט זענען אַ סך אַנטלאָפן —

די גלחים, די נזירים און די נזירות פון די קלויסטערס, אַלע זענען אַנטלאָפן אויף וועגענער און אויך די לובלינער מאַגנאַטן האָבן אַרויסגעפירט זייערע שטעלער. זענען געציילטע פערד געבליבן אין שטאָט און דער מאַגיסטראַט דאַרף זיי האָבן אויף פונאַנדערצופירן עסן צו די וואַכן אויף די טורעמס און באַסטיאָנען. אַז קיין געלט האָט נישט געהאָלפן האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט צו די לייט:

„איך וויל עס פאַר אונדזער און פאַר אייער טובה־וועגן, וואָרום וויסן זאָלט איר, אַז אַ מגיפה קען נישט קיין מויערן און גרענעצן. אויב די טויט־פאַלן אויף דער זייט זענען ווייניקער ווי אין דער יידנשטאָט, וועלן די נישט באַגראָבענע פון דער קראַנקייט גורם זיין אַ חורבן פון דער גאַנצער שטאָט. די קאָזאַקן וועלן נישט דאַרפן שטורמען די מויערן. די מגיפה וועט פאַר זיי עפענען טיר און טויער".

און נישט אַזוי אַרטאַפּאַנוסעס ווערטער האָבן געהאָלפן, ווי דער אמת פון זיינע ווערטער. די מגיפה איז אַרויס פון דער יידנשטאָט און אויף אַ נישט דערקלערלעכן אופן אויסגעמיטן די שכנישע גאַסן און זיך איבערגעוואָרפן מיט אכזריות אין די ווייטסטע גאַסן. קיין הויז איז דאָרט נישט געבליבן, עס זאָלן קיין קראַנקע און קיין מתים נישט זיין. בעת אַרטאַפּאַנוס איז דאָס לעצטע מאָל געקומען אין מאַגיסטראַט, האָבן אים די לאָווניקעס צוגעאיילט, ער זאָל נעמען אַ טייל פונעם טאַבאָר מיט די מענטשן און וואָס שנעלער זאָלן באַערדיקט ווערן די טויטע, וואָס וואַלגערן זיך אין די גאַסן און פלעצער פון ביידע זייטן שטאָט. אָבער אַפילו מיט דעם טאַבאָר פון אַ צענדליק וועגענער און אַ הונדערט לייט איז מען נישט געווען בכוח קובר צו זיין אַלע מתים, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין די גאַסן, וואָרום מער ווי מען האָט באַגראָבן, זענען אויף די גאַסן און מאַרקן אַרויסגעטראָגן געוואָרן פרישע טויטע.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ כוח, וואָס איז אויסערן רשות פון אַ שטערבלעכן, אָבער די מחשבה, אַז נאָך איידער די קאָזאַקן וועלן איינגעמען די שטאָט, וועלן די מענטשן אויסשטאַרבן, האָט אים געשטויסן וואָס אַמאָל צו נייע איינפאַלן און פּרוּוון.

נאָך איינעם אַזאַ טאָג, דערשעפּט פון די כוחות און געפאַלן אין מוט צוליב זיין אומבאַהאָלפנקייט, איז אַרטאַפּאַנוס אַהיימגעקומען און דערווישט יצחקן. ער איז נאָך געשלאָפן פון זייט ער איז אַריינגעפאַלן אין הויז. ברײַנדל האָט זיך געפילט ווי זי וואָלט מיט עפּעס שולדיק געווען אין זיין צוריקקום און געטרייסט זיך און אַרטאַפּאַנוסן דערמיט, אַז לאה און די אַנדערע צוויי קינדער זענען געראַטעוועט.

„איז נויטיק אויך מיינער אַ קרבן אין דער פאַרשאָלטענער שטאָט?!", האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט פאַרביטערט.

ברײַנדל האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן דערויף און צוליב דער פאַר־ביטערונג פונעם דאָקטאָר האָט זי אַפילו נישט געפרעגט, וואָס זי האָט געהאַט בדעה אים צו פרעגן: אפשר האָט ער עפּעס געהערט וועגן אירע קינדער אין דער יידנשטאָט. שוין עטלעכע טעג ווי זי איז דאָרט נישט געווען און זי ווייסט נישט, צי אירע איבעריקע קינדער זענען געזונט, אָדער צי איז עפּעס, חלילה, געשען מיט זיי.

יצחק איז אָפּגעשלאָפן ביז באַגינען דעם אַנדערן טאָג, ווען אַרטאַפּאַנוס איז

אויפגעשטאַנען. דער פעסטער שלאָף האָט אַרטאַפּאַנוסן צוריקגעגעבן די כּוחות און ער איז געוואָרן רויִק. ער האָט שטיל באַגריסט זיין זון, וואָס אַפילו ווען ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט איז ער געווען אַזוי אַריינגעפּלאָנטערט אין שלאָף, אַז ער האָט קוים באַגריפן ווו ער געפינט זיך און אין וועלכער צייט.

ער האָט דעם זון דערלאַנגט צום בעט אַ קאַלט טעפל לאַקרעץ, געלאָזט אים אויפטייען פון שלאָף און געפרעגט:

„וואָס איז מיט דער מוטער? איז זי דערפאָרן געזונט? און וואָס מיט מרים און שבתאי?"

„זיי זענען אויסער געפאַר, פאָטער", האָט יצחק געענטפערט מיט אַ הייזעריקער שטים. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום פאָטער און אים אָנגעקוקט מיט אַ בליק, ווי ער וואָלט אים נישט דערקענט. ער האָט געזאָגט שטיל: „איך האָב נישט געקענט נישט צוריקקומען. פון דעם וואָס האָט זיך געטון אויפן וועג, האָט די מוטער נישט אויפגעהערט וויינען, הלמאי זי האָט דיך געלאָזט אַליין".

„דאָ איז ערגער פון דעם וואָס עס טוט זיך אויף די וועגן", האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט טרוקן.

„איז עס דען מעגלעך, פאָטער? די וועגן און די פעלדער ביז יענער זייט ווייסל זענען פול מיט מתים. אַ מגיפה האָט איינגעהאַקט אין די אַנטלויפנדיקע!".

„נאָך ערגער איז ביי אונדז, די שטאָט ווערט פאַרברענט", האָט אַרטאַפּאַנוס ווייטער געזאָגט איינטאָניק. „עס זענען שוין באַלד מער אויסגעשטאָרבן ווי עס זענען געבליבן לעבעדיקע. האָסט נישט געדאַרפט צוריקקומען אין אַזאַ צייט. ווו האָסטו איבערגעלאָזט אונדזערע?".

„איך האָב זיי דערפירט ביז ראַדאָם. דאָרט איז רויִק, נאָר אַ סך פּליטים זענען אַהין אַנגעלאָפן. בין איך מיט אונדזערע איבערגעשלאָפן אַ נאַכט און ווען זיי האָבן פאַרלאָזט די שטאָט צו פאָרן ווייטער, בין איך אַוועק אַהער. איך באַדויער נישט, פאָטער! ביסטו נישט צופרידן דערפון? איך האָב אַנדערש נישט געקענט. איך האָב עס געטון פאַר דער מוטער און פאַר דיר", האָט זיך יצחק פאַרענטפערט.

„ס'איז געשען, מיין זון!", האָט אַרטאַפּאַנוס אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן זונס קאָפּ. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז געווען צו האַרב אין זיינע רייד. „ווער קען דערפאָרשן די לענקונגען פון הימל? נאָר דאָ איז ביטער! זייער ביטער, מיין זון!".

„איך וועל דיר העלפן!", האָט יצחק זיך אויפגעשטעלט.

„אַז דער הימל העלפט נישט — מיט וואָס וועסטו קאָנען העלפן? איך זע נישט פון וואַנען עס זאָל קומען די הילף".

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט אַרטאַפּאַנוס געפונען אַ הילף אין זיין זון. ער האָט אים איבערגעגעבן די השגחה און פאַרזאָרגונג פאַר די חבורות רייבער און מיסט־ברענער. ווי פריער די חברה קדישא, אַזוי האָבן די חבורות זיך צוזאַמענגעקליבן צו מנחה־ און מעריב־צייט און געפּראַוועט סעודות פון ברויט מיט ספּירט. מיט זייערע געזונטע הענט האָבן זיי צוריקגעבראַכט מענטשן צום לעבן. די מענגעס

ספירט, וואָס זיי האָבן געטרונקען דריי מאָל אַ טאָג, האָבן זיי געהאַלטן אין שיכור־לעכער התלהבות, אַז זיי זענען אַ נייער מין פּרנסים אין שטאָט. זיי זענען געווען צופרידן וואָס יצחק איז געוואָרן דער ממונה איבערן ברויט און ספּירט, וואָרום דער יונגערמאַן האָט מיט זיין אָנוועזנהייט נישט געצוימט זיי אַזוי ווי דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס. מיטן דאָקטאָר האָבן זיך די לייט געהאַלטן אין דער מדרגה און אויס דרך־ארץ פאַר אים האָבן זיי געשוויגן. יצחק איז זיי געווען היימישער. זיי האָבן געקענט אויסרעדן אַ פריי וואָרט, אַביסל נבול־פּה און אַ קללה, וואָס דער ספּירט האָט אַרויסגעבראַכט אויף דער צונג.

פישל דער בעקער האָט זיך גאָר שטאַרק דערפרייט מיט יצחקן, ווי מיט אַן אַלטן גוטן באַקאַנטן, וואָס מען האָט נישט געזען יאָרן לאַנג. ער האָט אים היימישלעך דערמאָנט יענע גוטע טעג, רויִקע צייטן, ווען ער האָט אויס קאַטאָוועס געפּרוווט ווערן אַ בעקער. יצחקס פּנים איז געווען רויט, ווייל אויך ער האָט אויסגעטרונקען אַ היפּשע ליאַמפּקע ספּירט. דערפאַר האָט פישל נישט באַמערקט ווי זיין אַלטער באַקאַנטער איז אויפגערודערט און צעטומלט געוואָרן. יצחק האָט זיך קוים באַהערשט אויף צו פרעגן אויף סערקעלען, וואָס מיט איר און צי זי איז געזונט.

„אייער פאָטער איז געווען ביי מיר אין דער בעקעריי אַ סך מאָל", האָט זיך פישל באַרימט, „ער איז אַ מלאך אַ ייִד, גאָרנישט אַזאַ שטרענגער ווי איך האָב זיך אים געמאָלן".

יצחק האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. אויף צו מאָרגנס, בעת מען האָט פון יענער זייט שטאָט געבראַכט מעל, איז יצחק געווען אין פישלס בעקעריי. פישל איז ערגעץ ווו געווען מיט די חבורות רייבער און קיינער איז אין דער בעקעריי נישט געווען. יצחק איז געשטאַנען דערביי ווי די טרעגער האָבן אַראָפּ־געטראָגן דאָס מעל. מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָט ער געוואַרט עמעצער זאָל זיך באַווייזן פון אינעווייניק.

ער האָט אַפילו נישט געטראַכט, אַז אויב קיינער איז נישטאָ, קענען די הונ־געריקע צעגנבענען דאָס מעל, דאָס איז אים אַפילו נישט איינגעפאַלן. אָבער אַ געמישטע געפיל פון נייגער, בושה און צעטומלעניש האָט אים דאָ געהאַלטן. איז קיינער נישטאָ אויך אין דעם הינטערשטן חדר? ער וואָלט גערופן, נאָר ער איז געווען אומבאַהאָלפן. ער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי און וועמען צו רופן. אויף אַ ווייל איז ער אַרויס אין דרויסן, גאָרנישט און קיינעם האָט ער געזוכט און באַלד ווידער צוריקגעקערט אין דער בעקעריי. דער טומל און די געשרייען אויף דער גאַס האָבן נאָך טויטלעכער געמאַכט די שטילקייט אין דער בעקעריי. ער האָט זיך צוגעשאַרט נענטער צום הינטערשטן חדר. קיין סימן פון לעבן איז פון דאָרט נישט געקומען. איז ער געוואָרן דרייסטער און אַריינגעבויגן דעם קאָפּ. אין דער האַלב־טונקלקייט האָט ער אויפן בעט באַמערקט דעם גוף פון אַ פרוי. סערקעלע! זי איז געלעגן אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס. ער האָט געמאַכט אַ האַלבן טריט ווייטער און זיך איינגעקוקט אין אירע פּלייצעס. קיין שום באַוועגונג, קיין צייכן פון לעבן. שלאָפט זי? וואָס וועט געשען ווען עמעצער וועט פּלוצים אַריינפאַלן אין דער בעקעריי און אים

זען דאָ ביי דער טיר? ער האָט זיך געוואָלט צוריקציען און נישט געקענט, און דאָס געפיל פון בושה האָט אים פאַרהאַלטן נישט צו גיין טיפער אין דער קאַמער. אָט האָט זיך אים געדאַכט, אַז אירע פּלייצעס באַוועגן זיך און אויך ער האָט אַ צי געטון מיט די פּלייצעס.

„סערקעלע", האָט זיך ביי אים נישט ווילנדיק אַרויסגעריסן און ער האָט נערוועז אַריינגעכאַפּט אין האַנט אין דער צווייטער.

אירע פּלייצעס האָבן זיך באַוויגן, ווי זי וואָלט וועלן זיך איבערדרייען אויף דער צווייטער זייט און רעזיגנירט דערפון.

„סערקעלע!", האָט ער איבערגעחזרט העכער.

סערקעלע האָט לאַנגזאַם אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זיך מיט די אויגן ווי פאַרהאַלטן אין דער סטעליע.

„דאָס בין איך, יצחק", האָט ער געזאָגט און געמאַכט אַ טריט פאָרויס.

פּאַמעלעך און אומגעלומפּערט האָט זי זיך אויפגעזעצט אויפן בעט מיטן פּנים צום פענצטער און ערשט דאַן זיך אויסגעדרייט.

„דאָס בין איך", האָט ער איבערגעחזרט שטיל און צערטלעך. ער האָט איר פּנים קוים דערקענט. איר פּנים האָט אים אויסגעזען ברייטער און פלאַכער. זי האָט געקוקט אויף אים פאַרווירט, ווי זי וואָלט וועלן אין עפּעס זיך דערמאָנען. און וואָס מער זי האָט זיך איינגעקוקט אין אים, אַלץ טונקעלער און אומהיימלעכער איז געוואָרן איר פּנים.

„דאָס בין איך, יצחק", האָט ער זיך אָנגעבויגן, ווי ער וואָלט וועלן, אַז אַזוי אַרום זאָלן זיינע ווערטער שנעלער דערגיין צו איר.

אויף אַ ווייל האָט זי אַוועקגעקוקט פון אים, נאָכגעזאָגט „יצחק" און צוריק־געוואַנדן צו אים דעם בליק.

„דו דערקענסט מיך נישט?" האָט ער געפרעגט מיט ליידנשאַפט און אומגעדולד און זיך באַרירט די שלייפן, וווּ אנומלט האָבן זיך געקרייזלט זיינע בלאָנדע פּיאות.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„דו ביסט יצחק. ווּ ביסטו געווען?"

מיט איין שפּרייז איז ער געווען נעבן בעט, פאַרטשעפּענדיק אויפן וועג דעם טיש, און אַריינגעכאַפּט איר קאָפּ אין זיינע הענט:

„סערקעלע, סערקעלע!", האָט ער אויפגעהויבן איר קאָפּ צו זיך און איר אַריינגערעדט אין פּנים מיט אַ פולן אָטעם, „איך בין געווען ווייט און איצט בין איך דאָ. דו זעסט? איך בין דאָ!".

ער האָט זיך צוגעזעצט נעבן איר אויפן ראַנד פון בעט, נישט אַרויסלאָזנדיק איר קאָפּ פון זיינע הענט און מיט זיין בליק געוואָלט איר עפענען די אויגן, וואָס אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זעען אים נישט. זי האָט אויפגעהויבן אַ האַנט און ווי זי וואָלט געווען בלינד, האָט זי מיט די שפּיצן פינגער באַרירט זיינע ליפּן.

„דו זעסט מיך נישט?!" האָט ער געפרעגט.

„איך זע דיך, יצחק", האָט זי געענטפערט און מיט די אויגן געבלאָנדזשעט

איבער זיין פנים און נישט אויפגעהערט מיט די שפּיצן פינגער צו באַרירן זיינע ליפּן.

יצחקן האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ און ס'איז אים געוואָרן אומהיימלעך. אירע שפּיצן פינגער אויף זיינע ליפּן האָבן אים געמאַכט ציטערן און כוואַליעס צאַרטקייט האָבן אים פאַרגאָסן. אָבער געדאַכט האָט זיך אים, אַז פאַר איר איז ער דערוויטערט, ווי אַ וואַנט וואָלט אים פאַרשטעלט פון איר. איר שווייגן און דער פרעמדלעכער בליק האָט אים געליימט. האָט ער אַרויסגעלאָזט איר קאָפּ פון זיינע הענט און געבליבן זיצן אומבאַהאָלפן. פאַרוואָס רעדט זי נישט צו אים? פאַרוואָס קוקט זי אויף אים ווי אויף אַ פרעמדן? ער האָט געוואָלט דאָס פרעגן און מורא געהאַט. ער האָט זייטיק געקוקט אויף איר בוזעם און דאַן אויף איר שויס. זי איז געווען אויסגעמאָגערט. צי האָט זי חתונה געהאַט און דערפאַר איז זי פרעמד צו אים? ער האָט די מחשבה אַראָפּגעשלונגען מיט אַ שאַרפער באַוועגונג פון זיינע ליפּן. זייערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן און אים האָט זיך געדאַכט, אַז איבער איר פנים איז אַריבער אַ שאָטן פון אַ שמייכל, וואָס באַהאַלט עפּעס. ווייל זי אים דאָס נישט זאָגן? ער האָט זיך דערמאָנט און ספּאָנטאַן געפרעגט:

„ווו איז?"...

ער האָט נישט פאַרענדיקט פרעגן. זיין אויער האָט ווי פאַרנומען עמעצנס טריט אין דער בעקעריי און ער איז אויפגעשפרונגען. סערקעלע האָט אומדרייסט אויפגעהויבן די האַנט.

„איז עמעצער אַריינגעקומען?" האָט ער געפרעגט.

זי האָט געשוויגן. זי באַהאַלט עפּעס פון אים. ער איז אַרויס אין דער בעקעריי. קיינער איז דאָרט נישט געווען. האָט ער צוריקגעקערט אין דער קאַמער און געבליבן שטיין ביים טיש. ער האָט שטאַרק געוואָלט בלייבן נעבן איר, ער האָט ווידער געוואָלט זיצן נעבן איר און פילן מיט זיין קני איר קני, אָבער אַן זיין ווילן האָט זיך אים אַרויסגעכאַפּט:

„איך וועל מאָרגן ווידער קומען".

זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און ווידער האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז איבער איר פנים איז אַריבער אַ שאָטן פון אַ שמייכל, וואָס באַהאַלט עפּעס. ער איז אַוועק.

ער האָט געהאַט אַ ווידעראַנאַנדיק געפיל פון באַדויער צוליב דעם, וואָס ער איז אַוועק פון איר און פון דערלייכטערונג וואָס ער דאַרף זיך מער נישט ראַנגלען מיט איר אויסטערליש פאַרשלאָסנקייט. ער האָט געהאַט אַ דורשט נאָך פרישער און קילער לופט אויסצופילן די לונגען און זיך לאָזן לויפן. ער האָט אָבער געמוזט קירצער מאַכן דעם אָטעם, כדי נישט צו פילן דעם געשטאַנק פונעם מיסט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די געסלעך, דורך וועלכע ער איז געגאַנגען. דער עיפּוש האָט אים באַגלייט ביז אויף יענער זייט טויער.

ער איז נישט געגאַנגען אַהיים. ער האָט געלעכצט נאָך שטח, נאָך הימל, נאָך דערלייזונג, און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו דעם גרינעם רחבותדיקן פּלאַץ, וואָס

אַנטקעגן דער קירך. ערשט דאָ האָט ער פּאַרריסן דעם קאָפּ און דערזען דעם הימל אַ הויכן, אַ לופטיקן און פייכטלעך־מילד דערפרישנדיקן. אַ, גאָט מיינער, ווי אַזוי געשעט עס, אַז דאָרט ווו עס עיפּושט די ערד טראָגט זיך אויך פון הימל עיפּוש און געפאַלנקייט, און דאָרט ווו די ערד איז באַפרייעריש, איז אויך דער הימל פול מיט גליק און חסד? נישט קימערנדיק זיך וואָס מענטשן זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער אויפגעהויבן די הענט אין אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט וועלן דערגרייכן צו אַ הייכקייט, וואָס ער קען נישט דערגרייכן — ער האָט געוואָלט דערגרייכן מיט די הענט צום הימל און אים אַרומנעמען. וועט אַלץ טאַקע חרוב ווערן?

ווען ער איז געלאָפן צוריק פון ראַדאָם און אויף דער זייט ווייסל זענען די פּעל־דער געווען אויסגעשפּרייט מיט מתים און קראַנקע, האָט ער וואָס שנעלער געוואָלט דערגרייכן לובלין, אַנטרינען אין אַ מקלט. און הגם ער האָט דאָך געוווּסט, אַז אין דער בהלה פון אַנטלויפן איז אויך זיין לובלין אַנטלאָפן, האָט ער געהאַט שפּירונגען, אַז דאָרט דערוואַרט אים עפּעס, וואָס איז מיסטעריעז און איז אין ערגעץ אין דער וועלט נישט צו דערגרייכן. אויב נישט — פאַרוואָס האָט ער געפילט, אַז עס פירט אים אַ האַנט פון אַ מלאך? אויב נישט — פאַרוואָס איז ער אויפן וועג נישט קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן ווי אַנדערע? אפשר ווייסט סערקעלע דעם סוד פון דעם אַלעמען און דערפאַר האָט זי אַזוי אויסטערליש געשמייכלט? זי האָט געחוזקט פון אים, ווי מען חוזקט פון אַן אַריינגענאַרטן אין אַ נעץ. איצט האָט ער נישט מער וואָס צו דערוואַרטן, ווי נאָר קראַנק צו ווערן אין דעם עיפּוש פון דער יידנשטאָט. די רייבער וועלן אים מאַסאַזשירן, זיי וועלן קייען מיט אַפּעטיט די שטיקער פריש ברויט, פאַרטרינקען מיט ספּירט און ער וועט שטאַרבן. צוזאַמען מיט אַנדערע, נאַמענלאָזע און נישט באַוויינטע, וועט מען אים אַוועקפירן אויף אַ הויכן וואָגן. דערצו האָט אים געפירט די האַנט פונעם מלאך און דאָס ווייסט סערקעלע. דערפאַר האָט זי מיט אירע פינגער אַזוי געפירט איבער זיינע ליפּן: צו פילן, אַז ער לעבט נאָך און דאָס וועט געשען מיט אים.

ס'האָט יצחקן אַהיימגעטריבן. בריינדל מוז וויסן, צי סערקעלע האָט חתונה געהאַט. זי ווייסט אַלץ וואָס עס טוט זיך אין דער יידנשטאָט. אויב זי האָט חתונה געהאַט — וועט ער וויסן דעם באַדייט פון אַלץ. און אויב נישט — וועט עס זיין דער סוף. צו דעם האָט אים געפירט די האַנט פונעם מלאך. דאָך ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט אים נישט געסטייעט קיין כוח צו פרעגן בריינדלען, צי זי ווייסט וואָס עס איז געשען מיט סערקעלען. ער האָט מורא געהאַט פאַרן ענטפער, ווי אַ מענטש האָט מורא צו הערן פון פאַרויס די באַשטימונג פון זיין גורל.

יעגע נאַכט איז ער נישט געשלאָפן. און ווי ער, אַזוי אויך דער פאָטער. אַרטאַפּאַנוס איז אַהיימגעקומען שפּעט און צעבראָכן פון מידקייט. ער האָט אויס־געהערט אַ מענה לשון פון בריינדלען, הלמאי ער הרגעט זיך אַוועק; ער וועט, חלילה, פאַלן פון געזונט און זי, בריינדל, וועט נישט האָבן קיין פאַרענטפערונג פאַר לאהן. ער האָט אויסגעהערט די שטראָף־רייד פון דער אַלטער גוטער פרוי און בשתיקה מיט איר מסכים געווען. צי איז דען מעגלעך, ער אַליין זאָל אויסטראָגן דעם גאַנצן

פיין פון דער יידנשטאַט? צי איז דען מעגלעך אַ מענטש זאָל מיט זיינע אָרעמס פאַרהאַלטן אַ פאַרפלייצונגס־טייך? ער האָט נישט פאַרענדיקט דעם אָוונט־מאָלצייט און איז אַוועק זיך לייגן. אין אַנטקעגנאיבערדיקן בעט איז מיט די הענט אונטערן קאָפּ און מיט אָפענע אויגן צום באַלקן געלעגן יצחק.

נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צום פאָטער, האָט ער געפרעגט אין חלל אַריין:

„צי איז דאָס, וואָס מיר לעבן איבער, אַ סוף פון דער וועלט, אָדער חבלי משיח?".

„נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע", האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט מיט אַ מאַט קול, און אָנשפאַרנדיק זיך אין בעט, האָט ער צוגעגעבן מיט ביטערניש: „גאָט וועט נישט אומברענגען די וועלט, ווי אַ מלך וועט נישט פאַרפייניקן זיין גאַנץ פאָלק. איבער גאַרנישט קאָן מען נישט הערשן. ווער וועט אים לויבן, אויב ער וועט פאַרלענדן דאָס איינציקע פאָלק, וואָס לויבט זיין נאָמען אין אַלע נסיונות? און משיח האַלט נישט ביים קומען, ווייל זיכער וויל ער נישט צונעמען די איינציקע טרייסט ביי יידן, וואָס טרייסטן זיך מיט זיין קומען".

יצחק האָט זיך אויפגעזעצט:

„ביסטו זיכער אין דעם וואָס דו זאָגסט, פאָטער?"

„שרעקסט זיך פאַר מיין אַפּיקורסות, מיין זון? ס'איז נישט קיין אַפּיקורסות. יעדער דור דאַרף בעטן אויף משיחן, אָבער אין דער שטיל דאַרף ער אויך בעטן זיין תפילה זאָל נישט מקוים ווערן. די בענקשאַפט נאָך גאולה גיט דעם לעבן אַ זין; די גאולה, ווען זי קומט, זעט זי אויס ווי אַן אַלט ווייב — נישט זי קען זיך אָנקוקן אין פּנים און נישט זי איז גורם נחת אַנדערע. ווען נישט דער גלויבן, אַז איצט איז ערב משיחס צייטן, וואָלט קיין איין ייִד אין דער יידנשטאָט מער נישט געלעבט. צו די וואָס שטאַרבן אויס פון דער מגיפה, וואָלטן די אַנדערע אויסגעשטאָרבן פון פאַרצווייפלונג. נאָר דער גלויבן האַלט זיי. ווי גאָט דאַרף די יידן זיי זאָלן אים גלייבן, אַזוי דאַרפן די יידן גאָט, זיי זאָלן זיך האָבן אין וועמען צו קלאַמערן. גאָט איז זייער מלך, זייער לאַנד — ער פאַרטרעט זיי אַלץ, וואָס אַנדערע פעלקער האָבן אין ממשותדיקע אָביעקטן, וואָרום אַפילו אין זייער אמונה מוזן נישט־יידן האָבן רעאַלע זאַכן, וואָס זאָלן פאַרקערפּערן גאָט און די הערארכיע פון זייערע הייליקע. אַנדערע פעלקער, ווען זיי זאָלן דאַרפן אויסשטיין אַזויפיל פורעניות — סיי פון פרעמדע, סיי פון אייגענע און סיי אויך פון גאָט, — וואָלטן זיי שוין לאַנג געהאַט אומגעקומען. קיין צייכן וואָלט פון זיי נישט געבליבן. יידן שטייען דאָס אַלץ אויס; לעבעדיקע שטיקער ווערט פון זיי געריסן און זיי לעבן ווייטער, ווייל זיי גלייבן, אַז די פינצטערניש אין זייער לעבן איז נישט ווייל גאָט האָט קאַפּריז פאַרלאָשן די זון, נאָר דאָס איז אַן אָנזאָג אויף דערלייזונג, אויף משיחן, אויף דעם גליק וואָס עס דערוואַרט יעדן איינציקן ייד, אַפילו ווען ער האָט די גאולה נישט דערלעבט".

„ס'איז נישט קלאָר פאַר מיר", האָט יצחק געזאָגט פאַרזיכטיק. „אויב דו, פאָטער, צווייפלסט אַז משיח וועט אַמאָל קומען און אויב ער וועט קומען, וועט ער זיין ענלעך צו אַן אַלט ווייב"...

„איך האָב דיר נישט געזאָגט, אַז איך צווייפל", האָט אַרטאַפּאַנוס דעם זון נישט געלאָזט אויסרעדן, „פאַר מיר איז משיח נישט קיין מאַן פון פליישׁ און בלוט אויף אַ ווייסן אייזל און אַלע יידן פון אַלע דורות וועלן צוזאַמען מיט אים עסן פון שור הבר און פון לויתן. מיט אַזאַ קערפּערלעכן משיח פאַרבינדט זיינע לעכצונגען און זיין טרייסט דאָס פּשוטע פאָלק. משיח איז אַ גייסטיקע גאולה, אַזוי ווי עס האָט זי געזען אונדזער נביא. און די גאולה קען קומען נאָר ווען זי וועט אַרומנעמען אַלע פעלקער אויף דער ערד. אַלע מענטשן זאָלן ווערן בעסער, איידעלער, זיי זאָלן אויפהערן פירן מלחמות און אויפהערן פייניקן איינעם דעם צווייטן; עס זאָל פאַר־שווינדן די תאווה צו מאַכט און באַהערשונג. וואָרום וויסן זאָלסטו, מיין זון, אַז אויב די גאולה וועט קומען בלויז צו די יידן — וועט דאָס נישט זיין קיין אמתע גאולה. אַנדערע וועלן ווייטער פירן מלחמות, ווייטער זייען שׂנאה, ווייטער וועלן זיין הערשער און באַהערשטע און במילא וועלן אויך יידן ווייטער נישט קענען לעבן און אויך זיי וועלן מוזן זיין שלעכט און גייציק און אויך זיי וועלן נישט זיין באַפרייט פון הערשער און באַהערשטע. גאָרנישט וועט זיך ענדערן".

אַרטאַפּאַנוס האָט פאַרענדיקט זיינע ווערטער, ווי ער וואָלט אַרויסגעטראָגן אַ גזר־דין, וואָס איז נישט אָפּצורופן. יצחק האָט מער נישט געפרעגט און אַרטאַ־פּאַנוס האָט מער נישט גערעדט. זיי זענען ביידע געווען וואַך און איינער האָט געוווסט וועגן צווייטן, אַז ער שלאָפט נישט. זיי זענען געווען ווי אין מאַליגנע, אַריינגעטון אין זייערע אייגענע וועלטן, געהאַט זייערע אייגענע ווייטיקלעכע טראַכטענישן וועגן דער אייטלקייט פון זייערע מעשׂים. פאַר אַרטאַפּאַנוסן האָט די יידנשטאָט געהאַלטן ביים אויסשטאַרבן. אויב די פאַרטיידיקער פון דער שטאָט וועלן אויסהאַלטן דעם דרוק פון די קאָזאַקן נאָך עטלעכע טעג, וועט העטמאַן כמיעלניצקי פאַרנעמען אַ שטאָט אָן יידן. און די וואָס די מגיפה האָט זיי פאַרשוינט, וועלן קיין כוח נישט האָבן אַפילו אויפצוהייבן אַ האַנט.

ער האָט געפּרוווט זיך דערמאָנען מיט וואָס אַזעלכעס האָבן די יידן אין לובלין אַזוי שטאַרק זיך פאַרזינדיקט, וואָס גאָט שטראָפט זיי אַזוי האַרב. צי האָבן זיי זיך פאַרזינדיקט מיט זייער אָרעמקייט? און אויב יאָ — צי איז אָרעמקייט אַליין נישט קיין שטראָף? צי האָבן זיי זיך פאַרזינדיקט דערמיט וואָס זיי זענען געשלאָגן סיי פון די קריסטן און סיי פון די קהל־לייט? פאַרוואָס־זשע שטראָפט גאָט די געשלאָ־גענע, בעת די שלעגער האָבן זיך געראַטעוועט? אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז די אַלע טראַכטענישן קלעפּן זיך צו אים, נאָר ווייל ער איז מיד און זיינע אומדערמידלעכע מעשׂים זענען אים ביז איצט נישט בייגעשטאַנען. אַ, ווען ער קען איינשלאָפן אויף אַ צייט און זיך איבערוועקן נאָך אַלעמען!

קיין צייכן פון שלאָף איז אויף אים נישט געקומען.

יצחק האָט געהאַט צו זיך טענות פאַר זיין פּחדנות צו פרעגן ברײנדלען וואָס אַזעלכעס איז געשען מיט סערקעלען וואָס ער דערקענט זי נישט. אַזויפיל נסיונות איז ער בייגעשטאַנען זינט יענער צייט און ער האָט געוווסט ווו אײן און ווו אויס, נאָר כלפּי סערקעלען איז ער ווי אַ קליין יינגל. אייגנטלעך האָט ער געדאַרפט צו

איר צושטיין און זי פרעגן. נישט צוליב זיין אייגענער שולד איז ער דעמאָלט אַוועק. ער האָט איר געדאַרפט דאָס זאָגן און זי וואָלט אים געענטפערט. צי איז ער אַ קליין יינגל, וואָס דאַרף זיך באַהאַלטן אונטערן פאַרטעך פון ברײַנדלען און אויך פאַר דעם האָט ער מורא געהאַט? צי האָט אים דער מלאך געפירט ביי דער האַנט פון יענער זייט ווייסל, נאָר כדי דער פאָטער זאָל נישט בלייבן אַליין?

בעת ער האָט זיך צעשיידט מיט דער מוטער, האָט ער, אמת, נישט פאַרבאָרגן פאַר איר זיין אמתע מחשבה, ווארום פאַרוואָס האָט ער זיך נעכטן פלוצים געפונען נעבן סערקעלען? בלי נדר וועט ער אין דער פרי אַוועק צו פישלען אין דער בעקערײַ און צושטיין צו איר, כאָטש זיין האַרץ איז אַן עדות, אַז ער האָט זי נישט דערקענט. זי איז נישט די זעלבע, וואָס ער איז ביז איצט געקלעמט געוואָרן פון בענקשאַפט צו איר.

פאָטער און זון זענען באַגינען צוזאַמען אַרויס פון דער היים. דער פרימאָרגן האָט געשמעקט מיט זון־פרישקייט און מיט געשניטענעם היי. די יונגע זון האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרטרייבן די קילקייט פון דער נאַכט. אויף די ליידיקע גאַסן האָבן פאָטער און זון געהערט זייערע אייגענע טריט, ווי דאָס וואָלטן געווען טריט פון פרעמדע.

איינגעקוועטשט אין אַ מויער איז געשטאַנען אַ בעטלער מיט אַן אויסגע־שטרעקטער האַנט, ווי ער וואָלט דאָ געשטאַנען נאָך פון נעכטן און געבעטלט נדבות פון דער נאַכט. אַרטאַפּאַנוס האָט אים דערלאַנגט אַ קליינע מטבע און דער בעטלער האָט געבעטן גאָט פאַר זיין געזונט. די תפילה איז זיי אַ שטיקל וועג נאָכגעגאַנגען ביז די ווערטער זענען פאַרטומלט געוואָרן פון זייערע טריט.

„ס׳שטעלט זיך אַ שיינער טאָג", האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט ווי ער וואָלט געוואָלט הערן זיין אייגן קול, צי ער איז נישט הייזעריקלעך פון דער נישט־געשלאָפענער נאַכט.

יצחק האָט פאַררעסן דעם קאָפּ צום הימל. אויף דעם בלאָען געוועלב פון הימל האָבן געזעגלט אַ פּאָר געציילטע ווייסע וואָלקנדלעך, וואָס די יונגע באַלכסוניקע זון האָט זיי פון דער מזרח־זייט אונטערגעשלאָגן מיט ראָזלעכע ראַנדן. אויף יצחקן האָט אַן אָטעם געטון מיט צעלופּטיקטע פרעמדע ווייטקייטן.

„אַ אומבאַקאַנטער טאָג", האָט זיך אים אַרויסגעכאַפּט.

דער פאָטער האָט אַ קוק געטון אין זיין זייט. ווי עס וואָלט געווען צום ערשטן מאָל, האָט ער באַמערקט, אַז יצחק איז העכער פון אים. ווען ער איז אַזוי אויס־געוואַקסן? זיין שאַרף מענלעך פּנים און דער אַרויסשטייענדיקער שלונגביין האָבן אויף אַרטאַפּאַנוסן אָנגעיאָגט הייטערקייט. אָט דער רייפער מאַן איז זיין זון. ווי פאַרפירעריש ס׳איז די צייט! אָט דאַכט זיך דיר, אַז זי גייט פּאַמעלעך און זי איז ווייט הינטערשטעליק דיין אימפּעט, נאָר ווען דו קוקסט זיך אַרום איז זי דיר פאַרויסגעלאָפן מיט מייליקע שפּרייזן...

פון אַ זייטיקער גאַס האָט זיך אָנגעטראָגן אַ גרופּע טשעלאַדניקעס, וואָס דער־זעענדיק די צוויי יידן, האָט איינער פון זיי אויסגערופן:

„איך האָט אָפּגעגליקט: די קאָזאַקן ציִען אָפּ".

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך פון אָנהייב נישט געכאַפּט, אַז די ווערטער זענען געווענ־דעט צו אים און זיין זון. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און איבערגעפרעגט:

„צי האָב איך גוט געהערט, אַז די קאָזאַקן ציִען אָפּ?".

„מען קען דאָס זען פון דער מויער", האָט איינער באַמערקט, נישט אָפּשטעלנדיק זיך.

די גרופּע טשעלאַדניקעס איז אַוועק און פאָטער און זון זענען געבליבן שטיין אויף דער ליידיקער גאַס. ס'איז נישט געווען ביי וועמען צו פרעגן אַ באַשטעטיקונג.

„מיינסטו, פאָטער, אַז זיי האָבן געחוזקט?", האָט יצחק געפרעגט.

„ווען אַפילו זיי האָבן עס אונדז געזאָגט מיט חוזק, וועל איך עס אָננעמען ווי אַ בשורה פון גליק".

אַרטאַפּאַנוס איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. ער האָט געהאַט בדעה צו גיין אין שפּיטאָל, צו די קראַנקע. אָבער ווי קען ער איצט גיין אין שפּיטאָל, איידער ער וועט אויספאָרשן צי דאָס געהערטע איז אמת? ער האָט אויפגעהויבן די האַנט ווי אַ צייכן, אַז ער שלאָגט זיך מיט דער דעה און געזאָגט צו יצחקן:

„דו גיי זיך איבער די בתי־מדרשים און זע־צו, אַז די לייט זאָלן באַציִטנס אַרויסגעטראָגן דאָס מיסט צו פאַרברענען, איידער זיי צעגייען זיך איבער דער שטאָט. איך וועל גיין צום ראַטהויז דערוויסן זיך ווי עס האַלט. שפּעטער וועסטו מיך געפינען אין שפּיטאָל".

די וועגן פון פאָטער און זון זענען זיך צעגאַנגען. אַרטאַפּאַנוס איז אַוועק אין דער ריכטונג פון וואַנען ער איז געקומען, און יצחק איז אַריבער דעם טויער צו דער יידנשטאָט. פאַרקערט ווי אין קריסטלעכן טייל, איז שוין דאָ געווען פולער טאָג. יידן האָבן זיך געאיילט, הגם ס'איז נישט געווען וווהין זיך צו איילן. ווייבער האָבן געוויינט אין געזעמלעך, כאָטש ס'האָט אויסגעזען אַז זיי האָבן שוין אַלע טרערן פריער אויסגעוויינט. לאַדנס האָבן זיך געעפנט מיט אַ קלאַפּ פון זייערע פליגל אין די ווענט, און צעקנייטשטע, געלבלעכע פּנימער פון דלות האָבן זיך אַריינגעשטאָכן אין דעם פריען מאָרגן.

יצחקן האָבן די פיס נישט געטראָגן צו די בתי מדרשים, כאָטש ער האָט פאַרשפּראָכן דעם פאָטער. איצט, מיט זיך אַליין, האָט צו אים צוריקגעקערט דער אומרו, וואָס האָט אים די נאַכט נישט געלאָזן צו־טון אַן אויג. ער איז אַריבער אין דער קווער דעם קליינעם מאַרק און צוריקגעגאַנגען ביי די זייטן פון די הייזער. בלויז אַ האַלבע טיר פון פישלס בעקעריי איז געווען אָפּגעלענט.

ווי אַלע פאַרבייגייער וואָלטן געקענט זיינע פאַרבאָרגענע מחשבות, האָט ער פון אונטערן שטערן אַ קוק אַרויף געגעבן צום קוימען אויפן דאַך. קיין סימן פון רויך איז פון אים נישט געגאַנגען. צי איז פישל נאָך אין דער היים, אָדער איז ער שוין אַוועק צו דער חבורה רייבער אויסצוטרינקען אויפן ניכטערן מאָגן זיין פאַרציע ספּירט. ער האָט איצט זיך נישט געוואָלט צוזאַמענטרעפן מיט אים, נישט אָנקוקן אים אין די אויגן. צוויי מאָל האָט ער נאָך אַרומגעקרייזט דעם מאַרק, אויף צוריק־

וועגס געקוקט אויף דער האַלבער אָפּגעלענטער טיר און גאָרנישט פון דעם דערווישט וואָס ער האָט געוואָלט.

פון אַ זייטיק געסל איז אַרויס אַ לוויה, וואָס האָט מיט טרוקענע געוויינען דורכגעשניטן דעם מאַרק. כאָטש געוווינט צו דעם, האָבן די געזעמלעך יידן און פאַרבייגייער געווענדעט זייערע פּנימער צו דער לוויה און יצחק האָט מיט אַ באַ־האַלטענער באַוועגונג אָפּגעלענט די צווייטע העלפט טיר פון פישלס בעקעריי. איך וועל פישלען פרעגן, צי אויך ער האָט געהערט עפּעס פון דעם, אַז די קאָזאַקן האָבן זיך צוריקגעצויגן פון הינטער די שטאָטישע מויערן — איז אים איינגעפאַלן. און שוין איז ער געווען אינעווייניק. קאַלט, פאַרחושכט און פוסט איז געווען אין דער בעקעריי, ווי מען וואָלט שוין דאָ לאַנג נישט געהייצט דעם אויוון. ער האָט זיך פאַרויסגערוקט אין דעם קליינעם פינצטערן פּרוזדורל און זיך איינגעהערט. קיין צייכן פון אַ לעבעדיקן מענטש האָט ער נישט געהערט. דערפאַר האָט ער געהערט שטאַרקע קלעפּ פון זיין אייגן האַרץ. די קלעפּ פון זיין אייגן האַרץ זענען פאַר אים אַליין געווען אומהיימלעך, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געהערט אַזעלכע. ער האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער קאַמער און פון איבערן טיש האָט ער אין טריבער טונקלקייט דערזען אין בעט סערקעלען. זי איז געלעגן מיטן פּנים צו דער וואַנט.

„שלאָפסטו, אָדער דו ביסט וואַך?", האָט ער געפרעגט און געמאַכט אַ טריט פאָרויס. זיין אייגן קול איז אים אויסגעקומען פרעמד און ווייט. סערקעלע האָט עס דערהערט. זי האָט זיך אויסגעדרייט, אויפגעזעצט זיך און אַ ווייל געבליבן אָנגע־שפּאַרט אויף אירע הענט. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ בלייך פּנים און שטילע אויגן.

„וווּנדערסטו זיך נישט וואָס איך בין געקומען אַזוי פרי?", האָט ער ווידער געפרעגט און צוגעגאַנגען צו איר בעט.

אירע הענט האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן די שווערקייט פונעם אייגענעם גוף און זי האָט דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אינעם ווענטל פון בעט.

„ווי ביסטו געווען?", האָט זי אַרויפגעקוקט צו אים מיט די שטילע גאָרנישט ווילנדיקע אויגן, ווי זי וואָלט זיין שאלה פריער נישט געהערט.

יצחק האָט זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד פונעם בעט. זיינע אויגן האָבן זיך צוגעוווינט צו דער טונקלקייט אין דער קאַמער און ער האָט איצט קלאָר געזען אַפילו דעם אָפּשיין פון סערקעלעס האָר, וואָס האָבן זיך צעפּאַטלטע אַראָפּגעגאָסן אויף איר שטערן. די בלייכקייט פון איר פּנים איז געווען ווי פון אַ לאַנגן שלאָף און אויפרייצנדיק. ער האָט אַריינגעקוקט אין אירע אויגן און אין זיי געזוכט יענעם פונק, וואָס האָט זיך אַמאָל, אַמאָל אין אים איינגעגליט און ער האָט געזוכט אים אויפצובלאָזן. אָבער הינטער איר בליק איז געשטאַנען אַ וואַנט, וואָס האָט קיין טראָפּן ליכט נישט דורכגעלאָזט. דאָך קוקנדיק אויף אים האָט זי מיט די פינגער געקנעטן דעם שטרוי־זאַק, אויף וועלכן זי איז געלעגן, ווי זי וואָלט זיך געראַנגלט מיט עפּעס, וואָס ער באַמערקט נישט. ער האָט אָנגעכאַפּט איר האַנט און ביים אָנבייגן

זיך צו איר האָט אים אַ שלאָג געטון אין דער נאָז דער ריח פון איר לייב און פון נאַכט. זי האָט די צווייטע האַנט אַרויפגעלייגט אויף זיינע און געקוקט מיט איר שטאַרן בליק אויף זיינע ליפּן. ער האָט געפילט איר אָטעם און נאָך מער דערנענטערט זיין פּנים צו אירס.

„סערקעלע, סערקעלע, פאַרוואָס זאָגסטו מיר גאָרנישט ?", האָט ער שטיל איר אַריינגערעדט אין פּנים. זי האָט אַרויפגעלייגט אירע פינגער אויף זיינע ליפּן און ער האָט די פינגער געקושט, באַוועגנדיק מיטן קאָפּ צו קושן באַזונדער יעדן פינגער. „דערצייל מיר, דערצייל מיר אַלץ", האָט ער געבעטן מיט שטייגנדיקער היציקייט.

סערקעלע האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט, נאָר דורך אירע פינגער אויף זיינע ליפּן האָט זי אים דערציילט וועגן אַ פּאַסטעך־ביידל אויף יענער זייט שלאָס־באַרג, אין אַ וועלט פון שנייאיקער ווייסקייט. קיינער אַרום זיי איז נישטאָ. זיי זענען בלויז מיט זיך אַליין, בלויז מיט זיך אַליין, און זי קלאַמערט זיך צו אים און פון אירע ליפּן זויגט ער אויס די תענוגדיקע זיסקייט, וואָס ער קען זיך מיט איר נישט זעטיקן. ער קלאַמערט זי אַרום מיט זיין אָרעם און זוכט מיט זיינע ליפּן דעם ציטער פון איר לייב. ער וועקט זי מיט זיין היץ און קרעכצט אויס בעטנדיק איר נאָמען. זי ענטפערט אים בלויז מיט דעם ריח פון איר לייב, מיט דער ווייסקייט און וואַרעמקייט פון אירע בריסטן. „געדענקסטו, סערקעלע, מיר צוויי אינעם ביידל אויף יענער זייט שלאָס־באַרג ?". ער ציט זיך צו איר לייב, ווי ער וואָלט מיט איר צוזאַמען געוואָלט צוריק דערגרייכן דאָס, וואָס איז פאַרשוווּנדן, און זי לאָזט זיך מיטשלעפּן פון אים. און ער פירט זי אַוועק אין אַ וועלט, וווּ נאָר זיי צוויי און מער קיינער איז נישטאָ. און אין דער וועלט פון פאַרגעסנקייט פיבערט ער אויס אַלע זיינע פיבערן, וואָס ער האָט די אַלע יאָרן פאַרדרענגט אין זיך. ער פירט זי נאָך זיך און עס קימערט אים נישט מער, צי זי ענטפערט אים. און אַפילו זי ענטפערט אים נישט, איז זי אים נענטער ווי זיין אייגן לייב און ער גאַרט צו איר, כאָטש ער איז אַזוי נאָענט מיט איר. אָט דאַכט זיך אים, אַז זי דערווייטערט זיך פון אים און אָט איז זי אים ווידער אַזוי נאָענט! ער פילט איר לייב, איר אָטעם, אָבער ערשט ווען ער לעשט זיך אויס באַפאַלט אים אַ פרעמדקייט. די פרעמדקייט שלאָגט פון אים. זי איז געווען ווייט פון אים. ער האָט אַוועקגעשאַרט די האָר פון איר פּנים און געוואָלט זען אירע אויגן, זיך אָנטרעפן מיט איר בליק. זי האָט נישט געקוקט אויף אים, נאָר אויף זיינע ליפּן, וואָס זי האָט ווידער באַרירט מיט די שפּיץ פינגער.

„סערקעלע, זאָג מיר עפּעס !", האָט ער געבעטן אַ פאַרצווייפלטער.

אַ דינער שיין פון עפּעס וואָס צווישן פאַרוווּנדערונג און פאַרווירטקייט איז שנעל פאַרביי איר פּנים און פאַרשוווּנדן. אַן אויסגעלאַשענער און מיט אַ געפיל פון אָנוואַקסנדיקן צער, האָט ער זיך אויפגעזעצט און שעמעוודיק פאַרריכט זיינע קליידער. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך. עס האָט אים געצויגן צו בלייבן זיצן נעבן דעם בעט און אין דער זעלבער צייט האָט ער געוואָלט אַנטלויפן, אַנטלויפן וואָס ווייטער.

„האָסטו שוין היינט געגעסן ?", האָט ער פּלוצים געפרעגט, אפשר כדי עפּעס

צו פרעגן, און אַ קוק געטון צו דער קיך מיט דער פאַררויכערטער נישע. ביי דער קיך האָט ער דערזען אויף דעם דעקל פון דער וואַסער־פאַס אַ צינערנע שעפ, וואָס איז אים געווען אַזוי האַרציק נאָענט. ער האָט דערקענט די שעפ, פון וועלכער סערקעלע האָט אים אַמאָל דערלאַנגט צו טרינקען וואַסער. ער איז צוגעגאַנגען, אָנגעשעפּט פון פעסל וואַסער און די שעפ דערלאַנגט סערקעלען. זי האָט די שעפ אַרומגענומען מיט בײדע הענט און אַ שלוק געטון. באַלד אָבער צוריק זי אָפּגעשטופּט, ווי דאָס וואַסער וואָלט איר געעקלט. ער האָט אַרײַנגעקוקט אין דער שעפ און דערזען אַ טונקל־פאַרווישט פּנים אין דעם וואַסער. דער צער אין אים איז געשטיגן. ער האָט זיך געפּרוּווט ווידער אָוועקזעצן אויפן ראַנד פונעם בעט און מורא געהאַט צוזאַמענ־טרעפן זיך מיט אירע אויגן.

„איך וועל מאָרגן ווידער דאָ זײַן", האָט ער ענדלעך געזאָגט און איז אַוועק — אַוועק, כדי מער דאָ קיינמאָל נישט צו זײַן.

ער איז אַרויס אויף דער גאַס אַ באַפרײַטער און אין דער באַפרײַאונג אַ פאַר־צווייפלטער. ער האָט געזוכט ווו צו אַנטרינען און ער האָט זיך געפונען אין דער צוים פון דעם קליינעם מאַרק מיט די אײַנגעהויקערטע הײַזלעך. אויף די עקן פון די געסלעך זענען געשטאַנען קרײַזלעך ייִדן, נאָענט איינער צום אַנדערן און שווייגנ־דיקע, ווי זיי וואָלטן אויף עפּעס געטשאַטעט. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז די הײַזלעך זענען אײַנגעהויקערט ווי די קעץ, וואָס גרייטן זיך צו אַ שפּרונג און די שווײַגנדיקע קרענצלעך ייִדן מיינען נאָר אים, אים. זיי אַלע ווייסן פון וואַנען ער גייט. זיי האָבן געזען ווי ער האָט זיך ווי אַ גנב אַרויסגעמאַכט פון פּישלס בעקערײַ. זיי ווייסן אַלץ. איז ער אייליק פאַרביַיגעגאַנגען אין קרענצל ייִדן, דערנאָך אַ צווייטס. ער האָט זיך אויף עפּעס געריכט. ער האָט געאײַלט מיט די אויגן צו דער ערד, ביז ער איז אויף עמעצן אַרויפגעפאַלן און יענער האָט זיך אָנגעשטויסן אין אים.

„אַזוי ! ? היינטיקע צײַטן פאַרלירט מען שוין אויך די אויגן ? אַלץ, אַלץ פאַרלירט מען !", האָט דער עמעצער געשריגן.

„איך בעט אײַך איבער", האָט יצחק געזאָגט, נישט אויפהייבנדיק די אויגן און איז אַנטלאָפן.

ער האָט נישט געהאַט ווו צו לויפן. ווו זײַנע פיס האָבן אים געטראָגן — איז ער געווען אין דעם געשלאָסענעם קאַסטן פון דער ייִדנשטאָט לובלין...

קאַפּיטל פופצן

אַ פעליקן טאָג האָבן געקלונגען די גלאָקן פון די לובלינער קירכן, ווי אַ לויב צום הימל פון וועגן אָפּטרעטן פון די קאָזאַקן. נאָך צווײ טעג האָבן נאָכאַנאַנד געקלונגען די גלאָקן פון דער קירך ביי דעם דאָמיניקאַנער מאָנאַסטיר. דורך די באַפרייטע און צעעפנטע שטאָט־טויערן האָבן אַריינגעשטראָמט גלייביקע פון די אַרומיקע דערפער און צוזאַמען מיט דעם אינעווייניקסטן שטראָם פון גלייביקע זענען זיי געפלאָסן צום מאָנאַסטיר צו זוכן די סימנים פון דעם נס. אויסגעמישט האָבן געקניט מיעשטשאַנעס, כלאָפּעס, נזירים און גלחים און מיט פאַרלייגטע הענט ווי צו אַ תפילה, אַרויפגעקוקט צום נסים־צלם, וואָס איבערן מאָנאַסטיר. וואָרום דערציילט האָבן לייט, אַז מיט אַ נאַכט פריער האָבן זיי מיט זייערע אייגענע אויגן געזען דאָס וואונדער:

אַרום דעם קרייץ איז אין דער טיפער פינצטערער נאַכט פּלוצים געוואָרן ליכטיק און דאָס ליכט האָט זיך אויפגעהויבן און פונאַנדערגעשפּרייט איבערן הימל. אינעם לויטערן ליכט האָט זיך באַוויזן אַן אָנגעגליטע שווערד פון אַן אומגעהייערער גרייס. די שווערד האָט אין דעם ליכט געצאַפּלט, ווי זי וואָלט געהאַלטן געוואָרן פון אַ נישט געזעענער האַנט. דער שפּיץ פון דער שווערד האָט אָנגעוויזן אַמאָל אויף זאַמאָשטש און אַמאָל אויף לובלין. און ווי די שווערד האָט זיך באַוויזן, אַזוי איז זי מגולגל געוואָרן אין אַ בייטש. און אויך די בייטש האָט דראָענדיק געצאַפּלט. האָבן די לייט פון פורכט פאַרשטעלט זייערע אויגן. און ווען זיי האָבן די אויגן צוריק געעפנט, איז שוין אַלץ געווען איינגעהילט אין אַ פייער־מאַנטל, וואָס זיינע פּאָלעס האָבן געפאָכעט ווי בראַנד־פליגל. דער פייער־מאַנטל האָט זיך געטראָגן אַרויפצו און איז צוזאַמען מיט דעם וואונדער־ליכט פאַרשוואונדן אין די מאָרגן־וואָלקנס.

אין פריען באַגינען האָבן די שטאָט־שומרים אויף די מויערן געזען ווי די קאָזאַקן ציִען־אָפּ אויף דרום־זייט. און ערשט אין האַלבן טאָג האָט דאָס באַפרייטע לובלין געקענט פאַרשטיין דעם מיין פונעם נס. אין האַלבן טאָג זענען פון פּולאַוו געקומען צו רייטן פיר קעניגלעכע שטאַפעטן און פאַרן ראַטהויז מבשׂר געווען, אַז די שליאַכטע האָט געשטעלט איבער פּוילן אַ נייעם מלך — דעם ברודער פון דעם פאַרשטאָרבענעם הערשער. דער מלך, יאַן קאַזשימיעזש, האָט אין אַ בריוו צום העטמאַן כמיעלניצקי געלאָזט וויסן, אַז באַלד וועט ער אָנהייבן פאַרהאַנדלען

מיט אים וועגן אַ שלום און דערום זאָל ער אָפּצי̇ען זיין חייל פון הינטער די מויערן פון לובלין.

די יי̇דן אין לובלין, אויסגעהונגערטע און אויסגעמאַטערטע, האָבן נישט געהאַט קיין כוח צו פרייען זיך. די יי̇דנשטאָט, וואָס דער טויט האָט זי צעפּערטלט, איז געווען אויסגעשעפּט פון די כוחות. דער הונגער און עלנט האָבן פון די לעבנגעבליבענע שאָטנס געמאַכט. כאָטש דאָס קלינגען פון די קירכן־גלאָקן פון יענער זייט שטאָט האָט אָנגעזאָגט דאָס אַוועקגיין פון די קאָזאַקן, האָט דער ברומענדיקער און אומ־ענדלעכער קלאַנג זיי געשראָקן, געוועקט אין זיי אימה.

אַז דאָס קלינגען פון די גלאָקן איז דערגאַנגען צו די תהלים־זאָגער אין דער מהרש״ל־שיל, האָט הערש בונים דער שמש מפסיק געווען און געגאַנגען זען וואָס אַזעלכעס איז געשען. אויף דער גאַס, פאַר דער טיר, האָט הערש בונים אויס־געשמעקט די לופט אַרום די פאַרבייאיילנדיקע יי̇דן און געפרעגט אין דער לופט אַריין:

„וואָס איז דער מער?״.

„ס׳איז וועגן דעם נייעם מלך״, האָט איינער געענטפערט און אַוועקגעאיילט.

„איז וואָס זשע?״, האָט הערש בונים ווייטער געפרעגט אין דער לופט אַריין.

אַ יי̇ד האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַריינגעקוקט הערש בונימען אין אַלטן פּנים אַריין און געזאָגט:

„נישט געהערט, שמש? די קאָזאַקן זענען מיטן אייבערשטנס הילף אָפּגע־טרעטן. די גויים זאָגן, אַז די נאַכט איז געשען ביי זיי אַ נס. אַ פייערדיקע שווערד האָט זיך באַוויזן אויפן הימל און דערנאָך איז פון דער שווערד געוואָרן אַ בייטש און ביידע האָבן פאַרטריבן די קאָזאַקן.

הערש בונים האָט מיט פאַרזשמורעטע אויגן אַ קוק געטון אין הימל און אַ הייב געטון מיט אַן אַקסל:

„שווערד־שמערד. מאַלע וואָס זיי זאָגן. דער הימל איז דען זייערער?״.

„מע זאָגט, אַז פון אַלע דערפער צי̇ען אַהין כלאָפּעס פון וועגן דעם נס״, האָט דער יי̇ד אָנגעוויזן אויף יענער זייט שטאָט.

הערש בונים דער שמש האָט בטולדיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

„גיי און דערצייל די גויים, אַז דריי טעג און דריי נעכט האָבן מיר געזאָגט תהלים״.

„מען זאָגט, אַז די פּאַנעס האָבן אויסגעקליבן אַ נייעם מלך און דער מלך איז געווען דערין וואָס די קאָזאַקן זענען אַוועק״.

„אַלץ איז אָנגעצייכנט פון הימל״, האָט דער אַלטער שמש אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך און פאַרריסן דעם קאָפּ.

דערווייל האָבן פון אַלע געסלעך אָנגעהויבן שטראָמען צום מאַרק מענער, ווייבער און קינדער. פון מויל צו מויל איז איבערגעגעבן געוואָרן, אַז אויפן מאַרק וועט דער גוטער דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס אָנזאָגן פאַר יי̇דן בשורות טובות. די אויס־געמאַטערטע יי̇דן האָבן זיך באַווי̇גן ווי צו כל נדרי. נישט געאיילט זיך, כאָטש

אויף גוטע בשׂורות האָבן זיי זיך אויסגעקוקט די אויגן. ווי צו כל נדרי האָבן זיי אויך דאָס מאָל געוואָלט פֿאַרשפּאָרן כוחות, נאָר זיי האָבן דעם לאַנגן תּענית געהאַט הינטער זיך. וואָס פֿאַר אַ בשׂורות טובֿות קען דאָס אָנזאָגן דער דאָקטאָר אליעזר אַרטאַפּאַנוס? צי קען ער צוריק לעבעדיק מאַכן די טויטע?

דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס האָט אָנגעזאָגט אַ גוטע בשׂורה. פֿאַרנאַכט וועלן אָנקומען אין דער ייִדנשטאָט געשפּאַנען מיט ברויט און קאַרטאָפֿל. זאָל יעדער מיטברענגען מיט זיך צום הויז פֿון קהל אַ קויבערל און ער וועט באַקומען זיינס וועדליק דער צאָל נפֿשות אין יעדן געזינדל. נאָר נישט שטופּן זאָל מען זיך, וואָרום עס וועט סטייען פֿאַר אַלע. אַ שׂמחה האָט אַרומגענומען דעם עולם און אויסרופֿן און קרעכצן פֿון התפּעלות האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון די העלדזער, ווי מיט דעם צוגעזאָגטן ברויט און קאַרטאָפֿל וואָלט אָנגעקומען אַ לעבעדיקער גרוס, אַז די וועלט איז ווידער אָפֿן, אַז די סכּנות זענען אַוועקגענומען געוואָרן פֿון דער שטאָט. צי איז נישט אַמאָל משיח געקומען און ער וועט פֿאַרן אַריבערטרעטן דאָס בריקל פֿון דער ייִדנשטאָט פֿאַרויסשיקן ברויט און קאַרטאָפֿל פֿאַר די קליינע קינדער וועגן? גאָט פֿאַרלאָזט נישט זיין פֿאָלק ישׂראל! ער פּרוּווט עס נאָר אויס.

נאָך איידער די געשפּאַנען מיט ברויט און קאַרטאָפֿל זענען אָנגעקומען, איז דאָס קהל־הויז באַצייטנס געווען באַלאַגערט מיט מענטשן, קויבערס און צערייצטער דערוואַרטונג. קיינער האָט נישט געוווּסט ווו ס׳איז בעסער זיך אַוועקצושטעלן, כּדי צו זיין פֿון די ערשטע. האָט זיך דער עולם באַוועגן אין אומגעדולד און זיך אויסגעקוקט די אויגן אין דער ריכטונג פֿון וואַנען די געשפּאַנען האָבן געדאַרפֿט אָנקומען. אַז ס׳האָט זיך באַוויזן פֿון דער צווייטער זייט מאַרק דער ערשטער וואָגן, איז געשען ווי די ערד נעבן קהל־הויז וואָלט זיך אויפֿגעהויבן און מיט איין מאָל אַ וואָרף געטון דעם עולם פֿאָרויס. די גאַנצע מאַסע מענטשן האָט אָנגעהויבן לויפֿן אין דער ריכטונג פֿון דעם וואָגן; עס איז געלאָפֿן איינער איבערן אַנדערן, מיט די קויבערס איבער די קעפּ, מיט די פֿרייע הענט געפֿאָכעט ווי מיט פֿליגל, כּדי אָפּצושטופּן די זייטיקע. מענטשן, וואָס פֿריער האָבן זיי זיך קוים אויף די פֿיס געהאַלטן פֿון אָפּגעצערטקייט און פּיין, האָבן פּלוצים באַקומען אומגעצוימטע כּוחות. אַז ווען די מאַסע איז באַפֿאַלן דעם ערשטן וואָגן, האָט ער זיך איבערגעדרייט ווי אַ שפּילצייג און די קאַרטאָפֿל האָבן זיך צעשיט אויף דער ערד. האָבן די מענטשן ווי מוראַשקעס, וואָס זייער נעסט ווערט צעשטערט און זיי פֿעדערן זיך צו ראַטעווען די איינגעשפּייכלערטע שפּייז, זיך געוואָרפֿן אויף דער ערד צו קלייבן די קאַרטאָפֿל. און שוין איז איבערגעדרייט דער צווייטער וואָגן, מיט ברויט, און איצט ווייסט שוין קיינער נישט, צי זאָל ער זאַמלען אין קויבערל קאַרטאָפֿל, אָדער ער זאָל זיך לאָזן צום ברויט. אין דער אומבאַהאָלפֿנקייט, פֿון נישט וויסן וואָס צו טון, האָבן זיך ווייבער צעשריגן מיט באַנומענע קולות און יללות. שלמהלע דער שטאָט־משוגענער איז אַריין אין טומל און געפֿאָכעט מיט די הענט:

„געוואַלט, ייִדן, משיח איז געקומען! געוואַלט, ייִדן, משיח גייט מיטן לויתן אין דער רעכטער האַנט!“.

איצט האָבן ייִדן נישט געהאַט קיין צייט זיך אומצוקוקן פון וועלכער זייט עס גייט משיח. הונגעריקע האָבן זיך איינגעביסן אין פרישן ברויט און מיט די פרייע הענט געריסן זיך איבער נאָך, נאָך. פולע קויבערלעך האָבן זיך אויסגעשאָטן. אויס מורא מען זאָל דאָס ברויט ביי זיי נישט אויסכאַפּן, האָבן ווייבער שטיקער ברויט אַריינגעשטופּט אין די בוזעמס, פולע פאַרטעכער מיט קאַרטאָפל פאַרבונדן מיט די עקן אַרום די קליידער. שלמהלע, וואָס איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך נישט געקימערט מיט דעם ברויט און קאַרטאָפל, איז אַרויסגעלאָפן פון טומל און פריידיק געשריגן:

„מזל טוב, מזל טוב! לובלינער ווייבער זענען שוואַנגער געוואָרן! זעט, ייִדן, משיחס צייטן!".

קיינער האָט נישט געהערט זיינע דולע ווערטער. אָבער ווען פון דער זייט פונעם טויער איז אָנגעלאָפן דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס מיט עטלעכע לייט, האָט שלמהלע זיך טיף פאַרנייגט און אויסגערופן מיט דרך־ארץ:

„גנעדיקער דאָקטאָר־לעבן, אַלע לובלינער ווייבער וועלן אויסשוואַנגערן ברויט־לעך און קאַרטאָפעלעך!".

צום ערשטן מאָל זייט אַ לאַנגער צייט האָט זיך אויף אַרטאַפּאַנוסעס פּנים באַוויזן פרייד. שלמהלעס פּריציש פאַרנייגן זיך מיט דעם אַנטקעגנאיבערדיקן בילד פון איבערגעדרייטע וועגענער און מענטשן אין ראַנגלעניש אויף דער ערד און נעבן די וועגענער — האָט אַרטאַפּאַנוסן אָנגעפילט מיט האָפערדיקייט אַנשטאָט קלעמעניש. געלויבט איז דער הימל, אַז ייִדן האָבן נאָך כוח צו ראַנגלען זיך פאַר ברויט און קאַרטאָפל. מיט וואָס פאַר אַ באַהאַלטענער גבורה זיי בייגן זיך און הייבן זיך! נעכטן האָט עס געשיינט, אַז אויב עס וועט געשען אַ נס און די ייִדנשטאָט וועט אָפּגעראַטעוועט ווערן, וועלן די לעבנגעבליבענע מער נישט האָבן קיין כוח צו לעבן. פון ד ע ר זייט פון טויער זענען אָנגעפאָרן נאָך צוויי וועגענער און דער עולם, וואָס האָט דערהערט די געשרייען פון די באַלעגאָלעס, האָט זיך אויפגעהויבן גרייט צו טון דאָס זעלבע וואָס מיט די פריערדיקע וועגענער. אַרטאַפּאַנוס איז אַראָפּ אויפן מאַרק מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט, ווי אַ צייכן די געשפּאַנענע זאָלן זיך אָפּשטעלן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויסדרייענדיק זיך צום אָנגעלויף, האָט ער אויפ־געהויבן ביידע הענט אין דער הויך. ווי אַ וואַנט וואָלט זיך פּלוצים אַראָפּגעלאָזט, האָבן זיך די לויפנדיקע פאַרהאַלטן, ווער מיט פולע און ווער מיט לערע קויבערס. די אָנגעלאָפענע זענען וואָס אַמאָל געוואָרן צאָלרייכער. די אָנגעלאָפענע פון הינטן האָבן דעם מענטשן־וואַל געשטויסן פאָרויס. אָבער קיינער האָט זיך פון פּלאַץ נישט גערירט. צווישן דער מאַסע און די אָנגעלאָדענע וועגענער איז געשטאַנען איין מענטש — אַרטאַפּאַנוס. ער האָט אָנגעקוקט די פאַרויסשטייענדיקע אין די אויגן, אויפגעכאַפּט זייערע בליקן און געזאָגט ווי ער וואָלט גערעדט צו איין מענטש:

„איך פאַרשטיי גוט די, וואָס האָבן איבערגעקערט די וועגענער און געכאַפּט קאַרטאָפל און ברויט. הונגעריקע מענטשן אין אַזאַ ווילדער צייט קענען זיך נישט צוימען און זיי ווילן אָנזעטיקן זיך און זייערע קינדער. זיי זענען נישט געווען זיכער,

ציביים טיילן וועט עפּעס פּאַר זיי אָנקומען און צי עס וועט זיין גענוג פּאַר אַלע. האָבן זיי געכאַפּט און זאָל זיי וואָיל באַקומען״.

ער האָט אַ קוק געטון אויף אַן אַלט ווייב, וואָס האָט געהאַלטן אַ קויבערל מיט אַ ביסל קאַרטאָפל און מיט אַן אָנצייגיק מאָל האָט זי געמאָלן אַ ביסן ברויט. ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם קויבערל און געזאָגט היימישלעך:

„איך זע, אַז איר האָט שוין אַביסל קאַרטאָפל און איר לעגט זיך אונטער דאָס האַרץ מיט אַ פּאַסנע שטיקל ברויט. גייט אַהיים און קאָכט אָפּ פּאַר אייערקע די קאַרטאָפל. טאָמער וועט אייך צופעלן, קומט צו מיר און איר וועט באַקומען נאָך. איצט דאַרף מען מער נישט כאַפּן. עס וועט זיין פּאַר אַלע. מען דאַרף מער נישט כאַפּן: איר זעט, אַט זענען נאָך וועגענער, און אַז די וועלן נישט סטייען פּאַר אַלע, וועלן אָנקומען נאָך און נאָך. מיט יעדן טאָג וועט ווערן בעסער. גאָט אין הימל האָט אונדז אַלעמען געהיט ביז איצט, וועט ער אונדז אַוודאי אויך ווייטער ביישטיין. און איצט, ווער עס האָט אַ ליידיק קויבערל, ווייל ער האָט נישט געקענט כאַפּן, זאָל ער צוקומען צום קהל־הויז און איך אַליין וועל דאָס קויבערל אָנפילן. און ווער עס האָט יאָ געכאַפּט, זאָל אַהיימגיין און זאָל ער נישט טראַכטן, אַז ער איז באַגאַנגען אַ זינד. איצט, מיין איך, וועט איר מיר צוהעלפן צוריק אויפשטעלן די וועגענער, ווארום ס׳איז אַ שאָד אַז דאָס צעשאָטענע, גאָטס גאָב, זאָל צעטרעטן ווערן״.

די מאַסע איז געווען אַנטוואָפנט און איז געצוימט געוואָרן פון שעמעוודיקייט, ווי דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס וואָלט געקענט יעדן באַזונדער און געדערדט צו יעדן באַזונדער. און כדי צו וויזן דעם דאָקטאָר, אַז זיי האָבן נישט געמיינט קיין שום שלעכטס, האָבן זיך אַלע געפעדערט אויפצושטעלן די וועגענער. און אַז די וועגענער זענען געווען אויפגעשטעלט, האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט מיט פריילעכקייט:

„וועט קיינער נישט צוזאַמענקלייבן דאָס ביסל, וואָס איז נאָך צעשאָטן? קלייבט עס צונויף אין אייערע קויבערלעך און קומט אַלע צום קהל־הויז, כדי צו באַקומען נאָך״.

מיט דעם זעלבן געפיל פון שעמעוודיקייט האָבן לייט צוזאַמענגעקליבן פון דער ערד, אָפּגעטרעטן איינער דעם צווייטן. דערנאָך איז דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס געגאַנגען פאָרויס און נאָך אים — די מאַסע, און נאָך דער מאַסע זענען נאָכגעפאָרן די פולע וועגן. ס׳איז שוין מער נישט געווען קיין געפאַר, אַז עמעצער וועט כאַפּן. און ווי אַ מינוט פריער איז אַרטאַפּאַנוס געווען דערוועקט פון שטאָלץ, אַזוי האָט אים פלוצים פאַרקלעמט דאָס האַרץ פון צער און רחמנות צו די וואָס זענען געגאַנגען נאָך אים און צו זיך אַליין. ער האָט נישט געקענט פּותר זיין דעם פלוצימען אָפּבייט פון זיין געמיט. צי איז דאָס דערפאַר וואָס דאָס אָרעמקייט גייט אים נאָך ווי אַ סטאַדע, אָדער זיין אייגענע עלנט האָט אים פלוצים פאַרקלעמט? אויף אַ רגע האָט אים פאַרפעלט אָטעם. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרץ און זיך פאַרהאַלטן. די מאַסע מענטשן האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים, געקוקט אים אין פנים, געוואָלט דערגיין דעם טייטש פון זיין אָפּשטעלן זיך. עמעצער, וואָס איז אויפמערקזאַם געוואָרן אַז אַרטאַפּאַנוס האַלט די האַנט ביים האַרץ, האָט אַ מורמל געטון: „דער דאָקטאָר פילט זיך נישט גוט״. אַנדערע האָבן אונטערגעכאַפּט: „זאָל אים נאָר גאָט שענקען

ס׳געזונט״. אַרטאַפֿאַנוס האָט דערהערט דעם פּליסטער און ער האָט זיך געשטאַרקט. ער האָט אָנגענומען פולע לונגען מיט לופט און אויפגעהויבן דעם קאָפּ אַזוי הויך ווי נאָר ער האָט געקענט. ער האָט צוריקבאַקומען דעם כוח אין די פיס און אָנגעהויבן גיין שנעלער. „איך דאַרף זיין שטאַרק״, האָט ער געטראַכט. „איצט טאָר איך נישט פאַלן. איך דאַרף זיין שטאַרקער פון אַלע. איך וועל עס זיין! איך וועל עס זיין! וואָס עפּעס שטימונגען אין אַזאַ צייט? די וואָס גייען אַרום מיר זענען נישט קיין סטאַדע! ניין, זיי זענען נישט קיין סטאַדע און איך בין נישט עלנט!״

ער איז דערגאַנגען ביז דעם קהל־שטיבל און אַהער האָבן שוין געהאַט פאַרלאָפן די לייט פון דער רייבער־חברותא. זיי האָבן זיך געגרייט צו זיין די אויסטיילער און אַרטאַפאַנוס האָט זיי נישט געשטערט. ער האָט נאָר געקוקט קיינער זאָל נישט באַעוולט ווערן. פּלוצים האָט ער באַמערקט ווי אַ פּאָר גרויסע, פּיבערדיקע און בעטנדיקע מיידלשע אויגן קוקן אויף אים. ווען ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט איר בליק, האָט דאָס מיידל פאַרריכט אירע האָר אונטערן טיכל און ער האָט געזען אירע שמאָלע, איידעלע הענט. ער האָט אָנגעוויזן אויף איר מיט דער האַנט און געפרעגט:

„צי קען איך דיך, טאָכטער, אָדער דו דערמאָנסט מיר עמעצן?״

דאָס מיידל האָט זיך אומדרייסט דערנענטערט און געזאָגט אין פאַרלעגנהייט:

„איך קען דעם האַר דאָקטאָר. איך בין די טאָכטער פונעם שמיד״.

„דאָרט אין געסל?״, האָט זיך אַרטאַפאַנוס דערמאָנט. „אַמאָל געוועזן ביי דיין קראַנקן פאָטער. ביינאַכט. אין די בלאָטעס״.

דאָס מיידל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט שטיל:

„מיין פאָטער איז געשטאָרבן... אויך די מאַמע... קיינער פון זיי איז נישטאָ״.

אַרטאַפאַנוס האָט זי צוגערופן צו זיך:

„האָסט געהאַט קליינע ברידערלעך, זאָג איך ריכטיק? איצט ביסטו פאַר זיי די מאַמע״. ער האָט גענומען איר פּנים אין זיינע הענט און איר אַריינגעקוקט אין די אויגן: „איצט דאַרפסטו זיין שטאַרק! זייער שטאַרק! האָסט מיילעכלעך אין שטוב און זיי ווילן עסן. האָסט עסן?״.

אַרטאַפאַנוס האָט ביי איר גענומען דאָס קויבערל. אָנגעפילט עס מיט קאַרטאָפל, געהייסן איר גרייט מאַכן דאָס פאַרטעך און אין פאַרטעך אַריינגעלייגט צוויי ברויטלעך.

„דו שווייגסט און דאָס טויג נישט. אַ הונגעריקער טאָר נישט שווייגן!״, האָט ער צוזאַמענגעקוועטשט די ליפּן, כדי צו ווייזן איר ווי מען שווייגט. „טאָמער וועט דיר פעלן עסן, שעם זיך נישט. קום צו מיר. געדענקסט ווו איך וווין?״.

דאָס מיידל האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. האָבנדיק פאַרנומען די הענט — אין איינער דאָס קויבערל מיט קאַרטאָפל, און מיט דער צווייטער האָט זי געהאַלטן דאָס פאַרטעך — האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן צו אַרטאַפאַנוסן און מיט די ליפּן געזוכט זיין האַנט. ער האָט די הענט באַהאַלטן אויף הינטן און געזאָגט מילד:

„קושן זאָלסטו נאָר דיין חתן. האָסט שוין אַ חתן?״.

דאָס מיידל האָט זיך פאַרשעמט; אין פאַרלעגנהייט געדאַנקט דעם האַר דאָקטאָר און אַנטלאָפן.

„דאָקטאָר־לעבן, אויך איך בין אַ יתומה״, האָט זיך אונטערגערוקט אַן עלטערע פרוי און אויסגעשטרעקט איר אָרעם מיט אַ קויבערל צו אַרטאַפּאַנוסן.

אַרטאַפּאַנוס האָט די פרוי אָנגעקוקט און זיך באַהערשט נישט צו לאַכן.

„אוי־ווי איז מיר, נעבעך!״ האָט ער אויסגערופן און געקוקט אויף אירע גרויע האָר, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזעצן פון אונטערן טיכל אויף איר קאָפּ. „אַ חתן האָסטו שוין?״.

„ווינד איז מיר, דער האַר דאָקטאָר מאַכט פון מיר חוזק. איך האָב דאָך אַ מאַן מיט קינדער!״.

„און אייניקלעך?״, האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט, גענומען ביי דער פרוי דאָס קויבערל און עס אָנגעפילט מיט קאַרטאָפל. „דאָס איז פאַר די אייניקלעך און פאַר די קינדער שטעלט אויף ס׳פאַרטעך״.

„זאָל אייך גאָט געבן ס׳אייביקע לעבן, האַר. פריער גאָט און דערנאָך איר. גאָט שטראָפט נישט פון אַלע זייטן. זעט, ליבע מענטשן, וואָס פאַר אַ גוט האַרץ עס פאַרמאָגט דער דאָקטאָר. אַז נאָר פרייד און נחת זאָלט איר האָבן, האַר־לעבן, אוי, ווייל איז צו דער פרוי, וואָס האָט דעם דאָקטאָר פאַר אַ מאַן״, האָט דאָס ווייב נישט אויפגעהערט רעדן און צוזאַמענגעקליבן וואָס זי האָט געקענט.

פאַרנאַכט זענען שוין אַלע וועגן געווען אויסגעליידיקט. פון די קוימענס איבער די דעכער האָבן אַרויסגעוואָלקנט רויכן. די גאַסן און געסלעך זענען געווען האַלב ליידיקע. אויף דעם מאַרק זענען געווען בלויז איינצלנע יידן. לובלין האָט געגעסן אַ געקאָכטן מאַלצייט... צו מנחה איז הערש בונים אַרויס אויפן מאַרק און צום ערשטן מאָל זייט דער באַלאַגערונג, האָט ער ווי אין די אַלטע צייטן גערופן אין שיל אַריין צו עבודת הבורא. ער האָט גערופן מיט אַ קרעכץ, וואָרום אָפּגעשוואַכט איז הערש בונים געווען פון די פיל תעניתים. איז ער אַוועק נענטער צו די ווענט און אָנגעקלאַפּט אין טירן און לאָדנס. ביי פישלס בעקעריי האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. פון אינעווייניק האָט געזעצט דער זויערלעכער און געשמאַקער ריח פון טייג און פריש ברויט. דער אַלטער שמש האָט נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון און אָפּגעלענט די טיר:

„צו עבודת הבורא״, האָט ער אַריינגעקרעכצט און פאַרנומען דעם ריח פונעם פרישן ברויט, „צו עבודת הבורא. אוי, פישל, פישל, די תעניתים״, איז ער אַריבער־געטראָטן די שוועל, כאָטש דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט אַז ער דאַרף ביישטיין דעם יצר הרע. „ווען קומט שוין משיח, אַז יידן זאָלן מער נישט דאַרפן פאַסטן אַזוי פיל תעניתים?״, האָט דער אַלטער געפרעגט.

„איצט דאַרף מען שוין עסן״, האָט פישל האָפערדיק געזאָגט און אויסגעדרייט זיין צעהיצט פּנים צום אַלטן שמש.

„המ... גריזשען די ווענט״, האָט הערש בונים אַ מורמל געטון.

פישל האָט אים דערלאַנגט אַ שטיק וואַרעם ברויט:

„ביים זאָגן תהלים זאָלט איר געדענקען אין מיין טאָכטער סערקעלע, דער אייבערשטער זאָל איר צושיקן אַ רפואה שלימה".

„ווי האָסטו געזאָגט ? סערקעלע ?", האָט דער אַלטער באַהאַלטן דאָס הייסע ברויט אין בוזעם הינטערן בגד. „איך וועל זי דערמאָנען און זאָל איר דער אייבער־שטער מזכה זיין מיט געזונט און מיט אַ לאַנג לעבן".

ער איז אַרויס פון דער בעקעריי מיט אַ האַפּערדיקן „עבודת הבורא !", אָפּגעריבן די פינגער אין אַ וואַנט, געמאַכט אַ „המוציא", אָפּגעריסן אין בוזעם אַ שטיק פון דעם הייסן ברויט און פון דעם שטיק אָפּגעביסן אַ כזית. דאָס איבעריקע אין דער האַנט האָט ער געקנעטן מיט די פינגער, ווי ער וואָלט געקנעטן וואַרעם לייב, מיט תאווה, געוואָלט עס פילן וואָס טיפער און עס אויפעסן אויך מיט די פינגער. הערש בונים האָט זיך נישט פאַרגונען דעם תענוג, אין מיטן קייען און קנעטן דאָס ברויט האָט ער דערפילט, אַז ער באַגייט אַ שווערע זינד ; ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון דעם יצר הרע ; אי ער פרעסט און ס'איז אים זיס אין אַלע ביינער און אי ער האָט פאַרגעסן אין זיין שליחות קודש צו רופן יידן צו מנחה־מעריב. האָט ער דאָס ברויט פון צווישן די פינגער צוריק אַריינגעלייגט אין בוזעם און מיט אַ פול מויל האָט ער געפּרוווט רופן יידן צו עבודת הבורא. דער ניגון איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז און ער האָט געכאַרכלט.

מער ווי צוויי מנינים יידן האָט הערש בונים נישט צוזאַמענגערופן אין דער מהרש"ל־שיל. אייגנטלעך איז די מערהייט געקומען נישט צוליב זיין רופן, נאָר פון אייגענער באַדערפעניש, בציבור אָפּצוגעבן אַ שבח צו גאָט אין הימל וואָס די קאָזאַקן זענען אַוועק פון הינטער די לובלינער מויערן. צווישן די געקומענע צו דאַווענען מנחה־מעריב בציבור איז אויך געווען ר' אברהם בן־יהודה. זייט דער בהלה פון אַנטלויפן האָט אַרטאַפּאַנוס אים נישט געזען און נישט געהערט פון אים. געווען זיכער, אַז אויך ער איז אַנטלאָפן. נאָר דאָ האָט ער אים געזען אַן אויסגעמאָגערטן און אויסגעבלייכטן מיט אַן איינגעבויגענער פּלייצע. אַרטאַפּאַנוס האָט אים אָפּגעגעבן „שלום עליכם" און נישט געוווסט, צי זאָל ער אים פרעגן, צי ער איז געהאַט געבליבן אין שטאָט, אָדער ער האָט שוין באַוויזן צוריקצוקומען.

ר' אברהם האָט אויפגעהויבן די אויגן פון אונטער די לאַנגע ברעמען און געפרעגט מיט אַ שוואַך קול :

„זענען נאָך געבליבן לעבעדיקע יידן, לובלין זאָל נאָך אַמאָל זיין אַ שטאָט ? ס'איז צו מיר דערגאַנגען, דאָקטאָר, וואָס אַלץ איר האָט געטון. געהערט. דער הימל איז אַן עדות, אַז איך האָב גאָרנישט געקענט טון. געלעגן צו בעט, נישט פאַר אייך געדאַכט".

„איר זענט נישט אַוועק ?" — האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט.

ר' אברהם האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין :

„נישט געקענט ביי זיך פּועלן, דאָקטאָר".

„און איר ווענן דעם נישט צווויסן געגעבן און מיך נישט מודיע געווען ווען איר זענט געווען שלאָף ?", האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט מיט תרעומות.

„זענען אַלע געבליבענע ייִדן געקומען צו אייך, דאָקטאָר, באַרימען זיך, אַז זיי זענען געבליבן מיט דער עדה?”, האָט ר׳ אברהם געענטפערט מיט אַ פראַגע. „מיט וואָס בין איך חשובער פון אַלע ייִדן? דערנאָך, ווען איך בין געלעגן צו בעט האָב איך געהערט, אַז די שטאָט איז פול געווען מיט מתים. צי איז נישט די מצווה צו ברענגען ייִדן צו קבר ישׂראל גרעסער ווי מבקר חולה צו זיין אַ שלאָפן? ער אין הימל איז אַ רופא חולים, אָבער איידער משיח קומט איז ער נישט קיין מחיה מתים”.

„ר׳ אברהם”... האָט אַרטאַפּאַנוס געגרייט זיך עפּעס זאָגן דערוועגן, ווי הערש בונים האָט אַ קלאַפּ געטון אין עמוד און זיך געשטעלט דאַווענען מנחה. הערש בונים האָט זיך צוגעכאַפּט צום עמוד, כדי מכפּר צו זיין אויף זיין זינד, הלמאי ער האָט זיך געלאָזט צורעדן פונעם יצר הרע צו פאַרגעסן זיין שליחות קודש און ער האָט זיך געכאַפּט עסן וואַרעם ברויט, ווי אַ גוי. ער האָט די תפילות אויסגעשריגן מיט זיינע לעצטע כוחות, נישט ווי עס וואָלט געווען מנחה אין אַ וואָכעדיקן טאָג, נאָר ווי צו נעילה. ער האָט געשריגן און געקרעכצט און קיינער האָט נישט פאַר־שטאַנען די כוונה פון דעם אַלטן שמש. נאָך מנחה האָט ער זיך אונטערגערוקט צו ר׳ אברהמען, ער זאָל צוגיין צום עמוד דאַווענען מעריב. ר׳ אברהם האָט צעפּירט די הענט:

„איך האָב זיך נאָר וואָס אויפגעהויבן פון אַ שלאָפקייט און איך האָב נישט קיין כוח צו דאַווענען ביים עמוד”, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט.

„ר׳ אברהם, וועלכער ייִד האָט היינט יאָ כוח?”, האָט דער אַלטער שמש נישט אָפּגעלאָזט, „אַז איר זענט אין שיל זאָל אַן אַנדערער דאַווענען מעריב אין אַזאַ צייט?”.

די צוויי מנינים ייִדן זענען צוגעשטאַנען, אַז נאָר ר׳ אברהם וועט דאָס מאָל זיין דער שליח ציבור. אַפילו ווען בלחש וועט דער אין הימל פאַרנעמען די תפילות פון אַזאַ ייִד, ווי ר׳ אברהם. האָט ר׳ אברהם נאָך מער איינגעבויגן זיין אַזוי אויך געבויגענע פּלייצע און צוגעגאַנגען צום עמוד. ער האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין די פיס. האָט ער זיך מיט די הענט אָנגעהאַלטן, דעם קאָפּ אַוועקגעלייגט אויפן עמוד, און נישט ווי דער שטייגער פון אַלע צייטן, האָט ער אָנגעהויבן דעם שיר המעלות, ווי ער וואָלט גערעדט צו אַ גרויסער מחנה ייִדן:

„שיר המעלות דאָס געזאַנג פון די אַרויפשטיגן. פעדערט זיך! — ברכו — בענטשט גאָט איר אַלע קנעכט פון גאָט, די וואָס טוען שטיין אינעם הויז פון גאָט אין די נעכט. הייבט אויף אייערע הענט פאַר דער הייליקייט און בענטשט גאָט! יברכך — גאָט פון ציון וועט אייך בענטשן — דער באַשאַפער פון הימל און ערד. גאָט פון צבאות איז מיט אונדז; אַ פעסטונג איז ער אונדז, גאָט פון יעקב — אויף אייביק! גאָט, גאָט פון צבאות! גליקלעך איז דער מענטש וואָס האָט בטחון אין דיר! גאָט וועט אונדז דערלייזן, דער מלך וועט אונדז ענטפערן אינעם טאָג ווען מיר וועלן טון רופן צו אים. והוא רחום — ער איז פול מיט באַרמהאַרציקייט. ער וועט מכפּר זיין די זינד און נישט פאַרלענדן. ער וועט מערן אָפּהאַלטן זיין גרימצאָרן

און נישט דערוועקן מער זיין צאָרן. גאָט וועט אונדז דערלייזן, דער מלך וועט אונדז ענטפערן אינעם טאָג, ווען מיר וועלן טון רופן צו אים!

די ייִדן אין דער שיל, צוגערוקט נענטער צום עמוד, האָבן מיט פורכט געהערט דאָס אויסטערלישע הויערן פון ר׳ אברהמס תפילה אין עברי־טייטש, ווי די ווערטער וואָלטן געהאַט פליגל און די פליגל רוישן איבער זייערע קעפּ, קלאַפּן זיך אָן אין די ווענט, אין באַלקן און קרייזן אַרום. אויך זייערע הערצער צאַפּלען אין פורכט, קלאַפּן אין די ווענט פון די ברוסטן און קענען נישט אַרויס. הערש בונים, וואָס איז געשטאַנען צום נאָענטסטן פון עמוד, האָט פאַרנומען אַ שטיל געוויין פון ר׳ אברהמען. אין זיין לאַנג לעבן איז ער נאָך אַזאַ מעריב־תפילה נישט בייגעווען. האָט ער זיך אַ צעטרייסלטער אַרומגעקוקט, געזוכט אָן ענטפער אין די אויגן פון די מתפללים און ווי אַלע זענען געווען פאַרווירט, איז ער אַרויף צום ארון קודש, אויפגערוקט דעם פרוכת און געעפנט די טירן.

„ברכו את ד׳ המבורך!״, האָט ער אויסגערופן אַ צעצונדענער און געבליבן שטיין מיט די הענט אין דער הייך.

ר׳ אברהם האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געוויינט אויף אַ קול:

„ברוך ד׳ המבורך לעולם ועד!״.

די צוויי מנינים ייִדן האָבן זיך אַ רוק געטון צום ארון קודש און אַריינגעשריגן:

„ברוך ד׳ המבורך לעולם ועד!״.

יאָרן לאַנג שפּעטער האָבן לובלינער זיידעס און עלטער־זיידעס דערציילט זייערע אייניקלעך און אור־אייניקלעך, אַז בעת יענער מעריב־תפילה איז פּלוצים בלענד־ליכטיק געוואָרן אין דער מהרש״ל־שיל. די מתפללים האָבן זיך מיט די הענט פאַרדעקט די פּנימער, ווי בעת ברכת כהנים. און ווען די בלענד־ליכטיקייט איז נעלם געוואָרן און זיי האָבן אָפּגעדעקט די פּנימער, איז ר׳ אברהם געלעגן אָן רוח חיים צופוסנס פון דעם עמוד. ער איז אַוועק אין הימל זיך שטעלן פאַרן כסא הכבוד אויסצופועלן, עס זאָל נעמען אַן עק צו ייִדישע צרות...

נאָר צו די ייִדישע צרות האָט קיין עק נישט גענומען.

אין יענער נאַכט האָט אַרטאַפּאַנוס אַפילו נישט געקענט זיין אין זיין היים. דאָס קישן אונטער זיין קאָפּ האָט אים געבריט, ער האָט אין בעט נישט געקענט איינליגן.

בעת ער איז אַ מבולבלער אַרויס פון דער שיל, נאָך דער אויסטערלישער מעריב־תפילה, זענען אים אַנטקעגנגעקומען לוויות. בייטאָג זענען ייִדן געווען פאַר־נומען מיט באַקומען קאַרטאָפל און ברויט און שפּעטער נהנה געווען פון דער שפּייז, האָבן זיי נישט געהאַט קיין צייט צו ברענגען צו קבורה די מתים פון דער פּלאָג. האָבן זיי אין שפּעטן אָוונט, ביים ליכט פון לאַמטערנס, געטראָגן די מתים צום בית־עלמין. פון די קליינע און שוואַכע לאַמטערן־פלעמלעך אין דער אַרומיקער טונקלקייט פון דער נאַכט, האָט זיך אַרטאַפּאַנוסן געדאַכט, אַז דאָס ווערט גאַנץ לובלין באַגלייט צום בית־הקברות. דאָס קלאַפּן פון די פּאַלעס פון די מלווים איז געווען ענלעך צום אָפּהילך פון דער הויערונג פון ר׳ אברהמס תפילה פריער אין דער

מהרש״ל־שיל. ער איז אַוועק, אָבער פונעם קלאַפּן פון די פּאַלעס און פון די לאַמטערן־פלעמלעך האָט ער זיך נישט געקענט באַפרייען. זיי זענען אים נאָכגעגאַנגען, באַגלייט אויף יענער זייט טויער, אויף די קריסטלעכע גאַסן. ער האָט זיי געזען אויף די טרעפּ פון זיין הויז. זיי זענען געווען פול אין אַלע ווינקלען פון זיין הויז.

„אוי, מיר זאָל עס זיין! דער האַר פילט זיך נישט גוט״, האָט אים ברײַנדל אויפגענומען ביי דער טיר. „חלילה קראַנק? אויף אַלע וויסטע פעלדער און וועלדער״.

אַרטאַפּאַנוס האָט נישט געענטפערט. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אויבער־בגד און אַריין אין דעם פינצטערן סאַלאָן. ברײַנדל האָט אַרייַנגעבראַכט אַ קינדל אויף אָנצוצינדן די לאָמפּן. זי האָט געפונען אַרטאַפּאַנוסן אין אַ טיפן זעסל, מיט די אויסגעטוענע שטיוול נעבן זיינע פיס. זיין בלייכקייט האָט אויף איר אָנגעוואָרפן אַ שרעק. זי האָט נאָך איר האַר אין אַזאַ מצב נישט געזען. מיט ציטערנדיקע הענט פון שרעק האָט זי אָנגעצונדן צוויי לאָמפּן און זיך אַרויסגעשאַרט הינטערווײַלעכץ, קוקנדיק מיט חשד אויף אַרטאַפּאַנוסן. כאָטש זי איז קיין מאָל אין איר לעבן נישט אַרייַנגעגאַנגען אין אַ קאַמער פון אַ פרעמדן שלאָפנדיקן מאַנצביל, איז זי דאָס מאָל אַריין אין אַלקער אויפצוּוועקן יצחקן. ער איז נישט געשלאָפן. אַ האַלב נאַקעטער איז ער געזעסן איבער אַ ספר מיטן פּנים איינגעגראָבן אין די בלעטער.

„יצחקל־קרוין, מיינע וויסטע שׂונאים זאָלן אָנזאָגן שלעכטע בשׂורות. דער האַר איז נישט מיט אַלעמען, אַז איך דערקען נישט דעם מענטש, ווי און ווינד איז מיר. איך האָב דאָך מורא אַ וואָרט פאַר מיין מונד צו ברענגען״.

יצחק איז אויפגעשפרונגען, אָפּגעשטופּט ברײַנדלען אין אַ זייט און אַריין אין סאַלאָן.

„מיד, זייער מיד״, האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט, כדי צו פאַרמיידן פון יצחקן צו פרעגן. „דער עמער האָט זיך איבערגעגאָסן און דאָס איז אַלץ. האָט זי דיר אָנגעפלוידערט?״.

„איז נישט צייט זיך אויסצורוען אין אַזאַ שפּעטער שעה?״, האָט יצחק געפרעגט, „איצט דאַרף דער פאָטער נישט טראָגן אויף זיך אַזוי פיל. די שטאָט איז מער נישט באַלאַגערט״.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אָנגעבויגן, אויפגעהויבן אַ שטיוול און באַקוקט די זויל;

„יידיש לובלין איז באַלאַגערט, מיין זון. זי איז כסדר באַלאַגערט. אַמאָל פון דעם און אַמאָל פון עפּעס אַנדערש״. ער האָט דעם שטיוול אַראָפּגעשטעלט ביי זיינע פיס און אָפּגעקלאַפּט דעם שטויב פון די הענט. „סוף־כל־סוף, פאַרשטיי איך אים נישט!״.

„וועמען, פאָטער?״, האָט יצחק זיך אָנגעבויגן, ווי ער וואָלט עפּעס נישט דערהערט.

„אים!״, האָט אַרטאַפּאַנוס מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויף אויבן. „אַן אויסדערווײַלט פאָלק! אתה בחרתנו מכל העמים. צו וואָס אויסדערוויילט? צו בלוטיקן אויסדערוויילט? צו נסיונות אָן אַ סוף? צו בעטן ביי אים רחמים און ער וועט ענטפערן

מיט לוויות ביינאַכט? דיין פֿאָטער רעדט אויסטערלישע ווערטער. די מידקייט רעדט פֿון מיר אַרויס"... האָט זיך אַרטאַפּאַנוס פֿאַרענטפֿערט און מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן געקוקט אויף זיין האַלב-נאַקעטן זון.

יצחק איז צוגעגאַנגען נענטער, זיך אָוועקגעשטעלט אַנטקעגן פֿאָטער, און אַנ־שפּאַרנדיק זיך מיטן רוקן אין דעם טיש, געזאָגט:

„איך געדענק נישט אין וועלכן ספר איך האָב עס געזען... אפשר האָב איך עס געהערט אין יענע מקומות. דער אייבערשטער פֿירט זיך אויף מיט זיינע ייִדן ווי אַ מלך מיט זיינע ליבסטע זין. אַז דער מלך דאַרף אויספֿעכטן אַ מלחמה איז טאָמער וויל ער די מלחמה געווינען שיקט ער זיינע בעסטע זין. ווייל צו זיי האָט ער פֿאַרטרויען, אַז זיי וועלן נישט בוגד זיין אין אים און נישט איבערגעבן זיין לאַנד אין די הענט פֿון פֿרעמדע".

„אָבער וויפֿל מלחמות וויל ער עס מיט אונדז אויספֿעכטן און פֿאַר וועמען? פֿאַר אַן אויסגעשאָכטן ייִדיש פֿאָלק? צום ערשט האָט ער אונדז פֿאַרטריבן פֿון דעם צוגעזאָגטן לאַנד און איצט וויל ער, חלילה, דאָס פֿאָלק אַליין פֿאַרלענדן? דו ווייסט, מיין זון, די קאָזאַקן זענען אַוועק, אָבער דעם מלאך המוות האָבן זיי איבערגעלאָזט, ער זאָל באַלאַגערן די ייִדנשטאָט. און צי שטעלסטו זיך פֿאָר, אַז אויף זייער וועג אַהער און אויף צוריק לאָזן זיי לעבן כאָטש איין ייִדיש נפש?!".

די שטים פֿון אַרטאַפּאַנוסן האָט געציטערט. דער זון האָט אים נאָך די לעצטע ווערטער געוואָלט דערמאָנען, אַז איין מאָל האָט ער אים דערציילט, אַז מער ווי גאָט, האָבן די ייִדן אַליין גורם געווען זיי זאָלן פֿאַרטריבן ווערן פֿון זייער לאַנד. ער האָט די פֿירער פֿון דער יידישער מלוכה פֿאַרגליכן צו די פּרנסים און רבנים פֿון לובלין, וואָס אין זייערע מאַכט־רייסעניש צווישן זיך פֿאַרגעסן זיי אין דעם עיקר — אין דעם פֿאָלק. און אין נויט לאָזן זיי איבער דאָס פֿאָלק אַליין. יצחק האָט עס נישט דערמאָנט. דער פֿאָטער איז געווען טויט מיד.

„וועט דער פֿאָטער זיך גיין אויסרוען? די שעה איז אַ שפּעטע", האָט יצחק געזאָגט.

בריינדל האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער אָפֿענער טיר:

„מיינע שונאים! דער האַר האָט דאָך נישט געגעסן קיין אָונט־מאָלצייט. איז היינט תשעה־באב, וואָס דער האַר וועט גיין מיט אַ ליידיקן מאָגן שלאָפֿן?".

„תשעה־באב, תשעה־באב", האָט אַרטאַפּאַנוס באַשטעטיקט און אַוועק אין דער אַלקער. יצחק האָט אים נאָכגעטראָגן די שטיוול.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך נישט געקענט באַרויִקן פֿון דער דערשיטערונג. דאָס געלעגער האָט אים געקוועלט און דאָס קישן אונטער זיין קאָפּ איז געווען הייס. האָט ער דאָס קישן איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט און באַלד איז אויך די צווייטע זייט געוואָרן ווי אָנגעגליט. ער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפֿן און נישט געפֿילט קיין באַדערפֿעניש פֿאַר שלאָף, נאָר אַן אומרו אין די גלידער, ווי ער וואָלט דעם פֿאַרגאַנגענעם טאָג נישט פֿאַרענדיקט.

טיף אין דער נאַכט, ווען ער האָט געהערט דאָס געזונטע עטעמען פֿון זיין

שלאָפֿנדיקן זון, איז ער אַראָפּ פֿון בעט און זיך שנעל און שטיל אָנגעטון. ער וועט אַראָפּ אויף דער גאַס, וואָס איז איצט ליידיק און קאַלט. אין דער שטילקייט וועט אויך שטיל ווערן זיין געמיט און די נאַכט־קאַלטקייט וועט אָפּקילן זיין צעהיצטן דמיון. נישט ברײנדל און נישט יצחק האָבן געהערט ווי ער האָט שטיל אויפגעעפֿנט די אַרויסגאַנג־טיר און אַראָפּ אויף דער גאַס.

עס איז געווען, ווי ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט: קאַלט און שטיל. פֿינצטערע וואָלקנס זענען געהאַנגען נידעריק איבער דער שטאָט, ווי אָנצורירן זיי מיט דער האַנט. אַ טיפֿע פֿינצטערניש פֿון פֿאַרטאָג. לובלין איז געשלאָפֿן מיט אַ שווערן שלאָף נאָך וואָכן פֿון אויסמאַטערנדיקער באַלאַגערונג. אַפֿילו קיין נאַכט־שומר האָט ער אויף זיין וועג נישט אָנגעטראָפֿן. די שטילקייט איז בלויז פֿון מאָל־צו־מאָל איבער־געריסן געוואָרן דורך אַ ווייט הינטיש בילעריי. די נאַכט־קאַלטקייט האָט אָנגעהויבן אַדורכדרינגען זיינע בגדים און אַרטאַפּאַנוס האָט פֿעסטער איינגעצויגן דעם גאַרטל אַרום זיין אויבער־בגד. ער איז געגאַנגען אָן אַ ציל, און אָן אַ ציל איז ער אַריין אין דער ייִדנשטאָט. ביים טויער איז פֿון אַ ווינקל אַרויס אַ קאַץ. זי האָט אַ שטילן מיאַוקע געטון און אָנגעהויבן זיך שאַרן נעבן זיינע פֿיס. זי איז אים נאָכגעגאַנגען מיט אַן אויפֿגעהויבענעם ווידל און פֿון צייט צו צייט זיך געוואָלט אַ לאַשטשע טון אין זיין פֿוס. דורך אַ צוגעמאַכטן לאָדן האָט ער דערזען אַ שוואַכן שיין פֿון ליכט. „אַ געווינערין, אָדער אַ קראַנקער?" האָט ער אַ טראַכט געטון און זיך אַליין גע־ענטפֿערט: „אַ געווינערין"... די קאַץ האָט זיך געריבן אין זיין שטיוול. „ווו ביסטו געווען, ווען מען האָט געטיילט קאַרטאָפֿל און ברויט?", האָט ער שטיל געפֿרעגט דער קאַץ. „איצט ביסטו הונגעריק. מיאַו". אַנטקעגן, פֿון מאַרק, האָט אַ פֿינקל געטון ליכט. כאָטש ער האָט גוט געקענט דעם מאַרק, האָט ער אויף אַ רגע פֿאַרלוירן די אָריענטאַציע, זיך אָפּגעשטעלט און אַ מורמל געטון: „אַ געווינערין, אָדער אַ קראַנקער?". אָ, דאָ איז דאָך די בעקעריי. די טירן פֿון פֿישלס בעקעריי זענען געווען צוגעמאַכט, נאָר פֿון אַ שפּאַרע האָט זיך אַדורכגעריסן ליכט. ער איז צוגע־גאַנגען און אָפּגעלענט אַ האַלבע טיר. אַ שמעקעוודיקע וואַרעמקייט האָט אים אַ זעץ געטון אין דער נאָז.

פֿישל וואָלט זיך קיין מאָל נישט געריכט אויף אַזאַ חשובן גאַסט און דערצו אין די שעהן פֿאַרטאָג. האָט ער פֿון צעטומלעניש אַוועקגעוואָרפֿן די פּייכטע, פֿאַ־רענדיקע קאַטשערע און ווי אַ באַנומענער אויסגעשריגן:

„געצל, זע נאָר! איז עס אמת, אָדער זענען מיינע שליפּיעס פֿאַרבלענדט געוואָרן? דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס איז אַזאַ פֿריער שעה!".

געצל האָט מיט פֿאַרמעליקטע הענט זיך אַ וויש געטון אונטער דער נאָז:

„אוי, ווי איז מיר, איז נישט געשען עפּעס מיט מיין מאַמען?".

אַרטאַפּאַנוס איז אַריין טיפֿער אין דער בעקעריי און געקוקט דאָ אויף איינעם און דאָ אויפֿן צווייטן.

„ס'איז גאָרנישט געשען אַזעלכעס וואָס זאָל מיך ברענגען אַהער אין דער פֿריער שעה", האָט ער די לייט באַרויִקט. „דער הימל דאַרף זיך געווײנטלעך שפּאַלטן

אין די נעכט פון הושענא־רבה. ביז איצט איז עס נישט געשען. איז מיר איינגעפאַלן: אפשר וועט ער זיך שפּאַלטן אין אַזאַ פּשוטער נאַכט. האָב איך געזוכט דעם צייכן פון ליכט און אים דערזען דורך דעם טיר־שפּאַלט פון פישלס בעקעריי״...

דער מייסטער און דער יונג האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן פון דעם דאָק־טאָרס רייד גאָרנישט פאַרשטאַנען, און פון נישט פאַרשטיין נאָך מער צעטומלט געוואָרן. ערשט ווען אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אַרומגעקוקט און געפרעגט: „צי איז נישט פאַראַן דאָ קיין פלאַץ ווו אָפּצורוען די אַלטע ביינער?״ האָבן זיך ביידע געלאָזט צו דער קאַמער און פישל האָט אַ מרוקע געטון:

„כ׳וועל שוין״.

דער יונג איז געבליבן שטיין מיט די פאַרמעליקטע הענט און פישל האָט פון דער קאַמער אַריינגעבראַכט אַ דרייפיסיק זעסל. ער האָט מיטן האַריקן אַרעם געווישט דעם זעסל, דערנאָך נאָך אַ וויש געטון אים אין די הויזן און אים אַוועקגעשטעלט נעבן אַרטאַפּאַנוסן:

„ס׳איז אַ גרויסער כבוד פאַר מיר, האַר דאָקטאָר, אוי, כ׳וואָלט״... פישל האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ. ער האָט גאָרנישט אויסגעקראַצט. אַרטאַפּאַנוס האָט פאַר־שטאַנען זיינע מחשבות און געזאָגט:

„מען דאַרף מער גאָרנישט. איצט איז גוט, דאָ איז וואַרעם״.

„איך וואָלט אויפגעקאָכט אַ טעפּל לאַקרעץ״, האָט ער געזאָגט צו קיינעם נישט און געציטערט, טאָמער האָט ער דערמיט פּוגע געווען אין כבוד פונעם דאָקטאָר.

„בעסער איילט זיך מיטן געבעקס. יידן האָבן צו לאַנג געהונגערט״, האָט אַר־טאַפּאַנוס זיך אַוועקגעזעצט.

דער מייסטער און דער יונג האָבן נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך צוריקצונעמען צו דער אַרבעט אין דער אַנוועזנהייט פון אַזאַ חשובן מאַן, און ווידער האָט דער דאָקטאָר זיי אַרויסגעהאָלפן פון פאַרלעגנהייט:

„צי זאָל איך פאַרקאַטשען די אַרבל און טון אייער אַרבעט?״, האָט ער געפרעגט.

„אוי, ווי ענלעך דער האַר דאָקטאָר איז צו זיין זון!״, האָט זיך פישל אַרויס־געכאַפּט און זיך דערמאַנט ווי יצחק האָט אַמאָל געקנעטן טייג אין דער דייזשע.

אַריינקוקנדיק אינעם קוילן־צעלויכטענעם אויוון האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט:

„וואָס מאַכט אייער טאָכטער? איז זי געזונט געוואָרן אין דער צייט?״.

געצל האָט אַנגעשטעלט די אויגן אויפן מייסטערס מויל.

„דאָס איז מיין אומגליק, דאָקטאָר: אַ גרויס אומגליק. זי גייט מיר אין ווי שניי אין אַן אַדליגע. אין דער לעצטער וואָך איז גאָר שלעכט. וואָס דעם מיידל איז צושטאַנד געקומען ווייסן די שדים. אַן עין־הרע, האַר. נישט פאַרגונען מיר. און ער וואַרט אויף איר״, האָט ער אַנגעוויזן אויף געצלען און דער יונג איז רויט געוואָרן.

„שוין אפשר צען מאָל אָפּגעשפּראָכן אַן עין־הרע״, האָט געצל זיך אַנגענומען מיט מוט צו רעדן צום דאָקטאָר.

„קלאָגט זי זיך אויף עפּעס״, האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט.

„הלוואי וואָלט זי זיך געקלאָגט, וואָלט איך געוווּסט ווו איך בין. די טעג איז זי אײַנגאַנצן פֿאַרשטומט געוואָרן. עפֿנט נישט די אויגן און אַ וואָרט פֿון איר אַרויס־צובאַקומען איז שווערער ווי אויסהייצן דעם אויוון. איז עס נישט אַזוי?" האָט ער זיך געעדותט מיט געצלען.

געצל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

„איז דאָרט ליכטיק אין דער קאַמער?", האָט זיך אַרטאַפּאַנוס אויפֿגעשטעלט.

„איך וועל אָנצינדן!", האָט פֿישל אויסגערופֿן מיט גרייטקייט, „אפֿשר האָט גאָט אַליין געבראַכט דעם האַר אין אַזאַ צײַט צו מיר אין הויז?".

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך דורכגעשטופּט אין דער פֿינצטערער קאַמער. אַ זויערער ריח פֿון פֿייכטן שמוץ האָט אים אַנטקעגן געשלאָגן אין דער נאָז.

„גאָט איז אין דעם הויז, אויב דאָ ברעכט נישט אויס די מגיפֿה", האָט ער געזאָגט האַרב און אַרויסגענומען דאָס אָנגעצונדענע לעמפּעלע פֿון פֿישלס הענט. „גייט צו אײַער אַרבעט!".

ער האָט זיך דערנענטערט צום בעט, באַלויכטנדיק דאָס בעטגעוואַנט. עס איז געווען פֿאַרשמאָדערט און צעפֿליקט, און אַ געשטאַנק האָט זיך פֿון דעם געטראָגן. נישט קימערנדיק זיך צי דאָס מיידל שלאָפֿט האָט ער זי מיט אַ פֿעסטן אָרעם אַ ציִ געטון צו זיך. ער האָט דאָס לעמפּל אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש און מיט בײדע הענט די קראַנקע אויסגעדרייט צו זיך. עס איז נישט געווען צו מערקן צי זי שלאָפֿט, אָדער זי האָט זיך איבערגעוועקט.

„עפֿן די אויגן! איך וויל זען דײַנע שיינע אויגן. ווי הייסטו? שרה, רחל, לאה, דבורה. נו, זאָג!" האָט ער געמאָנט און דערווייל אויסגעטאַפּט איר דופּק און זיך אײַנגעהערט אין די קלאַפּ פֿון איר האַרץ. „הינער־פּלעט, אָדער עקשנות? דו ענט־פֿערסט נישט". ער האָט איר אַ הילכיקן פּאַטש געטון. איר גוף האָט אַ צאַפּל געטון. זי האָט אויסגעשריגן און געעפֿנט די אויגן. „אָט אַזוי, מיט גוטן גייט עס נישט. נאָר שלאָגן דאַרף מען. אַ מויד, ווי דו, מיט אַזאַ בוזעם דאַרף משוגע מאַכן אַנדערע און נישט זיך אַליין!".

סערקעלע האָט אים אָנגעקוקט גלייכגילטיק און נישט־דאָיִק. זי האָט זײַנע ווערטער נישט פֿאַרנומען. ער האָט געקוקט אין אירע אויגן און מיט די פֿינגער געבאָמבלט אויף זײַן קני: זאָל איך דיר מאַכן אַ קאַלטע באָד? האָסט ליב אַ קאַלטע באָד? דאָס דאַרף מען פּרוּוון. מען דאַרף עס פּרוּוון!", האָט ער זיך געשלאָגן מיט דער דעה און ווייטער געבליבן זיצן, האַלטנדיק איר האַנט אין זײַנע. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, אָפּגעדעקט איר לייב און עס באַלויכטן מיטן לעמפּל. סערקעלע איז געווען אויסגעמאָגערט, נאָר אירע בריסטן און די שענקלען זענען געווען ווײַבלעך אויפֿרייצנדיק, ווי זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין שײַכות צום אויסגעמאָגערטן גוף. ער האָט זי צוריק צוגעדעקט און אָננעמענדיק איר קין, פֿעסט אַ שאָקל געטון איר קאָפּ. „מעט פּרוּוון!".

„די מעשׂה איז אַזאַ: זי איז האַרטער אייז און איך האָב מורא, אַז אַפֿילו מיט אַ האַק וועט איר דעם אייז נישט דורכקלאַפּן. נאָר פּרוּוון דאַרף מען. איצט, ווען

עס איז נאָך פינצטער און קיינער איז אויף דער גאַס נישטאָ, קען מען פרוּוון", האָט אַרטאַפאַנוס געזאָגט צו פישלען. „מען דאַרף איר מאַכן אַ קאַלטע באָד. גאָרנישט קען איר שוין שאַטן, העכסטנס אַ צוקילונג. אָדער"...

ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער פאַס וואַסער און אויסגעפונען, אַז דאָס וואַסער איז נישט גענוג קאַלט.

„איך דאַרף האָבן אין דרויסן דריי עמערס קאַלטע וואַסער גאָר־וואָס פון ברונעם. שוין דאַרף איך האָבן די עמערס וואַסער, דאָ ביי דער טיר, אויף דער גאַס", האָט ער מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויף געצלען, „און דו העלף מיר די מויד אַרויס־שלעפן אויף דער גאַס, אַזוי ווי זי ליגט".

געצל האָט נישט געפרעגט קיין קשיות, געכאַפט צוויי ליידיקע עמערס און אַרויסגעלאָפן, נאָר פישל איז געשטאַנען פאַרן דאָקטאָר אַ געליימטער. ער האָט קוים פאַרשטאַנען וואָס דער דאָקטאָר זאָגט צו אים און גאָרנישט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט בדעה צו טון מיט זיין קראַנקער טאָכטער. אַרטאַפאַנוס האָט פישלען געהאָלפן אַרויספירן די טאָכטער אויף דער גאַס. ער האָט נישט געלאָזט איר אָנטון, נישט דאָס קלייד און נישט די שיך, פון וואָס פישל איז נאָך מער צעטומלט געוואָרן. די צוויי מענער האָבן סערקעלען געהאַלטן אונטער די אָרעמס און געוואַרט דער יונג זאָל קומען מיט די פולע עמערס וואַסער. ער האָט זיך געזוימט. סערקעלעס גוף האָט אָנגעהויבן ציטערן פון קעלט. די לופט איז געווען אַ שניידיק־קאַלטע, אַ פאַר־טאָגיקע. דאָס מיידל האָט זיך געצויגן צו דער ערד. „לאָזט זיך איר נישט אַוועקלייגן", האָט אַרטאַפאַנוס שטיל געזאָגט. עס האָבן זיך דערהערט טריט. געצל האָט געבראַכט צוויי עמערס וואַסער און דערזעענדיק ווי די צוויי מענער האַלטן סערקעלען אַ האַלב נאַקעטע אויף דער גאַס, איז ער געבליבן שטיין מיט די עמערס אין די הענט.

„פאַרליר נישט קיין צייט", האָט אַרטאַפאַנוס אים אַ שטורך געגעבן אין אַקסל. ער האָט אַראָפגעריסן די קליידער פון סערקעלען און אַ שטילן־רוף געטון צו געצלען: „מיטן גאַנצן כוח גיב איר אַ פליוך מיט אַן עמער וואַסער איבערן קאָפ און באַלד דעם צווייטן — אין פרצוף אַריין. נו! פליוך!".

אַ קורצער וואַסער־שטראָם האָט אָפגעהילכט מיט אַ נאַס געשריי אין דער שטילער פינצטערער נאַכט און באַלד אַ צווייטער: פליוך!

„לויף נאָך אַן אַנדער פאָר וואַסער, איך וויל דיך שוין דאָ זען צוריק!", האָט אַרטאַפאַנוס געאיילט און געצל איז פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש. סערקעלע האָט זיך געווערט, זי האָט זיך געריסן פון די מענערס הענט און דעם פאָטער אַ ביס געטון אין נאַקעטן אָרעם. „האַלט זי פעסט! איצט וועט זי אַנטלויפן", האָט אַרטאַ־פאַנוס געוואָרנט.

געצל איז ווידער געקומען מיט צוויי עמערס וואַסער. און נאָך איידער אַרטאַ־פאַנוס האָט אים דערזען, נאָר בלויז געהערט זיינע שווערע טריט, האָט ער האַסטיק געזאָגט:

„איבערן קאָפ גיס. מיטן גאַנצן כוח!".

סערקעלע האָט געשריגן הייזעריק, ווי פון גרויס ווייטיק. איר געשריי אויפן

ליידיקן מאַרק, אין דער פאַרטאָגיקער פינצטערניש, האָט אָפּגעהילכט מיט פּחד. זי האָט זיך געצויגן צו דער ערד מיט דער גאַנצער שווערקייט פון איר גוף, באַלד ווידער זיך אויסגעגלייכט און געוואָלט זיך אַרויסרייסן פון די מענערס הענט.

„איצט געשווינד זי אַריינשלעפּן אין דער קאַמער!" האָט אַרטאַפּאַנוס באַפוילן. געצל האָט צוגעהאָלפן און נאָך איידער אויפן מאַרק האָט זיך געעפנט אַ טיר, איז שוין סערקעלע געווען אין דער קאַמער. געצל האָט זי מיט זיינע שטאַרקע אָרעמס באַצוווּנגען און זי אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט.

„איצט וואַרעם אָן שטיינער און לייג איר צו די שטיינער צו די פיס. אויב זי וועט זיך נישט שנעל דערוואַרעמען, וועט זי דיר אָוועקשטאַרבן", האָט אַרטאַפּאַנוס אָנגעשראָקן דעם אַזוי אויך אָנגעשראָקענעם פישלען, וואָס האָט נאָך אַלץ נישט באַגריפן וואָס דאָ איז צושטאַנדגעקומען.

בעת געצל איז אַרויס אין דרויסן זוכן אַ פּאָר שטיינער, האָבן שוין האַלב־נאַקעטע און צעשראָקענע שכנים אַריינגעשטעקט זייערע פּנימער אין דער צעפּראַל־טער טיר פון דער בעקעריי און געפרעגט:

„קען מען וויסן ווער עס האָט אַזוי געשריגן? עס איז דאָך ווי מען וואָלט געשאָכטן מענטשן, נישט גדעדאַכט זאָל עס ווערן!".

געצל האָט אָנגעקוקט די מענטשן מיט אַ מינע ווי זיי וואָלטן אַראָפּ פון זינען:

„וואָס פאַר אַ געשריגן? ווער האָט געשריגן? עס האָט זיך אייך געחלומט אַ שרייענדיקער חלום".

„מיינע שונאים!", האָט אַ ייִדענע מיט אַ שלאָף־הויב אויפן קאָפּ זיך געשטעלט אַנטקעגן דעם יונג, „דער שלאָף איז אויף מיינע אויגן נישט געקומען, וויזשע האָב איך געקענט חלומען אַזאַ זאַך?".

„שדים!", האָט געצל אויסגערופן.

די ייִדענע מיטן שלאָף־הויב אויפן קאָפּ האָט זיך געכאַפּט, אַז זי טראָגט נישט קיין פאַרטעך און זי איז אַנטלאָפן מיט אַ געשריי פון סכנת נפשות.

אויך פון דער צווייטער זייט מאַרק זענען אָנגעקומען יידן מיט לאַמטערנס אין די הענט, געוווּיר צו ווערן אין פישלס בעקעריי ווער עס האָט געוואַלדעוועט אין דער שפּעטער נאַכט. נאָר געצל איז שוין געשטאַנען ביים אויוון און געוואַרט די שטיינער זאָלן זיך אָנוואַרעמען. האָט דאָס געזעמל צעשראָקענע ווייבער און מאַנצ־בילן ביי דער טיר גערעדט צווישן זיך און עמעצער האָט איבערגעחזרט געצלס סברה, אַז דאָס האָבן געשריגן שדים. נו, אַוודאי, פּטור געוואָרן פון די קאַזאַקן, האָבן זיך די שדים גענומען צו דער אַרבעט. ווי לאַנג איז דען וואָס מען האָט דורכ־געזוכט די מזוזות? און וואָס פון דעם, אַז מען האָט די מזוזות איבערגעזען, אויב, נישט גדעדאַכט זאָל עס ווערן, די פּסולע מזוזות האָט מען נישט געקענט איינבייטן אויף כשרע? האָט איר געהערט דאָס געשריי? ווי מען וואָלט, חלילה, עמעצן געשאָכטן.

„אַז ז י י דאַרפן נישט עסן, האָבן זיי כוח צו שרייען און בלעקעצן", האָט עמעצער געזאָגט.

די האַלב נאַקעטע האָבן זיך געשטופּט אין דער טיר־עפענונג, כדי צו געניסן פון דער וואַרעמקייט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַנטקעגנאיבערדיקן אויוון. האָט אַ קליין ייִדעלע מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ באַמערקט ווי פישל ציט אַרויס מיט דער לאָפּאַטע פון אויוון שטיינער. האָט זיך דאָס קליינע ייִדעלע צעקאָכט:

„זעט נאָר, מענטשן! לעבלעך שטיינער ציט ער אַרויס פון אויוון. עס איז דאָ עפּעס נישט גלאַט אין דער נאַכט. די מזוזה!״.

ייִדן האָבן אויפגעהויבן די הענט צום ביישטידל, צו דער מזוזה. ווייבער האָבן מיט די נעגל זיך איינגעביסן אין די באַקן אויס נייגער שוין צו זען די אַראָפּגענומענע מזוזה. איז געצל צוגעלאָפן, מיטן בויך אָפּגעשטופּט דאָס געזעמל און פאַרקלאַפּט די טיר.

„ווו זענען די שטיינער?!״ איז פישל מיט בהלה אַריינגעלאָפן פון דער קאַמער, „זי גייט מיר אויס!״.

ביידע האָבן געכאַפּט די שטיינער אין די פאַלעס. סערקעלע האָט זיך געטרייסלט, ווי אין קאָנוווּלסיעס. אַרטאַפּאַנוס איז געזעסן אויפן ראַנד פון בעט און דורך דער פּערענע געריבן איר גוף. ער האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון אירע ציין. ער איז איצט נישט געווען זיכער, צי דאָס וואָס ער האָט געטון אין אַזאַ קאַלטן פרימאָרגן, האָט ער געדאַרפט טון. „וועט זי אויסהאַלטן, אָדער קראַנק ווערן אויף די לונגען און שטאַרבן?״, האָט ער געטראַכט. ער האָט אַליין צוגעלייגט די שטיינער צו אירע פיס. איר גוף האָט אַ צאַפּל געטון, ווי זי וואָלט אויפסניי דערפילט אַ פּראָסטיקן ברי, און אירע ציין האָבן נאָך שטאַרקער געקלאַפּט.

ער איז נישט אַוועק פון דער קאַמער ביז דאָס שוידערן איז אַריבער און סערקעלע איז איינגעשלאָפן מיט אַ טיפן אָטעם.

בעת אַרטאַפּאַנוס איז אַהיימגעקומען, האָט שוין דער הימל געבלויט אויף טאָג. ערשט איצט האָט ער דערפילט די מידקייט. די אויגן־לעדלעך זענען אים שווער געווען מיט שלאָף. ער וואָלט זיך אין די בגדים אַוועקגעוואָרפן און איינגעשלאָפן, אָבער בריינדל, וואָס איז שוין געווען וואַך, האָט נאָכגעקוקט יעדע זיינע באַוועגונג און געווען פול מיט חשדים. זי וואָלט וועלן וויסן ווו דער האַר איז געווען אין אָט דער נאַכט, ווען די גאַנצע וועלט איז געשלאָפן. זי האָט אַפילו מורא געהאַט צו פרעגן, צי דער האַר וויל אַ הייס טעפּל לאַקרעץ. זי האָט זייער שטאַרק באַגערט דער האַר זאָל אויסטרינקען אַ טעפּל לאַקרעץ. פון וואָס וועט ער זיך קרעפּטיקן? פון די צרות וועט ער זיך קרעפּטיקן? פון דעם ווי בריינדל האָט געשוויגן און געדרייט זיך אַרום אים, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עפּעס וויל זי פון אים. האָט ער געזאָגט:

„איר וואָלט געטון אַ גרויסע מצווה, בריינדל, ווען איר זאָלט פון דער קאַן מאַלינע־זאַפט אָפּגיסן אַ האַלבע קוואַרט און עס אַוועקטראָגן צו פישל דעם בעקער, ער זאָל עס געבן זיין קראַנקע טאָכטער אויסצוטרינקען״.

בריינדל האָט אַוועקגעלייגט די הענט צווישן בוזעם און בויך, ווי זי וואָלט זיך אָנגעשפּאַרט אויף עפּעס אַ געלענדער און פאַרקוועטשט די ליפּן:

„האַר־לעבן, וויפל קען מען זיך אָנליידן פון אַזאַ מויד? אַז נאָר צרות האָב איך

געהאַט פון איר. צוליב איר איז דאָך מיין געצל געבליבן אַן אַלטער בחור. אַנדערע האָבן דאָך אים געוואָלט אָפּגילטן. איז דען נאָך דאָ אַזאַ געראַטענער, ווי ער? איז וואָס וועל איך גיין אַוועקגעבן ס׳גאַנצע ביסל מאַלינע־סאָק, טאָמער וועט מען דאַרפן פאַר אייגענע?״.

„וועט איר נישט העלפן אַ קראַנקע יידישע טאָכטער?!״, האָט אַרטאַפּאַנוס איבערגעריסן אין דער מיט פון איר מענה־לשון. „וואָס וועט זאָגן אייער מאַן אויף יענער וועלט, ווען ער וועט זען, אַז איר זאָגט זיך אָפּ פון אַ מצווה?״.

ברײַנדל האָט קאַפּיטולירט. דער האַר אויף דער וועלט און איר מאַן אויף י ע נ ע ר וועלט זענען געווען צו שטאַרק, זי זאָל זיך זיי קעגנשטעלן, איז זי געגאַנגען טון די מצווה: אַרויסגענומען פון דעם שפּייז־קאַמערל די ערדענע קאַן מיט מאַלינע־זאַפט און אַרײַנגעגאָסן אין אַ טעפּל אַ שפּאַר ביסל ווייניקער ווי דער האַר האָט איר אָנגעזאָגט. די שטוביקע זענען ביי איר טייערער פון דער וועלט און הלוואי נאָר אויף אַ געזונטן אופן. טאָמער וועט, חלילה, טרעפן און עמעצער פון די שטוביקע וועט באַקומען פיבער, איז יעדעס טראָפּעלע מאַלינע־זאַפט נישט אָפּ־צושאַצן, אַפילו מיט גאָלדענע רענדלעך.

אַז ברײַנדל איז אַוועק צו דער יידנשטאָט מיט דעם טעפּל מאַלינע־זאַפט, איז אין הויז פון אַרטאַפּאַנוסן צוריק געוואָרן פאַרטאָגיק־שטיל און ווי נאָר ער האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן קישן, איז ער אַרײַנגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף.

ער איז אַרײַנגעשלאָפן ביזן שפּעטן פאַרמיטאָג. ער וואָלט נאָך ווייטער געשלאָפן, נאָר אַ האַסטיק קלאַפּעריי פון רעדער האָט אַרײַנגעטומלט דורך דעם אָפענעם פענצטער און אים אַרויסגעטריבן פון שלאָף. מיט דער הויפּט־גאַס זענען אויף גרויסע וועגענער צוריקגעקומען די, וואָס זענען געהאַט אַוועק פון דער שטאָט פון וועגן די קאָזאַקן. עס זענען אָנגעפאַרן נזירים און נאָנעס, גלחים און רייכע מיעשטשאַנעס און אויך יידישע פרנסים און גבירים. דאָס אָנגעפאַרעניש איז געווען אַזוי אייליק ווי דאָס אַוועקלויפן, און אויף דער הויפּט־גאַס האָבן זיך געצויגן צו דריי וועגענער אין דער ברייט. אַקסן האָבן זיך פאַרטשעפּעט, באַלעגאַלעס האָבן זיך געזידלט, די מידע פערד האָבן געצויגן אויף די זייטן.

אויפן מאַרק אין דער יידנשטאָט האָט זיך געשטעלט די צייט פאַר שלמהלע דעם שטאָט־משוגענעם. ער איז געווען אויסער זיך. בעת אַ טייל פון די פרנסים און גבירים זענען אָנגעפאָרן אויפן מאַרק, צו זייערע הייזער, האָבן זיי דערוויסט, אַז זייערע דירות זענען דורך דער צייט נישט געשטאַנען ליידיק. אין זיי האָבן זיך אַרײַנגעקליבן פליטים פון ווייטע מקומות, אָדער לובלינער אָרעמע יידן, וואָס האָבן דערווייל געוואָלט אויסגלייכן זייערע ביינער אין גרוימע קאַמערן. דאָס אָרטיקע אָרעמקייט, וואָס האָט זיך דערשראָקן פאַר די אָנקומענדיקע פרנסים און גבירים, האָבן באַלד פאַרנומען זייערע קלומעקלעך און אַוועק צוריק אין זייערע אָרעמע הייזער, אָבער נישט די פליטים. די פליטים האָבן געזאָגט: מיר האָבן נישט וווּ צו גיין. אין זייערע מקומות זענען זיי אויך געווען בעלי יחוס און ווער עס זיצט — זיצט. קיינער קומט נישט צום גרייטן. די אָנגעקומענע זענען געווען שטאַרק אויפ־

גערעגט, זיי האָבן אָבער געגרימט אין דער שטיל. געפילט זיך שולדיק אין עפּעס. איז שלמהלע אַרומגעגאַנגען צווישן די וועגענער מיט די פּעק און מיט פריצישער העפלעכקייט שטעכעלירט די גבירישע ווייבער:

„איר זוכט אַ קאַמנאַטע? דער הקדש וואַרט אויף אייך. אויך אין עזרת נשים האָבן אויסגעפּגרט פון הונגער אַלע מייז. זאָל איך אייך מאַכן אַ גוט אָרט אין עזרת נשים? אפשר גאָר אויפן בית־הקברות? דאָרט זענען נאָך געבליבן ליידיקע קרקעס"...

„זאָל דיר דאָס מויל אויסגעקרימט ווערן אויף הינטן", האָט אים איין ווייב אָפּגעפּטרט מיט אַ קללה און אַ צווייטע האָט מיט פאַרדרוס אויף דער ערשטער געזאָגט: „ער איז געוועזן חסר־דעה און ער איז געבליבן משוגע. מיט וועמען איז דאָ פאַראַן וואָס איינצוטענהן? וועט ער דען פאַרשטיין ווי מיר האָבן זיך, נעבעך, אָנגעפּלאָגט?".

שלמהלע האָט צו די ווייבער אויסגעשטעלט זיינע גרויסע, אויסגעשטשערבעטע געלע ציין און זיך געריי‎צט מיט זיי:

„איר וועט באַקומען ס'טרייסלעניש און די רייבער וועלן קומען צולויפן אייך רייבן, אַט אַזוי־אָ", האָט ער מיט די פויסטן געוויזן אויף זיין ברוסט און בויך ווי אַזוי די רייבער רייבן אַ קראַנקן.

די ווייבער האָבן זיך צעשריגן צו די באַלעגאָלעס, זיי זאָלן פאַרטרייבן דעם שטאָט־משוגענעם. שלמהלע האָט פאַר די באַלעגאָלעס נישט מורא געהאַט. ער האָט געקוקט אויף זייערע ווינט־צעהאַקטע פּנימער מיט די ווילדע בערד און געפּרעגט:

„איר וועט שלאָגן אַ יתום? מיין טאַטע־מאַמע אויף יענער וועלט וועלן ביינאַכט צו אייך קומען און זיי וועלן אייך דערווערגן".

מיט ביידע הענט האָט ער געוויזן אויף זיין אייגענעם האַלדז ווי אַזוי זיין טאַטע־מאַמע וועלן זיי דערווערגן און ער האָט זיך אַליין אַזוי געשטיקט, אַז די אויגן זענען אים פאַרלאָפן מיט בלוט און זיך טרערנדיק צעגלאַנצט. די באַלעגאָלעס האָבן זיך דערשראָקן פון דעם וואָס זיי קען דערוואַרטן, טאָמער וועלן זיי אים אָנרירן. האָט שלמהלע אַרויסגעבלעקט צו די ווייבער אַ גרויסע צונג און רייבנדיק מיט די פויסטן זיין ברוסט און בויך איז ער אַוועק.

די פרייד פון צוריקקערן אַהיים איז שנעל פאַרלאָשן געוואָרן. די נאָכגעקומענע אין די שפּעטערע שעהן האָבן שוין אַפילו נישט געדאַרפט דורכגיין דעם נסיון. זיי האָבן באַלד געהערט די בשׂורה, אַז די פּליטים פון וואָלין און פּאָדאָליע ווילן זיך נישט רירן פון די פאַרכאַפּטע הייזער און אַז אין שטאָט הערשט אַ מגיפה. די געקומענע זענען געבליבן אויף דער גאַס. אין מיטן מאַרק, צווישן די גרויסע וועגענער, האָבן די ווייבער צעעפנט זייערע קויבערס מיט שפּייז, אַראָפּגענומען דאָס בעטגעוואַנט און זיך געגרייט דאָ צו פאַרבלייבן. וואָרום אַזוי שנעל ווי זיי האָבן געהערט וועגן דער מגיפה, האָבן זיי מורא געהאַט צוריקצוגיין אין זייערע הייזער אַפילו די, וואָס דאָס אַרעמקייט האָט זייערע הייזער יאָ באַפרייט. אָרעמע לייט האָבן זיך געשטופּט צווישן די וועגענער און אויסגעשטרעקט די הענט צו אָפענע קויבערס

מיט שפייז. פון די אָפענע קאַנען האָניק, גאָמלקעס געלבלעכע פּוטער געוויקלט אין גרינע בלעטער און פון די ריזיקע שקאַרמיצן קעזן, איז זיי געהונגען די סלינע איבער די ליפּן. דער האָט זיך איינגעבויגן צו דערפילן דעם ריח פון די גוטע זאַכן, אַן אַנדערער האָט אַריינגעשטעקט אַ פינגער אין מויל און אים געזויגן און געקוקט מיט תאווה־אויגן אויף דעם עסנוואַרג און נאָך אַן אַנדערער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און געבעטן:

„גיט מיר אַ ברעקעלע טרוקענעם קעז פאַר מיין קינד; עס קען זיך נישט רירן פון הונגער. גיט, האַרינטע, אַזאַ קליין פּיצעלע".

די ווייבער האָבן פאַרדעקט די קויבערס קעגן אַן עין־הרע און זיך געמאַכט, אַז זיי הערן נישט און זעען נישט.

די מאַנצבילן זענען געוווען אויסער זיך: געשלעפּט זיך אַ טאָג מיט אַ נאַכט מיט ווייב און קינדער אַזש פון יענער זייט ווייסל, ווער פון ראַדאָם און ווער פון שידלאָוועץ, פון אָפּט און פון ריטשיוואָל, געהיט זיך פאַר גזלנים אין די וועלדער, און דאָ, אַז מען איז שוין מיט דעם אייבערשטנס הילף אַהיימגעקומען, איז דאָס פאַרמעגן אין פרעמדע הענט, כאָטש בלייב וווינען אונטערן פרייען הימל. אַז ס'איז גאָרנישט צו דערקענען די שטאָט! איבערגעלאָזט אַן אָם ועיר בישראל און דער־ווישט אַ וויסטן הקדש. אַוודאי, אַז די קאַץ איז נישט אין שטוב, זענען די מייז אויפן טיש.

אברהם שכנא דער פּרנס, וואָס איז געקומען אין שטאָט אַריין פון די ערשטע, איז אויך פון די ערשטע מיד געוואָרן פון אַרומלויפן „צו זען עפּעס טון". ער האָט גאָרנישט געקענט אויפטון. ער האָט נישט געהאַט צו וועמען צו רעדן. דאָס אָרעמקייט איז דורך דער צייט געוואָרן פאַרריסן און צעלאָזן, ווי שעפּסן אָן אַ פּאַסטעך, און די פרעמדע, די אָנגעלאָפענע פון וואָלין און פּאָדאָליע — זיי לאָזן גאָר צו זיך נישט רעדן, ווי די הייזער, וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט, וואָלטן געווען זייער אייגנס. זיי זאָגן גאָר, אַז זיי האָבן אַ חזקה. אין די הייזער האָט די מגיפה זיי צעפּערטלט, דאָ צוגענומען אַ ווייב מיט קינדער, דאָרט איז געבליבן אַן אַלמנה מיט קינדער — איז וווהין וועלן זיי גיין פון דאַנען?

האָט זיך אברהם שכנא אָויפגעזעצט אויף זיין פּאַק מיט בעטגעוואַנט נעבן זיין גרויסן וואָגן און אָנלענענדיק זיך מיט די עלנבויגנס אויף הינטן, געזאָגט, אַז אַלע זאָלן הערן:

„מען דאַרף גיין מיט כוח. ווער עס וועט ביז דעם אָוונט נישט אַרויסציען זיך פון אַ פרעמדער דירה, וואָס איר באַלעבאָס איז צוריקגעקומען, דאַרף מען אים אַריינלייגן אין חרם. די אַלמנות וואָס זיצן אין פרעמדע דירות דאַרף מען ביי די האָר אַוועקשלעפּן אין הקדש. די וועלט איז נישט הפקר!".

„מען דאַרף פּרווון מיט געלט", האָט געזאָגט שרגא מוכס, אַ ייִד אַ גביר, וואָס אין זיין הויז האָבן זיך אַריינגעכאַפּט דריי פּליטים־משפחות און אַז ער האָט אַריבער־געטרעטן די שוועל, האָבן אים אַלע פאַרטריבן, ווי מען פאַרטרייבט אַ הונט:

„אַ־שאַ! אַ־שאַ! זיך דערטרינקען אין דער ביסטזשיצע וועלן מיר נישט גיין".

פאַר דער מחשבה צו פּרוּוון מיט געלט האָט זיך אברהם שכנא דערשראָקן:

„זאָל ד ע ר אין הימל אויסהיטן! מיר זענען אַזוי אויך בדיל הדל געוואָרן. און וואָס הייסט עפּעס צאָלן געלט פאַר מיין אייגן הויז, באשר נאָכאַלע מענטשן האָבן אויפגעריסן די טיר און פאַרכאַפּט מיין פּראַצע? ניין, נאָר אין חרם אַריינ־לייגן!".

„דער חרם וועט אייך צוריקגעבן אייער הויז?, האָט שרגא מוכס זיך געקראַצט אין דער מיט באָרד, פאַרמאַכט איין אויג און מיטן צווייטן געקוקט אויף זיין מיטשמועסער.

„מיט כוח וועט מען זיי שלעפּן!", האָט אויסגעשריגן אברהם שכנא.

שרגא מוכס האָט צווייפלענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. קהל אויף די וועגענער האָט נישט איצט קיין כוח און ליגט אויפן נאַקעטן מאַרק.

אַנדערע קהל־לייט און גבירים זענען אַוועק אין מאַגיסטראַט צו דערוויסן זיך ווי עס האַלט מיט די דירות פון די צוריקגעקומענע פּאַליאַקן. זיי האָבן זיך גאַרנישט דערוווּסט, אויסער דעם, אַז אין דער צייט פון באַלאַגערונג איז די ייִדנשטאָט אָנגעפירט געוואָרן פון דעם דאָקטאָר אליעזר אַרטאַפּאַנוס. ערשט נעכטן האָט ער אין דער שטאָט אַריינגעפירט ברויט און קאַרטאָפל און וועגן אַלץ וואָס איז געווען נוגע די ייִדן, האָט זיך צום מאַגיסטראַט געוואָנדן נאָר דער דאָקטאָר.

זענען די לייט אַוועק צו אַרטאַפּאַנוסן. זיי האָבן אים געטראָפן אין שטוב. צוליב דעם וואָס ער איז נישט געשלאָפן ביינאַכט, נאָר אַריינגעשלאָפן ביז פאַר מיטאָג איז ער געווען אָן מוט און מיד. ווערדליק ער האָט נישט פאַרענדיקט דעם אָנבייסן האָט אים ברײַנדל געזען אַ קראַנקן און זי האָט סיי אירע קינדער, וואָס זענען געווען מיט איר, און סיי יצחקן אָנגעזאָגט, זיי זאָלן גיין אויף די שפּיץ פינגער. בעת עס האָבן זיך אין פאָדערהויז אַריינגעלאָזט אַ מנין ייִדן, האָט ברײַנדל אָנגענומען צוויי עקן פונעם פאַרטעך און פאַרשטעלט פאַר זיי דעם וועג צום סאַלאָן:

„דער האַר איז נישט מיט אַלעמען. נעבעך נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט".

זי האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף די ליפּן, מען זאָל דעם האַר נישט שטערן, און הינטערווײַלעכץ האָט זי זיך אַריינגערוקט אין סאַלאָן.

„זענען געקומען באַלעבאַטים", האָט זי געפּליסטערט צו אַרטאַפּאַנוסן.

„איז וואָס זשע שטייען זיי ביי דער טיר?", האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט און שווער זיך אויפגעהויבן.

איידער ער איז זיי אַנטקעגן געגאַנגען זענען שוין די לייט געווען אין סאַלאָן:

„שלום־עליכם, רב אליעזר!", האָבן אַלע צוזאַמען אויסגעשטרעקט די הענט און געוואַרט ביז ער וועט יעדן איינעם דערלאַנגען די האַנט. און אַלע צוזאַמען האָבן אָנגעהויבן אויספרעגן אויפן געזונט, צי איז ער טאַקע, חלילה, קראַנק. וואָס איז דאָס ווּנדער? אין אַזעלכע צייטן! אַז מען האַלט זיך נאָך אויף די פיס איז עס נאָר אַ נס פון הימל. מסתמא האָט ער געהערט, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון אויף די וועגן. נישטאָ קיין קהילה אויף יענער זייט ווייסל, וואָס אויף איר בית־עולם זאָלן נישט זיין קיין קברים פון לובלינער. די לובלינער זענען געלאָפן און דער טויט איז,

באהיט זאָל מען ווערן, געלאָפן נאָך זיי, זיי צעפּערטלט און צעדריביעט. און איצט, אַז מען איז בעזרת השם צוריקגעקומען אַהיים — איז אויס היים, נישטאָ קיין ווינקל וווּ זיך אַהינצוטון מיט ווייב און קינדער. און די מגיפה, זאָגט מען... ס׳איז דאָך סכּנת נפשות. ווער האָט זיך אַזעלכעס געקענט פאָרשטעלן...

אַרטאַפּאַנוס האָט די לייט געהייסן זיצן, דערנאָך האָט ער באַפוילן ברייגדלען, זי זאָל אַריינברענגען אָקעוויט, און אַז ער האָט מיט אַלע אויסגעטרונקען „לחיים״, האָט ער אַריינקוקנדיק אין זיין ליידיק כּוס, געזאָגט קורץ:

„יידן, די שטאָט איז נאָך אַ שׂריפה! מיר זענען אַלע נשׂרפים״.

די יידן האָבן זיך שטום איבערגעקוקט. צום סוף האָט עמעצער געפרעגט:

„וואָס שייך, ר׳ אליעזר?״.

אַרטאַפּאַנוס האָט צעפירט די הענט:

„דאָס איז עס. די שטאָט איז חרוב און מען וועט איצט מוזן אָנהייבן אַלץ פון ס׳ניי. גייט אַרויס אויפן בית עלמין און איר וועט זען וואָס פון לובלין איז געוואָרן. און איך זע נאָך נישט קיין עק״.

„האָט מען טאַקע גאָרנישט געקענט טון?״, האָט עמעצער אומדרייסט געפרעגט.

אַרטאַפּאַנוס האָט מיט די אויגן געזוכט דעם וואָס האָט געפרעגט און אויפ־הייבנדיק די אויגן צום באַלקן האָט ער געזאָגט מיט סאַרקאַזם:

„דער וואָס איז געבליבן האָט אַלצדינג געטון; הערש בונים דער שמש האָט נישט אויפגעהערט זאָגן תהלים. ווער עס האָט געקענט, האָט אים צוגעהאָלפן״.

די באַלעבאַטים זענען געוואָרן אומגעדולדיק. זיי זענען געקומען, דער דאָקטאָר זאָל זיי עפּעס זאָגן וועגן דער מגיפה און וועגן די דירות, און ער ווייסט פון גאָרנישט. פון וואָסזשע הייבט מען אָן? אַרטאַפּאַנוס האָט זיי געעצהט, אַז נאָך מעריב זאָל קהל מאַכן אַן אסיפה אין דער מהרש״ל־שיל און פון דעם וועט מען אָנהייבן.

די צוזאַמענגעפּאַרענע מאַנצבילן זענען געקומען אין שיל אַריין אַפילו נאָך פאַר מנחה. זיי האָבן נישט געהאַט וווּ זיך אַהינצוטון. די ווייבער מיט די קינדער זענען געבליבן אויפן מאַרק צווישן די פערד און וועגענער. דאָס בעטגעוואַנט איז אויסגעלייגט געוואָרן אויף דער ערד און אויפן בעטגעוואַנט זענען די מידע קינדער איינגעשלאָפן אין די בגדים. דאָ און דאָרט האָבן ווייבער אונטערגעלייגט אַ פייער אונטער אַ געליענעם דרייפוס אָפּצוקאָכן וועטשערע פאַר די קינדער, כאָטש די קינדער זענען שוין געשלאָפן. דער רויך פון די פייערן האָט זיך געהאַלטן נידעריק, זיך אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן מאַרק און געשטאָכן אין די אויגן. דאָס אָרעמקייט פון די הייזער אַרום דעם מאַרק איז געשטאַנען פאַר די טירן און זיך צוגעקוקט ווי די געזינדלעך פון פּרנסים און גבירים ליגן מיט זייערע מטלטלים אויף דער גאַס. די ווייבער האָבן שטיל גערעדט צווישן זיך וועגן דער גדלות פון די רייכע, וואָס אַפילו ווען זיי ליגן אויף דער גאַס, בעטן זיי נישט, מען זאָל אַריינגעמען זייערע קינדער אין אַ הויז און זיי אָפּטרעטן אַ שטיקל בעט. אויב עס שלאָפן צוויי קינדער אין אַ בעט, קענען אויך שלאָפן דריי. פאַרוואָס זשע זענען זיי גרויס ביי זיך? עס פּאַסט זיי נישט אונדזער אָרעמקייט? די לייט זענען ביי אָרעם און רייך ס׳גאַל

גלייך. מיר וועלן זיי ס׳גבירישקייט און דעם יחוס נישט צורויבן. שטיל אין הארץ האָט זיך יעדע ייִדענע געווונטשן, אַז אַ גבירשע זאָל איר בעטן אַריינגעמען די קינדער אויף נאַכטלעגער. זי וואָלט באַדיי אירע אייגענע קינדער גענומען צו זיך אין בעט אַריין. נאָר קיין איינע האָט נישט געבעטן. פון גרימעניש האָט אַ ייִדענע מיט אַ קינד אויף דער האַנט אַ זאָג געטון:

„ס׳האָט פון כל־הגוטס און ס׳קאָכט רויך אויף וועטשערע״.

ווי די מאַנצבילן אין דער מהרש״ל־שיל וואָלטן אָפּגעפּילט די באַליידיקונג פון דעם רחמנות פון אָרעמקייט צו זייערע ווייבער און קינדער, האָבן זיי געאײַלט די אסיפה זאָל זיך אָנהייבן וואָס שנעלער, כדי עס זאָל שוין נעמען אַן עק צו זייערע צרות. אברהם שכנא האָט געקלאַפּט אין טיש:

„ווי וועלן מיר מאָרגן קענען זאָגן אַ דעה וואָס יאָ און וואָס נישט, אויב מיר ליגן אין שטויב אויפן מאַרק היינט? איז אַזאַ זאַך געהערט געוואָרן?״.

דער עולם איז מסכים געווען מיט אים און געטומלט, געשריגן, אַז אַזאַ זאַך איז נישט געהערט געוואָרן זייט די וועלט שטייט. און אויף וואָס און אויף וועמען וואַרט מען דאָ?

דער אַלטער הערש בונים, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעוווינט פון אַזאַ טומלעניש, איז מעשׂה באַלעבאָס אַרויף אויפן בעלעמער און מיט אַלע זיינע כוחות אַ קלאַפּ געטון אין טיש:

„שאַ! שאַ! ס׳איז אַ מקום קדוש!״.

פונעם קלאַפּ אין טיש איז אויף אַן אויגנבליק שטיל געוואָרן, אָבער אַז די באַלעבאַטים האָבן דערזען, ווער עס זאָגט זיי אַ דעה, האָבן זיי זיך איבערגעקוקט מיט פאַרדרוס און נישט לייגנדיק קיין אַכט אויפן אַלטן שמש, האָט עמעצער אויסגערופן:

„אויף וועמען וואַרטן מיר נאָך?!״.

די אסיפה האָט זיך אָנגעהויבן שפּעט. מען האָט געוואַרט אויפן רב ר׳ שמואל אליעזר הלוי, וואָס איז געקומען אין שטאָט אַריין איידער די זון איז פאַרגאַנגען. אויך דער רב איז פאַרפאַרן אויפן מאַרק און נישט געהאַט וווהין זיך אַהינצוטון מיט זיין גרויס הויזגעזינד און צוויי געשפּאַנען טלומאַקעס. זיין הויז איז געווען פאַרנומען. די באַלעגאַלע־יונגען זענען גרייט געווען מיט כוח אַרויסצוטרייבן די פּליטים פון רבס הויז, נאָר ר׳ שמואל אליעזר האָט זיי האַרב פאַרזאָגט נישט טון קיין ייִד אַ רעה פאַר זיין טובה וועגן. „וואָס עס וועט זיין מיט כלל ישׂראל וועט אויך זיין מיט רב שמואל״, האָט דער רב גוטמוטיק געזאָגט.

דערווייל האָט ר׳ יעקל סאַרוועה, וואָס האָט זיך געפעדערט און אָנגעקומען באַלד באַגינען, פון די ערשטע, געמאַכט אַ טאָלק אין זיין איינפאָר־הויז. דאָס איינפאָר־הויז איז געווען פול ווי אַ הקדש מיט לובלינער אָרעמקייט און מיט פּליטים. געזען, אַז מיט בייזן וועט נישט גיין, האָט ר׳ יעקל צוגעזאָגט, אַז ווער עס וועט אַרויס פון גוטן ווילן, וועט ביי דער ערשטער חתונה, וואָס וועט פאָרקומען אין זיין איינפאָר־הויז, באַקומען אַ געפילטן קאַרפּן־קאָפּ. דעם נאָענטסטן שבת וועט

ער מאַכן אַ קידוש און וועט טיילן שטיקער חלה מיט ציבעלע־שמאַלץ. אויסער די אַלע גוטע זאַכן גיט ער יעדער משפּחה, וואָס וועט זיך שוין אַרויספּעקלען, אַ זיל־בערנעם גילדן. די אָרעמע לייט, וואָס האָבן געדענקט די חתונה־טישן ביי ר׳ יעקלען, האָבן גענומען צו גילדן און זיך אַרויסגעטראָגן מיט זייערע אָרעמע טלומאַקלעך און אים צוגעווונטשן דאָס אייביקע לעבן. זאָל ער נאָר נישט פאַרגעסן וואָס ער האָט צוגעזאָגט. אַז ער האָט שוין געהאַט אַרויסגעפּטרט די לובלינער, האָט ער זיך גענומען צו די פרעמדע פּליטים, וואָס זייער עקשנות איז שוין סיי ווי געווען איינ־געבראָכן אַזוי שנעל ווי זיי האָבן געזען, אַז די לובלינער זענען אַוועק. נאָר די מעשׂה איז געווען אַזוי: זיי האָבן נישט געקענט די חתונות ביי ר׳ יעקלען און זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי זייער יחוס, אַז זיי וועלן נאָך צוריק זיין מענטשן, ווי זיי זענען עס געווען. וועלן זיי זיך פון אָרט נישט רירן, אַפילו נישט פאַר אַ גאָלדן רענדל. האָט ר׳ יעקל אַרויפגערופן אַ פּאָר באַלעגאָלעס, זיי מכבד געווען מיט כוסות פּיאָלון, שטיקער ברויט און ציינדלעך קנאָבל פון דעם אַלעמען, וואָס ער האָט געבראַכט פון דער פרעמד. אַז די באַלעגאָלעס זענען געוואָרן דערוואַרעמט, איז ער מיט זיי אַריין צו די פּליטים און געזאָגט אַזוי:

„עס איז מיר אַ גרויס רחמנות אַרויסצוטרייבן יידן מיט כּוח. אלא וואָס? דאָס הויז איז מיין פּרנסה און פּרנסה איז מלחמה, און אויף מלחמה שמעקט מען נישט קיין טאַביק. איך וועל אייך אָפּגעבן דעם בוידעם ביז איר וועט געפינען אַנדערע דירות. אלא אויב נישט? אויב נישט, אויב איר וועט, חלילה, נישט גיין, וועט איר אַרויספליען און איר וועט אַפילו מיין בוידעם נישט האָבן. גייט איר?״.

די באַלעגאָלעס האָבן אָנגעשפּיגן אין די פויסטן און געפרעגט:

„איר גייט אויפן בוידעם, צי איר גייט נישט?״.

די פּליטים האָבן געשריגן: „מערדער... גזלנים... רוצחים... ערגער פון גויים״... און שרייענדיק האָבן זיי פאַרנומען די פּעקלעך און קויבערס און אַוועק אויפן בוידעם פונעם איינפאָר־הויז.

אַז צו ר׳ יעקלען איז דערגאַנגען: דער לובלינער רב איז אָנגעקומען אין דער שטאָט און ער ליגט, נעבעך, מיט די פּעקלעך אויפן מאַרק און האָט נישט ווו זיך אַהינצוטון, האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב:

„איטע, וואַש מיר אָפּ די פּאָדלאָגע פון דער מיטעלער קאַמער. דער לובלינער רב וועט וווינען ביי אונדז און זאָלן לייטן זען ווער ר׳ יעקל איז. עס איז אַ מצווה וואָס רעכנט זיך ווויל אויף יענער וועלט און אַוודאי און אַוודאי אויף דער וועלט.

ער אַליין, ר׳ יעקל, האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם אויבער־בגד און אַוועק אויפן מאַרק. עס איז שוין געווען פינצטער. אויסער די שייטערס אונטער די דרייפוסן זענען דאָ און דאָרט אויף אויפגעהויבענע האָלעבלעס געהאָנגען אָנגעצונדענע לאָמ־טערנס. דאָס ביסל ליכט האָט די פינצטערניש נאָך טיפער געמאַכט. ר׳ יעקל האָט מיט דער נאָז אויסגעשמעקט ווו עס געפינען זיך די וועגענער פון דעם רב. ער האָט עס דערפילט וועדליק דעם טומל, וואָס ער האָט געהערט. אַרום די וועגענער האָבן זיך אָנגעקליבן יידן, וואָס האָבן געוואָלט דעם רב משמש זיין, נאָר נישט

געהאַט מיט וואָס. האָבן זיי געטומלט. האָט ר׳ יעקל פונאַנדערגעשטופּט די ייִדן און אָן שהיות געזאָגט:

„וואָס וועט זיין דער תכלית? דער לובלינער רבֿ הויזט אויפֿן מאַרק! רבֿ־לעבן, איך האָב פֿאַר אייך צוגעגרייט אַ שׂררהש קאַמער, פֿאַר אייך און פֿאַר אייער הויזגעזינד און פֿאַר אַלץ וואָס איר האָט געבראַכט מיט זיך. איר וועט קענען ביי מיר הויזן ווי לאַנג אייער האַרץ וועט גלוסטן״.

דער רבֿ האָט געזוכט אין דער פֿינצטערניש דאָס פּנים פֿון דעם מענטש, וואָס האָט געזאָגט די ווערטער און געפֿרעגט:

„ווער איז דאָס וואָס רעדט די ווערטער?״.

„איך, רבֿ־לעבן, יעקל סאַרווער״.

„יעקל, דאָס ביסטו? ביסט שוין אויך, געלויבט השם יתברך, אין דער היים? און דו אַליין האָסט שוין אַ דאַך איבערן קאָפּ?״.

„איך האָב, איך האָב, און פֿאַרן לובלינער רבֿ אויך״.

„ווּעסטו זיך נישט טון קיין עוולה דערמיט וואָס דו ווילסט מיר אָפּגעבן אַ קאַמער?״, האָט דער רבֿ געפֿרעגט.

„וועל איך זיך, חלילה, מיט אַ מצווה טון אַן עוולה?״, האָט ר׳ יעקל געפֿרעגט אַ קשיא.

„ניין״, האָט דער רבֿ געפּסקנט, „מיט אַ מצווה קען מען זיך נישט טון קיין עוולה. דו טוסט אַ מצווה גדולה״.

ווי נאָר די ייִדן אַרום דעם רבֿ האָבן געהערט, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ מצווה גדולה, האָבן זיי זיך געריסן צו ווערן שותּפֿים. זיי האָבן נישט געלאָזט צוריק איינשפּאַנען די פֿערד, נאָר אַליין האָבן זיי זיך איינגעשפּאַנט אין די האַלעבלעס, אַנדערע האָבן זיך געשטעלט פֿון הינטן, געבעטן דער רבֿ זאָל זיך אַרויפֿזעצן אויפֿן ערשטן וואָגן מיט דעם ווייב און קינדער און די דריי וועגענער זענען געשלעפּט און געשטופּט געוואָרן צום איינפֿאָר־הויז. ר׳ יעקל וואָס איז דאָ געווען דער גאַנצער מחותּן, איז געגאַנגען פֿאָרויס און פֿריי געמאַכט דעם וועג:

„מאַכט וועג פֿאַרן לובלינער רבֿ!״, האָט ער געשריגן אַפֿילו ווען אין וועג איז קיינער נישט געשטאַנען.

אַז די לייט האָבן געהאַט אַרויפֿגעטראָגן צו ר׳ יעקלען די פּעק און די קויבערס און דער רבֿ איז שוין אויך געווען ביי אים אין שטוב, האָט ר׳ יעקל אַרויסגעטריבן יעדן איבעריקן מיט אַ צוזאָג:

„שבת מאַך איך אַ קידוש פֿאַרן גרויסן זכות. קומט און אויך איר וועט נהנה זיין״.

אַז עטלעכע באַלעבאַטים זענען פֿון דער שיל אַוועק צום מאַרק, כדי צו ברענגען דעם רבֿ צו דער אסיפֿה, האָט זיי קיינער נישט געקענט זאָגן וווהין דער רבֿ איז נעלם געוואָרן. עפּעס האָט דער געהערט און יענער האָט געזען, ס׳האָט זיך עפּעס דאָ אויפֿן מאַרק געטון, נאָר וווהין דער רבֿ איז אַוועק מיט זיין הויזגעזינד האָט קיינער נישט געוווּסט. יעדער האָט דאָ זיינע אייגענע צרות און ער איז פֿאַרטון מיט זיך. פֿון די וואָס האָבן דעם רבֿ ממש געווען און געשלעפּט די וועגן, איז אויפֿן

מאַרק קיינער נישט געווען. האָט דאָס נעלם וווערן פון דעם רב שטאַרק דערשראָקן די באַלעבאַטים. דער רב האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז בלי נדר וועט ער אַלץ לאָזן אין אַ זייט און קומען צו דער אסיפה. וואָס איז געשען מיט אים? די סברה, אַז פאַר דער אסיפה איז דער רב אפשר געגאַנגען אין אַ קאַלטער מקווה, האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער וואָלט דאָך נישט געגאַנגען אין דער מקווה מיטן גאַנצן הויזגעזינד און דערצו נאָך מיט די פערד און וועגן. פון דעסטוועגן זענען די באַלעבאַטים אַוועק צו דער מקווה זען טאָמער, אפשר. די מקווה איז געווען פאַרשלאָסן. דורך די פענצטערלעך איז נישט געווען צו זען קיין סימן פון לעבן.

„וואָס פאַר אַ טאָג איז היינט?" האָט איינער געפרעגט.

אין צעטומלעניש האָבן אַלע פאַרגעסן דעם טאָג. און אַז איינער האָט זיך דאָך דערמאָנט, אַז ס'איז דאָנערשטיק ערב שבת איבער דער וועלט, איז די פאַרווירונג פון די באַלעבאַטים געוואָרן נאָך גרעסער. וואָס טוט זיך עפּעס אויף דער וועלט? צי האָט לובלין אויפגעהערט זיין אַ יידישע שטאָט, וואָס דאָנערשטיק אין אָוונט איז די מקווה ווי אַ טהרה־שטיבל ביינאַכט? פּוסט און וויסט? אויב אַזוי, צי ליגט נישט עפּעס דערפון אינעם נעלם ווערן פונעם רב? די באַלעבאַטים זענען אַוועק צום רבס הויז. די פּליטים, וואָס האָבן דאָרט געוווינט, זענען שוין געשלאָפן. האָבן זיי פון דעם קלאַפּן אין דער טיר זיך אויפגעכאַפּט פונעם ערשטן שלאָף און נאָך איידער זיי האָבן געוווּסט וועער עס קלאַפּט און וואָס מען וויל פון זיי, האָבן געהאַט תרעומות און געשאָלטן מיט וויסטע קללות.

„מיר געפעלט נישט די נאַכט", האָט איינער פון די באַלעבאַטים געזאָגט. „ס'איז נישט לובלין. ס'איז נישט אונדזער שטאָט!".

די טיר האָט זיך געעפנט, און נאָך איידער מען האָט באַוויזן צו פרעגן, צי דער רב איז נישטאָ, האָט זיך די טיר מיט אַ שטאַרקן זעץ פאַרמאַכט, און פון יענער זייט האָבן זיך נאָכגעשאָטן זידלערייען, מיט חרמות וועגן שדים און נישט־גוטע.

איצט זענען שוין די באַלעבאַטים געווען אינגאַנצן זיכער, אַז מיט דער שטאָט איז נישט גלאַט. זי געפינט זיך אין דער שליטה פון די וואָס ס'איז בעסער, אין אַזאַ צייט, נישט צו דערמאָנען וואָס זיי זענען. דאַרף מען צוריקגיין אין דער שיל און רופן אויף טרעוואָגע די פּרנסים, אַז איידער מען שטעלט זיך רעדן וועגן די הייזער און צוריק איינפירן קהל, דאַרף מען גלייך איבערקוקן די מזוזות, אויסגעפינען צי ערגעץ אין שטאָט איז נישט געבליבן ליגן אַ מת, וואָס איז נישט געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל און מען דאַרף שוין אָנהייצן די מקווה. וואָרום אויב ס'איז דאָנערשטיק ביינאַכט און די מקווה איז נישט אָנגעהייצט, איז די שטאָט פול מיט נידה און אַלע קליפּות און רוחות לויערן אין דער שטאָט און טוען אָפּ מעשׂים תעתועים.

זענען די באַלעבאַטים צוריקגעלאָפן פאַרשוויצטע, צעשראָקענע און אַלאַר־מירטע. און ווי זיי זענען אַריינגעפאַלן אין דער שיל גרייטע אויסצושרייען וועגן דער בראָך, זענען זיי שיער נישט אַרויפגעפאַלן אויפן רב ר' אליעזר הלוי, וואָס איז אָנגעקומען אַ רגע פאַר זיי.

„יִדן, ס׳איז אַ גרויסע בראָך!״, האָט דאָך איינער אויסגעשריגן אין אימפּעט, ווי עס וואָלט געפּלאַקערט אַ שׂריפה.

דער עולם, פּרנסים און באַלעבאַטים, האָבן זיך אומגעקוקט ווער דאָס שרייט אויס וועגן דער גרויסער בראָך. ס׳האָט זיך אויך אומגעקוקט הערש בונים, וואָס האָט געהויבן מיט די פּלייצעס און פֿאַר זיך אַליין אַ פֿאָנפֿע געטון אונטער דער נאָז:

„געדאַרפֿט קומען פֿון יענער עק וועלט צו זען, אַז אין לובלין איז אַ בראָך״.

דער רב ר׳ שמואל אליעזר האָט אויפֿגעהויבן אַ ווייכע האַנט צום אויער און מיט איר געטון אַ פֿאָכע, ווי ער וואָלט פֿאַרטריבן אַ פֿליג:

„וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מידה שרייען? איז אַ מקום קדוש, אַ מאַרק?״.

ס׳האָט זיך דערפֿילט געטראָפֿן נישט דער, וואָס האָט געשריגן, נאָר מענדל פּרנס. ער איז אַרויף אויפֿן בעלעמער און, פֿאַרהאַקנדיק זיך פֿון אויפֿרעגונג, האָט ער געשריגן נאָך העכער:

„סדום איז געוואָרן פֿון לובלין! ווייבער מיט קינדער ליגן, נעבעך, אויפֿן מאַרק! זיי וועלן, חלילה, קראַנק ווערן פֿון קעלט. פֿרעמדע האָבן בגאַזלעוואָיע צוגערויבט אונדזערע הייזער. ס׳עט נישט זיין הפקר!״, האָט ער מיט אַ פֿויסט געקלאַפּט אין שולחן.

דער רב האָט זיך מיטביידע הענט פֿאַרשטעלט די אויערן. אַרטאַפּאַנוס האָט זיך דערנענטערט צו אים, געגעבן אים שלום־עליכם און געבעטן ביי אים רשות צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער. האַלטנדיק זיין האַנט, האָט דער רב אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: „דו דאַרפֿסט נישט בעטן ביי מיר רשות״.

געלאַסן און מיט געמאָסטענע טריט איז אַרטאַפּאַנוס אַרויף אויפֿן בעלעמער, אַרומגעקוקט זיך איבער די קעפּ פֿונעם עולם, ביז עס וועט ווערן רויִק. און אַז ס׳איז געוואָרן שטיל, האָט ער מיט די אויגן אויסגעזוכט דעם אַלטן שמש און אָנווייזנדיק אין זיין זייט האָט ער געזאָגט:

„מיר האָבן דאָ אַ באַגלויבטן עדות, הערש בונים. ער איז דאָ געווען די גאַנצע צייט און זיך צוגעקוקט צו אַלץ, וואָס דאָ איז געשען. וועט ער אייך זאָגן: נישט סדום איז געוואָרן פֿון לובלין, נאָר אַ הייליקע שטאָט. סדום איז געווען פֿול מיט חטאים און פֿול מיט רשעים, בעת דאָ, אין אונדזער שטאָט, זענען אַלע צדיקים. וואָרום נאָר צדיקים האָבן דעם כוח אַזוי פֿיל צו ליידן, וויפֿל זיי האָבן געליטן: פֿון הונגער, פֿון מגיפֿה, וואָס האָט פֿון יעדן הויז גענומען אַ קרבן און מער, פֿון פּחד און ייִאוש. דורך דער צייט האָבן ייִדן אויפֿגעהאַלטן זייערע מידות. נישט געווען קיין פֿאַל פֿון הפקרות, קיין פֿאַל פֿון גזילה און קיין פֿאַל פֿון גניבה. איז עס אַ בלבול צו זאָגן, אַז לובלין איז געוואָרן צו סדום. אַוודאי האָבן אָרעמע לייט און פּליטים פֿאַרנומען די ליידיקע הייזער. צי האָבן זיי געזאָלט בלייבן אין די ענגע און פֿינצ־טערע קאַמערן, דער מלאך המוות זאָל זיי נאָך מער צעפֿערטלען, ווי ער האָט זיי צעפֿערטלט? צי האָבן די פּליטים מיט קליינע קינדער געזאָלט בלייבן אינעם הקדש, און, חלילה, אויסגיין אינעם מיסט, וואָס דאָרט האָט זיך אָנגעזאַמלט? אָדער האָבן

זיי היינט געדאַרפט נעמען זייערע ווייבער און קינדער און זיך אַרויסקלייבן אויפן מאַרק, כדי די געקומענע זאָלן שוין היינט האָבן צוריק זייערע הייזער ? אויב לובלין איז געוואָרן צו סדום, צי וואָלט עס נישט געווען דאָס זעלבע סדום, ווען די ווייבער און קינדער פון די פּליטים וואָלטן היינט געגעכטיקט אויפן מאַרק ? איך וויל זאָגן, אַז אַפילו אין אַזאַ פאַל וואָלט לובלין נישט געווען סדום, זי וואָלט אָבער אויפגעהערט צו זיין אַ שטאָט פון צדיקים. און ווי אַ רופא זאָג איך אייך : אַפילו ווען די פּליטים זאָלן האָבן זיך אַרויסגעקליבן פון די פאַרנומענע הייזער, וואָלט עס געווען אַ גרויסע סכנה אַריינצוקלייבן זיך אין זיי, איידער מען רוימט זיי אויס, איידער מען קאַלכט די ווענט און איידער מען פאַרברענט די הויפנס מיסט, וואָס הינטער די הייזער. עס איז אַן אָפּקומעניש צו נעכטיקן אויפן מאַרק, דאָך דאָס נעכטיקן אויפן מאַרק איז אַ סך אַ קלענערע סכנה, ווי אַריינצוקלייבן זיך אין די הייזער מיט דעם אומפלייט און שמוץ. דאָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן".

„פון וואָס הייבט מען אָן ?", האָט אויסגערופן אברהם שכנא דער פּרנס.

„פון וואָס מען הייבט אָן ?" האָט אַרטאַפּאַנוס איבערגעפרעגט, „פון אַלע נסיונות האָבן ייִדן דעם גרעסטן נסיון אין צוריק אויפבויען זיך פון חורבות. אונדזער רב, דער תלמיד חכם ר' שמואל אליעזר הלוי, איז צוריקגעקומען און צוריק זענען געקומען די פּרנסים און באַלעבאַטים. קהל וועט זיך מיט דעם אַלעמען אַן עצה געבן, נאָר נישט אין איין טאָג. אַ צרה דאַרף מען אויסשלאָפן און אַז מען שלאָפט זי אויס, ווערט זי קלענער און שוואַכער און מען קאָן זי לייכטער בייקומען".

אַזוי געלאַסן ווי אַרטאַפּאַנוס איז אַרויף אויפן בעלעמער, אַזוי געלאַסן איז ער אַראָפּ. ער האָט די לייט אַנטוואָפנט. האָט דער עולם צווישן זיך געשושקעט און געפּליסטערט און ס'איז געוואָרן רוישיק ווי אין אַ בינשטאָק. צו אַרטאַפּאַנוסן האָט זיך דערנענטערט ר' דוד אויערבאַך, דער תלמיד־חכם און גביר. ער האָט דעם דאָקטאָר אַרומגענומען מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער האָט ער אים אָנגע־נומען ביים שפּיץ פון דער באָרד :

אַ יישר כוח, דאָקטאָר. איר האָט מיר אַראָפּגענומען אַ שטיין פון האַרץ. עפּעס דערציילט מען דאָך... כ'מיין איר דאַרפט נישט קיין שבחים... פאַרוואָס זאָלט איר טאַקע נישט ווערן קיין פּרנס ?... טאַקע ביי דער איצטיקער אסיפה, וועל איך מציע זיין קהל זאָל אייך אַריינגעמען".

„חלילה", האָט אַרטאַפּאַנוס אַ טרייסל געטון מיטן גאַנצן גוף, „כדי צו זיין אַ פּרנס דאַרף מען האָבן גאָר גרויס אחריות, אַזוי ווי אַ רופא".

„איז דאָך אַוודאי גוט !", איז ר' דוד אויערבאַך געווען צופרידן.

„ביין, ס'טויג נישט. כ'האָב געזען, אַז ס'טויג נישט !" האָט אַרטאַפּאַנוס דער־ווידערט און איבער די קעפּ פון דעם עולם האָט ער דערזען יצחקן.

„פּאָטער"... האָט יצחק אויפגעהויבן די האַנט ווי אַ סימן, אַז ער האָט אים באַמערקט.

„ווועסטו פריער נישט זאָגן ,ברוך הבא' צו ר' דוד אויערבאַך ?", האָט אַרטאַ־פּאַנוס אים נישט געלאָזט אויסרעדן.

„ברוך הבא״, האָט יצחק אין פאַרלעגנהייט אויסגעשטרעקט די האַנט, „איך בין צעטומלט... נאָר וואָס געווען די דינסט־מויד פון בת־שבע; זי איז איינגעפאַלן״.

„אַלץ צוזאַמען״, האָט אַרטאַפּאַנוס אַ פליסטער געטון, גענומען אָפּשייד פון ר׳ דודן און אַוועק מיט זיין זון.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אָנגעהאַלטן אין אָרעם פון יצחקן ביז ער האָט זיך צו־געוווינט צו דער פינצטערניש אין דרויסן. ווי נאָר ער האָט דערפילט די זיכערקייט פונעם באָדן אונטער זיינע פיס האָט ער אָנגעהויבן איילן. ער איז כמעט געלאָפן. דאָס האַרץ האָט אים נישט אָנגעזאָגט גוטס. ערשט מיט צוויי טעג צוריק איז ער געווען ביי בת־שבע. זי איז געווען אָפּגעשוואַכט. די זיקנה האָט פון איר אויסגע־קוועטשט אַלע זאַפטן. אירע הענט און איר פּנים זענען געווען געקנייטשט, אויס־געטריקנט, ווי נישט געגאַרבט לעדער, און די אויגן אויסגעלאָשן. די ווינציקע צאָל ווערטער, וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט זענען געווען וועגן איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. די דינסטמויד האָט זיך געקלאָגט, אַז די האַרינטע נעמט נישט קיין ברעקל שפייז אין מויל אַריין, נאָר חזרט איבער פיל מאָל אין טאָג וואָס דער האַר האָט ליב געהאַט צו עסן...

„דו ברענג מיר מיינע זאַכן און איך איל צו דער קראַנקער. זוים זיך נישט!״, האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט, זיך אָפּגעריסן פון זיין זון און אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס, אין דער ריכטונג צום הויז פון בת־שבע. יצחק האָט געאיילט ווייטער.

אַרטאַפּאַנוס איז געקומען צו שפּעט. ער האָט זי געפונען אַ שלאָפנדיקע אָן אָטעם. איבער איר פּנים איז געווען אויסגעשפּרייט אַ שלווהדיקע רו, ווי זי וואָלט שוין לאַנג געשלאָפן, אויסגעשלאָפן אַלע חלומות און אָט באַלד וועט זי זיך איבער־וועקן. ער האָט אויפגעריסן אַ שפּאַלט אינעם קישן פון איר צוקאָפּנס, אַרויסגענומען אַ פעדער און מיט דער פעדער אַ שפּיל געטון איבער די ראַנדן פון די נאָזלעכער פון דער שלאָפנדיקער:

„ברוך דיין אמת״, האָט ער שטיל געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט. ביי דער טיר־עפענונג האָט די דינסטמויד שטיל געוויינט און געשנייצט די נאָז אין פאַרטעך אַריין.

„נאָך אַ וועלט אונטערגעגאַנגען״, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, געמאַכט אַ פּאָר טריט צו דער טיר און געבליבן שטיין נעבן דער דינסטמויד. „נישטאָ וואָס צו וויינען. סיי ווי האָט זי נאָכן טויט פון דאָקטאָר מאָנטאַלטאָ נישט געלעבט אויף דער וועלט. דאָרט איז זי געווען מיט די מחשבות, מיט אים. אָן אויסער־געוויינלעכע פּרוי געווען... שנייץ נישט די נאָז פוןביידע זייטן מיט איין מאָל; וועסט עפּעס דאָרט צערייסן און ס׳עט דיר אָנהייבן גיין בלוט... בעסער כאַפּ אויף זיך עפּעס און לויף אין דער מהרש״ל־שיל. וועסט פרעגן אויף הערש בונים דעם שמש. דערציייל אים וואָס ס׳איז געשען און זאָג אים אין מיין נאָמען ער זאָל טון וואָס מען דאַרף טון. געדענקסט דעם נאָמען? הערש בונים. איצט איל זיך און קום גלייך צוריק״. די דינסטמויד האָט נישט באַוויזן צו פאַרמאַכן די טיר ווי עס איז אַריינגעקומען יצחק. ער האָט שוין געהערט פון דעם מיידל, אַז בת־שבע לעבט נישט מער, איז ער אַריינגעקומען מיט די דאָקטאָרשע מיטלען אַביסל פאַרשעמט.

„איז נישט געווען מעגלעך עפּעס צו טון, פּאָטער?״, האָט ער געפרעגט און געקוקט דעם פּאָטער אין די אויגן.

„ווען דער הימל רופט, איז דער מענטש אומבאַהאָלפן, מיין זון, מיט אַט ד ע ם קעגן דעם ווילן פון גאָט?״, האָט ער אָנגעוויזן אויפן דאָקטאָרישן קויבערל, וואָס יצחק האָט געהאַלטן אין דער האַנט, „ס׳איז ווי גיין מיט אַ שווערד קעגן דער זון״.

יצחק האָט אַ קוק געטון צום בעט, וווּ עס איז געלעגן די פאַרשטאָרבענע, און ער האָט צוריקגעכאַפּט דעם בליק. פּאָטער און זון האָבן געשוויגן. זיי האָבן געשוויגן ביז אויף די טרעפּ האָט זיך דערהערט אַ יללה און מיט דער יללה זענען אַריינגעפאַלן אין הויז דריי ווייבערקעס. זיי זענען אַריין, ווי זיי וואָלטן דאָס הויז געקענט און, נישט אָפּלאָזנדיק גאָרנישט פון זייער געוויין זענען אַלע דריי צוזאַמען אַריין אין דער קיך אָנצוצינדן די וואַקסענע ליכט, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך. אַלע דריי זענען געווען ענלעך איינע צו דער אַנדערער, מיט איינגעבויגענע פּלייצעס, צוזאַמענגעשנורעוועטע ליפּן, מיט ענלעכע הויבן אַראָפּגערוקט טיף איבער די שטערנס. זיי האָבן געוויינט אויף דער זעלבער אָקטאַווע, מיט אַן אונטערקוויטש.

אַרטאַפּאַנוס האָט אַ ווונק געטון צו יצחקן, ער זאָל אים נאָכגיין, און זיי זענען אַוועק. אַן אויסטערלישער הימל איז געלעגן איבער זייערע קעפּ: באַלאָדן מיט אינדזלען שווערע וואָלקנס און צווישן די וואָלקנס האָבן געפינקלט ליכטיקע שטערן, ווי הויך אויפגעהאָנגענע לאַמטערנדלעך.

ס׳האָט געבלאָזן אַ קאַלטער האַרבסטיקער ווינט מיט דעם ריח פון הושענות. אַרטאַפּאַנוס האָט געזאָגט צום זון:

„ס׳איז נישט צום פאַרשטיין. דאָס אַלץ האָב איך אַליין איבערגעלעבט, מיט מיין אייגן לייב און לעבן. נאָר דאָס געפיל האָב איך ווי איך וואָלט עס אַרויסגעלייענט פון אַ ספר. מיט דעם טויט פון אָט דער גוטער, איידעלער פרוי האָט זיך געענדיקט דאָס לעצטע בלאַט פונעם ספר״....

קאַפּיטל זעכצן

די ייִדנשטאָט לובלין האָט נישט געקענט צו־זיך קומען, דער מסחר איז צעבראָכן געוואָרן. ווי בעת דער באַלאַגערונג פון די קאָזאַקן, אַזוי זענען אויך ווייטער די באַלמעלאָכעס אַרומגעגאַנגען פוסט־און־פּאַס; לייטן האָבן נישט געצאָלט זייערע חובות און קיינער האָט נישט געקענט זאָגן פון וואַנען עס וועט קומען די הילף. אַפילו קיין חתונות האָט מען נישט געמאַכט. באַלעבאַטים, וואָס האָבן מיט אַ יאָר און פריער באַשטימט אויף דער צייט דעם זמן־חתונה פאַר זייערע קינדער, האָבן דעם זמן אָפּגעלייגט. און וואָס קען זיין ערגער ווי אָפּלייגן די חתונה פון קינדער? האָבן ייִדן געבעטן אויף אַ נס. נאָר אַ נס קען איבערשלאָגן די שלעכטע צייט. קהל האָט געטון אַלץ וואָס ער האָט געקענט, כדי צוריק אויפצוריכטן די שטאָט און אַפילו באַפּוילן, אַז במשך פון אַ גאַנצן חודש זאָלן דריי משמרות זאָגן תהלים אָן איבעררייס. די תפילות זענען געהערט געוואָרן אין הימל און אַ נס איז געשען — אַ צייכן, אַז דער הימל פאַרלאָזט נישט זיין פאָלק.

ס'איז געווען אויפן פערטן טאָג, נאָך דעם ווי אליעזר אַרטאַפּאַנוס האָט אַרויס־געשלעפּט סערקעלען אויפן מיטן מאַרק פאַרטאָג און באַפּוילן געצלען, ער זאָל זי אָפּגיסן מיט עמערס קאַלט וואַסער: פישל דער בעקער איז געקומען צולויפן צום דאָקטאָר און אים געפאַלן צו די פיס:

„ראַטעוועט מיין איינציק קינד, דאָקטאָר־לעבן! זי גייט אויס. איר האָט אַזוי פיל קראַנקע געראַטעוועט, וועט איר מיין איינציק אויג אין קאָפּ נישט אָפּראַטעווען? הרגעט מיך, האַר, אַבי מאַכט זי זאָל בלייבן לעבן".

„די לונגען?", האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט.

„איך ווייס נישט וואָס עס טוט זיך מיט איר. זי ברענט ווי אַן אָנגעגליטער שטיין און רעדט פון וועג און רק זי וויל אַרויסלויפן פון בעט. מיינע אויגן האָבן נאָך אַזעלכעס נישט געזען".

„געזען, געזען. ווייסט זי וואָס עס טוט זיך מיט איר?".

„דאָס איז די מעשה, האַר־לעבן. זי איז פאַרביי. פייטל דער רופא"...

אַרטאַפּאַנוס האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד:

„איך ווייס, פייטל דער רופא האָט שוין אַלץ געטון". ער האָט אָנגענומען פישלען ביים אָרעם און אים געשיקט פאַר זיך.

ביים בעט פון סערקעלען האָט אַרטאַפּאַנוס געפונען סיי פּייטל דעם רופא און סיי אַן אַלטע פרוי, וואָס פּייטל האָט מיט איר אָנגעפירט ווי אַזוי זי דאַרף מיט אַ לאַנג בענדל אויסמעסטן די לענג פון סערקעלעס גוף, פונעם שפּיץ פון קאָפּ ביזן דיקן פינגער פונעם לינקן פוס, און מיט דעם בענדל גיין אויסמעסטן אַ קבר, ווי אַ סגולה די קראַנקע זאָל גענעזן ווערן. פּייטל האָט געשריגן: „מעסט פונעם גראָבן פינגער אַרויף!". דאָס אַלטע ווייב האָט צוריקגעשריגן: „חסר דעה, מיינע שונאים, אַוודאי מעסט איך פונעם גראָבן פינגער! ווער איז שולדיק, אַז איר זעט נישט?". אַרטאַפּאַנוס איז אַריין צווישןביידע, זיי אָפּגעשטויסן אין אַ זייט און געקוקט אויף דער אָפּגעדעקטער סערקעלען.

„איר זעט, דאָקטאָר־לעבן, וואָס עס טוט זיך?", האָט פּישל געבראָכן די פינגער.

דאָס אַלטע ווייב האָט געשטופּט דאָס בענדל פּישלען אין פּנים אַריין און שטום אָנגעוויזן אויפן דאָקטאָר, אַז ער שטערט איר אָפּצומעסטן די קראַנקע נאָך אַמאָל. אַרטאַפּאַנוס האָט עס באַמערקט פון אַ זייט און געענטפערט פּישלען:

„איך זע, נאָר איצט וואָלט איך וועלן דאָ בלייבן אַליין מיט דער קראַנקער".

„אַ גוט־אויג איז שוין אָפּגעשפּראָכן!" האָט פּייטל זיך צוגעשטופּט, כּדי צו ווייזן דעם דאָקטאָר, אַז אויך ער איז ביז איצט נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. „איצט דאַרף מען אָפּמעסטן אַ קבר".

אַרטאַפּאַנוס האָט אַ פּאָכע געטון מיט אַ האַנט, ער זאָל אים נישט שטערן. פּישל האָט אָנגערירט פּייטלס אָרעם, ווי אַ צייכן ער זאָל מיט אים מיטגיין, ווי דער דאָקטאָר האָט באַפוילן. מיט אומווילן האָט זיך פּייטל פאַרנומען און ביים אַרויסגאַנג אַריינגעמורמלט דעם פאָטער אין אויער:

„הלוואי זאָל זיך עס גוט ענדיקן. מיט זיינע דאָקטאָרישע מעשׂיות האָט ער געשטערט ס׳מעסטן. נאָר אַ נס דאַרף מען איצט!".

ביידע, פּייטל דער רופא און דאָס ווייב, זענען אַרויס אויפן מאַרק פול מיט תּרעומות אויפן דאָקטאָר, וואָס ווייסט אַפילו נישט, אַז מען טאָר נישט איבעררייסן ביים מעסטן. איצט איז פּישלס טאָכטער, חלילה, אַ פאַרשפּילטע. אַז מען האָקט איבער אין דער מיט, איז — באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן — ווי מען וואָלט איבערגעהאַקט מיט אַ האַק. סיידן איר מוטער אויף יענער וועלט וועט זיך מ׳ען אין הימל און ס׳וועט געשען אַ נס. אַזוי האָבן ביידע צעטראָגן איבערן מאַרק און איבער די געסלעך, אַז פּישל דעם בעקערס איינציקע טאָכטער איז פאַרביי און אַז נאָר אַ נס קאָן זי דערהאַלטן ביים לעבן. האָט אַ פּונק פון האָפענונג אַריינגעכאַפּט זיך אין די הערצער פון לובלינער יידן. אויב מען דאַרף אַן איבערברוך אינעם חורבן פון דער שטאָט און מען וואַרט אויף אַ נס — אפשר וועט דער נס קומען דורך דעם בעקערס טאָכטער? ווער האָט דען דערפאַרשט די דרכים פון הימל? ע ר קען זיין הילף ברענגען מיט אַלע וועגן!

אַרטאַפּאַנוס איז געזעסן ביי דער קראַנקערס בעט אַן אָפּהענטיקער. ער האָט געהאַט צו זיך טענות, הלמאי ער האָט אין יענעם פאַרטאָג נישט גענומען ערנסט

זיין חשד, אַז פון דעם קאַלטן וואַסער קען זי קראַנק ווערן אויף די לונגען. ער איז געווען איבעראיילט. ער האָט נישט צוגעלאָזט צו זיך די מחשבה, אַז צוזאַמען מיט זיין חשד, האָט ער אין יענער רגע באַשלאָסן, אַז אויב מיט דעם וואַסער וועט ער סערקעלען נישט אַרויסטרייבן פון איר מרה שחורה, דאַרף ער באַפרייען דעם בעקער פון זיין פּיין, צו וועלכן ס׳וועט נישט נעמען קיין סוף. איצט ליגט זי פּאַר אים אַ צעגליטע, מיט לונגען, וואָס עטעמען שווער ווי לעכערדיקע בלאָז־זעק, מיט אויגן־ווייסלען פאַרלאָפענע מיט בלוט. ער האָט אַריינגערופן פישלען:

„האָט זי געגעסן דורך דער צייט? געטרונקען?".

„זי האָט קיין טראָפּן וואַסער אין איר מויל נישט געהאַט", האָט פישל געשאָקלט מיטן קאָפּ. „שוין פיר טעג, אַז ס׳איז נישטאָ צו וועמען צו רעדן".

„מען דאַרף זען, זי זאָל נישט אויסגיין פון הונגער. טרינקען, טרינקען, טרינ־קען!", האָט אַרטאַפּאַנוס באַפוילן.

„ווי אַזוי, האַר־לעבן, איר זעט דאָך", האָט פישל אַנגעוויזן אויף דער טאָכטער.

„לויפט און ברענגט אַ קריגל מילך, און אַז איר וועט באַקומען אַביסל האָניק דערצו וועט עס זיין גאַר גוט".

אַרטאַפּאַנוס איז געבליבן נעבן בעט. מיט אַן עמער וואַסער ביי זיינע פיס, האָט ער געטרישט נאַסע טיכער צום שטערן און צו דער ברוסט פון דער קראַנקער. די טיכער האָבן זיך שנעל אָנגעוואַרעמט. „וועסט מיר דאָ אויפקאָכן דאָס וואַסער אין עמער מיט דיין פיבער", האָט ער גערעדט צו דער קראַנקער.

פישל האָט געבראַכט אַ קריגל מילך און אויך אַביסל האָניק. ער האָט זיך צוגעקוקט ווי קונציק דער דאָקטאָר עפנט דאָס מויל פון דער קראַנקער מיט אַ דריק פון די פינגער פון איין האַנט ביים קין און מיט דער צווייטער גיסט ער אַריין צו ביסלעך מילך. די מילך האָט זיך צעגאָסן אויף די זייטן, אָבער פון דער באַוועגונג פון דעם שלונג האָט ער געזען, אַז אַ ביסל שלינגט זי אַראָפּ. אַרטאַפּאַנוס האָט פאָטערלעך געשמייכלט צו פישלען:

„איר זעט, עפּעס גייט דאָך אַריין. מיר וועלן איר נישט לאָזן שטאַרבן פון הונגער. און די קאַלטע טיכער דאַרפן גיין: איינע אַראָפּ — די צווייטע אַרויף. מיט דער גאַנצער הילף פון גאָט און מיט אַביסעלע הילף פונעם דאָקטאָר וועט זי קומען צו זיך".

אליעזר אַרטאַפּאַנוס האָט געטרייסט אי זיך אי דעם פאָטער. צי ווייסט עפּעס דער בעקער, אַז זיין טאָכטער און יצחק האָבן זיך ליב געהאַט? אויב ער ווייסט, איז ער, אַרטאַפּאַנוס, אים שולדיק אַ חוב. ער האָט געטריבן פון זיך די מחשבה, נישט געוואָלט זי זאָל צופיל אַרומשוועבן אויף דער אויבערפלאַך. אַ מחשבה טראָגט זיך איבער פון מענטש צו מענטש...

„זעץ זיך אַוועק דאָ, אויף מיין פּלאַץ, און בייט די טיכער. האָסט געזען ווי איך טו עס?", האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט.

איידער פישל האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פונעם דאָקטאָר, איז אין דער קאַמער אַריינגעפאַלן פעסע, ברײַנדלס טאָכטער.

„די האַרינטע און דעם האַרס קינדער זענען צוריקגעקומען”, האָט זי מבשׂר געווען. „זאָל איך אָנזאָגן, אַז דער האַר קומט באַלד?”.

„דאָס איז אַ גוטער סימן!”, האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן. „איצט האָב איך נאָך מער האָפענונג, אַז די קראַנקע וועט אויסהאַלטן. באַלד, לויף נישט”, האָט ער זיך געווענדן צו דעם מיידל, „דו וועסט עס מאַכן בעסער. קוק זיך צו ווי איך נעם איין די טיכער און לייג זיי צו דער קראַנקער — איינע אַרויף, די צווייטע אַראָפּ. אָט אַזוי, זעץ זיך דאָ, נעבן מיר. וועסטו עס קאָנען מאַכן?”.

פּעסע איז געווען גליקלעך, וואָס דער דאָקטאָר באַדינט זיך מיט איר. זינט זי וווינט צוזאַמען מיט איר מוטער ביי אַרטאַפּאַנוסן אין הויז, האָט זיך דער דאָקטאָר קיין איין מאָל מיט איר נישט באַדינט און אַפּילו צו איר נישט גערעדט. זי איז געווען זיכער, אַז דער דאָקטאָר איז נישט צופרידן דערפון, וואָס די מוטער האָט אַריינגענומען זי און איר ברודער מנחם אין זיין הויז. איז איר איצט אַראָפּגעפאַלן אַ שטיין פון האַרץ.

„אַוודאי וועל איך עס קענען, האַר”, האָט פּעסע געוויזן, ווי אַזוי זי וועט עס מאַכן.

אַרטאַפּאַנוס האָט געאיילט אַהיים. אויף דער בשׂורה, אַז זיין הויזגעזינד האָט צוריקגעקערט, האָט ער געוואַרט זייט דעם ערשטן טאָג נאָך דער באַלאַגערונג. איצט איז אים די בשׂורה אָנגעזאָגט געוואָרן אין דער ריכטיקער מינוט. „ס'איז אַ גוטער סימן”, האָט ער איבערגעחזרט אין דער מחשבה.

לאה האָט דורכן פענצטער געזען אים אָנקומען און זי האָט אים אָפּגעוואַרט ביי דער אָפענער טיר. טרערן פון פרייד האָבן זיך איר געגאָסן פון די אויגן.

„אַבי איך זע דיך ווידער אַ געזונטן!”, האָט זי אויסגערופן מיט צעעפנטע אָרעמס און געוואַרט צו דערפילן די וואָר.

„אַבי מען וויינט”, האָט אַרטאַפּאַנוס אויף זיין אַלטן שטייגער געזאָגט און אַרומגענומען לאהן און זי געקושט אין די האָר, אין שטערן. ער האָט זיך אויסגעהיט פאַר צו פיל אינטימקייט אין דער אָנוועזנהייט פון די קינדער, וואָס זענען געשטאַנען הינטער דער מוטערס פלייצע און געוואַרט מיט אומגעדולד, ער זאָל אויך זיי אַרומנעמען.

„ביסט אין קאָליש נישט געזעסן ליידיק — שלאַנקער געוואָרן”, האָט ער צאַרט געקוקט אויף מרימען און איבער דער מוטערס אַקסל אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט. ער האָט זיך באַפרייט פון לאהן און ביידע, מרימען און שבתאין, אַריינגענומען אין די אָרעמס. „וואָס איז געשען? אַ הונגער אין קאָליש? אַלע זענט איר מיר מאָגער געוואָרן”.

„איז עס אַ וווּנדער?, האָט לאה געזאָגט און נישט אַראָפּגענומען דעם בליק פון איר מאַן. „וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין די אַלע טעג! און אין די נעכט. נישט געוווּסט וואָס צו טראַכטן וועגן דיר. יצחקס צוריקקער פון וועג האָט מיר צוגענומען דאָס לעצטע ביסל חיות. אַבי איך זע אייך ווידער געזונטע! גאָט, דו ביסט באַרמהערציק!” האָט זי אויסגערופן. זי האָט געוואָלט מיט איין מאָל אַלץ דערציילן, נאָר זי האָט נישט געהאַט גענוג ווערטער. דאָס געזאָגטע האָט איר אויסגעזען

צו אָרעם אַנטקעגן דעם, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן און אַנטקעגן דעם ווי זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז זי וועט זאָגן ווי נאָר זי וועט אַריבערטרעטן די שוועל פון איר הויז.

„ווייִ איז מיר, נעבעך, אַלץ ביי דער טיר? ס׳הויז חלשט דאָך אייך צו זען אינעווייניק!”, האָט ברײַנדל געוויינט פון פרייד און געשטאַנען אַן אומבאַהאָלפענע טיפער אין פרוזדור, „אַז מען לעבט דערלעבט מען אַלץ, אַזוי זאָלן מיר נאָך דערלעבן משיחן”.

מרים האָט די ערשטע אויסגעהערט די ווערטער פון ברײַנדלען און זיך איר אַרויפגעוואָרפן אויפן האַלדז:

„דער פאָטער איז געזונט! דער פאָטער איז געזונט!”, האָט מרים אונטער־געטאַנצט און מיטגעשלעפּט ברײַנדלען.

„מײַנע שונאים, פאַרוואָס זאָלסטו האָבן געטראַכט שלעכט וועגן דעם האַר? גאָט פאַרלאָזט דען זײַנע צדיקים? אוי, נאַרישע קינדער, נאַרישע קינדער”.

אַז אַלע זענען אַרײַן אין סאַלאָן, האָט אַרטאַפּאַנוס נישט פאַרגעסן צו זאָגן ברײַנדלען, אַז איר טאָכטער וועט זיך פאַרזוימען. זי העלפט צו ביי דער קראַנקער.

„וואָס איז דאָרט געשען?”, האָט לאה געפרעגט אַ פאַרזאָרגטע. זי האָט געהערט פון ברײַנדלען, אַז דעם בעקערס טאָכטער איז זייער קראַנק, אָבער נישט געוווּסט וואָס זי האָט וועגן דעם צו טראַכטן, צי האָט נאָך יצחק עפּעס אַ שייכות צו איר, אָדער נישט.

„איך בעט אויף אַ נס”, האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט, „נאָר אַ נס”... ער האָט אַ קוק געטון צו יצחקן. יצחק האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אויסגעדרייט צום פענצטער, „זי איז קראַנק אויף אַ לונגען־פיבער און אויך איר האַרץ שלעפּט זיך קוים”.

„גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד; איידער אַזאַ לעבן, ווי די מויד האָט געלעבט, איז שוין בעסער”... האָט ברײַנדל אַ זאָג געטון.

„מען טאָר נישט!”, האָט אַרטאַפּאַנוס אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף די ליפּן.

„פאַרוואָס האָט עס געדאַרפט טרעפן מײַן געצלען?” האָט עס אַרויסגעשפּאַרט פון איר, „אַז די מויד האָט נישט קיין מזל, האָט זי געמוזט מיטשלעפּן מײַן קינד?”.

„אויב אין הימל איז אָנגעצייכנט געוואָרן, אַז אייער זון איז אַ זיווג מיט איר, וועט געשען אַ נס און זי וועט געזונט ווערן!”.

אַרטאַפּאַנוס האָט די ווערטער געזאָגט צו ברײַנדלען, נאָר באַהאַלטן האָט ער אָבסערווירט יצחקן. מרים איז אַרויפגעפאַלן אויפן פאָטערס האַלדז און קושנדיק אים האָט זי אים אײַנגערוימט אין אויער: „דער פאָטער וועט ווערן אַ זיידע”.

די אויגן ביי אַרטאַפּאַנוסן זענען ליכטיקער געוואָרן און ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף לאהן. זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט וועלן די בשׂורה זאָל דערווײַל בלײַבן אַ סוד.

„ווועלן מיר איצט טרינקען לחיים!” האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן מיט פרייד, „לחיים וואָס מיר זענען ווידער צוזאַמען, לחיים... ברײַנדל איז ווערט זי זאָל עס וויסן!... מיר גרייטן זיך ווערן באָבע און זיידע!”.

ברײנדל האָט אין דער רגע עפּעס פֿאַרהערט. זי האָט מיט די בליקן אָנגעהויבן פֿאָרשן די פּנימער, וואָס זענען געווען צעשמייכלט צו אײנאַנדער, נאָר זי אַליין האָט נישט געוווּסט וואָס אַזעלכעס זי האָט פֿאַרהערט. לאה האָט צו איר געשאָקלט מיטן קאָפּ: „יאָ, יאָ"... און ברײנדל האָט אָנכאַפּנדיק אַ ברעג פֿונעם פֿאַרטעך אָנגעהויבן שנײַצן די נאָז פֿון פֿרייד:

„אוי, פֿאָטער אין הימל, דו ביסט דאָך אַזוי גרויס! בתיהלע וועט ווערן אַ מאַמע! אַלע גוטע מלאכים זאָלן איר היטן. וואָס שטיי איך דאָ?".

זי איז געלאָפֿן אין דער קיך עפּעס צו טון, וואָס זי האָט נאָך אַליין נישט געוווּסט וואָס אַזעלכעס, און אויפֿן וועג גערופֿן: „די גאַנצע שטאָט דאַרף עס וויסן! מײַן בתיהלע גייט ווערן אַ מאַמע".

פֿון דער רגע אָן האָט שוין ברײנדל נישט גערוט. אונטער דער קאַפּע אויף דער קיך האָט געפֿלאַקערט אַ גרויס פֿײַער און ברײנדל איז מיט לייב און לעבן געווען אַרײַנגעטון אין די ראַנדלען. זי האָט געקאָכט, געבראָטן און געפּרעגלט, ווי זי וואָלט צוגעגרייט אויף אַ שׂמחה. און אין הויז איז געווען אַ שׂמחה. אין די קאַמערן האָט אויפֿגעלויכטן. לאה האָט זיך נישט געקענט אָפּוווּנדערן וואָס זי האָט אַלץ געטראָפֿן אויף אַן אָרט. נאָר די מענער דאָ זענען אָפּגעפֿאַלן אויפֿן לייב און מען וועט זיי איצט דאַרפֿן צוזען. ברײנדל, ווי דאָס מאָגער ווערן פֿון אַרטאַפּאַנוסן און יצחקן וואָלט געווען איר שולד, האָט זיך פֿאַרטיידיקט:

„און איר, האַרינטע קרוין? און די קינדער? ס'איז דאָך קיין זשאַרקע לייב נישט געבליבן אויף אייך. גאָט זאָל מיך נישט שטראָפֿן פֿאַר די רייד, זיצט דער מחותן אין קאַליש אויפֿן רענדל?".

„ער האָט אַ ברייט האַרץ. ער איז זיך מיט אונדז באַגאַנגען זייער וווּיל", האָט לאה אָפּגעשלאָגן ברײנדלס חשדים, נאָר די אַלטע האָט אַ דריי געטון מיט דער נאָז. זי האָט געספּקט! די האַרינטע לאָזט אויף קיינעם נישט פֿאַלן קיין שלעכט וואָרט, לויבט זי אויך יצחקן, דעם קאַלישער פּרנס. זי זעט דאָך אַליין וואָס פֿון די איריקע איז דאָרט געוואָרן — הויט און ביין.

צו אָוונט צו איז שוין ברײנדל געווען פֿאַרטיק מיט דעם געגרייטן טיש. איבער די קאַמערן האָבן זיך געטראָגן ריחות פֿון געפּרעגלט פֿלייש און פּאַסטערנאַק. אַלע לאָמפּן זענען געווען אָנגעצונדן. עפּעס פֿון דער געהויבנקייט פֿון ערבֿ אַ סדר־נאַכט האָט געהויערט אין הויז. כאָטש אין דרויסן איז געווען האַרבסט. אין דער זײַטיקער קאַמער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ברײנדלס קינדער, פּעסע און מנחם, וואָס האָבן דאָ געוווינט מיט איר, און איצט האָבן זיי זיך דערפֿילט ווי איבעריקע. יצחק, וואָס איז מיט שעהן צוריק אַוועק, האָט זיך פֿאַרזוימט צוריקצוקומען. די מוטער האָט אים געוואָלט אָפּהאַלטן, ער זאָל אין דעם טאָג נישט אַרויס פֿון דער היים, אָבער ער האָט געפֿונען אַן אויסרייד, אַז מען גרייט זיך צוריק אויפֿריכטן די ישיבה אין לובלין און ער האָט צוגעזאָגט העלפֿן אַרויסנעמען פֿון באַהעלטעניש די ספֿרים.

יצחק איז טאַקע אַוועק אין דער ישיבה, אָבער נישט וועגן העלפֿן אַרויסנעמען

פון באַהעלטעניש די ספרים. ער האָט זיך דאָרט פאַררוקט אין אַ ווינקל און זיך געזעצט לערנען משניות פאַרן געזונט פון סערקעלען, עס זאָל געשען דער נס, וואָס דער פאָטער דערוואַרט. ס׳האָט אים גענומען לאַנג ביז ער האָט באַקומען די כוונה צו לערנען. אַ שניידיקער צער און רחמנות אויף דעם מיידל האָט אים געקלעמט דאָס האַרץ און אים געשטערט אין דער כוונה. נאָר ווער ער איז אַריין אין לערנען האָט ער פאַרגעסן אין דער צייט, ער האָט אַפילו זיין אייגן קול ביים לערנען נישט געהערט, נאָר געפילט האָט ער ווי ער איז צוזאַמענגעגאָסן געוואָרן מיט דעם ספר. ערשט אַז ס׳איז געוואָרן טונקל און ער האָט מער די אותיות נישט געזען, איז ער אויפגעשטאַנען צו זוכן אַ שטיקל וואַקסן ליכט. ער האָט נישט געפונען. ער האָט אַ קוש געטון דעם ספר, פאַרמאַכט אים און אַרויס אויף דער גאַס. די פיס האָבן אים אַליין געטראָגן צום מאַרק, אָבער נישט אַריבער אויף דער זייט צו פישלס בעקעריי, נאָר פון דער צווייטער זייט. פון דאָרט האָט ער געקוקט צו דער טיר פון דער בעקעריי. ס׳האָט אים געפעלט כוח אַריבערצוגיין אויף דער צווייטער זייט. אַ פחד און אַ געפיל פון שולד האָט אים אָפּגעהאַלטן.

ער איז געלאָפן אַהיים. אויך מיט פחד און מיט אַ געפיל פון שולד אַנטקעגן דער מוטער, וואָס אין דעם טאָג ווי זי איז צוריקגעקומען איז ער נישט געבליבן מיט איר און איצט האָט ער זיך פאַרזוימט. ער איז אַריינגעפאַלן אין שטוב אַ צעטומלטער און פאַרשוויצטער און די יום־טובדיקייט איז געווען קעגן זיין געמיט. ער האָט קיינעם נישט געוואָלט זען און אויך מען זאָל אים נישט פרעגן. איז ער אַריין אין דער קאַמער אין וועלכער ער איז ביז איצט געווען מיט דעם פאָטער און דאָרט געטראָפן די מוטער:

„איך האָב זיך געוואָלט אָפּוואַשן פון דעם שטויב פון די ספרים״, האָט ער זיך פאַרענטפערט.

אין דער קאַמער איז שוין געווען אַן ענדערונג.

„דו זעסט אויס ווי דו וואָלסט זיך אַ וואָך צייט נישט געוואַשן״, האָט די מוטער געקוקט אויף אים. „אין אַזאַ טאָג האָסטו נישט געדאַרפט טון די מלאכה. גיי אין דער מיטעלער קאַמער און וואַש זיך אַרום״. און געטראַכט האָט זי, אַז דער זון ענדערט זיך נישט. ער איז גאָרנישט ענלעך, נישט צום פאָטער און נישט צו איר. קיינמאָל ווייסט מען נישט וואָס אין אַ מינוט אַרום וועט אים איינפאַלן און ער טוט אָפּ זאַכן אָן נאָכצוטראַכטן וואָס פון זיי וועט צום סוף אַרויסקומען. זי האָט געוואָלט וועגן דעם עפּעס זאָגן אַרטאַפּאַנוסן, כדי זי זאָל נישט בלייבן מיט אירע אייגענע מחשבות. אַרטאַפּאַנוס האָט זי אָנגענומען מיט ביידע הענט אין דער טאַליע און לייכט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. ער האָט פון איר פנים אַרויסגעלייענט, אַז זי האָט עפּעס אַ טענה און אין דער מינוט האָט ער מיט גאָרנישט געוואָלט שטערן זיין גוטע שטימונג.

בעת אַלע זענען שוין געזעסן ביים טיש, האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט:

„ווו זענען ברײַנדלס קינדער? פאַרוואָס זענען זיי נישטאָ מיט אונדז ביים טיש?״.

לאה האָט אַ קוק געטון אויף איר מאַן. האָט ער דאָ איינגעפּירט אַ נייעם שטייגער אין דער צייט ווען זי איז אין דער היים נישט געווען? זייט ברײנדל איז אין איר הויז, האָט זי מיט אַלע צוזאַמען ביים טיש נישט געגעסן. יצחק האָט זיך אויפגעשטעלט. אַרטאַפּאַנוס האָט אים געגעבן אַ צייכן, ער זאָל זיך צוריק אַוועקזעצן און ער איז אַליין אַוועק צו בריינדלען. ווי לאה איז געווען פאַרוואונדערט, אַזוי אויך איז געווען פאַרוואונדערט בריינדל. זי איז אַריין מיט אַרטאַפּאַנוסן און פאַר דער האַרינטע אויסגעגאָסן אירע טענות:

„ווו איז עס געהערט געוואָרן, האַרינטע קרוין, מיין מנחם און פּעסע זאָלן עסן צוזאַמען מיט אייך ביי איין טיש? זיי זענען, געלויבט דעם הימל, זאַט, אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן. זיי האָבן דאָך דאָ געהאַט פון פויגל־מילך. קערט זיך, חלילה, איבער די וועלט?״

אַרטאַפּאַנוס האָט אַ פּאַטש געטון מיטביידע הענט:

„גוט, אויב דערמיט וואָס אייערע קינדער וועלן עסן צוזאַמען מיט אונדז, וועט זיך די וועלט אָנהייבן איבערקערן, וועלן מיר דאָ אַלע צוהעלפן זי זאָל זיך איבער־קערן וואָס שנעלער און אויך אייער זון וועט העלפן, ער איז אַ געזונטער בחור״.

בריינדל איז געווען זיכער, אַז דער האַר האָט בשתיקה געטרונקען אַקעוויט און ער רעדט אַזוי, ווייל ער איז נישט אינגאַנצן ניכטער. אָבער אַ האַר טאָר מען נישט קעגנרעדן, אַפילו ווען ער איז נישט ניכטער. בריינדל האָט אַריינגערופן אירע קינדער. זיי זענען אַריינגעקומען שעמעוודיקע, מיט אומדרייסטע טריט. אַרטאַפּאַנוס האָט זיי אָנגעוויזן אויף צוויי זעסלען ביים טיש און ביידע האָבן זיך געזעצט אַביסל ווייטער פונעם טיש, כדי זיך אויסצוטיילן. מנחם האָט זיך געזעצט נעבן יצחקן און פּעסע — נעבן מרימען.

„זי האָט מיר היינט זייער גוט אַרויסגעהאָלפן״, האָט אַרטאַפּאַנוס אָנגעוויזן אויף פּעסען און דאָס פּנים איז איר רויט געוואָרן, „זי דאַרף זיך לערנען אויף אַ הייבאַם״.

ביים עסן האָט אַרטאַפּאַנוס דערמוטיקט, אַז די בחורים זאָלן טרינקען אַקעוויט און די מיידלעך — מעד. אויך ער אַליין האָט געטרונקען מער ווי תמיד.

„מען דאַרף פאַרברענגען דאָס שלעכטע וואָס מען עטעמט אַריין פון דעם לובלינער אַוויר״, האָט ער געזאָגט אין אַן אויפגעלייגטער שטימונג.

לאה איז שוין געווען אינגאַנצן זיכער, אַז אויף דער צייט ווי זי איז נישט געווען אין דער היים, האָט זיך דער שטייגער אין איר הויז געביטן. זי וועט פון איצט אָן צוריק דאַרפן איינשטעלן ווי עס איז געווען פריער. נאָר ביים עסן האָט זי גאָרנישט מרמז געווען דערפון. זי האָט זיך געלאָזט מיטרייסן מיט דער גוטער שטימונג. בריינדל האָט צום טיש דערלאַנגט פולע פולמיסקעס, ווי עס וואָלט געווען נאָך אַ לאַנגן תענית, און אַלץ איז אויפגעגעסן געוואָרן. בלויז לאה האָט געגעסן ווייניק. זי האָט געוואָלט די סעודה זאָל זיך ענדיקן וואָס שנעלער און זי זאָל ענדלעך זיין אַליין מיט אַרטאַפּאַנוסן. זי האָט אים אַזוי פיל צו דערציילן!

מרים האָט זייער שטאַרק אויסגענומען ביי דער משפּחה פון דעם מחותן, און

ליבע, די מחותנתטע, האָט איר אַפילו אָנגעדייט, אַז זי האָט פאַר איר אַ חתן פון דער משפחה פון דעם מאַנס צד, וואָס אַזעלכעס האָט נאָך די וועלט נישט געזען. צוליב דעם וואָס זי איז אין קאַליש געווען אַ פליטה און איר מאַן און זון זענען געבליבן אין דעם סכנותדיקן לובלין, האָט לאה וועגן דעם שידוך נישט געוואָלט רעדן. די לייט, וואָס מרים איז זיי זייער געפעלן און אויך דער יחוס איז זיי אָנגעשטאַנען, האָבן פאַרשטאַנען לאהס געמיט. דאָס איינציקע אויף וואָס לאה האָט מסכים געווען און ס'איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז בלי נדר, ווען די צייט וועט זיך איינשטילן און די וועלט וועט ווידער זיין אַ וועלט, וועט מען דעם דאָקטאָר אליעזר אַרטאַפּאַנוס און זיין ווייב פאַרבעטן קיין קאַליש און דעמאָלט וועט מען רעדן וועגן די קינדער. לאהס האַרץ איז אויך געווען איבערפולט מיט דאגות וועגן יצחקן. זייט ער איז פון מיטן וועג צוריק אַנטלאָפן קיין לובלין, האָט זי נישט געהאַט קיין רגע אָן צער. זיין אומרו און זיין אויסבאַהאַלטנקייט זאָגן איר נישט אָן קיין שום גוטס. דער אימפּעט, מיט וועלכן ער טוט אָפּ נישט באַטראַכטע זאַכן, וואָרענען, אַז מען דאַרף אים חתונה מאַכן. שבתאי איז דער היפוך פון אים. דורך דער צייט ווי ער איז געווען אין קאַליש, האָט ער שטאַרק אויסגענומען און דער מחותן ר' יצחק, דער פּרנס און שתדלן, האָט געזאָגט וועגן אים, אַז אַזאַ ברילאַנטענעם חתן-בחור האָט ער נאָך נישט געזען.

אַז זיי זענען געבליבן אַליין האָט לאה וועגן דעם אַלעמען זיך אויסגערעדט פאַר אַרטאַפּאַנוסן. פון אָנהייב האָט ער איר נישט געשטערט. פרויען קענען נישט איינזאַמלען אין זיך צו גרויסע לאַסטן פון מחשבות און פון דעם, וואָס זייערע אויגן און אויערן זעען און הערן. זיי האָבן אַ באַדערפעניש אַרויסצורעדן פון זיך. איז גלייכער זיי זאָלן אַרויסרעדן פאַר אייגענע ווי פאַר פרעמדע. אָבער אין לאהס ווערטער, וואָס זענען אין תוך געווען דורכגענומען מיט זאָרג פאַר זייערע קינדער, זיי זאָל גוט זיין, האָט אַרטאַפּאַנוס לסוף דערהערט די דונערן וואָסביים קראַכן פון בעלקעס אין אַ ברענענדיק הויז. אומפאַרשטענדלעך פאַר לאהן האָט ער איבערגעריסן אירע ווערטער מיט אַן אויסטערלישן טאָן:

„דו צענעמסט מיר דאָס הויז?.

אַ דערשיטערטע האָט לאה געפרעגט:

„צי דערצייל איך דיר אַזעלכע שלעכטע זאַכן? צי זענען עלטערן נישט מקריב זייער גאַנץ לעבן אויסצוהאָדעווען געראָטענע קינדער און זיי אויסגעבן?

אין דער פינצטערניש פון דער קאַמער איז אַ לאַנגע ווײַלע געווען שטיל. אַן אויגנבליק האָט זיך לאהן געדאַכט, אַז אַלע אירע ווערטער האָט זי אַרויסגעזאָגט פאַר אַ שלאָפנדיקן מענטש און דאָס וואָס אַרטאַפּאַנוס האָט געפרעגט און וואָס האָט איר דערשיטערט, האָט ער גערעדט פון שלאָף. פלוצים האָט ער געזאָגט:

„האָב נישט פאַר איבל מיינע ווערטער. איך בין מסתמא זייער מיד פון דעם אַלעמען אין אָט די וואָכן. אין שווערער מידקייט זעט אויך אויס אַ שמחה טרויעריק און לעכערלעך... ווייסט, לאה?... איך געדענק שוין היינט נישט ווען עס איז געשען... נאָך אַ שׂריפה וואָס האָט אויפגעגעסן מיין הויז, האָב איך אַראָפּגענומען רייפע פּירות

פוןביימער אין מיין סאָד... איז מיר אויך דעמאָלט געוואָרן טרויעריק, ווי איך וואָלט דעם סאָד צעשטערט"...

„ווען איז עס געשען?", האָט לאה געפרעגט.

„ווען עס איז געשען?", האָט אַרטאַפּאַנוס מעכאַניש איבערגעפרעגט, „ווען איז עס געשען?... איך געדענק שוין נישט, נאָר איך האָב דאָס איבערלעבעניש אין האַרצן".

עס איז ווידער געוואָרן שטיל. אַרטאַפּאַנוס האָט געוואַרט לאה זאָל ווייטער רעדן. ער איז געווען געשפּאַנט דערצו. ער האָט מער איר קול אין אָט דער נאַכט נישט געהערט.

אין די קומענדיקע טעג האָט לאה צוריק איינגעשטעלט אין הויז דעם פריערדיקן שטייגער. בריינדלס קינדער זענען צוריק אַוועק אין זייער מוטערס היים אין דער יידנשטאָט. די מאָלצייטן זענען ווידער געגעסן געוואָרן צו דער צייט און לאה האָט ווידער דורכן פענצטער אויסגעקוקט אויפן צוריקקומען פון אַרטאַפּאַנוסן פון זיינע טועניש. נאָר די יידנשטאָט האָט נישט געקענט צו זיך צוריקקומען. קהל איז געווען פאַראָרעמט און די פּרנסים זענען געווען מער פאַרנומען מיטן אָפּלייגן צו צאָלן די שטייערן, ווי מיט אויפריכטן די קהילה. די שטאָט האָט געוואַרט אויף אַ נס און קיינער האָט נישט געקענט זאָגן פון וואַנען דער נס וועט קומען. אַפילו שלמהלע דער שטאָט־משוגענער איז פאַרשטומט געוואָרן, ווי דאָס לשון וואָלט ביי אים אָפּגענומען געוואָרן.

אין איינעם פון אָט די טעג איז אַרטאַפּאַנוס געזעסן אויפן ראַנד פון סערקעלעס בעט און געטרייסט דעם פאָטער, וואָס איז געשטאַנען צוקאָפּנס און געוויינט, ווי אַן אומבאַהאָלפן יינגל. דער דאָקטאָר האָט געהאַלטן זיינע פינגער אויף דער קראַנקערס דופק און פון צייט צו צייט אים פאַרלוירן. זי איז געווען אין אַ הינער־פלעט. שוין טעג ווי דער דאָקטאָר האָט אַפילו קיין טראָפּן מילך נישט געקענט אַריינבאַקומען אין איר מויל. זי איז געשלאָפן מיט פאַרהאַקטע ציין. פישלען האָט דאָס האַרץ געזאָגט, אַז אַזוי שלאָפט איין סערקעלע אויף אייביק און ער האָט דעם דאָקטאָר קיין רו נישט געגעבן.

„איר האָט מיר געזאָגט, דאָקטאָר־לעבן, אַז עס וועט געשען אַ נס. ער איז נישט געשען. איר זעט, זי גייט מיר אויס. זי שלאָפט איין!".

אַרטאַפּאַנוס, וואָס האָט אַליין געהאָפט אויפן נס, אָבער געוווּסט, אַז ביי אָט דער שלאָפקייט קען די בעסערונג ביים קראַנקן זיין דער סימן פון סוף, האָט ער געזאָגט פאַרזיכטיק:

„דער נס ווערט געהאַלטן נאָר אין די הענט פון הימל און נאָר ער קען אים באַווייזן. כדי אָבער דער נס זאָל געשען, דאַרפן אַלע לעכצן נאָך אים. און איר... רירט אַן אייערע אויגן... איר באַוויינט זי שוין".

„וואָס זאָל איך טון, האַר־לעבן? אָט דאָ־דאָ", האָט ער זיך געקלאַפּט מיט דער פויסט אין דער ברוסט, „פיל איך, אַז ס'איז נישט גוט".

„זאָגט יעדן איינעם, אַז עס וועט געשען אַ נס ביז איר אַליין וועט אָנהייבן גלויבן, אַז ער וועט געשען".

פישל האָט אַזוי געטון, נאָר ער האָט דאָך נישט געקענט אַרומגיין איבער דער גאַנצער שטאָט און יעדן איינעם מבשׂר זיין, אַז עס וועט געשען אַ נס מיט זיין סערקעלען. האָט ער נאָך אַ נאַכט פון אויסבאַקן ברויט, אָפּגעוואַרט דעם אַלטן הערש בונים, ווען ער רופט באַגינען יידן צו עבודת הבורא, און געזאָגט צו אים אַזוי:

„איר וועט ביי מיר באַקומען דעם שענסטן קוילישט אויף שבת און זאָגט אָן די יידן ביים דאַווענען, אַז עס וועט געשען אַ נס מיט מיין סערקעלען. זי וועט געגעזן ווערן!".

„ס'הייסט, ווי אַנדערש?", האָט זיך הערש בונים געוווּנדערט, „כ'האָב דאָך נעכטן געזאָגט פאַר אירעטוועגן תהלים".

„איר זאָלט דערפאַר דערלעבן משיחן", האָט פישל אים געווונטשן, און אַ פונק פון גאווה האָט אים אַ בליץ געטון, וואָס דער שמש האָט געדענקט אָן אים.

און ווי די יידן ביים דאַווענען האָבן געבעטן אויף אַ נס, די שטאָט זאָל אויפ־געריכט ווערן, אַזוי האָט הערש בונים אָנגעזאָגט ביי שחרית פון ערשטן און צווייטן מנין: „רבותי, זייט זיך מכין צו אַ נס!", און ווי ער האָט דאָס געזאָגט האָט אים געכאַפּט אַ שלוקערץ, וואָס ער האָט נישט געדענקט פון כמה וכמה יאָרן. ער האָט דעם שלוקערץ נישט געקענט בייקומען און ער האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן מיט אַ פאַרשייטן קוויטש, ווי אַ שלעכטער כוח וואָלט פון אים אַרויסגעשריגן. איז הערש בונים געלאָפן זיך אָפּגיסן די נעגל און צווישן איין שלוקערץ און צווייטן גערופן: „אַרויס, אַרויס!".

נאָך דעם זעלבן טאָג, פאַרנאַכט צו, איז דער נס געשען. אַזוי ווי סערקעלע איז געווען איין הינערפּלעט, אַזוי האָט זי פּלוצים געעפנט די אויגן, אַ קוק געטון דאָ צום פענצטער און דאָ אויף דער וואַנט אַנטקעגן איר צופוסנס און אַנטרעפנדיק זיך מיט די בליקן פון איר פאָטער, האָט זי אַרויסגעפּליסטערט:

„איך בין אַזוי דורשטיק. אַביסעלע וואַסער".

„אוי, סערקעלע", האָט זיך פישל איינגעשרומפּן פון פחדימדיקער פרייד און אויף די נעגל געלאָפן איר דערלאַנגען די שעפּ מיט וואַסער. מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער איר דערלאַנגט די שעפּ צום מויל און פאַרזיכטיק געבעטן: „טרינק געלאַסן, מיידעלע, זאָל דיר זיין צום געזונט".

זי האָט אָפּגעטרונקען אַביסל, אָפּגעשטופּט די שעפּ און ווידער מיט די אויגן געבעטן נאָך אַ שלוק וואַסער. פישל האָט פאַרקוועטשט די ליפּן און אין דער מחשבה געזאָגט צו זיך: „איך זאָל דיר נאָר נישט געבן קיין עין הרע". סערקעלע האָט אַ שמייכל געטון צום פאָטער:

„איך בין אַזוי לאַנג געשלאָפן", האָט זי שטיל געזאָגט און אַ באַרויקטע פאַר־מאַכט די אויגן.

איצט האָט פישל נישט געוווּסט וואָס צו טון: צי זאָל ער אַרויסלויפן אויפן מאַרק און אויסשרייען, אַז אַ נס איז געשען, אָדער זאָל ער לויפן צום דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס און אים אָנזאָגן די בשׂורה, אַז דער דערוואַרטער נס איז געקומען. ער האָט מורא געהאַט צו טון סיי דאָס ערשטע און סיי דאָס צווייטע. פונקט אין

דער מינוט האָט ער נישט קיינעם אונטער דער האַנט. דער יונג וועט קומען צו דער אַרבעט ערשט שפּעטער, טיפער אין אָוונט אַריין. ס׳איז אפשר בעסער אַזוי. נישט אויפריייסן לייטן די אויגן.

אַז געצל איז שפּעטער געקומען צו דער אַרבעט, האָט ער דעם מייסטער נישט דערקענט. ער איז געווען צעטומלט אַנדערש ווי אין די אַלע טעג. ער האָט עפּעס אויסבאַהאַלטן פון אים, נאָר דאָס ליכטיקע פּייערל אין זיינע אויגן האָט ער נישט געקענט אויסבאַהאַלטן. אָט איז ער אַריין אין דער קאַמער און אָט איז ער צוריק־געקומען פון דער קאַמער און גאָרנישט אויסגעזאָגט. אַזוי ביז צו געצלס אויערן איז פון דער קאַמער עפּעס דערגאַנגען פּישלס אַ וואָרט. מיט וועמען האָט ער דאָרט גערעדט?

„וואָס מאַכט סערקעלע?", האָט דער יונג געפרעגט.

דאָס פּייערל אין פּישלס אויגן איז נאָך ליכטיקער געוואָרן.

„געצל, שפּיי אָפּ דריי מאָל, שפּיי אָפּ, האָב איך דיר געזאָגט!".

נישט אַראָפּלאָזנדיק דעם בליק פונעם מייסטער האָט געצל אויסגעשפּיגן דריי מאָל און געוואַרט.

„זי האָט מיר שוין אַפילו געבעטן, אַז זי וואָלט עפּעס גענומען אין מויל אַריין", האָט פּישל געזאָגט פאַרזיכטיק.

„ווער?!", האָט געצל אויסגעשריגן.

„סערקעלע", האָט פּישל געזאָגט שטיל און פאַרזיכטיק.

דער יונג האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ טעמפּ פּנים, ווי אַן אָקס.

„סערקעלע", האָט פּישל איבערגעחזרט.

„וואָס סערקעלע? שלעפּט מיר נישט אַרויס ס׳האַרץ", האָט געצל געבעטן.

„דער נס איז געשען", האָט פּישל אויסגעצויגן דעם קאָפּ ווי נאָר ער האָט געקענט און ווידער געזאָגט שטיל, „זי איז געזונט געוואָרן!".

דער יונג איז מיט אימפּעט אַריין אין דער קאַמער, אויפן וועג עפּעס מיט־געשלעפּט מיט זיך און געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג. אין דער טונקלקייט פון דעם איינציקן לעמפּל האָט ער אַריבערגעקוקט און געזען סערקעלעס פּנים און נישט געוואָגט צו שטעלן אַ טריט ווייטער. זי האָט געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט געשמעקט אין דער לופט און נישט אויסשמעקנדיק גאָרנישט איז ער צוריק אַריין אין דער בעקעריי:

„איך האָב גאָרנישט געזען", האָט ער געפירט צעטומלט מיט די אויגן.

„אַזוי זאָל איך נאָך דערלעבן צו פירן זי צו דער חופּה, ווי זי האָט גערעדט ווי איך רעד איצט צו דיר", האָט פּישל פון פרייד זיך אַראָפּגעבויגן.

„וואָס זאָגט דער דאָקטאָר?", האָט דער יונג געפרעגט.

„ער ווייסט נאָך נישט, אַז ס׳איז געשען דער נס".

נאָך איידער עס האָבן אין דעם יונגס אויערן אויסגעקלונגען פּישלס ווערטער, איז ער שוין געווען אויפן מאַרק. ער איז געלאָפן איבער די פינצטערע געסלעך אַ באַגאָסענער מיט שווייס און מיט אַן אַרויפגערוקט מיצל, ווי ער וואָלט געהאַט

אויף זיינע פּלייצעס אַ שווערע משׂא. אין לויפן האָט ער שוין געהאַט פאַרטראַכט ווי אַזוי ער וועט זיך פאַרנייגן פאַרן דאָקטאָר, נישט פאַרגעסן צו זאָגן „גוטן־אָוונט, האַר דאָקטאָר״, און דערנאָך — „מיט פישל דעם בעקערס טאָכטער איז געשען אַ נס״.

ביים הויז פונעם דאָקטאָר איז פּלוצים פון אים אַוועק דער גאַנצער מוט און ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענער. סך הכל איז ער דאָך ביי פישלען נישט מער ווי אַ יונג — ווער זשע איז ער עס פאַרן דאָקטאָר, ער זאָל אים אָט אַזוי אָנזאָגן וועגן סערקעלען? ער וועט אים אָנזאָגן דורך דער מאַמען — איז אים איינגעפאַלן און ער האָט מיט די פיס אָנגעהויבן זוכן די טרעפּ אין דער פינצטערניש.

די טיר האָט געעפנט ברײנדל. ווי זי האָט דערזען איר עלטסטן זון, האָט איר האַרץ איר באַלד געזאָגט, אַז ס׳איז עפּעס נישט גוט. נאָר צרות האָט זי פון אים. נאָר איידער זי האָט זיך פונאַנדערגעקליבן אין זיין צעטומלט פּנים, האָט ער זי אַ שלעפּ געטון ביי דער האַנט אין אַ זייט:

„מאַמע, ס׳איז געשען דער נס. זי איז געזונט געוואָרן״.

„ווער איז דען געווען איינגעפאַלן?״, האָט ברײנדל נישט פאַרשטאַנען וועגן וועמען איר זון רעדט.

„סערקעלע, מאַמע. זי איז געזונט!״, האָט ער געטרייסלט מיטביידע פויסטן.

„אוי, מיין ביטער מזל!״, האָט ברײנדל אויסגעקרייט מיט אַ קוויטשל, „זאָלן דיר אָנגעזאָגט ווערן בשׂורות טובות!״.

פונעם קוויטשיקן קריי איז אַריינגעקומען אין פּרוזדור לאה און נאָך איידער זי האָט געפרעגט וואָס ס׳איז געשען, האָט זיך ברײנדל פאַר איר צעשאָקלט:

„האָט איר שוין געהערט, האַרינטע, אַן איינפאַל פון מיין קדיש? ס׳טעלערל פון הימל איז דאָך אים אַראָפּגעפאַלן. אין אַזאַ שפּעטער שעה איז ער געקומען מיר אָנזאָגן די בשׂורה, אַז מיין צרה איז געזונט געוואָרן. אַז ס׳איז דאָך נישטאָ, זאָגט מען, מיט וועמען צו רעדן. רעדט צו אַ שטיק האָלץ: ס׳הערט נישט און זעט נישט, באַהיט זאָלן ווערן אַלע יידישע קינדער, טאַטע־פאָטער אין הימל!״.

„מאַמע, זי רעדט!״, האָט זיך געצל נישט געקענט איינהאַלטן און זיך געבויגן, אַז די האַרינטע זאָל זען, אַז ער באַגריסט זי. „זי האָט געזאָגט, אַז זי וואָלט עפּעס גענומען אין מויל אַריין״.

„מזל טוב דיר, מיין זון. די פאַרזעסענע מויד האָט שוין געבעטן מען זאָל איר אַרויספירן הינטער דער טיר. און אפשר שניידן זיך איר אויך ציינדעלעך?״. ברײנדל האָט די ווערטער נישט געקענט צוריקכאַפּן. זי האָט זיך פאַרלוירן און אין דער אָנוועזנהייט פון דער האַרינטע אַרויסגעזאָגט מיאוסע ווערטער. פון די ווערטער האָט לאה פאַרשטאַנען, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דעם בעקערס טאָכטער. נישט מאַכנדיק זיך גאָרנישט פון דעם געהערטן איז זי נעלם געוואָרן.

„אויף דעם האָב איך דאָך געוואַרט!״, האָט זיך דערהערט די שטים פון אַר־טאַפּאַנוסן, נאָך איידער ער איז אַריין אין פּרוזדור. ער האָט היימישלעך אַ קוק געטון אויף געצלען: „איז דאָס אמת וואָס איך האָב געהערט?״.

געצל האָט זיך פאַרנייגט, ווי ער האָט פריער געטראַכט, אַז ער וועט עס טון און געענטפערט מיט איינגעהאַלטענער פרייד:

„אמת, האַר דאָקטאָר״.

איבערן מאַרק און איבער די געסלעך פון דער ייִדנשטאָט האָט זיך דערווייל צעטראָגן די בשׂורה, אַז פישל דעם בעקערס טאָכטער, די יתומה, וואָס איז געהאַט אַראָפּ פון זינען, איז געזונט געוואָרן. ווארום אַז סערקעלע האָט איבערגעחזרט, אַז עס נאָגט איר ביים האַרץ, איז פישל געלאָפן צו די שכנים בעטן מען זאָל אים טון אַ טובה און אָפּקאָכן אַ דערקוויקנדיק מאכל. „ס׳איז אַלץ ווי מען וואָלט אַוועק־גענומען מיט דער האַנט״, האָט ער געזאָגט שטיל, אויס מורא פאַר אַן עין הרע. שכנהס האָבן זיך געפּעדערט צוצושטעלן טעפּלעך און די בשׂורה איז אַרומגעלאָפן געסל־אויס געסל־איין — איבער דער גאַנצער שטאָט. האָט דאָך לובלין זיך אויסגע־קוקט די אויגן אויף אַ נס, וואָס זאָל איבערשלאָגן דאָס בייזע מזל. איז אַ נס געשען!

אויף צו מאָרגנס האָט דער רב ר׳ שמואל אליעזר הלוי פאַרבעטן צו זיך אַרטאַפּאַנוסן, כדי צו הערן פון דאָקטאָרס מויל אַליין, וואָס אַזעלכעס איז געשען און צי דער נס איז טאַקע אַ נס, אָדער סתּם עפּעס אויף וואָס מען לעכצט און עס דאַכט, אַז עס איז און ס׳איז נישט.

אויף דעם האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט:

„דאָס געזונט פונעם מענטש איז אין די הענט פונעם הימל, נאָר ווען דער הימל זאָגט אונטער דעם דאָקטאָר וואָס אַזעלכעס ער זאָל טון, כדי צו העלפן דעם מענטש, בעת דער רופא ווייסט גאָרנישט אויף זיכער, און דער קראַנקער ווערט געזונט, איז עס אַ נס. זי איז געזונט געוואָרן פון צוויי חולאתן: פון איינער, וואָס זי וואָלט געוועז געשטאָרבן פאַרן לעבן און פון אַ צווייטער, פון וועלכער ווייניק בלייבן ביים לעבן״.

דער רב האָט דורכדרינגלעך אַריינגעקוקט אינעם דאָקטאָרס אויגן און וואָל־גערנדיק די שפּיץ פון זיין באָרד צווישן צוויי פינגער, האָט ער שטיל געזאָגט:

„מ׳האָט אַמאָל די מויד געבראַכט פאַר מיר און איך האָב נישט געגעבן מיין הסכמה פאַר חופה וקידושין. דען געזען האָב איך, אַז זי איז נישט בקו הדעת. טרעפט זיך דאָך דווקא פאַרקערט, ווען אַ מויד האָט חתונה ווערט נעלם דער חסר־דעת. אָבער לויטן דין טאָר מען נישט מקדש זיין, אויב די כלה איז נישט מסוגל צו ענטפערן, צי זי וויל דעם חתן, אָדער זי וויל אים נישט. איז מיין האַרץ געווען צעבראָכן. איצט זע איך, אַז די זאַך איז מן השמים. צוויי אַזעלכע מחלאות און פוןביידע איז זי ניצול געוואָרן, איז עס אַ נס. און אַז ס׳איז געשען אַ נס, אין אַ צייט ווען מיר דאַרפן רחמים פאַר דער שטאָט, וועל איך גוזר זיין, אַז אם ירצה השם, ווי נאָר די בתולה וועט זיין ראוי דערצו, זאָל זי קהל חתונה מאַכן אויף זיין חשבון. ס׳וועט בעזרת השם זיין אַ גוטער אָנהייב, אונדזער קהילה זאָל צוריק אויפגעריכט ווערן און ס׳זאָלן זיך מערן פרנסה און שׂמחות ביי ייִדן״.

סערקעלע איז ראוי געוואָרן. אַזוי שנעל ווי זי איז אַראָפּ פון בעט און אָנגעהויבן אַרומגיין, אַזוי האָבן זיך אויף איר פּנים אָנגעהויבן צוריקצוקערן אַלע חנען.

די זומער־שפּרענקעלעך האָבן צוריק אויפגעבליט אָרום איר נאָז און אין אירע אויגן זענען אויפגעגאַנגען די אַמאָליקע לאָקנדיקע פלעמעלעך. נישט מער, זי איז געווען ווי פאַרשעמט, צוריקגעהאַלטן, וואָס האָט איר געמאַכט נאָך מער חנעוודיק. אַ ייִדישע טאָכטער דאַרף זיין צוריקגעהאַלטן. אויב זי האָט פאַרשייטקייטן אין איר גוף, דאַרף זי זיי מצניע זיין און נישט ברענגען לייט אויף זינדיקע מחשבות.

און אַזוי שנעל ווי סערקעלע איז ראַוי געוואָרן, האָט דער רב, ר׳ שמואל אליעזר הלוי, צוזאַמענגערופן די פּרנסים, זיי דערמאָנט ווי ס׳פּירט זיך ביי יידן פון קדמונים אָן, און זיי גוזר געווען, אַז די חתונה פון סערקעלען מיט געצלען זאָל געפּראַוועט ווערן אויף חשבון הקהל, מיט אַ גרויסער שמחה פאַר דער גאַנצער שטאָט און זאָל מען מער נישט וויסן פון קיין צער. און אַ רייכע זאָל זיין די חתונה, ווי דער פאָטער־אַלמן פון דער כלהס צד און די מוטער־אַלמנה פונעם חתנס צד וואָלטן געווען גבירים און פון גרויס יחוס, וואָרום פון גרויס יחוס אין תורה און אין מעשׂים טובים איז לובלין.

די פּרנסים האָבן דעם רבס גזר אָנגענומען בתשואות חן. זיי האָבן זיך דאָך אויסגעקוקט די אויגן אויף אַ נס, וואָס זאָל איבערהאַקן די שלעכטע דאָליע פון דער שטאָט. און באַלד איז אָפּגעמאַכט געוואָרן מיט ר׳ יעקלען, די חתונה זאָל געפּראַוועט ווערן ביי אים אין איינפאָר־הויז און ער זאָל, למען השם, גאַרנישט קאַרגן, מען זאָל, חלילה, נישט אָנזען, אַז דאָס איז אַ חתונה פון קינדער פון געמיינע לייט.

און אַזוי זענען באַלד געשיקט געוואָרן נייטאָרינס צו נייען די וויפּראַווע. זיי האָבן געמאָסטן סערקעלעס גוף און האָבן זיך פאַרהאַלטן סודותדיק, נישט אויס־געזאָגט וואָס פאַר אַ קליידער קהל האָט פאַר איר באַשטעלט.

„וואָס דאַרפסטו וויסן וואָס און ווען? אַז מען נעמט דיר אַ מאָס טוט דיר דען ווי?״ — האָבן די נייטאָרינס געטענהט און נישט געוואָלט שטילן סערקעלעס נייגער.

אויך געצלען האָט הענדל דער שניידער גענומען אַ מאָס. הענדל האָט בכלל נישט געוואָלט רעדן מיטן יונג.

„קהל האָט מיר געהייסן נעמען אַ מאָס״.

פאַר קהל האָט געצל אי מורא אי דרך־ארץ. דאָרט זיצן גרויסע לייט און מען טאָר זיי נישט קעגנרעדן. האָט הענדל דער שניידער געדרייט געצלען אַהער און אַהין, ווי ער וואָלט געווען פון האָלץ און אויף דעם מעסט־בענדל געמאַכט קניפּלעך, וואָס נאָר ער, הענדל, האָט געוווסט זייער באַשייד.

אין טאָג פון דער חופּה האָבן זיך אין פּריִען פרימאָרגן אַריינגעשטעלט אין פּישלס בעקעריי די ווייבער פון די פּרנסים אברהם־שכנא און מענדל.ביידע זענען געווען אָנגעטון ווי עס וואָלט געווען אַ חול־המועד, האַלב יום־טובדיק און האַלב־וואָכעדיק, און אפשר האָט עס אַזוי אויסגעזען, ווייל ביידע ווייבער זענען געווען שטאַרק אָנגעבלאָזן, איבערגענומען מיט דער מצווה, וואָס זיי איז צוגעפאַלן אין דעם טאָג.

ווי פישל וואָלט געווען אַ פרעמדער, האָבן זיי אים נאָר געפרעגט ווו איז די כלה, און איידער ער האָט געענטפערט, וואָס ער האָט געוואָלט ענטפערן, זענען שוין די ווייבער געווען אין דער האַלב־פינצטערער קאַמער. אויך דאָ האָבן זיי מער געדרייט מיט די נעז, ווי גערעדט מיט סערקעלען. זי איז געווען אָנגעטון אין איר אַלט שבתדיק קלייד, פון וועלכן ס׳האָט פייערלעך אַרויסגעשיינט איר בלייך פנים. זי האָט געפּאַסט און האָט זיך אַביסל דערשראָקן פאַר די צוויי ווייבער, וואָס זענען אַריין אין דער קאַמער מיט אימפעט פון צעלאָזענע געענדז.

„מיר וועלן דיך באַגלייטן צום בית החיים אויפן קבר פון דיין מאַמען, דו זאָלסט זי פאַרבעטן צו דער חתונה״.

מער האָבן זיי נישט געזאָגט. אברהם־שכנא דעם פרנסעס ווייב האָט מביניש באַקוקט סערקעלעס גוף, אַ קוועטש געטון מיט די ליפּעלעך אויף דעם, וואָס סער־קעלעס האָר זענען צו פאַרשייט און אַ דריי געטון די נאָז אויף דעם, וואָס איר בוזעם איז צופיל פאַרשפּיצט. דאָס ווייב פון מענדל פרנס האָט פון בעט אַ כאַפּ געטון אַ שטיקל געוואַנט און דערמיט פאַרדעקט סערקעלעס האָר, ווי זי וואָלט דערמיט שטעכעלירט אברהם־שכנאס ווייב, אַז דאָס אויף וואָס זי דאַרף קוקן כדי צו זען, האָט זי שוין געזען גלייך ווי זי איז אַריבערגעטרעטן די שוועל...

אויפן קבר פון איר מאַמען האָט סערקעלע נישט געקענט וויינען. פאַרדעקט דעם קאָפּ מיט דעם שטיקל געוואַנט און מיט די אויגן צום קבר, האָט זי געזאָגט ווי צו אַ לעבעדיקער:

„מאַמע, איך בין שוין אינגאַנצן געזונט. גאָט אין הימל האָט מיר געהאָלפן. היינט האָב איך חתונה. פאַרבעט איך דיך, מאַמע, אויף מיין חתונה״. ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט אין דעם וויכטיקסטן האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן און צוגעגעבן: „פאַרגעס נישט — די חתונה איז ביי יעקל דעם סאַרווער אין אַריינפאָר־הויז״.

„פאַרוואָס וויינסטו נישט?״, האָבן ביידע ווייבער צוזאַמען געפרעגט.

סערקעלע האָט זיך אויסגעגלייכט און אַ קוק געטון דאָ צו דער און דאָ צו דער צווייטער, ביידע האָבן געהאַט נאַסע אויגן און רויטע נאַסע נעז:

„כ׳האָב נישט געהאַט קיין טרערן״, האָט זי שטיל געענטפערט.

די ווייבער האָבן שוין סערקעלען נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין רגע, כדי די שדים זאָלן אויף דער כלה קיין שליטה נישט האָבן. פון בית הקברות האָבן זיי סערקעלען אַוועקגעפירט אין דער מקווה, ווו די טוקערין און די נייטאָרינס זענען איר אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַ „מזל טוב, כלה, אין מזל זאָלסטו לעבן און מגדל זיין קינדער אין אַ צאָל ווי זאַמד אויפן ברעג״. און באַלד ווי די טוקערין האָט סערקעלען אַרויסגע־פירט פונעם וואַסער, אַזוי האָבן די נייטאָרינס, מיט נייע קליידער אויסגעשפּרייט אויף זייערע אָרעמס, סערקעלען באַגלייט אין דער זייטיקער קאַמער און זי אָנגעטון אין נייע זאַכן פונעם קאָפּ ביז די פיס. דאָס מאָל זענען שוין די נייטאָרינס געווען צעעפנט און נישט אויפגעהערט צו באַשיטן די כלה מיט שבחים:

„אוי, דו זעסט דאָך אויס ווי דעם וואַיעוואָדעס טאָכטער!״.

„אַזאַ כלה, קיין עין הרע. טפו־טפו־טפו״.

„זע נאָר ווי ס׳קליידל ליגט, ס׳איז דאָך ווי דו וואָלסט געבוירן געוואָרן אין דעם״.
„פאַרדעק, פאַרדעק!״, האָט זיך אַריינגעמישט אברהם־שכנא דעם פּרנסעס ווייב, אַנווייזנדיק אויף סערקעלעס בוזעם.
צוריק אַהיים איז סערקעלע דאָס מאָל נישט געגאַנגען. די ווייבער האָבן זי אַוועקגעפירט אין ר׳ יעקלס איינפאָר־הויז. אין דער חתן־כלה קאַמער און אָנגעזאָגט דעם סאַרוועס ווייב, זי זאָל די כלה, חלילה, נישט איבערלאָזן איינע אַליין.
אויך ביי אַרטאַפּאַנוסן אין הויז האָט מען זיך געגרייט צו דער חתונה.
לאה האָט ברײַנדלען אַוועקגעגעבן פון אירע קליידער און איר געקויפט לכבוד דער חתונה פון איר עלטסטן זון אַ פּאָר שיך. בריינדל האָט קיין שׂמחה אין האַרץ נישט געהאַט. זי איז געווען צעטומלט און שווייגנדיק. בלויז פון צייט צו צייט האָט זי עפּעס אַ פּאָנפּע געטון אונטער דער נאָז, וואָס קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם באַדייט. נאָר ווען זי האָט זיך אָנגעקליידט אין דעם געלבלעך זיידענעם קלייד, וואָס לאה האָט איר געגעבן, און אָנגעטון איר שוואַרצן הויב, איז זי העכער געוואָרן. עפּעס פון לאהס שטאָלצקייט איז געווען אין דעם אופן ווי זי האָט אויסגעדרייט איר קאָפּ צו דער שויב, צו זען ווי זי זעט אויס. און אַז קוקנדיק אויף איר האָט מרים געמאַכט אַ טיפן פריצישן קניקס, האָט זיך בריינדלס פּנים צעלויכטן. נאָר דאָס איז געווען אַ צעלויכטונג פון איין רגע, ווי אַ בליץ, וואָס רייסט זיך דורך און פאַרשווינדט. עפּעס אין האַרץ איז איר געווען שווער, זייער שווער. זי האָט אַזוי שטאַרק באַגערט צו האָבן נחת פון אירע קינדער, זיי אויסצוגעבן אין פריידן, און אַז דער עלטסטער זון האָט מיט מזל חתונה, איז דאָך עס אַ גוטער אָנהייב פאַר אַלע קינדער — פאַרוואָסזשע איז איר אַזוי קאַלט און שטיינערדיק אַרום האַרץ?
ערשט ביים קומען צו דער חתונה אין אַריינפאָר־הויז פון ר׳ יעקלען, און ווי זי האָט געזען וואָס אַלץ עס גרייט זיך און וואָס פאַר אַ געסט עס הייבן אָן קומען, האָט זיך איר האַרץ־שווערקייט איבערגעבראָכן. אויף דעם האָט זי זיך גאָרנישט געריכט. ר׳ יענקל און זיין ווייב האָבן זיך געוואָנדן צו איר נישט אַנדערש ווי „בריינדלשי״. „פאַרוואָס, בריינדלשי, זעט מען נאָך נישט דעם דאָקטאָר מיט זיין ווייב? זיי זענען דאָך מחותנים״. „איר פילט, בריינדלשי, דעם ריח פונעם געבראָטנס? עס צעגייט זיך אין אַלע גלידער״.
די פּרנסים און די גבירים האָבן אָנגעהויבן קומען. די קאַפּעלע האָט זיי אַנט־קעגנגעשפּילט מיט פייערלעך־פריילעכע שאַלן, ווי עס שאַלט דער האָרן פאַרן לובלינער מאַגיסטראַט, ווען עס קומט אָן די שליאַכטע צו זעצן זיך אין קרויך־געריכט. די חשובע לייט האָבן בריינדלען געווונטשן „מזל־טוב״ און בריינדל, אַ לויכטנדיקע אין דעם געלבלעך־זיידענעם קלייד מיט דעם שוואַרצן הויב אויפן קאָפּ, האָט די לייט געענטפערט: „אין מזל זאָלט איר לעבן״. באַלד איז אין די קאַמערן פונעם איינפאָר־הויז געוואָרן אַן ענגשאַפט און הייס און די היץ האָט געשמעקט מיטן ריח פון וואַקסענע ליכט.
„בריינדל־לעבן, מען דאַרף דאָך גיין באַזעצן די כלה!״, האָבן צווי ווייבערישע שאַרפע קולעכלעך איר אַריינגערעדט אין די אויערן פוןביידע זייטן.

ווי זי וואָלט ערשט איצט באַגריפן, אַז אויף דער שׂמחה איז אויך דאָ אַ כּלה, האָט ברײַנדל אַ צעטומלטע געענטפערט:

„נו, אַוודאי, מען דאַרף דאָך באַזעצן די כּלה".

אַזוי האָט זי אויך ערשט באַגריפן, אַז דאָס רעדן צו איר די ווײַבער פון די פּרנסים אברהם־שכנא און מענדל. דאָס בלוט איז איר געקומען אין פּנים אַרײַן און טראָפּנס שווייס האָבן איר אַרויסגעזעצט פון אונטערן הויב. זי איז געלאָפן פאָרויס און אַנטקעגן איר איז אַ צעטומלטער, אַ צעשטראָלטער אָנגעקומען פישל:

„ווו זענט איר ערגעץ, מחותנתטע? מען דאַרף דאָך באַזעצן די כּלה", האָט ער פון גרויס איבערנעמונג אומגעלומפּערט געוואָרפן מיט די הענט און געמאַכט אַ וואָרע פאַר די ווײַבער.

דער לאָמער יוסף איז אַרײַנגעשפּרונגען אויף זײַן לענגערן פוס:

„ייִדן, מאַכט אַ וואָרע און טוט זיך מאַכן גרייט.
די טאָכטער פון מורנו ר' פישל, די כּלה סערקעלע גייט,
און איר, ווײַבער, מאַכט איבער דער כּלה אַ בויגן,
זי זאָל נושׂא חן זײַן אינעם חתנס אויגן.
און זאָל די קאַפּעליע איצט שפּילן און עס זאָל קלאַפּן די פּויק,
אַז די כּלה זאָל זײַן באַהיט פאַר אַ שלעכט וואָרט און אַ גוט־אויג!".

די קאַפּעליע האָט אויפגעשפּילט אַ פריילעכס, די פּויק האָט געקלאַפּט, די ווײַבער האָבן מיט אויפגעהויבענע הענט אין דער הייך געמאַכט אַ בויגן, אונטער וועלכן סערקעלע איז געגאַנגען מיט אומדרייסטע פאַרחלשטע טריט. פאַר סערקעלען איז פאַרויסגעגאַנגען מענדל פּרנסעס ווײַב און פון בײדע זײַטן האָבן די כּלה געפירט ברײַנדל און דאָס ווײַב פונעם פּרנס אברהם־שכנא. סערקעלעס פּנים איז געווען בלאַס און אירע אויגן מיט פיבער. זי האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. פון די צוויי רייען ווײַבער מיט אויפגעהויבענע הענט און פון דעם רוישיקן פריילעכן שפּילן האָבן אירע אויגן נישט אויסגעטיילט קיין באַזונדערע געשטאַלטן, נאָר אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אין אַן אויסטערלישן פילפאַרביקן נעפּל, מיט אַ געדיכטער הייסער לופט, נישט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. בעת סערקעלע איז שוין געווען באַזעצט, איז אָנגעקומען לאה. די ווײַבער ביי דער טיר האָבן זיך אָפּגערוקט אין די זײַטן צו מאַכן פאַר איר פריי דעם וועג. אָנגעטון אין אַ שוואַרץ קלייד געפּאַסט אין דער טאַליע און מיט אַ הויכן ראָזלעכן הויב אויפן קאָפּ, האָט זי אויסגעזען אַ סך שלאַנקער און העכער ווי זי איז געווען. נאָך איידער זי האָט זיך פונאַנדערגעקליבן ווו צו פאַרנעמען אַן אָרט, האָט זיך קעגן איר אַ לאָז געטון ברײַנדל, ווי אַ גערודפטע הון מיט צעשפּרייטע פליגל:

„האַרינטע קרויץ, זעט נאָר מײַן גליק!", האָט זי אויסגערופן און פון אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן פליסן טרערן. זי האָט מער קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדן, נאָר מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט זי אָנגעוויזן אויף דער כּלה.

לאה איז צוגעגאַנגען אַנטקעגן דער כלה און באַהערשנדיק זיך, האָט זי לייכט אַ בויג געטון מיטן קאָפּ:

„מזל טוב, כלה. אויב ברײַנדלס זון איז דײַן חתן, וועט ער זײַן צו דיר אַ גוטער מאַן".

סערקעלע האָט אויפגעהויבן די אויגן צו לאהן און בײדנס בליקן האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף אײנאַנדער.

„זי לײכט ווי די זון אין הימל", האָט לאה געזאָגט, אַז די אַרומיקע זאָלן הערן.

„נו, סערקעלע, ענטפער דער האַרינטע", האָט ברײַנדל נישט אויסגעהאַלטן סערקעלעס שווײַגן.

סערקעלע האָט נישט געקענט אַרויסברענגען קײן וואָרט. זי האָט אָנגעכאַפּט לאהס האַנט און אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ אַ קוש צו טון. לאה האָט איר האַנט צוריק־געצויגן, זיך אַלײן אַראָפּגעבויגן און סערקעלען אַ קוש געטון אין בײדע באַקן:

„זאָלסט זײַן געזונט, מײַן קינד", האָט זי איר געזאָגט שטיל און זיך אײַנגעקוקט אין איר פּנים.

דער לאַמער יוסף האָט זיך אַ צי געטון אויף זײַן לענגערן פּוס און אויסגעשריגן צו דער קאַפּעליע:

„אַ טרויעריקס וועט איר מיר דאָ אויפשפּילן פאַרן באַדעקן,
אַז דער כלהס טרערן זאָלן זיך גיסן ווי אין אַ גילדערנעם בעקן.
אַט, אַזוי, אַט אַזוי און אַפילו נאָך מער,
איך זע שוין דער כלהס ליכטיקע טרער".

דער פּײַפּאַל האָט זיך צעווײנט, דאָס פּײקל האָט געווירבלט און דער באַס האָט געקרעכצט און דער האַלדז פון דעם לאַמען יוסף איז פול געוואָרן מיט געוויין:

„אוי, כלהשי, כלהשי, מײַן קול טו אויסהערן,
לען צו דײַנע אויגן נימאַנד זאָל דײַן כוונה נישט שטערן,
באַלד דאָ וועסטו צו דער חופה טון גײן,
בפני עם ועדה וועסטו נעבן דײַן חתן טון שטײן,
און וועסט ווערן זײַן ווײב כדת וכדין,
און דײַן גאַנצע מחשבה זאָל זײַן דערין".

עס האָט געווײנט די קאַפּעליע, עס האָבן געווײנט די ווײַבער, איבער סערקעלעס פּנים האָבן זיך געגאָסן טרערן, יוספס ווערטער זענען געווען פול מיט געוויין און די וואַקסענע ליכט האָבן געוואָרפן מיט זײערע פײַער־קעפּלעך און געטריפט, געטריפט, ווי אויך פון זײ וואָלטן זיך געגאָסן טרערן.

אין די קאַמערן פון די מאַנסבילן איז געווען זײער הײס. געצל דער חתן איז געזעסן צווישן דעם רב ר' שמואל אליעזר און דעם תלמיד חכם ר' דוד אויערבאַך. כאָטש גרויס איז געווען דער פּלאַץ צווישן בײדע, איז אים געווען ענג, ווי אַ פּוס אין אַן ענגן שטיוול. אין דעם נײַעם בגד איז ער אָפּגעגאַנגען אין שוויס. פּונעם

שוויס האָט אים געביסן דאָס לייב און ער האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טון, טאָמער וועט ער אָנרירן דעם אָרעם פון איינעם צווישן וועלכע ער זיצט, אָדער עמעצער וועט זיך אָנשטויסן, אַז עס בייסט אים און ער וויל זיך קראַצן. פון דעם שוויס און בייסעניש איז אים דאָ גאָרנישט אָנגעגאַנגען, ער האָט גאָרנישט געזען. דער רב האָט זיך מתווכח געווען בקול רם מיט ר׳ דודן וועגן דעם פּסוק אין דער תורה „שכם בני חשקה נפשו בבתכם״ *, און וואָס אַלץ דער באַשעפער פון אַלע וועלטן טוט כדי צו פאַרמערן זיין פאָלק. די תלמידי־חכמים האָבן געוואָלט דער חתן זאָל אין דער שעה הערן זייערע ווערטער. אָבער געצלען איז געווען זייער הייס און זייער ענג און ער האָט די פרומע ווערטער נישט פאַרשטאַנען. ער האָט געקוקט שטאַר פאַר זיך, ווי אַ קאַלב. און אַז ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט פישלס בליק, האָט ער מיט די אויגן ווי אַ קליין אומבאַהאָלפן ייִנגל געבעטן אים: „נעם מיך אַרויס פון דאַנען, כאָטש אויף איין רגע״. פישל איז געווען שיכור פון שׂמחה, עס איז אים געווען גוט מיט די אַלע וווילגעלערנטע און בעלי־יחוס־ייִדן צוזאַמען. צו וועמען ער ווענדט זיין פּנים האָט ער פאַר זיך אַ חשובן באַלעבאָס, אָדער אַ פּרנס, און אָט דאָ, דער דריטער פון זיין רעכטער האַנט אין דאָקטאָר אליעזר אַרטאַפּאַנס, וואָס פריער גאָט און דערנאָך אים האָט ער אַלץ צו פאַרדאַנקען. אַפילו געצל איז צווישן די אַלע ייִדן אויסגעאיידלט געוואָרן און אינעם נייעם בגד זעט ער אויס ווי אַ ווויללערנער. אוי, זע נאָר ווי ער שוויצט. ווי אַן אויסגעאיידלט קינד! זיין פּנים איז בלייך. ס׳איז נישט דער זעלבער געצל, וואָס נעמט אַרויס פון דער דייזשע צוויי אָרעמס טייג מיט איין מאָל.

און באַלד האָט גאָט געהאָלפן אויך געצלען, ער זאָל באַפרייט ווערן פונעם קלעם צווישן די צוויי תלמידי חכמים. דער לאָמער יוסף האָט אים אויסגערופן צו כלה־באַדעקנס:

„יעמוד החתן המפורסם געצל בן־ברײַנדל,
פאַר דער כלה שׂרה הנקראת סערקעלע זאָל ער זיין דאָס שיינדל,
ווי ער וועט איצט גיין די כלה באַדעקן
אַזוי זאָלן אים גוטע מלאכים באַגלייטן פון אַלע עקן״.

געצל איז אויפגעשפּרונגען נאָך אײדער די חשובע לייט פון ביידע זייטן האָבן זיך אויפגעשטעלט. אַ רגע איז ער געבליבן שטיין אַן אומבאַהאָלפענער. ער האָט נישט געהאַט דעם וועג פריי. דער רב האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט אין דער זייט פון אליעזר אַרטאַפּאַנוס:

„ר׳ אליעזר און דער מחותן פישל וועלן פירן דעם חתן״.

פישל האָט זיך אַ טרייסל געטון און פריידיק אויסגערופן: „דאָקטאָר־לעבן!״, און צו זיין גליק איז נישט געווען קיין גרענעץ.

---

* די זעל פון מיין זון שכם גלוסט צו אייער טאָכטער (בראשית ל״ד, ח׳).

די ווייבער האָבן זיך פונאַנדערגערוקט אין די זייטן. די קאַפּעליע האָט געשאַלט און געדונערט און געצל איז געגאַנגען ווי אַ שיכורער, נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. ער איז געבליבן שטיין נעבן דער באַזעצטער כלה און געקוקט אויף איר פּנים ווי ער וואָלט עס צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געזען. סערקעלע האָט אַרויפגעקוקט צום אים מיט צעפּיבערטע אויגן. אויך פאַר איר איז געצל אין דער מינוט געווען אַזוי אויסטערליש אַנדערש ווי זי האָט אים די אַלע יאָרן געקענט. פּישל האָט אים שטיל אונטערגעזאָגט: „באַדעק די כלה". דער יונג האָט שווער אויפגעהויבן זיינע הענט און, ווי ער וואָלט מורא געהאַט ער זאָל איר נישט טון קיין שלעכטס, האָט ער פאַרזיכטיק אויסגעשטרעקט די פינגער און אַראָפּגעצויגן ס׳געוואַנד איבערן פּנים.

באַלד האָט זיך די קאַפּעליע געלאָזט צום טויער כדי צו גיין פאַרויס ביים פירן חתן־כלה צו דער חופּה.

אויף די מוזיק־קלאַנגען, געהערטע צום ערשטן מאָל זייט חדשים, איז זיך דאָס אָרעמקייט צוזאַמענגעלאָפן פון די געסלעך, מיט קינדער אויף די הענט. אויך באַלמעלאָכעס פאַרשטעלטע פאַר כראַביעס און פרינצן, זענען אָנגעלאָפן. נאָר דאָס מאָל איז זייער כראַבישקייט און פרינצישקייט באַשטאַנען בלויז אין לאַנגע צוגע־קלעפּטע וואָנסעס און באַוואָפנט מיט הילצערנע שווערדן. דאָס אַדל האָט קיין פערד צו רייטן נישט געהאַט. נאָר אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פירן חתן־כלה צו דער שיל און די קאַפּעליע האָט פריילעך און לעבעדיק געשפּילט און די אָנגעצונדענע לאָמטערנס האָבן זיך געהוידעט, האָט זיך אַ פרינץ אַרויפגעכאַפּט אויף די פלייצעס פון אַ כראַביע און אַ כראַביע איז אַרויף אויף די אַקסלען פון אַ פרינץ און אַזוי האָבן אויך רייטער באַגלייט סערקעלען מיט געצלען צו דער חופּה.

אויף צוריקוועגס פון דער חופּה זענען די פרינצן און כראַביעס אַריין צווישן דעם יונגן פּאָרפאָלק און דער קאַפּעליע און געמאַכט קאָזיאָלקעס, געגאַנגען אויף די הענט, געשפּרונגען איינער איבערן צווייטן און אַפילו געפּרוּווט פירן מלחמה מיט די הילצערנע שווערדן. בריינדל איז געגאַנגען האַרט נעבן געצלען און זעענדיק וואָס אַלץ עס טוט זיך, האָט זי געשריגן:

„אוי ווי איז מיר, נעבעך, די לצים וועלן דאָך, חלילה, דורסן די קינדער". מיט ביידע הענט האָט זי אָנגענומען די עקן פונעם פאַרטעך, ווי זי וואָלט אַזוי אַרום געשיצט דאָס יונגע פּאָרפאָלק קעגן דער צעשפּילטער כאַליאַסטרע אַדלליט.

ווי תמיד ביי רייכע חתונות אין ר׳ יעקלס איינפאָר־הויז, איז אויך דאָס מאָל דער הויף פול געווען מיט אָרעמעלייט. נאָר מדינה־גייערס, וואָס פלעגן זיך אין אַזעלכע פאַלן צוזאַמענקומען פון אַלע עקן לאַנד, זענען דאָס מאָל נישט געווען. ס׳איז זיך צוזאַמענגעקומען דאָס גאַנצע אָרעמקייט פון לובלין. טייל פון זיי זענען געווען איילִיק און געמאָנט ביי ר׳ יעקלען אַ חוב:

„ר׳ יעקל, איר דערקענט מיך? איך האָב זיך מיט גוטן אַרויסגעקליבן פון אייער סאַלאָן און איר האָט מיר דערפאַר צוגעזאָגט אַ פעטן קאַרפן־קאָפּ".

„ר׳ יעקל, זעצט מיר נישט אָן. אַ ייִד דאַרף האַלטן וואָרט!".

„ר׳ יעקל, כ׳האָב זיך צוגעשטעלט!״.

ר׳ יעקל האָט נישט געהאַט קיין צייט צו הערן. דורך דער צייט איז ער ווי אַרויס פונעם סאַרוועך־געלענק און זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. ס׳איז די ערשטע חתונה נאָך זיין צוריקקערן אַהיים, און נאָך דעם וועט זיך מיטן אייבערשטנס הילף שטעלן די גוטע צייט. אין זיין איינפאַר־הויז האָט ער די גאַנצע פּני פון לובלין און ער דאַרף אַלע צופרידנשטעלן. „צו די מאַנצבילן, צו די מאַנצבילן!״, האָט ער געיאָגט זיינע דערלאַנגער. „הער נאַר, דו, וואָס דרייסטו זיך ווי אַ ווינט אין פעלד — צו די ווייבער, צו די ווייבער!״, האָט ער געאיילט. ר׳ יעקל האָט אָבער לסוף נישט פאַרגעסן אין די אָרעמעלייט און אין די, וואָס ער איז זיי שולדיק געווען אַ חוב. ווי נאָר די טישן פון די מאַנצבילן און פון די ווייבער זענען געווען באַשטעלט און דער עולם האָט געגעסן, האָט ער דאָס איבערגעבליבענע אין די ריזיקע פולמיסקעס אַראָפּגעשיקט אונטן, אין הויף צו די אָרעמע טישן.

ביי די ווייבער האָט זיך ברײַנדל נישט פאַרלאָזט אויף ר׳ יעקלען. זי האָט אַריינגעקוקט אין די דערלאַנגטע פולמיסקעס און צוגעהיטן ווו זיי אַוועקצושטעלן. זי האָט לאהן נישט אָפּגעלאָזט:

„האַרינטע קרוין, איר עסט דאָך גאָרנישט... ווי איז מיר נעבעך, איר האָט דאָך פונעם אָנבייסן נישט געהאַט אין אייער מונד... עסט, עסט, הלוואי איך זאָל דערלעבן אויף מרימס חתונה״.

פון לאהן איז זי געלאָפן צו דער קאַמער פון דעם יונגן פאַרפאָלק צו זען וואָס די קינדער מאַכן.

„עסט, עסט קינדערלעך און נעמט זיך אָן מיט כוח נאָך אַזאַ תענית״.

די קאַפעליע, וואָס האָט צוגעשפּילט אין דער ווייבערישער קאַמער, האָט ברײַנדלען געשטערט. די קלעזמאָרים, וואָס האָבן בשתיקה אַריינגעשנעפּסלט נאָך פאַר דער חופה, און כדי זיך צו דערוואַרעמען נאָך דער חופה, האָבן זיי אַראָפּגע־שלעפּט פון טיש אַ קריגל אָקעוויט און עס אויסגעזויפּט — זענען שוין געווען פאַר־טשאַדעט. זיי האָבן געלצעוועט און געטריבן קאַטאָוועס יעדעס מאָל ווי ברײַנדל איז געלאָפן פון די ווייבערישע טישן צו דער קאַמער פונעם יונגן פאַרפאָלק און צוריק. דאָ האָט די פּויק געגעבן אַ זעץ, ווי די סטעליע וואָלט איינגעפאַלן, דאָ האָט דער פייפיאַל געגעבן אַ קוויטש, און דאָ האָט דער באַס זיך צערעוועט ווי אַ בייזע חיה.

„אוי, פאָטער אין הימל, זיי נעמען מיר דאָך אַרויס ס׳האַרץ״.

די ווייבער ביי די טישן איז דאָס לצעוועץ פון דער קאַפעליע דווקא געפעלן. זאָלן זיין שמחות און פרייד ביי אַלע ייִדן. אמן. נאָך יעדן קלאַפּ און קוויטש האָבן די ווייבער געלאַכט מיט פעטע מיילער און געשאָקלט מיט די שטאַלצע קעפּ. ברײַנדל האָט סקאָסנע געקוקט צו זיי: „ווי און ווינד, אַז דאָס פערד שפּרינגט אַרויס פון די האַליעבליעס, ווייסט עס שוין אַליין נישט וווהין עס וועט אַנטלויפן״ — האָט זי געטראַכט און דאָס געטראַכטע אַראָפּגעשלונגען פאַר זיך.

נאָך אַלעמען איז עס פאַר קהל געווען אַ סגולה־חתונה. ר׳ יעקל האָט טאַקע געענגעטון דעם גומען פון די געסט, און דער לאָמער יוסף האָט נישט געקאַרגט

קיין הלצות, פון דעסטוועגן האָט זיך דער חשובער עולם אָנגעהויבן פונאַנדערגייך באַצייטנס. איידער וואָס־וועץ זענען ברײנדל מיט אירע קינדער און פישל דער בעקער געבליבן אַליין מיט די ליידיקע, פאַרגאָסענע און שיריימדיקע טישן. ברײנדל האָט זיך ווי אַ וואַך־זעלנער געדרייט נעבן דער קאַמער, ווו עס איז געבליבן דאָס יונגע פּאָרפּאָלק. אירע ייִנגערע קינדער האָבן נאָך דאָ און דאָרט אַראָפּגענאַשט עפּעס פון דעם שיריים אויף אַ טיש און אויך באַלד אַוועק שלאָפן. פישל איז געזעסן אין אַ ווינקל באַרוישט און מיד פון שׂמחה און אָקעוויט און געקוקט אויף דער נאָגנדיקער עלנטקייט אויף די טישן. די לאָמפּן האָבן אָנגעהויבן צאַנקען. ברײנדל, וואָס איז אַליין אַרומגעגאַנגען ווי אַ שטיק עלנטקייט, האָט זיך דערנענטערט צו אים אויף די שפּיץ נעגל און געזאָגט:

„מחותן, די קינדער שלאָפן שוין".

פישל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

„זאָלן זיי גוטע מלאכים היטן".

„גייט שלאָפן, מחותן־לעבן. נאָך אַזאַ טאָג דאַרף מען זיך אויסרוען".

„כ׳וועל גיין", האָט זיך פישל שווער אויפגעשטעלט.

„פאַרוואָס זאָגט איר מיר נישט, ,מחותנתטע׳?", האָט אים ברײנדל צוריק־געזעצט מיט איר שאַרפן בליק. „איך שטיי אייך נישט אָן?".

„וואָס פאַלט אייך איין, מחותנתטע? פון גליק ווערט מען מיד ווי פון האַקן האָלץ. קוים איך האַלט זיך אויף די פיס".

„האָב איך אייך דאָך געזאָגט, איר זאָלט גיין שלאָפן. אויף וואָס וואַרט איר? מחותן, איר קענט גיין. מערטשעם צוגלייך מיטן טאָג וועל איך דאָ זיין".

„גיי איך, מחותנתטע, און זאָלן מיר ביידע האָבן נחת פון אונדזערע קינדער".

פישל האָט זיך אַוועקגעשלעפּט מיט שווערע טריט. ברײנדל איז געבליבן. זי האָט געוואַכט ביי דער קאַמער, ווו דאָס יונגע פּאָרפּאָלק איז געשלאָפן. אין אַ ווינקל, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין דער האַנט האָט זי לייכט געדרימלט. כדי נישט איינצו־שלאָפן, איז זי פון צייט־צו־צייט אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו דער טיר און זיך איינגעהערט און באַלד צוריקגעגאַנגען אויף איר פּלאַץ. ס׳איז איר געוואָרן קאַלט און זי האָט זיך אַרומגענומען מיט אירע אָרעמס. פון דער פענצטער איז געגאַנגען אַ קאַלטער צוגווינט. זי האָט געפּרוווט טראַכטן וועגן איר אייגענער חופּה־נאַכט און זי האָט גאָרנישט געדענקט. אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג, און קיין נחת אין איר לעבן האָט זי נישט געהאַט. זאָלן כאָטש אירע קינדער האָבן אַ בעסער מזל ווי זי האָט געהאַט.

די נאַכט האָט זיך פאַרצויגן. ס׳האָט גאָר קיין סוף צו איר נישט געקומען. ברײנדל האָט שטיל געבעטן אויפן טאָג און נאָך יעדעס מאָל זיך אויפכאַפּן פון דרימל האָט זי זיך אַרומגעקוקט. זי האָט געזוכט די פענצטער און קיין סימן פון פענצטער נישט געזען. ענדלעך האָט אָנגעהויבן בלויען אויף טאָג. ברײנדל איז צוגעגאַנגען צו די פענצטער און מיט די פינגער אַ וויש געטון די פייכטקייט פון די שויבן. זי האָט געדאַנקט גאָט פאַרן אָנקומענדיקן טאָג. דערנאָך איז זי אַרומגעגאַנגען אַרום

די טישן און געטרונקען פון די קריגלעך די רעשטלעך פון וויין און אָקעוויט. צוזאַמען מיט דער וואַרעמקייט, וואָס זי האָט דערפילט נאָך די רעשטלעך וויין און אָקעוויט, איז זי געוואָרן אומגעדולדיק, ווען די ווייבער קומען באַצייטנס? זי וואָלט „עס" שוין וועלן האָבן איבערגעקומען, זי זאָל האָבן צייט צו רעדן מיט פישלען ווי די קינדער וועלן זיך אַהינטון. אין דער גאַנצער איילעניש האָט זי פאַרגעסן צו רעדן וועגן תכלית. איר געצל האָט געגומען אַ מויד ווי זי שטייט און גייט און דער פישל האָט אַפילו וועגן אַ ווינקל פאַר די קינדער נישט געזאָרגט. אַבי פּטור געוואָרן פון אַ מויד. דערצו זעט מען אים נאָך נישט. די זון איז שוין אויפגעגאַנגען און ער פאָפט נאָך. וואָס האָט ער צו זאָרגן? אַרויסגעפּטרט די בבל־מויד און האָט מער נישט קיין עול אויפן קאָפּ. וואָס פאַר אַ צייטן!

דריי ווייבער האָבן זיך ענדלעך אַריינגעלאָזט מיט אַ גרויסן טומל און ברײַנדל, ווי זי וואָלט פאַרגעסן, אַז זי האָט זיי אויסגעקוקט, האָט מיט אַ פינגער אויף די ליפּן זיי איינגעשטילט:

„וואָס איז ס׳גערודער און געליאַרעם? די קינדער שלאָפן דאָך נאָך און איר שרייט ווי עס וואָלט געברענט!".

ר׳ יעקל האָט געבראַכט כיבוד פאַר די ווייבער און מאַכנדיק ריין אַ שטיקל טיש, האָט ער צווײדײטיק געשמייכלט און געזאָגט אין אַ זייט:

„וואָס לענגער אַ יונג פאַרפאַלק שלאָפט, אַלץ אַ בעסערער סימן איז עס".

ווי ער וואָלט די ווערטער אַרויסגעזאָגט אין אַ שלעכטער מינוט, האָט זיך געעפנט די טיר און פון דער קאַמער איז אַרויס געצל. ער האָט זיך אַביסל פאַרלוירן, אַנטרעפנדיק זיך מיט די אויגן פון די ווייבער, און איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער.

„מזל טוב, מזל טוב, מיר זאָלן זוכה זיין אויף אַ ברית!", האָבן די ווייבער אויסגערופן אין כאָר. ברײַנדל איז אים אַנטקעגן געגאַנגען און קוקנדיק אים פאַר־שעריש אין די אויגן, האָט זי אויסגעשפּיגן דריי מאָל: „זאָלסט באַהיט ווערן פון אַ גוט־אויג, מיין קינד".

אין פאַרוווירטקייט האָט געצל נישט געענטפערט אויף די ווינטשענישן און ער איז אַוועק זיין וועג. די פיר ווייבער האָבן זיך אַ לאָז געטון אין דער אָפענער טיר און זי פאַרמאַכט הינטער זיך. אַז געצל איז מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער צוריק־געקומען, האָבן אים די ווייבער נישט אַריינגעלאָזט אין דער קאַמער. עפּעס האָט זיך דאָרט געטון נישט ווי די ווייבער וואָלטן געוועזן ביי אַ יונג ווייבל, נאָר ווי ביי אַ קימפּעטאָרין, וואָס האָט אַ שווער האָבן. געצל האָט ווידער געפּרוווט עפענען די טיר און די ווייבער האָבן די טיר צוריק פאַרקלאַפּט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט געהערט אַ געוויין, נאָר אין צעטומלעניש האָט ער נישט געקאָנט פונאַנדערקלייבן זיך ווער עס וויינט. און ווי ער איז געשטאַנען הינטער דער טיר, זענען פּלוצים די ווייבער אַרויס. צוויי האָבן געהאַלטן אַן איינגעקנאָדערטן ליילעך און די דריטע הינטער זיי האָט געשריגן:

— זאָל דער רב פּסקענען! איך זע גאָאָרנישט!".

די לעצטע איז אַרויס ברײַנדל, אַ צעבראָכענע, אַן איינגעפאַלענע. זי האָט מיט

צעשראָקענע אויגן אַ קוק געטון אויף געצלען און נישט אויסרעדנדיק אַ וואָרט זיך געלאָזט נאָך די דריי ווייבער.

געצל האָט געפונען סערקעלען זיצנדיק אויפן ראַנד פונעם בעט אַ וויינענדיקע. ער האָט זיך צוגעזעצט נעבן איר און זי האָט איינגעטוליעט איר קאָפּ אין זיין ברייטן אַקסל און געוויינט. ער האָט אין זיינע אָרעמס געפילט דעם ציטער פון איר לייב און נישט געוווסט איר צו פרעגן פאַרוואָס זי וויינט. פונעם ציטער פון איר לייב האָבן זיך אים גופא געקליבן טרערן אין האַלדז און כדי זיך אַליין צו באַרויקן האָט ער געגלעט איר וואַרעמען אָרעם.

„וויין נישט, סערקעלע, ס'טוט מיר ווי אַז דו וויינסט"...

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט דער רב גערופן געצלען און סערקעלען און זיי געפרעגט, צי זיי האָבן געזינדיקט פאַר דער חתונה. און אַז געצל האָט געשווירן ביי זיין טויטן טאַטן אויף זיין אייגן געזונט, אַז ער האָט סערקעלען קיינמאָל נישט אָנגערירט, האָט דער רב געהייסן אים אַרויסגיין און ער איז געבליבן אַליין מיט סערקעלען.

אונטער די פאַרשערישע אויגן פון דעם רב, ר' שמואל אליעזר, האָט זיך סערקעלע איינגעשרומפּן ווי אַ צום טויט דערשראָקן קינד. ער האָט פאַר איר געמאָלן די עינויים פונעם גיהנום, ווי אַזוי די מלאכי חבלה וועלן מיט אייזערנע קאַמען רייסן פון איר שטיקער, אויב זי וועט נישט זאָגן דעם גאַנצן אמת, צי זי האָט געלעבט מיט איר מאַן פאַר דער חתונה. עס איז בעסער זי זאָל אויסזאָגן דעם אמת, וועט ער גוזר זיין אויף איר מאַן און אויף איר אַ תשובה און אַלץ וועט זיין כשורה. נאָר טאָמער וועט זי לייקענען דעם אמת, דערוואַרטן איר אַלע העלישע פייערן פון גיהנום. אַלע צדיקים וועלן חוזק פון איר מוטער אויף יענער־וועלט און זי וועט קיין רו נישט האָבן פאַר די זינד פון איר טאָכטער אויף דער וועלט.

מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט סערקעלע געשאָקלט מיטן קאָפּ און ציטערנדיק געזאָגט:

„ניין האַר, איך ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן".

קוק מיר אין די אויגן און זאָג מיט אַ פול מויל דעם גאַנצן אמת!", האָט דער רב באַפוילן.

סערקעלע האָט אויפגעהויבן די אויגן אָנגעפילטע מיט טרערן און מיט ציטערנ־דיקע ליפּן געזאָגט:

„ניין, רב־לעבן, געצל איז קיינמאָל צו מיר נישט געקומען. קיינמאָל נישט! ער איז געווען צו מיר ווי אַ ברודער".

„האָט ער נישט געגלוסט צו דיר? איז עס געמאָלן, אַז ער האָט דיך געוואָלט פאַר אַ ווייב, טאָג־איין טאָג־אויס געווען צוזאַמען מיט דיר אונטער איין דאַך און דיך נישט געבראַכט אויף זינדיקע מחשבות?".

„ער האָט מיך געוואָלט פאַר אַ ווייב, נאָר ער האָט די אַלע יאָרן געוואַרט. ער איז געווען גוט צו מיר און מיך אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ", האָט זיך סערקעלע צעוויינט.

ר׳ שמואל אליעזר האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען אין דער קאַמער אַהין און אַהער, אַמאָל שנעלער און אַמאָל געלאַסענער, צום סוף האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צום פענצטער און אַהין אַריינגעפרעגט:

— „און דו, אַ מויד אין די יאָרן, האָסט אים נישט משדל געווען?״.

סערקעלע האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דער רב פרעגט און זי האָט געשוויגן. ער האָט זיך אויסגעדרייט און געפרעגט:

„פאַרוואָס ענטפערסטו מיר נישט וואָס איך האָב געפרעגט?״.

„איך ווייס נישט וואָס דער האַר האָט געפרעגט״, האָט סערקעלע אים אָנגעקוקט.

„איך האָב געפרעגט, צי דו האָסט גאָרנישט געטון אַזעלכעס אים אַרויפצופירן אויף זינדיקע מחשבות?״.

„ניין, רב־לעבן, איך האָב גאָרנישט געטון, איך האָב אים דעמאָלט נישט געוואָלט פאַר אַ חתן״.

דער רב איז צוגעקומען נענטער און זיך געשטעלט פאַר סערקעלען ווי אַ שווערער וואָלקן:

„צו וועמען האָסטו געגלוסט?!״, האָט ער געפרעגט אָנגעכמורעט.

„איך ווייס נישט, איך ווייס נישט!״, האָט סערקעלע פאַרצווייפלענדיק געטרייסלט מיטן קאָפּ.

„האָסטו זיך אָפּגעגעבן צו אַן אַנדער מאַנצביל?!״, האָט דער רב נישט געלאָזט איר אָפּטעמען.

„ניין, ניין, ניין! צו קיינעם נישט! קיינמאָל נישט!״ האָט סערקעלע געטרייסלט מיטן קאָפּ.

ר׳ שמואל אליעזר האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום באַלקן און מיט אַ ציטערדיקער האַנט געגלעט די באָרד. דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבער דער קאַמער, פון צייט צו צייט אונטערגעהוסטלט און צום סוף, אָפּשטעלנדיק זיך ביים טיש, האָט ער געזאָגט מיט אַ ווייכער, פאָטערלעכער שטים:

„זאָלסט קיינמאָל נישט זאָגן שקר צו דיין מאַן. גאָרנישט זאָלסטו פון אים אויסבאַהאַלטן, וואָרום דו און ער זענען פון היינט אָן איין גוף. נאָר איך גיב דיר רשות דו זאָלסט פאַר אים נישט איבערחזרן, אַז איך האָב דיר געפרעגט, צי אַ פרעמדער מאַן איז געקומען צו דיר. האָסטו תופס געווען וואָס איך זאָג צו דיר? זאָלסט, חלילה, נישט איבערחזרן קיין איינציק וואָרט דערוועגן, עס זאָל קיין חשד נישט פאַרגנבענען זיך אין זיין האַרץ!״.

ער האָט געעפנט די טיר און אַריינגערופן געצלען. געצל איז אַריינגעקומען מיט בלודנע אויגן, געקוקט אויף סערקעלען און קוים אַ קוק געטון אויפן רב, ווי ער וואָלט דאָ באַלד געדאַרפט אויסהערן אַ שווערן גזר־דין. דער רב האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, לאַנגזאַם געבלעטערט אין אַ ספר, גלייך גענומען אַ צווייט ספר, אין אים אַריינגעקוקט און ווי ער וואָלט פון די בלעטער אַרויסגעלייענט, האָט ער געזאָגט:

„גייט איצט אַהיים. זאָלסט זיין אַ גוטער מאַן צו דיין ווייב און דער אין הימל

וועט אייך העלפן״. ער האָט פון אונטער די ברעמען אַ קוק געטון צו סערקעלען און אַ מורמל געטון: „וועז דיין מאַן שטייט דאַרפסטו נישט זיצן. פאַר אַ מאַן דאַרף מען האָבן דרך־ארץ״.

סערקעלע האָט זיך אויפגעשטעלט.

„נו, וואָס, רב־לעבן?״ האָט געצל בעטנדיק געפרעגט.

„כ׳האָב דיר געזאָגט: זיי אַ גוטער מאַן צו דיין ווייב. איצט גייט אַהיים״.

געצל און סערקעלע זענען אַוועק ווי געשלאָגענע.

דער רב איז געבליבן זיצן איבערן ספר.

פאַר בריינדלען איז דער טאָג געווען ווי תשעה־באב. זי האָט נישט אויפגעהערט וויינען, אַז זי האָט די גאַנצע צייט געפילט: ס׳טויג נישט! ווער איז נאָך אַזאַ פריינט ווי ס׳אייגענע האַרץ? און ס׳האַרץ האָט איר געזאָגט: די מויד געפעלט מיר נישט. זי האָט זינדיקע שלעפּיעס. איר גענגעלע! און דער בוזעם — באַהיט זאָל מען ווערן — אויף צו פאַרפירן מאַנצבילן. איז זי דען ווי אונדזער מרימל, אָדער ווי מיין פעסעלע? אַז מיין קינד האָט זי גאַרנישט געוואָלט פאַר אַ ווייב. נישט שטראָפן זאָל מיר דער האַר אין הימל. זי האָט אים אָפּגעטון אַ כישוף און אומגליקלעך געמאַכט. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שד עס איז געקומען צו איר? ביי אַזאַ מויד קען מען עפּעס וויסן?

בריינדלס טרערן האָבן זיך דעם טאָג אויסגעגאָסן אויף אליעזר אַרטאַפּאַנוסעס הויז, ווי עפּעס וואָלט זיך אין דעם הויז גופא איינגעבראָכן. לאה האָט געטרייסט בריינדלען, אַז „דאָס אַלץ״ קען גאָר זיין פון דער קראַנקייט. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז זי איז פון אייזן אויב זי האָט איבערמעכטיקט אַזאַ שלאָפקייט. באַהיט זאָל מען ווערן וואָס אַלץ עס קען געשען אין אַזאַ באַנומעניש. דער מענטש ווייסט דאָך נישט וואָס עס טוט זיך מיט אים. טרייסטנדיק בריינדלען האָט לאה געוואָלט פאַרטומלען איר אייגענעם אומרו, וואָס זי האָט נישט געוואָלט מגלה זיין אַפילו איר מאַן. זי האָט געפּרוּווט דערוויטערן פון זיך אירע חשדים. וואָס ווייטער, זיי זאָלן זיך נישט איבערטראָגן אויף די שטוביקע. זי האָט דעריבער אויסגעמיטן צו קוקן אין דער זייט פון יצחקן און דעם גאַנצן טאָג זיין בליק נישט געזען. אָבער אַפילו ווען זי האָט אַזוי געטון, האָט ענלעכע חשדים געהאַט אַרטאַפּאַנוס. ער האָט זיי נישט מגלה געווען, כדי נישט צו פאַרשאַפן לאהן דעם מינדסטן צער אַפילו.

קאַפּיטל זיבעצן

כּאָטש לייטן האָבן געפּורכטעט, אַז דערוועגן דעם מכשל אין דער חופּה־נאַכט וועט די סגולה־חתונה פון געצלען מיט סערקעלען זיין אַ סגולת־שוא, איז דאָך געשען ווי ייִדן האָבן פריער געגלויבט, אַז עס וועט געשען: עס איז געקומען אַ שינוי גאָר צום גוטן. בעלי אמונה האָבן מיט די פינגער געקענט פילן ווי די השגחה מישט זיך אַריין אין אַלעמען און פירט אַרויס די ייִדנשטאָט פונעם קלעם.

פון דער אַנדערער זייט האָבן די ראַשיקע שינויים ביי דעם און ביי יענעם איבערגעוועקט אינערלעכע ציטערנישן און פּחדים, אַזעלכע וואָס וועקן זיך איבער אין מענטשלעכן הארץ אין טעג פון פולער לקוי חמה. וואָרום געשען איז עס נישט בדרך הטבע:

צום ערשטן ווינטער־יאַריד האָבן זיך קיין לובלין אַראָפּגעלאָזט ייִדישע סוחרים פון אַלע עקן וועלט. זיי האָבן דערציילט, אַז אויף די טערקישע שקלאַפן־מערק זענען געבראַכט געוואָרן טויזנטער געפאַנגענע פּוילישע יידן — מענער, ווייבער און קינדער. דאָס זענען שבויים, וואָס די טאָטערישע האָרדעס האָבן פאַרכאַפּט אין פאָדאָליע און אין וואָלין בעת דעם שטורעם פון די קאָזאַקן. די מערהייט האָבן זיך אַליין איבערגעגעבן אין די הענט פון די טאָטערן, כדי צו ראַטעווען זייער לעבן און זייער אמונה. די ייִדן אין דייטשלאַנד און אין טערקיי קאָרגן נישט קיין געלט אויף פּדיון שבויים, אָבער די באַפרייטע וואַלגערן זיך אַרום נע־ונד און קענען פאַר זיך קיין אָרט נישט געפינען. תּלמידי חכמים און פריערדיקע עשירים זענען געוואָרן צו אביונים, וואָס קלאַפּן אין די טירן נאָך אַ ביסן ברויט און צו זייער פּיין נעמט נישט קיין סוף. צוזאַמען מיט די בשורות האָבן די סוחרים געבראַכט געפּאַקטע וועגן מיט די טייערסטע און איידלסטע סחורות, וואָס לובלינער ייִדן האָבן נישט געקענט משׂיג זיין פון וואַנען עס וועלן קומען קונים פאַר אַזעלכע סחורות, אויב יידישע קהילות זענען חרוב ונחרב געוואָרן און ס׳מלכות איז נאָך דערשיטערט פון דעם קאָזאַקישן אָנגעלויף. און נאָך מער איז געווען נישט משׂיג צו זיין, וואָס די געקומענע האָבן ביי די לובלינער סוחרים געמאַכט גרויסע באַשטעלונגען און צו די געבראַכטע סחורות, וואָס זיי האָבן געלאָזט אויף קרעדיט, האָבן זיי נאָך געגעבן אַדערויפן אין ריינע דוקאַטן. זיי האָבן באַשטעלט אַלץ וואָס לובלין האָט געקענט

ליפערן: דיקע לעדער, שיכוואַרג, רויע פעלן, פּעלצן, היימישן געוואַנד און אַפילו תבואה.

עס זעט אויס, אַז די וואָס געפינען זיך אין טייך זעען בלויז דאָס וואַסער וואָס אַרום זיי, בעת די וואָס שטייען אויפן ברעג זעען דעם גאַנצן טייך. אַזוי האָבן די פרעמדע סוחרים פון דער ווייטנס געקענט זען אַלץ וואָס טוט זיך אין מלכות פּוילן, בעת די ייִדן אין לובלין זענען געווען צעטומלט און געזען בלויז זייערע אייגענע צרות.

די פאַרהאַנדלונגען פונעם נייעם מלך, יאַן קאַזימיר, מיט די קאָזאַקן האָבן זיך פאַרצויגן, אָבער די קאָזאַקן זענען געווען צוריקגעשטויסן צו די גרויסע טייכן פון אוקראַינע. דער מלך גופא האָט נאָך רעכט נישט געפילט דעם טראָן אונטער זיך און ווי פריער זיין ברודער, דער פאַרשטאָרבענער מלך, האָט ער געלאָזט דער שליאַכטע הערשן און זיך ווילגיין. נאָר דאָס מאָל, ווי די שליאַכטע וואָלט פאַר־געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף פון איר הערשאַפט, האָט זי זיך צעהוליעט מער ווי אַלע מאָל און גאָרנישט איז געווען טייער פאַר אירע פאַרגעניגנס.

צו דער סעסיע פון קרוין־געריכט אין לובלין האָט זיך די שליאַכטע אַראָפּ־געלאָזט מיט נאָך גרעסערע פּמליאס ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן. יעדער אַדלמאַן באַזונדער איז אַריין דורך דער שטאָטישער טויער־בריק מיט אַ פּראַכט און גדלות, ווי ער גופא וואָלט געווען דער מלך פון פּוילן און דאָס האָט ער פאַרטריבן די קאָזאַקן פון באַלאַגערונג, און איצט קומט ער אויפמאַנען דעם כבוד פאַרן נצחון. ווי אַלע מאָל האָבן זיי געוואָלט די ייִדישע פרנסים און געפאָדערט די געוויינטלעכע מתנות. כאָטש צוליב דעם וואָס דער קלער איז געשלאָגן געוואָרן און דער אַדל איז געווען אין מיליטערישער גרייטקייט, זענען אויף דער אַגענדע פונעם קרוין־געריכט נישט געווען קיין ייִדישע פּראָצעסן, האָבן די פּאַנעס געפאָדערט זייער געוויינטלעכן שוחד, מיט דער טענה, אַז חזקה איז אַ געזעץ, און ווי די מנהגים זענען איינגעשטעלט געוואָרן פון אַלטע צייטן, אַזוי דאַרף מען זיך פירן. האָט זיך קהל געקלאָגט, אַז די שטאָט איז בדיל־הדל געוואָרן, זי קען אַפילו נישט צאָלן איר צינזש צו דער קרוין. ווי קענען מיר געבן מתנות אין וויין און געווירצן, אויב מיר האָבן נישט גענוג ברויט פאַר די קינדער? זענען די פּאַנעס מסכים געווען אָפּצולייגן דאָס באַקומען די מתנות, אָבער געזאָגט האָבן זיי, אַז זיי זענען נישט געקומען קיין לובלין צו קלאָגן אויף זייערע צעשטערטע גיטער אין פּאָדאָליע און וואָלין. דעם ווינטער וועלן זיי פייערן דעם נצחון איבער די קאָזאַקן. דערום דאַרפן די ייִדישע סוחרים אין לובלין זען, אַז דאָס אַלץ וואָס די שליאַכטע דאַרף, זאָל מען אין שטאָט באַקומען. דאָס האָבן די ייִדן צוגעזאָגט.

אַזוי האָבן זיך די ווייבער פון דער שליאַכטע באַצייטנס דערוווּסט, אַז די סוחרים אין דער ייִדנשטאָט האָבן צו פאַרקויפן אויסגעזוכטע ענגלישע און פראַנצויזישע געוואַנדער און אויך פּערפומען און געווירצן פון ווייטע לענדער. זענען זיי איינציק־ווייז און אויסבאַהאַלטן איינע פון דער אַנדערער אַראָפּ אין דער ייִדנשטאָט צו זען די וואונדער. ווי עס האָט געהערט צום גוטן טאָן פון די אַדללייט, זיך צוהאַלטן די נאָז

ווען מען קומט אַריין אין אַ הויז פון אַ כאַם, אָדער אין הויז פון אַ ייִד, אַזוי האָבן די שליאַכטישע ווייבער זיך געהאַלטן ביי די נעז ווי נאָר זייערע קאַרעטן זענען אַריבער דעם טויער פון דער ייִדנשטאָט. נאָר ווען זיי האָבן אין די קאַמערן פון די ייִדישע סוחרים דערזען די גלוסטיקע פאַרבן פון די סאַמעט־געוואַנדער און די שעמעריר־גליענינש פון די זיידן־שטיקער, האָבן זיי אַפילו די מיילער געעפנט. זיי האָבן זיך נישט געקענט געבוג אַנזעטיקן דערמיט וואָס זייערע אויגן האָבן געזען און זייערע איידעלע נעז זענען צעקיצלט און צערייצט געוואָרן פון די זעלטענע פּערפומען־ריחות.

„האָט שוין די פּאָטאָצקאַ געזען אָט דעם אַטלאַס" — האָט די ליכטיקע מאַדאַם פּאַניאַטאָווסקאַ געוואָלט וויסן — „זאָל מיר דער אַלטגלייביקער געבן דאָס גאַנצע שטיקל, עס זאָל גאָרנישט אַריינפאַלן אין די הענט פון אָט דער געשמאַקלאָזער פּרוי. זי קען זיך דאָך נישט אָנטון... אָ, יעזו כריסטע, זי וועט נאָך אַמאָל קומען אויף אַ באַל אין איר מאַנס שטיוול".

אַזוי האָט זיך אויך די ליכטיקע מאַדאַם פּאָטאָצקאַ באַוואָרנט קעגן „דער־אָ אויפגעקומענער באַרטשינסקאַ", גאָרנישט פון דעם רויטן סאַמעט זאָל אַריינפאַלן אין אירע הענט.

דער וואָיעוואָדע האָט צו זיך אַרויסגערופן דעם סוחר, ביי וועלכן זיין ווייב האָט איינגעהאַנדלט פּערפום, און האָט אים פאַרזאָגט „פּאָד חרם", ער זאָל קיינעם פון די שליאַכטישע פּרויען נישט פאַרקויפן פון דעם זעלבן פּערפום ביז נאָך די ווייַנאַכטן. אויף דעם באַל וואָס ער אָרדנט איין, דאַרף נאָר זיין ווייב צעטראָגן דעם עקזאָטישן ריח.

די ליכטיקע מאַדאַם פּאַניאַטאָווסקאַ, וואָס איז דערוויל געוועזן צו גאַסט ביים ווייב פונעם וואָיעוואָדע און דערפילט איר פּערפום־ריח, האָט זיך נישט געקענט באַרויקן. זי איז אויסגעוועזן ביי אַלע סוחרים אין דער ייִדנשטאָט און אויסגעשמעקט אַלע פּערפום־קריגעלעך ביז זי איז אַוועק מיט קאַפּוויטיק און דעם זעלבן פּערפום אַפילו פאַר נייע גאָלדענע רענדלעך נישט געקענט באַקומען. אויף צו מאָרגנס נאָך דעם באַל ביים וואָיעוואָדע, איז צו דער מאַדאַם פּאַניאַטאָווסקאַ געקומען דער פּערפום־סוחר און איר פאַרטרויט, אַז ער האָט נאָר וואָס, מיט אַן עקסטראַ פּאָסט־שליח, באַקומען דעם פּערפום גלייך פון ווענעדיק. די פעל פונעם פערד איז נאָך אַפילו נאַס פון דעם שווייס — אַזוי האָט דער שליח געאיילט. מאַדאַם פּאַניאַטאָווסקאַ איז געפאַלן אין חלשות, הלמאי דער שליח האָט זיך פאַרשפּעטיקט מיט איין נאַכט און אויסגעדריקט איר גרייטקייט, אַז זי וואָלט אים אַליין געשמיסן דערפאַר. האָט דער ייִדישער סוחר געטרייסט די גנעדיקע מאַדאַם, אַז דער פּוילישער ווינטער איז לאַנג, די צייט פון די בעלער אין לובלין האָט זיך ערשט געשטעלט און דאָס ווייב פונעם וואָיעוואָדע האָט געקויפט נישט מער ווי אַ האַלב מעסטל פונעם פּערפום. די ליכטיקע מאַדאַם פּאַניאַטאָווסקאַ האָט אין איר חסד באַוויליקט מודה צו זיין, אַז דער סוחר האָט נישט נאָר גוטן פּערפום, נאָר ער האָט אויך אַ ייִדישן קאָפּ אויפן האַלדז.

„זי ווייסט דאָך אָפּילו נישט ווי מען באַגייט זיך מיט פּערפומס״, האָט מאַדאַם פּאַניאַטאָווסקאַ אָפּגעחוזקט פונעם וואַיעוואָדעס ווייב, „זי פּערפומירט דאָס פּנים און זי ווייסט אָפּילו נישט, אַז מען דאַרף פּערפומירן די זוים פונעם קלייד״.

דער סוחר פון דער ייִדנשטאָט האָט באַוווּנדערט דעם גערעכטן צאָרן פון מאַדאַם פּאַניאַטאָווסקאַ. זייט ער לעבט האָט ער נאָך אַזאַ זאַך ווי פּערפומירן דאָס פּנים, אַנשטאָט די זוים פון קלייד, נישט געהערט. זי האָט פונעם בוזעם אַרויסגענומען אַן אויסגעוואַרעמט זעקעלע און מיט גאָלד־מטבעות באַצאָלט פאַרן גאַנצן קריגעלע פּערפומס.

אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז, ביסלעכווייז אָפּגעטון די נויט פון דער ייִדנשטאָט. דער האַנדל האָט זיך צעוויגט. פון די ייִדישע געסלעך האָט זיך ווידער געטראָגן דאָס געזאַנג פון געזעלן — יעדער וועדליק זיין אַרבעט און זיין געמיט. ווי אַלע מאָל האָבן צום פּייערלעכסטן געזונגען די שניידער־יונגען. די פליישיקע שטיקער סאַמעט און דער איידעלער זייד אונטער זייערע נאָדלען, האָבן זיי געהאַלטן אין די מחשבות וועגן חתונות, חופּה־נעכט און שאַרפן אונגאַרישן וויין מיט שטיקער זיסן געבעקס, וואָס מען באַקומט ביים אָפּברענגען די פאַרטיקע מלבושים. אויך די שוסטער, וואַלצער און וועבער האָבן געזונגען, כאָטש זיי האָבן זיך נישט געקענט גלייכן צו די אייער־אויסגעשמירטע העלדזער פון די שניידער־געזעלן. אַפילו די גאָלדשמידן, וואָס פון תמיד אָן זענען זיי באַקאַנט געווען ווי שטומע זינגער, נישט אַרויסגעבראַכט קיין ברעקל ניגון ביי דער אַרבעט, האָבן אין די נייע צייטן אונטערגעבאָמקעט און טשירי־טשיריבאָמקעט אין גרויס פאַרטועכקייט.

כאָטש די הערצער זענען געווען פאַרקלעמט פון דעם וואָס מען האָט זיך אָנגעהערט וועגן די פיל צרות פון ייִדן וואָס זייערע קהילות זענען אויסקאָרנייעט געוואָרן — זענען אין לובלין ווידער געווען חתונות און בריתן, ווי עס איז דער שטייגער פון דער וועלט.

אין לובלין האָט זיך אויך געשטעלט דער ייִדישער סיים, וואָס צו אים זענען אין קאַרעטן און אין בוידן, זיך צוזאַמענגעפאָרן רבנים, פּרנסים און דיינים. מיט יעדן פון די חשובע לייט זענען מיטגעקומען סופרים, גבאים און שמשים. וואָרום אַ שווערע צייט איז עס געווען. אויסער שתדלנות ביים מלך, ער זאָל אַנטקעגן קומען פון וועגן די קרוין־שטייערן פון די פאַראָרעמטע קהילות, האָט מען געדאַרפט איינשטעלן אַ תענית און באַשטימען קינות אויף צו באַקלאָגן דעם גרויסן חורבן, וואָס אַזאַ איז נישט געווען זייט חורבן בית שני.

און אַז די וועלט האָט געהערט, אַז לובלין, די שטאָט פון תלמידי חכמים און בעלי צדקה, איז צוריק אויפגעריכט געוואָרן און דער ועד ארבע ארצות וועט דאָרט זיצן וואָכן לאַנג, זענען פון אַלע עקן פון דער מלוכה אָנגעקומען מגידים און קבצנים מדינה־גייער. ווי פייגל וואַנדערן איבער פון אָרט צו אָרט און דאָרט ווו זיי שטעלן זיך אָפּ איז אַ סימן, אַז זיי האָבן זייער אויסקומעניש, אַזוי איז דאָס אָנקומען פון מדינה־גייער אין אַ ייִדישער שטאָט אַ סימן, אַז די קהילה קען בעזרת השם געבן צדקה און אַ נאַכטלעגער. האָבן זיך פון ווייטע און נאָענטע מקומות אויך אַראָפּגעלאָזט

יידן מיט זייערע תלמוד־תורה ייִנגלעך, זיי איבערצולאָזן אין דער לובלינער ישיבה, און אין איין וועגס שליסן שידוכים.

אין יענער צייט, ווען עס האָט זיך געשטעלט דער יידישער סיים, איז פון פּאַדוּא אַהיימגעקומען אַרטאַפּאַנוסעס עלטסטער זון. העכער אַ יאָר האָט ער שוין געהאַט זיין מעדיצינישן דאָקטאָראַט און אַרטאַפּאַנוס האָט אים אַהיימגעאײַלט, ער זאָל זיין אויף דער חתונה פון שבתאי. זייט דער צייט ווי לאה איז מיט די קינדער געווען אין קאַליש, האָבן דאַרטיקע שדכנים אַנגעהויבן אויסטרעטן די שוועל פון אַרטאַ־פּאַנוסעס הויז. די חשובסטע לייט פון דער שטאָט האָבן זיך געקוואַפּעט אויף די איידעלע קינדער פון דעם לובלינער דאָקטאָר. ווי עס איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז בלי נדר, ווי נאָר די צייט וועט ווערן רויִק, וועט דער מחותן ר׳ יצחק דער פּרנס, פאַרבעטן אַרטאַפּאַנוסן און לאהן צו גאַסט קיין קאַליש, אַזוי איז געשען. נאָר דאָס פאַרבעטן איז אויסגעפאַלן אַ סך פריער. בתיה איז געלעגן געוואָרן מיט אַ צווילינג און געבוירן צוויי זין, האָט דער מחותן מיט אַן עקסטראַ פּאָסט געלאָזט אָנזאָגן אַרטאַפּאַנוסן, ער און לאה זאָלן גלייך קומען צום דאָפּלטן ברית. ביי דער געלעגנהייט האָט אַרטאַפּאַנוס פאַרקנסט ביידע, סיי שבתאין און סיי מרימען, די ייִנגערע טאָכטער. ר׳ יצחק דער פּרנס האָט פאַרהאַלטן שבתאין אין זיין אייגענער פאַמיליע און מרים איז פאַרקנסט געוואָרן צום בכור פונעם לענטשיצער רב.

אַזוי האָבן זיך אין הויז פון אַרטאַפּאַנוסן געשטעלט שמחות און ער האָט געאײַלט, שכנא זאָל אַהיימקומען, ער זאָל נישט אָפּגעפרעמדט ווערן פון דער משפּחה.

שכנא האָט צוריקגעקערט קיין לובלין מיט אַ רייך פאַרמעגן פון וויסן און גרויס־וועלטישקייט. אויסער דעם וואָס זיין דאָקטאָרישער דיפּלאָם איז געווען באַגלייט מיט באַזונדערע שבחים, איז ער געווען אויסגעקענט אין די נייע וויסנשאַפטן פון גאַלילעאָ גאַליליי און יאָהאַן קעפּלער און ער האָט גערעדט פליסיק לאַטיין און איטאַליעניש.

אין די ערשטע טעג, נאָכן אָפּפרייען זיך מיט די עלטערן, האָט ער זיך דערפילט ווי ער וואָלט אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ פינצטערן העק. הגם אין די עלטערנס הויז איז געווען ערב שמחות, האָט זיך אין דעם הויז אָפּגעשלאָגן דער צער און קלעמעניש פון דעם יידישן חורבן. שליחים פון ווייטע שטעט און שטעטלעך, וואָס זענען אַרומגעפאָרן קלייבן געלט פאַר די קרבנות פון די קאָזאַקישע שחיטות, האָבן דערציילט וועגן די טויזנטער יתומים, וואָס זענען געבליבן אָן השגחה, וועגן עגונות, וואָס וויינען אויס זייערע אויגן אויף דער בראָך פון עגונישקייט און וועגן דעם הונגער, וואָס עס ליידן די לעבנגעבליבענע. אויסער די שליחים האָט זיך די טיר פון הויז גאַנצע טעג נישט פאַרמאַכט פאַר די מדינה־גייער, וואָס ביים בעטן אַ נדבה האָט יעדער איינער אויסדערציילט ווי אַזוי די קאָזאַקן האָבן אַרומגעשניטן זייערע משפּחות, ווי מען שניידט אַרום אַ בוים. שכנאן האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע לעבנ־געבליבענע יידן אין פּוילן זענען געוואָרן בעטלער. אויך לובלין אַליין איז געוואָרן בעטלעריש. ווי די שטאָט וואָלט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און אויסגעשטרעקט די האַנט, איז אַלץ דאָ געוואָרן קלענער און נעבעכדיק. קיין זכר פון דער שטאָט, ווי

ער האָט זי געדענקט, איז נישט געבליבן. און דער פּאָטער זאָגט, אַז די שטאָט איז שוין געקומען צו זיך נאָך דעם אומגליק... ווי אַזוי וועט ער דאָ לעבן אויב דער פּאָטער זאָל באַשטיין ער זאָל בלייבן אין פּוילן?

אַרטאַפּאַנוס האָט טאַקע באַלד פון אָנהייב געמאַכט פּלענער פאַר זיין זון. זאָל ער זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ יעדע מחשבה וועגן צוריקפאָרן קיין אויסלאַנד. נו וואָס, אַז פאַר דאָקטוירים שטייען דאָרט אָפן די קעניגלעכע און פירשטלעכע פּאַלאַצן? אַ פּוילישער געבילדעטער ייִד דאַרף בלייבן אין פּוילן. דאָס איז דאָס לאַנד פון יידישער חכמה און לומדות, דאַרף יעדער געלערנטער ייִד צוגיסן זיין טראָפּן חכמה. בפרט נאָך דעם גרויסן אומגליק. זאָגן נישט תלמידי חכמים, אַז פּוילן מאַכט „פּה־לן־יה״, דאָ רוט גאָט?! אומעטום און אין אַלע לענדער שטייען ייִדן אויס צרות צרורות, אָבער אין ערגעץ זענען זיי נישט געוואָרן אַזוי שטאַרק ווי אַ פּאָלק ווי דאָ, אין פּוילן. די בעלי־קבלה זעען אין דעם חורבן דאָס דערנעענטערן זיך פון משיחס צייטן. אָפילו אין דעם נאָמען פון העטמאַן כמיעלניצקי זעען זיי די ראשי תיבות פון חבלי משיח יבוא לעולם. אויב משיח וועט קומען — וועלן ייִדן צוריקקערן קיין ארץ־ישראל פון אומעטום און אויך פון פּוילן, נאָר טאָמער נישט — דאַרפן ייִדן בלייבן אין פּוילן און מערן ייִדישע חכמה און וויסן.

אויס דרך ארץ פאַרן פּאָטער האָט שכנא נישט צוריקגעענטפערט. אויך ער איז אַ פּוילישער פּאַטריאָט. בעת די וויכוחים מיט סטודענטן אין פּאַדוער אוניווערסיטעט, האָט ער געצאָרנט ווען עמעצער האָט אויף פּוילן געזאָגט, אַז זי איז אַ באַרבאַרישע מלוכה. ער האָט אויך געזען שיינקייטן אין פּוילישן פאָלק: ברייטהאַרציקייט, גאַסט־פריינטלעכקייט און האָט ליב אָפּצולאַכן פון אייגענע שוואַכקייטן און האָט פיינט זיין אייגענעם קלער, ווי קיין שום אַנדער אומה אין אייראָפּע. ווי אַ קינד פלעגט ער דעם אָנקומענדיקן שבת צום ערשט זען אויפן פּוילישן הימל, איידער ער איז אַראָפּגעקומען אויף דער ערד, דעם חודש אלול האָט מען נישט געדאַרפט געדענקען. דער טריבער הימל, די סומנע פעלדער און דער אומעטיקער פלוס פון דער ביסטזשיצע האָבן מבשר געווען דעם אָנקום פון ימים נוראים. אָבער בעתן אַריבערפאָרן די פּוילישע גרענעץ, נאָך דעם ווי ער האָט פאַרנומען די שמועות דערוועגן דעם חורבן פון ייִדישע קהילות, איז דער פּוילישער הימל פאַר אים געווען פינצטער און דראָענדיק. ער האָט דעם ייִדישן הימל איבער פּוילן נישט מער געזען.

ער האָט וועגן דעם מיט קיינעם נישט גערעדט. דער פּאָטער האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז דאָס מענטשלעכע וואָרט האָט אַן אומפאַרגעגלעכן כוח אין עכאָס, וואָס אָפילו דאָס מענטשלעכע אויער פאַרנעמט זיי נישט, שלאָגן זיי זיך אָן אין מענטשלעכע הערצער און ווירקן לעולם ועד. פאַרשטייט דען עמעצער פאַרוואָס ער איז אָן אַ סיבה איין מאָל האָפערדיק, אַז ער נעמט אַרום מיט זיינע אָרעמס די הימלען. און אַ צווייט מאָל איז ער אָן אַ סיבה פאַרקלעמט? דאָס שלאָגן זיך אָפּ אינעם אויער פון זיין נשמה די עכאָס פון די ווערטער פון פרייד און טרויער, וואָס הויערן אַרום איבער דער וועלט. בפרט איז דער כוח פונעם וואָרט שטאַרק, ווען ס׳איז געזאָגט פון מויל צו אויער. דאַרף מען זיך היטן מיט ווערטער מער ווי

מ׳ט פייער. אין פאַטערס הויז איז ערב שׂמחות. די מוטער גייט אַרום אַ צעגליטע, ווי מיטן אויסגעבן מרימען און שבתאין וואָלט זי אַליין באַשאַפן וועלטן. וועט ער מיר זיינע ווערטער וועגן פינצטערן און דראָענדיקן פוילישן הימל נישט צעשטערן די אוירה פון שׂמחות אין זיינע עלטערנס הויז.

בלויז איין איינציק מאָל, ווען ער איז געווען אַליין מיט יצחקן, האָט ער דעם ברודער געפרעגט, הלמאי ער איז געבליבן נעבן דער מוטערס פּאַרטעך אין לובלין. ער האָט עס געפרעגט אין גוטן מיין, אָבער באַלד האָט ער איינגעזען, אַז דער ברודער האָט זיינע ווערטער אָנגענומען ווי אַ שטאָך. יצחק האָט זיך געפילט אַביסל דער־דריקט פון זיין עלטערן ברודער. מיט זיין פרייער און עלעגאַנטער האַלטונג האָט שבנא אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי ער וואָלט געקומען פון אַ וועלט ווו מענטשן האָבן פליגל. זיין רעדן איז פריי, פליסיק און שפּילעוודיק, ווי צווישן די ווערטער וואָלט געבלאָזן אַ פרישער ווינט, אַזאַ ווי עס פּילט אַ פויגל אונטער זיינע פליגל בעתן פליען. ער האָט באַקענט מענטשן פון אַנדערע פעלקער און זייער שטייגער, און עס דאַכט זיך, אַז ער האָט פון יעדן גענומען דאָס גוטע און זיך עס צוגעאייגנט. ער איז רייך, רייך — מער ווי מען איז רייך מיט געלט און חפצים. און ער, יצחק, איז ווי אַ פויגל, וואָס די פליגל זענען אים געליימט געוואָרן: ער קוקט און בענקט צו די הויכן, מיטן האַרץ רייסט ער זיך צו די הימלען, נאָר אָפּרייסן זיך פון דער ערד קאָן ער נישט. יצחק, הגם ער איז געווען עלטער פון שבתאי, האָט נישט געטראַכט וועגן אַ שידוך. עס איז אים אַפילו שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז אין איינעם אַ טאָג וועט עמעצער קומען צו זיין פאָטער און שמועסן וועגן דעם, אַז ער, יצחק, זאָל חתונה האָבן מיט זיין טאָכטער. אפשר איז דאָס שוין אַפילו געשען, נאָר ער ווייסט נישט וועגן דעם? דער פאָטער באַהאַלט דאָס פון אים. פאַרוואָס, אייגנטלעך, פאַרקויפט מען נישט פּרויען אויף די מערק, ווי שטיוול און פעלצן, יעדער זאָל פאַר זיך קאָנען אויסקלייבן וואָס אים געפעלט? ניין. ער שטעלט זיך עס נישט פאָר. פון מאָל צו מאָל, ווען ער איז אויפמערקזאַם געוואָרן אויף דער רייצנדיקייט פון אַ פאַרבייגייענדיקער יונגער פרוי, פלעגט אים איינפאַלן: „די פרוי וואָלט איך פאַרכאַפּט און אַנטלאָפן מיט איר. איך וואָלט איר ערשטע שרעק גלאָעשן מיט מיין אָטעם און זי וואָלט מיך ליב באַקומען — מיר וואָלטן זיך ליב געהאַט". די מחשבה האָט אים געבריט. דאָס בלוט איז אים הייס געוואָרן און ער האָט זיך אַליין איינ־געלאָעשן: דמיונות! יצחק האָט ווייטער געלערנט אין דער ישיבה. די מוטער האָט געוואָלט, ער זאָל ווערן רב, נאָר דער קאָפּ איז אים נישט געווען אין לערנען. ווען בחורים אין דער ישיבה זענען געווען פאַרטון אין פּלפּול און איינער האָט איבער־געשריגן דעם צווייטן מיט פשטלעך און ראיות, איז ער געווען אַריינגעטון דורך דער שויב אין אַ שווימענדיק וואָלקנדל אויפן הימל, אינעם פלי פון אַ פויגל, אָדער אין דעם פאַלן פון שניי־פליטערלעך? צי זענען די וואָלקנדלעך — שיפלעך מיט שניי, וואָס ווען אויפן אָקעאַן פון הימל ברעכט אויס אַ שטורעם, קערן זיך איבער די שיפלעך און דער שניי שיט זיך אַראָפּ אויף דער ערד? ווי טיף זענען די סודות פון דער וועלט און ווי אָרעם זענען די כוחות פונעם מענטש די סודות צו דערגריין.

„וואָס האָסטו געפּרעגט? הלמאי איך בין געבליבן ביי דער מאַמעס פּאַרטעך אין לובלין?", האָט ער אַ גערייצטער איבערגעפרעגט זיין עלטערן ברודער. „איך בין נישט געבליבן ביי דער מאַמעס פּאַרטעך, נאָר געבליבן אין לובלין. אַ פויגל קען אַריבערפליען איבער ימים אין ווייטע לענדער; ווער עס האָט נישט קיין פליגל איז געגליכן צו אַ שלעפּ־חיה, וואָס באַוועגט זיך אין דעם שטח אין וועלכן זי איז געבוירן געוואָרן. איך בין געגאַנגען און צוריקגעקומען. לובלין בינדט מיך צו מיט עפּעס וואָס איך קען עס נישט אויסדריקן".

„די היים", האָט שכנא געוואָלט טרעפן.

„די היים אין ברייטערן טייטש; אַ היים, פון וועלכער מען גייט נישט אַוועק. לובלין איז אַ שטאָט פון יידן און תורה".

„און וויסן?", האָט שכנא געפרעגט.

„וויסן? תורה איז וויסן. די בעלי גמרא פרעגן אַלץ און ווילן אויך אַלץ פאַר־ענטפערן. זיי לאָזן אויך איבער פאַר דיר צו טראַכטן".

שכנא האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„איך מיין דאָס וויסן, וואָס אַלע געלערנטע אין איירָאָפּע רעדן איצט וועגן דעם. האָסט געהערט וועגן יאָהאַן קעפּלערס פּלאַנעטן־געזעצן? די געלערנטע זאָגן, אַז גאַלילײ און קעפּלער האָבן אויפגעעפנט די טירן צו די סודות פון הימל און ערד. אויף דער ערד און אויף די פּלאַנעטן הערשן אומפאַרענדערטע פיזישע געזעצן. גאָרנישט געשעט צופעליק אָדער כאַאָטיש. ווערדליק דער אומפאַרענדערלעכקייט פון די געזעצן וועט מען ביסלעכווייז זיך דערוויסן נייע זאַכן, וועגן וועלכע מיר האָבן נישט היינט דעם קלענסטן באַגריף. דאָ אין לובלין איז אַלץ געבליבן שטיין. דאָ ווייסט מען נאָך ווייניקער ווי מען האָט אין מערב־איירָאָפּע געוווּסט מיט פינף הונדערט יאָר צוריק, אויסער ווי אַזוי צו הרגענען יידן".

„דאָרט רודפט מען נישט די יידן", האָט יצחק סאַרקאַסטיש געזאָגט, „קענסטו מיר אָנווייזן אַ לאַנד ווו יידן ווערן נישט גערודפט? וועגן וויסן... אַוודאי בין איך נייגעריק צו וויסן... אַזוי פיל סודות רינגלען אונדז אַרום! סודות וואָס זענען מער פאַרבאָרגן אין אונדז ווי אויסער אונדז... האָט עס אַ זין אַריינצודרינגען אין די סודות פון הימל און ערד, איידער מיר האָבן אַנטפּלעקט די סודות, וואָס אין מענטש גופא, אין אונדז?

יצחק האָט געשטעלט די פראַגע, קוקנדיק אויף זיין געלערנטן ברודערס פּנים. שכנאס פּנים איז געוואָרן פאַרשטייפט. דאָס האָט יצחקן צוגעגעבן מוט און ער האָט געזאָגט כלאחר יד:

„איך ווייס נישט, צי עס וועט גוט זיין אויב דער מענטש וועט פריער וויסן די סודות פון דער וועלט, איידער ער קען זיך אַליין... האָסט געזען וואָס אַלץ עס טוען האַלב־ווילדע מענטשן, וואָס מען האָט זיי געגעבן ביקסן מיט פולווער אין די הענט? טאָמער וועט דער מענטש מיט זיין וויסן דערגריין צו אַ געווער וואָס וועט מיט איין מאָל קענען אויסהרגענען טויזנט מענטשן, צי וועט די וועלט נישט אומגעבראַכט ווערן דורך מענטשן גופא?... גאָט האָט געשווירן, אַז ער וועט מער נישט ברענגען

אַ מבול אויף דער וועלט, צי וועלן מענטשן מיט זייער וויסן נישט זיין מסוגל מורד צו זיין אין גאָט און אין זיין שבועה און אַליין ברענגען אויף זיך אַ צווייטן, נאָך ערגערן מבול?

שכנא האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ:

„ברודער מיינער, וויסן באַשטעלט מען נישט; דאָס — פריער, דאָס — שפּעטער. וויסן איז אַנטפּלעקונג, אָפּט דורך אַ צופאַל, דורך אַ צופעליקער באַמערקונג, דורך אַן אויספּיר פון אָבסערוואַציע. אַז דער מענטש וועט טיף אַריינדרינגען אין די סודות פון דער וועלט, וועט ער במילא דערגיין אויך די סודות פון זיך גופא".

„מיינסטו, אַז דאָס אַלץ קען געשען דאָרט און דאָ נישט?", האָט יצחק געפרעגט.

שכנא האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף דער נאָז און געזאָגט מיט זיכערקייט:

„זאָלסט וויסן אַ כלל: כאָטש ייִדן זענען אַ פאָלק פונעם ספר און רירן זיך נישט אָנעם ספר, גייען אויך זיי צוריק דאָרט, ווו דאָס פאָלק צווישן וועלכן זיי לעבן, איז אָפּגעשטאַנען. און דאָרט ווו די גויִים גייען פאָרויס — לויפן די ייִדן פאָרויס. דו, ברודער מיינער, וועסט די וועלט נישט איבערמאַכן".

„דאַרפן, וועדליק דיר, די ייִדן אַנטלויפן פון פוילן?", האָט יצחק געפרעגט.

„דאָס וויים איך נישט", האָט שכנא געענטפערט אָן צו טראַכטן. „אַ פאָלק אַנטלויפט נישט איבער נאַכט. פאַר ד י ר איז דאָ נישט דער פּלאַץ".

„דאָ לעבט דאָס ייִדישע פאָלק!", האָט יצחק זיך געוווערט.

„דער פּאַטער", האָט שכנא שטיל באַמערקט, „דורך דיר רעדט אַרויס דער פּאַטער. פאָלק, פאָלק און נאָך אַמאָל פאָלק, ווי דער יחיד וואָלט פאַר זיך גאָרנישט געווען".

„הלוואַי איך זאָל קענען דערגרייכן די מדרגה פונעם פּאַטער", האָט יצחק געזאָגט מיט דרך־ארץ.

ווי תמיד, ווען דער ועד ארבע ארצות האָט אָפּגעהאַלטן זיינע סעסיעס אין לובלין, האָט אויך דאָס מאָל אליעזר אַרטאַפּאַנוס געמאַכט ביי זיך אין הויז אַ סעודה פאַר די חשובסטע צווישן די געקומענע. אויסער דער חזקה, האָט דער דאָקטאָר געהאַט נאָך אַ ציל פאַרן איינאָרדנען די סעודה. ער האָט באַמערקט, אַז שכנא קוקט אויף לובלין פון אויבן אַראָפּ. יונגע מענטשן, ווען זיי באַקומען הויכע בילדונג אין דער פרעמד און וואָס איז נישט צו אָפּט אין זייער סביבה — ווערן פון זייער סביבה אָפּגעפרעמדט. שכנא קוקט דאָ אויף אַלץ קריטיש, ווי ער וואָלט דאָ געווען דער איינציקער געבילדעטער, און ער וועט זיך דאָ קיין אָרט נישט געפינען. דאַרף מען אים צוריק צובינדן צו דער היים, כדי ער זאָל נישט ווערן קיין ווינט אין דער וועלט און ערגעץ־ווו פאַרלוירן גיין.

צו דער סעסיע פון ועד ארבע ארצות, די ערשטע נאָך דעם אומגליק, זענען געקומען די שענסטע לייט פון די ייִדישע קהילות; דער רב פון קראָקע, ר' יומטוב ליפּמאַן, וואָס איז אַמאָל געווען רב אויך אין דעם חרוב געוואָרענעם נעמיראָוו; דער רב און ראש־ישיבה ר' יהושע העשל; די רבנים פון לעמבערג און קאַליש;

דער גענעראַלער סינדיק און שתדלן ביים מלך, מאַרק נעקעל און וואַיעוואָדישע שתדלנים. וואָרום אויסער וואָס דער יידישער סיים האָט געדאַרפט באַשטעטיקן תקנות וועגן איינפירן אַ תענית און נייע סליחות, האָבן צו די רבנים פון גאַנץ פּוילן דערגרייכט די טרערן און תחנונים פון טויזנטער און טויזנטער עגונות פון חרוב געוואָרענע קהילות, וואָס האָבן געבעטן אויסלייזונג פון זייער אומגליק. איז ווער נאָך אַזוי קאָן נעמען אויף זיך, ווי ר׳ יומטוב ליפּמאַן העלער צי ר׳ יהושע העשל? און ווער נאָך קאָן זיך איינשטעלן ביים מלך אַזוי ווי דאָס קען דער פירשטלעכער מאַרק נעקעל, וואָס דער קעניג יאַן קאַזימיר האָט אים געגעבן די פּריווילעגיע צו ווינען אין וואַרשע, און וואָס הערט זיך צו צו זיינע עצות?

ס׳איז געווען אַ פּראַקטיקער פּאַרנאַכט. די גאַסן, די דעכער און אַפילו די שויבן פון די הייזער זענען געווען באַדעקט מיט שניי. די פענצטער פון אליעזר אַרטאַ־פּאַנוסעס הויז זענען געווען באַלויכטן, ווי עס וואָלט געווען חנוכה און דורך די שויבן וואָלטן אַדורכגעלויכטן די חנוכה־ליכטער. פון דער זייט פון דער יידנשטאָט האָבן אויף שליטנס און צופוס געאײַלט די חשובע געסט צו דער סעודה ביים דאָקטאָר אליעזר אַרטאַפּאַנוס. אין דער פּאַרנאַכטיקער טונקלקייט האָט עס אויסגעזען ווי די לייט וואָלטן געאײַלט צו אַ באַל פון דער שליאַכטע — אָנגעטון יום־טובדיק און רייך.

הגם עס איז שוין געווען נאָכן אָננעמען די תקנה, אַז דערוועגן די שחיטות פון די קאָזאַקן און דעם חורבן פון יידישע קהילות זאָלן זיך יידישע ווייבער נישט קליידן אין סאַמעטענע קליידער און זיך נישט באַשלייערן מיט צירונג, האָט אַרטאַ־פּאַנוס מיטן רשות פונעם לובלינער רב באַקומען פון ר׳ יומטוב ליפּמאַן אַ היתר, אַז די ווייבער פון די לובלינער חשובים, וואָס ער האָט פאַרבעטן צו דער סעודה, זאָלן דווקא קומען אין זייער צירונג. און נישט וועדליק איר שטייגער האָט אויך לאה דאָס מאָל זיך אויסגעצירט אין אַ גאָלדענעם דיאַדעם איבער איר קאָפּ־צודעק, מיט אַ גרויסער פירשטלעכער קייט אויף דער ברוסט. זי האָט אָנגעטון די רינגען און שטיין־באַזעצטע בראַסלעטן. פון די אויערן זענען איר אַראָפּגעהאָנגען לאַנגע און איידעלע אויעררינגען, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט קרענצלעך שמאַראַגד־טרויבן.

ווי פאַר די מאַנצבילן זענען געגרייט געוואָרן די טישן אין גרויסן סאַלאָן, אַזוי איז אין אַ דערנעבנדיקער גרויסער קאַמער געגרייט געוואָרן באַזונדער דער טיש פאַר די ווייבער. דאָ און דאָרט זענען, אויסער אַלע אָנגעצונדענע לאָמפּן, די טישן געווען באַשטעלט מיט זילבערנע קאַנדעלאַבערס, אין וועלכע עס האָבן געברענט אַלע ליכט. מיט דער אויסערגעוויינטלעכער ליכטיקייט האָט אַרטאַפּאַנוס געהאַט אַ כוונה. און נישט נאָר די כוונה מען זאָל בעסער זען, אַז די דערלאַנגטע מאכלים זענען באַשיידענע און נאָר אויף מקיים צו זיין די מצווה פון הכנסת אורחים. ס׳איז נישט געווען די צייט אויף רייכע סעודות. כדי מרמז צו זיין, אַז דאָס הויז איז גרייט מיט אַלעם גוטן און אַז נישט צוליב קמצנות איז די סעודה אַ באַשיידענע, זענען די טישן געווען באַשטעלט מיט גרויסע ערדענע פלעשער טייערע געטראַנקען,

אונגאַרישער וויין, גוט געקעלטערטער מעד, געלייטערטער ספּירט און פּיאָלון־משקה — יעדער זאָל נהנה זיין וועדליק זיין געוווינהייט.

אַז ר׳ יומטוב ליפּמאַן האָט געהערט, אַז אליעזר אַרטאַפּאַנוס האָט אין הויז אַ יונגן דאָקטאָר, נאָר וואָס צוריקגעקומען פון פּאַדואַ, האָט ער שכנאַן אָוועקגעזעצט נעבן זיך. אַליין אויסערלעך אימפּאָזאַנט, אַפּגעהיט אין לבוש און מיט אויסגעאיידלטע מאַנירן, האָט שכנא פאַר אַלעם אויסגעגומען אין זיינע אויגן מיט דער עלעגאַנטער קליידונג און האַלטונג. ר׳ יומטוב ליפּמאַן איז שוין געווען אַ ייִד איבער די זיבעציק, מיט אַ ברייט צעקעמטער זילבער־ווייסער באָרד און פּיאות, אָבער דאָס פּנים זיינס און זיינע אויגן זענען געווען יונג און ווי פון אינעווייניק באַלויכטן. ווי ער וואָלט געווען אין שכנאס גלייכן האָט ער אַריבערגעלייגט זיין אָרעם איבער דעם יונגנמאַנס אַקסל און אַריינקוקנדיק אים אין די אויגן האָט ער געפרעגט:

„נו, וואָס דערציילסטו עפּעס פון דער גרויסער וועלט? ווי יעדער יונגערמאַן ביסטו מסתמא געקומען מיט התפּעלות, פאַרגלייכסט דאָ און דאָרט. הע?״.

ער האָט די אויגן פון שכנאַן נישט אַראָפּגענומען.

שכנא האָט געוווּסט, אַז דער זקן, וואָס האַלט דעם אָרעם איבער זיין אַקסל, איז אַ ייִדישער פירשט, פון די געלערנטסטע און מוטיקסטע רבנים אין דער גאַנצער וועלט, האָט ער מיט אַן אינערלעכן ציטער אָפּגעוואָרט ביז דעם רבס ווערטער וועלן אויסקלינגען און ערשט דעמאָלט האָט ער געענטפערט:

„מיין רבי און האַר, דער כוח צו פ אַ ר ג ל י י כ ן איז די מאָס פון דעם גייסט פון זאַכן, וואָס מיר זעען נישט. איז זי נישט?״.

„אַה־אַה!״, האָט ר׳ יומטוב אויסגערופן, „לובלינער חריפות אין פּאַדוער רפואה! וויפל יאָר האָסטו געלערנט אין דער ישיבה?״.

„אַכט זמנים, מיין האַר״.

„דאָס וואָס איך האָב געזאָגט: חריפות״, איז דער רב געווען צופרידן, „אויך אין רפואה דאַרף מען זיין אַ חריף. ביסטו עס מיין זון?״.

שכנא האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אָנגעטראָפן מיט זיין פאָטערס בליק. ביידע, פאָטער און זון, האָבן זיך אויסגעטוישט מיט קינדערשע שמייכלען. ער האָט געענטפערט אַביסל אין פאַרלעגנהייט:

„איך קען נישט משפּטן, רבי; פאַר זיך גופא איז יעדער מענטש אַן אונטער־געקויפטער שופט״.

ר׳ יומטוב האָט אַראָפּגענומען דעם אָרעם פון שכנאס אַקסל, אַ גלעט געטון די ברייט־צעקעמטע באָרד און הלצהדיק זיך געוואָנדן צו ר׳ יהושע העשל, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן אים, פון דער צווייטער זייט טיש:

„וואָס זאָגט איר, ר׳ יהושע, איז דאָס אַ שאלה אָדער אַ פּסק?״.

ר׳ יהושע העשלס פּנים איז געווען צעשטראַלט. זיינע ליכטיקע לומדישע אויגן אונטער דעם גרויסן רונדיקן שטערן האָבן זיך צעשפּילט. נישט ווייסנדיק וועגן דעם, האָט שכנאס ענטפער, אַז „פאַר זיך גופא איז יעדער מענטש אַן אונטערגעקויפטער שופט״, אַריינגעטראָפן אין דער טענה פון ר׳ יהושע העשל אין דעם סכסוך פון

ר׳ יומטוב מיט די רבנים. דער קראָקעווער רב האָט אין זיין שווערן קאַמף קעגן דעם האַנדל מיט כסא־רבנות און דעריבער אויך קעגן דער עם־הארצות פון אַזעלכע רבנים, זיך איינגעקויפט אַ סך שונאים. דער מוטיקער ר׳ יומטוב, וואָס האָט געזוכט שותפים פאַר זיין קאַמף צווישן די פּוילישע תלמידי חכמים, האָט זיך ווענגן דעם געהאַט געוואַנדן צו ר׳ יהושע העשל און ער האָט אים געענטפערט, אַז אַפילו ער איז גערעכט, דאַרף ער נישט זיין קיין שופט יחיד, וואָרום אַ שופט יחיד אָן עדות קאָן אַמאָל נכשל ווערן מיט דעם שוחד פון צופיל שטעלן אויף זיך... ר׳ יומטוב האָט געשטעלט אויף זיך און אָנגעשריבן צו ר׳ יהושע, אַז אויב דאָס שטעלן אויף זיך איז שוחד, וועט ער זיך אין דעם הייליקן ענין פון אויסוואָרצלען דאָס בייז זיך משחיד זיין ביזן סוף...

ר׳ יומטוב האָט נישט געוואָרט אויפן ענטפער פון ר׳ יהושע, נאָר אַרויפ־לייגנדיק די האַנט אויף שכנאס קאָפּ, געזאָגט מיט פסקנות:

„אויב דו פילסט דעם כוח אין זיך — שטעל אויף זיך און משפט! אַ מענטש דאַרף זיך דערהייבן צו דער מדרגה, ער זאָל קענען זיין דער שופט פון זיך גופא און דעמאָלט וועט ער אויך זיין אַ שופט צדק פאַר אַנדערע״.

אליעזר אַרטאַפּאַנוס, וואָס האָט נישט אויסבאַהאַלטן זיין שטאָלץ, אַז זיין זון האָט גורם געווען דעם וויכוח, האָט אַריינגעוואָרפן:

„מיין שכנא — אַזוי האָב איך בעזרת השם דערצויגן אַלע מיינע קינדער — האָט נישט די מידה צו זיין אַ שופט, נאָר אַן עוזר. הלוואי ער זאָל עס קענען זיין, ווי איך פאַרשטיי עס״.

„ווי דער פאָטער!״, האָט אויסגערופן ר׳ יהושע העשל.

אליעזר אַרטאַפּאַנוס האָט זיך פאַרנייגט פאַר דעם זקן.

„יעדער מענטש אין אַ שופט אין זיין אומנות״, האָט ר׳ יומטוב ליפּמאַן געזאָגט מיט היץ. „אַפילו דער טעפּער איז אַ שופט. ער משפט דאָס ליים, צי עס איז גוט צי עס איז שלעכט פאַר דער כלי, וואָס ער וויל דערפון אַרויסבאַקומען. אַ רופא איז דער שופט פונעם קראַנקן גוף און אָפט שטראָפט ער דעם חולה, פאַרוואָס ער האָט דאָס נישט געטון און יענץ נישט געטון. יעדער בעל־אומנות איז אַ שופט און ער איז אַ גוטער שופט, ווען ער קען זיך אַליין משפטן. און איר, ר׳ יהושע, צי משפט איר נישט האַרב אייערע תלמידים?״, האָט ר׳ יומטוב אויסגעשטרעקטביידע הענט איבערן טיש, „צי וועט איר אונטערשרייבן אַ כתב הוראה אַפילו פאַר אַ ווילערנער, אויב איר וועט אייַנזען, אַז ער האָט נישט אַנדערע מידות טובות, וואָס אַ רב בישׂראל דאַרף האָבן?״.

ר׳ יהושע העשל האָט אַ מאַך געטון מיט אַ ווייסער ווייכער האַנט:

„דער קראָקעווער רב פירט מלחמה מיט אַ שאַרפער שווערד. אַז ער איז אַרויס מיט נצחון פון דער מלחמה מיטן ביימישן מלכות, ווי קען **איך** זיך מיט אים אַן עצה געבן?״.

ר׳ יומטוב ליפּמאַן האָט זיך אויסגעגלייכט. ער האָט ליב געהאַט, ווען עמעצער האָט אים דערמאָנט יענע תקופה, ווען ער איז געווען רב אין פּראָג און זיך נישט

געבויגן פאַר מלכות, ווען ס׳האָט אויף יעדער ייִדישער קהילה אַרויפגעלייגט אַ צו שטאַרקן מלחמה־שטייער. ער האָט פאַר דעם באַצאָלט אַ שטראָף פון צען טויזנט טאָלער און געזעסן פערציק טעג אין דער פּראָגער תּפיסה, אָבער זאָגן פלעגט ער דערויף: אויב די קריסטלעכע פעלקער האָבן זיך דרייסיק יאָר געשאָכטן אין מלחמות, צי ווילן זיי אויך שעכטן די ייִדן, וואָס האָסן מלחמה? איז שוין בעסער וואָס איך אַליין בין בדיל הדל געוואָרן, איידער די גאַנצע קהילה זאָל האָבן בדיל הדל געוואָרן״.

דער גענעראַלער סינדיק, ר׳ מאַרק נעקעל, וואָס איז געזעסן פּירשטלעך און זיך צוגעהערט צום וויכּוח צווישן די צוויי רבנים, האָט מיט קיין צייכן אויף זיין פּנים נישט געגנומען שטעלונג נישט צו דעם, וואָס עס האָט געזאָגט ר׳ יומטוב און נישט צו דעם, וואָס עס האָט געזאָגט ר׳ יהושע. ער האָט ביידע געהאַלטן פאַר גרויסע לייט, אָבער אויך פאַר אומפּראַקטישע מענטשן. וועדליק זיין חשבון האָט דער קראָקעווער רב פאַרשפּילט אַלע זיינע מלחמות. דער ביימישער מלך, וואָס האָט אַרויפגעלייגט אויף זיינע ייִדן דעם קריגשטייער פערציק טויזנט טאָלער, האָט דעם גאַנצן שטייער סיי ווי אַרויסבאַקומען און נאָך צוגענומען ר׳ יומטובס גאַנץ פאַרמעגן, געהאַלטן אים אין תּפיסה און צום סוף פאַרטריבן אים פון פּראָג. אין מלכות פּוילן האָט ער געפירט מלחמה קעגן דעם שטייגער פון קויפן כּסא רבנות, האָט ער נאָר דערפירט צו דעם, אַז דער פּרייז פאַר כּסא רבנות איז טייערער געוואָרן. ר׳ יומטוב ווייסט זיכער ווי רעדן מיט גאָט, אָבער ער האָט נישט דאָס לשון ווי צו רעדן מיט ערדיש מלכות...
אַ זאַטער מלך איז זעלטן אין כּעס; אַ הונגעריקער טראַכט אויפצופרעסן דריי מאָל אַזויפיל וויפל ער קאָן פאַרדייען און ער איז גרייט אויפצועסן אַלע, וואָס קומען אים אונטער דער האַנט... קיין שום ייִד האָט ביז איצט נישט געטאָרט וווינען אין וואַרשע; ער, נעקעל, וווינט איצט אין וואַרשע נישט ווייט פונעם מלכס פּאַלאַץ, און בעזרת השם וועט דער מלך אויך אַריינלאָזן אַנדערע ייִדן... נאָר נישט מיט די דרכים פון די רבנים... זאָג דעם פּאַן, וואָס ער וויל הערן און אַזוי אַרום וועסטו מאַכן ער זאָל הערן וואָס דו ווילסט אים זאָגן... נאָר נישט מיט די דרכים פון רבנים... ער, מאַרק נעקעל, פאַרשטייט קוים וואָס די רבנים רעדן, ער קען נישט דעם פּירוש המילים פון זייערע פּסוקים, אָבער ווען ער רעדט צום מלך, רופט ער אַרייך, דער האַר, דעם פאָדסקאַרבי און הייסט זיך אים צוהערן צום ייִדס ווערטער...

אַרטאַפאַנוס האָט באַמערקט נעקעלס פאַרטראַכטקייט, ווי ער וואָלט מיט די דמיונות געווען מחוץ זיין הויז, האָט ער אין איין אויגנבליק אויפגעהויבן אַן אָנגע־פילטן זילבערנעם בעכער און אויסגערופן:
„לחיים על כּל ישׂראל!״.

דער וויכּוח האָט געפּלאַצט. די חשובֿע געסט האָבן אויפגעהויבן זייערע בעכערס און געענטפערט:
„לחיים טובים על כּל ישׂראל. אָמן!״.

נישט אָוועקשטעלנדיק דעם בעכער האָט אַרטאַפאַנוס געזאָגט אין דער מינוט פון שטילקייט:

„איצט, מורינו ורבינו, וויל איך זיך פאַרענטפערן, הלמאי איך האָב געבעטן

ביים קראָקעווער רב אַ היתר, די פּרויען פון אונדזער לומדים און חשובים צו פאַרבעטן אין מיין הויז אָנגעקליידט אין זייער צירונג, הגם די רבנים אויף דער אסיפה האָבן געאָסרט, ייִדישע פּרויען זאָלן זיך קליידן אין צירונג אין דער צייט נאָך אונדזער חורבן. היות דער איסור איז אַ האַרבער און דאָס צירונג וועט דערום ליגן באַהאַלטן, צי וועט עס זיין מן הצדק, אַז בעת הונדערטער ייִדישע קהילות שטרעקן אויס זייערע הענט נאָך אַ שטיקל ברויט, זאָל ייִדיש צירונג ליגן באַהאַלטן אָן אַ פּעולה? און ווייל ביי ייִדן איז אַ חזקה דאָס פאַרמעגן צו פאַרזיכערן אויף דריי אופנים, וועל איך מיטן רשות פון די רבנים, וואָס איך האָב די זכיה, זיי זאָלן זיצן ביי מיין טיש, איינטיילן דאָס צירונג פון מיין ווייב אויף דריי אופנים: אַ טייל איבערלאָזן פאַר איר אייגענעם חן, אַ טייל פאַר מיינע טעכטער, זיי זאָלן געדענקען דאָס הויז פון זייער אָפּשטאַם, און דעם דריטן טייל איז מיין ווייב מנדב אויף ברויט און תלמוד תורה פאַר די קהילות, וואָס האָבן געליטן פון די קאָזאַקישע שחיטות".

בעת אָרטאָפּאַנוס האָט גערעדט איז לאה מיט שטילע טריט אַריינגעקומען צו די מאַנצבילן. אַלע ליכטער פון די לאָמפּן און קאַנדעלאַבערס האָבן זיך צעשעמרירט אין די פאַרביקע שליפן פון איר צירונג. ווי פליטערלעך פון אַ רעגנבויגן וואָלטן זיך צעפלאַטערט אין דער שטילקייט, האָבן זיך אַלעמענס אויגן געווענדעט צו דעם קוואַל פונעם פאַרביקן ליכט. פאַררויטלט פון דעם, וואָס די אויגן פון אַזויפיל חשובע מאַנצבילן קוקן אויף איר, האָט זיך לאה מיט איר אויפגעהויבענעם שיינעם קאָפּ דערנענטערט צום טיש און אַ ווײַלע געבליבן שטיין. ווי צו בענטשן שבת־ליכט האָט זי מיט אַ ברייטער באַוועגונג אויפגעהויבן אירע ווייסע שמאָלע הענט, אַראָפּגענומען דעם דיאַדעם פון איר קאָפּ און אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש. דערנאָך האָט זי מיט בײדע הענט דערלאַנגט צום רעכטן אויער, אויסגעטון איין אויערינגל און עס אַוועקגעלייגט נעבן דיאַדעם און אויסגעשטרעקט ביידע הענט צום לינקן אויער. ווען זי האָט אָנגעהויבן דעם קאָפּ אַראָפּצונעמען פון האַלדז די פּירשטלעכע קייט, האָט ר׳ יומטוב ליפּמאַן זיך אויפגעשטעלט און ווי ער וואָלט זיך געוועהרט פאַר עפּעס אויסגערופן:

„ר׳ אליעזרס ווייב, גענוג, גענוג!".

אַלע ביים טיש זענען נאָכגעקומען דעם רוף:

„גענוג! גענוג! ס׳איז דאָך נישט שייך! איר האָט דאָך קינדער, זאָלן לעבן און געזונט זיין".

מאַרק נעקעל האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן טיש און די קייט, וואָס לאה האָט שוין געהאַט אַריבערגעלייגט איבער איר קאָפּ זי אַראָפּצונעמען, צוריק אָנגעטון אויף איר האַלדז.

„גענוג! גענוג! איר האָט שוין געגעבן מער ווי די ווערט פון צען טויזנט גילדן", האָט דער פינאַנץ־מאַן אָפּגעשאַצט.

לאה איז צוריקגעגאַנגען אַ שיכורע. דער עולם ביים טיש האָט באַהאַלטן נאָכגעקוקט איר צוריקגיין, אַ הויכע אין איר שטאָלץ, אַ מאַיעסטעטישע, ווי אַ קעניגין גייט צוריק פון איר טראָן נאָך אַן אַקט פון חסד. אין סאַלאָן איז געוואָרן אַזוי שטיל,

אַז מען האָט געהערט דעם אויפּרייס פון בלעזעלעך לופט אַרום די ברענענדיקע ליכט־קנייטלעך. איינער האָט נישט געקוקט אויפן צווייטן. אַ פּייערלעך פּורכטיקע שטילקייט. אַ ריטש פון אַ שווערער שטול האָט אויפגעריסן די שטילקייט, ווי אַ ספּאַזמאַטיש געשריי. ס'האָט זיך אויפגעשטעלט ר' דוד אויערבאַך און צוזאַמען מיט זיין אימפּעט האָבן זיך אַלע אַנדערע ווי צעוויגט. ער איז אַריבער דעם סאַלאָן און באַלד צוריקגעקומען מיט זיין ווייב. זי איז געווען אַ ברייטע, מאַנצבילישע יידענע, מיט אַן ענערגיש פּנים און קלוגע אויגן, וואָס זאָגן פאַרויס „איך ווייס אַלץ", נאָר נאָך איר מאַן איז זי נאָכגעגאַנגען מיט דרך־ארץ און ווי זי וואָלט זיך איינגעשרומפּן, מען זאָל זען איר מאַן און נישט זי. זי איז געווען באַלייגט מיט איר גאַנץ ירושה־צירונג. אַ געקייטלטער גאָלדענער שילד, ווי אַ שטיק פּאַנצער, נאָר אויסגעזעצט מיט פאַרביקע שטיינער, האָט פאַרדעקט איר ברייטע ברוסט. אויפן הויב האָט זיך גדלותדיק געהאַלטן אַ ציטער־שפּילקע אַרומגעוואַקסן מיט בויגעוודיקע צווייגעלעך, וואָס יעדעס באַזונדער איז געווען פאַרענדיקט מיט אַ דימענט און אויפן שפּיץ פון דער ציטער־שפּילקע — אַ קליין, פינקלדיק שטיינדעלע, וואָס האָט געווונקען ווי אַ שטערנדל אין הימל. אין דעם זעלבן סטיל, וואָס די ציטער־שפּילקע זענען איר פון די אויערן אַראָפּגעהאַנגען אויעררינגען לאַנגע ביז צו די אַקסלען. ר' דוד האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט און זי איז צוגעגאַנגען האַרט צום טיש, פאַרנייגנדיק זיך פאַר די חשובע לייט.

„אַ דריטל אויף ברויט, פּדיון שבויים און תלמוד תורה", האָט ר' דוד שטיל געזאָגט צו זיין ווייב. זי האָט אויפגעהויבן די הענט און אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ אָפּצושפּיליען דעם געקייטלטן ברוסט־שילד, ווי מאַרק נעקעל האָט אויסגערופן:

„ס'איז צופיל! ס'איז מער ווי אַ דריטל!".

„שייך, ס'דאַרף זיין מיט אַ מאָס, חלילה נישט מעז פּנים צו זיין אַנדערע". האָט אים צוגעהאָלפן ר' יומטוב ליפּמאַן.

ר' דודס ווייב האָט נישט געהערט. זי האָט אַראָפּגענומען דעם ברוסט־שילד און אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש:

„דאָס ווינציקערע איז ביי מיר טייערער ווי דאָס מערערע", האָט זי געזאָגט שטיל און מיטביידע הענט באַרירט אירע אויעררינגען. „דאָס איז ירושה־צירונג, נאָך פון מיין באָבען, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן".

„זי איז געווען די טאָכטער פון דעם קרעמעניצער רב, ר' אייזיקל", האָט מפרש געווען ר' יהושע העשעל.

אויפן פּנים פונעם ווייב האָט זיך צעלויכטן די שכינה, די נאָזלעכער האָבן זיך איר אויפגעשטעלט און אירע קלוגע אויגן האָבן זיך האַלב צוגעלענט.

„זי איז געווען מיין באָבע", האָט זי געזאָגט מיט אַ שטילן קול, אָבער אַלע זאָלן הערן, און איז אַוועק אין דער ווייבער־קאַמער מיט שנעלע, מאַנצבילישע טריט.

די שמועה, אַז די ווייבער דאַרפן אַראָפּגעבן פון זיך אַ דריטל פון זייער צירונג, האָט אין דער ווייבער־קאַמער ביי דער און יענער אַרויסגערופן אַ שטיקל בהלה. פון די הענט־געלענקען און פינגער האָבן אָנגעהויבן פאַרשווינדן ווערן, ביי דער

אַ בראַסלעט, ביי יענער אַ רינגל מיט שטיינער. נעכע, דאָס ווייב פון מענדל פּרנס, האָט פּלוצים איבערגעבעטן, אַז זי דאַרף אַראָפּגיין און באַלד קומט זי צוריק. אַ צווייטע האָט געזאָגט, אַז אַ שטיקל געבעקס האָט זיך איר פאַרהאַלטן אין שלונג און זי וויל נישט מטריח זיין לאהן צו דערלאַנגען איר אַביסל וואַסער, זי גייט אַליין אין דער קיך.

דאָס ווייב פון אברהם שכנאן דעם פּרנס איז רויט געוואָרן ווי אַ בוראַק, און בעבלעך שווייס זענען איר אַרויסגעטרעטן אויפן שטערן. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז די אויגן פון אַלע ווייבער זענען אַנגעשטעלט נאָר אויף איר און זי קען אַפילו נישט פאַרדעקן די דימענט־שפּילקע, וואָס שדים האָבן איר, מסתמא, צוגערעדט, אַז דווקא היינט זאָל זי דאָס שטיקל צירונג אָנהענגען אונטער דער פּערל־קאָליע.

אַז מענדל פּרנס איז געגאַנגען אַריינרופן זיין ווייב, האָט ער געמוזט אויף איר וואַרטן. זי איז נאָך נישט געהאַט צוריקגעקומען און ער האָט זיך זייער שלעכט געפילט. ער איז געווען אומרויק און איז גלייך געוואָרן פאַרשוויצט ווי אין דרויסן וואָלט געווען אַ חמימה און נישט אַ ברענענדיקער פראָסט. דאָס ווייב האָט פון דרויסן מיטגעבראַכט קאַלטן ווינט. מענדל האָט נאָך באַוויזן איר אָנצוזאָגן, אַז מען דאַרף אָוועקגעבן אַ דריטל און זי האָט אים אַ ווונק געגעבן, אַז זי ווייסט. „האָסט מיר אַנטדעקט אַמעריקע", האָט זי אַ זיד געטון צווישן די ציין און ביי דער שוועל פון סאַלאָן האָט זי שוין צוריק געהאַט פאַרשנירלט אירע פרומע ליפּעלעך. ביים אַריבערטרעטן די שוועל זענען שוין אויך אירע נאָז־פליגעלעך געווען אויפגעשטעלט און די ברעמען אַרויפגעצויגן אין דער הויך, ווי אַ סימן, אַז זי גייט טון אַ גרויסע מצווה. די פרומע מענער, וואָס האָבן נישט געקוקט אויף איר, האָבן נאָר געזען דעם בראַסלעט און צווי פינגערלעך, וואָס זי לייגט אַוועק אויפן טיש, אָבער אַרטאַ־פּאַנוס האָט יאָ באַמערקט, אַז בלויז אויפן רעכטן אויער הענגט איר אַן אויערינגל; פון לינקן אויער איז דאָס אויערינגל פאַרשוווּנדן.

דערווייל האָט ברײַנדל אין דער קיך פאַרשטאַנען פון דער בהלה פון דעם אָדער פון יענעם ווייב, אַז עפּעס גאָר וויכטיקס קומט דאָ פאָר אינעם הויז. איז זי אַריין אין דער ווייבער־קאַמער, אַ שמעק געטון אין דער און אין יענער ריכטונג, און זי האָט אַלץ געוווּסט. אויף אַ רגע האָט איר אַ גרים געטון מיט אַ פאַראיבל אויף לאהן:

„ב'ווינד איז מיר נעבעך, די האַרינטע האָט מיר גאָרנישט געזאָגט? איך בין טאַקע נישט די אָנגעשטאָפּטע נעכע, איך פאַרמאָג נישט איר מיסט, צי בין איך דעריבער אַ ממזרת, חלילה, אין לובלין?".

זי איז צוריק אַריינגעלאָפן אין קיך און אַראָפּבייגנדיק זיך האָט זי אָנגעהויבן אויפשיילן פון זיך איין קלייד, נאָך אַ קלייד און נאָך אַ קלייד, ווי זי וואָלט געווען אַ ציבעלע, און עפּעס צווישן פּערטן און פינפטן קלייד האָט זי זיך דערקליבן צו אַ באַהעלטעניש און אַרויסגענומען אַ קניפּל אין אַ שטיקעלע לייוונט און שוין איז זי געשטאַנען ביי דער טיר פון סאַלאָן. ווי נאָר נעכע איז אַרויס פון סאַלאָן, אַ פאַר־

שוויצטע און רויטע, האָט זיך ברײַנדל אַ לאָז געטון אַהין, ווי זי וואָלט מורא געהאַט עפּעס וואָס צו פאַרשפּעטיקן, אָדער אַז עמעצער וועט איר אויסכאַפּן, און מיט אירע צעאַקערטע און צעפּאַדערטע הענט האָט זי אָנגעהויבן אויפבינדן דאָס קניפּל. זי האָט אַרויסגעבונדן אַ קידושין־רינגל, אַ קליינע ברוסט־שפּילקע, אין וועלכער עס האָט געפעלט דער שטיין און אַ פּאָר אויערינגלעך פון זילבער. זי האָט דאָס גאַנצע געגעבן אַ שאַר ווייטער אויפן טיש.

„זאָל דער גוטער גאָט געבן ייִדן זאָלן מער נישט וויסן פון קיין צער", האָט זי געזאָגט אין גרויס איבערנומענקייט און זיך דערוויל געשפּיגלט אינעם דערהויבענעם געשטאַלט פון ר' יומטוב ליפּמאַן.

און טאַקע ר' יומטוב ליפּמאַן האָט אין דער אותו רגע אַ זאָג געטון:

„אָרעמע לייט זענען נישט מחויב".

אייגנטלעך האָט עפּעס ענלעכס און אין דער זעלבער רגע געוואָלט זאָגן אליעזר אַרטאַפּאַנוס. נאָר ער האָט דאָס געטראַכטע, אַראָפּגעשלונגען. ס'האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרץ. ער האָט געקענט ברײַנדלען און ער האָט געוווּסט, אַז זי וואָלט אים קיינמאָל נישט מוחל געווען.

אַז ברײַנדל האָט געהערט די ווערטער פונעם רב, האָט זי זיך אײַנגעשרומפּן, ווי זי וואָלט פּלוצים באַקומען קראַמפּן, און ס'האָט פון איר אַרויסגעפּלאַצט:

„אויף יענער־וועלט שאַצט מען אַ ייִדיש־קינד ווערדליק די מיסטן? נישט געשטראָפט זאָל איך ווערן פאַר די רייד". זי איז שנעל אַרויסגעלאָפן.

ווי אין דעם צעקנאָדערטן שטיקעלע לײַוונט וואָלטן העליש געברענט די פּאָר אָרעמע שטיקלעך צירונג, זענען אַלעמענס אויגן געווען פאַרקוקט אַהער. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט. אין סאַלאָן איז געוואָרן הייס. ר' יומטוב האָט צוגערוקט צו זיך דעם בעכער, זיך אײַנגעקוקט אין דער פליסיקייט און אים פּאַמעלעך אויפגעהויבן:

„ר' אליעזר", האָט ער זיך געווענדן צו אַרטאַפּאַנוסן, „זאָגט דאָס ווייב, אַז איך האָב, חלילה, גאָרנישט געמיינט. פאַרקערט. זי האָט זיך אײַנגעקויפט עולם הבא, אויף מיר געזאָגט געוואָרן איר טייל. לחיים, ייִדן!".

אַלע האָבן אויפגעהויבן די בעכערס. נעקעל האָט נאָך געהאַט עפּעס צו זאָגן:

„אַ מענטש קען נישט בלײַבן מיט אַ ליידיקן מאָגן, האָבן די אָרעמעלײַט פולע מאָגנס מיט האָנאָר".

עמעצער האָט געפּרוווט לאַכן און איבערגעריסן אין דער מיט. אַרטאַפּאַנוס, וואָס האָט נישט געוואָלט, אַז דער הויפּט־שתדלן פון די פּוילישע ייִדן זאָל זיך פילן שלעכט אין זײַן הויז, האָט איבערגעריסן דאָס טרינקען און זיך געווענדן צו נעקלען:

„נאָך דעם אומגליק האָבן מיר הונדערט מאָל מער אָרעמעלײַט ווי מיר האָבן געהאַט פריער. אויב די ייִדן וועלן בלײַבן אַזוי אויסגעליידיקט פון האָנאָר, ווי זיי זענען אויסגעליידיקט געוואָרן פון ברויט"...

„חלילה, חלילה! אל תפתח פה לשטן", האָט ר' יהושע העשעל מיט ביידע הענט געפּאָכעט פאַר זײַנע אויערן, ווי ער וואָלט וועלן אָפּיאָגן דאָס געהערטע,

„דאָס וואָס איך האַלט אין איין שרייען: דער כבוד עצמי פון אַ ייִד איז אַ טייל פון זיין אמונה. געלויבט השם יתברך, אין דעם גאַנצן אומגליק זענען בלויז איינציקע נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון און זיך געשמדט. וואָרום פאַרוואָס? אַז דער אין הימל האָט אָנפאַרטרויט די ייִדן די תורה, זענען זיי דאָך שטאָלץ דערמיט. איז אַ ייִד גרייט אַוועקצוגעבן דאָס לעצטע, נאָר נישט זיין כבוד".

„דער מענטש איז זיין כבוד!", האָט אויסגערופן אַרטאַפּאַנוס.

„פאַרוואָס־זשע פאָדערן פון אונדז די רבנים עניוות?", האָט געפרעגט מאַרק נעקעל.

ר' יומטוב ליפּמאַן האָט אויפגעהויבן די אויגן און צונויפגעלייגט די פינגער פון ביידע הענט, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אָנצונעמען אַ שמעק טאַביק:

„עניוות צו כבוד איז ווי דער שייכות פון צירונג צו רייכקייט. אַ מענטש וואָס האָט אַ סך גאָלדענע חפצים און איידלשטיינער מוז נישט דאָס אַלץ אויפהענגען אויף זיינע בגדים, וואָרום די וועלט וועט לאַכן פון אים. וואָס מער אַ מענטש האָט כבוד עצמי, אַלץ מער עניוותדיק דאַרף ער זיין. דורך דעם איידעלן חפץ פון עניוות דאַרף מען אַרויספילן, אַז דער מענטש איז רייך, מחוץ לזה דאַרף מען תמיד געדענקען, אַז ווו מיר זאָלן זיך נישט קערן און ווענדן איז דער אין הימל נעבן אונדז און מיר דאַרפן זיך אויפפירן ווי קנעכט פאַרן מלך".

שכנא האָט דרך־ארצדיק אָנגעבויגן דעם קאָפּ, אַז ער וויל עפּעס זאָגן און ער האָט געפרעגט:

„צי טייטשן נישט אויס די פעלקער די עניוות פון ייִדן, ווי געפאַלנקייט?".

ר' יומטוב האָט זיך אַ באַוועג געטון אויף זיין זעסל:

„די פעלקער? די פעלקער קענען נישט און האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט קענען די ייִדן. איך וועל דיר געבן אַ משל: אַז דו קוקסט סתם אין אַ ספר — וואָס זעסטו? דו זעסט פּאַפּיר און געדרוקטע אותיות. פון דעם קוקן גופא וועסטו גאָרנישט וויסן וועגן דעם תוך פונעם ספר. ערשט ווען דו ביסט מעיין אין אים ווייסטו וואָס פאַר אַ ספר עס איז און וואָס דו קענסט לערנען. ווי אַזוי זעען די פעלקער אונדז? זיי זעען אונדז רק פון דער אויסערן זייט. און וואָס זעען זיי? זיי זעען אַ פאָלק אין גלות, וואָס ווער עס הייבט אויף אַ שטעקן דער קען עס שלאָגן. דער מלך און די שליאַכטע שיצן דאָך אונדז נישט ווייל זיי קענען אונדז, נאָר זיי שיצן אונדז, ווי זייער אייגנס, פון וועלכן זיי האָבן נוצן, גאָר גרויס נוצן. אויב אַזוי, אויב זיי גיבן זיך נישט אַפילו די מינדסטע מי צו לערנען וואָס עס איז אַזעלכעס דאָס ייִדישע פאָלק — וועט פאַר זיי זיין היינו הך, צי מיר גייען מיט פאַריסענע קעפּ פון כבוד עצמי, אָדער מיר גייען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ פון עניוות וועגן. מיר דאַרפן דעריבער זיך נישט רעכענען מיט די פעלקער בנוגע אונדזער שטייגער, נאָר ביז משיח וועט קומען דאַרפן מיר זיך נוהג זיין ווי מיר אַליין פאַרשטייען עס. אַז משיח וועט קומען, וועט דאָך די גאַנצע וועלט ווערן אויסגעלייזט, דעמאָלט וועלן זיך אויך עפענען די אויגן פון די פעלקער און זיי וועלן דערזען וואָס מיר זענען באמת און זיי וועלן זיך שלאָגן על חטא פאַר אַלע צרות צרורות וואָס זיי האָבן אונדז

אַנגעטון נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן אונדז נישט געקענט און נישט געוואָלט דערקענען".

ר' יהושע העשעל האָט געקרעכצט:

„אוי, משיח. ס'זענען דאָך פאַראַן אַלע סימנים. אין אַזאַ צייט".

„די בעלי מקובל זאָגן דאָך, אַז דער קץ איז געווען אין ת"ח און מען הערט נישט און מען זעט נישט", האָט זיך אָפּגערופן מאַרק נעקעל און געהאַט אין זינען האָט ער נישט אַזוי די בעלי מקובל, וואָס זענען עוסק אין סתרי־תורה, ווי דעם רב ר' יומטוב ליפּמאַן. גלייך ווי די קאַזאַקן האָבן אָנגעהויבן זייערע שחיטות אין די ייִדישע שטעט און שטעטלעך, האָט ר' יומטוב געדרשנט, אַז אַזוי ווי די שחיטות זענען אין יאָר ת"ח, זעט ער אין זיי חבלי משיח בן דוד, וואָרום די מלחמה פון דרייסיק יאָר איז געווען די מלחמה פון גוג ומגוג. אין איר זענען אומגעקומען אַ סך צדיקים וטהורים און צווישן זיי איז אַוודאי געווען משיח בן דוד, פון נעקעלס באַמערקונג האָט ר' יומטוב בפירוש געפילט, אַז דער שתדלן שטעכעלירט אים וואָס זיין נבואה איז נישט מקוים געוואָרן. האָט ער זיך אויסגעדרייט צו נעקעלן און געטייטלט צו אים מיט אַ פינגער:

„אַ ייִד טאָר נישט ספקן. ער דאַרף יעדן טאָג און יעדע רגע זיין גרייט צו דער גאולה. מכל שכן דאַרף ער זיין גרייט ווען עס ווייזט זיך אַ סימן מובהק און דעמאָלט דאַרף ער מיט זיין אמונה שלימה מקרב זיין דעם קץ. אין הייליקן „זוהר" ווערט געזאָגט: באלף הששי בשנת ת"ח וועלן די וואָס הויזן אונטער דער ערד אויפשטיין תחיית המתים און ווי אין פסוק שטייט: „בשנת היובל הזאת תשובו איש אל אחוזתו", וועלן די ייִדן אויסגעלייזט ווערן און צוריקקערן אין זייער אחוזה, אין הייליקן לאַנד. דאָס וואָרט ,זאת' אין דעם פסוק מאַכט בגימטריא ווידער ת"ח. זענען עס דאָך געווען סימנים מובהקים, בפרט נאָך, אַז אַ ים צרות האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אונדז — איז וואָס איז געווען צו ספקן? אלא וואָס? גאָטס דרכים זענען פאַר אונדז פאַרבאָרגן און מיר זענען צו קליין אַריינצודרינגען אין די פאַרהוילענישן. צי וועט עמעצן איינפאַלן דערום צו ספקן, אַז משיח קען קומען יעדע רגע? אפשר איז דאָס אַלץ געווען אַ רמז פאַר די חבלי משיח און דער גואל קען קומען אַפילו נאָך היינטיקע נאַכט?".

ר' יהושע העשעל האָט צוגעלענט די אויגן. פון דעם רבס ווערטער איז געגאַנגען אַ גוטער ריח, אַזאַ אויסטערלישער ריח, וואָס מאַכט אויפציטערן די נשמה. ער האָט געפילט די טריט פון משיח בן דוד.

קיינער פון די וואָס זענען דעמאָלט געווען ביי אַרטאַפּאַנוסן אין הויז און געהערט די ווערטער פון ר' יומטוב ליפּמאַן העלער, האָט נישט געספקט, אַז עס זענען אָנגעקומען משיחס צייטן. אַפילו בעת עס האָט זיך געשלאָסן די סעסיע פון יידישן סיים און דער עולם איז זיך פונאַנדערגעפאָרן, האָבן זיך די לייט איינאַנדער געווונטשן צו טרעפן זיך וואָס שנעלער אויפן וועג פון גאולה. אַזוי שטאַרק איז געווען די אמונה, אַז משיח קען קומען יעדע רגע. און עס איז נישט געווען זייער שולד, וואָס זיי האָבן די גאולה נישט דערלעבט. אין די פאַרבאָרגענע דרכים פון גאָט האָבן זיי נישט געוווסט ווו־איין און ווו־אויס און אויפן אָרט פון גאולה האָט זיך אויף זייערע

קעפ אַראָפּגעלאָזט אַ שטורעם, פאַר וועלכן עס האָט זיי אַפילו קיין טרערן נישט געסטייעט.

גראָד אין די יאָרן נאָכן חורבן איז די לובלינער קהילה געוואָרן אַ שם דבר צווישן אַלע ייִדישע קהילות אין פּוילן. עשירות און תורה איז געגאַנגען צוזאַמען. אַז ייִדן פלעגן דערמאָנען לובלין, האָבן זיי אָפּגעשפּיגן דריי מאָל און צוגעגעבן „קיין עין הרע". דעם יערלעכן צינזש, וואָס דער ייִדישער סיים האָט אַרויפגעלייגט אויף דער לובלינער קהילה פאַר די פאַראָרעמטע ייִדן פון פּאָדאָליע און וואָלין, איז אַריינגעטראָגן געוואָרן נאָך פאַר דער צייט. וואָרום לובלין איז געוואָרן אַ צענטער פאַר די ייִדן, וואָס האָבן זיך צוריק אויפגעבויט און דאָ האָבן זיי איינגעקויפט זייערע סחורות און חפצים. אַהער זענען אויך געקומען יונגע עגונות, וואָס זענען אויפ־געבונדן געוואָרן, און זיי האָבן דאָ געזוכט נייע זיווגים צווישן די אַלמנס, וואָס זייערע ווייבער זענען אומגעקומען. איז זיך לובלין אויך צעוואָקסן אין איינפאַר־הייזער און די חופּה־דרענגער האָבן זיך נישט אָפּגעקילט פון דער צאָל חתונות פון שטאָטישע און פון צוגעפאָרענע.

אַז די אַמאָליקע גבירים זענען געוואָרן נאָך רייכער, ווי זיי זענען געווען, האָט די שטאָט נישט געקענט אויסקומען מיט איין דאָקטאָר. אויסער וואָס אליעזר אַרטאָפּאַנוס האָט דאָ פאַרהאַלטן זיין זון, שכנאן, און אים חתונה געמאַכט פאַר דער ייִנגסטער טאָכטער פון ר' דוד אויערבאַך, האָט זיך דאָ באַזעצט דער קראָקעווער דאָקטאָר דניאל. פון אויער צו אויער האָבן זיך ייִדן דערציילט, אַז די עשירות פון דאָקטאָר דניאל איז אַזוי גרויס, אַז ער קען אָפּקויפן דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ אויפן באַרג. אויך אַרטאָפּאַנוס איז געוואָרן נאָך רייכער ווי ער איז געווען.

אַלע זיינע קינדער האָט אַרטאָפּאַנוס אויסגעגעבן און געהאָט פון זיי נחת, כאָטש יצחקן, וואָס האָט חתונה געהאָט מיטן זאַמאָשטשער רבס טאָכטער און איבער־גענומען די כסא הרבנות אין טאָמאַשאָוו, האָט ער געדאַרפט העלפן אין פּרנסה. וואָרום דער הסכם מיט דער אָרעמער קהילה טאָמאַשאָוו איז געווען, אַז דער יונגער רב, ר' יצחק, וועט פינף יאָר נישט נעמען קיין שׂכירות אויסער פּדיונות פון דיני־תורה. האָט אים אַרטאָפּאַנוס געהאָלפן מיט אַ ברייטער האַנט, ער זאָל זיין אַ פּירשט צווישן ייִדן, און טאָמאַשאָוו זאָל זיך גרויסן מיט איר רב.

און כאָטש דאָס הויז פון דאָקטאָר אליעזר אַרטאָפּאַנוס איז שוין געווען ליידיק פון קינדער, איז לאה געווען נאָך מער פאַרנומען ווי אין די פריערדיקע יאָרן. די קינדער האָבן געשריבן בריוו וועגן בריתן און מזל־טובס און לאה איז אַרומ־געגאַנגען צווישן די לובלינער סוחרים און איינגעקויפט פאַר די קינדער און אייניק־לעך פון דעם שענסטן און טייערסטן, וואָס אירע אויגן האָבן געזען. עס איז נישט פאַרביי קיין וואָך זי זאָל נישט אַוועקשיקן כאָטש אַ קליינע מתנה דאָ קיין קאַליש צו בתיהן, אָדער צו שבתאין, דאָרט קיין לענטשיץ צו מרימען, אָדער צו יצחקן קיין טאָמאַשאָוו. מיט יעדער מתנה האָט זי מיטגעשיקט אַ טייל פון איר נשמה, וואָרום טיף און באַהאַלטן פון אַרטאָפּאַנוסן האָט איר געגעסן די בענקשאַפט צו די קינדער, וואָס ביי איר זענען זיי נאָך אַלע געווען קליין און אומבאַהאָלפן...

אין מיטן פון דער אויפגעריכטקייט, ווען יִדן האָבן אַפילו נישט געהאַט קיין צייט צוצוהערן זיך צו די אומרויִקע שמועות, וואָס גייען אַרום צווישן דער שליאַכטע אין לובלין, האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּטון מעשׂים, וואָס האָבן אויסגעזען נישט כדרך הטבעדיקע. און באַלד האָבן זיך אונטער די הערצער אָפּגעזעצט קנוילן, ווי פון אייזן. צי איז עס אַ סימן פון די סימנים, וואָס אין די אַלע יאָרן האָט מען אין זיי געפילט די טריט פון משיחן, אָדער, חלילה, עפּעס אַנדערש?

קאַפּיטל אַכצן

אין איינעם אַ טאָג פון חודש תמוז איז פּלוצים פאַרפינצטערט געוואָרן די זון. דער העלער טאָג איז מגולגל געוואָרן אין אַ טונקעלער נאַכט. מיט אימה אין די הערצער זענען מענטשן אַרויס פון די הייזער, געטוליעט צו זיך די קינדער, דער און יענער האָט מיטגעכאַפּט מיט זיך אַ פּעקל, ווי אויף צו אַנטלויפן. אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט וווּ צו לויפן און אויך נישט געקענט לויפן. איינער האָט אין צווייטנס צעשראָקן געשטאַלט געזוכט אַן ענטפער. אפשר ווייסט ער עפּעס, נאָר ער באַהאַלט אויס דעם סוד וואָס מען טאָר נישט אויסזאָגן? און אפשר שטייען אַלע גרייטע און באַנומענע און אין אַ מינוט אַרום וועט זיך באַווייזן משיח און די ייִדן וועלן אים נאָכגיין? דאָ און דאָרט האָבן קינדער אָנגעהויבן וויינען פון אימה און ייִדן האָבן בלחש געבעטן די מאַמעס, זיי זאָלן איינשטילן די קינדער, און אַליין האָבן זיי פאַרריסן די קעפּ צום הימל, ווו עס איז פריער געשטאַנען די זון. אַ נאַכט־ווינט האָט אָנגעהויבן בלאָזן און ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ פּחדימדיק מעקען פון בהמות. דאָס מעקעריי האָט זיך וואָס אַמאָל מער דערנעענטערט, אַריבער־געקומען פון איבער די דעכער און פון אַלע זייטן.

ייִדן האָבן זיך צוזאַמענגעדריקט איינער צום צווייטן, וואָרום ווערליק דעם מעקען פון די בהמות האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט וועלן די בהמות אַריבערשפּרינגען איבער די דעכער און סטאַדעסווייז וועלן זיי זיך אַראָפּלאָזן אויפן מאַרק און אין די געסלעך. אין דעם מעקען פון בהמות האָט זיך אַריינגעריסן אַ שאַרף קרייען פון הענער, ווי עס וואָלט געוועזן אין האַלבער נאַכט, ווען די שדים פון אַלע וויסטע וועלדער לויפן זיך צוזאַמען צו זייערע תחבולות. און אַזוי ווי די בהמות האָבן געמעקעט און די הענער האָבן געקרייט, אַזוי האָבן זיך צעקלונגען די גלאָקן פון די קירכן און קלויסטערס: בים־באַם, באַם־בים, גלאַן־גלין, בום־בום. די קולות פון די בעלי־חי האָבן זיך אויסגעמישט מיט דעם געקלאַנג פון די גלעקער און דער נאַכט־ווינט איז געוואָרן נאָך שטאַרקער.

און ווי ייִדן זענען געשטאַנען דערדריקטע, מיט אַ בלייענעם פּחד אין די הערצער, אַזוי האָט זיך דערהערט דאָס קלאַפּן פון פערדישע פּאַדקאָוועס. צוויי פערד,

איינער אַ שוואַרצער, אַז מען האָט אים קוים אָפּגעשיידט פון דער פּלוצימער נאַכט, און דער צווייטער אַ ווייסער, וואָס זיין ווייסקייט האָט מען געזען ווי בייטאָג, האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פון הינטערן מאַרק־ווינקל און זיך געלאָזט לויפן באַלכסון צום סאַמע מיטן פונעם מאַרק און נאָך זיי איז נאָכגעקומען אַ קול: „ייִדן, ראַטעוועט זיך!". ווער עס האָט געשריגן האָט קיינער נישט געזען, נאָר דאָס אימהדיקע קול האָט מען געהערט פון אַלע זייטן און פון דער נאָענט.

די ייִדן האָבן זיך צעשפּאַרט אין די זייטן און די צווילדעוועטע פערד — דער שוואַרצער, אַ הויכער און אויסגעדאַרטער און דער ווייסער אַ קליינער און אויסגעפּאַשעטער — זענען אַריבער דעם מאַרק און פאַרשוווּנדן, נאָר זייער טראַ־טעוועז האָט מען געהערט אויך שפּעטער. און ווי די ייִדן זענען געשטאַנען צוזאַמענ־געטוליעטע און באַנומענע פון די אויסגעמישטע קולות און פון שרעק, אַזוי האָט זיך פונעם זעלבן מאַרק־ווינקל דערזען אַן אַנגעצונדענער לאַמטערן, וואָס האָט זיך געבאַמבלט און געגרופן הייזעריק: „ייִדן, זאָגט תהלים! ייִדן, זאָגט תהלים!", און ווי אַ נישט־געזעענע האַנט וואָלט אָפּגערוקט אַ שוואַרצן פאָרהאַנג פון איבער אַ פענצטער, אַזוי האָט זיך אַנגעהויבן אָפּרוקן די נאַכט פון איבערן הימל, דאָס ליכט האָט זיך אַריינגעריסן, די זון האָט זיך אָפּגעדעקט, נאָר די נאַכט איז נישט אַוועק פון די פּנימער פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך איינער דעם אַנדערן אַנגעקוקט און זיך נישט דערקענט.

ייִדן וואָלטן אַוודאי געגלייבט די שמועה, אַז די פּלוצימע נאַכט איז געווען אַ שווערע לקוי־חמה, ווען עס זאָל נישט נאָכקומען דאָס וואָס איז נאָכגעגאַנגען אין דער נאַכט פונעם זעלבן טאָג: אַזוי ווי די אַנגעצונדענע לאַמטערן אין דער פּלוצימער נאַכט האָט גערופן צו זאָגן תהלים און נישט באַוואָרנט מיט אַ „בלי נדר", זענען לײַטן נאָך מעריב געבליבן אין די שילן און בתי־מדרשים צו זאָגן תהלים און צו לערנען משניות ביז אין קאַיאָר. ווי נאָר עס איז אָנגעקומען חצות און עס האָבן זיך דערהערט די ערשטע קרייען פון הענער, אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן:

אינעם בית־מדרש, וואָס נעבן שפּיטאָל, האָבן די משניות־לערנער דערהערט פון הינטערן ארון־קודש אַ געיאָמער פון טויטע קינדער. אַנדערע האָבן געקייכט פון געוויין. נאָך אַנדערע, עופּעלעך, ווי נאָר־וואָס געבוירענע, האָבן געשריגן „אואַאַאַ, אואַאַאַ!"... די לערנער האָבן פאַרמאַכט די אויגן און אַראָפּגעבויגן די קעפּ צו די ספרים, כדי נישט צו זען וואָס עס טוט זיך אָפּ אין בית־מדרש. אין דער שיל נעבן רבס הויז האָבן די תהלים־זאָגער פּלוצים דערהערט אַ גערודער הינטער די אַלמערס פאַר ספרים, איין ליכטל האָט זיך פּלוצים פאַרלאָשן. און אַז די תהלים־זאָגער האָבן זיך איינגעהאָרכט, האָבן זיי געהערט ווי מתים ברעכן זיך די הענט. נאָך יעדן קנאַק פון אַ געלענק אין אַ פינגער האָט זיך איבער דער שיל פונאַנדער־געלאָזט אַ דרייפאַכיק ווידערקול: פּוק, פּוק, פּוק. דער שמש פון דער שיל האָט פעסטער געמאַכט זיין גאַרטל, אַנגעריבן די שפּיץ פינגער אין טיש און אויסגערופן: „מתים, גייט אין אייער רו אַריין! מתים, גייט אין אייער רו אַריין!". און אַז דאָס ברעכן פון די הענט פון די טויטע האָט נישט אויפגעהערט, איז דער שמש אַרויף

אויפֿן בעלעמער, אַ קלאַפּ געטון אין שולחן און שאָקלענדיק זיך אויף די זייטן, האָט ער גערופֿן מיט אַ ניגון פֿון תּפֿילת נעילה: „על דעת הקהל ועל דעת המקום בין איך גוזר אויף אייך, מתים, איר זאָלט זיך צוריקקערן אַהין פֿון וואַנען איר זענט געקומען". ווי ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער געגעבן נאָך דריי קלעפּ אין שולחן און אַראָפּגעגאַנגען פֿונעם בעלעמער הינטערווײַלעכץ, כּדי נישט צו צע־פּלאָשען די מתים און זיי זאָלן נעלם ווערן אָן טומל. און אַזוי איז געשען.

אָבער מיט דעם האָבן זיך נישט געענדיקט די אויסטערלישע סימנים און די מעשׂים, וואָס האָבן זיך נישט געלייגט אויפֿן שׂכל.

מיט אַ נאַכט שפּעטער איז אין דעם גאַרבער־געסל, אויפֿן וועג צום בית־עלמין, געשען עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט גאָר צעטומלט. אויפֿן עק פֿונעם געסל און פֿון מאַרק איז געשטאַנען אַ גרויס הויז מיט אַ שטאַל, וואָס בײדע האָבן געהערט אַמאָל צו משה דעם פֿערד־הענדלער. אַ גאַנץ לעבן האָט אין דעם הויז געוווינט משה אײנער אַליין — ער אין הויז און זײַנע פֿערד אין דער שטאַל. ווּאָרום אין דער ערשטער קימפּעט איז זײַן יונג און שיין ווײַב אַוועקגעשטאָרבן און דער אַלמן האָט זיך נישט געקענט טרייסטן און האָט מער נישט חתונה געהאַט. אויסער וואָס ער פֿלעגט קומען אויף די מערק און רעדן בײַ דער שטאַל מיט לײַט, וואָס זענען געקומען קויפֿן אָדער פֿאַרקויפֿן אַ פֿערד, האָט מען משהן נישט אָנגעזען. אין די ערשטע צײַטן פֿלעגט נאָך משה פֿאַרנאַכט אַוועקגיין אויפֿן בית־עולם זיך אויסשמועסן מיט זײַן יונג פֿאַרשטאָרבן ווײַב און דאָרט זוימען ביזן שפּעטן אָוונט. דערנאָך האָט מען אים שוין זעלטן געזען. אַן אומהיימלעכקייט האָט געיאָגט פֿון דעם הויז. אין די נעכט פֿלעגט מען הערן דאָס פֿאַרסקען פֿון די פֿערד אין דער שטאַל, ווי זיי וואָלטן געיאָגט געוואָרן פֿון קאַשעצן. האָבן די שכנים אָנגעהויבן שמעקן דאָ און דאָרט וואָס איז דער מער מיטן אַלמן. און באַלד האָבן זיי אויסגעפֿונען, אַז גאַרנישט געווײַנטלעכס געשעט אין דעם הויז. בלחש האָט מען זיך דערציילט — וואָרום אַזוינע זאַכן טאָר מען גאַרנישט דערציילן בקול רם — אַז משה דער פֿערד־הענדלער האָט זיך צונויפֿגעניוכעט מיט אַ שדיכע און ער לעבט מיט איר ווי מאַן און ווײַב. די שכנים אַנטקעגן דעם הויז האָבן אַפֿילו דורך די שפּאַרעס פֿון די לאָדנס געזען, אַז יעדע נאַכט, נאָענט צו חצות, דערנענטערט זיך פֿון דער זײַט פֿון בית־עלמין אַ שדיכע, אײַנגעשלײערט אין ווײַסן און זי פֿאַרשווינדט אין דעם הויז און קיין סקריפּ פֿון אַ טיר הערט מען נישט. און אַזוי ווי זי פֿלעגט אַרײַן אין דעם הויז צו חצות, אַזוי פֿלעגט זי צוריק אַרויס פֿאַרטאָג און ווידער אָן אַ סקריפּ פֿון דער טיר.

אין דער מגפֿה, בעת דער באַלאַגערונג פֿון די קאָזאַקן, איז משה דער פֿערד־הענדלער געשטאָרבן. דאָס הויז איז געבליבן ליידיק און אַהין האָבן זיך אַרײַנגעקליבן דרײַ אָרעמע משפּחות מיט קינדער.

אָט אין דעם הויז האָט זיך אין יענער נאַכט, ווען וועלכער עס רעדט זיך, אָנגעהויבן אַ שטאַרק געקלאַפּערײַ. האָבן זיך אויפֿגעהויבן די מאַנצבילן, אָנגעצונדן לאָמטערנס און אַרויס זען ווער עס קלאַפּט. ווי נאָר זיי זענען אַרויס פֿאַר דער טיר, האָט דאָס קלאַפּן אויפֿגעהערט און גלײַך ווי זיי זענען צוריק אַרײַן אין הויז און

זיך געלייגט אין די בעטן, איז דאָס קלאַפּן געוואָרן נאָך שטאַרקער. אַזוי אַ גאַנצע נאַכט ביז מען האָט קוים דערלעבט דעם טאָג.

אַז די אימה האָט זיך איבערגעחזרט מיט אַ נאַכט שפּעטער, זענען די מאַנצבילן אויפצומאַרגנס אַוועק צום רב און אים דערציילט אַלץ וואָס זיי האָבן געהערט ביינאַכט און אַלץ וואָס זיי האָבן געוווּסט וועגן משה דעם פערד־הענדלער ביי זיין לעבן. האָט דער רב באַפוילן, אַז מען דאַרף איבערקוקן די מזוזות און ביינאַכט זאָל מען זיך גוט איינהערן אינעם קלאַפּן — צי איז דאָס אַ קלאַפּן מיט הענט, אָדער מיט האַרטע זאַכן. האָבן זיי אַזוי געטון. זיי האָבן זיך ביינאַכט איינגעהערט און דערגאַנגען, אַז דאָס קלאַפּן איז סיי אַזוי און סיי אַזוי: איין מאָל דאַכט זיך, אַז דאָס קלאַפּן קומט פון קנאַכיקע פינגער און אַ צווייט מאָל איז ווי די נישט־גוטע וואָלטן געקלאַפּט מיט טייוויש־פינגער, אַזעלכע פינגער־שטיינדלעך וואָס מען געפינט אין דער פרי נאָך דעם ווי די שדים אַנטלויפן אין זייערע קנייעס. האָט דער רב צונויפגערופן די שכנים פונעם הויז און די שכנים פון די אַרומיקע הייזער און זיי רעכט גוט חוקר ודורש געווען. האָבן אַלע דערציילט וואָס זיי האָבן געוווּסט וועגן דער שדיכע, וואָס מיט איר האָט געלעבט ווי מאַן און ווייב משה דער פערד־הענדלער. פון דעם וואָס דער רב האָט זיך אַלץ אָנגעהערט, איז ער געקומען צו דער מסקנה, אַז די זאַך פון אַ ירושה־תביעה איז דערביי און וועגן אַזעלכע זאַכן האָט מען שוין געהערט: אַזוי ווי די שדיכע האָט געלעבט מיט משה דעם פערד־הענדלער כך וכך יאָרן און ער איז געשטאָרבן אָן קינדער, וויל זי ירשענען דאָס הויז. און אַזוי ווי על־פּי־דין איז אַ שדיכע נישט בחזקת יורשת, דאַרף מען אויף איר גוזר זיין זי זאָל זיך אָפּשיידן פון דעם הויז.

האָט דער רב באַפוילן מען זאָל אין דער מהרש״ל־שיל מאַכן אַ מחיצה און אין דער מחיצה אַוועקשטעלן אַ ברעט, אַזוי ווי מען איז זיך נוהג ביי חליצה. און אַזוי איז געטון געוואָרן. אַ ווינקל אין דער שיל איז אָפּגעצוימט געוואָרן מיט טישן, אָן דער וואַנט איז אָנגעלעגט געוואָרן אַ ברעט, און אַהין איז געקומען דער רב מיט אַ מנין ייִדן. און אַז דער מנין ייִדן האָט זיך אויסגעזעצט ביי די טישן מיט די פּנימער צו דער ברעט, זיי זאָלן זיין עדות, האָט דער רב מיט אַ באַהאַרצט קול אויסגערופן:

„שדיכע, וואָס דיין נאָמען איז פאַרהוילן פאַר מיר און פאַר גאַנץ קהל און וואָס קיינער ווייסט נישט ווו דו הויזסט, ווען דו קומסט און ווען דו פאַרשווינדסט. פון דעם אָרט בין איך דיר מתרה על־פּי דין תורה, אַז דיני ירושה זענען חל רק על די וואָס לעבן און נישט אויף די וואָס זענען אָפּגעשיידט פון לעבן. איך בין גוזר אויף דיר מיט אַלע חומרות און מיט די שפּרוכן, וואָס זענען אין מיין רשות, דו זאָלסט זיך אָפּשיידן פונעם הויז וואָס איז געווען די נחלה און דער רכוש פון משה בן שפרא נשמתו עדן הנקרא פערד־הענדלער. נישט דו און נישט קיינער פון דיינע לייט, נישט היינט און נישט מאָרגן און נישט אין אַלע צייטן זאָלן האָבן אַ שליטה אויף דעם הויז און אויף אַלץ וואָס איז אין גדר פון דעם הויז, פון אַלע פיר זייטן, ווי פון אונטן און פון אויבן. און אַז עס וועט זיין דו וועסט זיך דערנענטערן

מיט דיין טענת שווא, זאָלסטו געשטרויכלט ווערן מיט אַ שטרויכלונג און דיינע וועגן זאָלן זיך פאַרפלאָנטערן סיי פון מזרח, סיי פון מערב, סיי פון צפון און סיי פון דרום, סיי פון אונטן און סיי פון אויבן. אמן״. האָט דער מנין עדות נאָכגעזאָגט אמן און דאָס הויז אינעם גאַרבער־געסל איז ניצול געוואָרן פון די שרעקן.

אָבער די שטאָט לובלין איז נישט ניצול געוואָרן פון די שרעקן און פון נאָך מער פון דעם. ווי אין די זומערדיקע חדשים זענען די סימנים געווען ווי אַלע טויטע, אַלע שדים און אַלע רוחות פון אַלע בית עלמינס, וויסטע וועלדער און פוסטע פעלדער האָבן זיך אַ ריר געטון און רק אָפּגעטון כל מיני תחבולות און אימהדיקע זאַכן, אַזוי זענען די סימנים אין חודש אלול געוואָרן נאָך פורכטלעכער:

אין גרויס־פּוילן איז אויסגעבראָכן אַ וויסטע מגיפה, וואָס די האַרבסטיקע ווינטן האָבן זי געטראָגן פון שטאָט צו דאָרף און פון דאָרף צו שטאָט און אויס־קאָרנייעט גאַנצע משפחות און גאַנצע ישובים. לייט זענען פון אַנטקעגן דער מגיפה אַנטלאָפן אויף מזרח אין די וועלדער, איבערגעלאָזט די הייזער און דאָס האָב, אַבי זיך צו ראַטעווען פונעם טויט, וואָס האָט גאָר נישט געוווסט פון קיין רחמנות און חסד. מחנות פאַרהונגערטע און צעשראָקענע פּליטים האָבן אויסגעפילט די וועלדער אַזש ביז איבער דעם מזרחדיקן ברעג פונעם ווייסל און טייל האָט אַפילו דערגרייכט ביז די וועלדער אַרום לובלין. די לייט האָבן זיך אָנדערציילט וועגן דעם אָנשיקעניש, ווי אַזוי די מגיפה גייט פון שטוב צו שטוב און קערט אויס דאָס לעבן ווי מיט אַ בעזעם — אַזש די הערצער פון די הערער זענען פאַרקלעמט געוואָרן און די אויערן האָבן וויי געטון פון צוהערן.

איז אַ וויסטע שרעק באַפאַלן די לובלינער, און לייטן האָבן באַצייטנס אָנגעהויבן פּאַקן טלומאָקעס, אַז טאָמער, די שעה זאָל נישט געשען, און די פּלאָג וועט זיך דערנענטערן צו לובלין, זאָל מען זיין גרייט צו אַנטלויפן פון אַנטקעגן איר. אויך אין הויז פון אַרטאַפּאַנוסן זענען שוין געשטאַנען גרייט איינגעפּאַקטע קוישן און קופערטס, אַז ווי נאָר עס וועט זיך לאָזן אַ שמועה, אַז די פּלאָג איז אַריבער די ווייסל, וועט לאה אַוועקפאָרן קיין טאָמאַשאָוו צו יצחקן.

אָבער אין יענע טעג, ווי די מגיפה איז געגאַנגען פון מערב אויף מזרח, איז אַ דרייפאַכע פּלאָג געגאַנגען אויף מלכות פּוילן פון דרום, פון מזרח און פון צפון, אַז ס׳איז גאָר קיין אַנטרינונג נישט געווען, ווי דאָס גאַנצע מלכות וואָלט אַרומגע־כאַפּט געוואָרן פון אַ שׂריפה. פון דרום האָבן זיך געטראָגן טומאַנען קאָזאַקן און טאָטערן; פון מזרח האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ כמאַרע רוסן, און פון צפון זענען פון איבערן ים אַריבערגעקומען די שוועדן, וואָס זענען געגאַנגען מיט אַזאַ שטורעם, ווי זיי וואָלטן אַלץ וועלן איינשלינגען. דער שוועדישער מלך, קאַרל גוסטאַוו האָט מען אים גענענט, אַזוי שנעל ווי ער איז אַרויף אויף דער פּוילישער ערד, האָט ער באַלד געלאָזט וויסן, אַז דער וואָס וועט זיך אים קעגנשטעלן צו ווערן מלך פון פּוילן וועט ער אים צעטרעטן מיט זיינע רייט־פערד, אַז קיין שׂריד ופליט וועט פון אים נישט בלייבן. און אַזוי ווי די שליאַכטע האָט געדענקט די פּרעוניות פון די קאָזאַקן און געפורכטעט פאַר די ווילדע מאָסקאָוויטן, זענען באַלד צום שוועדישן מלך

צוגעשטאַנען די אַדעליקע פון ליטע און גרויס־פּוילן און געהאָלפן אים איינגעמען זייער אייגן לאַנד און אים געקרוינט מיט דער קרוין פון מלכות פּוילן. און אַזוי ווי דער פּוילישער מלך, יאַן קאַזימיר, האָט דערהערט, אַז די שליאַכטע האָט אין אים בוגד געווען, איז ער אַנטלאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן אין שלעזיע.

דאָס לאַנד איז געשטאַנען אָפן פאַר אַלע ווילדקייטן און ווו צו אַנטרינען איז מער נישט געווען.

ווי נאָר די שמועות וועגן די אַלע אומגליקן זענען דערגאַנגען צו דער שליאַכטע, און דאָס מאָל זענען די שונאים געווען אַזוי צאָלרייך, ווי די שטערן אין הימל, האָט זי אייליק גענומען רעקרוטן און אויך גערופן די ייִדן זיי זאָלן קומען אין זייערע אַרמייען, כדי צוזאַמען צו שיצן דאָס אומגליקלעכע פּאַטערלאַנד, וואָס גאָט האָט צו דעם אויסגעלאָזט זיין גאַנצן צאָרן. און ווי אין אַלע אַנדערע קרויגישע שטעט, זענען אויך לובלינער ייִדן צוגעשטאַנען צו די פּוילישע אַרמייען. און באַלד איז דאָס מיליטער אַרויס פון לובלין אויף דרום־מזרח און קיין איינציקער זעלנער איז אין לובלין נישט געבליבן.

עס איז געווען אין סאַמע ערב יום־כּפור, ווען די גלאָקן פון די קירכעס האָבן זיך בהלהדיק צעקלונגען און ווי דאָס קלינגען וואָלט געווען אַ שטורעם, וואָס הייבט אויף אַלץ פון דער ערד און צעטראָגט עס אויף אַלע זייטן, אַזוי זענען מענטשן געלאָפן אַהין און אַהער. קיינער האָט נישט געוווסט ווו מען לויפט און צו וואָס מען לויפט. ייִדן זענען געלאָפן פון דער ייִדנשטאָט צו דער קריסטלעכער זייט, פון דער קריסטלעכער זייט זענען מענטשן געלאָפן צו די מויערן און שוץ־טורעמס, אָבער באַלד האָט מען געקענט זען די זעלבע מענטשן לויפן צוריק אַהין, פון וואַנען זיי זענען געקומען. אין מויל פון אַלע איז געווען בלויז איין וואָרט פון שרעק: די קאָזאַקן!

די וואָס זענען געשטאַנען אויף די שוץ־טורעמס, איז זיי אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון פון דעם וואָס זייערע אויגן האָבן געזען: אַלע פעלדער אַרום, ביז צו דעם וואַלד פון דער מזרח־דרומדיקער זייט, זענען געווען געדיכט באַלייגט מיט פיינט־לעכע זעלנער און פערד, אין אַזאַ צאָל, ווי אַ היישעריק־פּלאָג וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן לאַנד און וויל עס פאַרדאַרבן.

אין יענער שעה איז אין הויז פון קהל געווען אַן אסיפה פון די פּרנסים און באַלעבאַטים. זיי האָבן נישט געוווסט מער ווי עס האָט געוווסט די שליאַכטע און די הויפּטן פון די מיעשטשאַנעס, וואָס זענען אין דער זעלבער צייט געווען אויף אַן אסיפה אינעם הויז פון דער וואָיעוואָדשאַפט: נאָר אַ נס קען אָפּראַטעווען די שטאָט. ווערדליך דער צאָל פון שונא, וואָס איז באַוואָפנט מיט האַרמאַטן, ביקסן און שווערדן, וועט די שטאָט נישט קענען זיך קעגנשטעלן; די מויערן זענען צו שוואַך און קיין ביקסן זענען אין שטאָט נישטאָ. מיט שטיינער וועט מען אַזאַ כמאַרע נישט פאַר־טרייבן. דאָך אַרטאַפּאַנוס, וואָס האָט איבערגעלעבט די ערשטע באַלאַגערונג פון די קאָזאַקן, האָט געזאָגט צו די צעשראָקענע פּרנסים:

„עס איז מער קיין צייט נישטאָ. עס זענען געווען סימנים, אַז משיח וועט קומען

און ער איז נישט געקומען. איצט װאַרטן מיר אויף אַ נס. װי מיט אונדזער פריערדיק אויסקוקן זיך די אויגן, קען דער נס קומען און ער קען... נישט קומען. אויב די קאָזאַקן זאָלן שוין שטורעמען די שטאָט, איז נישטאָ קיין כוח װאָס זאָל זיי שטערן. איז אפשר אַ טייל פונעם דערװאַרטעטן נס דאָס, װאָס זיי שטורעמען נאָך נישט און עס איז אונדז געגעבן געװאָרן צייט אַנצוזאַמלען געגנוג שטיינער, אַז קיין איין ייִד זאָל זיך נישט לאָזן שעכטן אָן װידערשטאַנד. און איצט דאַרף מען זאָגן צו די ייִדן: באַהאַלט אויס אייערע פרויען, אייערע טעכטער און אייערע קינדער, װוּ נאָר איר קענט. װער עס האָט קריסטלעכע פריינט, זאָל זיי אויסבאַהאַלטן ביי קריסטן. און נאָר ביי אָרעמע קריסטן דאַרף מען זיך אויסבאַהאַלטן. ביי זיי איז זיכערער".

„מען דאַרף אויך מתּרה זיין דאָס פֿאָלק, אַז טאָמער װעט מען עמעצן לאָקערן מיט שמד אויף צו לאָזן אים לעבן, זאָל ער גיין אויף קידוש־השם", האָט אויסגערופן דער רב.

צװישן די פּרנסים און באַלעבאַטים איז געװאָרן אַ גערודער. אַרטאַפּאַנוס האָט אויפגעהויבן די האַנט װי אַ צייכן, אַז ער האָט נאָך עפּעס צו זאָגן און ער האָט געזאָגט:

„לאָמיר איצט נישט רעדן װעגן דעם. די שטאַרקע דאַרף מען דערװעגן נישט װאָרענען; די שװאַכע װעט אונדזער רוף דערװעגן נישט שטאַרקן".

עמעצער האָט מיט אַ געװאַלד אויפגעפּראַלט די טיר און אַריינגעװאָרפן אַ געשריי:

„די קאָזאַקן זענען אין שטאָט; זיי רויבן ייִדיש פאַרמעג!".

נאָך איידער דער אויסקלאַנג פונעם געשריי איז אַריבער, איז אין הויז פון קהל נישט געבליבן מער װי אַ קליין הייפל: דער רב, אַרטאַפּאַנוס און דריי פּרנסים. די איבעריקע זענען זיך צעלאָפן. אין שרעק האָט מען אַפילו נישט געזען װי אַזוי זיי זענען נעלם געװאָרן.

„װאָס איצט?", האָט דער רב אויסגעשטרעקט די הענט אין דער הויך.

„איצט — אַריינגעמען דאָס האַרץ צװישן די ציין און עס פאַרבייסן אַזוי, אַז דער שונא זאָל נישט זען אונדזער שרעק", האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט.

אין דער רגע איז שוין אויף דער מויער פון דער שטאָט געהאָנגען אַ װייסע פאָן, װי אַ צייכן, אַז די שטאָט גיט זיך אונטער, און אויף דער בריק צום שטאָט־טויער האָבן גרייטע צו קאַפּיטולירן געװאַרט די פאָרשטייער פון דער שליאַכטע, פון די מיעשטשאַנעס און פון יעזויִטישן אָרדן.

פון דעם לאַגער, אַ דריי הונדערט טריט אַנטקעגן דעם שטאָט־טויער, איז אויף אַ װייס פערד אַרויסגעריטן גענעראַל פּעטער איװאַנאָװיטש, פון דער מאָסקאָװיטער אַרמיי, אין דער באַגלייטונג פון פאַרביקע מושקעטערן און צװיי קאָזאַקישע אָפיצירן. דער פרימאָרגן איז געװען אַ פאַרװאָלקנטער, אַ טריבער, אָבער די אָפּװאַרטנדיקע אויף דער בריק האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אויף די שונאים, װאָס רייטן אַנטקעגן שיינט די זון — מיט אַזאַ גדלות האָבן זיי זיך געטראָגן אויף די פערד. אַ צען טריט פאַר דער בריק האָבן זיך די פערד פאַרהאַלטן. פּעטער איװאַנאָװיטש האָט אַ שטורג

געטון מיט די שפּאָרן און זיין פערד האָט זיך אויפגעהויבן אויף די הינטערשטע פיס; ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ צוויי טריט ווייטער, ווי עס וואָלט געענטפערט אויפן דערנענטערן זיך פון די פּוילישע לעגאַטן.

די פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך דערנענטערט, כדי צו בעטן רחמים, האָבן זיך טיף פאַרנייגט פאַרן גענעראַל, און פּעטער איוואַנאָוויטש האָט קוים ענטפערנדיק אויף זייער באַגריסונג, זיי נישט געלאָזט עפענען די מיילער. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט צו דער וויסער פאָן איבער דער מויער און געזאָגט:

„פון דעם זע איך אַ צייכן, אַז די פּאָליאַקן זענען בלויז פאַרריסן אין זייער לשון, בעת אין מעשים ברענען זיי ווי שטרוי. כדי צו זיין זיכער, אַז אויך דאָס שטרוי וועט זיך נישט צעפלאַמען, וועט דער וואָיעוואָדע, די פּאַנעס פון סיימיק, פון מאַגיסטראַט און דער קלער שווערן טרייהייט דעם רעכטגלייביקן צאַר אַלעקסעי מיכאַילאָוויטש און אָן אָפּשלעפּענישן אויספירן פּינקטלעך די באַדינגונגען פון קאַפּיטולאַציע און קאָנטענטאַציע. געהערט?!".

דער שליאַכטשיץ פּאַניאַטאָווסקי, אין זיין רייכער און פאַרביקער קליידונג, האָט אַרויפגעלייגט איין האַנט אויפן הענטל פון זיין שווערד, די צווייטע אויף דער ברוסט און, שלעכט באַהאַלטנדיק זיין דערשלאָגנקייט, געזאָגט:

„גרויסמוטיקער קאָמאַנדיר, אויב מיר האָבן אַרויסגעהאָנגען די פאָן פון הכנעה, וועלן מיר אויך די באַדינגונגען פון קאַפּיטולאַציע באַהאַנדלען אַזוי שנעל ווי מיר וועלן זיי באַקומען אויף דער איילעקער אסיפה פון דער שליאַכטע, פון בירגערטום און פון קלער".

„זאָל איך עס פאַרשטיין, אַז די פּאָליאַקן שטעלן קעגן־באַדינגונגען?!", האָט פּעטער איוואַנאָוויטש זיך אַ טרייסל געטון און שאַרף אַ צי געטון דאָס פערד צוריק, ווי עס וואָלט געהאַט בדעה זיך אויפצוהייבן קעגן דעם פּוילישן אַדלמאַן.

„ניין, גענעראַל!", האָט זיך פּאַניאַטאָווסקי אָנגעבויגן, קאַפּיטולאַנטן שטעלן נישט קיין באַדינגונגען, נאָר בעטן רחמים באַהאַנדלט צו ווערן ווי קעמפער".

דער צווייטער שליאַכטשיץ, באַרטשינסקי, האָט געמאַכט אַ האַלבן טריט פאָרויס און זיך טיף אַראָפּגעבויגן:

„גנעדיקער גענעראַל, מיר זענען נישט אָנפּאַרטרויט געוואָרן מיט דעם פולמאַכט אונטערצוהאַנדלען וועגן באַדינגונגען, נאָר זיי צו ברענגען אין הויז פון דער וואָיעוואָדשאַפט. מיר פון אונדזער זייט, די לעגאַטן פון דער שליאַכטע, פון די שטאָט־בירגער און פון קלער, בעטן ביי אייך חסד אָפּצוהאַלטן אייערע זעלנער פון זעלבסטווילן, כדי די קעניגלעכע שטאָט זאָל אייך איבערגעבן ווערן אין פולער אָרדענונג".

„איך האָף אַז דאָס וועלן נישט זיין קיין פּאַנסקע אַרויסדרייעניש!", האָט פּעטער איוואַנאָוויטש געזאָגט האַרב און אויפגעהויבן די האַנט.

פון צווישן זיינע באַגלייטער איז אָנגעריטן אַ קאָזאַקישער אָפיציר, אַרויסגענומען פון דער שטיוול־כאַלעווע אַ פּאַפּיר־ראָל און אַרויסגעלייענט:

„אין נאָמען פון דעם פּוילישן קעניג יאַן קאַזימיערזש ביי דער אויספירונג

פון דער שליאַכטע, פון די שטאָט־בירגער און פון גאַנצן קלער, קאַפּיטולירט דערמיט די קעניגלעכע שטאָט לובלין פאַר די זיגערישע אַרמייען פון דעם רעכטגלייביקן צאַר אַלעקסעי דעם צווייטן און פון דעם רעכטגלייביקן אַטאַמאַן באָכדאַן כמיעלניצקי, היינט דעם זעכצנטן טאָג פונעם חודש אָקטאָבער פונעם האַרס יאָר 1656. ווי אַ צייכן פון פולער הכנעה וועלן די פאָרשטייער פון דער שליאַכטע, פון דעם שטאָט־בירגערטום און פון דער קירך שווערן טרייהייט דעם גנעדיקן צאַר פון רעכט־גלייביקייט, אַלעקסעי מיכאַילאָוויטש דעם צווייטן, און אַן דינגעניש וועלן אין טויער פון דער שטאָט אונדז איבערגעגעבן ווערן אַלדאָס רייכטום אין גאָלד, אין זילבער, אין נישט־געפּעלשטע מטבעות און אין אויסגעאַרבעטע סחורות, וואָס זענען אין אייגנטום פון די זשידעס, פון דער שליאַכטע, פון די קירכעס, קלויסטערס, פון די גלחים און פון די אָנפירער פון די קלויסטער־אָרדנס. כדי די קאָנדיציעס זאָלן אויסגעפירט ווערן לויט אונדזער ווילן, וועלן אין אונדזער געפאַנגענשאַפט בלייבן דריי לעגאַטן פון די אויסגערעכנטע שטאַנדן, פון יעדן צו איינעם. און עס וועט זיין, די קאָנדיציעס וועלן נישט אויסגעפירט ווערן צו אונדזער צופרידנקייט און אויב עמעצער וועט פון דער מויער אַראָפּשיסן, אָדער אַראָפּוואַרפן אַ שטיין, וועט דאָס זיין אַ צייכן פון ווידערשפעניקייט און אונדזערע אַרמייען וועלן נישט וויסן פון קיין חסד״.

פעטער איוואַנאָוויטש האָט איבערגענומען דעם פּאַפּיר־ראָל, דערלאַנגט אים אין די אויסגעשטרעקטע הענט פון פּאַניאַטאָווסקי, און נאָך איידער דער שליאַכטשיץ האָט באַוויזן נאָך עפּעס צו זאָגן, האָט זיך דער גענעראַל שאַרף אויסגעקערעוועט מיט זיין פערד, דאָס זעלביקע האָבן געטון זיינע באַגלייטער, און זיי זענען אַוועק, לאָזנדיק נאָך זיך אַ שווערן וואָלקן פון שטויב. ווי דער שטויב פון אונטער די פערדישע פּאָדקאָוועס וואָלט געווען דער אָנהייב פון אַ שטורעם, אַזוי האָט זיך אַ שטורעם פון הימל אַראָפּגעלאָזט אויף די ייִדן פון לובלין.

בעת די פּרנסים האָבן געאײַלט צו דער וואָיעוואָדשאַפט אויסצוהערן וועגן די פאָדערונגען פון ייִדן, האָבן זיך קאָזאַקן אַריינגעריסן אין דער פאָרשטאָט און אינעם געסל פונעם טויער צו דער ייִדנשטאָט. די אימהדיקע הילפס־רופן האָבן זיך אויסגע־מישט מיטן געבראַזג פון אויסגעהאַקטע שויבן און מיט דעם געבריל פון די קאָזאַקן. אין דער ריכטונג צו דער ייִדנשטאָט איז אין בהלה פון רויב־גלוסט געלאָפן פון אַלע זייטן דער המון. שוין האָט דער פּלעבס ווי פון דער לופט אונטערגעכאַפּט עטלעכע אוקראַינישע ווערטער און געחנפעט די קאָזאַקן: „אידי, זדעז זשידי״, און איינצלנע פונעם המון זענען אַריין אין דער ייִדנשטאָט.

צוריק פון דער וואָיעוואָדשאַפט זענען די פּרנסים געגאַנגען אונטער דער מיליטערישער שוץ פונעם וואָיעוואָדע מיט פאָרשטייער פון דעם קאַפּיטולאַציע־ראַט איבערצונעמען דאָס ייִדישע פאַרמעגן פאַר דער קאָנטענטאַציע. שליחים זענען געלאָפן איבער דער שטאָט און גערופן, אַז די אַלע וואָס האָבן פאַרמעגן אין געלט, גאָלד און זילבער און אין אויסגעאַרבעטע סחורות זאָלן זיך איינזאַמלען ביים הויז פון קהל. דאָס אויסרופן איז געווען איבעריק, וואָרום אַרום הויז פון קהל האָט שוין

געלאַגערט דאָס ייִדישע לובלין און געוואַרט צו הערן די גזירה. און אַז ייִדן האָבן געהערט: דער וואָיעוואָדע פֿאַרזיכערט דאָס לעבן פֿון די ייִדן, אויב זיי וועלן פּינקטלעך אַרויסגעבן זייער גאַנץ פֿאַרמעגן, עס זאָל מער גאָרנישט בלײַבן פֿאַר רויב פֿון די קאָזאַקן — האָבן ייִדן אויפֿגעהויבן די הענט צום הימל. אַבי נישט אויסטער־לישס. מיט פֿאַרמעגן ווערט מען נישט געבוירן און פֿאַרמעגן נעמט מען נישט מיט זיך אין קבר אַרײַן.

פֿון אַלע עקן שטאָט האָבן ייִדן געטראָגן זייער האָב און גוטס און עס אַרויפֿ־געלייגט אויף די גרייטע וועגן אויפֿן מאַרק. ייִדן האָבן געטראָגן לײַכטער, קידוש־בעכערס, שטיקער זײַדנצײַג און סאַמעט, קערב געווירצן און לעדער — זאָלן זיי עס צונעמען, אַבי דאָס לעבן זאָלן זיי אונדז איבערלאָזן. אונטערגעאײַלטע פֿון שרעק האָבן ייִדן אַרויסגעפֿירט אויפֿן מאַרק הונדערטער אויסגעפּאַשעטע פֿערד, צענדליקער קאַרעטן און רײַטוועגן. דער מאַרק איז געווען צו קליין אויפֿצונעמען אַלץ, וואָס די ייִדן האָבן אַרויסגעבראַכט. און אַז מען האָט דאָס אַלץ אָנגעהויבן פֿירן צום טויער, האָבן זיך ייִדן געטרייסט: זאָל עס אונדז זײַן פֿאַר אַ כּפּרה! זאָל עס אונדז זײַן פֿאַר אַן אָפּקומעניש און פֿאַר אַן אויסקויף פֿון דער שרעק.

אָבער נאָך איידער דער לעצטער וואָגן מיט דעם רויב איז אַרויס פֿון דער ייִדנשטאָט, האָט זיך דער שטאָטישער המון צעווילדעט דערפֿון וואָס ביי די ייִדן איז נישט געבליבן וואָס צו רויבן, זיך אַ לאָז געטון צו קריסטלעכע הײַזער ווו רײַכע ייִדן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. אין שרעק פֿאַר נקמה פֿונעם פּלעבס, האָבן די אויס־באַהאַלטער די ייִדן אַרויסגעטריבן. די אַרויסגעטריבענע זענען געיאָגט געוואָרן דורך געזעלן און יונגוואַרג צום פּלאַץ פֿאַרן דאָמיניקאַנישן קלויסטער. דאָס געוויין פֿון די געטריבענע ווײַבער און קינדער איז נאָכגעחוזקט געוואָרן פֿון די באַגלייטער: „כיק־כיק! אוי־ווי!", האָבן זיי געשריגן און געוויזן מיט די פֿינגער אויף זייערע העלדזער.

לאה איז געווען אַליין מיט ברײַנדלען אין הויז, בעת צעשריגענע לײַט: „מיר ווילן דעם ייִדישן דאָקטאָר פֿאַר די קאָזאַקן", האָבן אויפֿגעריסן די טיר און זיך אַ לאָז געטון איבער די קאַמערן. לאה האָט אַ כאַפּ געטון ברײַנדלען ביי דער האַנט און ביידע זענען אַראָפּ פֿון די טרעפּ:

„איר זאָלט נישט שרײַען", האָט לאה געוואָרנט. ברײַנדל האָט מיט דער האַנט פֿאַרשטעלט זיך דאָס מויל. ווי נאָר זיי זענען אַראָפּ אונטן, זענען זיי געפֿאַנגען געוואָרן דורך אַ צעיושעטער יוגנט: „נאָך צוויי פֿאַר די קאָזאַקן! שלעפּט זיי!".

איצט האָט שוין ברײַנדל זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן. עס האָט פֿון איר אַרויס־געשריגן אַן איר ווילן. מיט שטעקנס און מיט רופֿן ווי צו פֿערד: „וויאָ, וויאָ, זשידוווקי", האָט מען זיי געטריבן צום פּלאַץ אַנטקעגן קלויסטער. הונדערטער ייִדן מיט פֿרויען און קינדער זענען שוין דאָ געווען צוגעטוליעט צו אײנאַנדער אין פּחד אַנטקעגן דעם רייצן זיך פֿונעם המון, אַז באַלד וועט מען זיי אַרויספֿירן ווי אַ קאָנטענטאַציע פֿאַר די קאָזאַקן.

די שמועה, אַז הונדערטער ייִדן האָט דער צעהעצטער המון צונויפֿגעזאַמלט

ביים דאָמיניקאַנישן קלויסטער, כדי זיי אַרויסצופירן צו דער שחיטה פון די קאָזאַקן, איז געווען דער לעצטער קלאַפּ, וואָס די פּרנסים האָבן געקענט אויסהאַלטן. אין דער ייִדנשטאָט האָבן געווילדעוועט באַנדעס קאָזאַקן, וואָס קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי זיי האָבן זיך אַריינבאַקומען. דער מאַרק, די גאַסן און די געסלעך זענען שוין געווען אויסגעליידיקט פון ייִדן. דורך שפּאַרעס פון פאַרהאַקטע לאַדנס האָט מען אויסגעשמעקט די הילפרופן און דעם שויבן־געבראַזג.

דאָס הויז פון קהל איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן מער וויפל עס האָט געקענט אַריינעמען. אויסער די פּרנסים מיט זייערע משפחות, זענען דאָ געווען טרעגערס, בעקערס און באַלעגאָלעס מיט זייערע משפחות. דאָס האָט מען צוזאַמענגענומען די פויסטן־שטאַרקע און דרייסטע פּאָר אַן עת צרה. די ענגשאַפט איז נאָך געווען גרעסער דערמיט וואָס ביי די פענצטער און ביי די טירן אין די קאַמערן זענען געווען אָנגעלייגט הויפנס מיט שטיינער.

דערהערט וועגן דעם אומגליק, אַז הונדערטער ייִדן זענען געכאַפּט געוואָרן, כדי איבערגעבן זיי אין די הענט פון די קאָזאַקן, זענען די ייִדן דערציטערט געוואָרן. יעדער באַזונדער פון די פּרנסים האָט מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן דאָס וואָרט, אַז מען דאַרף זיך משתדל זיין ביים קאַפּיטולאַציע־ראַט. אויף די גאַסן לויערט די סכנה פון די צעווילדעוועטע קאָזאַקן. יעדער וואָס וועט אַרויסזאָגן די עצה וועט זיך אַליין מתחייב זיין צו זיין צווישן די שתדלנים. צי וועט אַ ייִד אין אַזאַ צייט דערגיין אַ לעבעדיקער צום טויער? און אויב ער וועט דערגיין, צי וועט מען אויך אים נישט פאַנגען ווי אַ קרבן?

אַרטאַפּאַנוס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל אָנגעלענט מיט דער פּלייצע אין דער וואַנט. ער איז געווען מיד און דערשלאָגן. בעת פון דער שטאָט זענען אַרויסגעפירט געוואָרן די פאַרמעגנס פון די ייִדן, זענען גרופּן באַלעבאַטים פונאַנדערגעשיקט געוואָרן איבער די שילן און בתי־מדרשים צו באַהאַלטן די ספר־תורהס און די כלי־קודש. האָט אַרטאַפּאַנוס אַוועקגעשיקט שכנאַן אין שפּיטאָל, ער זאָל זיין מיט די קראַנקע אין אָט דער צייט און אַליין איז ער אַוועק אין דער מהרש״ל־שיל העלפן אין דעם אויסבאַהאַלט. פונעם שנעלן און בהלהדיקן גראָבן אַ גרוב אין דיל זענען די פּאָר באַלעבאַטים שנעל פאַרמאַטערט געוואָרן. האָבן זיך די ייִדן פונאַנדערגעטיילט מיט דער אַרבעט און זיך געטוישט. בעת צוויי האָבן אויסגעקוקט דורך די פענצטער, צי עס דערנעענטערט זיך נישט די געפאַר, האָבן די אַנדערע געגראָבן. אָבער אַפילו דאָס שטיין ביי די פענצטער האָט נישט וויניקער געמאַטערט ווי דאָס גראָבן אינעם האַרטן, פאַרטריקנטן באָדן. אַז דאָס באַהעלטעניש איז פאַרדעקט געוואָרן, האָבן שוין די קאָזאַקן געווילדעוועט. אַרטאַפּאַנוס האָט מער נישט געקענט אַהיימגיין. דורך הייף און שאַרנדיק זיך הינטער די ווענט פון הייזער, האָט ער צוזאַמען מיט די וואָס זענען געווען מיט אים אין דער שיל, דערגרייכט דאָס הויז פון קהל. זיינע אינגעווייד האָבן געציטערט פון שוואַכקייט און דערשלאָגנקייט. אפשר דערפּאַר איז צו אים נישט דערגאַנגען די שמועה וועגן די ייִדן ביים דאָמיניקאַנער קלויסטער, מיט דער שאַרפקייט, ווי קלענערע פאַלן פלעגן צו אים דערגיין. ער האָט אַפילו

נישט געטראַכט וועגן לאהן. די אַלע יאָרן איז ער אין זיין הויז געווען זיכער. גיט מען דאָך איבער, אַז דאָס האָט מען צוזאַמענגעטריבן די ייִדן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי קריסטן. אפשר האָבן די קריסטלעכע באַקאַנטע אַליין אַרויס־געטריבן די ייִדן צו דער שחיטה, כדי דאָס פאַרמעגן פון די רייכע ייִדן זאָל בלייבן ביי זיי?

פלוצים איז פאַר אַרטאַפּאַנוסן געשטאַנען ר׳ דוד אויערבאַך. זיין פּנים איז געווען שטייניק גראָ, פון דער זעלבער פאַרב וואָס זיין באָרד. אויך זיינע אויגן זענען געווען פון דער זעלבער פאַרב — זייער גלאַנץ איז געווען שטאַליק און שאַרף.

„ר׳ אליעזר, איר האָט געהערט? הונדערטער ייִדן זענען אין סכנה אויסגעע־שאָכטן צו ווערן. צי האָבן מיר נישט געגעבן וואָס מען האָט געפאָדערט פון אונדז, מיר זאָלן אויך מקריב זיין בלוט? ייִדישע עופעלעך און פרויען... ר׳ אליעזר... מען דאַרף די ייִדן ראַטעווען! איך בין גרייט צו גיין!״.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך איבערגעוועקט, ווי די ווערטער פון ר׳ דודן וואָלטן פון אים אַרויסגעצויגן די מידקייט און שוין איז ער געשטאַנען מיט צעשפּרייטע פיס ווי אַ זעלנער, וואָס הערט אויס אַ באַפעל.

„וואָס הייסט איר וועט גיין?! איר זענט אַן אַלטער מאַן, ר׳ דוד. צי איז נישטאָ ווער פון די פּרנסים זאָל מיט מיר מיטגיין!״, האָט ער אויסגערופן.

„אין אַזאַ שליחות טאָר מען קיינעם נישט אויפצווינגען״, האָט ר׳ דוד געפּסקנט, „עס וועלן גיין די, וואָס שטעלן זיך אַליין און וואָס פילן, אַז זיי וועלן דערגיין״.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אַדורכגעשטופּט אין דער מיט פון דער קאַמער און מיט אַ קול, וואָס האָט געקלונגען מיט פרישקייט און שטאַנדהאַפטיקייט, האָט ער אויס־גערופן:

„ר׳ דוד און איך — מיר גייען צום וואָיעוואָדע משתדל זיין זיך פאַר אונדזערע ברידער אין סכנה. ווער פון די חשובים גייט מיט אונדז? וואָס מער עס וועלן גיין, אַלץ מער וועט די שתדלנות האָבן אַ האַפט״.

„איך גיי מיט אייך!״, האָט אויסגערופן אברהם־שכנא דער פּרנס און זיך דורכגעשטופּט.

„מיר דאַרפן האָבן צו אונדזער שוץ פינף שטאַרקע ייִדן, וואָס צוזאַמען מיט אונדז וועלן זיין אין סך הכל ח׳, חיים, לעבן!״, האָט אַרטאַפּאַנוס ווידער אויסגערופן.

„איך גיי, איך גיי, דאָקטאָר!״, האָט זיך דורכגעשטופּט פישל דער בעקער, וואָס איז געווען באַוואָפנט מיט אַ שאַרפן אייזן.

„אויך איך!״, האָט זיך אַרויסגערוקט וועלוול דער באַלעגאַלע.

„איך גיי!״, האָט עמעצער אויסגערופן און איבער די קעפּ פון אַלע אויפגעהויבן אַן אייזן. ס׳איז געווען פסח דער קצב, אַ קליין ייִדעלע מיט ברייטע פעטע פּלייצעס.

אָפּגערופן האָבן זיך זיבן, נאָר אַרטאַפּאַנוס האָט אויסגעקליבן די ערשטע פינף. ער האָט אַלע געהייסן נעמען שאַרפע אייזנס און אַליין אויך גענומען אַזאַ אייזן. אַ צווייטן האָט ער דערלאַנגט ר׳ דודן. דער אויסגעאיידלטער תלמיד־חכם האָט דאָס אייזן נישט געקענט נעמען אין דער האַנט.

„וואָס וועל איך טון דערמיט?״, האָט ער געפרעגט, „קען איך שלאָגן?״.

„נעמט דעם אײַזן אין די הענט און איר וועט זיך דערפילן שטאַרק״, האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט.

„זאָל גאָט שטאַרקן מײַנע כוחות״, האָט ר׳ דוד געזאָגט פליסטערנדיק.

„גאָט שטאַרקט די שטאַרקע, ר׳ דוד!״, האָט אים אַרטאַפּאַנוס אַרײַנגעלייגט דאָס אײַזן אין די הענט.

די אַכט ייִדן האָבן זיך אַרויסגעשאַרט פון דער אָפּגעשפּאַרטער טיר און זיך אַרומגעקוקט. עס איז קײנעם נישט געווען צו זען. די גאַס איז געווען ליידיק.

„מיר וועלן קומען שנעלער ווען מיר וועלן זיך אויסהיטן צו באַגעגענען עמעצן״, האָט אַרטאַפּאַנוס שטיל געריידט פאַר זיך, „אַז מיר וועלן בשלום דערגיין צום טויער מוזן מיר גיין ווי זעלנער, צו צוויי אין אַ ריי און מאַרשירן ווי זעלנער. מיט די אײַזנס אויף די אַקסלען. נישט ענטפערן אויף חוזק־ווערטער!״.

דער וועג דורך די געסלעך איז געווען פרײַ. נאָענט צו דער גאַס, וואָס האָט געפירט צום טויער, האָט אַרטאַפּאַנוס געהייסן זיך אויסשטעלן צו צוויי אין אַ ריי און גיין אין זעלנערישער אָרדענונג. ביים טויער זענען געשטאַנען מענער און פרויען מיט קערב. אַז זיי האָבן דערזען די באַוואָפנטע ייִדן ווי זיי גייען אין זעלנערישער אָרדענונג, זענען זיי אַוועק אויף דער צווייטער זייט טויער. זיי האָבן געשוויגן. אויך אין דעם קריסטלעכן טייל האָט זיי קײנער נישט געשטערט, דאָך זענען זיי צום וואַיעוואָדישן פּאַלאַץ געגאַנגען דורך אַן אומוועג.

זיי זענען דערגאַנגען צום ציל. צום וואַיעוואָדע האָבן זיי זיך נישט דערשלאָגן. זיי האָט אויפגענומען דער שליאַכטשיץ פראַנציִשעק באַרטשינסקי, דער זעלבער, וואָס איז געווען צווישן די לעגאַטן ביים איבערנעמען די קאַפּיטולאַציע־באַדינגונגען פון דעם רוסישן גענעראַל. דעם דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס האָט ער אויפגענומען ווי אַ גוטן באַקאַנטן.

„וועמען זענט איר געקומען הרגענען?״, האָט ער געפרעגט, קוקנדיק אויף די דריי בכבודיקע ייִדן מיט די שאַרפע אײַזנס אין די הענט.

„ייִדן הרגענען נישט, אויב מען וויל זיי נישט הרגענען״, האָט אַרטאַפּאַנוס אויפגעהויבן דאָס אײַזן און באַקוקט די שאַרף, „מסתמא געדענקט דער גנעדיקער שליאַכטשיץ דעם געבאָט, וואָס גאָט האָט אונדז געגעבן אויפן באַרג סיני ,זאָלסט נישט מאָרדן!׳. מיר האָבן די אײַזנס גענומען אין אונדזערע הענט, כדי מיר זאָלן מיט זיכערקייט קענען אַהערקומען. פינף אונדזערע שומרים וואַרטן אויף אונדז אונטן. מיר זענען געקומען צו אײַך, גנעדיקער האַר״...

„מסתמא וועגן די אומגליקלעכע ביים קלויסטער״, האָט באַרטשינסקי געפּרוּווט טרעפן צוליב וואָס די ייִדן זענען געקומען.

„ריכטיק, מײַן האַר. ווי אַ צולאָג צו דעם, וואָס מיר האָבן אַוועקגעגעבן דאָס לעצטע פון זיך, האָט וועד באַשלאָסן אויך אונדזער בלוט צו נעמען!״.

„דאָקטאָר, נישט איך און נישט קײנער פונעם קאַפּיטולאַציע־ראַט האָט אַזוי באַשלאָסן. אונדזער אומגליקלעכע שטאָט איז בעזפּאַנסקי געוואָרן. עס הערשט דער

גארניזאָן פון זייערע מושקעטערן, עס הערשן די קאָזאַקן און דער המון איז צעוויל־דעוועט", האָט באַרטשינסקי געזאָגט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

„מיר בעטן חסד ביי אייך, מיין האַר, און ביים ראָט זיך איינצושטעלן פאַר די אומגליקלעכע", האָט אַרטאַפּאַנוס צוזאַמענגעלייגט די הענט ווי צו אַ תפילה. „איך האָף, אַז מען האָט זיי נאָך נישט אויסגעליפערט".

„דאָס ווילדעניש יאָגט זיך נאָך דערוויל נאָך יידן. איך בין אין ספק, צי דער ראָט האָט איצט די מעגלעכקייט דערמיט זיך צו פאַרנעמען", האָט באַרטשינסקי נאָך אַלץ נישט אויפגעהויבן די אויגן.

„עס האַנדלט זיך וועגן הונדערטער מענטשלעכע לעבנס. דאָרט זענען קינדער, פרויען און מענער"... אַרטאַפּאַנוס האָט נישט פאַרענדיקט און איבערגעגאַנגען צו אַן אַנדער טאָן: „קאַפּיטולירט, אָדער נישט קאַפּיטולירט, אַנערקען איך נאָר די מאַכט פון דער שליאַכטע איבער אונדזער שטאָט! נאָר פון דער שליאַכטע וועלן די יידן אַנטעמען באַפעלן; פרעמדע קענען אונדז נאָר אויפצווינגען. טוט חסד מיט אונדז, האַר. מיר האָבן איינגעשטעלט דאָס לעבן אַהערצוקומען צו אייך. צי קענט איר פאַרגעסן, אַז די וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי קריסטן זענען פאַרמעגלעכע יידן, וואָס אַפילו זיי האָבן אַלץ אַוועקגעגעבן קומט זיי נאָך אַ סך געלט און זיי האָבן אויך געלט אין אַנדערע שטעט? איר טאָרט עס נישט פאַרגעסן".

„מיר וועלן נאָך פרוון איינזאַמלען אַ גרעסערע סומע געלט", האָט אברהם שכנא אַריינגעוואָרפן.

באַרטשינסקי האָט ביידע הענט אַריינגעשטעקט אין גאַרטל, און אויפהייבנדיק דעם קאָפּ האָט ער אַנגעקוקט די דריי שתדלנים. עס איז געווען צו זען, אַז די ווערטער דערגייען צו אים.

„מתנות מתנות", האָט ר' דוד שטיל געזאָגט אין אַ זייט, בלויז כדי אברהם שכנא זאָל הערן.

אברהם שכנא האָט געהערט. ער האָט פון בוזעם אַרויסגענומען אַ זעקעלע מיט מטבעות און עס אַוועקגעלייגט אויף זיינע ביידע האַנט־פלאַכן, ווי עס וואָלט געווען אַ לעבעדיק נפשל:

„אונדזער מאַכט וועט איצט דאַרפן געלט", האָט ער די הענט מיט דעם זעקעלע מטבעות אויסגעשטרעקט צום שליאַכטשיץ. „פאַרוואָס זאָל עס אַריינפאַלן אין די הענט פונעם שונא, ווען אונדזערע אייגענע זענען איצט אין קלעם?".

דער אַדלמאַן האָט גוט פאַרשטאַנען די פּאַטריאַטישע געפילן פון די יידן, ער האָט דאָס זעקעלע מיט מטבעות אַנגענומען מיט צוויי פינגער און עס איבער־געטראָגן צו זיך אין בוזעם:

„נאַטירלעך, נאַטירלעך איז דאָס הפקרות, דער פּוילישער המון זאָל צוהעלפן אונדזער שונא קעגן די יידן. דערוויל האָבן נאָך די מאָסקאַלעס נישט געפּאָדערט פון אונדז דאָס געוועהר. און כל־זמן מיר זענען באַוואָפנט, וועלן מיר אַרויסשיקן אונדזערע מענטשן צו באַפרייען די אומגליקלעכע יידן".

ער האָט געהייסן די דריי יידן וואַרטן און אַליין איז ער פאַרשוווּנדן. די דריי

יידן זענען געבליבן אינעם גרויסן זאַל, אין וועלכן מער ווי שווערע דעמבענע זעסלען זענען נישט געווען און די שטילקייט האָט געהויערט. די דריי יידן זענען געשטאַנען אַזוי ווי דער שליאַכטשיץ האָט זיי איבערגעלאָזט. אַרטאַפּאַנוס האָט איבערגעלייגט דעם שלאַג־אייזן איבער זיינע אַקסלען, ווי קרעמעשלעס, און אָנ־נעמענדיק אים מיט די הענט פון ביידע זייטן, האָט ער געפרעגט:

„צי איז עס נישט אַ נס, וואָס צווישן אַלע ,לאוו׳, וואָס דער הימל האָט אונדז געבאָטן, איז נישטאָ קיין ,לא תתן שוחד׳? ווי אַזוי וואָלטן מיר געקענט לעבן אויף דער וועלט צווישן וועלף?".

ער האָט אויפגעכאַפּט ר׳ דודס בליק. דער תלמיד־חכם האָט פאַרזשמורעט די אויגן און די פאַלדן אויפן שטערן האָבן זיך אים אויסגעצויגן:

„דער באַשעפער פונעם מענטש האָט דאָך געוווּסט מיט וואָס פאַר אַ חולשות ער האָט באַשאַפן דעם בן־אדם. האָט ער געוווּסט, אַז דער מענטש קען אַלע זיינע חולשות און תאוות בייקומען, אָדער מיט דער ריינקייט פון זיין הארץ אָדער פאַר אַ מתנת־יד. האָט ער דעם „לאו" פון שוחד אויסגעמיטן, כדי זיין עם הבחירה זאָל נישט אינגאַנצן אַנטוואַפנט ווערן צווישן די וואָס ווילן אים שלעכטס טון. שוחד איז אַ כלי־זיין, וואָס פאַרשיכורט דעם שונא און מאַכט אים אומשעדלעך".

„הלוואי וואָלט מען געקענט משחיד זיין די מלכים פון די פעלקער זיי זאָלן נישט פירן צווישן זיך מלחמה", האָט אַריינגעוואָרפן זיין דעה אברהם שכנא דער פּרנס.

אליעזר אַרטאַפּאַנוס האָט דעם שלאַג־אייזן אַראָפּגענומען פונעם אַקסל און אָנגעמענדיק אים ווי אַ שווערד, מיט וועלכער ער וואָלט זיך געגרייט צו פעכטן, האָט ער זיך אַ באַוועג געטון אין אַ זייט:

„אויב די הערשער נעמען נישט קיין שוחד פאַר נישט פירן מלחמה איז עס נישט דערפאַר, ווייל זיי האַלטן, אַז נעמען שוחד איז אַ בזיון בעת פירן מלחמה און הרגענען מענטשן איז ריטערלעך, נאָר דערפאַר ווייל זיי האָפן, אַז אין מלחמה וועלן זיי דעראָבערן אַזאַ טייערן רויב, וואָס קיינער וואָלט זיי אַזאַ שוחד נישט געגעבן".

„ריכטיקע ווערטער!", האָט ר׳ דוד אויסגערופן. „דערפאַר גלייב איך נישט, ביז משיח וועט קומען, אַז מלכים וועלן אַמאָל אויפהערן פירן מלחמה צווישן זיך. דער רויב־גלוסט, דער רויב־גלוסט!".

„און די תאווה צו הערשן, וואָס איז די שטאַרקסטע פון אַלע תאוות", האָט אַרטאַפּאַנוס צוגעגעבן און אויפגעהויבן דאָס אייזן ווי אַ סצעפּטער.

עס האָט זיך געעפנט די שווערע זייטיקע טיר און פראַנצישעק באַרטשינסקי איז אַריין אַ צופרידענער:

„איר קענט, מיינע לייט, גיין אַהיים", האָט ער געזאָגט גרויסמוטיק און צעעפנט די אָרעמס. „אונדזערע וואַכן האָבן צעטריבן דעם צעיושעטן המון און באַפרייט די יידן. עס וועט איצט קיינעם קיין שלעכטס נישט געשען פון דער פּוילישער זייט. אונדזערע וואַכן פּאַטראָלירן די שטאָט. אָבער געדענקט, אַז קעגן די קאָזאַקן קענען

מיר גאָרנישט טון. אויף דער פאַרשטאָט האָבן זיי פאַרגוואַלדיקט צוויי נזירות, אײן גלח האָבן זיי פאַרשלעפּט אין לאַגער, אויסגעטון אים נאַקעט און אַ נאַקעטן ווי די מוטער האָט אים געהאַט, האָבן זיי אים אַריינגעטריבן אין שטאָט. קאַפּיטולירט מען — איז מען אויסגעשטעלט צום חסד פונעם שונא. אַזוי איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן".

„מיר דאַנקען אייך פאַר אייער חסד", האָט אַרטאַפּאַנוס זיך טיף פאַרנייגט, און אַזוי האָבן געטון ר' דוד און אברהם שכנא.

אַרטאַפּאַנוס האָט צוגעפירט זיינע באַגלייטער ביז צום טויער פון דער ייִדנ־שטאָט, זיך געזעגנט מיט זיי און אַוועק אַהיים.

זיין היים האָט ער געטראָפן צעשטערט און אויסגערויבט. די חפצים, וואָס די רויבער האָבן נישט געקענט נעמען מיט זיך צוליב זייער איילעניש, זענען געווען צעוואָרפן איבער די קאַמערן, די טישן איבערגעדרייט, די אַלמערס און קופערטס צעהפקרט און אַלץ, וואָס האָט זיך געלאָזט כאַפּן — איז נעלם געוואָרן. פון די באַלקנס און ווענט זענען אַפילו פאַרשוווּנדן די מעשענע לאָמפּן. אין דער האַלב־פינצטערניש פון דעם אָנקומענדיקן פאַרנאַכט, האָט אַרטאַפּאַנוס געפונען לאהן און בריינדלען, וואָס האָבן נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקערט פונעם קלויסטער־פּלאַץ. לאה איז אַרויפגעפאַלן אויף דער ברוסט פון איר מאַן און זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד:

„קוק נישט וואָס אַלץ איז צערויבט, אַבי מיר זעען זיך ביים לעבן", האָט זי אים געטרייסט.

„האַר־לעבן, זיי האָבן דאָך געוואָלט די האַרינטע, חלילה, אַוועקפירן צו די קאָ־זאַקן", האָט בריינדל געבראָכן די הענט, „כ'בין דאָך פון צער שיעור נישט אַראָפּ פון זינען. ס'איז עק וועלט, האַר־לעבן!".

„כ'האָב נישט געוווּסט. כ'האָב גאָרנישט געוווּסט", האָט זיך אַרטאַפּאַנוס פאַר־ענטפערט און געטוליעט צו זיך די וויינענדיקע לאה.

ווי עפּעס וואָלט זי אויפסניי אויפגעטרייסלט, האָט לאה אַרומגעכאַפּט אַרטאַ־פּאַנוסן אַרום האַלדז און אַרויפגעוויינט צו אים:

„לאָמיר פון דאַנען אַנטלויפן. אויף ד ע ר זייט וועלן זיי אויסשעכטן אַלע ייִדן. איך פיל עס, ווי גאָט איז מיר ליב. לאָמיר אַוועק פון דאַנען!"

„פריער באַרויִק זיך, לאה. די וועלט גייט נישט אונטער. איצט איז נישטאָ וווּ צו לויפן. די קאָזאַקן און די מאָסקאָוויטן לאַגערן ביים טויער און דאָרט איז גרויס די געפאַר. שכנא איז געווען?", האָט זיך אַרטאַפּאַנוס דערמאָנט, „ער האָט שוין געדאַרפט זיין".

ער האָט געפּרוּווט אָנהאַלטן זיין רויִקייט ווי נאָר מעגלעך, כאָטש ער איז געווען צעטרייסלט פון דעם אַלעמען. אויף לאהן האָט זיין רויִקייט נישט אָפּגעווירקט. דאָס דערמאָנען שכנאן האָט ווידער אויף איר אָנגעיאָגט אַ נייע כוואַליע פון ייִאוש:

„גאָט אין הימל! גאָט אין הימל! מיין קינד איז דאָך נישטאָ. אַלץ צעפאַלט זיך. דו זעסט?".

נאָר נישט ייאוש, לאה. אין ייאוש וועלן מיר אַפילו אונדזערע אייגענע הענט און פיס נישט געפינען. שכנא האָט זיך פאַרזוימט אין שפּיטאָל. ער וועט באַלד קומען. וועלן מיר צוזאַמען אַלץ ווידער אויפשטעלן און איינשטעלן, ווי עס איז געווען".

אַרטאַפּאַנוס האָט לאהן געקלעפּלט אין דער פּלייצע, ווי מען טוט עם ביים באַרויִקן אַ קינד. בריינדל האָט אים געהאָלפן:

„דער האַר איז גערעכט. אַבי אַרויס מיטן לעבן. עלעהיי, חלילה, אַ שׂריפה. איז וואָס? נעמט מען זיך, חלילה, ס'לעבן?".

„איך וויל דאָ, אין דעם הויז, מער נישט זיין. איך פיל עס איז נישט גוט. לאָמיר אַוועק ווו אַלע יידן זענען. מיר וועלן זיין צוזאַמען. וואָס עס וועט געשען מיט אַלע, וועט געשען מיט אונדז. דאָ זענען מיר אין די הענט פונעם שטאָטישן המון. אַז אַלץ וועט זיך איינשטילן, וועלן מיר צוריק קומען. איך בעט דיך: טו עס פאַר מיר", האָט לאה געבעטן מיט פאַרפּויסטע הענט אויף זיין ברוסט.

„צינדט אָן ליכט וויפל ס'איז נאָר מעגלעך!", האָט אַרטאַפּאַנוס באַפוילן בריינדלען.

די אַלטע איז אַוועק. אַרטאַפּאַנוס האָט גענומען לאהס קאָפּ אין זיינע הענט און איר אַ קוש געטון:

„איך זע דיך צום ערשטן מאָל אין אַזאַ מצב", האָט ער געזאָגט אַזוי צאַרט און שטיל ווי נאָר מעגלעך, „דו האָסט זיך איבערגעשראָקן מיט אַ טויט־שרעק און דאָס איז אַלץ. באַהערש זיך, לאה".

די אָנגעצונדענע ליכט, האָבן נאָך מער אונטערגעשטראָכן דעם עלנט אין סאַלאָן. די שאָטנס פון דעם איבערגעקערטן מעבל האָבן פול געמאַכט אַלע ווינקלען מיט אומהיימלעכקייט. אויך די ליכט אַליין, אָנגעשמאָלצענע אויפן ראַנד פון דעם איבערגעקערטן טיש און אויף די פענצטער־ברעטלעך, זענען געווען ליכט פון טרויער. אפשר איז לאה גערעכט, האָט אַרטאַפּאַנוס אַ שטאָך געטון אַ מחשבה. נישטאָ אין הויז אַפילו אַ לאָמפּ, אַפילו ווו אַ ליכט אַריינצושטעלן. אין אַזאַ צייט פון הפקר וועט קען קאָווירן, אַז דער המון וועט ביינאַכט זיך נישט אַריינרייסן אויף אויסצורויבן וואָס ער האָט נישט אויסגערויבט אין בהלה? ער האָט אַ קוק געטון אין ווינקל ווו ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם אָנגעשאַרפטן אייזן. דאָס איז זיין איינציק געווער. מיט אַ צעווילדעטן המון וועט ער זיך נישט קענען שלאָגן. ער איז אַרויס אין פּרוזדור, כדי צו זען אין וואָס פאַר אַ מצב עס איז די אַריינגאַנג־טיר. ער האָט דערהערט טריט אויף די טרעפּ און דערקענט, אַז דאָס זענען שכנאס טריט. מען דאַרף אים צוגרייטן צו דעם אַלעמען! ער איז אַ פילבאַר קינד. אַרטאַפּאַנוס האָט נישט געקענט זיך צוגרייטן. באַלד אין זיין ערשט וואָרט האָט דער זון דערקענט, אַז דער פאָטער זאָגט עפּעס אַנדערש און זיין קול איז אַן אַנדערס. אַרטאַפּאַנוס אַליין האָט עס דערפילט און געשוויגן.

„וואָס איז געשען?", האָט שכנא זיך אַרומגעקוקט. „האָסטו געווײנט מוטער? דו האָסט אָנגעשוואָלענע אויגן".

לאד האָט מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס אָנגעוויזן אויפן הפקר.

„דער המון האָט די מאַמע צוזאַמען מיט ברײַנדלען פאַרשלעפּט צום קלויסטער־פּלאַץ און דאָס הויז אויסגעזלט". אַרטאַפּאַנוס האָט אויפגעשטעלט אַ זעסל און געפּרוּווט לאָזן אַוועקזעצן. זי האָט זיך אָפּגעטרייסלט און ערשט איצט אַרויפגעפאַלן אויף דער ברוסט פונעם זון:

„מיין קינד, מיין קינד. העלף מיר, דער פאָטער זאָל מסכים זיין מיר זאָלן היינט אַוועק פון דעם הויז. איך האָב מורא פאַר אייער לעבן. דער פאָטער האָט נישט געזען די אויגן פונעם המון ביים טרייבן אונדז צום קלויסטער. ער האָט נישט געזען. רוצחים, מיין קינד, רוצחים!".

שכנא האָט אָנגעקוקט דעם פאָטער. איבערן אַקסל פון דער מוטער האָט ער זיך געוואָלט פאַרשטענדיקן מיטן פאָטערס בליק. אַרטאַפּאַנוס האָט נישט געקוקט אין זיינע אויגן. אַ מינוט פון שוואַכקייט האָט זיך אויף אים אַרויפגעוואָרפן.

„אין שפּיטאָל איז נישט גוט. די קראַנקע פּילן, אַז זיי זענען נישט געשיצט", האָט געזאָגט שכנא, כדי אַזוי אַרום צו מאַכן דעם פאָטער רעדעוודיק.

„האָבן מיר דען געוועז זיך אַליין צו שיצן?", האָט אַרטאַפּאַנוס אָנגעוויזן אין ווינקל ווו עס איז געשטאַנען דער אייזן, „קעגן ביקסן און שווערדן וועלן מיר זיך ביינאַכט מיט שטיינער נישט שיצן".

„איז נישט די מוטער גערעכט מיר זאָלן אַוועק פון דעם הויז? אַז זיי זענען געקומען איין מאָל אַהער, קענען זיי אויך אַ צווייט מאָל קומען".

אַרטאַפּאַנוס האָט נאָכגעגעבן:

„אין דער ייִדנשטאָט גיין? אין אַזאַ ענגשאַפט? סיידן אין יעקלס איינפּאַר־הויז, ווי פרעמדע".

„דאָרט וועלן מיר גיין!", האָט זיך לאה אָנגעכאַפּט, „ער האָט געראַמיגע קאַמערן און ער האָט אַלץ, וואָס מען דאַרף פאַר געסט".

„דאָס איז אונדזער גורל: פליטים אין דער אייגענער היים!", האָט אַרטאַפּאַנוס אַרויסגעזאָגט די ווערטער ווי אַ גזר־דין.

אַרטאַפּאַנוס האָט אַראָפּגענומען אַן אָנגעצונדן ליכטל פונעם ראַנד פון דעם איבערגעקערטן טיש און מיט דעם אַוועק אין אַ וויַיטער קאַמער. ער האָט דאָרט געזוימט לענגער און צוריקגעקומען מיט אַ זעקל מטבעות. ער האָט די מטבעות צעטיילט אויף דריי חלקים, איין חלק געגעבן לאהן צו באַהאַלטן און אַ צווייטן חלק געגעבן שכנאן. דעם דריטן חלק האָט ער באַהאַלטן ביי זיך אין בוזעם.

„אַ נס די גזלנים האָבן די באַהעלטעניש נישט געפונען", האָט שכנא באַמערקט, אַריינלייגנדיק די מטבעות אין דער אונטערשטער טאַש פונעם אויבער־בגד.

„ווילדע חיות פרעסן נאָר דאָס וואָס זיי זעען פון אויבן", האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט טרוקן און אין דער רגע האָט אים זיין אייגן הויז שוין אויסגעזען פרעמד.

זיי זענען אַוועק לאַזנדיק דאָס הויז מיט דער אויפגעבראָכענער טיר.

אין זיין צעשראָקנקייט האָט ר' יעקל אויפגענומען די פאַמיליע אַרטאַפּאַנוס ווי אַ ניסימדיקן סימן. ער האָט נישט אויפגעהערט דאַנקען גאָט וואָס ער האָט אים

צוגעשיקט אַזעלכע ליבע און אָנגעלייגטע געסט, כאָטש ער וואָלט דאָס זעלבע געוואָלט אין אַן אַנדער מעמד. נאָר וואָס זאָל מען טון? מיר זענען אין די הענט פון דעם מלך מלכי המלכים — ער און זיין משפט איז גערעכט.

„גערעכט, גערעכט, ר׳ יעקל, האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט סאַרקאַסטיש, „פאַרוואָס מאַכט ער נישט מיר זאָלן אויך משיג זיין זיין גערעכטיקייט?״.

ר׳ יעקל איז געבליבן שטיין מיט ליידיקע הענט.

„וואָלסט בעסער געגרייט צום טיש״, האָט ברײַנדל אים אַ זאָג געטון. „די הערשאַפטן האָבן דאָך אַ גאַנצן טאָג נישט געהאַט אין זייער מונד״.

ר׳ יעקל איז אַוועק אַן איינגעבויגענער, איבערחזורנדיק אין דער מחשבה: פאַרוואָס מאַכט ער נישט מיר זאָלן משיג זיין זיין גערעכטיקייט?

ברײַנדל האָט נישט געוואַרט ביז ר׳ יעקל וועט גרייטן צום טיש. ס׳איז געווען פאַר איר אַ פרעמדער טיש און דאָ וועט זי נישט עסן, הגם אויך זי האָט אין איר מויל נישט געהאַט פון אינדערפרי. צום ערשטן מאָל נאָך אַ סך יאָרן האָט זי זיך געדאַרפט צעשיידן אויף ביינאַכט און גיין שלאָפן צו אירע קינדער. זי וועט נישט דאַרפן אויפשטיין אין דער מיט פון דער נאַכט צו גיין פּרוּוון, צי מען האָט פאַרריגלט די טיר; זי וועט פאַרטאָג נישט דאַרפן אויפשטיין אָנצוּוואַרעמען וואַסער און צוגרייטן אָנבייסן. פאַרן פאַרלאָזן זיין הויז האָט דער האַר געזאָגט עפּעס, וואָס זי האָט נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, נאָר זי האָט געפילט, אַז ער האָט אויך גערעדט צו איר האַרץ. דאָס זעלבע האָט זי געפילט ביים נעמען אָפּשייד פון די הערשאַפטן. ניין, ניין, זי וועט נישט עסן גאַרנישט. זי איז זאַט מיט צרות, אַז זאָט זיין מיט צרות זאָלן אַלע שונאי ישׂראל. און גאָט זאָל העלפן, אַז מערטשעם די נאַכט זאָל אַדורך רויִק, וועט זי בלי־נדר דאָ זיין אין דער פרי. די שיך פון דער האַרינטע זענען אַזוי פאַרשטויבט, וועט זי זיי שוין אינדערפרי אָפּפּוצן...

ברײַנדל איז אַוועק מיט אַן אָנגעלאָדן האַרץ פון צער, וואָס לאָה וועט די נאַכט שלאָפן אויף אַ פרעמד געלעגער.

ברײַנדל איז אין דער פרי שוין מער נישט געקומען. נישט געזאָגט קיין „גוט מאָרגן, האַרינטע״, און אירע שיך נישט אָפּגעפּוצט פונעם שטויב.

פאַר האַלבער נאַכט, ווען די יידנשטאָט איז געשלאָפן דעם שלאָף פון צער, איינגעדעקט מיט אַן ערב־סוכותדיקן הימל, האָבן עטלעכע ביקסן־שאָסן אויפגעוועקט די יידנשטאָט. דורך די שפּאַרעס פון די לאָדנס האָבן די אויפגעוועקטע געזען אַ ראָזע שיין. צי זענען זיי אַזוי טיף געשלאָפן, אַז זיי זענען אַריינגעשלאָפן אינעם באַגינען ווען די ראָזע זון גייט אויף איבער דער יידנשטאָט? אַן אומהיימלעכער גערודער האָט זיי אַרויסגעטריבן פון די בעטן און דורך די אָפּגעלעפנטע טירן האָבן זיי דערזען, אַז אויבן, אויפן באַרג ברענט דער פּאַלאַץ און די פלאַמען ציען זיך אַראָפּ צו פאַדזאַמטשע, ווו עס וווינען די גבירים. איצט האָבן זיי שוין אויך דערפילט דעם רויך, וואָס דער געענדערטער ווינט האָט געטריבן צום מאַרק. און פּלוצים, ווי די פלאַמען אַליין וואָלטן געשריגן, האָט זיך צו דער שטאָט אַראָפּגעטראָגן אַ געשריי פון מענטשלעכע העלדזער אויסגעמישט מיט ביקסן־קנאַלן. די אויפגעוועקטע האָבן

צוריק פֿאַרקלאַפּט די טירן, זיך אײליק אָנגעטון און אויך אָנגעטון די שלאָפֿנדיקע קינדער. פֿאַרבײַ די פֿאַרקלאַפּטע לאָדנס האָבן זיך דורכגעטראָגן אײנצלנע לויפֿנדיקע מענטשן.

וואָס נענטער צו דער ריכטונג פֿון פּאָדזאַמטשע, אַלץ אָפֿטער זענען געוואָרן די לויפֿנדיקע. אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג, אַראָפּ צו דער ייִדנשטאָט, צום הויז פֿון קהל, זענען געלאָפֿן גאַנצע משפּחות מיט קינדער. „די קאַזאַקן רצחנען און רויבן!", האָט עמעצער פֿון די אַנטלויפֿנדיקע אויסגעשריגן און די פֿינצטערע בשורה האָט זיך מיט ווידער־קולות צעטראָגן איבער דער שטאָט. ביים הויז פֿון קהל זענען שוין לייטן פֿון פּאָדזאַמטשע געזעסן אויף דער הוילער ערד צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער. פֿאַרשטיינערטע האָבן זיי געקוקט צו די פֿלאַמען און פֿון שרעק נישט געהערט די געשרייען און הילף־רופֿן. כאָטש נאַכט איז געווען, האָט די שיין פֿון דער שׂריפֿה טאָג־געמאַכט איבער דער ייִדנשטאָט מיט אַן אימהדיק רויטלעך ליכט, און די דערשראָקענע פּנימער האָבן אין דעם ליכט אויסגעזען ווי פּנימער פֿון געשפּענסטער.

פֿון די אָרעמע געסלעך זענען אָנגעלאָפֿן די טרעגער, באַלעגאָלעס און בעקער־יונגען באַוואָפֿנט מיט שאַרפֿע אײַזנס.

כאָטש זיי זענען פֿון קהל געווען באַשטימט צו פֿאַרטיידיקן די ייִדנשטאָט, זענען זיי צעטומלט געוואָרן ווי נאָר זיי האָבן דערזען ווייבער און קינדער אויס־געזעצט אין ענגשאַפֿט אויף דער ערד.

„וואָס איז דאָ צושטאַנד געקומען?!", האָט עמעצער געפֿרעגט און קיינער האָט נישט געענטפֿערט. פּלוצים איז אָנגעלאָפֿן מענדל פּרנס מיט צוויי קליינע קינדער אויף ביידע אָרעמס און ביי די פֿאָלעס האָבן זיך אים אָנגעהאַלטן נאָך דריי יונגע קינדער:

„ייִדן, וואָס שטייט איר? אויף וואָס וואַרט איר?! די קאַזאַקן האָבן געהרגעט מיין ווייב. דאָרט טוט זיך חושך! זיי הרגענען!!!". ער האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אויף איין פּלאַץ, ווי ער וואָלט געזוכט אַן אָרט אַראָפּצוזעצן די קינדער און שטיין בלייבנדיק, האָט ער אויסגעשריגן נאָך העכער, מיט אַ קול פֿון אַ באַנומענעם: „טוט עפּעס, ייִדן! זיי וועלן אונדז אויסשעכטן ביז איינעם!".

ווי עס וואָלט אויפֿגעריסן אַ פֿייערבאַרג, האָט זיך צום הימל אויפֿגעהויבן אַ נייער פֿלאַמען־וואָלקן און נאָך ליכטיקער געמאַכט אַרום דעם הויז פֿון קהל. דער נייער פֿלאַם האָט אַפּגעדעקט אַ גרויסע מחנה ייִדן, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון אַ זייטיק געסל. די מחנה האָט זיך פֿאַרבייגעטראָגן דאָס הויז פֿון קהל און קולות פֿון דער מחנה האָבן גערופֿן: „ייִדן, וואָס זיצט איר דאָ? דאָס פֿייער וועט באַלד דאָ זיין! די קאַזאַקן זענען שוין נאָענט!".

מענדל פּרנס האָט די צוויי קינדער פֿון זיינע אָרעמס אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד און אויסגעשריגן צו די, וואָס זענען געשטאַנען מיט אײַזנס אין די הענט: „קומט מיר מיר, מען דאַרף ראַטעווען ייִדן!". די טרעגער, באַלעגאָלעס און בעקער־יונגען האָבן זיך אַ לאָז געטון נאָך מענדלען, ווי עס האָט זיי פֿאַרהאַלטן דער אַנלויפֿנדיקער ר' דוד אויערבאַך:

„ווו איילט איר יידן?! דאָרט איז אַ גהינום״, האָט ער אָנגעוויזן אין דער ריכטונג צו פאַדזאַמטשע, „ווער עס האָט זיך געקאָנט ראַטעווען איז אַוועק צו די פעלדער, די געבליבענע האָבן די קאָזאַקן אויסגעשאָכטן. זיי רויבן די הייזער וואָס ברענען״.

ווי אַ ריזיקער פאַרניכטנדיקער פליגל האָט דאָס פייער זיך אויסגעשפּרייט. דער רויך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער און געברענט אין די אויגן. גאָר נאָענט, ווי עס וואָלט געווען אין שכנות פון דעם הויז, האָבן ווייבערישע קולות גערופן הילף. עטלעכע פון די טרעגער זענען אַוועק הינטער דעם הויז און נעלם געוואָרן. מענדל איז צוריקגעלאָפן צו זיינע קינדער, וואָס ער האָט געלאָזט אויף דער ערד. צו די ווייבערישע קולות זענען איצט צוגעקומען קולות פון מענער. עס האָט אויסגעזען ווי אַלץ וואָלט געדויערט נישט מער אַן אויגנבליק: די נעלם געוואָרענע טרעגער זענען צוריקגעקומען צום הויז פון קהל:

„קאָזאַקן גייען אַהער! אַנטלויפט מיט די קינדער און ווייבער צום מאַרק!״.

ווי אַ ווינט וואָלט אַלץ אויסגעקערט, איז דער פּלאַץ פאַרן הויז אָפּגעליידיקט געוואָרן. די טרעגערס, באַלעגאָלעס און בעקער־יונגען זענען אַריין אינעווייניק און צוגעלענט די טיר. עס איז געוואָרן שטיל, אַזוי שטיל ווי אַלץ וואָס האָט זיך אָפּגעטון אַביסל ווייטער וואָלט נישט געהאַט קיין שייכות צום פּלאַץ אַרום דעם הויז פון קהל. אַ טויטער אינדזל. עס האָט געדויערט נישט לאַנג ווי עס האָט זיך דערהערט אַ גערויש ווי פון אַ געוואַנד אויפן ווינט. עטלעכע צענדליק קאָזאַקן האָבן זיך באַוויזן אויפן פּלאַץ, אַ פּאָר טריט פונעם הויז. עטלעכע פון זיי האָבן געטראָגן אָנגעצונדענע פּעך־פאַקלען. „דעז באָגאַטי זשידי״, האָט איינער אָנגעוויזן מיט אַ שווערד אויפן הויז פון קהל. דער ערשטער האָט זיך צו דער טיר אַ לאָז געטון איינער מיט אַ פאַקל און מיט אַ פוס אַ בריקע געטון אין דער טיר. די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט און פון אימפּעט צוריק זיך פאַרקלאַפּט. צוויי אַנדערע קאָזאַקן מיט פאַקלען זענען געלאָפן צו די ווינקלען פון הויז, צו אונטערצינדן עס. דעמאָלט האָבן זיך אַלע אַנדערע אַ לאָז געטון צו דער טיר מיט אַ געשריי. פון דעם אימפּעטיקן לויף האָט זיך די טיר אויפגעפּראַלט און די ערשטע זענען אַריינגעפאַלן אין דעם פינצטערן חלל. ס׳האָט זיך געהערט אַן אימהדיקער געראַנגל אויסגעמישט מיט געשרייען. עמעצער האָט אַ גרילץ געטון: „פּאָדפּאַלאַי!״, און איז פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש פונעם הויז. די געשרייען אינעווייניק האָבן פאַרטויבט דעם געראַנגל. „יידן שלאָגן קאָזאַקן!״, האָט איינער אַרויסגעשריגן פון דער טיר־עפענונג, און די קאָזאַקן, וואָס זענען געבליבן אין דרויסן, האָבן זיך אַלע אַ שפּאַר געטון צו דער טיר. זיי האָבן נישט געקאָנט אַריין. פון אינעווייניק האָבן זיך געהערט קלעפּ און קרעכצענישן, ווי ביים אַראָפּלאָזן העק איבער קלעצער. „בי! בי!״, האָבן געשריגן די קאָזאַקן, וואָס האָבן נישט געקאָנט זיך אַריינבאַקומען אין הויז.

דערווייל האָט דאָס הויז אָנגעהויבן ברענען פון אַלע פיר זייטן און ס׳האָט זיך דערהערט אַ געבראַזג פון געפּלאַצטע שויבן. אַ געדיכטער נאַסער רויך האָט זיך פאַרצויגן איבערן פּלאַץ און פאַרווישט די געשטאַלטן. מיט אַ קראַך האָבן זיך אויפ־

געריסן די לאַדנס פֿונעם פֿענצטער ביי דער אַריינגאַנגס־טיר און אויף דער פֿענצטער־ראַם איז עמעצער געבליבן פֿאַרהאַנגען אין דער העלפֿט. די וואָס האָבן נישט געקענט זיך אריינשפּאַרן אין דער טיר זענען געלאָפֿן צום אויפֿגעפּראַלטן פֿענצטער און אַראָפּגעשלעפּט דעם פֿאַרהאַנגענעם. ווי חיות אין שטורעם האָבן זיך די קאָזאַקן צעיללהט: „די זשידעס האָבן געהרגעט אַן אונדזעריקן! אַ טויט די יידן!”.

די פֿלאַמען זענען אויפֿגעשטיגן צום דאַך און פֿון הויז האָבן זיך איינציקווייז אַנגעהויבן צוריקציען די קאָזאַקן, ווער אַן געווער, ווער אַ צעבלוטיקטער און ווער מיט געשרייען מען זאָל אַרויסראַטעווען פֿאַרווונדעטע און טויטע. די פֿלאַמען האָבן שוין געהאַט פֿאַרווישט די איינגאַנגס־טיר, קיינער איז מער פֿון דאָרט נישט אַרויס. דער לעצטער איז ווי אַרויסגעשאָסן געוואָרן פֿון דעם ברענענדיקן הויז און געבליבן ליגן ביים אַריינגאַנג. עמעצער פֿון די קאָזאַקן איז צוגעשפּרונגען און ביי די פֿיס אַוועקגעשלעפּט דעם אַרויסגעפֿאַלענעם. „ראַטעוועט מיך”, האָט ער געקרעכצט, „די יידן האָבן מיך געהרגעט”. די פֿלאַמען האָבן געררושט און די פֿייכטע בעלקעס פֿונעם הויז האָבן שטיל געזידט.

דער הימל האָט געברענט.

די יידן וואָס האָבן געהאַט געראַטעוועט זיך פֿון די קאָזאַקן און פֿון די ברענענדיקע הייזער און זיך צוזאַמענגעקליבן אויפֿן מאַרק, זענען פֿון דער נאַכטיקער קעלט אַנטלאָפֿן אין די בתּי־מדרשים און געוואַרט אויפֿן אָנקומענדיקן טאָג. אין זייער צעשראָקנקייט האָבן אבלים אַפֿילו נישט געקענט באַוויינען די, וואָס די קאָזאַקן האָבן אומגעבראַכט. די אומרויִק־שלאָפֿנדיקע קינדער אויפֿן דיל האָבן אָנגעפֿילט די עלטערע מיט צער: וואָס וועט ברענגען דער נייער טאָג?

מיט דעם נייעם טאָג זענען אָנגעקומען נאָך מער קאָזאַקן אין שטאָט, צערייצטע פֿון דעם נאַכטיקן רויב און פֿון דעם בלוט אויף די שווערדן פֿון די וואָס האָבן געשאָכטן יידן אין דער נאַכט.

אינעם טאָג־ליכט איז מער נישט געווען קיין אַנטרינונג פֿאַר די יידן. דאָס טויער פֿון דער יידנשטאָט איז געווען באַלאַגערט פֿון מאָסקאָוויטישע זעלנער. דער מאָסקאָוויטישער גענעראַל, וואָס לובלין איז געווען אונטער זיין באַפֿעל, האָט באַגינען אויפֿגעוועקט דעם וואָיעוואָדע און דעם בירגערמייסטער און מיט דער־נידערנדיקע ווערטער זיי געוואָרנט קעגן דעם פֿאַראַט וואָס זיי זענען באַגאַנגען. פֿון דעם רויב, וואָס די קאָזאַקן האָבן געבראַכט מיט זיך פֿון דער יידנשטאָט, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז די פּאָליאַקן האָבן נישט אַרויסגעבראַכט דאָס גאַנצע יידישע פֿאַרמעגן. ער גיט זיי דערניבער צייט ביז האַלבן טאָג, די שטאָטישע מאַכט זאָל צוזאַמענעמען דאָס גאַנצע יידישע פֿאַרמעגן און עס ברענגען אין לאַגער פֿון דער אַרמיי. און אויב אַזוי וועט נישט געשען, וועלן אויסער די לייט, וואָס געפֿינען זיך אין ערבות, דערשאָסן ווערן אַלע נזירות און אַלע גלחים. און ווי אַ שטראָף פֿאַר דעם פֿאַראַט פֿון די פּאָליאַקן, וועלן זיי צוזאַמען מיטן גאַנצן יידישן פֿאַרמעגן מוזן אַרויסברענגען אין לאַגער פֿון דער מאָסקאָוויטישער אַרמיי אַלץ וואָס איז נאָך

געבליבן פון די קירכלעכע אוצרות צוזאַמען מיט דעם האָלץ פון דעם הייליקן קרייץ, וואָס אין דאָמיניקאַנישן קלויסטער.

אַזוי זענען איבער דער ברענענדיקער ייִדנשטאָט אַרומגעפאָרן וועגנס מיט באַאַמטע פון מאַגיסטראַט און פון וואָיעוואָדע געשיצטע דורך מאַסקאָוויטישע מוש־קעטערן און זיך איבערגעיאָגט מיט די קאָזאַקן און רוסן אין אויסרויבן דאָס לעצטע. האָבן די ייִדן אַוועקגעגעבן דאָס לעצטע און געבעטן חסד, צו שיצן זיי פון די קאָזאַקן. און באַלד ווי די באַאַמטע האָבן דעם רויב אַרויפגעלייגט אויף די וועגנס, אַזוי זענען זיי נאָכגעקומען קאָזאַקן און רוסן, דערמאָרדעט קינד און קייט און אונטערגעצונדן די הייזער.

נישט געווען קיין אַנטרינונג.

אויף די ברענענדיקע גאַסן און געסלעך זענען געלעגן הונדערטער און הונ־דערטער גופים, וואָס אַז דאָס פייער פון דער שׂריפה פון ביידע זייטן גאַסן האָט זיך צוזאַמענגעקנוילט, זענען אויך די גופים פאַרברענט געוואָרן.

ייִדן מיט זייערע קינדער און ווייבער זענען געלאָפן פון הויז צו הויז, צו זיין וואָס ווייטער פון די ברענענדיקע גאַסן. אַנדערע האָבן אין הייף געגראָבן גריבער אויף צו באַהאַלטן זיך. די פרנסים האָבן זיך מער נישט געקענט צוזאַמענקומען. דאָך אַפילו אין דער בהלה פון טויט האָבן ייִדן זיך דערציילט, אַז דער רב איז אומגעקומען על קידוש השם בעת ער איז צוזאַמען מיט עטלעכע לייט געלאָפן לעשן די שׂריפה אין דער שיל. און אַזוי איז שלמהלע דער שטאָט־משוגענער פאַרברענט געוואָרן בעת ער איז געשפרונגען אין פייער פונעם ברענענדיקן בית־המדרש, אַרויסצוראַטעווען אַ ספר־תורה. אברהם שכנא דער פרנס, וואָס האָט פאַרטאָג געוואָלט זיך אַדורכבאַקומען צו דער קריסטלעכער שטאָט, כדי צו בעטן חסד די שטאָט־פאַטערס זאָלן ראַטעווען די ייִדן פון קאָזאַקישע הענט, איז געפאַנגען געוואָרן ביים טויער דורך רוסן און זיי האָבן אים צעפּערטלט.

ביי ר׳ יעקלען אין איינפאָר־הויז האָבן די מאַנצבילן געגראָבן אַ גרוב אויף צו באַהאַלטן זיך. דאָס טויער איז פאַרלייגט געוואָרן מיט טישן, קלעצער און טיילן פון אַלטע וועגנס. ביים פענצטער אין דער קאַמער, וואָס איבערן טויער, האָט ר׳ יעקל געבראַכט אַלע מעסערס, וואָס ער האָט אין די יאָרן גענוצט ביי די סעודות אויף חתונות. בעת אַ טייל פון די מאַנצבילן האָט געוואַכט ביים פענצטער, און טאַמער וועלן אַנלויפן קאָזאַקן זאָל מען דאָס טויער שיצן דורך שליידערן צו זיי די מעסערס, האָט אַן אַנדער טייל געגראָבן דעם גרוב. אַזוי אויך האָבן לייט זיך געביטן ביים וואַכן אויפן בוידעם און אויסקוקן דורך אַ פענצטערל וואָס עס געשעט אויף דער גאַס.

ביז אויפצומאָרגנס אין אָוונט איז פאַרטיק געוואָרן דאָס באַהעלטעניש מיט אַן אַדורכגאַנג אויף דער צווייטער זייט גאַס. דערווייל איז קיינער אין דעם באַהעלטע־ניש נישט אַראָפּ. עס האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ האַרבסטיקער פאַמעלעכער רעגן, וואָס כאָטש ער האָט נישט געקענט פאַרלעשן די שׂריפות, האָט ער אָפּגעהאַלטן די קאָזאַקן פון לויפן איבער די גאַסן און די שׂריפות — פון אויסשפּרייטן זיך. ייִדישע פּנימער האָבן געקלעפּט צו די שויבן און דורך די לאָדן־שפּאַרעס געקוקט צום הימל און

געבעטן צו גאָט, ער זאָל זיך מרחם זיין, ער זאָל טון חסד צו זיין פאָלק און ער זאָל מאַכן רעגענען מיט שלאָקס־רעגנס כאָטש אַזוי פיל טעג, ווי עס האָט געדויערט דער מבול, וואָס ער האָט אַמאָל אַראָפּגעשיקט אויף דער וועלט פאַר די זינד פון די מענטשן.

און אַז דער רעגן האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט און אויך דעם גאַנצן טאָג, האָבן יידן אָנגעהויבן צום ערשט אַרויסשטעקן די קעפּ דורך אָפּגעלעגטע טירן און שפּעטער אַפילו אַרויס אויף דער גאַס, צו ברענגען אַן עמער וואַסער, אָדער געוויר צו ווערן וואָס עס הערט זיך ביי פריינט און וייטע שכנים.

אין פאַרנאַכט פון דעם רעגנדיקן טאָג האָט אַ יונגערמאַן אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון ר׳ יעקלס הויז. ער האָט געבראַכט אַ בריוו פון ר׳ דוד אויערבאַך צום דאָקטאָר אליעזר אַרטאַפּאַנוס. דער תלמיד חכם האָט צו וויסן געגעבן דעם דאָקטאָר, אַז אַזוי ווי דער רב איז אומגעקומען אויף קידוש השם, האָט די חברה ביקור חולים געלאָזט וויסן אים, ר׳ דודן, אַז די קראַנקע אין שפּיטאָל גייען אויס פון יאוש צוליב זייער אומבאַהאָלפנקייט. צוויי קראַנקע זענען אַראָפּ פון זינען — איינער האָט זיך אויפגעהאָנגען און דער צווייטער האָט אַראָפּגעשלונגען גלאָז. די לייט פון ביקור חולים שטעלן איין דאָס לעבן און טוישן זיך, כדי צו דערלאַנגען אַ טעפּל וואַסער און זאָגן אַ טרייסט־וואָרט צו די קראַנקע. אַזוי ווי אין דער שטאָט איז שטילער פון וועגן דעם רעגן, וואָס גאָט האָט אַראָפּגעשיקט, וואָלט ער אַליין, ר׳ דוד, געגאַנגען אין שפּיטאָל צו ביקור חולים. אָבער וואָס פאַר אַ פּעולה וועט אַרויסקומען פון זיין גיין אַהין, אויב ער איז אומבאַהאָלפן און ער ווייסט אַפילו נישט ווי אַזוי צו רעדן צו אַ קראַנקן? זאָל דער האַר פון הימל מאַכן, אַז דער רעגן זאָל זיך נישט אָפּשטעלן און צונעמען אויפן כוח, אַז די שׂריפות זאָלן איינגעלאָשן ווערן און אפשר וועט דעמאָלט געשען אַ נס, פון די נסים וואָס מיר זענען געווען עדות פון זיי.

ר׳ דוד אויערבאַך האָט נישט פאַרגעלייגט אַרטאַפּאַנוס זאָל אין אַזאַ צייט מבקר זיין די קראַנקע אין שפּיטאָל, אָבער דער בריוו פון דעם תלמיד חכם האָט אים געבריט אין די הענט. פּשוטע יידן שטעלן איין דאָס לעבן, כדי צו דערלאַנגען די קראַנקע אַ טעפּל וואַסער און זיי זאָגן אַ טרייסט־וואָרט, בעת ער, דער דאָקטאָר, באַווייזט זיך נישט דאָרט. שוין צוויי טעג ווי ער און זיין זון זענען דאָרט נישט געווען.

לאה האָט דערפילט, אַז דער בריוו, וואָס איר מאַן האָט איבערגעלייענט, איז אַ סכנותדיקער און זי האָט אָנגעהויבן צאַפּלען ער זאָל איר אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת. איז עפּעס געשען מיט די קינדער? פון טאַמאַשאָוו, פון יצחקן? פון קאַליש?

אַרטאַפּאַנוס האָט איר דערלאַנגט דעם בריוו. זי האָט אים צוריקגעגעבן: „עס שווינדלט מיר פאַר די אויגן", האָט זי געזאָגט אַ גערייצטע.

אַרטאַפּאַנוס האָט צוריקגענומען דעם בריוו און אים געלייענט אויפן קול. נאָך איידער ער האָט פאַרענדיקט לייענען האָט לאה שאַרף געפרעגט:

„וואָס האָסטו בדעה צו טון?".

„אין דער מינוט האָב איך בדעה צו זאָגן ,אַ יישר כוח׳ דעם געלערנטן פאַר

דערמאָנען מיר מײַן דאָקטאָרישן חוב. אין אַזעלכע טעג באַשולדיק איך זיך נישט, אַז איך האָב פאַרגעסן; דאָס אַלץ האָט מיר געמאַכט נישט געדענקען!״.

לאה האָט מיט אַ פויסט אַ קלאַפּ געטון אין דער וואַנט:

„אליעזר, ,דאָס אַלץ׳ איז נאָך נישט פאַרביי! דו וועסט נישט גיין אין ערגעץ״.

אַרטאַפּאַנוס האָט אָפּגעוואַרט לאהס געררייצטקייט זאָל זיך שטילן. דערנאָך האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן פון מסביר זײַן:

„אין מײַן גאַנץ לעבן האָב איך קיינעם נישט פאַראַטן, נישט אַנדערע און נישט זיך אַליין. אויף וויפל איך וועל האָבן אַ שליטה איבער מײַן לעבן און אויב מיר וועט באַשערט זײַן צו בלײַבן לעבן, וועל איך טון אַזוי, איך זאָל זיך נישט קענען פאַרוואַרפן, אַז איך בין אַ נבזה. פון דעם איז געדרונגען, לאה, אַז איך וועל מײַן דאָקטאָרישע און מענטשלעכע פליכט אויספירן. נאָר כדי דו זאָלסט איצט נישט בלײַבן אַליין, אָן מיר, וועט איצט זיך אַדורכבאַקומען אין שפּיטאָל שכנא״.

לאה האָט אַרומגעכאַפּט איר אייגענעם גוף, ווי עס וואָלט איר פּלוצים באַפאַלן אַ פראָסט:

„דו ווילסט שיקן אונדזער קינד צום טויט?!״.

„האָסטו געזען אַ פאָטער וואָס שיקט זײַן קינד צום טויט?!״, האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט מיט אַ שאלה. „איך שיק אים, ווײַל ער איז אַ דאָקטאָר, ער זאָל דער־האַלטן מענטשן ביים לעבן. די קראַנקע זענען אומבאַהאָלפן. צי באַגרײַפסטו נישט, אַז די צוויי פאַלן פון אָנטון זיך אַ מעשה איז צוליב דעם, וואָס אַ דאָקטאָר איז נישט געווען מיט זיי? צי באַגרײַפסטו דאָס נישט, לאה?״.

לאה האָט פאַרפלאָכטן די פינגער פון ביידע הענט און זיי אויפגעהויבן ווי צו אַ תפילה:

„איך וועל בעטן ביי גאָט דו זאָלסט נישט דאַרפן דערמאָנען זיך מײַנע ווערטער. אליעזר, געדענק, פאַרטראַכט זיך וואָס דו גייסט טון!״.

אַרטאַפּאַנוס איז אַרויס פון דער קאַמער און גערופן שכנאן, וואָס איז מיט עפּעס געווען פאַרטאָן אין פאַרבאַריקאַדירטן הויף. שכנא האָט זיך אָנגעטראָפן מיט דער מוטערס אויגן, וואָס זענען געווען בהלהדיק צעשראָקן און פאַרגלייזט מיט פּייכטקייט. אַרטאַפּאַנוס האָט אים שנעל דערלאַנגט דעם בריוו, איידער ער האָט נאָך באַוויזן אַרויסצורעדן אַ וואָרט צו דער מוטער.

„לייען דעם בריוו פון ר׳ דוד אויערבאַך און גיב מיר דײַן ענטפער אָן צו טראַכטן״, האָט דער פאָטער באַפוילן.

שכנא איז דעם בריוו דורכגעלאָפן מיט די אויגן, צוריק אים דערלאַנגט דעם פאָטער און געזאָגט:

„ווי האָב איך עס געקענט פאַרגעסן? איך גיי אין שפּיטאָל! איך האָב אונטן געלאָזט מײַן בגד״.

אַרטאַפּאַנוס האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו לאהן. לאה האָט איר פּנים פאַר־שטעלט מיט די הענט און אין זיי אַרײַנגעוויינט:

„אוי, גאָט, ווי דו פּרוווסט מיך! אוי, גאָט״.

אַרטאַפּאַנוס האָט געזאָגט באַפעלעריש:

„מיר מוזן זיך אָפּרעדן, שכנא. די מוטער טאָר אויף קיין איין מינוט נישט בלייבן אַליין אָן איינעם פון אונדז. דאָס זאָל זיין קלאָר! דו וועסט וואַכן אין שפּיטאָל ביז דעם מיטנאַכטיקן קריי פון די העגער. דאַן זאָלסטו אָן פאַרזוימעניש איילן צוריק אַהער. מיטן קריי פון די העגער וועל איך דיך אָפּוואַרטן אונטן ביי דער טיר, כדי דו זאָלסט נישט דאַרפן קלאַפּן, און איך וועל אַוועק אין שפּיטאָל. פאַרגעס נישט צו נעמען מיט זיך אַ שלאַג־אייזן. זאָל גאָט באַגלייטן דיך אויף דיין וועג!״.

אַזוי איז געשען ווי אַרטאַפּאַנוס האָט באַפוילן. דער רעגן איז אַריינגעפאַלן אין דער נאַכט מיט קאַלטער געלאַסנקייט, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן קיינמאָל נישט אויפצוהערן. די פלאַמען פון דער שׂריפה האָבן אַראָפּגענידערט און באַשיינט געדיכטע נידעריקע וואָלקנס, וואָס פון דעם פייער־אָפּשיין האָבן זיי דערמאָנט פאַרגליווערט בלוט, וואָלקנס פאַרגליווערט בלוט.

נאָך פּאָר חצות האָט אַרטאַפּאַנוס געוואַרט ביי דער טיר פונעם הויז, באַוואָפנט מיט אַן אייזן. זייט שכנא איז אַוועק האָבן אים געבויערט אין האַרץ לאהס ווערטער, אַז זי וועט בעטן ביי גאָט, ער זאָל זיך נישט דאַרפן דערמאָנען אירע ווערטער. אין דער מחשבה איז ער געווען זיכער, אַז שכנא איז בשלום אָנגעקומען אין שפּיטאָל און אַז ער וועט בשלום צוריקקומען. דאָך אין האַרץ האָט אים געטאָטשעט אַ ווערעמל פון ספקות. עטלעכע מאָל איז ער דורך דער צייט אַראָפּ אין הויף, אַריינגעגאַנגען דאָ אין דער קאַמער און דאָ אין יענער קאַמער, אפשר וועט ער עפּעס הערן וואָס עס טוט זיך אין שטאָט. פון די לייט, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין ר׳ יעקלס איינפאָר־הויז, זענען איינציקע אַוועק זוכן ברויט, אָדער ברענגען וואַסער, אָדער גאָר ברענגען פון דער היים עפּעס וואָס זיי האָבן פאַרגעסן מיטצונעמען. פון דעם אַלץ וואָס די לייט האָבן דערציילט איז ער געווען זיכער, אַז שכנא איז אין שפּיטאָל. דאָך נאָך פּאָר דער צייט האָט אליעזר אַרטאַפּאַנוס זיך אָנגעטון אין וואַרעמע קליידער, גענומען אַ שלאַג־אייזן אין די הענט און אַראָפּ פאַר דער טיר, כדי צו וואַרטן אויפן אָנקומען פון זיין זון. עס איז אים ליבערשט געווען דאָס שטיין אונטערן קאַלטן רעגן און אויסקוקן זיך די אויגן אין דער העל־וויאָלעטער פאַרווישטער פינצטערניש, איידער הערן אין דער קאַמער לאהס איינגעהאַלטענע קרעכצן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן אַפילו אָן איר ווילן.

אַז די העגער האָבן אָנגעהויבן קרייען האָט שוין נישט בלויז אַרטאַפּאַנוס געקוקט אין דער פאַרווישטער פינצטערניש, נאָר אויך אויבן, אויפן ערשטן שטאָק, האָט לאהה מיט דער האַנט געווישט די שויב און דורך דער שויב געשמעקט אין דער ווייטקייט, וואָס איז קיין ווייטקייט נישט געווען.

שכנא איז אָנגעקומען מיט ווייכע פאַרזיכטיקע טריט. אַרטאַפּאַנוס האָט מער דערפילט זיין אָנקום ווי דערזען אים אַרויסשאַרן זיך פון הינטער אַן עק פון אַ געסל. כדי דער זון זאָל זיך נישט איבערשרעקן פון אַ פּלוצימען צוזאַמענטרעף, האָט ער שטיל גערופן זיין נאָמען:

„וואָס הערט זיך דאָרט? האָסט באַגעגנט עמעצן אויפֿן וועג?", האָט אַרטאַפּאַנוס געפּליסטערט.

שכנא האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין און געזאָגט:

„די קראַנקע זענען טייוולאָניש אומרויִק. עס דערגייען געשרייען פֿון איבער דער מויער".

אַרטאַפּאַנוס האָט אָנגענומען דעם זון ביי דער האַנט:

„דערצייל נישט דער מוטער, אַז צום שפּיטאָל דערגייען גערודערייען פֿון איבער דער מויער. באַרויִק זי אַז אין שטאָט איז שטיל. צוגלייך מיטן טאָג וועל איך מיטן אייבערשטנס הילף זיין צוריק אין דער היים".

ער האָט אַ שטאַרקן דריק געטון דעם זונס האַנט און אַוועק.

„זאָל גאָט היטן דיינע טריט, פֿאָטער!", האָט דער זון אים נאָכגעשיקט אַ ברכה.

פּלוצים האָט אַ שטאַרקער בליץ דורכגעשניטן דעם הימל און ליכטיק געמאַכט דאָס געסל מיט וועלכן אַרטאַפּאַנוס איז געגאַנגען. און נאָך איידער עס האָט זיך דערהערט דער דונער נאָך דעם ערשטן בליץ, האָט אַ צווייטער דורכגעברענט מיט אַ גרין־רויטלעכער שאַרפֿקייט און ס'האָט זיך לאַנג און הילכיק צעדונערט פֿון איין עק וועלט צו דער צווייטער. און אַזוי איז נאָכאַמאָל אויסטערליש העל געוואָרן, און פּאָר די טריט פֿון אַרטאַפּאַנוסן האָט באַלכסונדיק אַראָפּגעקלאַפּט אַ פֿייער־באַלם און נעלם געוואָרן אין אַ ווינקל פֿון אַ הויז. ווי ריזיקע פֿעלדזן וואָלטן זיך אָפּגעריסן פֿון אַ באַרג און קייקלען זיך אַראָפּ מיט אימפּעט און איין פֿעלדז קלאַפּט אָפּ אין צווייטן, אַזוי האָט זיך איבער אַרטאַפּאַנוסעס קאָפּ צעדונערט. ער איז צוגעפּאַלן צו דער וואַנט פֿון אַ הויז, ווי ער וואָלט מורא באַקומען געטראָפֿן צו ווערן פֿון אַ פֿאַלנדיקן פֿעלדז.

„דעם טייוולס אָדער משיחס צייטן", האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן, „אין דער צייט דונערן און בליצן?".

עס האָט אָנגעהויבן צו גיסן מיט דיקע טראָפּנס. אינעם ליכט פֿון נאָך אַ בליץ האָט ער געזען ווי די טראָפּנס שלאָגן זיך אָפּ אין דעם צעוואָסערטן ברוק מיט בלעזעלעך. עס גייט ווערן אַ שטורעם. וועט ער דערגיין צום שפּיטאָל, אָדער וועט דאָ פֿאַרגאָסן ווערן הינטער דער וואַנט? אָנקלאַפּן ערגעץ־ווו אין אַ לאָדן, אין אַ טיר? טו עס נישט. די אין פּחדים־דרימלענדיקע וועלן אויסגיין פֿון שרעק. פֿאַרוואָס ביסטו שטיין געבליבן, ווי אַ צעשראָקן יינגל, דו?

אַרטאַפּאַנוס האָט פֿאַזע די ווענט אָנגעהויבן לויפֿן, און אין לויפֿן האָבן די וואַסער־קאַלוזשעס צוריקגעשפּריצט ווי ער וואָלט געלאָפֿן אין אַ פֿלאַכן טייך. ער האָט שוין מער נישט געקוקט אויף די בליצן און דונערן, נאָר געלאָפֿן און בעתן לויפֿן זענען שוין נישט קיין טראָפּנס געפֿאַלן פֿון הימל, נאָר ווי אַ מבול וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט. די פֿיאַלעטקייט פֿון דער שׂריפֿה איז פֿאַרלאָשן געוואָרן און אַ תוהו־ובוהו־פֿינצטערניש האָט אים פֿאַרשטעלט דעם וועג.

ער איז דערלאָפֿן צום שפּיטאָל אַ דורכגענעצטער. און ווי ער איז אַריבער די שוועל, אַזוי איז פּלוצים שטיל געוואָרן. אַרטאַפּאַנוס האָט עס אָנגענומען ווי

אַ שלעכטן סימן. ס׳איז געווען די שטילקייט פון טויט. אַפילו די טריט פון צוויי זקנים פון בקור חולים, וואָס זענען אים אַנטקעגן געקומען, האָט ער נישט געהערט, ווי זיי וואָלטן מיט די פיס נישט באַרירט דעם דיל. איינער פון די זקנים האָט באַוועגן מיט די ליפּן, קענטיק עפּעס געזאָגט צו אַרטאַפּאַנוסן, נאָר ער האָט גאָרנישט געהערט. ער האָט געפילט ווי די אינגעווייד האָבן זיך אים געטרייסלט און ער האָט ביידע הענט אַרויפגעלייגט אויפן בויך זיי איינצושטילן. ער האָט שנעל, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט ראַטעווען פון זיין אייגענער פאַרלוירנקייט, אויסגעטון דעם דורכגענעצטן אויבער־בגד און אים אַ וואָרף געטון צו איינעם פון די זקנים: „גיט אים עמעצן אויסצוטריקענען״. באַלד האָט ער דעם בגד צוריקגענומען און אַליין געגאַנגען צום אויוון. עטלעכע קראַנקע זענען געזעסן אויפן דיל און זיך געוואַרעמט ביי די פלאַמען פון אָנגעהייצטן אויוון.

„דער דאָקטאָר!״.

אַרטאַפּאַנוס האָט מיט אַ האַנט־באַוועגונג זיי אָנגעוויזן נישט אויפצושטעלן זיך. ער האָט דעם נאַסן בגד אַרויפגעוואָרפן אויפן אויוון און באַרירט די אָנגעוואַרעמטע אויוון־וואַנט. די באַלויכטענע פּנימער פון די קראַנקע, די פלאַמען אין אויוון און אַפילו זיין אייגענע האַנט, מיט וועלכער ער האָט באַרירט די אויוון־וואַנט האָבן אים אויסגעזען נישט דאָ־וועלטיקע, אויסטערלישע. ער האָט זיך געוואָלט דערמאַנען וואָס אַזעלכס האָט אים געבראַכט אַהער און נישט געדענקט. נאָר די אינגעווייד האָבן זיך אים געטרייסלט און אַן אומהיימלעכע קילקייט האָט ער געפילט אויף דער הויט פון זיין לייב.

מיט שטילע טריט איז ער אַוועק צו די קאַמערן פון די קראַנקע. אומעטום איז געווען פינצטער. מיט די הענט האָט ער אויסגעפילט די אָפענע טירן, זיך אָפּגעשטעלט דאָ און דאָרט, און זיך איינגעהערט. שטיל, נאָר דאָ אַ קרעכץ פון ווייטיק, דאָרט אַ זיפץ פון אַ נישט שלאָפנדיקן. די שטילקייט נאָכן שטורעם האָט אויך איינגעשטילט דעם אומרו פון די קראַנקע. פאַרוואָס האָט שכנא אים געזאָגט, אַז אַהער דערגייט אַ טומל פון יענער זייט מויער? צי האָט אים, אַרטאַפּאַנוסן, דער געקנאַל פון די דונערן טויב געמאַכט, אַז ער הערט איצט גאָרנישט? מיט די האַנטפלאַכן האָט ער צוגעדריקט ביידע אויערן און זיי שנעל באַפרייט. דאָס געפיל פון טויבקייט איז נישט געמינערט געוואָרן.

אַרטאַפּאַנוס האָט גענומען אַ זעסל פון זיין קאַמער און עס אַריינגעטראָגן אַהין וווּ עס האָט זיך געהייצט אין אויוון. די וואַכנדיקע קראַנקע האָבן זיך פונאַנדערגערוקט, דער דאָקטאָר זאָל זיך קענען אַוועקזעצן צווישן זיי.

„קראַנקע דאַרפן שלאָפן״, האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט אויסציענדיק די הענט נעענטער צום פייער, „פאַרוואָס זענט איר נישט אין די בעטן?״.

קיינער פון די קראַנקע האָט נישט געענטפערט. עס איז געוואָרן שטיל. דאָס פּיכטלעכע האָלץ אין אויוון האָט געסיקעט. די צעוואַרעמטע פייכטקייט פון אַרטאַפּאַנוסעס קליידער האָט אים אַרומגענומען מיט מידקייט, ווי ער וואָלט געווען שיכורלעך. ער האָט געפּרווּט פאַרגעסן זיך אין דער שטילקייט און דורך אַ דרימל

זיך אויסלאָדן פונעם אומרו. עמעצער האָט אַ קרעכץ געטון: „אין אַזאַ צייט איז בעסער נישט צו שלאָפן, מ׳כאַפּט אַריין נאָך אַ פּאָר שעה לעבן״. אַרטאַפּאַנוס האָט געעפנט די אויגן און אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין דער ריכטונג פון וואַנען עס זענען געקומען די קרעכצנדיקע ווערטער. קיינער האָט נישט רעאַגירט. אַלע זענען געווען פאַרקוקט אין די אימפּעטיקע ראַנגלענישן פונעם פייער אין אויוון.

עס האָט געדויערט אַ רגע, אָדער אפשר לאַנגע שעהן, ווי אַ טומל האָט אויפ־געריסן אַרטאַפּאַנוסן פון זיין דרימל. דער אויוון איז געווען פאַרלאָשן און אַרום אים איז קיינער נישט געווען. אין די פענצטער האָט אַריינגעגרויט דער באַגינען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט שוין אין דער צייט געדאַרפט זיין צוריק אין ר׳ יעקלס איינפאָרהויז, און ערשט איצט האָט ער פאַרנומען אַן אויסטערלישן טומל. אין פּרוזדור איז געווען אַ בהלה. די קראַנקע, וואָס האָבן זיך געקענט באַוועגן, האָבן געקלעפּט צו די פענצטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער זייט צום טויער.

„האַר דאָקטאָר, די שטאָט איז פול מיט קאָזאַקן״, האָט עמעצער געזאָגט.

אַרטאַפּאַנוס איז צוגעגאַנגען צו אַ פענצטער און אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. ער האָט זיך איינגעביסן אין דער אונטערשטער ליפּ. אַ שוואַרם קאָזאַקן רייטנדיק אויף פערד, אַנדערע וואָס האָבן געפירט די פערד הינטער זיך, האָבן זיך אַריינ־געלאָזט דורכן טויער אין דער ייִדנשטאָט. אַנטקעגן אויפן האַריזאָנט האָט זיך דער גרויער הימל צעשפּאָלטן און די שפּאַלטן האָבן זיך אויסגעפילט מיט בלוט־רויטקייט. פון אַ זייט, ווו די בלוט־רויטקייט פון דער אויפטייענדיקער זון האָט זיך באַהאַלטן הינטערן באַרג, האָט אַרויסגעזעצט אַ שוואַרצער רויך, וואָס באַלד האָט ער זיך אַנגעהויבן קנוילן אין דער הויך. פאַר די אויגן פון די קראַנקע, וואָס האָבן געקוקט דורך די פענצטער, האָבן עטלעכע קאָזאַקן אויסגעשאָסן פון זייערע ביקסן אין דער לופטן. דער שוואַרם קאָזאַקן האָט זיך אַנגעהויבן רוקן פאָרויס אין איילעניש. אין איינעם פון די שפּיטאָל־קאַמערן האָט זיך דערהערט אַ בראַזג פון שויבן־גלאָז און דער געיאָמער פון די קראַנקע האָט זיך אַדורכגעטראָגן ווי אַן אַלאַרם.

„נישט אַרויסקוקן דורך די פענצטער!״, האָט אַרטאַפּאַנוס געגרופן לויפנדיק פון איין קאַמער אין דער צווייטער.

„האַר דאָקטאָר, וואָס גייט ווערן?״, האָבן קראַנקע געבעטן דעם פאַרביילויפנדיקן אַרטאַפּאַנוס.

אַרטאַפּאַנוס האָט נישט געענטפערט. ער האָט אַנגעכאַפּט צוויי באַדינערס ביי די אָרעמס און זיי אַ צי געטון נאָך זיך, זיי זאָלן אים נאָכגיין. ער איז מיט זיי אַראָפּ־געלאָפן צו דער אויסגאַנג־טיר און באַפוילן די טיר פאַרשטעלן מיט אַלע טישן און אַלמערס, וואָס זיי קענען נאָר אַרויסשלעפּן פון דעם אונטערשטן טייל פון שפּיטאָל. ער איז צוריק אַרויף אין דער הויך, נאָכזען צי קיינער פון די קראַנקע קוקט נישט דורך די פענצטער.

„דאָקטאָר, האַר, זיי צינדן אונטער די שטאָט!״, האָט זיך אַ קראַנקער געקלאָמערט אין אַ פענצטער־ראַם און נישט געלאָזט זיך אָוועקרייסן.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך געמאַכט, אַז ער זעט נישט דעם רויך־וואָלקן פאַרביי דעם פענצטער און אויסגערופן:

„דו רעדסט נאַרישקייטן. די הייזער זענען נאָס פונעם רעגן־שטורעם״.

ער האָט דעם קראַנקן אַוועקגעריסן פון דעם פענצטער און אַרויס פון דער קאַמער. איצט האָט ער שוין נישט געוווּסט וואָס ווייטער צו טון. נאָר שטיין בלייבן האָט ער מורא געהאַט. די קראַנקע דאַרפן פילן, אַז ער זאָרגט פאַר זיי. זיי טאָרן אין אים נישט זען קיין צייכן פון פאַרלוירנקייט. ער איז אַראָפּגעלאָפן אונטן און דורכן אויסגאַנג צום הויף זיך אַרויסבאַקומען אין דרויסן.

דער הויף איז געווען אַרומגעבויט מיט בלינדע ווענט פון הייזער ווי אַ פאַר־מאַכטער קאַסטן, אָפּגעדעקט בלויז צום הימל. די ווענט זענען אַלע געווען פון דיקע בעלקעס. ער האָט געקוקט צום הימל, וואָס איז געווען פאַרמאַכט. בלויז שיטערע וואָלקנס רויך האָבן פאַרבייגעשוועבט. דאָ זענען מיר אַלע פאַרלוירן, אויפן הויף איז אַפילו נישטאָ קיין שטיין אויף צו באַשיצן זיך מיט אים. ווער וועט זיך דאָ שיצן? ער האָט אַ קוק געטון אויף זיינע ליידיקע הענט און זיך דערמאַנט, אַז ביינאַכט איז ער אַהער געקומען מיט אַ שלאַג־אייזן. די הענט זענען אים אַראָפּגעפאַלן. און אַזוי שטייענדיק אַליין אין דעם קאַסטן־הויף, ווי אַ געפאַנגענער, זענען צו זיינע אויערן דערגאַנגען ווייטע הילפס־רופן. ער האָט אָנגעשפּיצט דאָס געהער, צו הערן פון וועלכער זייט די רופן קומען און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זיי קומען פונעם גרויען הימל, פון צווישן דעם רויך.

ער איז צוריק אַריין אין שפּיטאָל־בנין און פאַרקלאַפּט די טיר הינטער זיך, ווי ער וואָלט וועלן פאַרהערן די הילף־רופן. אָבער דער קאָרידאָר איז שוין פול געווען מיט קראַנקע, וואָס האָבן אַרויפגעצויגן אויף זיך אַלע בגדים, וואָס זיי האָבן געהאַט, און זיי האָבן אים דערמאָנט:

„איר האָט געהערט, האַר דאָקטאָר, די געשרייען? וואָס וועט זיין?״.

די הילף־רופן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער, און געדיכטער זענען געוואָרן די וואָלקנס רויך. דער טאָג האָט נישט דערלעבט ליכטיק צו ווערן, ווי די רויך־וואָלקנס האָבן אים צוריקגעטריבן צו דער נאַכט.

דער קאָזאַקן־שוואָרם האָט זיך צעלאָזט איבער די יידישע הייזער און נאָך איידער זיי האָבן אויפגעהאַקט די טירן, האָבן זיי געשריגן:

„ווער עס וויל איבערגיין צום ריכטיקן גלויבן זאָל אַרויס און עס וועט אים גאָרנישט געשען!״. און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער האָבן זיי די טירן אויפגעריסן, אַריין מיט די אַנטבלויזטע שווערדן און געשאָכטן קינדער אין די וויגן, געשפּאָלטן די קעפּ פון צעשראָקענע פרויען אין די ווינקלען, און אַרויפגעשטאָכן אויף די שווערדן מענער, וואָס האָבן געבעטן פאַר זיך דעם טויט, אַבי לאָזן לעבן די קינדער און די פרויען.

די קאָזאַקן האָבן געריסן דילן, ווו עס זענען געווען דילן, אויסגעקלאַפּט ווענט, געזוכט יידישע אוצרות און אונטערגעצונדן די הייזער פון אינעווייניק. נאָך יידן, וואָס זענען געשפּרונגען דורך הינטער־פענצטער, האָבן די קאָזאַקן נאָכגעצילט פיקעס

און ווי וועלף האָבן זיי געוואָיעט פון פרייד, ווען אַ ייִד איז מיט אַ געטראָפענער פּיקע אין פּלייצע ווייטער געלאָפן.

דאָ און דאָרט האָבן הייזער אָנגעהויבן ברענען פון אינעווייניק נאָך איידער דאָס ווילדקייט איז צו די הייזער דערגאַנגען. דאָס האָבן ייִדן אַליין די הייזער אונטערגעצונדן און זיך פאַרברענט מיט די משפחות, כדי נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די מאָסקאָוויטן און קאָזאַקן.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט דאָס פייער פון די שׂריפות אַרומגענומען די ייִדנשטאָט. קאָזאַקן און רוסן מיט פולע אָרעמס רויב, און מיט רויב אָנגעלאָדן אויף די זאָטלען פון די פערד, זענען געלאָפן פון דער פלאַמען־היץ צום טויער, ווו פון דער צווייטער זייט האָט זיך באַגינען געשטעלט אַ מאַרק צו קויפן פונעם שׂונא ייִדישע זאַכן.

אויפן קליינעם מאַרק אין דער ייִדנשטאָט האָבן קאָזאַקן פון פעסער געגאָסן אָקעוויט און ביר אין די היטלען אַריין און געטרונקען מיט ליאַרעמדיקע און כאַרכלענדיקע געלעכטערס. נאָך דעם האָבן זיי שיכורע געשלעפּט נאָך זיך די פערד און געלאָזט זיך לויפן מיט געשרייען: „אַ טויט די ייִדן און די פּאַנעס!".

ווי דער שׂונא וואָלט זיך אָפּגערעדט באַגינען נישט אונטערצינדן די שטאָט מיט איין מאָל, כדי צו קענען אויסמאָרדן און אויסרויבן פון הויז צו הויז, אַזוי איז אין האַלבן טאָג די שטאָט געווען אויף באַראָט פון יעדן באַזונדער. כאָפּטעסווייז זענען רוסן און קאָזאַקן געלאָפן צו נאָך נישט באַרירטע גאַסלעך, מיט קלעצער געבראָכן טירן און פענצטער, אַריינגעוואָרפן אינעווייניק אָנגעצונדענע פאַקלען און דערנאָך אַליין אַריין צו אַ שחיטה.

אין האַלבן טאָג האָבן זיי געשטורעמט דאָס פאַרבאַריקאַדירטע איינפאַר־הויז פון ר' יעקלען. פון אויבערשטן שטאָק האָט זיך אויף די שטורמער אַראָפּגעלאָזט אַ האָגל פון מעסערס און שטיינער. „די ייִדן מאָרדן!", האָבן געשריגן געטראָפענע און אַנטלאָפן, בעת אַנדערע זענען מיט נאָך גרעסערן ווות צוגעפאַלן צום פאַרלייגטן טויער. אַנדערע זענען דאָס הויז אַרומגעלאָפן און געזוכט טרוקענע פלעצער עס אונטערצוצינדן. נאָך דעם האָבן זיי אָנגעהויבן אַריינוואַרפן פאַקלען אין פאַרלייגטן טויער. אַ נייער האָגל מעסערס און שטיינער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון אויבן. די קאָזאַקן האָבן אַרויפגעשאָסן אין דער הויך און אַ ווילע האָט דער געשליידער פון שטיינער און מעסערס אויפגעהערט. די טרוקענע שטיקער האָלץ אין טויער האָבן זיך אָנגעצונדן און כהרף עין האָבן אָנגעהויבן אַרויסזעצן שוואַרצע געדיכטע וואָלקנס רויך:

„ראַטעוועט זיך! ראַטעוועט זיך!!!", האָבן קאָזאַקן אַרויפגעשריגן און זיך גערייצט מיט די ייִדן אין אונטערגעצונדענעם הויז.

פונעם שכנותדיקן הויז האָט זיך געהערט אַ גערודער. אַ גרופּע ייִדן האָבן זיך פון ערגעץ אַרויסגעשאַרט און זיך געלאָזט לויפן צווישן די צוויי הייזער. איינער פון די קאָזאַקן האָט עס באַמערקט, געלאָזט זיך אין דעם שמאָלן דורכגאַנג מיט אַן אויסגעשטרעקטער שווערד און מיט אַ געשריי נאָכגעצויגן נאָך זיך אַנדערע.

די ייִדן זענען ערגעץ־ווו פאַרשוווּנדן, נאָר באַלד האָט זיך זייער הילף־רוף געלאָזט הערן פון דער צווייטער זייט. עטלעכע ביקסן־קנאַלן, אויסגעמישטע געשרייען, אָן אימפּעטיק עטעמען ווי ביים אַראָפּלאָזן שווערע העק אין האָלץ און קיינער האָט מער נישט גערופן נאָך הילף.

די ייִדישע שטאָט לובלין איז געשטאַנען אין פלאַמען און דאָס בלוט האָט נישט געקענט פאַרלעשן די שׂריפות.

דערפאַר וואָס דער שפּיטאָל איז געשטאַנען נאָענט צום טויער און פון יענער זייט טויער איז געווען דער מאַרק פון ייִדישן רויב, האָבן די קאָזאַקן אין די ערשטע דריי טעג פון די שחיטות געשוינט דעם בנין. נאָר בעת די פלאַמען פון דער ברענענ־דיקער שטאָט האָבן זיך דערנענטערט צום שפּיטאָל, האָבן די קאָזאַקן גערופן, אַז זיי וועלן פאַרשוינען די קראַנקע, אַז סיי ווי גייען די קראַנקע שטאַרבן, דעריבער וועלן די פּראַוואָסלאַוונע טון צו זיי חסד. זאָלן די ייִדן עפענען די טיר און אַריינלאָזן אַהין עטלעכע רעכטגלייביקע מיט אַ צווייאיקן צלם. און אַז די קראַנקע וועלן שווערן און קושן דעם צלם מיט אַ הבטחה, אַז זיי וועלן זיך פאַרן טויט לאָזן שמדן — וועט זיי געשענקט ווערן דאָס קורצע לעבן, וואָס זיי איז געבליבן צו לעבן.

קיין סימן פון לעבן איז פון שפּיטאָל נישט אַרויסגעקומען. דעמאָלט האָבן די רוסן און קאָזאַקן פאַר די פענצטער פון שפּיטאָל געמאַכט אַ פאָרשטעלונג: זיי האָבן זיך אָוועקגעשטעלט עסן ברויט מיט שטיקער פלייש און געגאָסן עמערס וואַסער. זיי האָבן זיך מיט די שטיקער פלייש געשפּילט, געדרייט זיי צווישן די פינגער, זיי געוואָרפן אין דער לופטן. צוריקגעכאַפּט און זיך אין זיי איינגעפּרעסן:

„איר פּגרט פון הונגער און דורשט! גיט זיך אונטער און ווערט רעכט־גלייביקע, וועט איר פרעסן און זויפן!".

קיין סימן פון לעבן איז פון שפּיטאָל נישט אַרויסגעקומען.

ביינאַכט, נאָכן דריטן טאָג פון די שחיטות, האָט דאָס פייער פון די שׂריפות זיך אַריבערגעוואָרפן אויפן דאַך פונעם שפּיטאָל. דאָס הויז האָט געברענט. צום ערשט איינצלנע און דערנאָך גרופּנווייז האָבן פון דער טיר אָנגעהויבן אַרויסקריכן קראַנקע. ווער עס איז געקראָכן אויף אַלע פיר און ווער עס האָט זיך געשלעפּט אויף זיינע אייגענע פיס. זיי זענען פאַרשוווּנדן הינטער די ווענט, זיך צעקראָכן אין דער נאַכט, וואָס איז געווען ליכטיק פון די פייערן, נאָר די ערד איז געווען שוואַרץ און בלאָטיק און פינצטער.

אַרטאַפּאַנוס, וואָס זיין וואָרט איז נעכטן־אייערנעכטן געווען אי רפואה, אי כבוד־צו־הערן און אי באַפעל — האָט פאַרלוירן די שליטה. זיין וואָרט איז מער נישט דערגאַנגען; אויך צו אים אַליין נישט. ער האָט נישט געוווּסט וואָס ער וויל פון זיך — האָט ער אויך נישט געוווּסט וואָס צו וועלן פון די, וואָס האָבן מיט די נעז אַרויסגעפּילט דעם טויט פון דער סכנה. עפּעס האָט ער גערעדט צו דעם און צו יענעם און זיינע אייגענע ווערטער נישט באַנומען.

פון אויבערשטן שטאָק האָט זיך געטראָגן די ביטערקייט און דער ריח פון רויך און אליעזר אַרטאַפּאַנוס איך נאָך אַלץ געשטאַנען אין דעם אונטערשטן פינצטערן

קאָרידאָר און געפילט ווי עמעצער, וואָס קריכט פאַרביי, רירט אָן זיינע פיס, שטופּט אים אָפּ אין אַ זייט. וווהין לויפן זיי אַלע? וווהין קריכן אַוועק די, וואָס קענען מער אויף די פיס נישט שטיין? זיי וועלן פון דער בראַנד־שטאָט נישט אַרויס. די נאַכט איז אכזריותדיק קאַלט און קיין גענעזנדיקער רעגן וועט נישט קומען.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז די נאַכט פון סוכות. די ערשטע, אָדער צווייטע נאַכט? די טעג און נעכט האָבן זיך צעמישט. אין די נעכט דאַרף שיינען די לבנה. פאַרוואָס שיינט נישט די לבנה? איז אויך זי אַוועק פון לובלין? אפשר האָבן די פלאַמען פון דער שטאָט דערגרייכט אַזוי הויך, אַז אויך די לבנה איז פאַרברענט געוואָרן? אַלץ ווערט פאַרברענט און געשאָכטן. ער האָט אַ שמעק געטון אין דער לופט. אויף אַן אויגנבליק האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פילט דעם פרישן ריח פון אַן אתרוג; ס׳איז געווען דער זויערלעכער ריח פון פאַרברענטע ליפע־בלעטער. ווו וואַקסט דאָ אַ ליפע? אין דער ייִדנשטאָט וואַקסן נישט קיין ליפּעס.

אַ שאָטן מיט אַ פעקל איז אים פאַרבייגעלאָפן און מיט אַ יונג קול אויסגערופן:

„האַר דאָקאָר, ראַטעווועט זיך!״.

דער שאָטן איז פאַרשוווּנדן אין דער אָפענער טיר־ראַם.

איבער זיין קאָפּ האָט אַ דונער געטון און ווי שווערע פעלדזן וואָלטן זיך צעשיט. אָן זיין אייגענעם ווילן האָט עס אים אַוועקגעטראָגן צו דער טיר־עפענונג. דאָ איז דער רויך געווען שטאַרקער ווי אינעווייניק און ער איז אַרויס אין דרויסן.

כאָטש פראָסטיק־קאַלט איז געווען אין דרויסן האָט אים אַ היץ אַרויסגעזעצט אויפן לייב. „איך האָב פאַרגעסן דעם שלאָג־אייזן״, האָט ער באַטאַפּט זיינע קליידער. „איך בין געבליבן ליידיק״. ער האָט זיך אויסגעדרייט און געזוכט דעם וועג, מיט וועלכן ער איז אַהער געקומען דאָס לעצטע מאָל. פון אויבן איז פאַר זיינע פיס אַראָפּגעפאַלן אַ שטיק ברענענדיק האָלץ און ער איז אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט. ער האָט דערזען אַ ים פון פלאַמען, און ערשט איצט האָט ער געהערט דאָס אומהיימלעכע קראַכן פון איינפאַלנדיקע דעכער און ווענט. „עפּעס איז נישט גוט מיט מיין שמיעה? צי לעבן זיי נאָך? כ׳האָב אַזוי גוט געהערט די אַלע יאָרן. וועל איך נאָך קענען אויסהערן אַ קלאַפּנדיק האַרץ? האָבן זיי געהאַט אַ לייכטן טויט? איז זי געשטאָרבן מיט תרעומות צו מיר? איז זי געשטאָרבן? שכנא איז געווען נעבן איר. זי האָט אים זייער ליב געהאַט״.

ער האָט אָנגעהויבן לויפן. הינטער אים איז איינגעפאַלן דער דאַך פון שפּיטאָל. ער האָט אַליין נישט געוווּסט ווי שנעל ער איז דערלאָפן צום טויער.

„שטיי, זשיד!״.

ער האָט דערפילט אויפן בויך דעם שפּיץ פון אַ שווערד און ער איז שטיין געבליבן.

„אָט קודאָ זדעז זשיד זשיוו?״ — פון וואַנען נעמט זיך דאָ אַ לעבעדיקער ייִד? — האָט אַרטאַפּאַנוס קוים פאַרשטאַנען די שאלה און געמאַכט, אַז ער פאַרשטייט גאַרנישט. ער האָט נישט געענטפערט. נישט אָפּלאָזנדיק דעם בליק פונעם געפאַנ־

גענעמס פנים האָט דער קאָזאַק עמעצן גערופֿן און פֿון יענער זייט טויער זענען אָנגעלאָפֿן עטלעכע לייט. זיי האָבן זיך אויף אַרטאַפּאַנוסן אַ וואָרף געטון פֿון אַלע זייטן ווי טשאַטע הינט.

„דאַוואַי, אָפּבראָטן אים ווי אַ שעפּס!", האָבן אים די קאָזאַקן געשטופּט פֿאָרויס דורכן טויער.

פֿון דער צווייטער זייט טויער האָט געברענט אַ שייטער און אַ צוואַנציק מאַן זענען געווען אויסגעזעצט אויף דער ערד און זיך געוואַרעמט ביים פֿייער. אַ געוואַל־דיקע רויִקייט, וואָס קומט פֿון יענער זייט סכנה, האָט זיך אָפּגעזעצט אין אַרטאַפּאַנוסן אין דער רגע ווי די קאָזאַקן האָבן אים צוגעפֿירט צום שייטער. אין דעם ליכט פֿונעם פֿייער, וואָס איז געפֿאַלן אויף די זיצנדיקע און ווערדליק זייערע בגדים האָט אַרטאַ־פּאַנוס באַגריפֿן, אַז נישט אַלע זענען קאָזאַקן, האָט ער געפֿרעגט:

„זענען פֿאַראַן צווישן אייך אַזעלכע וואָס רעדן פּויליש?".

„איז וואָס, זשיד, אַז איך קען פּויליש?", האָט איינער פֿון די זיצנדיקע זיך אויפֿגעשטעלט און זיך געהאַלטן איינגעבויגן אויף אָפּצושפּעטן ווי עס גייט כּלומרשט אַ ייִד.

„איך בין דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס. האָט ווער געהערט וועגן דאָקטאָר אַרטאַ־פּאַנוס?".

„וואָס באַלאַבאַטשעט דער ייִד?", האָבן די קאָזאַקן געוואָלט וויסן, און אַנדערע האָבן געכאַפּט צו באַזוכן אים. ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין בוזעם, אַרויס־גענומען אַ זעקעלע מטבעות און עס אויפֿגעהויבן אין דער הויך:

„דאָ האָט איר אַ מתּנה פֿון דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס. איר דאַרפֿט ביי מיר נישט זוכן".

די קאָזאַקן האָבן זיך געריסן, איינער האָט דעם צווייטן אָפּגעשטופּט און פֿון אַ שטאַרקן קלאַפּ אין אָרעם האָט ער דאָס זעקעלע אַרויסגעלאָזט פֿון דער האַנט און ס'איז געפֿאַלן אויף דער ערד.

„עס וועט באַקומען אַ גרויסע באַלוינונג יעדער וואָס וועט לאָזן וויסן דעם וואָיעוואָדע, אַז דאָקטאָר אַרטאַפּאַנוס איז געפֿאַנגען!", האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופֿן אויף פּויליש.

איצט זענען שוין אַלע געווען אויף די פֿיס. די עטלעכע פּאָליאַקן האָבן זיך אויסגעמישט מיט די קאָזאַקן, וואָס זענען געווען שטאַרק פֿאַרנומען מיט די גאָלדענע מטבעות.

„ער האָט נאָך, ער האָט נאָך!", האָבן די פּאָליאַקן געשריגן.

„דאָ האָב איך נישט!", האָט אַרטאַפּאַנוס זיי איבערגעשריגן מיט אַן אויסטערליש מעכטיקער שטים, ווי ער וואָלט די לייט גערופֿן צו אַ באַפֿעל.

פֿון זיין אומגעריכט באַפֿעלעריש קול, איז דאָס געזעמל שטיל געבליבן.

„איר וועט פֿון דעם וואָיעוואָדע באַקומען דריי מאָל אַזוי פֿיל גאָלדענע מטבעות אַזוי שנעל ווי איר וועט מיך צו אים אַוועקפֿירן", האָט אַרטאַפּאַנוס ווייטער געזאָגט מיט דעם זעלבן קול.

אין טומלעניש האָבן די פּאַליאַקן מיט אַ געפּעלשטן פּויליש נאָכגעמאַכט אוקראַי־ניש און געגעבן די קאָזאַקן צו פאַרשטיין וואָס דער ייד זאָגט.

„וועסטו אָננעמען דעם רעכטן גלויבן?“, האָט פון דעם אַלץ פאַרשטאַנען איינעו־פון די קאָזאַקן און אַרויפגעלייגט צוויי אָפענע פינגער אויף אַ פינגער פון דער צווייטער האַנט, ווי אַ סימן פון פּראַוואָסלאַוונעם צלם.

„יאָ!“, האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט הויך, עס זאָל דערגיין צו אַלע.

„ער וויל מען זאָל אים פירן צום וואָיעוואָדע“, האָט אַ פּאַליאַק זיך אַריינגעמישט, „דאָרט וועט ער געבן נאָך מטבעות. גאָלד, גאָלד!“.

„האַלט די מאָרדע, ליאַך!“, האָט אַ קאָזאַק שטיל געמאַכט דעם פּאַליאַק.

צונויפגעדרענגטע האָבן די קאָזאַקן צווישן זיך גערעדט, געמאַכט מיט די הענט, פון צייט צו צייט געקוקט מיט פאַרדאַכט אויף דעם געפאַנגענעם און צום סוף געהייסן אים זיך אַוועקזעצן אויף דער ערד נעבן פייער. נישט ווי ער וואָלט באַקומען אַ באַפעל, נאָר ווי ער וואָלט פאַרבעטן געוואָרן אַנצווואַרעמען זיך, האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגעשטרעקט די הענט צום פייער, אָנגעריבן איין האַנט אין דער צווייטער און לסוף זיך אַוועקגעזעצט. נעבן אים האָט אַ קאָזאַק מיט אויסטערליש ברייטע אַקסלען געקוקט דאָ אין פייער און דאָ אויף אים און אָנווייזנדיק אויף זיין אייגענעם האַלדז, האָט ער אַ בורטשע געטון:

„אויב וועסטו נישט אָננעמען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן איז כיק!“.

„אָננעמען“, האָט אַרטאַפּאַנוס באַשטעטיקט.

מער האָט ער נישט גערעדט. ער האָט אַפילו נישט געענטפערט אויף דעם, וואָס די פּאַליאַקן האָבן גערעדט צווישן זיך וועגן אים, אַז מסתמא קומט דעם ייִד ביים וואָיעוואָדע אַ סך געלט. ייִדישע דאָקטוירים זענען רייך, ביי איין ייִדישן דאָקטאָר אין פּאָדזאַמטשע האָבן די קאָזאַקן צוגענומען אַזוי פיל גאָלד און זילבער, אַז האַלב לובלין האָט מען פאַר דעם געקענט אָפּקויפן. דערנאָך האָבן זיי די קאָזאַקן דורכגעשטאָכן מיט אַ פּיקע און געלאָזט אים ליגן אויף דער גאַס אַ גאַנצן טאָג, ער זאָל זיך מאַטערן פאַרן טויט. קיינער האָט אים נישט געוואָלט דערשלאָגן.

פון די רייד האָט אַרטאַפּאַנוס פאַרשטאַנען, אַז אויך דאָקטאָר דניאל לעבט שוין נישט. ער האָט צוזאַמענגעצויגן די קני און זיי אַרומגענומען מיט די הענט. ער האָט נישט געפילט קיין מידקייט. יעדער פאָדעם פון זיין לייב איז געווען אָנגעשפּאַנט אַלץ צו הערן און אַלץ צו זען, נאָר אויף אויסן האָט אַלץ אויפגעהערט צו זיין.

די קאָזאַקן ביים פייער האָבן זיך גענומען צום עסן. פון די בוזעמס האָבן זיי אַרויסגענומען האַרטע שטיקער ברויט, וואָס זיי האָבן געבראָכן מיט די ציין. פון ערגעץ איז אָנגעקומען אַ פלאַש, וואָס איז געגאַנגען פון מויל צו מויל. דער קאָזאַק, וואָס איז געזעסן נעבן אַרטאַפּאַנוסן, האָט אים אַ שטורג געטון מיטן עלנבויגן און אים דערלאַנגט די פלאַש. אַרטאַפּאַנוס האָט אויפגעציטערט פון דעם קלאַפּ אין דער זייט און אַ באַהערשטער האָט ער גענומען די פלאַש און זי צוגעלייגט צו די ליפּן. ער האָט דערפילט ספּירט און אַביסל דערפון אַראָפּגעשלונגען און זיך אָפּגעווישט די ליפּן. ברויט האָט ער אָפּגעזאָגט צו נעמען און דער קאָזאַק האָט אים צורו געלאָזט.

אַרטאַפּאַנוס איז געוואָרן אין גאַנצן ליידיק, ווי אַלץ וואָס איז געווען און וועט זיין וואָלט צו אים קיין שייכות נישט געהאַט. אויך די קאָזאַקן און די פּאַליאַקן, וואָס זענען געזעסן אַרום פייער אַזוי נאָענט צו אים, האָבן אים אויסגעזען נישט דאָ׳יקע און נישט רעאַל. זייער רעדן האָט נישט געהאַט קיין שייכות — נישט צו אים.

אַזוי איז ער געזעסן ביז פּאַרטאָג, ווען עס איז אָנגעקומען אַן אַנדער גרופּע קאָזאַקן אויף אָפּצובייטן די וואָס האָבן געוואַכט ביים טויער איבער דער נאַכט. די, מיט וועלכע ער איז איבערגעזעסן די נאַכט, האָבן אים געבונדן די הענט מיט שטריק, ווי מיט אַ וויקל־שנור. פאַר די געקומענע האָבן זיי זיך באַרימט, אַז זיי האָבן געכאַפּט אַ יי׳דישן דאָקטאָר, וואָס וויל איבערגיין צום פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן. זיי האָבן אַרטאַפּאַנוסן אַ שטופּ געטון ער זאָל גיין פאַרויס און האַלטנדיק פון הינטן די עקן פון די שטריק, האָבן זיי אים אַוועקגעפירט אין לאַגער אויסער דער שטאָט.

דאָ, אַ פינף הונדערט טריט פון דער שטאָטישער מויער, האָבן אים די קאָזאַקן אַריינגעטריבן אין אַ לייוונטענעם געצעלט, געבונדן אים אויך די פיס, ער זאָל זיך נישט קענען באַוועגן און זיי זענען נעלם געוואָרן. ער איז געלעגן שעהן לאַנג ווי פאַרחלשט. די גלידער זענען אים פאַרשטייפט געוואָרן און אין די פינגער פון די הענט און פיס האָט ער געפילט פראָסט־נאָדלען. זיי האָבן אים געשטאָכן. פון צייט צו צייט איז עמעצער אַריינגעקומען זיך צוקוקן צו אים, געוואָרפן אַ קללה, געלאַכט פון די אייגענע ווערטער און פאַרשוווּנדן. און אַז אַרטאַפּאַנוס האָט געבעטן ביי די אַריינגעקומענע זיי זאָלן אים אויפבינדן אויף אַ ווייל און אים אַרויספירן אין דרויסן, האָבן זיי געחוזקט פון אים:

„ביז דער פּאָפּ וועט קומען צו דיר האָסטו יי׳דישע הויזן״...

„יי׳דן און פּאַנעס האָבן אונדז ביז איצט געדאָסט אויפן קאָפּ, מעגסטו איצט דאָסן אין די הויזן״.

„אַזוי לאַנג ווי דו ביסט אַ ייד וועסטו אונדז נישט פאַרשטינקען דעם לאַגער״.

„האָסט אַ נאָמען, אָדער זאָל איך דיך רופן פּראָסט און פּשוט ,זשיד׳ ?״.

„כל זמן איך בין אַ ייד קען מיר, אייער גענאַד, רופן ייד״, האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט נישט אַרויפקוקנדיק צום אָפיציר. „מיין נאָמען איז דאָקטאָר אַרטאַ־פּאַנוס״.

„אַ דאָקטאָר! מכות היילסטו ?״, האָט דער אָפיציר געלאַכט פון זיין אייגענער שאלה און זיך אַרומגעקוקט צי די וואָס זענען מיט אים לאַכן מיט.

אַלע האָבן זיך געווײַלט.

„איך הייל אַלע קראַנקייטן, וואָס מען קען אויסהיילן״, האָט אַרטאַפּאַנוס געענט־פערט אַזוי שנעל ווי די געלעכטערס האָבן זיך איינגעשטילט.

דער אָפיציר האָט באַפוילן מען זאָל דעם געפאַנגענעם באַפרייען פון די שטריק און אים אַרויספירן פון געצעלט. אַרטאַפּאַנוס האָט זיך נישט געקענט אויפהייבן. די גלידער זענען אים געווען פאַרשטייפט און ער האָט נישט געפילט — נישט די הענט און נישט די פיס. עמעצער האָט אים געוואָלט העלפן און ער האָט יענעם אָפּגעשטופּט מיטן קאָפּ.

„לאָזט מיך ביז די נאָדלען וועלן אויפהערן שטעכן", האָט ער געבעטן און זיך ביסלעכווייז געפּרוּווט באַוועגן. לסוף האָט ער זיך אויפגעשטעלט ווי אַ שיכורער. די פּיס האָבן אים געשטאָכן און אַלץ פאַר די אויגן האָט זיך אים געדרייט און געשווינדלט. ער איז אַוועקגעפאַלן.

אַז ער האָט צוריק געעפנט די אויגן, האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט דער נאַקעטער הימל. פון דער נאָענט האָט ער געהערט רעדן. ער האָט נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זען ווער עס רעדט, נאָר געבעטן: „וואַסער, וואַסער". ביז מען האָט פאַר אים געבראַכט וואַסער האָט ער ווי אַ פיש אויפן ברעג פון טייך געטרונקען מיט אַ צעעפנט מויל די לופט פון הימל און אַ גלוסט צו שלאָפן איז אים באַפאַלן. עמעצער האָט אין אַן עמער געבראַכט וואַסער:

„נעם, זשיד, דאָ האָסטו וואַסער!".

אַרטאַפאַנוס האָט זיך אויסגעדרייט אויף אַ זייט און דעם קאָפּ אַריינגעשטעקט אין עמער צום געלעכטער פון די, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים.

„דער זשיד איז אויך אַ פערד!".

„זע, ער טרינקט דאָ ווי אַ פערד!".

אַרטאַפאַנוס האָט געטונקען דאָס פּנים אינעם קאַלטן וואַסער, איין מאָל און נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, און ווי פון דעם וואַסער וואָלט צוריקגעקומען זיין לעבן, האָט ער זיך געקעכלט מיט דער פליסיקייט, געטרונקען און באַלד נאָך אַמאָל מיטן פּנים אינעם וואַסער. די כּוחות האָבן צוריקגעקערט צו אים. ער האָט זיך אויפגעשטעלט מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט אַ נאַס פּנים און מיט די פּויסטן צוגעדריקט די שלייפן פון זיין שטערן. ער האָט צוריקבאַקומען די גלייכגעוויכט און זיך אָפּגעטרייסלט. ערשט איצט האָט ער געזען, אַז אַרום אים שטייט אַ גאַנצע כאַפּטע קאַזאַקן און רוסישע זעלנער און אויך דער אָפיציר.

האַלב אין ליצנות און האַלב ערנסט האָט דער אָפיציר געזאָגט:

„פאַרן אַננעמען דעם רעכטפאַרטיקן גלויבן דאַרף מען זיך ריכטיק אויסהונגערן. מאָרגן אין דער פרי וועט קומען דער פּאָפּ. אַז דו וועסט ווערן אַ פּראַוואָסלאַוונער, וועסטו באַקומען קאַשע מיט פלייש. איצט דאָס זיך אויס צום לעצטן מאָל ווי אַ זשיד און מען וועט דיך צוריק בינדן".

די חושים פון אַרטאַפאַנוסן האָבן זיך שאַרף אָנגעשפּיצט. ער איז אַוועקגעגאַנגען אַן אַ זייט קוים געצײלטע טריט און אין די קורצע רגעס האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך דאָס בילד פונעם לאַגער: די געצעלטן זענען צעשטעלט אין אומאָרדענונג. פון דער צפון- און מזרח-זייט זעט מען נישט דעם סוף פון לאַגער. אָבער אויף דרום און מערב, אין דער ריכטונג צו דער שטאָט-מויער, זענען צעשטעלט ווינציק געצעלטן. ער האָט איבער דער מויער דערזען פלאַמען און רויך. די שטאָט האָט געברענט. אין דער שטאָט איז ער געווען. ווען?

„הע, זשיד, צייט פאַר דיר צו גיין אין די שטריק!".

אַרטאַפאַנוס איז געווען געהאַרכזאַם. ער איז צוריקגעקומען אַ גרייטער צו גיין אין די שטריק. ער האָט זיך געהאַלטן גלייך, ווען דער אָפיציר האָט געזאָגט צו צווי

קאַזאַקן, זיי זאָלן דעם ייִד צוריקפירן אין געצעלט און אים בינדן און היטן ביז אין דער פרי.

„אַז דו ווערסט מאָרגן ווערן אַ פּראַוואָסלאַוונער, וועסטו ווי אַ דאָקטאָר ווערן ביי אונדז אַ גרויסער מענטש!".

פון דעם אָפיצירס ערנסטע ווערטער האָט אַרטאַפּאַנוס באַקומען חשיבות אין די אויגן פון די זעלנער. ער האָט זיך אויסגעצויגן העכער און אַנגענומען פולע לונגען מיט לופט. דער אָפיציר איז אַוועק. די זעלנער האָבן אַרטאַפּאַנוסן באַגלייט אין געצעלט. פון דער זייט אין געצעלט, וווּ עס איז געלעגן אַ קופּע שטרוי, האָט איינער מיט אַ פוס צוגעשאַרט אַביסל שטרוי צו דעם ווינקל, וווּ אַרטאַפּאַנוס איז פריער געלעגן און האָט זיך גענומען דעם ייִד אַרומבינדן מיטן שטריק. אַרטאַפּאַנוס האָט אַרויסגעשטופּט די ברוסט וואָס מער.

„לייג זיך!", האָט איינער פון די זעלנער אָנגעוויזן אים אויף דעם ביסל שטרוי.

אַרטאַפּאַנוס איז געווען געהאָרכזאַם. איצט האָבן אים די שטריק נישט אַזוי שטאַרק צוזאַמענגעצויגן די גלידער ווי פריער. דאָס אַרויסשטופּן די ברוסט ביים אַרומבינדן אים, האָט אים געגעבן אַביסל פרייהייט צו באַוועגן די הענט אין צוויי ריכטונגען. פון דער רגע אָן ווי ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן שטרוי און דער זעלנער האָט אים געבונדן די פיס, איז שוין זיין מוח געווען אינגאַנצן פאַרטון אין דעם בילד פונעם לאַגער. ס'איז נאָך גאָרנישט קלאָר געווען פאַר אים, אַלץ האָט זיך אים געמישט צוזאַמען, אָבער זיין האַרץ האָט געקלאַפּט שטאַרקער. זיין מחשבה האָט געגליט. די זעלנער זענען אַרויס פון געצעלט. אַרטאַפּאַנוס האָט געפּרוּווט זיך אויסדרייען אויף אַ זייט, אָפּשטויסנדיק זיך מיט אַ קנאַפּל פון דער ערד, און ס'איז געגאַנגען. דאַן האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן מיט די בויך־מוסקולן, די שטריק זאָלן זיך אַרויפרוקן העכער און ער האָט דערפילט אויף די עלנבויגנס אַביסל לויזקייט.

ס'איז געוואָרן אָוונט. די לעכער אין געצעלט זענען פאַרדעקט געוואָרן מיט פינצטערניש. פון יענער זייט געצעלט האָבן קאַזאַקן געזונגען. ערגעץ־ווּ, נישט ווייט, האָט געהירזשעט אַ פערד. אַרטאַפּאַנוס האָט אויסגעפּרוּווט זיינע אָרעמס, זיי זאָלן נישט פאַרגליווערט ווערן אין די שטריק. ער האָט געאַרבעט מיט די בויך־מוסקולן און מיט דער ברוסט אַזוי טיכטיק, אַז זיין לייב האָט זיך באַגאָסן מיט שווייס. די אויבערשטע שטריק־רייפן האָבן זיך אויפגעהויבן העכער. האָט ער זיך ווידער אויס־געדרייט אויף אַ זייט און איינשרומפּנדיק זיך האָט ער מיטן מויל געזוכט אַ שטריק־רייף. ער האָט דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין קאַרק און זיך צוריקגעלייגט אויף די פּלייצעס צו כאַפּן דעם אָטעם. ער איז געווען טויט מיד, אָבער ווי נאָר דער ווייטיק איז פאַרביי האָט ער ווידער געמאַכט דעם זעלבן מאַנעווער. ער האָט איינ־געצויגן דעם בויך און די ברוסט ביזן פאַרלירן דעם אָטעם און מיט די ליפּן דערפילט דעם שטריק, נאָר מיט די ליפּן אים אָנכאַפּן און אַריינבאַקומען אים צווישן די ציין — דאָס האָט ער נישט דערגרייכט. דער ווייטיק אין קאַרק און צווישן דער ברוסט און בויך האָבן אים דערשעפּט פון די כוחות.

ס׳האָט זיך אָפּגעדעקט אַ פּאָלע פון געצעלט. עמעצער איז אַריין אינעווייניק און עפּעס געזוכט אין שטרוי.

„זשיד, דאָקטאָר, דו שלאָפסט ?״.

„כ׳שלאָף נישט״, האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט.

„אַ זופּ אָקעוויט ווילסטו ?״.

„אַז מען עסט נישט טאָר מען נישט טרינקען״.

„מאָרגן. היינט פאַסטסטו״.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך איבערגעדרייט אויף אַ זייט, איינגעצויגן דו ברוסט און דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן וואָס נידעריקער. ער האָט שוין געהאַט אַ שטריק־רייף צווישן די ליפּן און ער איז צוריק אָפּגעשפּרונגען ווי אַ סטרונע. ער האָט דערפילט אַ ווייטיק אין דער אונטערשטער ליפּ. ער האָט די ליפּ אַריינגעכאַפּט אין מויל. פון דעם זייערלעכן טעם האָט ער געוווּסט, אַז די ליפּ בלוטיקט. ער האָט אויפגעגעבן דעם ביז איצטיקן מאַנעוור און געפּרוּווט אַרויסבאַקומען אַ האַנט פון צווישן דעם שטריק־געפלעכט, וואָס איז שוין געווען לויזלעך. אונטן זענען די שטריק־רייפן געווען פעסטע. האָט ער זיך ווידער איבערגעדרייט אויף אַ זייט, מיט אַן אָפן מויל אַ וואָרף געטון דעם קאָפּ און געהאַט צווישן די ציין דעם שטריק. ער האָט זיך איבערגעדרייט אויף די פּלייצעס, און כאַטש דער שטריק איז געווען געשפּאַנט און אים געריסן די מוילווינקלען, האָט ער אים פון צווישן די ציין נישט אַרויסגעלאָזט. מיט די אויבערשטע ציין האָט ער אים געזעגט לאַנגזאַם און לאַנגזאַם, נישט צופיל אָנשטרענגענדיק די כוחות. ער האָט געהאַלטן צוגעלענט די אויגן און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פילט יעדעס הערעלע, וואָס פּלאַצט אינעם שטריק. און יעדעס הערעלע, וואָס האָט געפּלאַצט, איז געווען ווי אַ זאַפּט־רערל, וואָס טריפט מיט כוח און אמונה. אַט רירט ער אַן מיט דער שפּיץ צונג דעם שטריק און ער פילט עטלעכע איבערגעריסענע הערעלעך. דער ווייטיק אין די מויל־ווינקלען ווערט נישט שוואַכער, אָבער די ציין ווערן דערפאַר שטאַרקער. זיי זעגן שוין איצט אַליין, כמעט אַן אָנשטרענג, פאָרויס און צוריק, פאָרויס און צוריק. און די אויערן זענען אָנגעשפּיצט צו די פאָלעס פונעם געצעלט. צום פאַרצויגענעם געזאַנג אין דרויסן.

צוויי קאָזאַקן זענען אַריין אין געצעלט. אַרטאַפּאַנוס האָט איבערגעריסן דאָס זעגן דעם שטריק. איינער האָט געפרעגט מיט אַ שיכורלעכן טאָן, אונטער דער נאָז:

„זשיד הונט, שלאָפסט ?״.

אַרטאַפּאַנוס האָט נישט געענטפערט. געענטפערט האָט דער צווייטער קאָזאַק:

„ער שלאָפט ווי אויך אים וואָלט מען צעשפּאָלטן״.

אַ רגע האָבן זיי געררודערט אין שטרוי. איינער האָט געוואָרפן אַ קללה און דער צווייטער האָט די קללה איבערגעחזרט. און באַלד האָט איינער זיך צעכראָפּעט, ווי אַ זעג אין אַ דיקן בוים־שטאַם. אַרטאַפּאַנוס האָט אויפסניי אָנגעהויבן זעגן מיט די ציין דעם שטריק.

אַרטאַפּאַנוס האָט קיינמאָל שפּעטער נישט געדענקט ווי לאַנג ער האָט מיט די ציין געזעגט דעם שטריק. ס׳האָט אים אַפילו געשיינט, אַז ער איז אין דער מיט

פאַרמאַטערט געוואָרן און איז איינגעשלאָפן. און אפשר איז ער אויף אַן אמת איינגעשלאָפן און די ציין האָבן אַליין געזעגט, געזעגט דעם שטריק און ערשט דאָס פּלאַצן פון דער שטריק האָט אים איבערגעוועקט? וואָרום נישט געהערט האָט ער ווען דאָס געזאַנג אין דרויסן האָט אויפגעהערט, נישט געהערט האָט ער דאָס כראָפּען פון די קאָזאַקן אינעם געצעלט, נאָר זיין אייגענע אויפגעוועקטקייט האָט אים באַנומען און אַרויסוויקלענדיק זיך פון די שטריק און אָפּבינדנדיק זיי פון די פיס, האָט ער אָנגעהויבן זיך איינהערן אין די גערוישן. ערשט איצט האָט ער דערהערט, אַז די שלאָפנדיקע זענען גאָר שטאַרק פאַרנומען מיט זיך: איינער כראָפּעט פייפנדיק, דער צווייטער זעגט אַ דעמב, שטעלט זיך אָפּ, די זעג פּלאַצט, פאַלט אַריין מיט אַ פייף אינעם פייפן פון דעם צווייטן, הייבט ווידער אָן צו זעגן. דער צווייטער פאַרגעסט, אַז ער האָט ביז איצט געפייפט און גייט איבער אין גאָרגלען זיך, ווי ער וואָלט איינגעשלונגען קליינע שטיינדעלעך. אַרטאַפּאַנוס קען נישט באַוועגן מיט די פיס. זיי זענען אים פאַרשטייפט. ער וויל זיי אויפהייבן, צו מאַכן אַ פּאָר באַוועגונגען אין דער לופטן, און זיי פאַלן צוריק אַראָפּ, ווי צוויי קלעצער. באַלד צעשטעכן זיך די נעדעלעך. ער פּרוווט פאַרבייסן די ציין פון ווייטיק און ער קען די ציין צו די ציין נישט צורירן, ווי ער וואָלט געגעסן אייליקע עפּל. אין די מויל־ווינקלען ברענט אַ פייער. ער פּרוווט זיך שטעלן אויף די קני, די נאָדלען צעשטעכן זיך. מיט ביידע הענט דריקט ער די קינען, כדי צו פאַרטויבן דעם ווייטיק און קריכט צו די פּאָלעס פון געצעלט. אָט איז ער מיטן קאָפּ אין דרויסן. ער קוקט זיך אַרום. דער הימל איז רויט פון פלאַמען. דער האָריזאָנט פון דער שטאָט־מויער איז שוואַרץ, ווי עס איז שוואַרץ ביינאַכט אַ וואַלד, און איבער דעם שוואַרצן האָריזאָנט, אויף רעכטס, דאָרט ווו עס איז די ייִדנשטאָט, רייסן זיך די פלאַמען צום הימל. אַרום איז ליידיק. ער געטרויט זיך נישט. וואַרט ער אַ ווײַלע. ער הערט נישט קיין רויש, נאָר פון אינעווייניק — דאָס כראָפּען פון די שלאָפנדיקע.

אַ רגע און ער איז שוין מיטן גאַנצן גוף אין דרויסן. ער קריכט פאַזע דער וואַנט פון געצעלט און פאַרהאַלט זיך. דער נאָענטסטער געצעלט פון דער לינקער זייט זעט אים איצט אויס צו זיין אַ סך ווייטער ווי ער האָט אים געדענקט פון טאָג־ליכט. ער איז מיט די אויגן און אויערן פון אַלע זייטן אין איין צייט. ער פילט נישט מער די נאָדלען אין די פיס. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם מאַכט ער אַ קריך־באַוועגונג, באַלד אַ צווייטע און דאַן שנעלער, שנעלער, אַ קוק אַהין, אַ קוק אַהער, ציט אויס אַ האַנט און שוין דערזעט ער פאַר זיך דעם נאָענטסטן געצעלט. ער איז נישט געווען אַזוי ווייט. ער דערווייטערט זיך אַביסל אין דער ריכטונג צו דער שטאָט־מויער, הייבט ווידער אָן קריכן שנעל־שנעל און בלייבט ליגן. ער האָט דעם געצעלט הינטער זיך.

פון אונטן, ליגנדיק אויף דער ערד, זעט ער בעסער. פאַר זיך זעט ער נישט מער קיין געצעלטן. האָט ער פאַרבלאָנדזשעט? האָט מען דאָ שפּעטער צענומען די געצעלטן, וואָס ער האָט געזען אין טאָג־ליכט? ער קריכט אויפן בויך. דאָס פעלד איז בלאָטיק. ער פילט די בלאָטע בלויז מיט די הענט; ער פילט נישט די נעץ, וואָס איז דורכגעדרונגען דורך זיינע קליידער; ער פילט אַפילו נישט, אַז זיין לייב

איז אויסגעוויקט אין שוויס. נאָך אַ רוק מיט איין קני און אַט שלאָגט ער זיך אָפּ מיטן צווייטן פוס. די פינגער פון די הענט קנעטן אין בלאָטע, זוכן אַ האַרטערן אָנלען. ווידער אַ קוק אַהער און אַהין, הערט אויס דעם גערויש פון די שׂריפות אין דער ייִדנשטאָט, וואָס לייכטן אַריבער איבער דער שוואַרצער שטאָט־מויער, באַלייכטן דאָס פעלד און טיילן אויס יעדן קוסט און יעדעס ערד־בערגעלע.

און אַזוי, ליגנדיק אויפן בויך און מיט אָפּשטויסן מיט די קני, האָט זיך אַרטאַ־פּאַנוס דערווייטערט נאָך אַן אייל און נאָך אַן אייל, ביז דער לאַגער הינטער אים האָט זיך פאַרווישט מיט דער נאַכט. דאַן ערשט האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן לויפן אויף דרום. ער איז געלאָפן מיט אַן אָפן מויל אויף וויפל די ברענענדיקע ליפּן־ווינקלען האָבן אים געלאָזט, און מיט פולע הויפנס קאַלטער נאַכט האָט ער געקילט זיין צעהיצטן אָטעם.

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן גרויען אויף טאָג, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ געדיכטער נעפּל. אַרטאַפּאַנוס האָט זיך געטראָגן דורכן נעפּל, ווי דורך וואָלקנס. די כּוחות האָבן אים פאַרלאָזט. ער איז שוין נישט געלאָפן, נאָר געפּלאָנטערט מיט די פיס, ווי אַ שיכּורער. אָבער דעמאָל האָט ער שוין געהאַט דערגרייכט די אָפּאָלער וועלדער. דער וואַלד האָט געשמעקט מיט האַרבסטיקן בלעטער־געפאַל, דאָס ווייכע בלעטער־בעט אונטער די פיס האָט אים געצויגן צו זיך, געררייצט מיט ביטערלעך־זאַפטיקע ריחות פון ערד און דעמבעס: לייג אַוועק דיין קאָפּ אויף די גאָלדענע בלעטער. דער וואַלד איז פול מיט חסד און זיין וויסטעניש וועט דיך שיצן...

ליידיק און נאַקעט איז געבליבן אַרטאַפּאַנוס, ווי ליידיק און נאַקעט עס זענען געווען די האַרבסטיקע דעמבעס אינעם אָפּאָלער וואַלד, וואָס האָט אים אויסבאַהאַלטן. אין די דערפלעך ביים וואַלד האָבן פּויערים דערציילט מיט שרעק, אַז די קעניגלעכע שטאָט לובלין איז נישט מער קיין שטאָט פאַר מענטשן, נאָר דאָרט לעבן גייסטער און נישט־גוטע. בייטאָג לויפן דאָרט אַרום הינט מיט אַראָפּגעלאָזטע ווידלען, ווייל זיי פילן דאָס הויערן פון די נישט־גוטע אונטער די חורבות און אין די אויסגעברענטע הייזער. מענטשן, וואָס פאָרן פאַרביי די שטאָט, האַלטן זיך צו די נעז פון וועגן דעם געשטאַנק, וואָס טראָגט זיך פון די נישט באַערדיקטע מתים. פון דער ייִדנשטאָט איז קיין צייכן נישט געבליבן און קוימענס שטעקן אַרויס פון די בערג אַש און ברוך, ווי מצבֿות. אויך די קראָקעווער פאָרשטאָט, וואָס איז געווען אין שכנות פון דער ייִדנשטאָט איז פאַרברענט. ווייטער אין דער שטאָט שטייען אָפן פאַר אַלע ווינטן די פּאַלאַצן און קלויסטערס. די הייזער זענען ליידיק פון מענטשן. הינטער דעם קלויסטער פאַר נזירות זענען צענדליקער און צענדליקער גופים געווען פונאַנדער־געוואָרפן און צעפּרעסן פון הינט און מייז. ווער ס׳איז לעבן געבליבן אין דער שטאָט איז אַנטלאָפן אויס פּחד פאַר דער פּעסט. די ברינעמער זענען פול מיט מתים, און פאַרבייפאָרנדיקע זענען געוואָרנט נישט צו שעפּן וואַסער אין לובלינער ברי־נעמער אויף צו פּאָיען פערד, וואָרום פאַרגיפטעט זענען די ברינעמער און די שטראָף פון גאָט איז אינעם וואַסער, ווי אין דעם אוויר פון לובלין.

ביינאַכט — אַזוי האָבן געזאָגט די שמועות — פֿאָרט קיינער נישט פֿאַרביי די שטאָט. וואָרום ווי נאָר עס זעצט זיך דו זון און עס ווערט טונקל, ווערט נאָך טונקעלער איבער לובלין. די פֿייגל אַנטלויפֿן אין בהלה און דאָס קראַקערײַ פֿון די אַנטלויפֿנדיקע קראָען יאָגט אָן אַן אימה. און דאָס דערפֿאַר ווייל ווי נאָר עס פֿאַלט צו די נאַכט, פֿליען אָן פֿון אַלע זייטן וועלט טייוואָלים מיט הערנער און לאַנגע ווידלען, קאָשעצן מיט פֿליגל, גייסטער, וואָס אין פֿליען בלאָזן זיי פֿאַר זיך מיט הייסן ווינט, און אַלע הויערן זיי איבער לובלין. אַ סימן דערפֿאַר האָבן מענטשן געזען אין דעם וואָס אויף די לובלינער חורבות האַלט זיך נישט דער אַראָפּגעפֿאַלענער שניי. ער צעגייט פֿונעם ביינאַכטיקן אָנגעלויף.

אין אַזאַ טאָג פֿון פֿאַרשנייטע פֿעלדער איז אַרטאַפּאַנוס אָנגעקומען קיין לובלין צו זוכן אַ צייכן און אַ פֿונק פֿון האָפֿענונג, אַז עמעצער פֿון זיינע נאָענטסטע איז לעבן געבליבן. און דעמאָלט האָט ער געזען, אַז די שמועות זענען וואָרע. בעת אויסער די האַלב-צעשטערטע שטאָט-מויערן זענען די פֿעלדער באַדעקט מיט שניי, זענען די חורבות פֿון דער ייִדנשטאָט אָפּגעדעקט. פֿון אונטער די האָלעוועשקעס און אַשן טראָגט זיך אַ היץ און אַ געשטאַנק. בלויז פֿון די חורבות פֿון דעם פּאַלאַץ אויפֿן באַרג האָט ער דערקענט, אַז דאָ איז אַמאָל געווען ייִדיש לובלין. ער האָט קיין לעבעדיקן מענטש אין דער ייִדנשטאָט נישט געפֿונען.

דאָקטאָר אליעזר אַרטאַפּאַנוס איז געוואָרן אַ מדינה-גייער. מיט די פּאָלעס פֿאַרשטעקט אינעם גאַרטל און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, האָט ער געוואַנדערט צום ערשטן קיין טאָמאַשאָוו, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז דאָרט האָט ער נישט וועמען און וואָס צו זוכן. ער האָט נאָר געזוכט אָנצוטרעפֿן אַ לעבעדיקן ייִד, וואָס מיט זיינע ווערטער וועגן דעם ווי אַזוי דער רבֿ ר׳ יצחק בן אליעזר איז געגאַנגען אויף קידוש השם, זאָל ער האָבן אַ טרייסט. און אַז צווישן די לעבנגעבליבענע ייִדן פֿון טאָמאַשאָוו האָט אַרטאַפּאַנוס געפֿונען אַ ווייב, וואָס איז געווען איינע פֿון די וואָס די קאָזאַקן האָבן אַרויסגעפֿירט אויפֿן מאַרק און זי מאַנס געווען, און זי האָט דערציילט ווי אַזוי דער יונגער רבֿ ר׳ יצחק איז איינגעוויקלט אין טלית אַרויס אויפֿן מאַרק און געבעטן צו זיין אַן אויסלייז פֿאַר די ייִדישע טעכטער, און די קאָזאַקן האָבן אים געטויט — האָט אַרטאַפּאַנוס געבעטן, אפֿשר איז געבליבן אַ שטיקל טלית פֿון זיין זון דעם קדוש. ס׳איז נישט געבליבן.

דאָס פֿרומע ווייב האָט געטרייסט אַרטאַפּאַנוסן:

„אַז משיח וועט קומען וועט אייער זון דער קדוש אַנטקעגנגיין דעם געטלעכן מאַן איינגעוויקלט אינעם טלית״.

האָט אַרטאַפּאַנוס פֿעסטער אַריינגעשטעקט די עקן פֿון די פּאָלעס אינעם גאַרטל, גענומען דעם שטעקן אין דער האַנט און געגאַנגען אויף מערבֿ. ער האָט נישט גענוצט קיין אָקס און נישט קיין רייט-פֿערד, כדי דער וועג זאָל זיין וואָס לענגער, כדי דער לעצטער פֿונק פֿון האָפֿענונג זאָל זיך האַלטן וואָס לענגער.

דער פּוילישער שׂרה סטעפֿאַן טשאַרניעצקי האָט זיך מתקנא געווען אין דעם קאָזאַקישן אַטאַמאַן באָכדאַן כמיעלניצקי און מיט פֿייער און שווערד פֿאַרברענט

און אויסגעשאָכטן אַלטע ייִדישע קהילות, וואָס ער האָט אָפּגענומען פונעם שוועדישן מלך. און אַזוי איז חרוב געוואָרן די הייליקע און די עלטסטע שטאָט קאַליש און אַלע אירע שוועסטער. אין קאַליש האָט דער צורר קיין ייִדיש נפש נישט איבערגעלאָזט ביים לעבן. און כאָטש געוווסט דערפון האָט אַרטאַפּאַנוס — איז ער געגאַנגען אַהין און געטראָגן מיט זיך דעם פונק פון אמונה: אויב, חלילה, פונעם זון און פון די טעכטער איז נישט געבליבן, אפשר האָט אים דער אין הימל פאַרשווינט אַן אייניקל, אַ צווייגעלע, אַ גרעזעלע, זיין לײדיקייט זאָל נישט זיין אַזוי אומענדלעך ווי דער ים.

אומענדלעך ווי דער ים איז געווען זיין לײדיקייט און ווי דער מדבר — זיין וויסטקייט.